This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31 · 52 б

סאָוועטיש היימלאַנד

2

1979

לייענט אינעם נומ. 3
„סאָוועטיש היימלאַנד"

■

ל. אי. ברעזשנעוו. „צעלינא"

■

צום 120־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אלייכעמען:

שאָלעם־אלייכעמס אפאָריזמען, וועלכע עס האָט צונויפגעזאמלט עזרא פּיִנינבערג

שאָלעם־אלייכעמס 5 ניט פארעפנטלעכטע בריוו

■

לויט דער באַקאַשע פון די לייענער

הייבן מיר אָן אינעם נומ. 4 צו דרוקן אין דער ייִדישער איבערזעצונג אנאטאָלי ריבאַקאָווס ראָמאַן

„ש ע װ ע ר ע ר ז א מ ד"

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

ארגאן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

פעברואַל

1979

אינהאַלט

דאָס וואָרט, וואָס איז אַקטועל אויך הײַנט. **דאָוויד בערגעלסאָן. דער שעקער אין שלייער** 3

מאָטל גרוּומאַן. זאָל די ערד נאָך שענער זײַן (לידער) 5

כאַיִם מעלאַמוד. דאָס גאַנצע לעבן (ראָמאַן) . . . 10

מאַקס ריִאַנט. אין ווונדער און אין שווונג (לידער) . 72

פון דער ליטעראַרישער ירושה. **איציק קיפּניס. דערציילונגען און מײַסעלעך** 76

געפונענע מאַנוסקריפּטן. **מייער סמאָלקין. טאָגבוך פון אַ סאָלדאַט פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע (פאָרוואָרט פון כאַיִםביידער)** 94

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. **בינימין גוטיאַנסקי. קינדער־לידער און מעשאָלים; מ. איטקאָוויטש. אַן אומדערמידלעכער פאָרשער פון ייִדיש־לאָשן (צום 80־טן געבורטסטאָג פון מוישע שאַפּיראָ); וועלוול רעדקאָ. דער טרוים, צו וועלכן כ׳בין געגאַן (לידער)** 113

מאַניע לאַנדמאַן. זיכרוינעס פון אַ מאַשיניסטקע . 125

קורצע רעצענזיעס. **לעוו אָזעראָוו. שיקע דריז און זײַן דיכטונג; לעוו פּראָכטמאַן. אַ העלדיש געשטאַלט; לייב ווילסקער. וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקיס „פּלייטפּאַזוואַנאַטשניק" אין העברעיִש** 130

וולאַדימיר אָגניעוו. דער איבערזעצער פון דער ייִדישער דיכטונג — וואַלערי ברויסאָוו 136

וואָס דערוויסן מיר זיך פון נײַע פּובליקאַציעס. **א. אוסטיוגאָוו. אין געפאַנגענשאַפט בא זיך אליין; א. שנײַדער. דער קראַך פון אַ לעגענדע; אי. אַבלאַמאָוו. לעבעדיקע פאַקטן** 139

אונדזער רעפּליק. **גריגאָרי יעליסאַוועטסקי. ווען מע זוכט פון געפייגערטע פערד פידקאָוועס; א. קאָראָסטאָווצעוו. אַ בריוו אין רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"** 145

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע. **מ. יאַבלאָנסקאַיאַ. דער מאָלער וויקטאָר מידלער** 147

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 148

כראָניק 151, 152, 166, 168, 173, 178, 186, 190

פּובליציסטיק. **מייער ווילנער. די פּאָליטישע קויכעס־פאַרהעלטענישן אין ייִסראָעל** 153

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע 161

מ. איילענקריג, מ. יערמאָלײַעוו. אַ שאָלעם־אַליייכעם־מוזיי אין דער געבורטשטאָט פונעם שרײַבער 164

ייִדישע שוישפּילער. **לייב כייפעץ, כאַיִם אָסטראָווסקי. אַ וועטעראַן פון דער ייִדישער בינע** . . 167

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". **דער זשורנאַל און זײַנע לייענער** . . . 169

מיר ענטפערן אף פראַגעס פון אונדזערע לייענער . . . 174

דאָס איז טשיקאַווע. **נ. מאַטוקאָווסקי. לויט די שפּורן פון צוויי אויצרעס** 179

פריילעכע שורעס 182

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו 187

מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 188

פונעם פאָלקס־אויצער. **אַ קינדער־ליד** 191

רעזומע לויט די מאַטעריאַלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (**שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר**), א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ, ה. רעמעניק, י. שוסטער (**פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר**)

דאָס וואָרט, וואָס איז אַקטועל אויך הײַנט

די בוענאָס־אײַרעסער פּראָגרעסיווע ייִדישע צײַטונג „אונדזער לעבן" האָט דעם 5־טן אווגוסט פאַריקס יאָר פאַרעפנטלעכט דאָס אַרטיקל „דער שעקער אין שלײַער", וואָס דער גרויסער ייִדישער שרײַבער דאָוויד בערגעלסאָן האָט אָנגעשריבן אין 1948 בעשאַס דעם אופשטײַג פונעם קאַלטן קריג, ווען די רעאַקציאָנערע קרײַזן האָבן צעבונדן קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אונדז איז אַזאַ אַרטיקל ניט געווען באַוווּסט, ס'קאָן זײַן, אַז ד. בערגעלסאָן האָט עס אָפּגעשיקט פאַר דער פּראָגרעסיווער ייִדישער פּרעסע אין אויסלאַנד דורך דער פּאָטשט פונעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט.

מיר דרוקן איבער די אַרויסזאָגונג פונעם ייִדישן סאָוועטישן קלאַסיקער, אַדרעסירנדיק זי צו די שפּאָגל־נײַע אַנטיסאָוועטיקער, וועלכע פאַרשפּרייטן רעכילעס אַף אונדזער לאַנד אונטער דער מאַסקע פון קלוימערשטער געטרײַשאַפט צו די ייִדן און קלוימערשטער זאָרג פאַר זיי.

אין דעם טעקסט פונעם אַרטיקל האָבן מיר אויסגעקירצט טעלעכע אַבזאַצן (באַצייכנט מיט א פּונקטירן־שורע), אין וועלכע עס גייט א רייד וועגן דער מילכאָמע־צײַט און וועגן דער אופלעבונג פון די געוועזענע אָקופּירטע מיצאַד די פאַשיסטן סאָוועטישע טעריטאָריעס.

רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד"

דאָוויד בערגעלסאָן

דער שעקער אין שלײַער

איך שטעל די פראַגע:

— צי קאָן א סוינע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד בלײַבן א פרײַנט פון סאָוועטישע ייִדן?

איך ענטפער דערויף קאַטעגאָריש:

— ניין, דאָס איז אומעגלעך.

איך באַנעם עס מיטן גאַנצן פאַרשטאַנד און פיל עס מיט אַלע מײַנע כושים.

יעדער איינער, אַלציינס, צו וואָס פאַר א נאַציע ער זאָל ניט געהערן — ער מעג זיך רופן ייִד, — אויב ער באַציט זיך מיט סינע צום גרויסן סאָוועטישן פאָלק, מוז ער זיך באַציִען פײַנטלעך צו סאָוועטישע ייִדן, ווי צו א באַשטאַנדטייל פונעם סאָוועטישן פאָלק.

אויב אים שטעכט, ווי א דאָרן אין אויג, דאָס סאָציאַליסטישע לעבן, וואָס איז אופגעבויט געוואָרן מיט דער מי און אָנשטרענגונג פון די סאָוועטישע מענטשן, קאָן ער ניט קוקן אָן האַס אַף די מיליאָנען ייִדן, וועלכע האָבן מיט לײַב און לעבן, אַקסל בא אַקסל מיט אַלע אַנ־

דערע סאָוועטישע פעלקער, אָפּגעגעבן זייערע בעסטע קויכעס אַף אופצושטעלן דעם סאָציאַליסטישן ביניען, אַף באַפּעסטיקן אים, באַפּוצן און באַשיינען.

. . . .

פונדאַנען איז קלאָר, פאַרוואָס מיר, סאָוועטישע ייִדן, דערפילן א באַזונדער עקל און א באַזונדערע אופגעבראַכטקייַט, ווען דער אָדער יענער סוינע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד פאַרשפּרייט זייַנע רעכילעס אַף אונדזער לאַנד אונטער דער מאַסקע פון קלוימערשטער געטרייַשאַפט צו אונדז און קלוימערשטער זאָרג פאַר אונדז.

אויב אין די רעכילעסן אפן סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס ווערן צוגעטראָגן אונטער דער מאַסקע פון פאַלשן און ליגנערישן דעמאָקראַטיזם אָדער „אימפּעריאַליסטישן הומאַניזם", זעט איַין דער סאָוועטישער ייִד, באַגלייַך מיט אַלע סאָוועטישע מענטשן, סינע צום סאָציאַליסטישן לאַנד אינגאַנצן גענומען, זעט ער איַין א באַזונדער מיִעס און פינצטער „שטיקל אַרבעט" אין אַלע ספּעציפישע שקאָרים וועגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס פאַרשלייערן זיך מיט לויטער פרומער „ייִדן־פרייַנטשאַפט".

די אויסערלעכע באַפאַרבונג, מיט וועלכער אַזוינע מינים רעכילעס ווערן אונטערגעטראָגן, איז קימאַט שטענדיק איינע און די זעלבע. זייער דערפינדער טוט, זעט איר, נעבעך, זייער וויי פאַר די „ייִדישע ליידן".

פאַר א מוסטער פון אַזעלכע „גאָט די נעשאָמע שולדיקע" רעכילעסניקעס קאָן דינען איינער א שפּאָגל־נייַער „ייִדן־פרייַנט" מיטן נאָמען דריו מידלטאָן.

דער ייִכעס, די ביִאָגראַפיע און אפילע די נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייַט פון אָט דעם פונעם הימל אַראָפּגעפאַלענעם „ייִדישן באַלטויווע" איז פאַרדעקט מיט א געהיימען נעפּל. לויט דער טראַדיציע פון דער בורזשואַזער וועלט, איז ער ניט געווען קיין גרויסער איבערקלייַבער. ווי זאָגט מען דאָרט אין יענע לענדער, „א טרעפ אַראָפּ און פאַרנאָסע האָב".

אַלערליי מינים שקאָרים און ליגנס וועגן סאָוועטנפאַרבאַנד ביכלאַל זייַנען שוין געזאָגט געוואָרן דורך פיל קאָרעספּאָנדענטן פאַר אים און האָבן שוין דערעסן דעם ברייטן לייענער ביז צום ברעכן. קעדיי צו לאָזן די „סכוירע" אין גאַנג, מוז מען זי כאַטש אַף וויפל־ניט־איז באַנייַען — זאָל שוין זייַן אפילע מיט שקאָרים און רעכילעס וועגן אַלערליי צאָרעס און אומגליקן, וואָס שיטן זיך קלוימערשט און פאַלן אַף די קעפּ פון די סאָוועטישע ייִדן.

אַזוי צי אַזוי, נאָר אפן שוואַרצן פאָן פון דריו מידלטאָנס העסלעכע רעכילעס אפן סאָוועטנפאַרבאַנד וואַרפן זיך דאָס מאָל צו שטאַרק אין די אויגן די ווייַסע פּאַסטריגעס פון דורכויס פאַלשער און ליגנערישער „ייִדן־פרייַנטשאַפט". שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס די פּאַסטריגעס אַליין זייַנען, ווי עס איז צו זען, אָנגעוואָרפן געוואָרן מיט די הענט פון זייער און זייער א גרויסן פּאַרטאַטש.

. . . .

ביכלאַל זייַנען הייַנט־צו־טאָג פאַראַן ניט ווייניק אָט די מידלטאָנס, וואָס זייער רעכילעס אַף אונדזער לאַנד פאַרשלייערן זיי מיט פאַרשטעלן זיך פאַר „ייִדן־פרייַנט", מיט קריכן פון דער הויט אַף צו דערווייַזן, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד „בליט דער אַנטיסעמיטיזם". זיי מעגן זייַן ייִדן אָדער ניט־ייִדן — סייַוויסיי האָט גאָר קיין ברעג ניט דער עקל, וועלכן זיי רופן אַרויס בא אונדז, שטאָלצע סאָוועטישע בירגער, פּאַטריאָטן און פלייַסיקע מיטבויער פונעם גרויסן סאָציאַליסטישן לאַנד, וואָס איז דער מוסטער פון העכסטן דעמאָקראַטיזם און פון גלייַכבאַרעכטיקונג פון פעלקער. יעדעס צעטל פון הויכע מעלוכע־באַלוינונגען, ווו נעמען פון ייִדן ווערן דערמאָנט באַנאַנד מיט נעמען פון רוסן, אוקראַיִנער, גרוזינער, אוזבעקן, אַרמענער, וואַרפט אָט די שאַקראָנים זייער ליגן צוריק אין פּאָנעם אַרייַן. גאָרניט אויסצומאָלן איז די סינע, וואָס צו זיי פילן אין סאָוועטנפאַרבאַנד ייִדישע געלערנטע, הויכע און מיטעלע מעלוכע־באַאַמטע, מיליטערלייַט, אינטעליגענטן פון אַלערליי פּראָפעסיעס, אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, צענדליקער און צענדליקער טויזנטער יוגנטלעכע, וואָס לערנען זיך פלייַסיק אין אַלערליי אוניווערסיטעטן און הויכשולן, און אַלע טויזנטער און טויזנטער ייִדן, וואָס בויען זייער סאָציאַליסטיש לעבן און מעלוכעשאַפט אפן סמאַך פון זייער ענדגילטיקער און סאָוועטיש־פעסטער גלייַכבאַרעכטיקונג.

זאָל די ערד נאָך שענער זײַן

ביימער

אַט דאָ —
אף בײַקאָנורער ערד,
דער מינהעג שטרענג, ווי א געזעץ איז:
האָסט זיך פון קאָסמאָס אומגעקערט,
איז דארפסטו באלד א בוים פארזעצן!

אין טויבן קאָסמאָס איז באשערט:
די שטילקײַט קלעמט, אזוי ווי צוואנגען...
איז גוט אצינדער אף דער ערד,
בא ווינט און בוים צו זײַן געפאנגען.

ס'איז שײַן די ערד, ווען קוקסט פון אויבן —
זי איז באזוימט מיט בלויער שײַן.
די קאָסמאָנאַווטן פלאנצן ביימער,
אז ס'זאָל די ערד נאָך שענער זײַן.

דערמאָנונג

דער טיש —
מיט רויטן צײַג באצירט,
און אפן טיש —
א בינטל בלומען.
כ'געדענק?
צו אונדז אין שול געקומען
איז פונעם פאָלק דער קאָמאנדיר.
ער האָט דערציילט,
ווי קריגער האָבן
צעקלאפט אין בירגערקריג דעם פײַנט.
און אף זײַן ברוסט —
א שטאָלצער אָרדען
האָט, ווי א קליינע זון, געשײַנט.

בא אונדז דאָן —
ייִנגעלעך פארשײַטע —
דער בליק מיט וווּנדער האָט געהעלט:
אין ביכער שרײַבט מען וועגן שטרײַטן,
און דאָ —
א לעבעדיקער העלד!
ווער האָט געוווּסט, אין יענעם אָוונט,
אז ס'וואַרט א וועג פון בלוט און פײַן,
אז די מילכאָמע
איז שוין נאָענט...
אז אין בערלין —
מיר וועלן זײַן!

די קוקאָווע

געפרעגט כ'האָב אמאָל די קוקאָווע אין סאָד:
דערצייל מיר, כאכאָמע, אנטדעק מיר דעם סאָד —
איך ווייס, אז מײַן ליד איז אי ווארעם, אי צארט,
ווי לאנג וועט זי רעגן באם מענטשן דאָס הארץ?

און ס'האָט די קוקאווע דאן טיף זיך פארטראכט.
קו־קו און קו־קו... איינס־צוויי... זיבן־אכט...
און ווידער קו־קו... און נאָך עטלעכע יאָרן...
און ס'איז די קוקאווע אנשוויגן געוואָרן.

מײַן הארץ, ווי א וואָלקן, פארהילט האָט אן אומעט:
צי דען וועט מײַן ליד צו די דוירעס ניט קומען?
צי דען, ווי א בליץ טוט א שווינד און א שײַן,
מײַן ליד וועט א הילך טאָן און מער שוין ניט זײַן?

אזוי ווי דער גאָלדשמיד, די זעלטענע רינגען
איך שלײַף אין דער ליד, זי זאָל שײַנען און קלינגען,
ווי שטערן באנאכט, זאָל זי רופן און בלענדן —
און ציילן עס זאָל די קוקאווע אָן ענדע...

אין פּארק

פונוואנען ווייסן די פארליבטע,   געוואָרפן זיך
וואָס בלאָנדזשען דאָ ביז טיפער נאכט,   אין סאמע פײַער,
אז מיר   דאָס לעבן בליִען זאָל ארום...
פארפלאנצט האָבן די ליפּעס,
געווינענדיק די שווערע שלאכט?
אף צווײַגן טאנצן זונען־בליקן,
דער סאָלאָוויי די הערצער רעגט.
גלײַך פון די שוצגרובנס, געטרײַע,   און בלויז די פלאמיקע גוואָזדיקעס
סאָלדאטן האָבן דאן מיט רום   דערמאָנען מיר אין יענע טעג.

איך ווייס

כ'האָב וויפל מאָל געזען דעם טויט דערנעבן,
אין מוט, אין גרויל, אין פײַער און אין פראָסט.
דערפאר אזוי
פארליבט כ'בין אינעם לעבן,
דערפאר איך ווייס,
אז לעבן איז ניט פראָסט...

צווישן ווענט

אין אַ ווײַטן ראַיצענטער

אין האַנטבוך, וועלכן איך האָב לאַנג געזוכט,
באַגעגענען זיך אויך אזוינע ווערטער:
דאָס שטעטעלע לעבן דעם טײַכל דרוץ
געפֿינט זיך ווײַט פֿון געגנטלעכן צענטער.

דערנאָך דערציילט זיך דאָרט, ווי גיך עס וואַקסט
דאָס שטעטעלע, און וועלכע איז די צוקונפֿט.
איך בין אין דעם ראַיצענטער ניט קיין גאַסט —
כ׳האָב פֿאַשעט ליב דאָס שטעטעלע באַזוכן.

דאָ, ווער ס׳זאָל ניט באַגעגענען מיך, בעט,
כ׳זאָל אומבאַדינגט צו אים אין שטוב אַרײַנגיין.
געוויס זײַנען פֿאַראַן פֿיל גרויסע שטעט,
נאָר אָט אַ־דאָ, לעם דרוץ, איך בין געפֿאַנגען.

איך בין באַצויבערט, ווען איך גיי און הער,
ווי ס׳אָטעמט גרינג די אומגעגנט מיט רויערד.
שוין פֿאַרטיק אַ געבײַדע לעבן סקווער,
אַ קינדערגאָרטן און אַ נײַער מויער.

פֿונווײַטן זעט זיך אַזאַ פּרעכטיק בילד:
די שול די נײַע מיט די הויכע פֿענצטער.
ווי נאָענט איז ער מיר אַצינד און מילד,
דער מענטש, וואָס ווינט און אַרבעט אין ראַיצענטער.

ווינטער, איין־און־צוואַנציקסטער יאַנוואַר

איך געדענק דעם טאָג, די שאָ ביז איצט
און דעם ניט באַקאַנטן קאָמיוגיסט,
וועלכן דער ראַיקאָם האָט אונדז געשיקט.
איך וואָלט אים דערקענען אומבאַדינגט.
איך געדענק: ער איז אַרײַן אין שטוב,
זיך געזעצט לעם טיש און לאַנג געקוקט,
לאַנג געקוקט אַף לעניִנס אַ פּאָרטרעט —
דאָס האָט ער מיט לעניִנען גערעדט:
— דו האָסט אונדז פֿון זיג צו זיג געפֿירט,
שווער וועט זײַן אַצינדער אונדז אָן דיר. —
אָפֿן טיש אַ לעמפּל האָט געגליט —
ס׳האָט געשמעקט מיט קעראָסין. אַ ווינט
האָט אין טיף פֿון קוימען זיך געדרייט —
דאָס האָט ער, פּונקט ווי אַ קינד, געוויינט.
פּלוצעם האָט דער באָכער זיך געשטעלט
און געזאָגט: — כ׳בין זיכער, לעניִן לעבט,
לעניִן — דאָס איז שטענדיק גיין פֿאָרויס. —
און מיט פֿעסטע טריט איז ער אַרויס.
אין אַ לייען־שטיבל לעם דעם מאַרק
האָבן מענטשן שוין אַף אים געוואַרט.
אָפֿן גאַס דער ווינט פֿון גרויס פֿאַרדראָס
האָט זיך צוגעטוליעט צו דעם פֿראָסט —
קיינער האָט אין יענער קאַלטער נאַכט
מיט קיין אויג ביז פֿרי ניט צוגעמאַכט.
נאָר דער פֿראָסט האָט זיך געהאַלטן שטאַרק.
ווינטער, איין־און־צוואַנציקסטער יאַנוואַר.

דעם טאַטנס שטוב

דרײַ פענצטער צו גאַס און דרײַ פענצטער צו הויף,
א סטעזשקע, וואָס הינטער די פּלויטן אַנטלויפט.
און וויפל זי זאָל זיך ניט דרייען, דערפירט
צום הילצערנעם גאַנעק. איך עפן די טיר,
איך זעץ זיך אַוועק לעבן טיש אַף א שטול
און שרײַ אַף א קאָל, ווי פאַרבלאָנדזשעט: „א־אוּ!..
היי, ענטפערט, ווער דאָ אין די צימערן לעבט?״
א ווידערקאָל קײַקלט זיך איבער די טרעפּ,
פּונקט ווי אין א וואַלד צווישן ביימער עס קלינגט
און אונטער דער קאַלטער פּאַדלאָגע פאַרשווינדט.
און אויבן, אין ווינקל, א וואַנטזייגער שלאָגט,
איך שטיי לעבן אים און צי אונטער די וואָג.
לעם פינצטערער וואַנט, מיט א לײַוונט פאַרדעקט,
אָן בעטגעוואַנט שטייען א בעט לעם א בעט.
צווײ לײַכטער מע זעט פון די בעטן ניט ווײַט.
צו וואָס דאָ איך זאָל זיך ניט ווענדן — אַלץ שווײַגט...
די סטעליע ווערט נעלעם, ס׳צעפּאַלן די ווענט.
ווי קום איך אין שטוב, וואָס דער דײַטש האָט פאַרברענט?
איך לאָז זיך צוריק דורך דער טיר אַפן הויף,
א קאָטער א שוואַרצער דעם וועג מיר פאַרלויפט.
א ווינט פון די פענצטער די אָפּענע בלאָזט.
כ׳געפין ניט דעם טויער און ווייס ניט פאַרוואָס.
דער דאַך אַף דער ערד איז, און ניט אין דער הויך —
איך זע ניט, ס׳זאָל שפּאַרן פון קוימען א רויך.
נאָר ווײַטער — אויב מאַכן א פּאָר צענדליק טריט,
איז קענטלעך, ווי קוּנציק א באַרנבוים בליט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך עפן די אויגן און ס׳דוכט זיך מיר אַלץ —
א מעסטל מיט בערעס מיט סלוצקער[1] איך האַלט...

באַלאַדע וועגן א פאַרוווּנדעטער שוואַלב

אַף א שפּיץ פון א בוים,
לעבן וועג, ניט אין וואַלד,
האָט געהאַלטן זיך קוים
א פאַרוווּנדעטע שוואַלב.

ווי א טאַטע, דער ווינט
מיט דער שוואַלב האָט גערעדט.
ס׳האָט די זון, ווי דעם קינד,
אירע פליגל געגלעט.

כ׳ווייס ניט ווער, צוליב וואָס
האָט איר ווונדן געמאַכט.
דעם פאַרשוין פון פאַרדראָס
צו דער שוואַלב כ׳וואָלט
געבראַכט.

כ׳וואָלט אים ערנסט דערקלערט:
אין דער שוואַלב קוק זיך אײַן,
וועסטו זען, ווי ס׳איז שלעכט
א פאַרוווּנדעטער זײַן.

[1] סלוצקער בערעס — א סאָרט באַרן אין ווײַסרוסלאַנד.

עפּשער

פון אמאָל נאָך, פון די אַלטע צײַטן,
וועגן טאָג און נאַכט און ווײַטע ווײַטן
האָט דער מענטש ניט אויפגעהערט צו קלערן.
וויפל נײַע בלאַנקענדיקע שטערן
האָבן זיך געשטעלט פאַר זײַנע אויגן!
בלויז אין שלאָף איז ער צו זיי געפלויגן.
שטײַגט זײַן סייכל און עס וואַקסט זײַן קויעך —
פליט אין קאָסמאָס זײַנער אַ שאַליעך.
פון די הויכע הייכן בוילעט זעט ער
אונדזער אייגנאַרטיקע פּלאַנעטע.
עפּשער צווישן הונדערט טויזנט וועלטן
איז אַזאַ, ווי אונדזער וועלט, ניט זעלטן?
עפּשער צווישן וועלטן גרויסע, קליינע
איז אַזאַ, ווי אונדזער וועלט, ניט איינע?
זאָלן די געלערנטע און דענקער
די היפּאָטעזע די ערנסטע געדענקען.

* * *

דאָס ווינטעלע בלויז לעבן בוידעם פּאַרהאַלטן זיך וויל ניט,
נאָר זעט, ס'קאָן אַפילע דער ווינט אין דער שטוב ניט פּאַרגעסן.
ווי שיין און ווי ווויל איז בא אונדז אין דער געגנט דער פרילינג,
דאָס שטעגעלע ווײַט אינעם פעלד און די ריטשקע אין געסל.

שיין שפּרייט זיך פּאַנאַנדער אַ לאַנקע מיט זאַפטיקע גראָזן,
אין אָוונט פון סימכע באַלויכט זיי אַ ליכטיקער שטערן.
איך ווייס ניט — ווי קאָן מען זיך רירן פון אָרט און פּאַרלאָזן
דעם קאַנט, וועלכער האָט דיך דערנערט און געהיט און געלערנט.

כאַים מעלאַמוד

דאָס גאַנצע לעבן

ראָמאַן

7

איצט הייסט די שטאָט איוואַנאָ־פראַנקאָווסק. פריִער האָט זי געהייסן סטאַניסלאַוו.

פאַר מאַקסן איז דאָס ניט בלויז דער פריִערדיקער נאָמען, נאָר אויך די פריִערדיקע צײַט. גלײַך עמעצער האָט זי א דריי געטאָן אף צוריק, און ווו ער זאָל ניט גיין, ווו ער זאָל ניט שטיין, וועלכע נײַע גאַס ער זאָל ניט זען, איבער וועלכן ברייטן פראָספּעקט ער זאָל ניט

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 1, 1979.

שפאַנען, ווי ראַשיק עס זאָל ניט זײַן אַרום, זעט ער פּאָר זיך יענע פאַרכוישעכטע, פאַרבּרו־דיקטע, אויסגעהונגערטע שטאָט, באַזונדערס יענע עטלעכע הינטערגעסלעך, ווו דער הונגער און דער טויט האָבן געוועלטיקט קײַלעכיקע מעסלעסן, — סטאַניסלאַווער געטאָ.

געטראָפן האָט ער אַהין נאָך פיל שרעקלעכע טעג און נעכט, נאָך עטלעכע לאַגערס און געטאָס, ווען מע האָט געהאַלטן אין איין יאָגן זיך נאָך אים, אין איין שיסן. אַלע מאָל עמעצער אַנדערש און אַלע מאָל די זעלבע. יענע אין שוואַרצן, ווי דער טויט אַליין. צי זײַנען דאָס געווען עסעסאָווצעס, צי אַרטיקע פּאָליצײַען, פאַר אים זײַנען זיי געווען די זעלבע, וואָס האָבן געשאָסן דעם טאַטן, געהאַנגען די מאַמען און אַרויסגעריסן בא אים פון די הענט דאָס שוועסטערל. און אַלע מאָל... ווי דער טאַטע וואָלט געשטאַנען דערנעבן, אַ שטופּ געטאָן אים אין אַ זײַט, צו דער ערד, און די קויל איז דורכגעפלויגן פאַרבײַ. ליגט ער ווידער צווישן די הרוגים, זייער בלוט רינט אַראָפּ אויף זײַן פּאָנעם, אויף זײַן אָנטאָן, ליגט, ביז אין דרויסן ווערט טונקל און ער דערהערט דעם טאַטנס שטים:

— איצט לויף, מאַקסיוטקאַ...

לויפט ער ווײַטער, ביז עס גייט אים אויס דאָס ביסל קויכעס, פאַלט אום, דערכאַפּט זיך און לויפט ווײַטער. ס'איז שוין ניט קיין לויפעניש און ניט קיין גייעניש. עס בלאָנדזשעט אַרום איבער דער פאַרנעפּלטער, פאַרכוישעכטער וועלט ניט קיין אויסגעשלאָפן און ניט קיין אַרומ־געוואַשן ייִנגעלע, בלאָנדזשעט אַרום, ווי אין אַ כאַלעם. דעם טאַם פון זאַטקײַט האָט ער שוין לאַנג ניט געפילט און עס האַלט אים אין איין ציִען צו זיך דער קיצלדיקער ריייעך פון דער מאַמעס פּורים־קוילעטשן, און עס קלינגט אים אין די אויערן דעם טאַטנס לידעלע:

באַ מיר ביסטו שיין,

באַ מיר ביסטו פײַן...

ס'איז שוין טאַקע געווען פרילינג. ס'איז שוין עפּשער געווען פּורים אויך. און ס'האָט זיך זייער געוואָלט ווידעראַמאָל הערן דעם טאַטנס מײַסעלעך וועגן דעם נעס פון פּורים. און... פאַרוואָס זאָלן איצט ניט געשען אַזעלכע ניסים?

אויף דעם האָט אים דער דיאַדיע קאָסטיע געענטפערט:

— ביסט נאָך אַ קינד, מאַקסיוטקאַ.

דער דיאַדיע קאָסטיע... דאָס איז פון סטאַניסלאַווער געטאָ.

סטאַניסלאַווער געטאָ איז שוין געווען גאָר עפּעס אַנדערש. מיט עמעצעס פאַרצוימונגען פון שטעכיק דראָט, מיט הויכע וואַכטורעמס, מיט אַ ייִדישער פּאָליציי איבער אַלע געסלעך, מיט אַ קאָנוואָי, וואָס האָט געפירט אויף דער אַרבעט, פון דער אַרבעט און אויך אין דער פאַבריק אַליין, געשטאַנען איבערן קאָפּ, מיט אומופהערלעכע אַבלאַוועס, אַזעלכע אַליאַרמירנ־דיקע, אַזעלכע דונערנדיקע און אַזעלכע גרויזאַמע, ווי אַ געוויטער אין די בערג, שרעקלע־כער, ווי דער טויט אַליין, וואָס האָט געהייסן „אַקציעס". אַן אויסכאַפּעניש אויף קינדער, וואָס מוזן לעבן אָפּגעטיילט פון זייערע עלטערן, אויב זיי זײַנען ייִנגער פון צוועלף יאָר. קינדער מוזן דאָך האָבן אַ בעסערן אופזיכט, אַ בעסערע שפּײַז, אַ סאַך אַנדערע זאַכן, מיט וואָס די עלטערן זײַנען איצט ניט בעקויעך זיי באַזאָרגן. נעמט עס די דײַטשישע מאַכט אויף זיך, און די ייִדישע פּאָליציי דאַרף נאָכקוקן, אַז דער באַפעל זאָל פּינקטלעך אויסגעפילט ווערן.

מאַקסן האָט געפעלט קימאַט אַ גאַנץ יאָר צו די צוועלף. נאָר עמעצער האָט אים בעסאָד געייצעט, ער זאָל זיך מעלדן אַ ביסל עלטער. זאָל זײַן אַלע צוועלף מיט נאָך אַ פּאָר כאָדאַ־שים. ס'וועט אים טאַקע זײַן שווערער, מע וועט אים יעדן באַגינען טרײַבן אויף אַרבעט, נאָר ס'וועט זײַן אַ ביסל אַנדערש, ווי אין יענעם קינדער־לאַגער. מע ווייסט נאָך ניט, מיט וואָס וועט זיך דאָרטן ענדיקן, מע ווייסט ביכלאַל ניט, וואָס דאָרטן קומט פאָר, מע ווייסט אַפילע ניט, ווו געפינט ער זיך, יענער לאַגער.

צוועלף איז צוועלף. זאָל זײַן אַפילע נאָך אַ ביסל, אים איז אַלצײנס. ער האָט סײַווי גע־פילט זיך אַ סאַך עלטער. זײַנע עלף יאָר זײַנען שוין לאַנג אָוועקגעפלויגן פון אים. איז ער יעדן גאַנצפרי אופגעשטאַנען גלײַך מיט אַלע און זיך אָוועקגעשטעלט אין דער ריי צווישן די עלטערע מענער און פרויען, וועמען דער בייזער, ניט אויסגעשלאָפענער און שיקערער קאָנ־וואָי האָט אָוועקגעפירט אויף אַרבעט אין דער היגער גאַלאַנטעריי־פאַבריק.

אינעם ערשטן באַגינען, ווי נאָר דער אוילעם האָט זיך אָנגעהויבן אויסשטעלן, האָט ער דערזען דעם דיאַדיע קאָסטיע. דערזען, און דערציטערט געוואָרן. ער איז געווען זייער ענלעך אויף זײַן טאַטן. פּונקט אַזוי געשטעלט די פיס, פּונקט אַזוי געוויגט מיט זײַנע ברייטע פּלייצעס. אַפילע די באָרד, די קוטשעראַווע באָרד, וואָס האָט אים געמאַכט ענלעך אויף אַ ציגײַנער, איז אויך געווען דעם טאַטנס. ער איז, ווי זײַן טאַטע, געווען אָנגעטאָן ניט אינגאַנצן ייִדיש, כאָטש

אַף קיין הוצול איז ער געווען ניט אַזוי ענלעך ווי דער טאַטע. איז מאַקס צוגעלאָפֿן צו אים און אַ גלעט געטאָן מיט דער האַנט דעם אַרבל פֿון זײַן קורץ פּעלצל. דערנאָך פֿאַרהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אים אין די אויגן. דעם פּעטערס אויגן האָבן געשמייכלט. געשמייכלט אַזוי גוט, אַזוי צוגעלאָזט, אַזוי וואַרעם! ער האָט שוין לאַנג ניט געזען, אַז מענטשן זאָלן שמייכלען.

מאַקס איז געווען זיכער, אַז ער איז אַ ייִד, האָט ער זיך אָנגערופֿן צו אים אַף ייִדיש:

— איר... ווי מײַן טאַטע...

— טשטאָ, טשטאָ?

האָט מאַקס אָנגעהויבן רעדן אַף אוקראַיִניש. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אויסדערציילן וועגן זיך, וועגן טאַטן, וועגן דער מאַמען, געגערעדט אַפּאָנעם צו גיך, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך אַף אוקראַיִניש פֿאַרשטייט ער ניט אַלץ. אייניקע ווערטער דאַרף מען אים פֿאַרטײַטשן. דאָס זעלבע איז געשען מיט מאַקסן אַליין. ער האָט ניט אַלץ פֿאַרשטאַנען, וואָס יענער האָט גערעדט צו אים. ערשט דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז רוסיש. דער נאָמען איז אויך געווען אַזאַ, געוויס אַ רוסישער.

דיאַדיע קאָסטיע.

צווישן דעם אויסגעהונגערטן און אויסגעשמאַכטן אוילעם, וואָס האָט קוים געשלעפּט די פֿיס, צווישן די מענטשן, וועמען ס'איז שוין שווער געווען אויסגלײַכן דעם רוקן, פֿאַרהייבן דעם קאָפּ און אַ קוק טאָן אַפֿן הימל, איז דער דיאַדיע קאָסטיע געווען, ווי פֿון גאָר אַן אַנדער וועלט. ס'איז ניט געווען צו באַמערקן, ער זאָל איבעריק פֿילן אַף זיך די לאַסט פֿון געטאָ, די אַרבעט זאָל אים אַזוי אויסמאַטערן, און כאָטש ער האָט געגעסן דאָס, וואָס אַלע, ריכטיקער, געהונגערט גלײַך מיט אַלע, זײַנען אַף זײַן פּאָנעם ניט געווען קיין סימאָנים פֿון אויסגעשמאַכטקײַט, ס'איז בלויז געווען אַ ביסל אײַנגעפֿאַלן. נאָר די אויגן! די אויגן האָבן אים אויסגעטיילט פֿון אַלע איבעריקע געטאָ־לײַט. זיי זײַנען געווען פֿול מיט גלאַנץ, מיט מונטערקײַט. און דעריקער — דאָס שמייכעלע. אַ שמייכל, פֿול מיט גוטסקײַט, אַ שמייכל, פֿון וועלכן עס קומט יעדערן צו אַ ביסעלע מוט און עס ווערט טאַקע גרינגער אַפֿן האַרצן. איז מאַקס יעדן גאַנצפֿרי געלאָפֿן צו די געטאָ־טויערן מיט אומגעדולד, געוואָלט וואָס גיכער צוטוליען זיך צום פּעלצל פֿונעם דיאַדיע קאָסטיע, אַ נאַש טאָן פֿון זײַן גוטן שמייכל, וואָס איז אַזוי ענלעך אַפֿן טאַטנס.

דער דיאַדיע קאָסטיע האָט גערעדט שטיל, שטאַרק צעצויגן, ווי געציילט יעדעס וואָרט. ניט ער רעדט, נאָר ער זינגט אין זיך, זינגט און באָמקעט זיך אַליין אונטער. נאָר דאָס איז געווען ניט קיין פּוסטע זינגערײַ, ניט קיין פּוסטע ווערטער. דאָס זײַנען געווען אייצעס, וויאַזוי אויפֿירן זיך אין געטאָ, מע זאָל זיך מיט גאָרנישט ניט פּאַקן, וויאַזוי אַרבעטן, מע זאָל אײַנהיטן די קויכעס, ווי קאָן מען קריגן אַ ביסל עסנוואַרג און וויאַזוי דאָס אַרײַנשמוגלען אין געטאָ. דער דיאַדיע קאָסטיע האַלט אין איין באָמקען, און דער אוילעם שאָקלט צו מיט די קעפּ. ס'הייסט — זיי פֿאַרשטייען גוט, וואָס ער מיינט, זיי זײַנען מיט אים מאַסקים, און זיי וועלן טאָן טאַקע אַזוי, ווי ער אייצעט. דער דיאַדיע קאָסטיע זינגט, אַלע איבעריקע באָמקען אונטער און יעדערער טוט זיך זײַן אַרבעט. ווער עס קאָכט דעם גוטאַלין, ווער עס גיסט אים פֿאַנאַנדער אין די פּושקעלעך. און אַלע הוסטן... פֿון דער זודיקער שיטעריציע גייט אַ פּאַרע אַף דערשטיקט צו ווערן. און אַ גאַנצן טאָג הודיעט איבער דער פֿאַבריק אַ הוסטעניש, אַ כריפּעניש און אַ וואָרגעניש.

פֿאַרנאַכט, ווען דער קאָנוואָי פֿירט אָפּ דעם אוילעם אין געטאָ, טראָגט יעדער אוועק מיט זיך אַ היפּשע פּאָרציע הוסטעניש. ער ציט זיך איבערן גאַנצן וועג, הילכט איבער אַלע געסלעך, רײַסט זיך אַרײַן אין די פֿאַרטונקלטע און פֿײַכטע צימערלעך, און באַגינען, ווען עס שטעלט זיך אויס די ניט אויסגעשלאָפֿענע, ניט אויסגערוטע קאָלאָנע, איז זי נאָך אַזוי פֿול מיטן נעכטיקן הוסט, אַז ס'איז ניט צו באַגרײַפֿן, ווו ווערט זיך באַ זיי אײַנמאָסטען דער נײַער, דער הײַנטיקער.

דער דיאַדיע קאָסטיע הוסט גלײַך מיט אַלעמען, נאָר באַ אים באַקומט עס זיך אַ ביסל אַנדערש. ס'איז אָן סאַקאָנעס. אַ סימען — ער שמייכלט שוין ווידער. איין זאַך קאָן מאַקס ניט פֿאַרשטיין: מיט אייניקע רעדט ער אַף זײַן געוויינלעכן אויפֿן און מיט אַנדערע שושקעט ער זיך. מע שושקעט זיך אַף דער פֿאַבריק, מע שושקעט זיך אין געטאָ, מע שושקעט זיך באַטאָג און, ווי מאַקס שטויסט זיך שוין אָן, שושקעט מען זיך אויך דורך די נעכט.

— דיאַדיע קאָסטיע, איך וויל וויסן...

— ביסט נאָך אַ קינד, מאַקסיוטאַ, און דו ווערסט ניט פֿאַרשטיין, — ענטפֿערט דער דיאַדיע קאָסטיע און טוט אים אַ גלעט איבערן קעפּל.

— איך בין שוין ניט קיין קינד, איך ווייס אלץ.

— גוט, גוט, — בארויקט אים דער דיאדיע קאָסטיע. — זע און הער און שוויַיג. ס'וועט נאָך פאַר דיר אויך סטיַיען.

— וואָס, וואָס וועט פאַר מיר סטיַיען?

עס גרילצט איבער דער פאַבריק די הוסטעניש און כריפּעניש. דער דיאדיע קאָסטיע, אליין זיך אויסגעהוסט און אָפּגעדעכעט, זאָגט אָן אלע איבעריקע, זיי זאָלן וויַיטער הוסטן. זאָלן זיי הוסטן און איַינהערן זיך.

— עס וועט סטיַיען פאַר אלעמען, — רעדט ער צו די, וואָס שטייען ארום אים. — ווער עס וויל נאָר, באַ וועמען עס האָט זיך פאַרהיט א ביסעלע מוט. זיי ווילן דאָך אונדז אלעמען אומברענגען. זיי ווילן, מיר זאָלן ווערן אויס מענטשן. און מיר דאַרפן זיי דערוויַיזן: מענטשן זיַינען מיר! און דער מענטש איז מעכוייעוו!

— וואָס קאָן א מענטש אופטאָן, אז גאָט אליין...

מע דאַרף ניט, מע דאַרף זיך ניט ארומקוקן, מע דאַרף זיך ניט נאָכפרעגן, וועלכע היי־זעריקע שטים האָט דאָס ארויסגערעדט! דער דיאדיע קאָסטיע מאַכט זיך אינגאַנצן ניט וויסנ־דיק, ער טוט אפילע ניט קיין קערעווע דעם קאָפּ. ער רעדט וויַיטער ווי צו זיך אליין, זינגט און באַמקעט זיך אונטער.

— וואָס גאָט, ווער גאָט? ווען גאָט האָט זיך גענומען באשאפן דעם מענטשן, איז ער שוין געווען שטארק מיד. שוין אָפּגעהאָרעוועט עטלעכע שווערע טעג, ביז ער האָט באשאפן דעם הימל מיט דער ערד, דעם טאָג מיט דער נאַכט, די זון און די שטערן, די פייגל און די כיַיעס, אלע פאַרשיידענע געוויקסן. ווען ער האָט זיך גענומען פאַרן מענטשן, איז באַ אים שוין אזוי געווען פאַרדרייט דער קאָפּ, אז ער האָט א ביסל איבערגעפּלאָנטערט און אריַינ־געפּליוכעט אין אים א ביסל פון דער כיַיע. טוט עס אלעמאָל א זעץ ארויס פון אים. אָט, ווי איצט, די פּאַשיסטישע כיַיע. נאָר דער מענטש איז שטארקער!

דיאדיע קאָסטיע, דיאדיע קאָסטיע! ער איז אפן גאַנצן לעבן פאַרבליבן פאַר אים א סאָד, א לעגענדע, א רעטעניש, וואָס ער קאָן ביז איצט ניט טרעפן. נאָר דאָס, וואָס ער האָט דאַן ארויסגעזאָגט צווישן דעם אויסגעהונגערטן, אויסגעשמאַכטן און הוסטנדיקן אוילעם, איז פאַר־בליבן אין אים אף שטענדיק, ווי סאַמע דער וויכטיקסטער צוגאָב צו זיַין טאַטנס צוואָע. באַ אלע אומשטענדן דאַרף דער מענטש בליַיבן א מענטש. דער מענטש איז שטארקער!

— וואָס זשע קאָנען מיר טאָן? — ווידער איינע פון יענע כריפּעדיקע שטימען.

— הוסט שטארקער, ליבע מיַינע! אזוי דאַרף מען פאַרשטיין דעם דיאדיע קאָסטיעס שמייכעלע.

און מע הוסט. מע הוסט אף אלע קיילים, גליַיך א שטורעמווינט האָט זיך אריַינגעריסן אין פאַבריק דורך די אויסגעשלאָגענע פענצטער. ער פיַיפט, ער וויעט, ער כריפּעט און סקריפּעט, דער צעבושעוועטער שטורעמווינט. מעג שוין דער דיאדיע קאָסטיע רעדן א ביסל העכער. צו קיין זיַיטיקן אויער וועט דאָס ניט דערגיין.

— אלץ קאָן מען! מע טאָר ניט זיצן און וואַרטן... אף וואָס וואַרטן, אפן טויט? פאַר יעדן וועט זיך געפינען א שטיקל ארבעט, ווער נאָר ס'איז גרייט.

אייניקע האָט דאָס אויסגעזען פאַרדעכטיק. ווער איז ער, אָט דער דיאדיע קאָסטיע? פאַר־וואָס פאַרשטייט ער ניט קיין יידיש?

— מאלע וואָס, היַינטיקע ציַיטן... — האָבן אנדערע געפּרוווט דערקלערן. — קארג יידן פאַרשטייען ניט קיין יידיש?

— עפּשער איז ער גאָר אן אונטערגעשיקטער?

— וואָס רעדט איר? זאָל גאָט אָפּהיטן!

— אָבער טוט אומיסטן א קוק. מיטן שמייכעלע, מיט די גוטע ריידעלעך.

— אוי, מיר געפעלן ניט זיַינע רייד.

— פונדעסטוועגן... זיַינע רייד האָבן נאָך קיינעם ניט געשאַט.

— וועסטו זיין זאַט מיט זיַינע גוטע רייד!

און אזוי — ביז יענער שרעקלעכער אַבלאַווע.

דאָס איז ווידער געווען אן אַבלאַווע אף קינדער, וואָס נייטיקן זיך אין א בעסערן אופ־זיכט. מע האָט זיך שוין אָנגעשטויסן, וואָס איז דאָס פאַר אן אופזיכט און וואָס פאַר א שפּיַיז. אָנגעהויבן האָט זיך יעדער אַבלאַווע פון די קינדער און געענדיקט מיט די דערוואַקסענע. וועמען דערשאָסן, וועמען צעמאַזיקט און וועמען אוועקגעפירט. קיינער פון די אוועקגעפירטע

האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט. האָט זיך אָנגעהויבן א בעהאַלע, א לויפעניש, אבי פאַרוקן זיך ערגעץ אין א קעלער, אַף א בוידעם, אפילע אין א מיסט־גרוב. און איבער די געסלעך פון דער געטאָ האַלט אין איין קנאַלן א שיסעריַי. עס גוואַלדעווען די היצליעס, עס קוויטשען די קאַרבאַנעס, עס שריַיען ביזן הימל די עלטערן, בא וועמען מע האָט אוועקגערויבט די קינדער.

זיי האָבן זיך פאַרקליבן אפן בוידעם פון דער פאַבריק, ווער נאָר ס'האָט געקאָנט. דאָס בוידעם־טירל האָט מען צוגעמאַכט, נאָר די הוסטעניש האָט זיך געריסן דורך די קליינע פענצטערלעך אַף דער גאַס. דאָס ביסל פרישע לופט איז זייער גיך אויסגעשעפּט געוואָרן און איַינשטילן דעם הוסט איז געווען אוממעגלעך. און פונוואַנען האָט זיך גענומען אהער א פרוי מיט א פּיצל קינד? ס'האָט זיך צעכליפּעט, צעוויינט, צערעוועט אפן פולן קאָל.

— נעם איַין דאָס קינד, — סיפּעט איינער, — עס וועט אונדז אַלעמען אומברענגען!

— גיב דעם עפּעס אין מויל אריַין, — פאָדערט א צווייטער, — גיב אים די ברוסט.

און די פרוי... הויט און ביין, קוים וואָס זי דעכעט.

— מיַין ברוסט... וואָס האָט עס פון מיַין ברוסט?

— איז פאַרשטאָפּ דעם מיט עפּעס דאָס מויל!

דער אוילעם ווערט וואָס אמאָל בייזער.

— דערשטיקן דאַרף מען דאָס, און שוין...

— נו, יאָ. וואָס ווייסט עס, דאָס פּיצל? סיַיווי...

ווער איז דאָס געווען יענער, וואָס איז צוגעקראָכן צו דער פרוי, ארויסגעריסן בא איר דאָס קינד און א נעם געטאָן פאַרן דאַרן גערגעלע! אפן בוידעם איז געווען פינצטערלעך און ס'איז שווער געווען צו באַמערקן. דאָס האָט מען יאָ באַמערקט, ווי דער דיאַדיע קאָסטיע האָט א נעם געטאָן יענעם פאַרן עלנבויגן, אפּגענעם פעסט א קוועטש געטאָן און ארויסגעריסן בא אים דאָס קינד.

זאָל זיַין טאַקע, אז אין זיַין ברומענדיקער שטים, אין זיַין שטילן אונטערבאַמקען איז געווען קישעפדיקס? א נעם געטאָן דאָס קינד אַף די הענט, צוגעדריקט עס צו זיַין רעקל, וואָס איז געווען איַינגעטונקען אין גוטאַלין, האָט ער דאָס גענומען איַינוויגן מיט יענעם שטילן ניגנדל, מיט וועלכן טויזנטער מאַמעס וויגן איַין זייערע קינדער:

— א, א, א, א...

דורך די פענצטערלעך האָבן זיך ארײַנגעריסן די שיסעריַיען און די גוואַלדן, די יאָגע־נישן און טופּענישן. עמעצן האָט מען שוין דערשאָסן, עמעצן האָט מען שוין געכאַפּט, און גאָר נאָענט האָט זיך צעקוויטשעט א פרוי, וועמען די פּאָליצײַען האָבן אויסגעדרייט די הענט. דער דיאַדיע קאָסטיע האָט אַלץ געוויגט דאָס קינד און שטיל אונטערגעבאַמקעט:

— א, א, א, א...

און ס'איז געשען א נעס. דאָס קינד איז אנשוויגן געוואָרן. אַלע האָבן באַקוקט דעם דיאַ־דיע קאָסטיע, גליַיך זיי זעען אים צום ערשטן מאָל, אפּסנײַ אָפּגעשאַצט און איבערגעכאַזערט אין זיך אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט מיט זיי, אַלע אייצעס, וואָס ער האָט זיי געגעבן, און געוויס, אין דער ערשטער ריי דאָס, וואָס ער האָט דאַן אַזוי ליַידנשאַפטלעך אויסגעשריגן:

— דער מענטש איז שטאַרקער!

דאָס, וואָס עס האָט געטראָפן דערנאָך מיט אַלע איבעריקע, איז אויך געווען, ווי א נעס, אין וועלכן ס'איז שווער געווען צו גלייבן. דער הוסט איז געוואָרן וואָס אמאָל שוואַכער. מעגלעך, אז דאָס איז געווען דער ערשטער פּרווו פון די אַלע אויסגעשמאַכטע מענטשן, צי קאָן א מענטש גוויווער זיַין זיך אליין, זיַינע אייגענע שוואַכקײַטן.

אַלע האָבן אראָפּגעלאָזט די קעפּ, ווי פאַרשעמט זיך, געפילט זיך שולדיק, און געוואָרט, אז דער דיאַדיע קאָסטיע זאָל זיי זאָגן א ביסל מוסער. נאָר דער דיאַדיע קאָסטיע האָט גאָר־נישט ניט געזאָגט. ער איז געזעסן מיטן קינד אַף די הענט און ווי אַלע זיך איַינגעהערט אין די שיסעריַיען און גוואַלדן, וואָס האָבן זיך דערטראָגן פון די ארומיקע געסלעך. זיי זיַינען געוואָרן וואָס אמאָל שוואַכער, די שיסעריַיען, אָפּגעטראָגן זיך וואָס אמאָל וויַיטער, און דער־נאָך איז ארום געוואָרן מוירעדיק שטיל. ערשט דאַן האָט דער דיאַדיע קאָסטיע געזאָגט עטלעכע ווערטער:

— איך פאַרשטיי אַלץ. איך פאַרשטיי איַיך אַלעמען, ווי זיך אליין. ס'איז יעדערן טיַיער זיַין לעבן. נאָר מע טאָר ניט. קיינמאָל ניט! מע טאָר ניט ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן אפן כעזשבן פון א צווייטן. מיר זיַינען דאָך מענטשן! מענטשן, ניט קיין כיַיעס!

— גערעכט, גערעכט, — האָט עמעצער א זיפץ געטאָן.

— ריכטיק. מיר קאָנען דאָך אַזוי אײנער דעם אַנדערן, די שאַ זאָל ניט זײַן...

צום ערשטן מאָל, זינט דער דיאַדיע קאָסטיע האָט זיך באַוויזן אין געטאָ, האָט מען זיך צערעדט. מעגלעך, אַז דאָס נאַרוואָס איבערגעלעבטע האָט געמאַכט די מענטשן אַזוי באַרע־דעוודיק.

— ע, ווען אַלע מענטשן זאָלן זײַן אַזעלכע, ווי איר, וואָלט דער היטלער קיין קיום ניט געהאַט.

און שוין גאָר מיט טײַנעס. צו אים, צום דיאַדיע קאָסטיע.

— אָבער זאָגט אונדז, וואָס וויל אַט דער היטלער פון אונדז, פון די ייִדן?

מע הוסט שוין ווידער אויפן פולן קאָל, נאָר אַראָפּלאָזן זיך פונעם בוידעם האָט מען נאָך מוירע. ווער ווייסט, עפּשער האָט זיך ערגעץ פאַרטײַעט אַ פּאָליצײַ.

— ניט נאָר פון די ייִדן, — דערקלערט דער דיאַדיע קאָסטיע. — איר זעט דאָך.

מאַקס האָט זיך איבערגעקליבן צום דיאַדיע קאָסטיע, געוווינט מיט אים אין איין צי־מערל, און אָפּטמאָל, נאָך אין פריִען אָוונט, צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו זײַנע קני און אָנגעהויבן דרעמלען. די שײַן איז אויסגעלאָשן, צי מע האָט זי אײַנגאָנצן ניט אָנגעצונדן, נאָר אַלע מאָל קומט אַרײַן עמעצער אַנדערש. אײנער ברענגט אַרײַן אַזוינס, וואָס מע דאַרף אויסבאַהאַלטן, אַ צוווייטער, פאַרקערט, איז געקומען נאָך דעם, וואָס מע דאַרף אוועקטראָגן. פון די שושקע־נישן, פון די באַזונדערע ווערטער, וואָס מאַקס האָט אויפגעכאַפּט, האָט אים אָנגעהויבן צו פיבערן. אַזעלכע ווערטער, אַזעלכע ווערטער!

געווער... קוילן... פּלעשלעך... בלעטלעך...

אין שטיבל איז שטאַרק פינצטער, ס'איז שווער צו דערקענען די, וואָס קומען אַרײַן, נאָר ווער דאָס זאָל ניט זײַן, פאַרשטייט ער שוין, מאַקס, אַז דאָס זײַנען דעם דיאַדיע קאָסטיעס מענטשן. און ער אַליין, ער, מאַקסיוטע, איז דען ניט פון זײַנע מענטשן? האָט ער אײנמאָל אַ פרעג געטאָן:

— און פאַר מיר איז גאָרנישט ניטאָ?

דער דיאַדיע קאָסטיע האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זײַן קאָפּ, אַ שויבער געטאָן די האָר, און אַפילע אין דער פינצטער האָט מען געקאָנט זען, ווי זײַנע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן.

— ס'וועט זײַן, מאַקסיוטע, ס'וועט זײַן. אַט, וואָלסט געקאָנט אַרויסגאַנווענען זיך פון געטאָ מיט אַ פּעקל בלעטלעך? ביסט דאָך אַן עמעסער הוצולעכל.

— איך וועל קאָנען, אַוודע וועל איך קאָנען! אַפילע שוין!

— גוט, גוט, מאַקסיוטע, מאָרגן.

אַרויסגעכאַפּט זיך פון דער געטאָ, האָט ער פרײַ געשפּאַנט איבער די גאַסן פון דער שטאָט, און ס'איז קײנעם אויפן זינען ניט געקומען, אַז דאָס איז ניט קיין הוצולעכל, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אַהער, ווער ווייסט צוליב וואָס. אָפּגעטראָגן דאָס פּעקל אַהין ווו מע דאַרף, האָט ער ווידער געשפּאַנט מיט יענעם פּאַמעלעכן שפּאַן, געוואָרפן פאַרכידעשטע בליקן אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי דאָס קאָן טאָן אַ יאַטל פון די בערג, וואָס זעט צום ערשטן מאָל אַ גרויסע שטאָט. אַלע מאָל האָט ער זיך אומגעקערט אין געטאָ דורך אַן אַנדער געסל און אומגעריכט אָנגעטראָפן אויפן קינדער־לאַגער. ער איז געוועזן אַרומגעצוימט פון אַלע זײַטן מיט געדיכטן דראָט, ווי אַ זאַהאַן, און אין זאַהאַן האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט האַלב־נאַקעטע קינדערשע סקעלעטלעך. וואָס האָט עס אים אַזוי אַ ציִ געטאָן אַהין? ער האָט געוואָלט זען דעם באַזונדערן אופיכט און די באַזונדערע שפּײַז. איז ער צוגעקומען נעענטער, טאַקע גאָר נאָענט צו די דראָטן, אַ פיר געטאָן מיט די אויגן איבער די אַרומבלאָנדזשענדיקע און דער־פילט, ווי די קני הייבן אָן בייגן זיך. עס קאָן ניט זײַן! די מאַמע האָט דאָך געזאָגט, אַז זי האָט אוועקגעפירט זאַלמענקען צו אַ פעטער, ווי זשע קומט ער אַהער?

— זאַלמענקע! — האָט ער שטיל אַ רוף געטאָן.

דאָס סקעלעטל איז צוגעלאָפן צום דראָט און דורכגענומען אים מיט זײַן נישטערנדיקן, הונגעריקן בליק.

— זאַלמענקע, ווי קומסטו אַהער?

דאָס סקעלעטל האָט אויף זײַן פראַגע ניט געענטפערט. בלויז אַרויסגעשטעלט די בײַנער־דיקע הענטלעך און אַרויסגערעדט בייז, פאָדערנדיק:

— עסן, עסן...

און געפרוווט דורכרוקן די הענטלעך דורך די שטעכדראָטן.

— מע דאַרף ניט, זאַלמענקע, ווועסט זיך צעשטעכן די פינגער. מאָרגן וועל איך דיר ברענגען עסן.

דעם צווייטן טאָג איז מאַקס אַוועק צום זאַהאַן מיט אַ פולער טאַרבע עסנוואַרג, וואָס מע האָט צונויפגעבראַכט פון אַ סאַך הײַזער. יעדערער האָט געוואָלט, אַז זײַן קינד זאָל געניסן דער־פון. אויב עס איז דאָרטן און אויב עס לעבט נאָך. נאָר דער זאַהאַן איז געווען פוסט. אינגאַנצן פוסט. ער איז אַרומגעגאַנגען דעם זאַהאַן פון אַלע זײַטן און ניט אויפגעהערט רופן:

— זאַלמענקע, זאַלמענקע!

קיינער האָט ניט געענטפערט. און דאָס טאַרבעלע מיט עסנוואַרג... ס'איז געשען מיט דעם, ווי מיט יענעם, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דאָרף און געטראָפן די מאַמע אַן אויפגעהאַנגענע.

ער האָט לאַנג אַרומגעשפּאַנט איבער די הינטערגעסלעך, אַלץ אין אים האָט געוויינט און ער האָט ניט געוואָלט ווײַזן זיך פאַרן דיאַדיע קאָסטיע אַ כליפּענדיקער. נאָר דער דיאַדיע קאָסטיע האָט אַלץ באַמערקט און אַלץ פאַרשטאַנען. צוגעזעצט זיך לעבן אים אויף דער ערד, אַרומגענומען אים און צוגעבויגן דעם קאָפּ צו זיך, האָט ער געפּרוווט אים אײַנשטילן:

— מע דאַרף ניט, מאַקסיוטקאַ. זעסט דאָך, וואָס עס טוט זיך. וואַרט נאָר צו אַ ביסעלע... האָט מאַקסיוטקע זיך אָפּגענומען צערעוועט.

— שוין. איצט האָב איך מער קיינעם ניט! אַלעמען, אַלעמען!

— ניט עמעס, — האָט דער דיאַדיע קאָסטיע אים געמוסערט. — דו האָסט, דו האָסט... נאָר וואָס איז געשען מיטן דיאַדיע קאָסטיע? עס האָט ערגעץ ניט געסטײַעט זײַן ווייך, דערמונטערנדיק שמייכעלע, עס האָט זיך ווי אויסגעוועפּט זײַן לוסטיקײַט, און זײַן בליק איז געוואָרן אָנגעשטרענגט־פאַרשעריש. דער אומרו אין די אויגן איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. דער דיאַדיע קאָסטיע, פאַר וועמען די פּאָליצײַען אַליין האָבן געהאַט אַ ביסל אָפּשײַ און אַ ביסל מוירע, ער האָט געקאָנט אַזוי שפּילעוודיק, קלוימערשט אין שפּאַס, אַ נעם טאָן פאַרן גאָרגל, יענער זאָל זיך גלײַך אָנהייבן באָרבלען, האָט איצט, באַמערקט אַ פּאָליצײַ, אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ און געסטאַרעט זיך אָפּרוקן וואָס ווײַטער פון אים. די באָרד, די שיינע ציגײַנערשע באָרד, וואָס איז אַזוי געווען ענלעך אָפּן טאַטנס, איז אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. און ער אַליין, אַ פאַרוויאַנעטער, אַן אײַנגעהויקערטער, איז געוואָרן זייער ענלעך אָף אַלע איבעריקע געטאָ־לײַט. איז מאַקסן געוואָרן שטאַרק פאַרדראָסיק. ווי מעג ער עס אַזוי, ער, דער דיאַדיע קאָסטיע! די גאַנצע צײַט האָט ער איצט געשוויגן, אומרויִק זיך אַרומ־געקוקט, ווי געשראָקן זיך פאַר עמעצן. צי דען האָט אויך אים שוין אויסגעמאַטערט דער הונ־גער, די שווערע אַרבעט, די אומופהערלעכע אַבלאַוועס?

— פאַרשטייסט, מאַקסיוטאַ, — האָט ער געפּרוווט פאַרענטפערן זײַנע קאַשעס. — עמעצער האָט זיך אַ יאַווע געטאָן אין געטאָ און האַלט אין איין אויסשמעקן. איך ווייס נאָך ניט ווער.

— וואָס האָט ער דאָ אויסצושמעקן?

— ווי זאָל איך דיר עס געבן צו פאַרשטיין? אײַניקע, קעדיי ראַטעווען דאָס לעבן, אָפּ־ציִען אַ ביסל מערער, און אויך אַזעלכע, וואָס ווילן עפּעס אופטאָן איוסער דער געטאָ, באַ־האַלטן אויס זייער ייִדישן אָפּשטאַם. אַנדערע, פאַרקערט, קעדיי קאָנען אַרײַן אין געטאָ, מעלדן זיך פאַר ייִדן, קריגן אפילע די נייטיקע צײַגעגנישן.

— צוליב וואָס? — האָט מאַקס ניט פאַרשטאַנען. — ווער צווינגט זיי?

— „ווער צווינגט זיי, ווער צווינגט זיי". דאָס איז שוין אַן אַנדער אינען. דער געוויסן צווינגט זיי, זיי זאָלן קאָנען עפּעס אָפּטאָן.

— נו, און איר, דיאַדיע קאָסטיע, איר אַליין?

— אין דעם גייט עס דאָך. עמעצער האָט אָפּאָנעם אָנגעשמעקט, אַז איך בין ניט קיין ייִד. און ניט קיין ייִד קומט אין געטאָ ניט אָף צו פאַרווײַלן זיך.

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי, — האָט מאַקס אַרויסגעזיפצט און אַ קוק געטאָן אָפּן פאַרומערטן, אינגאַנצן פאַרענדערטן, ליבן און טײַערן דיאַדיע קאָסטיע.

— אָפּאָנעם, כ'האָב דאָ צופיל זיך פאַרהאַלטן. נאָר אַלץ איז אָפּגעטאָן. מע דאַרף שטעלן פּיס.

מאַקס האָט אַ ציטער געטאָן און אָנגעכאַפּט דעם דיאַדיע קאָסטיע פאַר דער האַנט.

— און איך?

— וואָס דו?

— ווי וועל איך איצט?.. אָן אײַך...

דער דיאַדיע קאָסטיע האָט אַ קוק געטאָן אָף אים, ווי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פּיס, לאַנג געשוויגן, ווי זיך מעיאַשעוו געווען, און אינמיטנדערינען גענומען אַרומקראַצן זײַן באָרד, אַרומגלעטן און צופּלעטשן, גלײַך ערשט איצט באַמערקט איר פאַרנאַכלעסיקטקײַט.

— דו וועסט גיין מיט מיר.

דערנאָך ווידער, ווי זיך מעיאַשעוו געווען, צי דאַרף ער עס זאָגן מאַקסן, צי ניט:

— מיר גייען אוועק ניט אַליין. נאָר יעדערער מיט אַן אַנדער וועג.

ס'איז שוין לאַנג געווען זומער אַף דער וועלט. נאָר דערפילט האָבן זיי אים ערשט דאַן, ווען זיי האָבן זיך אַרויסגעקליבן פון די הינטערגעסלעך און אַרויס אַף דער פרײַ. ער האָט זיי אַ זעץ געטאָן אין דער נאָז, דער צעשפּילטער זומער מיט זײַנע וואַרעמע, שמעקנדיקע נעכט, מיט זײַן ריינעם אויסגעשטערנטן הימל, מיט זײַן דורכויסיקער, זיך וויגנדיקער גרינ־קײַט, וואָס האָט אַפילו באַנאַכט ניט אופגעהערט וויגן זיך. זיי האָט ווי פאַרשיקערט דער שאַרפער געמיש פון רייכעס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין איין זופן און זופן און ניט געקאָנט אָנזופן זיך, אָנטרינקען זיך, שטילן דעם לאַנגאָניקן דורשט נאָך אָט דער פרישער, פאַרשי־קערנדיקער, אײַנוויגנדיקער באַנאַכטיקער לופט. אַלץ אַרום איז געווען פול מיט יענעם אַמאָ־ליקן, מיט יענעם געמיטלעכן, היימישן, מיט יענער עכטער באַנאַכטיקער רו... און ס'האָט זיך געוואָלט גלייבן, אַז אַלע געפאַרן זײַנען שוין אַריבער, אַז ס'זײַנען ביכלאַל אַף דער וועלט ניטאָ קיין שום געפאַרן. נעם, לייג זיך אַוועק אינמיטן פעלד, ווער אַנשלאָפן און שלאָף, וויפל דײַן האַרץ וועט גלוסטן.

זיי האָבן בעשאָלעם זיך דורכגעשמוגלט דורך די שמאָלע און פינצטערע הינטערגעסלעך, אויסגעמיטן אַלע וואַך־פּאָסטן, און איצט האָבן זיי געשפּאַנט מיט דער מינגע פון מענטשן, וואָס זײַנען פאַשעט אַרויס אַף אַ באַנאַכטיקן שפּאַציר. מאַקסיוטע שפּאַנט פון רעכטס מיט אַ גרינגן שפּאַן, האַלט זיך שטאַרק בא דער האַנט פונעם דיאַדיע קאָסטיע, גלײַך ער האָט מוירע, יענער זאָל מיטאַמאָל ערגעץ ניט סטײַען. ער פאַרהייבט אַלע מאָל דעם קאָפּ, ער זאָל זען דעם דיאַדיע קאָסטיעס פּאָנעם, פאַרהייבט דעם קאָפּ און טוט אַפילו אַ שפּרונג אונטער פונעם גע־פיל פון פלוצעם אופקומענדיקער לײַכטקײַט. עס שפּאַנט זיך גרינג, עס עטעמט זיך גרינג און דאָס אָפּגעריבענע האַלב־ליידיקע טײַסטערעלע באָמבלט זיך אויך גרינג אַף די פּלייצעס. און ס'איז אים גוט, מאַקסיוטקען. גוט מיט אָט דער וואַרעמער, רויִקער נאַכט, גוט מיטן דיאַדיע קאָסטיען, בא וועמען דאָס פּאָנעם הייבט אָן ווידער ווערן אַזאַ, ווי געווען, די אויגן אויך אַזעלכע, זיי גלאַנצן אַרויס אין דער נאַכט אַרײַן, גלאַנצן העפקערדיק, אַרויסרופעריש, נאָר דאָס שמייכעלע איז נאָך דערוויל ניטאָ. דאָס פּאָנעם איז אָנגעשטרענגט־ערנסט און ער האַלט אין איין אײַנהערן זיך. ער הערט זיך אײַן אין דער נאַכט, זי זאָל זיי ערגעץ ניט פאַרפירן. נאָר דאָס קימערט איצט ניט מאַקסיוטקען, ער איז זיכער, אַז אויך דאָס שמייכעלע וועט אײַנ־גיכן זיך באַווײַזן. עס קאָן דאָך אַנדערש ניט זײַן. בא מאַקסיוטען אַפּן צונג ליגן צענדליקער פראַגן, אַף וועלכע ער מוז באַקומען אַן ענטפער. וווהין גייען זיי און ווו וועלן זיי זיך אַלע צונויפקומען, פונוואַנען האָט מען זיך דערוווּסט וועגן אַ נײַעם מענטשן, וואָס האָט זיך באַ־וויזן אין געטאָ, און צי ווייסט מען שוין, ווער ער איז. און ביכלאַל... ווער זײַנען זיי געווען די אַלע, וואָס פלעגן קומען צו אים באַנאַכט, מיט וועמען ער האָט זיך געשושקעט און ווער ס'האָט אַלע מאָל אָדער עפּעס געבראַכט, אָדער אוועקגעטראָגן. ער וויל אויך וויסן, ווער איז יענער אַלטיטשקער בלעכער, וווהין ער האָט עטלעכע מאָל אַרײַנגעבראַכט דאָס פּעקל בלעט־לעך. נאָר ער וועט מוזן צוּוואַרטן, ער וועט נאָך באַווײַזן מיט זײַנע פראַגן. זאָלן זיי נאָר קומען אַהין, וווהין זיי גייען... געווען שטאַרק פאַרטאָן מיט דער וווּנדערלעכער נאַכט, מיט זײַנע פראַגן און מיט דעם, וווהין זיי גייען, און ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס האָט פלוצעם דער דיאַדיע קאָסטיע אַ פרעג געטאָן:

— איז ווי רופט מען דיך?

אַ קוק געטאָן דעם דיאַדיע קאָסטיען אין די אויגן, צי מיינט ער עס ערנסט, צי ער שפּאַסט.

— מאַקסיוטקע הייס איך, מאַיאַרקע!

— מיט מאַיאַרקען וועסטו ווײַט ניט אַוועק. מאַקסיוטאַ איז אויך ניט דאָס, וואָס מע דאַרף, איך מיין יענעם נאָמען.

— יורקאָ?

— נו יאָ, יורקאָ. אַלע איבעריקע נעמען וואַרף אַרויס פונעם קאָפּ.

— נו, אַרויסגעוואָרפן, — האָט מאַקס ווי באַליידיקט זיך.

— אויב דו ווילסט, קאָנסטו אײַנגאַנצן ווערן אויס. פאָטער און שוין...

— וואָס אויס? וואָס פאָטער?

— איך מיין... אויס ייִד...

— ווי‏אַזוי קאָן איך עס ווערן אויס ייִד?

— דײַן מאַמע איז דאָך געווען אַן אוקראַיִנקע.
— און דער טאַטע?
— איז וואָס, אַז דער טאַטע?
— און די ברידערלעך? און מײַן שוועסטערל?
— נו, איז וואָס?
מאַקסן האָט זיך געדוכט, אַז דער דיאַדיע קאָסטיע וויל אים אײַנרעדן אַפּטאָן ניט קיין שיינע, ניט קיין גוטע זאַך. כאָטש, מיט וואָס איז דאָס ניט שיין און מיט וואָס איז דאָס ניט גוט, איז אים שווער געווען דערקלערן.
— דאָס וועל איך ניט קאָנען. און איך וויל ניט. איך וויל ניט! — האָט ער קימאַט אויס־געשריגן.
— וואָס, וואָס ווילסטו ניט, יורקאָ?
— די מאַמע... זי האָט זיך געקאָנט ראַטעווען. נאָר זי האָט ניט געוואָלט.
— גוט, גוט, זייער גוט. איך האָב דען געזאָגט אַזוינס?
מיסטאָמע האָט דער דיאַדיע קאָסטיע בײַ זיך באַשטימט, אַז דאָס איז ניט קיין שמועס פאַר אַזעלכע כעוורע, נאָך קינדער, און מער ניט געוואָלט רעדן וועגן דעם. נאָר מאַקסיוטקע־מאַיאַרקע־יורקאָ אַליין, ער האָט זייער געוואָלט רעדן וועגן טאַטן, וועגן דער מאַמען, וועגן די ברידערלעך. גלאַט אַזוי רעדן וועגן זיי.
— מײַן מאַמע... זי האָט געבאַקן אַזעלכע שיינע פּורים־קוילעטשן.
— וועלכע קוילעטשן?
— פּורים־קוילעטשן. די, וואָס מע באַקט אַף פּורים. און האָמענטאַשן אויך. און דער פּעטער אוורום האָט אונדז שטענדיק געבראַכט אַף יאַמטעוו גראַגערלעך. יעדערן אַ גראַ־גערל. און אַז מיר אַלע האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן מיט זיי! דאָס האָבן מיר געקלאַפּט האָמענען.
— האָמענען? אַ, דאָס ווייס איך. דאָס האָב איך געהערט. און געלייענט אויך. איך ווייס, איך ווייס. דאָס איז יענער יאָמטעוו? פּורים?
— נו, יאָ, ווען מע קלאַפּט האָמענען.
די נאַכט האָט אַלע מאָל זיי אונטערגעוואָרפן אַן אַנדער מײַכל. אַלע מאָל אַן אַנדער געטראַנק, אַלע מאָל אַן אַנדער קוויקעניש. דעם צאַרטן גערוך פון די אָנגעגאָסענע זאַנגען, דעם שאַרפן רייעך פון די צעבליטע ראָמאַשקעס און דעם זאַפּטיקן געמיש פון זיסלעכן און טערפּקע־ביטערלעכן, וואָס דאָס באַנאַכטיקע ווינטעלע האָט פאַרטראָגן אַהער פון די ווײַטע פעלדער און וועלדער. די נאַכט האָט ווי געלאַשטשעט זיך צו זיי. ווי געוואָלט אָפּ־צאַלן זיי, אומקערן אַלץ, וואָס זיי קומט פאַר די פיל שווערע טעג און נעכט אין געטאָ. פאַר אָט דער אומדערטרעגלעכער ענגשאַפט, דושנעקײַט, פאַר אָט די אומופהערלעכע הוסטעניש, כריפּעניש און וואָרגעניש, זיי האָבן דאָס אַלץ געגעסן, געטרונקען, געשלונגען, באַלעקט זיך, געשוועוקט מיט דעם האַלדז און טאַקע געפילט, ווי יענץ הוסטעניש און כריפּעניש ווערט צוביסלעך אויסגעשווענקט, אויסגערונען, אויסגעוועפּט, און אַלע זייערע אייוורים צע־עפענען זיך וואָס אַמאָל ברייטער אַף אײַנזאַפּן, אַרײַנעמען אין זיך די דערפרישנדיקע, היילנ־דיקע רייכעס.
— האָמאַן... — האָט איבערגעכאַזערט דער דיאַדיע קאָסטיע. — איצטיקער היטלער. און מיר דאַרפן אים אַלע קלאַפּן. אַלע...
— ווי זשע קלאַפּן? — האָט געפרעגט מאַקס. — אָט... דער טאַטע... און די מאַמע... וואָס זשע איז דער כילעק? פאַראַן אַ כילעק, האַ?
אוי, האָט ער געוואָלט, דער עלפיאַריקער מאַקסיוטקע־יורקאָ, אַז דער דיאַדיע קאָסטיע זאָל אים פאַרענטפערן אַלע קאַשעס, אויסקלאָרן דעם מעשונעדיקן פּלאָנטער, וואָס זײַן קינ־דערשער סייכל איז נאָך ניט בעקויעך פאַנאַנדערפּלאָנטערן. נאָר דער דיאַדיע קאָסטיע האָט אָפּאָנעם געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש. ער האָט געהאַט גענוג וועגן וואָס צו טראַכטן. האָט ער בלויז, לויט זײַן טעווע, אַ שויבער געטאָן זײַנע האָר און זיך אָנגערופן:
— ריכטיק, יורקאָ, זאָלסט זיך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן. ניט פון דײַן טאַטן און ניט פון דײַן מאַמען. דאָס ווילן זיי דאָך, די פאַשיסטן! פאַרגעדענק, יורקאָ. דער, וואָס מאַכט פון דעם אַ מיסכער, וויל עפּעס אויסגעווינען פון דעם, אָדער האָט מוירע פאַרלירן, איז ניט ווערט דעם נאָמען מענטש. פאַרגעדענק עס, יורקאָ, אַף שטענדיק.
— איך וועל דאָס פאַרגעדענקען, דיאַדיע קאָסטיע.
— גוט, זייער גוט, יורקאָ. איצט הער מיך גוט אויס. אין געטאָ האָסטו מער ניט וואָס צו טאָן. ביסט דאָך אַן עמעסער הוצול! ווען דו ביסט אַ ביסל עלטער! און ווען כאָטש אַ בי־סעלע מערער פלייש אַף די ביינער!

ארומגענומען אים מיטביידע הענט און גענומען אויסטאַפּן די פּלייצעס, דאָס ברוסטעלע, ווי איבערגעציילט די דינינקע ריפּעלעך. דערבײַ א זיפּץ געטאָן:

— אוואָדע וואָלסטו געדאַרפט פריִער אָנעמען א ביסל לײַב. באַ א גוטער באַלעבאָסטע... נו, דאָס וועלן מיר שוין זען. מיר וועלן נאָך באַווײַזן...

עפּשער וואָלט אַלץ געווען אַנדערש, ווען ניט די שיסערײַ. ס'איז אַפילו שווער געווען פאַרשטיין, פונוואַנען האָט זי זיך גענומען אין אַזאַ שטילער, געמיטלעכער, שמעקנדיקער נאַכט. נאָר אַליין די גוטע נאַכט איז גלײַך צעשאָסן געוואָרן, צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך און אויף איר אָרט האָט זיך א יאָווע געטאָן גאָר אַן אַנדער נאַכט. פון יענע נעכט, וואָס באַ־לעבאַטעווען דאָ, בושעווען א גאַנצן ווינטער און א גאַנצן זומער. געדוכט האָט זיך, אַז מע שיסט פון אַלע זײַטן. די קוילן האָבן געפּײַפט איבער די קעפּ און אײַנגעגראָבן זיך אין דער ערד מיט א באַזונדערן קוויטש. וואָס א מאָל נעענטער און נעענטער. דער דיאַדיע קאָסטיע האָט א קאָמאַנדעווע געטאָן:

— לייג זיך!

זיי האָבן א פאַל געטאָן באַנאַנד, זיך א קײַקל געטאָן אין א זײַט א ביסל ווײַטער פונעם וועג און דער דיאַדיע קאָסטיע האָט אָנגעהויבן ארומקוקן זיך.

— ניט אַלץ האָבן זיי פאַרויסגעזען, די כּעוורע, — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין. — געווען געדאַרפט... נו, נישקאָשע, דעם מאַרשרוט ווייסן אַלע.

— וועלכן מאַרשרוט?

— ניט דײַן דײַגע, יורקאָ.

אין א מינוט ארום, ווען ס'האָט זיך געדוכט, אַז די שיסערײַען זײַנען אײַנגעשטילט געוואָרן, האָט דער דיאַדיע קאָסטיע ווידער באַפוילן:

— זיך אופגעהויבן. אוועקגעלאָפן.

און אָט... איבער די שיסערײַען, לויפעניש און פּאַלעניש... זיך שטאַרק צעיאָגט. צו ווײַט פאַרלאָפן, צו ווײַט א קײַקל זיך געטאָן און פאַרלוירן איינער דעם אַנדערן. ווען מאַקס האָט זיך אופגעהויבן, איז ער געווען אַליין.

— דיאַדיע קאָסטיע, דיאַדיע קאָסטיע! — פריִער גערופן שטיל, דערנאָך א סאַך העכער, אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז מע טאָר ניט שרײַען.

אַלע געשמאַקסטע רייכעס פון דער זומערדיקער נאַכט האָבן מיטאַמאָל ניט געסטײַעט. ס'איז געבליבן בלויז יענץ ביטערלעכע, וואָס האָט געוואָרגן אין האַלדז און ווידער ארויסגע־רופן דעם דערעסענעם הוסט. מאַקס האָט זיך צוגעזעצט אויף דער ערד, אראָפּגעשלעפּט פון די פיס די צערעפּעטע שיך, צונויפגעבונדן זיי און פאַרוואָרפן איבערן אַקסל. און אָט אַזוי, מיטן טײַסטערלע אויף די פּלייצעס, מיט די שיך איבערן אַקסל, ווי די אַלטע הוצולן און יונגע הוצול־קעס לאָזן זיך אראָפּ פון די בערג איבער די שטיינערנע סטעזשקעלעך אויף א קאַגע צום דאָר־פישן קלויסטער, האָט ער זיך געלאָזט שפּאַנען א באָרוועסער, אַליין ניט ווייסנדיק וווהין. ער האָט בלויז פאַרשטאַנען, אַז דער וועג וועט זײַן א ווײַטער און מע דאַרף היטן דאָס שוכוואַרג. ווידער געשפּאַנט איינער אַליין איבער פרעמדע וועגן, פול מיט אַלטע און נײַע גרוילן, ווידער מיט יענעם געפיל פון פאַריאָסעמטקײַט, און ניט אופגעהערט רופן:

— דיאַדיע קאָסטיע!

צו באַגינען האָט די ערד באַוויזן זיך אָפּקילן. געשניטן אין די פיאַטעס, ס'האָט זיך זייער געוואָלט ווידער אָנטאָן די שיך, נאָר זײַן באַלעבאַטישער געדאַנק האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז דאָס טאָר מען ניט טאָן. מיט די פיס קאָן מען זיך אַן אייצע געבן, נאָר די שיך דאַרף מען היטן.

די באַלעבאָסטע האָט א קוק געטאָן אויף אים. אין יענע טעג, ווען ער האָט איינער אַליין ארומגעבלאָנדזשעט פון דאָרף צו דאָרף, האָבן א סאַך מענטשן געקוקט אויף אים. ווער מיט אָפענער שרעק און ווער מיט שטומען מיטגעפיל. נאָר יענע באַלעבאָסטע... זי האָט אַזוי גוט, אַזוי היימיש א קוק געטאָן:

— איך ווייס, ווער דו ביסט, — האָט זי זיך אָנגערופן. — נאָר שרעק זיך ניט. מײַן מאַן איז אויך... באַ די רויטע. ווילסט בלײַבן באַ מיר? א פּלעמעניק מײַנער וועסטו זײַן.

שווײַגט ער, מאַקס. ער ווייסט ניט, וואָס מע רעדט צו אים. וואָס הייסט, צי ער וויל בלײַבן, וואָס הייסט זײַן א פּלעמעניק?

— וועסט באַ מיר ניט זיצן לײדיק, — טײַנעט מיט אים אײַן די פרוי. — וועסט פּאַשען די קו, אכטונג געבן אפן קינד. א קו קאָנסטו פּאַשען?

— אוודע קאָן איך, — ענטפערט ער באַרויגעזלעך. — וואָסי, איך האָב קיין קי ניט גע־פאַשעט?

— איז קום אַרײַן. צווערשט דאַרף מען זיך אָרומוואַשן. איך וועל נאָר אָנוואַרעמען אַ שיסל וואַסער.

וויי, וויפל צײַט ער האָט זיך אַזוי ניט געוואַשן! מיט וואַרעמער וואַסער! דאָס גאַנצע לײַב! ער פּליוסקעט זיך, ער רײַבט מיט אַ קוואַטש דאָס לײַב, זשמורעט די אויגן פון טײַנעג און האָט זייער מוירע. אים דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ כאַלעם, וואָס קאָן זיך אינגיכן ענדיקן. ער מאַכט צו די אויגן, עפנט זיי ווידער אויף און זעט אַלע מאָל דאָס זעלבע. אַ קליין קיכעלע מיט אַ פּיצעלע פענצטערל. אַף דער וואַנט זײַנען אָנגעהאַנגען אַן אַ שיר ליימענע שיסעלעך און עס גייט פון זיי אַ רייעך פון הונדערטער געשמאַקע מײַכאָלים, פון וועלכע עס פאַרדרייט זיך דער קאָפּ. נאָר די רייכעס גייען ניט פון דער וואַנט מיט די שיסעלעך, נאָר פונעם וואַרעמען אויוון. אָט דוכט זיך אים דער רייעך פון אַ פרישער מאַמאַליגע. און יענץ דאַרף געוויס זײַן דער רייעך פון געקאָכטע קאַרטאָפל. ער קאָן שווערן, אַז ער האָט דערפילט דעם רייעך פון אונטערגעוואַרעמטער זויערמילך, פון וועלכע די באַלעבאָסטע קלײַבט זיך געוויס מאַכן אַ שטיקל קעז. רייכעס, רייכעס, די אַמאָליקע היימישע רייכעס פון זײַן ווײַטער, צעשאָסענער קינדהײַט. ער זשמורעט ווידער די אויגן, פון טײַנעג און פון ווייטעק, און פאַרגעסט דערבײַ, אַז ער שטייט אינגאַנצן אַ נאַקעטער און אַז אַף אים קוקט ניט זײַן מאַמע, נאָר אַ פרעמדע באַלעבאָסטע. ער ווייסט אַפילע ניט, וויאַזוי זי הייסט. ער ווייסט נאָר, אַז זי האָט גוטע אויגן און אַ ווייכע שטים.

— אוי, ביסטו, נעבעך, אויסגעדאַרט, ייִנגעלע. ווי רופט מען דיך?

— יורקאָ.

— יורקאָ? — וווּנדערט זיך די באַלעבאָסטע. — גוט, גוט, יורקאָ. און מיך רופט מען סטעפע.

— מומע סטעפע, — רעדט ער שטיל אַרויס. עס באַקומט זיך בא אים זייער גוט און עס ווילט זיך אים איבערכאַזערן אַ ביסעלע העכער. — מומע סטעפע!

דאָס ביסל אָנטאָן, וואָס איז געווען אַף אים, איז שוין געווען היפּש איבערגעפרײַעט. די מומע האָט דאָס געפּרוווט אַ וואַש טאָן, איז דאָס זיך גלײַך צעקראָכן. האָט זי עס אַרײַנגע־שלײַדערט אין שטאַלעכל און דערלאַנגט אים אַ גרויס רײַן העמד. ס'האָט געשמעקט מיט קרײַד, מיט קאַלך און אַ ביסעלע מיט צוויל. און ס'איז געווען צו גרויס אַף אים.

— נישקאָשע, — באַרויקט אים די מומע סטעפע. — פאַרקאַטשע די אַרבל און שוין. איך וועל דיר עפּעס אופנייען צו דער מאָס. סײַווי טאַרסטו זיך הײַנט אַף דער גאַס ניט באַווײַזן. ניט הײַנט, ניט מאָרגן און ניט איבערמאָרגן. זאָלן אַ ביסל אַראָפּ די סימאָנים פון דאָרטן...

דאָס העמד איז אים ביז די פּיאַטעס. קאָן ער זיך דערווײַל באַגיין אָן הויזן. און אַפילע צוזעצן זיך אַזוי צו דער וועטשערע. די פינגער ווייסן ניט, וואָס פריִער צו כאַפּן, צו דער מאַמאַליגע, צי צו דעם קעז. ער וואַרגט זיך, פאַרהוסט זיך און עס שטעלן זיך אים טרערן אין די אויגן. די מומע מאַכט זיך, אַז זי באַמערקט גאָרניט, און הייבט אָן קנעלן מיט אים.

— ביסטו, הייסט עס, מײַן פּלעמעניק. ביסט געקומען צו מיר פון לוואָוו, ווײַל ס'איז בא אײַך זייער שווער מיטן עסן. און דער טאַטע דײַנער, ס'הייסט, מײַן ברודער סטאַס... נו, דאָס וועלן מיר נאָך באַטראַכטן.

פון זײַנע פריִערדיקע עלף סאָף־זומערס האָט זיך אים זייער ווייניק פאַרגעדענקט. אייניקע האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן. זיי זײַנען אַוועק און גאָרנישט ניט איבערגעלאָזט אין קינדערשן זיקאָרן, כוץ די גרויע נעפּלען, וואָס שלאָפן צו שפּעט אין די בערג. האָט אים דער צוועלפטער סאָף־זומער זיך געדוכט ענלעך אַף אַלע פאַריקע. די זעלבע ניט הייסע זון, די פריִע פאַרנאַכטן און די קילע, אַפילע פראָסטיקע באַגינענס. נאָר קיין בערג זײַנען אַרום ניט געווען און דער וואַלד איז געווען זייער ווײַט.

אים איז געווען גוט. אומגעוויינלעך גוט. שווידערלעך גוט. אין דער מומע סטעפעס בליק איז געווען פיל מוטערלעכס. ער האָט געוואַרעמט, געמאַכט דעם פרעמדן אַרום געמיטלעכער, היימישער און צוגעגעבן דעם שטיקל ברויט, דעם הייסן באָרשטש און דער וואַרעמער גלאָז מילך אַזאַ טאַם, וואָס ער האָט קיינמאָל פריִער ניט געפילט. און אָפּטמאָל, קוקנדיק אַפן פאַר־טרויערטן פּאָנעם פון דער מומע סטעפע, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער זעט פאַר זיך די מאַמע. כאָטש ניין, די מומע סטעפע איז גאָרנישט ניט ענלעך אַף דער מאַמען. ערשטנס, די צעפּ. בא דער מאַמען זײַנען געווען געדיכטע און לאַנגע שוואַרצע צעפּ, וואָס האָבן זיך געוויגט, געשוירשעט און אונטערגעטאַנצט, ווי יונגע שעפּעלעך, און בא דער מומע סטעפע זײַנען קיין צעפּ אינגאַנצן ניטאָ. בא דער מאַמען זײַנען געווען שוואַרצע אויגן, און בא דער מומען זײַנען זיי ליכטיקע. זיי ווערן אַ ביסל פאַרטונקלט בלויז דאַן, ווען זיי פאַרציט אַמאָל אַ הײַטעלע

עס ווילט זיך אים דאָן צוגיין, א גלעט טאָן דער מומעס האַנט און זאָגן איר עטלעכע גוטע ווערטער. נאָר וואָס צו זאָגן ווייסט ער ניט.

אים איז געווען גוט, שווידערלעך גוט, ווען ניט יענץ־אָ... ערגעץ טיף אינווייניק איז גע־זעסן, צי געלעגן אין אים אזוינס, פאַר וועמען ער האָט זיך די גאנצע צײַט געשראָקן. אַלע מאָל האָט עס געגעבן א שלאָג ארויף, באשלאָגן מיט א גראָבן, הייסן, זייער גרזאלצענעם שווייס און צונויפגעפרעסט ווי מיט קלעמען יעדער אייווער. און עס פּויזען ארויס סטראַשיד־לעס, האלב־וועלף און האלב־שלענג, דרײַקעפּיקע, פירקעפּיקע, מיט ציינער ווי שפּיזן. און אַז זיי פאַרהייבן זייערע לאַנגע העלדזער און צערעווען זיך... און אַז זיי גיבן זיך א וואָרף אַף די מענטשן... רײַסן זיי פון זיי שטיקער לעבעדיקערהייט. און דאָס בלוט רינט און רינט.

פּאַשען די קו איז געווען ניט שווער. כוץ דער טאַלאָקע, איז געווען געגנג ניט אופגע־אַקערטע ערד, ווו צווישן דער פּאַרטריקנטער סטערניע איז אויסגעוואַקסן יונג גראָז. אַמאָל האָט ער געפּאַשעט די קו אליין און אַמאָל אײַנעם מיט די שכיינישע כעוורעניקעס. מע האָט געשפּילט אין בלינדזעניש, אין פאַטשערלעך, און אים האָט זיך אָפּט געדוכט, אַז דאָס פּאַשעט ער די אייגענע קו. באלד וועט ער זי אוועקטרײַבן אהיים, די מאַמע וועט ארויסקומען אַנט־קעגן... נאָר אינמיטן דער שפּיל, אינמיטן די פאַטשערלעך האָט זיך אָנגעהויבן יענץ־אָ... ס׳האָט א זעץ געטאָן פון טיף אינווייניק, צונויפגעקאַרטשעט אים, און ער איז א פאַל געטאָן צו דער ערד, פאַרשטעקט מיט די הענט די אויערן, שטאַרק צוגעשלאָסן די אויגן און געשריגן, גע־קוויטשעט מיט ניט קיין קינדערש, ניט קיין מענטשלעך קאָל. כעוורע האָבן זיך געשראָקן פאַר אים, געשושקעט זיך.

— ער איז גאָר א באַליעזניענער, יורקאָ...

— מיסטאָמע א קאַדאַכעס אַזאַ...

די מומע סטעפע האָט דאָס אויך באַמערקט. זי האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז געוויס דער־פאַר, וואָס ער איז שטאַרק אויסגעצערט. זאָל ער נאָר אָנעמען א ביסל לײַב, וועט אַלץ דורך. האָט זי אים געפּילנעוועט מיט וואָס נאָר זי האָט געקאָנט און געהאַפּט, אַז טײַלוויײַז אירע מײַ־כאָלים און טײַלוויײַז די צײַט אליין וועט אים אויסהיילן. צוערשט האָט ער דאָס אויסבאַהאַלטן פאַר דער מומען, דערנאָך אליין זיך מוידע געווען:

— מומע סטעפע, איך האָב מוירע.

— פאַר וועמען האָסטו מוירע? — באַרויקט זי אים. — בא מיר דאַרפסטו פאַר קיינעם ניט מוירע האָבן.

— איך האָב מוירע פאַר יענעם־אָ...

— פאַר וועלכן יענעם־אָ?

— איך ווייס אליין ניט...

— טפו, טפו, טפו! — די מומע שפּײַט אויס דרײַ מאָל, ציילעמט איבער אים און זיך אליין אויך. — אַף מײַנע סאָנימס קעפּ.

און גראָד דאָן, ווען ער איז געקומען א ביסל צו־זיך, ווען ער האָט טאַקע אָנגענומען א ביסל לײַב און די ביינער האָבן שוין אַזוי ניט ארויסגעסטאַרטשעט, ווען א דײַטש האָט מען געזען זייער זעלטן און א פאַרבײַגייענדיקער פּאָליצײַ האָט אפילו ניט געקוקט אַף אים, ווען קיינער האָט זיך נאָך אים ניט געיאָגט, ווען מע האָט זיך ניט געדאַרפט אויסבאַהאַלטן פון אַבלאַוועס, ווען ס׳האָט ניט געמוטשעט דער הונגער און מע האָט ניט געדאַרפט אינמיטן דער נאַכט ארויסרײַסן זיך פון שלאָף, ווען „יענץ־אָ", ווי די מומע סטעפע האָט געהאַפּט, האָט זיך באַוויזן וואָס אַמאָל זעלטענער, איז אים באַפאַלן א בענקעניש.

דאָס איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש. ניט דאָס, וואָס פלעגט זיך צעוויכרעווען, באַשלאָגן מיט א שווייס און ניט סטײַען. דאָס איז געווען אין אים שטענדיק. אָנגעהויבן זיך קימאַט פון גאָרניט, ווי א קליין פּינטעלע וואָלט זיך דאָרטן א רודעווע געטאָן, א פּינטעלע, צי א קערנדל די גרייס, ווי א גערשטן, צי עפּשער, ווי א פּראָסע, נאָר ס׳איז געווען זייער הייס, אָנגעגליט. ער האָט געמיינט, אַז ס׳וועט בראָטן א ביסל און אופהערן, ס׳וועט זיך אויסקילן. נאָר ס׳האָט זיך ניט אויסגעקילט. ס׳איז דעם טאָג פון טאָג צו טאָג. ס׳איז דעם ענג געוואָרן אונטערן הער־צעלע, האָט עס צעשפּאַרט די ברוסטן, זיך דערקליבן צום האַלדז, אריבער אין קאָפּ און פאַר־כאַפּט דעם גאַנצן מויעך. א נאָגעניש אַף ניט אויסצוהאַלטן. אונטערן האַרצן האָט עס גע־בראָטן און אין די פיס, אין די שפּיץ פינגער — ווי זאַשפּרעס אין א גרויסן פראָסט.

א גאַנצן טאָג האָט ער זיי אַלע געזען ארום זיך. אייַנעם נאָכן אַנדערן, אײַנעם נאָכן אַנדערן. דעם טאַטן, די מאַמען, גיזעלען, זאַלמענקען. באַטאָג האָט ער זיי געזען אַלע לעבע־דיקע, נאָר ווי אָפּגעשיידט פון אים. ער זעט זיי, הערט זייערע שטימען, נאָר צוקומען נעענ־טער, צורירן זיך צו זיי קאָן ער ניט. פּרווט ער נאָר צורירן זיך צו זיי, ווערן זיי צעשוווּמען

און סטײַען ניט. באַטאַג זײַנען זײ אַלע לעבעדיקע, און אַלע נאַכט שיסט מען זײ. אַלע נאַכט עמעצן אַנדערש. די מאַמע האָט מען שוין עפּשער הונדערט מאָל געהאַנגען. און אַלע מאָל דאָס זעלבע... עס שיט אַ שניי, און דער מאַמעס צעפּלאָנטענע צעפּ גלאַנצן אַזוי, גלײַך מע האָט זײ נאַרוואָס אויסגעצוואָגן. און אין אַלע קלײנע און גרויסע שפּיגלען — זײַן אופגעהאַנגענע מאַמע. הונדערטער אופגעהאַנגענע מאַמעס.

— וואָס איז ווידער מיט דיר, יורקאָ? — פרעגט די מומע אַ פאַרדײַגעטע.

— איך זע זײ, אַלע טאָג זע איך זײ.

— נו, איז וואָס?

— באַטאָג זײַנען זײ אַלע לעבעדיקע, און באַנאַכט... אַלע נאַכט הארגעט מען זײ. און די מאַמע... און יענע שפּיגלען... אין יעדער שפּיגל!

די מומע סטעפע זעצט אים אוועק לעבן זיך אַפן פּריזבעלע, דריקט צו זײַן קאָפּ צו איר פאַרטעכל און גלעט אים, גלעט אים איבערן קאָפּ.

— באַרויק זיך, — טרייסט זי אים. — מאָרגן איז זונטיק, וועלן מיר גײן מיט דיר אין קלויסטער.

— פאַרוואָס אין קלויסטער?

— מע דאַרף, יורקאָ, מע דאַרף זײער, זאָלסט גײן מיט מיר אין קלויסטער. דיר וועט ווערן גרינגער. און זאָלן מענטשן זען...

פאַרשטײט זיך, אַז די מומע האָט געמײנט ניט אַזוי די טפילעס און ניט אַזוי דאָס צײלמען זיך. זי האָט געדאַרפט ווײַזן דעם אוילעם, אַז דאָס איז טאַקע איר פּלעמעניק. מיסטאָמע האָט זי שוין געפּילט, וואָס אַרום קומט פאַר. שוין צו אָפּט האָט אָנגעהויבן צו איר אַרײַנקומען דער היגער פּאָליצײַ. און אַלע מאָל מיט דער זעלבער פראַגע:

— וואָס מאַכט עפּעס דײַן פּלעמעניקל?

— וואָס זאָל ער מאַכן? — די מומע שטעלט אַרויס אַפן טיש אַ פלעשל סאַמאַהאָן און הײבט אָן באַקלאָגן זיך. — אָן אָנשיקעניש אַף מיר. קום וואָס עס סטײַעט פאַר זיך אַלײן, נאַ דיר נאָך אָן איבעריק מויל. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? ס׳איז דאָך ניט קײן פרעמדער.

ער זעט, ווי די מומע ווערט וואָס אַ טאָג פאַרדײַגעטער, ווי אַלץ פאַלט איר פון די הענט, ווי זי ווערט דערציטערט, ווען עס דערטראָגט זיך פון דער גאַס אַ מינדסטער רויש. דערקלערט האָט עס אים גאָר עמעצער אַנדערש. מאַקס האָט אים אַפילע ניט געקענט. ער האָט נאָר געהערט, אַז ס׳איז דאָ אין דאָרף אײנער אַזאַ, פון די געפאַנגענע. אַ פּרימאַק האָט מען אים גערופן. איז ער צוגעקומען צו אים, דער פּרימאַק, אַ נעם געטאָן פאַר דער האַנט און אַ זאָג געטאָן, ווי צו אַ גרויסן:

— הער מיך אויס, בראַטאָק. איך ווײס, באַ דער מומע סטעפען איז דיר גוט, נאָר דו מוזסט וואָס גיכער אַוועק. איך האָב אונטערגעהערט זײער אַ שלעכטן שמועס. וועגן אײַך ביידן.

— ווער האָט עס געקאָנט שמועסן? — פרעגט מאַקס אַ דערשראָקענער.

— די פּאָליצײַען. ווײסט ניט? זײ זײַנען שטענדיק שיקער און רעדן צווישן זיך צו הויך.

— איך ווײס, איך ווײס, — האָט מאַקס קוים אַרויסגערעדט. — דאָס ווייס איך. וווּהין זשע זאָל איך גײן?

— גײ אַוועק וואָס ווײַטער. אין אַ דריטן, צי אין אַ פערטן דאָרף. און פאַרדינג זיך צו עמעצן. בעסער צו אַ רײַכן. צו אַן עמעסן באַלעגוף.

ווי זשע וועט ער זיך זעגענען מיט דער מומע סטעפע? וואָס וועט ער איר זאָגן? זי וועט זיך נאָך באַליידיקן. שטײט ער קעגן איר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שטאַמלט.

— מומע סטעפע, מומע סטעפע...

— וואָס איז, יורקאָ?

— איך מוז אַוועק פון אײַך.

— איך ווייס, איך ווייס, ליבינקער. איך האָב שוין אַלץ צוגעגרייט.

זײ שטײען אײנער קעגן אַנדערן, באַ ביידן טרערן אין די אויגן און ביידע פאַרשטײען, אַז ווײנען טאָר מען ניט. די מומע רעדט שטיל:

— זײַ געהיט, מײַן קינד. און זאָל דיך גאָט אָפּהיטן.

דער מאַמעס ווערטער. דער מאַמעס ווערטער! ס׳האָט אים ווי אונטערגעוואָרפן, ס׳האָט זיך געוואָלט שרײַען, געוואָלט פּאַשעט אויסוויינען זיך, כאָטש אײן מאָל גוט אויסוויינען זיך! צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו איר ברוסט און אַרומגענומען זי מיט זײַנע דינע הענטלעך.

— ליבע מומע סטעפע!

— גוט, גוט, — האָט זי אים באַרויקט, אײַנהאַלטנדיק די טרערן. — זאָלסט זיך נאָר סטאַרען ניט שרײַען פונעם שלאָף. דו שרײַסט דאָך אַף ייִדיש...

אינעם דריטן, צי אינעם פערטן דאָרף, באַ איינעם אַ גריגאָריצען איז ניט געווען ווען צו בענקען. צוויי פערד, צוויי קי, אַ פּאָר צענדליק שאָף און שעפּעלעך, אַ פּאָר כאַזיירים. אַרבעט וואָלט געסטײַעט פאַר נאָך אַ פּאָר אַזעלכע כעווראַ, ווי ער, דערצו איז די באַלעבאָסטע געווען אין לעצטן כוידעש, איר איז שווער געווען אָנבייגן זיך, און מאַקס האָט געדאַרפט אויך צוראַמען אין שטוב, אָנשיילן קאַרטאָפל און אָנטראָגן וואַסער אין קיך אַרײַן.

ס׳איז שוין געווען שפּעטער הארבסט, די פּרעסטלעך זײַנען געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער און יעדן טאָג איז צוגעפאַלן אַ ביסל שנײ. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן פעטן פרישטיק פון ווורשט, כאַזער־שמאַלץ און געפּרעגלטע אייער מיט קאַרטאָפל, האָט דער באַלעבאָס שווער זיך אופגעהויבן פונעם טיש, שווײַגנדיק זיך איבערגעצײלעמט, בײַז אַ בורטשע געטאָן צו דער פרוי און דראָענדיק אַ טײַטל געטאָן צו מאַקסן מיטן פינגער, ער זאָל, הייסט עס, געדענקען, וואָס ער דאַרף טאָן, און איז אוועק אַף אַ גאַנצן טאָג. אין זײַן שווערן שווײַגן, אין זײַן דראָענדיקן בליק, אין זײַנע פולע, רויטלעכע באַקן האָט זיך געפילט אַ טיפע סינע צו אים, צו מאַקסן. דאָס ערגסטע איז געווען פאַר אים דאָס שוואַרצע פּעלצל. כאָטש אָן יענע ווײַסע בענדלעך אפן אַרבל, נאָר ס׳האָט אים ניט אופגעהערט פאַרפאָלגן. דאָס שוואַרצע פּעלצל, די פּולבלעכע באַקן און די בייזע שיקערלעכע אויגן. געווען אין דעם אלעמען פיל פּאָליציישס.

טראַכטן וועגן דעם איז ניט געווען ווען. אופגעשטאַנען איז ער, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער, און אַ גאַנצן טאָג אהין און אהער, אהין און אהער! מע דאַרף אָנהאָדעווען, אָנפּויען די פערד, אונטערוואַרפן אַ ביסל היי די קי, אָנטראָגן באַדיליעס פאַר די שאָף, דערלאַנגען די כאַזיירים דעם קעסל פּאַפּשוי, וואָס האָט געפּרײַעט אַ גאַנצע נאַכט אין אויוון, דערנאָך ריייניקן, ריייניקן! ריייניקן די שטאַלן, ריייניקן דאָס פּי און אַרויסטאַסקען דאָס מיסט אפן הויף. דאָס, וואָס דער באַלעבאָס האָט אים אײַנגעשטאַט נעכטיקן אין שטאַל לעבן די פערד, האָט אים ווייניק געקימערט. אין שטאַל האָט ער זיך געפילט בעסער, פרײַער, ווי אין שטוב. און אוואַדע איז אים אין שטאַל געווען גרינגער דורכמאַכן זײַנע שווערע כאַלוימעס. פאַר די פערד האָט ער ניט געדאַרפט היטן זיך. שרײַ פונעם שלאָף וויפל דו ווילסט, שרײַ אַף ייִדיש... ער האָט אליין ניט געוווסט, אַף וועלכער שפּראַך שרײַט עס פון אים אַרויס. ביז יענער נאַכט...

די באַלעבאָסטע האָט זיך געקליבן צו קימפּעט, און דער באַלעבאָס האָט ניט געוווסט, ווי עס האַלט מיט דעם. צי וועט עס טרעפן הײַנטיקע נאַכט, צי עפּשער מאָרגן. האָט ער באַפוילן מאַקסן שלאָפן אין שטוב, טאָמער וועט מען אינמיטן דער נאַכט דאַרפן אוועקיאָגן נאָכן פעלדשער.

פאַר דער נאַכט איז גאָרנישט ניט געשען, נאָכן פעלדשער האָט מען ניט געדאַרפט פאָרן, נאָר דער כאָלעם זײַנער... דער כאָלעם פון אלע נעכט. מיט שיסערײַען, מיט גוואַלדן, מיט אויסגעשרייען. ער אליין האָט אויך געשריגן. און אָפּאָנעם, אז אַף ייִדיש. פאַרטאָג האָט דער באַלעבאָס אים אַראָפּגעשלעפּט פונעם געלעגער אַ שלעפעריקן, אוועקגעשטעלט לעבן זיך און אַ נעם געטאָן פאַרן גערגעלע:

— ביסטו גאָר אַ זשידעקל? שרײַסט פונעם שלאָף אַף ייִדיש?

מאַקסן האָט זיך געדוכט, אז ער שלאָפט נאָך און דאָס ציט זיך דער שרעקלעכער כאָלעם. און דער באַלעבאָס... ער איז אַזוי ענלעך אַף יענעם פּאָליצײַ, וואָס האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון דער סאָסנע. שטייט ער, רײַבט מיט בײדע הענט די אויגן, סטאַרעט זיך פאַרטרײַבן דעם שלאָף און שווײַגט.

— וואָס שווײַגסטו, זשידעקל?

— איך... איך בין ניט קיין זשידעקל...

— נו, גוט, — האָט דער באַלעבאָס אים אָפּגעלאָזט. — גיי האָדעווע אָן דאָס פּי און גרייט צו די פערד מיטן שליטן. איך וועל זיך דורכשפּאַצירן אַ ביסל, דערנאָך וועלן מיר זען...

זיי זײַנען בײדע אינײנעם אַרויס אפן הויף. דער באַלעבאָס האָט, ווי שטענדיק, דראָענדיק אַ טײַטל געטאָן צו אים מיטן פינגער און איז אוועק. מאַקס האָט נאָר געהערט, ווי דאָס שמאָלע קאַליטקעלע האָט זיך צעסקריפּעט און ווי דער באַלעבאָס האָט זיך דערבײַ אויסגעזידלט. נאָר דער בליק זײַנער, דער דראָענדיקער בליק!

ס׳איז שוין געווען ווינטער און דער נעפּל איז אויך געווען אַ ווינטערדיקער. לאָזט ער זיך אַראָפּ אַף דער ערד, ווייסט מען שוין ניט, ווו איז נעפּל און ווו איז שניי. אַלץ אַרום איין גרוילעכער אויסגוס, אַמאָל געדיכטער, אַמאָל שיטערער, נאָר אַלצײַנס פּײַכט, אַלצײַנס עסעריק. מאַקס איז אַרײַן אין שטאַל, צוגעוואָרפן די פערד אַ ביסל היי, דערנאָך אוועק אפן הויף, צו דער קרענעצע, און געגומען באַטראַכטן, וואָס דער באַלעבאָס האָט אים אָנגעזאָגט. באַטראַכט, ווי שטענדיק, ער זאָל וויסן, וואָס ער זאָל פרײַער טאָן, ער זאָל באַוויזן צוגרייטן די פערד מיטן שליטן. וווהין זשע קלײַבט ער זיך, דער באַלעבאָס, וווהין וועלן זיי פאָרן? און וואָס וועט ער דערנאָך זען? וואָס דאַרף ער זען?

ס'האָט ווי א בליץ געטאָן אין קאָפּ און א שניט געטאָן מיט א שאַרפן, ווייטעקלעכן שניט. יאָ, פון יענעם בליץ האָט דאָס זיך טאַקע אָנגעהויבן. פון יענעם שנײַדנדיקן בליץ, וואָס האָט ווי א בלענד געטאָן ביז קאָפּשווינדל און איבערגעקערט, צעשרויפט און אפּסניי איבערגע־שרויפט אין אים אַלץ, יעדער אײַיוועד. און עס האָט זיך אָנגעהויבן טראַכטן גאָר אַנדערש, א סאַך קלאָרער, א סאַך באַזיניקטער. צוגרייטן די פערד מיטן שליטן... דערנאָך וועלן מיר זען... נאָך וואָס זשע וואַרטן, ביז דער באַלעבאָס וועט זען, ביז ער וועט עפּעס צוטראַכטן? עפּשער וויל ער אים גאָר אוועקפירן אין דער זשאַנדאַרמעריע?

— עך, דיאַדיע קאָסטיע, ווי ביסטו ערגעץ, דיאַדיע קאָסטיע!

דאָס האָט זיך אַרויסגעריסן בא אים, ווי א ווייגעשריי, ווי א טרוים, וואָס איז צעשאָסן געוואָרן יענע זומערדיקע נאַכט. ווען ניט יענע שיסערײַען, ווען דער דיאַדיע קאָסטיע זאָל ניט געווען אומקומען, וואָלט ער איצטער געווען... ווי וואָלט ער איצטער געווען... געוויס שוין בא די פּאַרטיזאַנער. זיי זײַנען דאָך געגאַנגען צו זיי! און געוויס האָבן זיך אייניקע פון דער געטאָ דערקליבן אהין... ווען דער דיאַדיע קאָסטיע זאָל אים כאָטש געווען זאָגן!.. נאָר ער האָט אים נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר א קינד. און ער איז שוין ניט קיין קינד, ער איז שוין לאַנגט ניט קיין קינד! וויל ער מער ניט! ער וויל זיך מער ניט אויסבאַהאַלטן! ער וויל מער ניט אַרומבלאָנדזשען אונטער א פרעמדן נאָמען! ער וועט אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער, און שוין. און ער וועט אויך נעקאָמע נעמען. דער פעטער מיכײַלאָ האָט דאָך אָנגעזאָגט וואַסילן. און דער טאַטע... ער האָט פאָשעט ניט באַוויזן, ער האָט געמיינט, אַז מאַקס איז נאָך א קליינינקער. נאָר ווען איז דאָס געווען? איצט איז ער שוין א גרויסער. און ער וויל מער ניט מוירע האָבן!

ער דרייט און דרייט דאָס אײַזערנע הענטל, דער קאַרב דרייט זיך אַראָפּ און אַרויף, אַראָפּ און אַרויף, ער ציט אַלע מאָל אַרויס א פולן עמער וואַסער, טראָגט אַרײַן אין שטאַל, און די געדאַנקען דרייען זיך בלויז אין איין ריכטונג, אַהין, ווו פונעם באַגינענדיקן נעפּל קוקט אַרויס דער ווײַטער און אומבאַקאַנטער שוואַרצער וואַלד.

...אָנגעפּויעט ביידע פערד, האָט ער אַרויסגעפירט איינעם אפן הויף. און מיט איין שפּרונג, אַזוי, ווי דער טאַטע האָט אים אַמאָל געלערנט, זיך אַרופגעכאַפּט אף דעם. דאָס פערד איז געווען גוט אויסגערוט. ס'האָט מאַמעש זיך פאַרבענקט נאָך א גוטן שפּאַציר, נאָך א פריילעכן גאַלאָפּ, האָט עס פריילעך א הירזשע געטאָן און איז אַרויסגעלאָפן פון הויף.

ס'האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן, און פונעם געדיכטן נעפּל האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן אויסשיילן זיך יענץ, וואָס האָט אַזוי געצויגן צו זיך מיט זײַן טרוקענער, קרירעדיקער שוואַרצקײַט. די ווײַטע שוואַרצע וואַנט, וואָס שפּאַרט אונטער דעם הימל. מאַקס האָט אַלע מאָל גרינג א טאַרע געטאָן דאָס פערד מיט די קני, און עס האָט זיך צעיאָגט גיכער, האַסטי־קער, אַלע מאָל אוועקגעלאָזט זיך אין גאַלאָפּ. שוין לאַנג האָט מאַקס ניט געפילט אַזא וואַרעמ־קײַט אין גאַנצן לײַב, שוין לאַנג ניט געפילט זיך אַזוי פרײַ! ער האָט אַלץ געיאָגט און געיאָגט, און אים האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז ניט ער פאָרט רײַטנדיק, נאָר ער פליט, ער פליט, ווי א פויגל, רירט זיך אַפילע ניט צו צו דער ערד. ער פליט ביסלעכווײַז אַרויס פון זיך אַליין, שפּרינגט אַרויס פון אַלע זײַנע גרוילן, פון דער פּרעסנדיקער שרעק, פון זײַנע בײַזע כאַלוי־מעס, פון זײַן דריקנדיקער דערשלאָגנקײַט און פאַרוואָרטיילטקײַט. ער פליט און פליט און עס קומט אים אַלע מאָל צו דאָס, וואָס דער דיאַדיע קאָסטיע האָט געוואָלט. עס קומט אים צו אין לײַב, עס קומט אים צו אין ווקס, ער ווערט וואָס אַמאָל קרעפּטיקער, געזינטער און העכער. ער ווערט מוטיקער, דרייסטער, און די אויגן זײַנע הייבן ווידעראַמאָל אָן גלאַנצן. מיט יענעם גלאַנץ, וואָס האָט שטענדיק געפינקלט אינעם טאַטנס אויגן, אין דער מאַמעס אויגן. ער ווערט אַזא, וואָס קאָן געפעלן ווערן יעדער פּאַרטיזאַנישן קאָמאַנדיר.

ער האָט געיאָגט און געיאָגט און, ווי אים האָט זיך געדוכט, האָט אים אַנטקעגן געיאָגט זײַן לײַבלעכער, זײַן ליבער, זײַן אויסגעטרוימטער שוואַרצער וואַלד...

8

— זע, בא דיר גאָר א נײַ היטל.

גוט, וואָס מוזע האָט דאָס גלײַך באַמערקט. איז געווען וועגן וואָס א שמועס טאָן אַזוי, מע זאָל אַוועק א ביסל אין א זײַט און ניט באַרירן דעם איקער. רעדן וועגן דער רײַזע גופע איז געווען שווער. נאָר פונוואַנען זאָל זי געוווּסט וויסן, אַז גראָד דאָס היטל?..

— נו, יאָ, א נײַ היטל, — האָט מאַקס אָפּגעענטפערט.

— ווו האָסטו עס געקויפט?

— ניט געקויפט, פארביטן...

— פארביטן? נאָך וואָס? מיט וועמען?

— וואָס הייסט מיט וועמען? מיט וואסילן.

— וואָס פלוצעם זיך געביטן מיט די היטלען?

דאָס זײַנען געווען פראַגן גלאַט אַזוי, די ענטפערן אויך פון דעם מין. ביידע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט מער, ווי אַ שפּיל. האָט שוין דער שוועער אויך זיך אײַנגעשלאָסן, קעדײַ די שפּיל זאָל גיין ווײַטער. אַ נעם געטאָן אין די הענט דאָס היטל, אַ פיר געטאָן מיט די פינגער איבער די דרײַבנע קוטשערלעך, האָט ער אַרויסגערעדט באַווילקנדיק:

— יאָ, אַ גוט שמויסל.

האָט שוין די שוויגער, די מאַמע מאַניע, ווי מאַקס רופט זי שטענדיק, אויך געמוזט זאָגן אירס:

— אָף מײַן וואָרט. טאַקע זייער אַ גוטער בײַט.

אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז ניט אינעם גוטן שמויסל גייט עס און ניט אינעם גוטן בײַט, נאָר אין עפּעס אַנדערש. אינעם גאַנצן איניען מיט דער פאַרזוימונג, מיט דער יאַזדע, מיט די אַלע באַגעגענישן אין די קאַרפּאַטן, מיט די נײַ־געפונענע קרויווים...

דאָס אַלץ זײַנען געווען ניט מער ווי געדאַנקען, וואָס יעדערער האָט זיי אויסגעלייענט פאַר זיך, יעדערער אָף זײַן אויפן. דערווײַל האָט יעדערן געראַטעוועט דאָס שוואַרצע שמויסל, דער זייער גוטער בײַט, ווי אויך די מאַטאָנעס, מיט וועלכע די ניעמעטשוקס האָבן באַשאָנקען דימען. ערשט אַ ביסל שפּעטער, שוין בא דער וועטשערע, האָט מאַקס דערציילט די געשיכטע מיטן בײַט. נאָר פריִער האָט ער שוין געמוזט דערציילן וועגן אַלץ, וועגן וואָס דערציילן איז געווען זייער שווער, און אויך וועגן דער באַגעגעניש מיט מאַריען. וועגן מאַריען אַליין און וואָזוי זיי זײַנען גלײַך נאָכן פרישטיק אוועקגעפאָרן קיין איוואַנאָ־פראַנקאָווסק אין געגנט־לעכן סאָבעס. לויט זײַן טעווע האָט מאַקס דאָרטן אופגעהויבן אַן עמעסדיקן אַליאַרם, אייגנט־לעך, האָט ער קיין סאַך ניט געדאַרפט רעדן. ס'איז געווען געגוג, מע זאָל דאָרטן, אין סאָבעס, אַ קוק טאָן אָף מאַריען. נאָר ווען דער אינספּעקטאָר פון סאָבעס האָט געשטעלט אַ ביסל אַ לעפּישע פראַגע, וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט צו דעם איניען מאַקס, האָט ער זיך שוין דער־לויבט העכערן די שטים:

— דאָס איז מײַן שוועסטער!

באַמערקט, ווי דער אינספּעקטאָר איז דערשטוינט פון זייער ניט ענלעכקײַט, האָט ער אַרויסגערעדט אַזוינס, וואָס האָט נאָך מערער פאַרפּלאָנטערט דעם איניען.

— מײַן מאַמע און איר טאַטע זײַנען צעשאָסן געוואָרן אין איין מינוט און ליגן אין איין גרוב!

באַמערקט די אַלץ וואַקסנדיקע שטוינונג — ווי קומט בא אַ ברודער און שוועסטער פאַר־שיידענע טאַטעס — האָט זיך בא אים אַרויסגעכאַפּט נאָך מער שטוינענדיקס:

— און מיך אויך! מיך האָט מען דאַן אויך צעשאָסן!

און ערשט דערנאָך האָט ער שוין געמוזט דערציילן. אַ ביסל וועגן דעם, וואָס איז געשען מיט אים אַליין, און אַלץ, וואָס איז געשען מיט מאַריען. און ווי דאָס זאָל ניט זײַן, צי האָבן טאַקע די באַנדעראָווצעס איר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, צי דאָס איז געשען איבער אַנדערע סיבעס, נאָר זי איז געבליבן אַ קאַליקע אָפן גאַנצן לעבן. און האָט רעכט! זי האָט רעכט ניט ווייניקער פון אַנדערע אָף אַ לײַטישער מאַשין. און אויב מע האָט איר צוגעזאָגט אין דרײַ כאָדאָשים אַרום, טאָר דאָס ניט זײַן, ווי דאָס רוסישע ווערטל זאָגט, אַז אָף צוגעזאָגטן דאַרף מען וואַרטן דרײַ יאָר.

— נו, ניט קיין דרײַ יאָר, — האָט זיך פאַרענטפערט דער אינספּעקטאָר.

— אָבער דאָס צווייטע יאָר גייט שוין.

— איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין...

געוואָלט מיסטאָמע דערקלערן, אַז זי איז ניט איינע אַזאַ, אַז אינוואַלידן זײַנען פאַראַן אַ סאַך, און מאַשינעס באַקומט מען דערווײַל ווייניק, נאָר געוויס באַשטימט בא זיך, אַז מיט קיין דערקלערונגען וועט ער דאָ ניט אָפּקומען, האָט דער אינספּעקטאָר מיטאַמאָל געענדערט סײַ די מינע, סײַ די שטים:

— אָף טייקעף צוזאָגן קאָן מען ניט. נאָר אין דרײַ כאָדאָשים אַרום...

— אין דרײַ כאָדאָשים אַרום! — האָט מאַקס איבערגעכאַזערט און שוין דערלויבט זיך דערבײַ אַ באַרים טאָן. — איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז מיר קומט אָפּט אויס האָבן צו טאָן מיט מיניסטאָרן. און איך קאָן אײַער מיניסטער אויך אָנשרײַבן.

— איך מיין, אז איר וועט ניט דארפן שרײַבן, — האָט דער אינספעקטאָר א שמייכל געטאָן. — גלייבט מיר... מיר זײַנען ניט אַזעלכע ביוראָקראַטן, ווי איר מיינט. און דעם איניען נעם איך אַף זיך.

מיט די היטלען האָבן זיי זיך געביטן שוין באַם געזעגענען זיך. ס'איז געווען וואַסילס אײַנפאַל. שוין נאָך אַלעמען, נאָך דעם ווי זיי האָבן דורכגעמאַכט אַלע געזעגענונגס־צערעמאָניעס, ווען יעדערער האָט מיט אַלע קוּקיכעס זיך געסטאַרעט אויסבאַהאַלטן, ווי שווער דאָס קומט אים אָן, באַזונדערס, עס זאָל אומבאַמערקט ניט אַרויסגליטשן זיך א נאַרישע טרער. און ערשט נאָך אַלעמען, מע האָט עפּשער נאָך געדאַרפט א קלאַפּ טאָן אין די פּלייצעס אייער דעם אַנדערן, א קלאַפּ טאָן אַזוי ווילי־ונגעריש, מיט יענעם גרינגן שמייכל, וואָס דאַרף וויַזן, אַז עס קומט גאָרנישט ניט פאַר אַזוינס, אויסערגעוויינלעכס, און אַז ביכלאַל, וואָס זעט זיך עס אָן באַ זיי. הײַנט זיך געזעגנט, און מאָרגן זעט מען זיך ווידער. ערשט דאַן, שוין נאָך אַלעמען, האָט וואַסיל פּלוצעם אַראָפּגענומען פונעם קאָפּ דאָס שמויסל, מיטאַמאָל געוואָרן ביז גאָר ערנסט און מיט א ציטעריקער שטים אַרויסגערעדט:

— ווייסט וואָס, מאַקס? לאָמיר זיך בײַטן מיט די היטלען.

מאַקס האָט ניט גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס פאַר א בײַט איגמיטנדערינען און וואָס מיינט ער דערמיט.

— האָסט דאָך שוין אַמאָל געטראָגן מײַן היטל. — דערמיט האָט וואַסיל געמיינט דערקלערן זײַן ביטע. — האָסט שוין פאַרגעסן?

— אַזוינס פאַרגעסט זיך ניט...

באַמערקט, אַז מאַקס פאַרקלײַבט זיך ווידער א ביסל צו וויַט מיט זײַנע דערמאָנונגען, האָט ער שוין געדאַרפט וואָס גיכער אים אָפּציִען פון דאָרטן.

— פאַרשטייסט, איך וועל טראָגן דײַן היטל, וועט זיך מיר דוכטן, אַז דו ביסט דערנעבן, מיר זיצן אַזוי, ווי נעכטן, ווי הײַנט, שמועסן זיך דורך... אַזוי זאָלטן זעען מיר זיך. און מע וואָלט געדאַרפט א ביסעלע אָפּטער.

— איך וועל זיך סטאַרען, — האָט מאַקס אָפּגעענטפערט און אַראָפּגענומען זײַן היטל. זיי האָבן אָנגעמאָסטן איינער דעם אַנדערן די היטלען און זײַנען געבליבן צופרידן, וואָס זיי זײַנען ניט ענג און ניט גרויס, סאַמע צו דער מאָס. דערנאָך, שוין נאָך אַלעמען, אַפּסנײַ זיך אַרומגענומען און ערשט איצט אַפּגיך זיך אָפּגעקערעוועט איינער פונעם אַנדערן... נאַרישע טרערן!..

די טרערן זײַנען איצט אויך געהאַנגען אַפן סאַמע ראַנד און געקאָנט יעדע מינוט אַראָפּגליטשן זיך. ניט נאָר באַ מאַקסן, נאָר באַ אַלעמען. האָט דער שווער געמוזט איבערכאַזערן דאָס, וואָס זײַן מאַניע האָט נאַרוואָס געזאָגט:

— יאָ, זייער א גוטער בײַט...

האָט שוין די שוויגער געזאָגט דאָס, וואָס איר יאָסל האָט פריִער געזאָגט:

— טאַקע זייער א פײַן שמויסל.

דאָס נײַע היטל האָבן גלײַך באַמערקט אַלע, ווי נאָר ער איז אַרײַנגעקומען אין צעך, און ער האָט ווידער געדאַרפט, אַמאָל אײַנקורצן, אַמאָל א ביסל ברייטער, דערקלערן ווי קומט צו אים דאָס שמויסל.

אין אים געווען א שאָד, וואָס פאַר די עטלעכע טעג האָט דער פרילינג אָפּגעעמעסן זיך צעשפּילט, און ער וועט ניט לאַנג קאָנען טראָגן דאָס ווינטערדיקע היטל. ס'איז שוין הײַנט אויך א ביסל ניט צו דער צײַט. אייניקע זײַנען געקומען אַף דער אַרבעט אין זומערדיקע קעפּקעס, אַנדערע אין בערעטן, די סאַמע דרייסטע אינגאַנצן אָן היטלען. נאָר סײַווי, ווי עס זאָל ניט פאַרען, וועט ער נאָך ניט איין טאָג טראָגן דאָס שמויסל, פונקט ווי ער וועט טראָגן אין זיך אַלץ, וואָס ער האָט פאַר די טעג געזען, געהערט און אַפּסנײַ איבערגעלעבט. כאָטש יענץ איז גאָר עפּעס אַנדערש. ניט אַף איין טאָג, ניט אַף איין יאָר, נאָר אַפן גאַנצן לעבן. מיט יענער נײַער פרישקײַט, וואָס די לעצטע טעג האָבן צוגעגעבן.

גרינס איז געווען נאָך ווייניק, דערפאַר האָט אָבער יעדער גרעזעלע, יעדער בלעטעלע פאַרמאָגט אין זיך פּיל רעגעוודיקס. און ס'איז קיינמאָל ניט אַזוי גרין דער אַרום, ווי אין די ערשטע טעג, ווען גרינס איז נאָך זייער ווייניק. און ס'איז קיינמאָל ניט אַזוי וואַרעם, ווי אין יענע ערשטע, נאָך ניט איבעריק וואַרעמע פרילינגדיקע טעג.

מאַקס האָט מער פון אַנדערע געדאַרפט האָבן אָט די דערמונטערנדיקע וואַרעמקײַט, וואָס זאָל פאַרטרײַבן די גרוילן, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין אים פאַר די לעצטע טעג. האָט זיך אים זייער געוואָלט, אַז אין צעך זאָל זײַן ניט אַזוי געדיכט אָנגעשטעלט מיט מאַשינעס, ער זאָל זײַן כאָטש א ביסעלע געראַמער, דער פרילינג זאָל קאָנען פרײַ דאָ אַרומשפּאַצירן.

— ווי גייט עס, וויטיע? — האָט ער אַרײַנגעשריגן אין אויער זײַן געהילף וויקטאָר קאָנ־סטאַנטינאָוויטשן. — קיין מייסים זײַנען פאַר דער צײַט ניט געווען?

א מעס הייסט בא זיי א מאָטאָר, וואָס איז פּלוצעם קאַליע געוואָרן, שטייט צווישן די הונ־דערטער מאָטאָרן א שטומער, אָן אומבאַוועגלעכער, ווי א באַרמינען, מע מוז אים וואָס גיכער אַרויספּעקלען פונדאַנען און פאַרבײַטן מיט אַן אַנדערן.

— ניין, קיין מייסים זײַנען ניט געווען, — האָט וויקטאָר קאָנסטאַנטינאָוויטש אָפּגעענט־פערט מיט זײַן געוויינלעך שמייכעלע אפן גלאַטן, קײַלעכדיקן פּאָנעם. — אַזוי זיך, פּראָפּי־לאַקטיק.

— איז דאָך גוט, — שמייכלט אויך מאַקס. דער ערשטער שמייכל פאַר די אַלע טעג.

דער טאָג איז אַוועק מיט זײַן געוויינלעכן גאַנג. די באַטאָגיקע סמענע מיט אַלץ פּאַרויס־געזעענעם און ניט פּאָרויסגעזעענעם, נאַרמאַלן און אומנאָרמאַלן, מיטן געזאַנג פון הונדערטער עלעקטראָמאָטאָרן און הודיערײַען פון אויך אַזויפיל ווערקשטעלן, צווישן וועלכע נאָר ער, מאַקס, קאָן אופכאַפּן יעדער שטים באַזונדער, אונטערשיידן דאָס נאָרמאַלע פונעם אומנאָר־מאַלן און גלײַך אויסקלאָרן פאַר זיך, וואָס דאָס זאָל באַטײַטן, פעסטשטעלן, מיט וואָס וועט ער האָבן צו טאָן שוין הײַנט און וואָס ווארט אף אים מאָרגן.

שפּאַנט ער איבערן לאַנגן צעך, וואָס איז שוין לאַנג געוואָרן א פאַרפּלאָנטערטער לאַבי־רינט, אין וועלכן ס'איז ניט שווער פאַרבלאָנדזשעט צו ווערן, פאַרקערעוועט אַלע מאָל אין אַן אַנדער זײַט, שפּאַנט צווישן די שמאָלע, פאַרטונקלטע ליקעלעך, ווו דאָס גרילצן פון איין מאשין פאַרטױבט דאָס סאָפּען פון א צווייטער. מוז ער זיך אָפּשטעלן, צולייגן דעם אויער צו איין מאָטאָר, צו א צווייטן, אויסהערן זיי און דערקונדיקן זיך, וואָס קלאַפּט בא איינעם דאָרטן, וואָס דאַרף ניט קלאַפּן, וואָס טראַסקעט עס דאָרטן, ווו עס דאַרף ניט טראַסקען.

און פּלוצעם... ווי קומט אהער א קריצעניש? ווי א לאָפּעטע וואַלט אָנגעטראָפן אף עפּעס? ווי קומט אהער א לאָפּעטע?

ער איז שוין ווידער ניט הי. דאָס קריצעניש איז געקומען פון דאָרטן און געטראָפן האָט דאָס מיט א פּאָר טעג צוריק, ווען מע האָט געגראָבן די גריבלעך אף אײַנשטעלן די אײַזער־נע סלופּטשיקלעך פון דער פאַרצוימונג. איין לאָפּעטע האָט פּלוצעם א קריץ געטאָן און איניי־נעם מיט די פאַרפּרוירענע שטיקער ערד אַרויסגעגראָבן א ביין. א מענטשלעכן ביין! דאָס לאַנגאַניקע האָט פּלוצעם א בליץ געטאָן, א שניט געטאָן מיט פרישן ווייטעק און אַלע זײַנען געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערט. די אופגעקומענע שטילקײַט איז געווען פול מיט ניט קיין אויסגעוויינטן, מיט ניט קיין אויסגעגוואַלדעוועטן, ווי בא אַן אָפענעם קייווער, אין וועלכן מע קלײַבט זיך אַראָפּלאָזן דעם באַרמינען. איינע א פרוי האָט א קוויטשע געטאָן, און גלײַך נאָך איר, — ווי א שטורעם וואָלט זיך אַרײַנגעריסן איינעם פאַרנעפּלטן וועלדל, א שטורעם פון גוואַלדן. מאַקס האָט צוגעזשמורעט די אויגן, זיך א נעם געטאָן מיט דער האַנט פאַרן האַרצן און לאַנגזאַם אָנגעהויבן אַראָפּזעצן זיך.

— וואָס איז מיט דיר? — וואָסיל האָט אים א נעם געטאָן אונטערן אָרעם און שטרענג באַפוילן, — האַלט זיך!

איבער דעם האָט ער דאַן א סאַך זאַכן דורכגעלאָזט, ניט באַמערקט פונוואַנען עס האָבן זיך געגנומען די פּיאָנערן, וויאַזוי קומט זײַן דימע צווישן זיי און פונוואַנען האָבן זיך גענו־מען אַזויפיל קוויטן.

אַלע פאַבריקע טעג זײַנען געווען אַזוי איבערגעזעטיקט מיט אָן א שיר דערמאָנונגען, אַז יענער קריץ פון דער לאָפּעטע, דער בליץ פונעם מענטשלעכן ביין און זײַן קורצער כאַלאַשעס איז ווי דורכגעפלויגן, ניט איבערגעלאָזט קיין שום שפּורן. און ערשט איצט... צווישן די אַלע גרילצענישן, אַזא שנײַדנדיקן קריץ, ווען ער האָט ווידער געדאַרפט זיך א נעם טאָן פאַרן האַרצן.

— א גוטמאָרגן, מאַקס דאַווידאָוויטש!

— וויאַזוי איז אַדורך די יאָזדע, מאַקס דאַווידאָוויטש?

— וואָס הערט זיך נײַס, מאַקס דאַווידאָוויטש?

די הענט זײַנען בא אַלעמען אין שטויב, אין סאַזשע, אין פעטן, קאָן מען זיך בלויז אָנר־מען פאַר די אַרבל פון די ספּעצאָוועקעס, פאַר די גראָבע ברעזענטענע רעקלעך, וועט מיט הוילע הענט און ווער אויך מיט אַזעלכע ברעזענטענע הענטשקעס. נאָר פאַר מאַקסן איז דאָס געגנוג, עס זאָל אים גלײַך אַריבערפירן פון יענער פאַרצוימונג אהער, אין צעך. בא אייניקע איז דאָס אַן אופריכטיקע נײַגעריקײַט, א ריין לעכצעניש נאָך א ביסל נײַס, בא אַנדערע — ניט מער, ווי אַן אָנשטעל, ווי אַן אַרײַנפיר צו מערער זאַכלעכן.

— מאקס דאווידאָוויטש, איך דאַרף נייטיק האָבן אַ פּאָר נײַע קאָנטאַקטן.

— מאקס דאווידאָוויטש... פּאַדשיפּניקעס. כאַטש צוויי.

— עטלעכע רינגען!

דאַרף מען שוין אַ קוק טאָן, ווי האַלט עס באַ די, וואָס קומען מיט אַלץ נײַע און נײַע פּאָדערונגען. צי דאַרפן זיי דאָס טאַקע אַזוי נייטיק האָבן, צי דאָס איז די אַלטע געוווינהייט — האָבן אונטער דער האַנט היינט, וואָס קאָן צוניץ קומען מאָרגן אָדער איבערמאָרגן. יעדערער האָט מוירע, אַז פּונקט דאַן, ווען ער וועט עס דאַרפן, וועט מען עס ניט קאָנען קריגן. אַ געוווינהייט, וואָס איז שווער אויסצוּוואָרצלען.

אַ טאָג, ווי פיל אַנדערע טעג. און אויב עס וועט אַפילו זײַן אַ „מעס", איז דאָס אויך אַ געוויינלעכער איינער. ער איז שוין געוווינט בלײַבן נאָך דער סמענע נאָך אַף אַ פּאָר שאָ, אַרומטערקריכן אונטערן מאָטאָר און אויסטאַפּן אים יעדער אייווער. נאָר הײַנט איז צו אַלע זײַנע איינערלעכע צעכישע דײַגעס צוגעקומען פיל דרויסנדיקס, פון דעם, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון די קאַרפּאַטן און וואָס וועט אים נאָך לאַנג ניט לאָזן רוען. ווי אָט דער קריץ פון דער לאָפּעטע, וואָס האָט שנײַדנדיק אַ גרילץ געטאָן צווישן דעם הודיען פון די הונדערטער מאָטאָרן.

דערנאָך האָט ווידער געלאָזט הערן ווען זיך יענץ מאָטאָרל, באַ וועלכן ס'האָט נאָך גאַנצפרי געקלאַפּט דאַרטן, ווו ס'האָט ניט געדאַרפט קלאַפּן. האָט ער אַלעמאָל געמוזט צוקוקן צו דעם און אײַנהערן זיך, ווי דאָס מאָטאָרעכל הוסט און ניסט, וואָרגט זיך מיט עפּעס, ווי אַ שוואַך נעפּעשל, וואָס האָט געכאַפּט אַ צוגלופט, אָדער צופיל אָנגעטעמט זיך מיטן ניט איבעריק וואַרעמען פּרילינגדיקן ווינטל. אים האָט זיך זייער ניט געוואָלט שוין הײַנט, נאָך אַזאַ שווערער רײַזע, האָבן צו טאָן מיט אַ „מעס". האָט ער ניט אופגעהערט אײַנרעדן דעם, ווי געבעטן זיך, דערוויזן, אַז ס'איז ניט אַזוי שרעקלעך, אַז אַלץ וועט איינגיכן איבערגיין, אַז ס'איז ניט מער, ווי אַ גרינגע צוקילעכץ. נאָר דאָס מאָטאָרעכל, ווי ס'וואָלט די אַלע טעג געוואַרט אַף אים, אַף מאַקסן, האָט ניט אופגעהערט קרימען זיך, אונטערכליפּען, געבנדיק אָנצוהערן, אַז ס'איז אַ שווערער כוילע און וועט לאַנג ניט ציִען.

שוין נאָך האַלבן טאָג, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ, האָט מאַקס באַשטימט בײַטן דעם מאָטאָר. און אויב בײַטן, איז וואָס גיכער, מע זאָל באַוויזן ביזן סאָף פון דער סמענע. און אויב עס וועט אויסקומען פאַרהאַלטן זיך, איז ניט אַף קיין סאָך. ער האָט אַליין ניט ליב, ווען די פאַבריקע סמענע לאָזט אים איבער אַ לעקעכל און סטאַרעט זיך שטענדיק, אַז נאָך אים זאָל אויך ניט בלײַבן אַזוינס, איבער וואָס מע זאָל אים דערמאָנען מיט ניט קיין גוט וואָרט.

— קאָליע, — האָט ער אַ רוף געטאָן איינעם פון די שלאָסערס פון זײַן בריגאַדע און אַ ווײַז געטאָן אַף דער צוגעקילטער ברי̇ע.

— באַלד, באַלד, — האָט יענער אים גלײַך פאַרשטאַנען. — אָט וועל איך נעמען די אינסטרומענטן.

צי דערפאַר, וואָס דאָס קליינע מאָטאָרל, צי יענער מאָדנער כאַלעם אין די קאַרפּאַטן, ווען אים איז שווער געווען דערקלײַבן זיך צו איינעם אַ מאָטאָר, נאָר אין יענע מינוטן, ווען ער מיט קאָליען, ביידע היפּש פאַרשוויצטע, האָבן געהאַט צו טאָן מיטן באַרמינען, האָט ער געכאַפּט אַ קוק אַפן גרויסן הויכוואָלטיקן באַוועגער און ס'איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק...

ס'איז טאַקע געווען ניט מער, ווי אַ דורכגעלאָפענער געדאַנק, ווי אַ ווינטעלע וואָלט אַ בלאָז געטאָן, ווי אַ קליין וויכערל וואָלט פאַרפאַראָשעט די אויגן און געצוווּנגען זיי צומאַכן. האָט ער זיי צוגעמאַכט און ווידער געעפנט. דערנאָך נאָכאַמאָל זיי צוגעמאַכט, ער זאָל פאַרהאַלטן אַף אַ ווײַלע דעם דורכגעלאָפענעם געדאַנק און קלאָרער זיך פאַרשטעלן, וואָס וואָלט געווען, ווען עס טרעפט זיך טאַקע.

— וואָס וואָלט געווען, ווען אַזאַ זאַך טרעפט זיך ניט מיט די קלענערע מאָטאָרן, נאָר מיט איינעם פון די פינף צענטאָניקעס? ווי וואָלט מען זיי געקאָנט אָפּרעמאָנטירן?

אַ טראַכט געטאָן אַף אַזאַ אויפן, האָט ער שוין ניט געקאָנט לאָזן דאָס אוועקפּלוּען אָן גאָרנישט ניט. ס'איז גלײַך צוגעקומען נאָך אַ געדאַנק, נאָך אַ פרעגע, אַ סאַך אַ האַרבערע, ווי די ערשטע.

— וואָס רעמאָנטירן, ווען רעמאָנטירן? ווי וואָלטן זיי אַפילו געקאָנט צוקומען צו אים? און פאַרוואָס האָט מען דאָס ניט פאָרויסגעזען, ווען מע האָט פּלאַנירט דעם צעך?

ווידער אָט די שטענדיקע „פאַרוואָסן", פון וועלכע ער קאָן זיך ניט באַפרײַען. דעם דאָזיקן „פאַרוואָס" וואָלט ער גראָד געקאָנט דערקלערן. ווען מע האָט פּלאַנירט און געבויט דעם צעך,

איז געוויס אַלץ געווען אויסגערעכנט אַזוי, עס זאָל מעגלעך זײַן צוקומען צו די דאָזיקע מאָ־טאָרן. נאָר דער שטענדיקער דראַנג צו העכערן די מעכטיקײַטן פֿונעם זאַוואָד, דער פּילצי־זאַגנדיקער לאָזונג — אַראָפּנעמען וואָס מערער פּראָדוקציע פֿון די זעלבע פּראָדוציר־פּלעצער האָט געבראַכט דערצו, אַז אין צעך איז געוואָרן וואָס אַמאָל ענגער. נאָך אַ ווערקשטעל, נאָך אַן אויטאָמאַט, נאָך אַ מאָטאָרל. אַזוי זײַנען די גרויסע מאָטאָרן ביסלעכווײַז אַרומגעוואַקסן געוואָרן מיט אַ סאַך קלענערע שוועסטערלעך און ברידערלעך, אַרומגעקלעפּט געוואָרן פֿון אַלע זײַטן אַזוי, אַז ס'איז אוממעגלעך צוקומען צו זיי. און טאָמער, כאַלילע... עס איז דאָך ניט אויסגעשלאָסן!

און שוין ניט קיין ווינטעלע, ניט קיין קליין וויכערל, נאָר אַן עמעסדיקער שטורעם. וויל־סטו יאָ, ווילסטו ניט, דער געדאַנק וועט שוין סײַווי ניט אַוועק. די מײַסע איז דאָך אַזוי, אויב ס'וועט עפּעס געשען מיט איינעם פֿון די הויכוואָלטיקע מאָטאָרן, וועט דאָס דאָך טרעפֿן אין דער ערשטער ריי אים, זײַן בריגאַדע, און דאַן וועט שוין זײַן שפּעט. און קיינער וועט אים ניט קאָנען העלפֿן — ניט דער נאַטשאַלניק פֿון צעך, ניט דער הויפּט־ענערגעטיקער, ניט דער הויפּט־אינזשעניער און אַפֿילו ניט דער דירעקטאָר אַליין. ווי זשע מעג מען עס זיצן און וואַרטן, ביז ס'וועט אַ דונער טאָן? ווי זשע האָט ער רעכט אָפּלאָזן דעם געדאַנק אָן גאָרנישט ניט? פֿאַרוואָס טאַקע ניט אַ טראַכט טאָן? און פֿאַרוואָס טאַקע ניט צוטראַכטן?

ער האָט פֿאַרהויבן דעם קאָפּ אַרויף, צו דער הויכער סטעליע פֿונעם צעך, דערנאָך אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ אַראָפּ, צו דער צעמענטענער טיפֿעניש, אין וועלכער ס'איז אײַנגעמויערט די צענטנערניקע מאַכינע. יאָ, אין דעם טאַקע איז דער גאַנצער עניען, אין דער טיפֿעניש. וואַזוי זי אויפֿהייבן פֿון דאָרטן, די מאַכינע, ווו דערנאָך אַוועקשטעלן?.. יאָ, ווו אַוועקשטעלן, אַז ס'איז קיין פֿרײַ שטיקל פּלאַץ ניטאָ?

עפּשער דערפֿאַר, וואָס דאָס פּנים איז שוין געווען היפּש באַדעקט מיט שטויב און מיט סאַזשע, האָט דער שווייס אַזוי אומגעווײַנלעך געגלאַנצט. אַ געדיכטער און אַ פֿעטער שווייס, כאַטש נעם און גיס אים אַרײַן אין יענעם געמישעכץ, ווו עס קאָכן זיך אויס די קומענדיקע שינעס. האָבן די אויגן זיך אויך שוין צעגלאַנצט. מיט יענעם בייזן גלאַנץ, ווי עס פֿלעגט טרעפֿן, ווען ער איז געשטאַנען פֿאַר אַ געפֿאַר, פֿאַר אַן ערנסטן אויספּרווו און געדאַרפֿט זיך אַליין אײַנרעדן, באַפֿעלן, אָפּן סאַמע שטרענגסטן אויפֿן באַפֿעלן, אַז אָפּטרעטן איז אומדערלאָז־באַר. דאָס וואָלט שוין געווען ריינע פּאַכדאַנעס, קליינמוטיקײַט. און קיין פּאַכדן איז ער קיינ־מאָל ניט געווען.

פֿונעם קוק אַרויף און אַראָפּ איז אופֿגעקומען דאָס, וואָס האָט אים איבעראַשט און דער־שראָקן. אַזוי אומגלייבלעך פּראָסט און קלאָר האָט זיך אים געמאָלט דאָס, וואָס וואָלט גע־קאָנט און געדאַרפֿט אָפּגעטאָן ווערן, אַז דער רעמאָנט זאָל דורכגעפֿירט ווערן טאַקע דאָ, אויף אָן אָרט. דערצו וואָלט דער טערמין געווען אין צען מאָל קירצער. אַ פּאַשעטע זאַך! דאָרטן, אויף דער סטעליע, וואָלט מען געדאַרפֿט שאַפֿן אַזאַ אַפּאַראַטור, וואָס זאָל אויפֿהייבן דעם מאָ־טאָר און האַלטן אים וויפֿל ס'איז נייטיק אין אונטערגעהאַנגענעם. אַ פּאַשעטע זאַך, אַזאַ פּאַ־שעטע זאַך!

אָט דאָס טאַקע האָט אים געשראָקן. די אומגלייבלעכע פּאַשעטקײַט פֿון דער אידיי. ניט ווייניקער האָט אים געשראָקן די ניט קליינע צאָל מאַטעריאַלן, מיטלען און אַרבעטס־קראַפֿט, וואָס ס'איז נייטיק אויף פֿאַרווירקלעכן די דאָזיקע פּראָסטקײַט. ער ווייסט גוט, ער האָט שוין אַ היפּשע דערפֿאַרונג, אָפּטמאָל אַ גאַנץ ביטערע, ווי שווער עס קומט אָן פֿאַרווירקלעכן יעדע מינדסטע ראַציאָנאַליזאַציע, עס הייבט זיך גלײַך אָן פֿון דעם: וויפֿל וועט עס קאָסטן און וויפֿל וועט עס געבן. דערבײַ איז שטענדיק אַזוי. דער „וואָס וועט עס קאָסטן” ווערט מיט יעדן טאָג אַרומגעוואַקסן מיט נײַע ציפֿערן און דער „וואָס וועט עס געבן” מיט אָן אַ שיר צווייפֿלען.

און ניט דערפֿאַר, וואָס עמעצער איז ביכלאַל קעגן דערפֿינדונגען, ראַציאָנאַליזאַציעס... ווו וועט איר איצט געפֿינען אַזעלכע אָנפֿירער? פֿאַרקערט, אויף אַלע פֿאַרזאַמלונגען און באַראַ־טונגען ווערן זיי אָפּן פֿולן קאָל שרײַען וועגן טעכנישן פּראָגרעס, נאָר... מאַקסן איז דאָס אָפּט־מאָל אַליין שווער באַנעמען, דערקלערן... עס שטויסן זיך, אָפּנעם, צונויף פֿאַרשיידענע אינ־טערעסן. אַמאָל ווײַזן זיך אַרויס די ווידערשפּרעכלעכע שטאַנדפּונקטן אין איין פּערזאָן, וואָס ביכלאַל איז ער פֿאַר, נאָר ער מוז זײַן קעגן, ווײַל ער טוט אַ טראַכט וועגן פּלאַן, וועגן איבע־ריקער מאַראָקע און וועגן פֿיל אַנדערע זאַכן. וואָס זשע דאַרף ער קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט? אָן אַנדערער איז קעגן פּאַשעט דערפֿאַר, וואָס צוגעטראַכט האָט דאָס ניט ער, אין דער צײַט, ווען גראַד אים האָט דאָס געדאַרפֿט קומען אָפּן זינען.

ער ווייסט זיי גוט, מאַקס, די אַלע גענג פון די מעגלעכע קעגנער. ער האָט דאָך צו טאָן ניט נאָר מיט זײַנע אייגענע ראַציאָנאַליזאַציעס, נאָר אויך מיט הונדערטער אַנדערע, ער איז דאָך דער פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט פון דערפינדער און ראַציאָנאַליזאַטאָרס! נאָר ער איז ניט פון די, וואָס שרעקן זיך פאַר שוועריקייטן, ניט פון די, וואָס גיבן זיך אונטער. „געדענקסט די געשיכטע מיטן מילעכל?"

אַזוי זאָגט ער צו זיך אַליין און הייבט זיך אויף מיט די שמאָלע טרעפּלעך אַפן דריטן שטאָק. ער האָט גאָרנישט ניט געמיינט דערבײַ, ער האָט פּאַשעט געוואָלט א קוק טאָן אויף דעם מילעכל. עס דרייט זיך דאָס ניט שיינע באַשעפעניש, די קאַראַקאַטיצע, ווי אייניקע האָבן דאָס אָנגערופן. צוגעקומען צום מילעכל, א גלעט געטאָן דאָס איבער די פאַרשטויבטע ווענטלעך, און אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס מילעכל רעדט צו אים, טרייסט אים:

— ניט געזאָרגט, עס וועט זיך איבערמאַלן!

ווען ער איז אַרויס פון צעך, איז שוין געווען טונקל. דאָס סטעפּישע ווינטל האָט ווי דעזשורעט הינטער די זאַוואָדישע טויערן, באַשאַנקען יעדערן מיט א סאַך פרישער לופט און געגעבן אָנצוהערן, אַז באַנאַכט קאָן נאָך זײַן א פרעסטעלע. געעטעמט האָט זיך גרינג, מיט פאַרגעניגן. די האַנאַע איז נאָך גרעסער געווען דערפון, וואָס ער האָט געקאָנט א נעם טאָן זיך פאַרן היטל און זיך דערמאָנען אין וואַסילן.

— אָט אַזוי, בראַטאַק, — האָט ער א טראַכט געטאָן. — אָט האָסטו דיר א כאָלעם אין די קאַרפּאַטן.

עס דוכט זיך אים, אַז וואַסיל ענטפערט אים:

— פאַל בא זיך ניט אַראָפּ, ס'איז ניט קיין פוסטער כאָלעם.

דעם גאַנצן וועג אַהיים האָט ער זיך אײַנגערעדט, אַז ס'איז טאַקע אַזוי, ס'איז ניט קיין פוסטער כאָלעם, און ס'איז נאָך בעסער, וואָס ס'איז אים באַפאַלן שוין הײַנט, וועט עס צונעמען בא אים די טעג מיט די נעכט, און ער וועט ניט האָבן, ווען צו טראַכטן וועגן זײַטיקע זאַכן. זײַטיקע זאַכן, זײַטיקע זאַכן! ווי יענער קריץ פון דער לאַפּעטע! און דער קאַליר פון מענטשלעכע ביינער! ניין, פון יענעם וועט ער, אַפּאָנעם, זיך קיינמאָל ניט באַפרײַען.

דאָס סטעפּישע פּראָסטיקע ווינטעלע! עס עטעמט זיך גרינג, די געדאַנקען פליִען אויך גרינג, פאַרקלײַבן זיך וואָס אַמאָל ווײַטער און העכער, אין גאָר היכע דראַכים, און ער וווּנדערט זיך אַליין, וואָס אין די געדאַנקען רעדט ער צו זיך מיט אַזעלכע היכע ווערטער, וועלכע ער וואָלט קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט אין דער הייך.

— און טאַקע, וואָס ביסטו, א טשינאָווניק, וואָס קומט אַפן זאַוואָד אָפּאַרבעטן זײַנע שאָען און מער גייט אים ניט אָן? ביסט דאָך... א קאָמוניסט ביסטו! און א קאָמוניסט איז אין דער ערשטער ריי א קעמפער!

ער טוט אַזוי א טראַכט און קוקט זיך אַרום, צי האָט עמעצער ניט אונטערגעהערט זײַנע ווערטער, עס דוכט זיך אים אַפילע, אַז דאָס פּאָנעם האָט א פלאַם געטאָן, טאַקע איבער אָט די צו היכע ווערטער. מוז ער ווערן א ביסל גלאַסענער.

— זאָג אַליין, ס'איז דאָך אינטערעסאַנטער אַזוי! דאָס לעבן איז רײַכער, אָנגעזעטיקטער. דו קוקסט ניט אַלע מאָל אַפן זייגער, באַמערקסט אַפילע ניט, ווי דער טאָג איז אוועקגעפלויגן.

זײַן מוזע איז גראָד געווען, ער זאָל אָפּטמאָל קומען פון דער אַרבעט שפּעטער, ווי געווײנלעך. נאָר הײַנט האָט זי זיך אָנגעהויבן באַאומרויִקן. זי האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וואָס האָט אים געקאָנט פאַרהאַלטן הײַנט, דעם ערשטן טאָג נאָך דער רײַזע. דערזעענדיק אים אַזאַ צעשטרייטן, ניט קיין דערוואַשענעם, ער האָט באַוויזן בלויז אַרומוואַשן די הענט, האָט זי געמיינט, אַז ס'האָט געטראָפן וועד ווייסט וואָס.

— וואָס איז געשען? זעסט אויס ווי נאָך א סרייפע.

— קיין סרייפע איז ניט געווען, נאָר עפּעס ענלעכס. און גראָד הײַנט.

— אָבער וואָס האָט געטראָפן?

— א געוויינלעכער באַרמינען.

כאָטש מוזע ווייסט אויך וואָס דאָס הייסט, האָט זי א פליעסקע געטאָן מיט די הענט:

— נאָך דאָס פעלט אונדז. איז ווי זשע?

— אַלץ איז אין אָרדענונג.

— וואָס זשע ביסטו אַזוי צעבראַסטעט? בא דיר איז אַן אויסזען, ווי עמעצער וואָלט זיך געיאָגט נאָך דיר.

— קיינער האָט זיך נאָך מיר ניט געיאָגט, מוזעלע.

דער שמייכל איז א פולער, א בעשעפעדיקער, דער גלאַנץ אין די אויגן אויך פון דעם מין. ער מוז האָבן צײַט אַף מעיאַשעוו זײַן זיך, ווי'אַזוי דאָס אַלץ דערקלערן. דערציילן וועגן

זײַן נײַער באַפּאַלעניש איז נאָך פּרי, ער ווייסט נאָך ניט, וואָס דערפון וועט אַרויס. ער ווייסט נאָר, אַז ער וועט ניט אָפּטרעטן. וועט ער שוין מוזן דערציילן וועגן גאַפּייקען. כאָטש רעדן וועגן דעם איז אים ניט גרינגער, ווי וועגן זײַן נײַער באַפּאַלעניש. נאָר ער האָט נאָך צײַט. ער דאַרף זיך ערשט אַרומוואַשן, איבערטאָן, זיך זעצן צו דער וועטשערע, וואָס שטייט שוין אויפן טיש. און אינמיטן דער וועטשערע, ווי עמעצער וואָלט אים אונטערגעשטופּט:

— גאַפּייקע האָט מיך געבעטן. איר מיכײַליק... מעגסט אַ קוק טאָן. אַ באַכער — אַ קראַסאַוועץ! אין אונדזער דימען געראָטן.

— נו, איז וואָס?

— האָט גאַפּייקע מיך געבעטן... ער ענדיקט דעם צענטן קלאַס, איז עפּשער מעגלעך אים אײַנאָרדענען אין שטאָט? האָב איך איר צוגעזאָגט. וואָסי, איך וועל אים ניט אײַנאָרדענען אין דער פּראָפעטעכשול אָף אונדזער זאַוואָד? פונדעסטוועגן אַ פלעמעניק.

איצט שמייכלט שוין מוזע. זי קוקט אָף איר מאַקסן, וואָס רעדט ניט זיכער אַרויס יעדער וואָרט, און שמייכלט. זי ווייסט גוט, וואָס מאַקסן קוועטשט און וואָס ער האָט ניט דערזאָגט. ניט אינעם זאַוואָד גייט עס און ניט אין דער פּראָפעטעכשול. דער איקער איז אין דעם, ווו וועט ער זײַן. זיי וועלן דאָך ניט דערלאָזן, ער זאָל לעבן אין צוזאַמענוווינונג, וויבאַלד ער האָט דאָ אַ פעטער און אַ מומע. שמייכלט זי, מוזע, און וויל זייער, אַז מאַקס זאָל זיך אָנשטויסן, וואָס זי מיינט דערמיט. מיטאַמאָל, הייסט עס, האָבן זיך אַ יאָווע געטאָן אַ גאַנצע כאָפּטע פלעמעניקעס און פּלעמעניצעס, און צו אַלע זײַנע דײַגעס וועט אַלע מאָל צוקומען אַ נײַע? באַמערקט, ווי מאַקס הייבט זיך אָן ערגערן, רעדט זי אַרויס גלאַסן:

— וואָס הייסט?.. וויבאַלד אַ פלעמעניק!

דערווײַל טוט זי אַ גיי מיט די אויגן איבער די צוויי ניט גרויסע צימערלעך, וואָס זײַנען אָנגעשטעלט מיט געלעגערס, און טוט זיי אין די געדאַנקען אַ שטעל איבער אָף אַ נײַעם אופן, מאַכט דורך מיט זיי עטלעכע איבערשטעלענישן, ביז זי געפינט זייער אַ גוט, זייער אַ באַקוועם אָרט פאַר נאָך אַ בעטל. אַזאַ גוט ערטעלע, וואָס מאַכט אָף קיין האָר ניט גרעסער די ענגשאַפט. פּאַשעט דערפאַר, וואָס ערגער קאָן שוין סײַווי ניט זײַן. זי איז זייער צופרידן מיט איר אײַנפאַל, מיט איר דערפינדערישקײַט, מיט דעם, וואָס עס באַקומט זיך אַזוי פײַן, אַזוי גוט, וואָס בעסער דאַרף מען ניט, און כאַזוערט איבער שוין פאַר זיך אַליין:

— טאַקע גוט, וויבאַלד אַ פלעמעניק, וועט דימע האָבן לעבן זיך אַ געשוועסטערקינד.

— פאַרשטייסט... — מאַקס מיינט אַלץ, אַז מע דאַרף זי נאָך אײַנרעדן. — ס'איז גאַפּייקעס זונדל. זייער אַ געראָטענער.

מעג שוין מוזע אַ ביסל אַ שפּאַס טאָן:

— ווי אַנדערש? זיי זײַנען בײַ אונדז אַלע געראָטענע!

איז אַלץ, הייסט עס, אין אָרדענונג. ער וועט טאַקע נאָך הײַנט אָנשרײַבן אַ בריוו גאַפּייקען. דוכט זיך אים, מאַקסן, אַז ס'איז ניט געוועזן הײַנטיקער שווערער טאָג, ס'איז ניט געווען קיין באַרמינען, זיי האָבן זיך ניט אָפּגעמוטשעט מיט אים קיין גוטע פאַר שאָ און ס'איז אַפילע ניט געוועזן יענע באַפּאַלעניש, וואָס איז אַזוי אומגלייבלעך פּראָסט און שרעקלעך שווער. ווילט זיך אים שוין זאָגן אַזוינס... זייער וואַרעמס און זייער גוטס.

— אוי, מוזעלע־מײַזעלע...

מוזע מאַכט זיך, אַז זי פאַרשטייט ניט, וואָס ער מיינט. איר בליק פאָדערט אַ דערקלערונג. האָט זיך בײַ אים ניט אומיסטן אַרויסגעכאַפּט:

— איך זאָל אַזוי גרינג דורכקומען מיטן דירעקטאָר, ווי מיט דיר.

— וואָס זשע, שוין ווידער אַ נײַס?

— ס'איז דאָס זעלבע...

דאַרף מען דאָס פאַרשטיין אַזוי: ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, איז דאָס ניט קיין נײַס, עס ציט זיך און ציט זיך פון דאַן אָן, זינט עס זײַנען בײַ אים אָנגעקומען זײַנע „פּאַרוואָסן". זיי פאַרשטייען דאָס אַלע גאַנץ גוט. די מאַמע מאַניע אויך. זי וואָלט אויך עפּעס געזאָגט, האָט זי מוירע, דער איידעם זאָל זיך ניט באַליידיקן. טוט זי אַ שנורעווע צונויף אירע דינע ליפּן און טוט אַ ווונק צו איר יאַסלען. אַ ווונק מיט אַ שמייכעלע אינעינעם. דאָס דאַרף הייסן, אַז זי מיינט ניט דעם איידעם און ניט דאָס, וואָס ער האָט נאַרוואָס געזאָגט, זי מיינט גאָר עפּעס אַנדערש. אָדער גאָר אַזוי: זי האָט זיך דערמאָנט אין אַן אַלט יידיש ווערטל, וויל זי דאָס אַרויסזאָגן:

— די זעלבע לייע, נאָר אַנדערש געשלייערט...

9

די זעלבע לייע... וואָס איז די נאַפקעמינע, צו וועמען די מאַמע מאַניע האָט געוווּנקען און וואָס זי האָט געמיינט דערבײַ. פאַר אים, פאַר מאַקסן, ווי אויך פאַר זײַן מוזען, איז דאָס שטענדיק אַ רעמעזל, וואָס דאַרף הייסן: געננוג, קינדער, אַמפּערן זיך. ס'איז דאָך וועגן אַלץ אָפּגערעדט, וועגן אַלץ צונויפגערעדט, וואָס זשע דאַרף מען זיך אַמפּערן? און צו וועמען זי זאָל ניט שמייכלען, מוזן שוין שמייכלען אַלע איבעריקע, און עס ווערט דערפון קימאַט אַ געלעכטערל. זייער אַ גוטס און זייער אַ געשמאַקס. דאָס ווערטל איז אַלעמען געפעלן. אײַניקע דערפאַר, וואָס ער ווייסט דאָס שוין פון לאַנג, און עס דערמאָנט אים אין זייער לאַנגאַניקס, ער הערט דאָס צום ערשטן מאָל און עס קלינגט פאַר אים ביז גאָר נײַ און פריש. עס ווילט זיך אָפּילע איבערכאַזערן:

— די זעלבע לייע, נאָר אַנדערש געשליי׳ערט.

אין יענע פיל נעכט, ווען דער שלאָף האָט ניט געוואָלט קומען, כאָטש האַרגע אים, ווען ער האָט געמוזט זיך איבערקלײַבן מיט אַלע זײַנע פּאַפּירלעך אין קיכל, די שײַן זאָל ניט שטערן שלאָפן עמעצן אַנדערש, ווען ער האָט געריסן איין בויגן פּאַפּיר נאָכן אַנדערן און ווען די בלײַערס האָבן זיך געבראָכן פון זיך אַליין, האָט ער אַלע מאָל זיך דערמאָנט דער מאַמע מאַניעס ווערטל און דאָס אַ ביסל איבערגעאַנדערשט.

— אוי, אַ לייע... שוין איינמאָל אַ לייע! און ווער ווייסט, ווער וועמען האָט פאַרשלייערט!

אין יענע נעכט, ווען דער געמיש פון פאַרכאַפּונג און פאַרצווייפלונג האָט אַרויסגערופן אַן אומדערטרעגלעכע שנײַדעניש אין די שלייפן און קיין שום פּילן האָבן ניט געהאָלפן, איז דאָס בעסטע מיטל געווען — אַרויסבאַקומען פונעם אַלבאָם די סאַמע קלענסטע און סאַמע טײַערסטע פאָטאָ, אַף וועלכער ס'איז אָפּגעפּאָרטרעטלט דאָס צוועלפיאָריקע סאָלדאַטיקל. ס'איז נאָך גאָר אַ שנעקל, די סאָלדאַטישע בגאָדים הענגען אַף אים, ווי אַ זאַק, די גימנאַסטיאָרקע איז פול מיט קנייטשן, דער ברייטער פאַס, מיט וועלכן ער האָט שטאָלצירט, וויל זיך ניט האַלטן דאָרט, וווּ מע דאַרף, רוקט זיך אַראָפּ און אַרויף, און אַפילע די שטיוול, שטאַרק אָנגעקנייטשטע, ווי אַ האַרמאָשקע, זײַנען אויך ניט פאַר זײַנע דאַרע פיסלעך. איצט פאַרכאַפּט אים ניט אַזוי די שטיוול און ניט דער פאַס, ווי דאָס פּאָנעם. נאָך אַלע גרויזאַמקײַטן, פון וועלכע דאָס פּענעמל איז געוואָרן זקייניש־אויסגעקנייטשט, האָט אַף דעם ווידער זיך באַוויזן עפּעס קינדעריש. די בעקעלעך האָבן זיך אויסגעקײַלעכיקט, אויסגעגלעט, אַ מעכײַע צו קוקן אַף זיי. נאָך מערער האָט ער ליב אַרײַנקוקן דעם סאָלדאַטיקל אין די אויגן. אין די טיף פאַרטראַכטע אויגן, וואָס פּאַסטן אַזוי ניט צום קינדערישן פּאָנעם. אַ מאָדנע זאַך: דאָס פּענעמל האָט אַזוי פײַן זיך אויסגעקײַלעכיקט, נאָר די אויגן האָבן שוין ניט געקאָנט באַקומען צוריק דאָס פריִערדיקע. אין זייער אומעטיקן בליק, אין זייער שטרענגער פאַרטראַכטקײַט איז ווי פאַרגליוועט געוואָרן דער גאַנצער שוידער און ווייטעק, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אונטערן האַרצן באַם קליינעם סאָלדאַטיקל.

קוקן זיי איינער אָפן אַנדערן, שמועסן זיך דורך שווײַגנדיק, דערמאָנענדיק דאָס אַמאָליקע.

— ווי זשע רופט מען דיך? — פרעגט מאַקס.

— מייער־מאַקס־מוישע, — ענטפערט דאָס יִינגעלע.

— אָ־אָ! — שמייכלט צו אים מאַקס. — דרײַ נעמען מיטאַמאָל! עס וועט פאַר זיי קיין אָרט ניט סטײַען אין סאָלדאַטישן בילעט. און ווי האָט דײַן מאַמע דיך גערופן?

— מײַן מאַמע האָט מיך גערופן מאַקסיוטע.

— וועלן מיר אַזוי פאַרשרײַבן.

זיך דורכגעשמועסט מיטן סאָלדאַטיקל, דוכט זיך אים, אַז דאָס שנײַדעניש אין די שלייפן איז אַ ביסל געלינדערט. דערצו האָט ער דערזען פאַר זיך דעם באַליבטן קאָמיסאַר פון דער דיוויזיע. דאָס האָט ער, דער קאָמיסאַר, געפרעגט באַ אים, ווי מע רופט אים, און ער האָט אויסגעמישט אַלע דרײַ נעמען מיטאַמאָל: מייער־מאַקס־מוישע.

אוי, ווי ער האָט עס געלאַכט, דער קאָמיסאַר, לאַנג און הילכיק. אַפילע אַרײַנגערופן דעם געהילף, ער זאָל אים העלפן לאַכן. האָבן זיי שוין געלאַכט אינדרײַען. מאַקס אַליין אויך.

— הער אַ מײַסע! — האָט דער קאָמיסאַר אַרויסגערעדט, קוים בײַקומענדיק דאָס געלעכטער. — דרײַ נעמען מיטאַמאָל. עס וועט גאָר אין בילעט זיך ניט אויסמאָסטען...

עס זעט אים אַליין אויס ביז גאָר טשיקאַווע, גלײַך ערשט איצט זיך דערוווּסט, ווי אַזוי איז ער פון אַלע זײַנע דרײַ נעמען געבליבן באַ איינעם, באַ מאַקסן.

די שפּיל איז אים געפעלן. אין קאָפּ ווערט ביז גאָר לויטער, לויטער און גרינג. קאָן ער זיך שוין דערלויבן אפילע א שפּאַס טאָן:

— זע נאַר, זע נאַר, אזאַ שנעקל! און שוין א מעדאַל „פאַר געוואַגטקײַט"! און אן אָרדען אפילע, אן אָרדען פון רום!

דאָס אויסגעגלעטע, קײַלעכיקע פּאָנעם, וואָס האָט ווידער ארופגענומען אף זיך א ביסל קינדערשס, און די אויגן, וואָס קאָנען שוין קיין קינדערשס אין זיך ניט ארײַנלאָזן, האָבן אליין וואָס צו זאָגן, וואָס צו דערציילן, וואָס צו דערמאָנען. ס'איז ניט אזוי גרינג און ניט אזוי גיך געקומען צו דעם עמעסדיקן סאָלדאַטישן בילעט.

א שאָד, א שאָד... ניטאָ קיין פּאָטאָ פון יענעם ייִנגעלע, וואָס איז יענעם ווינטערדיקן באַגינען ארופגעשפּרונגען אפן פערד און האָט אוועקגעיאָגט צום וואַלד. ער האָט געיאָגט און געיאָגט, אליין ניט געוווּסט וווּהין, געוווּסט בלויז, אז דער וואַלד וועט אים ראַטעווען, אז דער וואַלד וועט אים מאַכן פאַר אן אנדערן. ער האָט אפילע געפילט, אז ער הייבט שוין אָן ווערן אן אנדערער. עס טרעט אָפּ די שרעק, די פאַרלוירנקײַט, די דערשלאָגנקײַט, עס ווערט אים אזוי גרינג, גלײַך ער ווערט ביסלעכווײַז אָן די אייגענע וואָג. ער דאַרף שוין אפילע ניט דאָס פערד, ער קאָן אראָפּשפּרינגען פון דעם, ריכטיקער, ארויסשפּרינגען, א הייב טאָן זיך און אוועקפליִען. דער נאָך פאַרשלאָפענער ווינט, וועמען ער האָט אופגעוועקט מיט זײַן געלאָף, האָט אופגעהויבן אן אליאַרם. געפײַפט אין די אויערן, געקרעכצט און גאָר ווי אָנגעהויבן זינגען. און ער אויך. ער פליט און זינגט. פליט און זינגט.

ער האָט, אפּאָנעם, צו שטאַרק געיאָגט דאָס פערד און דאָס אפּאָנעמעסן פאַריאָגט. פלוצעם האָט זיך עס אָפּגעשטעלט, ווי צוגעזאָטן געוואָרן צו דער ערד, און ער איז שיִער ניט ארויסגעפלויגן פון דעם. דער בויך באַם פערד האָט זיך צעבלאָזן, ווי אן עמעסער בלאָזזאַק, און פונעם מויל האָט געזעצט א געדיכטע פּינע, וואָס איז זיך צעפלויגן ארום מיט פיל ווײַסע און בלוילעכע בלעזעלעך. ווי נאָר ער איז אראָפּגעקראָכן, איז דאָס פערד אומגעפאַלן, אויסגעצויגן דעם האַלדז און אויסגעראַטשעוועט די אויגן, פולע מיט טרערן. דער שווייס האָט געמאַכט די גאַנצע הויט גלאַנציק, ווי א שפּיגל. ער איז געשטאַנען, געגלעט דאָס פערד איבער דעם פאַרשוויצטן האַלדז און דערבײַ א טראַכט געטאָן, אז מע וואָלט עס געדאַרפט אײַנדעקן, עס זאָל זיך ניט צוקילן. אזוי האָט אים דער טאַטע געלערנט. נאָר אײַנדעקן איז ניט געווען מיט וואָס, האָט ער אראָפּגענומען דאָס קעפּטאַריקל און גוט אויסגעריבן דעם האַלדז, דעם רוקן, דעם בויך, געריבן אזוי לאַנג, ביז אים האָט זיך געדוכט, אז ער האָט שוין אויסגעריבן דעם גאַנצן שווייס און ס'איז איצט אָן סאַקאָנע. נאָכאַמאָל א גלעט געטאָן דאָס פערד און א זאָג געטאָן צו דעם:

— רו זיך אָפּ א ביסל און גיי אהיים. און איך וועל אוועקלויפן.

ער איז געלאָפן גרינג, אונטערשפּרינגענדיק. ווי א פאַרשײַטער קונדעס, וואָס לויפט גלאַט אזוי, פּאַשעט דערפאַר, ווײַל אים ווילט זיך א ביסל א לויף טאָן, ווײַל עס לויפט זיך אים גרינג, ער פילט ניט די פיס, פילט אפילע ניט די ערד אונטער זיך, פילט ניט דעם אייגענעם אָטעם, לויפט דערפאַר, וואָס ער האָט פון דער לויפעניש די גרעסטע האַנאָע.

אפילע ניט באַמערקט, ווי ער איז ארײַן אין וואַלד, ווי די ביימער האָבן אים ארומגערינגלט פון אלע זײַטן, ווי דער באַגינען האָט אָנגעהויבן אָפּטרעטן, און ס'איז ווידער געוואָרן טונקעלער. דער וואַלד איז געווען געדיכט אויסגעבעט מיט אָפּגעפאַלענע בלעטער, וואָס האָבן זיך געוויגט אונטער די פיס, געוויגט זיך, שטיל צוגעשורשעט און געמאַכט דעם געלאָף נאָך פריילעכער. ניט באַמערקט אויך, ווי צווײ געזונטע כעוורע זײַנען ארויסגעשפּרונגען פון זייער באַהעלטעניש און א כאַפּ געטאָן אים, א יאָגנדיקן, א כאַפּ געטאָן און אויסגעשריגן:

— שטיי, די הענט ארוף!

איז ער געבליבן שטיין א פאַרסאַפּעטער, ארומגעקוקט זיך ביז גאָר א דערשטוינטער און באַקוקט די צווײ אָנגעפּעלצטע גיבוירים מיט די רויטע בענדלעך אָף די היטלען. די רויטע בענדלעך האָבן געמאַכט צונישט די גאַנצע בייזקײַט זייערע, די שטרענגקײַט פון זייערע פּנעמער און זייערע דראָענדיקע בליקן. ס'האָט אים אפילע ניט געקימערט דאָס, וואָס איינער פון די צווײ, א ביסל צו א גראָבלעכער, האָט אים א נעם געטאָן פאַרן קעלנערל, ווי געקליבן זיך אים ווארגן, און סיפּענדיק ארויסגעקריצט:

— זאָג, ווער האָט דיך אונטערגעשיקט?

מאַקס האָט אלץ געקוקט אף זיי, א ביסל פאַריסן דעם קאָפּ, נאָך אלץ געסאָפּעט און צוגעשמייכלט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מוזן זיי זײַן אזוי בייז, פאַרוואָס קוקן זיי אזוי דראָענדיק, פאַרוואָס ווילן זיי אים ווארגן און וואָס ווילן זיי ביכלאַל פון אים. ער איז דאָך דערלאָפן אהין, וווּהין ער האָט געוואָלט! און ער האָט איצט ניט מוירע!

— ס'האָט מיך קיינער ניט אונטערגעשיקט, — ענטפערט ער אָפּ סאָפּענדיק און שמייכלענדיק. — איך אַליין... איך בין געלאָפן צו אײַך.

דער העכערער, וואָס איז, אַפּאַנעם, געווען דער עלטסטער, האָט זיך אָנגערופן:

— לאָז אים אָפּ, פּעטראָ, און גיב אהער דאָס טיכל.

נאָר דער גראָבלעכער, וועמען מע האָט גערופן פּעטראָ, האָט ניט געוואָלט אָפּזאָגענען זיך מיט זײַנע דראָונגען. פאַרבונדן אים די אויגן און אָנגענומען פאַר דער האַנט, האָט ער בייז אַרויסגערעדט:

— קום, קום, פייגעלע. דאָרטן וועסטו ווערן באַריידעוודיקער.

געפירט האָבן זיי אים לאַנג, זייער לאַנג, און פאַר דעם גאַנצן וועג קיין וואָרט צווישן זיך ניט אַרויסגערעדט, ס'זאָל זיך באַ זיי ניט אַרויסכאַפּן אַזוינס, וואָס ער, זייער געפאַנגענער, טאָר ניט וויסן. ס'איז אים שוין נימעס געוואָרן גיין אַזוי לאַנגזאַם מיט פאַרבונדענע אויגן, ס'האָט זיך געוואָלט א ביסל א לויף טאָן. דער שווייס האָט אָנגעהויבן קילן וואָס אַמאָל שטאַרקער, און ער האָט זייער בייטיק געדאַרפט אָנוואַרעמען זיך. אים האָט דאָס אַלץ געדוכט זיך, ווי א שפּיל אין בלינדזעניש, האָט ער זיך אָנגערופן:

— כעוורע, גענוג. איך בין שוין דערפרוירן.

— קום, קום, לאָזוטשיקל, — האָט פּעטראָ אים א שטויס געטאָן אין די פּלייצעס. — אײַנגיכן וועלן מיר דיך אָנוואַרעמען. אַזוי אָנוואַרעמען!

אָפּגעשטעלט זיך לעבן א זעמליאַנקע, איז דער העכערער געבליבן מיט אים, און פּעטראָ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ראַפּאָרטירן דעם קאָמאַנדיר וועגן דעם געפאַנגענעם. ערשט אין זעמליאַנקע האָבן זיי אים פאַנאַנדערגעבונדן די אויגן.

— דיאַדיא קאָסטיאַ! — האָט ער אויסגעשריגן.

ניין, ער האָט אים ניט גלײַך דערקענט, דעם דיאַדיע קאָסטיע. ער איז געווען לאַכלוטן ניט ענלעך אויף יענעם, מיט וועמען ער איז אַזויפיל אויסגעשטאַנען אין סטאַניסלאַווער געטאָ. נאָר די באָרד! פול מיט ווייכקייט, פון מיט גוטסקייט, אַפילו ווען איר באַלעבאָס קוקט אויף דיר אַזוי שטרענג.

דער דיאַדיע קאָסטיע האָט אים אויך ניט גלײַך דערקענט. ער איז שוין ניט געווען ענלעך אויף יענעם פאַרשמאַכטן יינגעלע, מיט וועלכן ער האָט יענע זומערדיקע נאַכט זיך אַרויסגעשמוגלט פון דער געטאָ. די מומע סטעפע האָט אים ניט שלעכט אונטערגעהאָדעוועט. דאָס אָנטאָן אויף אים איז אויך געווען אַן אַנדערס. דערפאַר איז געשען אַזוי: דער קאָמאַנדיר האָט זיך א הייב געטאָן פונעם טיש, שטרענג א קוק געטאָן אויף אים און אַרויסגערעדט אויך בייזלעך:

— נו, דערצייל, דערצייל...

נאָר די באָרד! די באָרד און די שטים! זיי האָבן ניט געקאָנט זײַן בייז. האָט ער זיך א וואַרף געטאָן צו אים און זיך צעוויינט.

— דיאַדיע קאָסטיע, דיאַדיע קאָסטיע!

האָט דער קאָמאַנדיר שוין אויך אים דערקענט. אַרומגענומען אים מיט ביידע הענט, צוגעדריקט דעם קאָפּ צו דער ברוסט, האָט ער געפּרוווט אים אײַנשטילן:

— וואָס זשע דאַרף מען וויינען, מאַקסיוטקאַ?

— איך האָב געמיינט... — גערעדט און געכליפּעט. — איך האָב געמיינט, אַז מע האָט אײַך דאַן... מע האָט אַזוי געשאָסן! איך האָב זיך געקײַקלט, נאָר איך האָב צוגעמאַכט די אויגן. אַלע מאָל, ווען מע שיסט, מאַך איך צו די אויגן. האָב איך אײַך פאַרלוירן.

— נו, רויִקער, מאַקסיוטקאַ, זעסט דאָך... איך בין ניט פון יענע.

אין יענער מינוט, ווען דער דיאַדיע קאָסטיע האָט אים געהאַלטן אין זײַנע אָרעמס, ווען זײַן שטים האָט ווייך אונטערגעברומט און זײַן באָרד האָט קיצלדיק זיך געגליטשט איבער זײַן פאַרווייַנט פּאָנעם, האָט מאַקסן זיך געדוכט, אַז דאָס רעדט ניט ער אַליין, דער דיאַדיע קאָסטיע, אַז דאָס רעדט צו אים זײַן גוטע, ווייכע באָרד, וואָס איז אַזוי ענלעך אויף זײַן טאַטנס.

מיטאָמאָל האָט דער דיאַדיע קאָסטיע שטרענג א זאָג געטאָן:

— פּעטראָ, אויף דײַן פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אָנהאָדעווען, לאָזן זיך אים גוט אויסשלאָפן און א קוק טאָן, ווו האַלט עס מיט זײַן אָנטאָן, וואָס דאַרף מען דאָרטן פאַריכטן. און ביכלאַל... דאָס באַכערל איז איינגאַנצן אויף דײַן פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אין די פּאַרטיזאַנישע זעמליאַנקעס האָט געשמעקט מיט איבערגעוואַרעמטער סמאָלע, מיט דורכגענעצטע אָנעטשעס, מיט צוגעברענטער קאַשע און מיט הארבן מאַכאָרקע־רויך. באַטאָג און באַנאַכט איז געשטאַנען א געשמאַקע, שמעקנדיקע, א ביסל צוגעברענטע וואַרעמקייט, פון

וועלכער ס'האָט זיך שטאַרק געוואָלט שלאָפֿן. די כאַלוימעס זײַנען אויך געווען וואַרעמע, שמעקנדיקע און אַ ביסל צוגעבערענטע. גוטע, שיינע כאַלוימעס, אָן יענע קלעמענישן און אָן יענע גרוילן. אַלץ, ווי אַמאָל איז געווען. אַלע האָבן געלעבט, די שטוב אַליין אויך. אַ לעבע־דיקע שטוב, פֿול מיט וואַרעמע, רייצנדיקע רייכעס. און צו יעדערן קאָן מען זיך צורירן, עס ווערט קיינער ניט פֿאַרשווונדן. טוליעט ער זיך צו דעם טאַטן, טוליעט זיך צו דער מאַמען, נעמט אָף די הענט זייער מיזיניקל, ווינקט אונטער צו גיזעלען. ער וואָלט איינגאַנצן זיך ניט אויפֿגעכאַפּט פֿונעם שלאָף, זאָל ער זיך ציִען אָן אַ סאָף, דער שיינער, דער וואַרעמער באַ־לעבאָס, נאָר פּעטראָ, אָט דער פּעמפּיקוואַטער פּעטראָ מיט די גראָבע פֿאַרבויגענע ליפּן און מיט ווײַסלעכע אויגן, פּעטראָ, וועמען דער דיאַדיע קאָסטיע האָט איבערגעגעבן אים, מאַקסן, אָף זײַן אכרײַעס, וועקט אים אַלע מאָל אוף און צווינגט אים אופּעסן אַ פֿולע שיסל קאַשע. נאָר דאָס מאַכט ניט אויס. ער זיצט אָף דער אָנגעבעטער נאַרע אַ שלעפֿעריקער, שלינגט די קאַשע, און דער כאַלעם גייט זיך ווײַטער.

דערנאָך... ער איז דערפֿאַר שטאַרק בייז געווען אָף פּעטראָען. ער האָט אים אָנגעהויבן וועקן יעדן פֿאַרטאָג, געצווונגען אַרויסשפּרינגען גלײַך מיט אַלע אין איין העמד, אָנרײַבן דאָס לײַב מיט שניי און לויפֿן, אַרומדרייען זיך אַרום דער זעמליאַנקע, ביז דער שוויס וועט אַ זעץ טאָן. אַלע לאַכן דערבײַ, ער אויך, און ס'איז אים גוט, מאַקסן, אַזוי גוט, אַז ער ווייסט שוין ניט, ווו הייבט ער זיך אָן, דער כאַלעם, און ווו ענדיקט ער זיך.

דערנאָך... דאָס האָט ער שוין אַליין. וויבאַלד פּעטראָ וועקט אים אַלע פֿאַרטאָג, טאָ זאָל ער אים לערנען שיסן. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּאַרטיזאַן, וואָס קאָן זיך ניט צילעווען אַזוי, אַז די קויל זאָל טרעפֿן אַהין, ווו מע דאַרף. דערנאָך איז ער ווי אַ גרויסער געשטאַנען אָף דער וואַך אַרום די זעמליאַנקעס, אײַנגעקוקט זיך אין די בלויע רויכעלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן פֿון די פֿאַרבאַרגענע קוימענדלעך, אײַנגעהערט זיך אין די רוישן, אין די שאָרכן, מיט וועלכע ס'איז פֿול געווען דער וואַלד, און אַליין געדאַרפֿט באַשטימען, צי דאָס האָט דער ווינט אַ טרייסל געטאָן די ביימער, צי איז ערגעץ ניט ווײַט דורכגעלאָפֿן אַ ווילדע ציג, אַ פּיקסל, צי עפּשער איז געשען אַזוינס, ווען מע דאַרף אויסשיסן און אופֿהייבן אָן אַליאַרם.

דערנאָך איז ער געשטאַנען אָף דער וואַך אָפֿן סאַמע פֿאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אָפֿן ברעג וואַלד, פֿעסט צוגעקוועטשט דאָס קאַראַבינדל צו דער ברוסט, און אײַנגעקוקט זיך אינעם באָענטן און ווײַטן אַרום, אין די פֿאַרשנייטע פֿעלדער, וואָס גיסן זיך צונויף מיטן נעפּל, אין די שיטערע הײַזער, וואָס זײַנען צעוואָרפֿן דאָ און דאָרטן, גרייט אַרופֿוואַרפֿן זיך אָף יעדן ניט געוווּנטשענעם גאַסט אַזוי, ווי פּעטראָ האָט זיך אָף אים אַרופֿגעוואָרפֿן, און אַ נעם טאָן יענעם פֿאַרן קאָלנער, ווי פּעטראָ האָט אים געגומען. ס'וואָלט אים אוודאי געווען ביז גאָר אומהיימלעך און אַ ביסל שרעקלעך אויך, ווען דערבײַ זאָל ניט געווען זײַן פּעטראָ, וואָס האָט אַלע מאָל אַ שמייכל געטאָן מיט זײַן קײַלעכיק פּאָנעם און אַ ווונק געטאָן מיט זײַנע ווײַס־לעכע אויגן.

און איינמאָל... ווידער טאַקע אַדאַנק פּעטראָען. דאָס האָט ער, אָף זײַן אכרײַעס אים מיטגענומען מיט זיך אָף איינער אַ דיווערסיע. האָט ער גלײַך מיט אַלע געטאַסקעט אָף די פּלייצעס אַ קעסטעלע מיט אופֿרײַס־מאַטעריאַל, אַרײַנגעגראָבן דאָס אונטער די רעלסן פֿון דער אײַזנבאַן־ליניע און דערנאָך אָפּגעלעגן עטלעכע לאַנגע שאָ אין שניי און געוואַרט, ביז דער ערשטער עשעלאָן, זייער אַ לאַנגער, עפּשער דרײַסיק וואַגאָנען, פֿול מיט פֿאַשיסטן, האָט זיך אופֿגעריסן, זיך צעפֿלויגן אָף שטיקלעך, און איבערן גאַנצן אַרום האָט געפֿלאַקערט אַ סרייפֿע, ס'האָט געבליצט און געדונערט, און איניינעם מיטן פֿלאַם און רויך, איניינעם מיט די טראַסקענדיקע, דונערנדיקע קוילן, סנאַריאַדן און באָמבעס האָבן זיך געריסן אַרוף און זיך צעפֿאַלן איבערן אַרום, צעפֿאַלן ווי די טלײַענדיקע האָלעוועשקעס, די גוואַלדן און קרעכצן פֿון די צעקאַליעטשעטע פֿאַשיסטן.

ער האָט געשפּאַנט צווישן די וווּקסיקע, ברייטפּלייציקע כעוורע, נאָך אַלץ אַזאַ מאַגער־לעכער, מיט דאַרע פּיסלעך און אַ דין, אויסגעצויגן העלדזל, אין דער מומע סטעפּעס העמדל, אין וואַסילס פּעלצל, געשפּאַנט און געסטאַרעט זיך נאָכמאַכן זייער ברייטן, האַסטיקן שפּאַן, געשפּאַנט און אַ ביסל אונטערגעלאָפֿן, ער זאָל ניט אָפּשטיין, אַלע מאָל אונטערגעשפּרונגען, ער זאָל אויסזען אַ ביסל העכער, וווּקסיקער, געפּרוּווט, ווי אַלע איבעריקע, אַמאָל אַ כאָכמע טאָן זיך מיט ניט קיין קינדערשער כאָכמע און, פּונקט ווי זיי, אַ שפּײַ טאָן צווישן די ציין, ווען עס כאַפּט זיך אַרויס אַ זידלוואָרט, בייס וועלכן מע מוז אויסשפּײַען. ער האָט געשפּאַנט, אַלע מאָל אַ טרייסל געטאָן מיטן קאַראַבינדל, וואָס האָט זיך געבאַמבלט הינטער די פּלייצעס, געבאַמבלט און אַ ביסל געריבן, און שטאַרק מעקאַנע געווען די כעווּרע, באַזונדערס פּעטראָען, אָף וועמען די ביקס ליגט ווי צוגעזאָטן.

געפּאַטערט האָט אים די סימכע, דעם אייגענעם שטאָלץ גראָד דער דיאַדיע קאָסטיע. ווען ער האָט דערזען מאַקסן צווישן דער גרופּע, וואָס האָט בעשאָלעם זיך אומגעקערט און מיט פּרייד ראַפּאָרטירט וועגן דער דערפּאָלגרײַכער אָפּעראַציע, האָט ער אַ ווײַז געטאָן אַף אים און שטרענג געפרעגט:

— ווער האָט דערלויבט?

ניט באַקומענדיק קיין קלאָרן ענטפער, האָט ער נאָך שטרענגער געוואָרנט:

— אָן מײַן דערלויבעניש ניט דערוועגן זיך!

אינגיכן האָט פאַר זייער פּאַרטיזאַנישער גרופּע זיך אָנגעהויבן זייער אַ שווערע צײַט. איין שטראָף־אָטריאַד נאָכן אַנדערן. אַלע מאָל האָט מען געדאַרפט אָדער אָפּשלאָגן זיך, אָדער בײַטן דאָס אָרט. אַלע מאָל זײַנען געווען פּאַרווונדעטע, וואָס מע האָט געדאַרפט טראָגן אַף זיך, און געהאַרגעטע, וואָס מע האָט געדאַרפט מעקאַבער זײַן. און אָפט לאַנגן וועג זייערן, זייער אַ שווערן און זייער אַ פּאַרפּלאָנטערטן, אָן אַ שיר קוואָרים, קוואָרים, קוואָרים... אַלע מאָל נאָך יעדער אַזאַ שלאַכט, נאָך יעדער אַזאַ מאַרש איז צו אים צוגעקומען דער דיאַדיע קאָסטיע, אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זײַן אַקסל און אַרויסגעזיפצט:

— אַזוי איז דאָס, מאַקסיוטקאַ...

אין זײַנע אויגן, אין זײַן טיף פּאַרומערטן בליק איז געווען אַ סאַך מערער פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. און מעגלעך דערפאַר, איבער יענע שווערע שלאַכטן און אויסמאַטערנדיקע מאַרשן איז פאַר מאַקסן געבליבן אַ סאַך ניט קיין דערזאָגטס און נאָך מערער אומבאַוווּסטס, אַף שטענדיק אומבאַוווּסטס וועגן דיאַדיע קאָסטיען.

געשען איז דאָס ניט איבער די שטראָף־אָטריאַדן און ניט איבער די שווערע מאַרשן. שולדיק אין דעם איז ער אַליין, מאַקסיוטקע. ערשט נאָך אַלעמען, נאָך אַלע אויסקומענישן, איז אים באַפאַלן אַ צוקילעכץ, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין אים פאַר צוויי ווינטערס אײַנ־נעם. פאַר פיל טעג און נעכט, פאַרבראַכטע אין וואַלד, אין פעלד, אין שניי און אין פרעסט. אַ צוקילעכץ, וואָס האָט באַשאָטן דאָס גאַנצע לײַב מיט בלאָטערן. מעגלעך, אַז טאַקע איבער די מאַרשן. שוין ניט געווען יענע זעמליאַנקעס מיט זייער שטענדיקער, זיסלעכער און אַ ביסל צוגעברענטער וואַרעמקײַט. מע האָט געגנעכטיקט, ווו עס האָט זיך געלאָזט, און ניט שטענדיק געקאָנט אַפילו אָנצינדן אַ שײַטער. האָט זיך אָנגעקליבן אַלץ מיטאַמאָל, און ער האָט שוין ניט געקאָנט מאַכן קיין שפּאַן. מע האָט אים אַליין געמוזט טאַסקען אַף אַ טראָגבעטל, אַן אָפּגעשוואָכט ברײַעלע פון הוילע בלאָטערן.

ווייסט ער ביז הײַנט ניט, ווען און ווי־אַזוי איז דאָס געשען. נאָר געוויס איז דאָס געווען דעם דיאַדיע קאָסטיעס אײַנפאַל. ווען עס האָט זיך אײַנגעגעבן צוגרייטן אַ פלאַץ און אַרויס־רופן אַן אַעראָפּלאַן אַף פאַרנעמען די פאַרווונדעטע, האָט מען אויך אים אַריבערגעפּעקלט איבער דער פראָנט־ליניע. געקומען צו־זיך, האָט ער זיך דערזען אין אַ גרויסן, ליכטיקן האָס־פּיטאַל... אַזש אונטער מאָסקווע.

— דיאַדיע קאָסטיע, דיאַדיע קאָסטיע!

אַפילו איצט, ווען ער זיצט באַם טיש, וואָס איז פאַרוואַלגערט מיט פאַרשיידענע צייכע־נונגען, ווען די בלײַערס האַלטן אין איין ברעכן זיך, ווען עס הערט ניט אויף שנײַדן אין די שלייפן, ווילט זיך אים שרײַען, רופן, אַזוי ווי אין יענער זומערדיקער נאַכט, ווען ער איז ווי־דער געבליבן איינער אַליין.

אין האָספּיטאַל האָט מען אים גאַנץ גיך געשטעלט אַף די פיס. וווהין זײַנען זיי עס אַהינגעקומען, די אַלע בלאָטערן און ווונדן? צי פון די שמירעכצן, מיט וועלכע מע האָט אים געשמירט אַלע טעג, צי פּאַשעט פון דער וואַרעמקײַט אַליין, פון דער וואַרעמקײַט, געמיט־לעכקײַט און ציכטיקײַט, פון וועלכער ער איז שוין לאַנג געווען אָפּגעוווינט, ווי פון די הייסע, כאָטש ניט איבעריק פעטע באָרשטשן. און עפשער מערער פון אַלעמען — פון די גוטע אויגן פון דער מומע טאַניע, דער קראַנקן־שוועסטער, און פון אירע שטילע קושן, פון וועלכע ס'האָט זיך געוואָלט וויינען.

און ערשט נאָך אַלעמען... אַ קינדערהיים. אים, מאַקסן, אין אַ קינדערהיים! פאַר אים איז דאָס געווען די סאַמע ערגסטע שטראָף. פאַר אים איז אומגעלעך געווען אומקערן זיך צוריק, ווידער ווערן אַ געוויינלעך עלפיאָריק יאַטעלע. זײַנע עלף יאָר זײַנען געווען אַזוי ווײַט פון אים!

זיי זײַנען דאָ אַלע געווען אַזעלכע, וועמען די מילכאָמע האָט פאַריאָסעמט. אייניקע האָבן פאַרלוירן טאַטע־מאַמע בייס אַ באָמבאַרדירונג, באַ אַנדערע איז דער טאַטע אומגעקומען אַפן

פראַנט, געווען ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס געדענקען ביכלאַל גאָרנישט ניט, זיי מאָלט זיך אַלץ, ווי אַ שרעקלעכע סרײַפע, אַ פּאַרפּלייצונג, אָדער גאָר אַ מאַבל, בייס וועלכן עס זײַנען דער־טרונקען געוואָרן, פאַרברענט געוואָרן, אָדער אַף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן ניט געסטײַעט... דער טאַטע, די מאַמע, אַלע, אַלע... גיט בלויז אַמאָל אַ בליץ אוף אין זייער קינדערשן זיקאָרן עפּעס שווידערלעכס און זיי הייבן אָן שרײַען. זיי ווייסן אַליין ניט פאַרוואָס... זיי ווייסן ניט, און ער ווייסט. ער ווייסט און געדענקט אַלץ. און ער קאָן ניט ווערן ווידער אַ קינד, ועמען מע פירט אַף אַ שפּאַציר, מע זעצט אַוועק באַם טיש צום מיטיק און מע פירט אין שול אַרײַן. ער איז דאָך שוין געווען אַ פּאַרטיזאַן, ער האָט שוין אופגעריסן עשעלאָנען!

אַנטלויפן איז געווען ניט שווער. ער איז שוין ניט איין מאָל אַנטלאָפן פון אַ סאַך גע־פערלעכע ערטער. געדוכט האָט זיך אים, אַז דער איניען איז אַ גאַנץ פּאַשעטער. ער וועט אוועק אַפן וואָקזאַל, זיך אַרײַנכאַפּן אין אַן עשעלאָן, וואָס גייט אַפן פראָנט, און שוין. נאָר אַזעלכע באַלאָנים זײַנען געווען ניט ווייניק. האָט מען אים גלײַך פאַרהאַלטן.

— ווּהין קלײַבן מיר זיך? — האָט געפרעגט דער מיליציאָנער.

— וואָס הייסט ווּהין, אַפן פראָנט!

— טאַקע גלײַך אַפן פראָנט? און אַף וועלכן?

ער האָט דאַפקע אָפּגעענטפערט ניט שלעכט.

— מיר איז אַלצײנס! מײַן טאַטן האָט מען צעשאָסן, מײַן מאַמען האָט מען אופגעהאַנגען.

ער האָט זיך געקליבן אויסרעכענען אַלעמען, נאָר דער מיליציאָנער האָט אים איבער־געשלאָגן:

— געזען, געזען אַזעלכע. געוויס פון קינדערהיים?

— נו?

דאָס האָט געדאַרפט הייסן: און אַז פון קינדערהיים, איז וואָס? נאָר גראָד דער „נו" האָט גורים געווען, ער זאָל איבערנעכטיקן אין קינדערהיים נאָך אַ נאַכט.

דערפאַר איז ער דעם צווייטן גאַנצפרי אַוועק שוין ניט אַפן וואָקזאַל, נאָר אין וואָיענ־קאָמאַט, זיך אַרײַנגעריסן אין קאַבינעט צום סאַמע עלטסטן, און נאָך איידער יענער האָט גע־וואָלט עפּעס פרעגן, האָט ער אויסגעשאָטן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן.

— מײַן טאַטן האָט מען צעשאָסן, מײַן מאַמען האָט מען אופגעהאַנגען, מײַנע ברידערלעך האָט מען דערשטיקט, און מיך אויך. שוין דרײַ מאָל צעשאָסן, און איך בין שוין געווען אַ פּאַרטיזאַן, פרעגט אין האָספּיטאַל.

— אַ־אַ! — דער הויכער, דער שטרענגער קאָמיסאַר, וואָס האָט שוין באַוויזן פאַרלירן אַ האַנט אַף דער מילכאָמע, האָט אַפילע אַ שמייכל געטאָן. — אַ לאַנגער ראַפּאָרט באַ דיר. נו, דערצייל, נאָר ניט געכאַפּט.

האָט ער שוין אַ ביסל רויקער, ניט געכאַפּט אויסדערציילט וועגן אַלץ פונעם אָנהייב ביזן סאָף.

— אַזאַ געשיכטע, — האָט דער וואָיענקאָם אַ זיפץ געטאָן. — איז וואָס זשע ווילסטו?

— איך וויל אַפן פראָנט.

— טאַקע גלײַך אַפן פראָנט? און עפּשער אין אַ מיליטער־שול? מע דאַרף דאָך קאָנען שיסן.

— שיסן קאָן איך. אופרײַסן אויך. וואָס איר ווילט, קאָן איך!

— איז דאָך אַוודע גוט. וועט עס גיין באַ דיר גיכער, ווי באַ אַנדערע.

די מיליטער־שול איז אויך געווען פאַר אים צו גוט. נאָך בעסער, ווי אין קינדערהיים. דאָס „צו גוט" האָט ווי געבראָטן. ער האָט ווי געשעמט זיך פאַרן צו גוטן. געוויס איז אין דעם געווען אַ סאַך קינדערשס, נאָר... די אַלע צעשאָסענע, געהאַנגענע און דערשטיקטע, דער דיאַדיע קאָסטיע און פּעטראָ, אַלע זיי, וואָס מוזן אַלע מאָל אָפּשלאָגן זיך, נעכטיקן אין שניי און אַפילע ניט קאָנען אָנצינדן קיין שײַטער.

איצט זעט עס אויס ביז גאָר קינדעריש. נאָר ווען ניט זײַן נאַיווקײַט, וואָלט ער אַזוי גיך ניט געזען דעם פראָנט. אײַנקוקנדיק זיך אינעם יאַטל אין מיליטערישן, באַזונדערס אינעם ברייטן פּאַס, מיט וועלכן ער האָט אַזוי שטאָלצירט, שמייכלט ער צו אים מיט באַוויליקונג:

— מאָלאַדיעץ, מאַקסיוטאַ.

דאָס מײַנט ער יענע מינוט, ווען ער איז צוגעקומען צו אַ גרופּע אָפיצערן, וואָס זײַנען אָפּגעפאָרן אַפן פראָנט, און אָנגעהויבן בעטן זיך:

— נעמט מיך מיט מיט זיך.

און קעדײַ יענע זאַלן װיסן, װער ער איז, האָט ער אױסגעשאָטן אַלץ, װי מיט עטלעכע טעג צוריק דעם װאַיענקאַם.
ס'איז אים אַלײן שװער געװען גלײבן אין דעם. פאַר אײן שאָ איז אַלץ פאַרטיק געװאָרן! און ער האָט שױן אַ צײַגעניש, װי אַלע מיליטערישע, אַ טרוקענעם פּאַיאָק און אָן עמעסדיקן שפּײַז־אַטעסטאַט. און אַז עס הײבט זיך אָן אַ שײן מײַסעלע, גײט עס שױן אַזױ ביזן סאָף. לאָזט זיך אױס, אַז דער אַפּיצער, װאָס האָט אים גענומען אױף זײַן אַכרײַעס, װערט געשיקט אַלס קאָמאַנדיר פֿון אַן אױסשפּיר־ראָטע, װעט ער אים מיטנעמען מיט זיך און מאַכן פֿאַר אָן עמעסן ראַזװעדטשיק.

ס'איז עפּשער געװען אַ נאַרישקײַט, נאָר מע האָט דען געקאָנט צוטראַכטן עפּעס קליגערס? װאָס איז אַרױסגעקומען דערפֿון, װאָס ער איז אַרױסגעגאַן אַנגעטאָן אין מיליטערישן, זיך גערעכנט פֿאַר אַ זון פֿון פּאָלק און איז געװען פאַרשריבן אין די צעטלען פֿון דער אױסשפּיר־ראָטע? איז גוט, װאָס דער קאָמאַנדיר פֿון װזװאָד, דער הױכער ברײטפּלײציקער קאַזאַך ניעכמאַדולין האָט געקראָגן פֿאַר אים אַן עמעסדיקן אױטאָמאַט. אַ קאַפּריזנע ברױע געװען, ניט געקאָנט לײַדן קײן מינדסטע שטױבעלע. האָט ער אים גערײניקט, געשמירט, יעדן טאָג איבער־געריבן אַלע זײַנע בײנדעלעך, און באַ יעדער געלעגנהײַט דערװיזן דעם קאָמאַנדיר, אַז ער שיסט ניט ערגער פֿון אַנדערע.
ס'װאָלט זיך עפּשער ניט אײַנגעגעבן אַזאַ קונץ, נאָר ניעכמאַדולין אַלײן האָט אים אונ־טערגעזאָגט, װיאַזױ איבערכיטרעװען דעם ראָטנע, װאָס האַלט אין אײן טײַנען, אַז מע טאָר אים נאָך ניט נעמען אין קײן ראַזװעדקע. ניעכמאַדולינס אײצע איז געװען אַ גאַנץ פּראָסטע. זאָל ער זײ קלױמערשט באַגלײטן, װען זײ װעלן אַװעק אין דער אָרדנטלעכער ראַזװעדקע. ער באַגלײט זײ פּאַשעט אַ ביסל, און שױן. אונטער די אָקאָפּעס זאָל ער ניט סטײַען און נאָכקוקן, װאָס זײ װעלן װײַטער טאָן. און אַבי ער װעט אַרױסקריכן מיט זײ אינײנעם, װעט ער שױן מוזן פֿױזען װײַטער. בלױז מיט אײן טנײַ: װעט זיך אײַנגעבן די שפּיל, איז גוט, דאָס איבעריקע נעמט ער אױף זיך, טאָמער פּאַלט ער דורך, איז שױן זײַן מאַזל אַזאַ. ער, ניעכמאַדולין, װײסט פֿון גאָרניט. אָון נאָך אַ זאַך: גיט זיך אים אײַן, װעט ער פֿון אים מאַכן אַן עמעסן ראַזװעדטשיק, פּאַלט ער דורך, מעג ער פאַרגעסן אין דעם. קײן ראַזװעדטשיק װעט ער קײנמאָל ניט זײַן.
אַ גוטער קאָמאַנדיר געװען ניעכמאַדולין, אַ האַרציקער באָכער. מאַקסיוטע זאָל זיך אַזױ ניט נעמען צום האַרצן פֿון זײַנע װאָרענונגען, האָט ער אים אױװקגעשענקט צװײ קלײנע גראַנאַטעלעך. מע קאָן זײ באַהאַלטן אין קעשענע אַזױ, אַז קײנער זאָל ניט באַמערקן. דאָרטן װעלן זײ צוניץ קומען. און ביכלאַל, װאָס איז דאָס פֿאַר אַ ראַזװעדטשיק אָן גראַנאַטעס?
ס'איז געװען פֿריִער פֿרילינג. סאָף מאַרט, אָדער אָנהײב אַפּרעל. באַטאָג האָט די זון פֿײַן צוגעװאַרעמט, און צװישן די פאַרשײדענע קלאַנגען, מיט װעלכע ס'איז פֿול געװען דער װאַלד, האָט מען געקאָנט הערן, װי עס שפּאַלטן זיך, װי עס פּלאַצן די אָנגעשװאָלענע קנאָספּן. די גאַנצע װעלט האָט אָנגעהױבן איבערגעפֿאַרבט װערן אין גרינעם און ס'האָט אַזױ רײצנדיק געשמעקט! מיט דער מאַמעס פּורים־קױלעטשן האָט געשמעקט.
ערעװ אַזאַ שפּאַציר עסן די ראַזװעדטשיקעס אָפּ די װעטשערע אַ ביסל פֿריִער, קעדײַ באַצײַטנס זיך דערקלײַבן צו די אָקאָפּעס, אַרומקוקן זיך װי געהעריק, אױסמעסטן, אױספֿאָרשן מיטן בליק יעדער טריט פּונעם שמאָלן סטעזשקעלע, װאָס די סאַפּיאָרן האָבן דורכגעמאַכט אױפֿן מינען־פֿעלד, אָנמאָלן אין די געדאַנקען אַלע מעגלעכע אומדערװאַרטקײַטן אױף יענער זײַט און באַשטימען די אײגענע אױפֿירונג.
— מאַקסיוטאַ, װעסט אונדז באַגלײטן אַ ביסל?
דאָס האָט ניעכמאַדולין אַרױסגערעדט, װי ניט אומיסטן, װי אַזױנס, װאָס איז אים נאָר װאָס געקומען אױפֿן זינען, און ער מײנט דערבײַ גאָרניט. פּאַשעט, באַגלײטן זײ ביז האַלב װעג, ביז דרײַ פֿערטל װעג, אין לעצטן פֿאַל ביז דער פּאָדער־ליניע, װוּ מאַקס איז ניט אײן מאָל געװען מיט אַ שליכעס.
ביז הײַנט פֿאַרשטײט ער ניט, מאַקס, װי דאָס האָט זיך אים אײַנגעגעבן. צי ס'האָבן װעגן דעם געװוּסט אַלע זיבן אױסשפּירער און זיך געמאַכט ניט װיסנדיק, צי איז ער טאַקע געװען אַזאַ ספּריטנער, װאָס האָט געקאָנט אַלעמען איבערכיטרעװען.
געװיס האָט ניעכמאַדולין אַלץ באַצײַטנס באַטראַכט און צוגעטראַכט אַלץ, װאָס ער, מאַקס, װעט דאַרפֿן טאָן אױף יענער זײַט. האָט ער אים אָנגעזאָגט, אַז װי נאָר ער װעט ניט סטײַען, זאָל ער זיך גלײַך איבערטאָן אין די פּױערישע שמאַטעס, װאָס דאַרפֿן ליגן באַ אים אין זע־קעלע, און זײַן מיליטעריש אָנטאָן פֿאַרוקן ערגעץ אַזױ, ער זאָל דאָס דערנאָך קאָנען געפֿינען.

איבערגעטאָן זיך, איז ער געוואָרן ענלעך אַף פיל אַנדערע כעווורע, וואָס בלאָנדזשען אַרום איבער די דערפער, און שוין אָנגעהויבן פויזען אַף אַלע פיר, ווו מע האָט געדאַרפט און ווו ניט געדאַרפט. אים האָט זיך געדוכט, אַז פון אַלע ווינקעלעך טשאַטעוועט מען אים נאָך. און נאָך האָט זיך אים געדוכט, אַז פון אָט דעם פויזען, פון אָט דעם פּרווו הענגט אָפּ זײַן ווײַטערדיקער גורל, דאָס גאַנצע לעבן זײַנס. צי וועט ער ווערן אַן עמעסדיקער ראַזוועדטשיק, צי ניין. האָט ער נאָכגעשפּירט נאָך דער אויסשפּיר־גרופּע, נאָכגעקראָכן נאָך איר, באַהאַלטנדיק זיך אַלע מאָל אונטער אַן אַנדער בערגעלע, און געהאַלטן אין איין אײַנרעדן זיך — דעריקער איז די ערשטע ראַזוועדקע! אַבי דורכקומען די ערשטע ראַזוועדקע!

ער איז צוגעפאַלן צו דער ערד עטלעכע שפּאַן פון די אָקאָפּעס און שוין מער זיך ניט אופגעהויבן. און שוין ניט געפויזעט, נאָר געקײַקלט זיך, געקײַקלט זיך, ווי גאָר אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד און געשפּילט אין בלינדזעניש, אַרײַנגעקײַקלט זיך איינער אַליין און אַרויסגעקײַקלט זיך שוין איניינעם מיט די אויסשפּירער, געפויזעט מיט זיי איניינעם — ווו געפויזעט, ווו אַ ביסל איבערגעלאָפן און ווידער צוגעפאַלן צו דער ערד, אײַנגעגראָבן זיך אין איר מיט אַלע איייוורים, עס זאָל אים ניט פאַרטשעפּען קיין נאַרישע קויל, פון יענע קוילן, וואָס שיטן זיך איצט פון ביידע זײַטן.

ווען זיי האָבן בעשאָלעם זיך אַריבערגעקליבן איבער די דײַטשישע אָקאָפּעס און צונויפגעקומען זיך אין אַ שמאָל יאַרוגעלע, איז ער גלײַך מיט אַלע צוגעלאָפן, צוגעשפּרונגען אַ פאַרסאָפּעטער, און אַפילע דאַן, באַנאַכט, האָט מען געקאָנט באַמערקן, ווי זײַנע אויגן גלאַנצן העפקערדיק. גלײַך ער האָט געוווּנען די סאַמע שווערסטע שפּיל אין בלינדזעניש און קיינער האָט אים ניט באַמערקט, קיינער האָט אים ניט אופגעדעקט פאַר דער צײַט.

— מאַקסיוטאַ, — האָט קלוימערשט בייז אַרויסגעשעפּטשעט דער קאָמאַנדיר פון ווזוואָד. — ווי קומסטו אַהער?

— פּונקט אַזוי, ווי איר, כאוווער קאָמאַנדיר!

געוויס האָט ניעכמאַדולין געדאַרפט זאָגן עטלעכע וואָרענענדיקע ווערטער, נאָר ער איז געווען פאַרנומען מיט מערער ערנסטע זאַכן, האָט ער בלויז אַ זאָג געטאָן:

— געדענק זשע, מאַקסיוטאַ...

מיסטאַמע האָבן אַלע איבעריקע יאָ געוווּסט וועגן ניעכמאַדולינס אופּטו. ס'איז קיינער ניט געווען דערשטוינט, קיינער ניט איבעראַשט. אַלע מאָל האָט אַן אַנדערער אים אַרומגענומען, אָדער גרינג אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע:

— מאָלאָדיעץ, מאַקסיוטאַ!

— נאָר ניט געשראָקן זיך.

ס'איז געווען סאָף מאַרט, צי אָנהייב אַפּרעל. באַנאַכט איז נאָך געווען קילבלעך, נאָר אויך באַנאַכט האָט מען געהערט, ווי עס פּלאַצן די קנאָספּן. געווען איז דאָס ערגעץ צווישן קורסק און בעלגאָראָד. די יעדיִעס וועגן אַ נײַעם דײַטשישן אָנגריף זײַנען געווען ניט קיין קלאָרע און ווידערשפּרעכלעכע. מע האָט נייטיק געדאַרפט האָבן צוויי זאַכן. מיט די אייגענע אויגן זען די נאָענטסטע סטאַנציעס, די נײַע עשעלאָנען מיט מיליטער און באַוואָפענונג און קריגן אַ „צונג". אַ גוטן און היכגעשטעלטן „צונג", וואָס זאָל האָבן וואָס צו דערציילן.

דער הימל איז געווען פול מיט שטערן, וואָס זײַנען ווי אַרויסגעשוווּמען פון יענע ווײַטע נעכט, ווען ער האָט איינער אַליין אַרומגעבלאָנדזשעט אין די קאַרפּאַטן. ניעכמאַדולין האָט אויך געקוקט אַפּן הימל, אויך באַקוקט די שטערן, נאָר ער האָט מיט זיי געהאַט גאָר אַן אַנדער כעזשבן.

— אוך, אַ נאַכטעלע... — האָט ער אַרויסגערעדט אַ צופרידענער. — און די שטערן... דאָס, וואָס מע דאַרף.

האָבן, הייסט עס, די שטערן טאַקע אַ ווערט פאַר די ראַזוועדטשיקעס! ניעכמאַדולין האָט אַרויסגענומען פון דער פּלאַנשעטקע די קאַרטע־צווייווערסטקע און, ווי צוגעמאָסטן זי צו די שטערן, אַ זאָג געטאָן:

— אַלץ איז ריכטיק. און אָט איז דער פּאָליאַרנער שטערן. פונדאַנען וועלן מיר אָנהייבן.

נאָר איידער אָנהייבן עפּעס האָבן אַלע זיך צוגעזעצט, ווי פאַר אַ ווײַטן וועג. עמעצער האָט אַ טאַפּ געטאָן די קעשענעס, ווי געקליבן זיך אַרויסנעמען דעם טוטין אַף פאַררייכערן, נאָר באַם טאַפּן איז מען געבליבן. מע איז געזעסן שטיל, זיך אײַנגעהערט אין דער נאַכט. האָט מאַקס אויך זיך אײַנגעהערט, כאָטש אין וואָס דאַרף מען זיך אײַנהערן, האָט ער ניט געוווּסט.

— די ערשטע אופגאַבע איז אַזאַ: דערקלײַבן זיך צו דער סטאַנציע און פאַרנעמען די געהעריקע פּאָזיציעס אַף באַאָבאַכטן. דערנאָך ציילן. ציילן און פאַרגעדענקען.

ניעכמאדולין מאכט א קליינע פּאוזע און רופט זיך אָן צו אים, צו מאקסן:
— זאָג דעם עמעס, דײַטש פאַרשטייסטו גוט? צי דו באַרימסט זיך נאָר?
— וואָס הייסט איך באַרים זיך? אַט וועט איר זען!
— איז גוט, וועסט גיין פאָרויס א מעטער הונדערט פון אונדז. דו גייסט דורך דאָס שטיקל וועג, קוקסט זיך ארום, הערסט זיך אײַן אין אלץ, וואָס לאָזט זיך הערן, דערנאָך גיסטו אונדז א סימען. שא, פײַפן קאָנסטו?
— איך קאָן! איך קאָן, ווי א קוקאווע, איך קאָן, ווי א סאָלאָוויי, איך קאָן, ווי א קאנאַ־רייקע...
— גוט, גוט, דאָס וועט זײַן אין לעצטן פאל, ווען מע וועט ניט קאָנען וויזועל. ווייסט, וואָס הייסט וויזועל? גוט, גוט, וועסטו דרײַ מאָל אָפּקוקאווען.
ערשט דאן איז געקומען די רעכטע שרעק. ווען ער איז געבליבן איינער אליין מיט דער נאכט אף דער פײַנטלעכער ערד, אונטערן פײַנטלעכן הימל, דאָס הארץ האָט געקלאפּט גיך און הילכיק, און אים האָט זיך געדוכט, אז גראָד דאָס הארץ, דאָס הילכיקע קלאפּן איז דאָס סאמע געפערלעכסטע, עס קאָן אים דעמאסקירן. די דאַרע פיסלעך זײַנען געוואָרן ווי צוויי שווערע קלעצער און זיי איז שווער געווען אָפּרײַסן פון דער ערד. נאָר ער מוז, ער מוז גיין, ער מוז זיך ארומקוקן, ער מוז זיך אײַנהערן, ער מוז אויספאָרשן. שרײַט ער אין־זיך, שרײַט צו דער ערד, שרײַט צום הימל, שרײַט צו די שטערן:
— ס'איז א ליגן, איך האָב ניט מוירע! איך האָב פאר גאָרניט מוירע! איך האָב פאר קיי־נעם ניט מוירע!
די ערשטע הונדערט מעטער האָבן זיך אויסגעוויזן אומענדלעך לאנג. די צווייטע — שוין פיל קירצער. דערנאָך איז דאָס געוואָרן א געוויינלעכע זאך. ער טיילט זיך אלע מאָל אָפּ פון

זײַן גרופּע, עס האַלט אין איין וואַקסן דאָס געפיל פון עלנטקייט, נאָר ער ווייסט, אַז דאָס איז ניט אויף לאַנג. אָט האָט ער זיי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אָדער דרײַ מאָל אָפּגעקוקט, און זיי גייען, זיי גייען זיך צונויף און זיי זײַנען ווידער אײנײנעם. און עס גייט אַ שפּיל מיט הארצקלאַפּעניש. אַמאָל פלאַטערט דאָס האַרץ פון פרייד, אַמאָל פון שרעק, נאָר ס׳איז אים גוט, ס׳איז אים אַפילו פריילעך, ער איז זיכער, אַז נאָכן ביסעלע שרעק וועט ווי־דער קומען יענע אונטערשפּרינגענדיקע פרייד.

באַגינען האָט ער געזען אַלץ פיל קלאָרער. דער גאַנצער אַרום איז געווען שווידערלעך באַקאַנט מיט אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעזעצט אין אים פונעם פאַריקן ווינטער. די פאַרשלאָ־פענע דײַטשישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אויסגעצויגן אַרום די ווענט פונעם וואָקזאַל, די בייזע פּאָליציײַען, וואָס האָבן אַרומגעיאָגט אַהין און אַהער, און דאָס ביסל אויסגעהונגערטע קליינוואַרג אין זייערע קויטיקע שמאַטעלײַען, וואָס האָט אַרומגעבלאָנדזשעט איבערן פּעראָן, געזוכט, געגנישטערט, געבעטלט. מאַקסן איז ניט געווען שווער ווערן איינער פון זיי, אויך אַזאַ אָפּגעריסענער און אויך אַזאַ פאַרקויטיקטער. ער שפּאַנט אַרום איבערן פּעראָן, מאַכט אַ קרום פּאַנעם, נישטערט מיט די אויגן איבער דער ערד און האָט דערבײַ אין זינען ניעכמאַדולינס באַפעל: ציילן און פאַרגעדענקען, ציילן און פאַרגעדענקען. ער טשעפּעט זיך אַלע מאָל צו צו אַן אַנדער דײַטש, פּרוּווט עפּעס אויסבעטלען בײַ אים, און, צי ער בעטלט עפּעס אויס, צי ער כאַפּט בלויז אַ שמיץ, מאַכט ער זיך ניט ווייסנדיק און שפּאַנט ווײַטער. טאַקע גאָר ווײַט, ווו קיין פּעראָן איז שוין ניטאָ, ווו אינמיטן פעלד שטייען עשעלאָנען, וואָס מע האַלט אין איין אויסלאָדן. ער ציילט און פאַרגעדענקט.

יענעם צעיאָצטן דײַטשישן אָפיצער, וואָס איז אַרומגעלאָפן פון איין וואַגאָן צום צווייטן, געשריגן, געגוואַלדעוועט, געדראָעט און אַלע מאָל געריבן די רעכטע באַק, האָט ניעכמאַדולין טייקעף אָנגעמערקט אַלס קאַנדידאַט פאַר אַ „צונג", און באַפוילן האַלטן אים די גאַנצע צײַט אין אויג ביז שפּעט אין אָוונט, אַלנפאַלס, ביז נאָך דער וועטשערע, ווען עס וועט זיך טרעפן אַ גינסטיקע מינוט. ער איז אַלעמען געפעלן געוואָרן, דער קאַנדידאַט זייערער, פאַר זײַן צעיאָצטקייט, היציקייט, ווי אויך פאַר דעם, וואָס ער רײַבט אַלע מאָל די באַק. נאָר דער איקער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַן אָפיצער, וועלכער קאָמאַנדעוועט מיטן אויסלאָדן די עשע־לאָנען, דאַרף פאַרמאָגן זייער אַ רײַכן „צונג".

מאַקס האָט זיך שיִער ניט צעוויינט פאַר פאַרדראָס, ווען ניעכמאַדולין, ווען מען ער האָט געהאַלטן פאַרן בעסטן פרײַנט, האָט אים ניט אַרײַנגעשטעלט אין דער פאַרכאַפּונגס־גרופּע. אים האָט זיך זייער געוואָלט מיט די אייגענע הענט, מיט די נאָך קינדערשע נעגל אײַנקלאַ־מערן זיך אינעם דײַטש, פאַרשטאָפּן אים דאָס מויל און אַ קוק טאָן אים אין די אויגן. ווי זעען זיי אויס, די מערדער, ווען זיי פּאַקן זיך אַרײַן? נאָר ניעכמאַדולין האָט געזאָגט, אַז דאָס איז דערווײַל אַן אַרבעט ניט פאַר אים. ער וועט נאָך באַווײַזן. דערווײַל דאַרף ער פאַרנעמען באַשטימטע פּאָזיציעס, אָנצילן דעם אויטאָמאַט און טאָן דאָס, וואָס עס וועט נייטיק זײַן. שפּעט אין אָוונט איז דער צעיאָצטער אָפיצער אַרײַנגעלאָפן אין טואַלעט, וואָס אַ ביסל אין דער זײַט פונעם וואָקזאַל. אויף אַזאַ פאַל האָבן זיי גראַד געוואַרט. פון דאָרטן האָבן זיי אים אַרויסבאַקו־מען גאַנץ שטיל און רויִק. גאָר אינגיכן זײַנען זיי שוין געגאַנגען אַלע אײנײנעם און געשלעפּט מיט זיך דעם „צונג" מיט פאַרבונדענע אויגן און אַ פאַרשטאָפּט מויל. און ווידער, ווי פריִער, ער, מאַקס, מאַכט דער ערשטער דורך די הונדערט מעטער, דערנאָך גייט ער זיי אַ סימען. בײַ דעם ערשטן פּריוואַל האָט ניעכמאַדולין אַפילו דורכגעפירט דעם פּאַרלויפיקן אויספרעג. אים האָט זיך זייער געוואָלט וויסן, וואָס איז דאָס פאַר אַ סכוירע, און ער איז געווען אַנציקט, ווי מאַקסיוטקע שיט מיט דײַטשישע ווערטער.

— פרעג בײַ אים, וואָס פאַר אַן אופגאַבע האָט ער דאָ אויסגעפּילט, — באַפעלט ניעכ־מאַדולין.

מאַקס גיט אַ שאָס מיט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, ווי פון אַ קוילנוואַרפער, דער דײַטש ענטפערט אָפּ אַ ביסל צו אַרויסרופעריש, מיט רעספּעקט, און מאַקס פאַרטײַטשט.

— ער זאָגט, אַז ער איז ניט קיין געוויינלעכער אָפיצער. ער איז אַ פאַרשטייער פונעם שטאַב פון דער טאַנקען־אַרמיי. ער פירט אָן מיטן אויסלאָדן די עשעלאָנען.

— פרעג אים, צי ווייסט ער וועגן דער ווײַטערדיקער דיסלאָקאַציע פון די טאַנקען־טיילן?

— ער ווייסט, ער ווייסט! — שרײַט מאַקס אויס אַ דערפרייטער, באַקומענדיק דעם ענטפער אויף זײַן פראַגע.

— גוט, גוט! — רעדט ניעכמאַדולין אַרויס דאָס איינציקע וואָרט, וואָס ער ווייסט אויף דײַטש, און דער דײַטש כאַפּט עס גלײַך אונטער:

— גוט, גוט, וועט מען מיך ניט שיסן?

— וואָס פֿרעגט ער?
— ער פֿרעגט, צי מע וועט אים ניט שיסן, — דערקלערט מאַקס.
— זאָג אים, אַז ניין. ער דאַרף נאָר זאָגן דעם עמעס.
אַלץ איז געגאַנגען גוט, וואָס בעסער דאַרף מען ניט. מאַקס איז שוין געווען גענייגט צו טראַכטן, אַז אומזיסט מאַכט מען אַזאַ סטראַשונעק, ס'איז ניט אַזוי געפֿערלעך. נאָר ווען זיי זײַנען שוין געווען ניט ווײַט פֿון די דײַטשישע אָקאָפּעס, מע האָט נאָר געדאַרפֿט באַטראַכטן, וויאַזוי אומבאַמערקט דורכשמוגלען, האָט זיך אָנגעהויבן אַזוינס, וואָס האָט אים פֿאַרדולט. אַ שיסערײַ פֿון פֿאָרנט און אַ שיסערײַ פֿון הינטן, אַ שיסערײַ פֿון ביקסן און קוילנוואַרפֿער, אַ בלענדנדיקער איבערגעפֿלעכט פֿון טראַסירנדיקע קוילן און אַ דורכוויסיקע ריי פֿון לויכטנדיקע ראַקעטעס, וואָס זײַנען געהאַנגען איבערן גאַנצן אַרום, גלאַנצן זיך און ווידער זיך אָנגעצונדן. האָט מען ווידער געדאַרפֿט אומפֿאַלן און קײַקלען זיך, אײַנגראָבן זיך מיט די נעגל אין דער ערד. צי ס'האָט טאַקע עמעצער אויסגעשריגן, צי ס'האָט זיך אים בלויז אויסגעוויזן:
— וואַסיע, וואַסיע איז פֿאַרווונדעט!
ער קוקט זיך אַרום און זעט: יאָ, וואַסיע ליגט און קאָן מער זיך ניט קײַקלען, קאָן מער ניט פֿויזען, צוויי כוואָרע זײַנען צוגעקראָכן צו אים, אין דער פֿינצטער אָנגעטאַפּט די וווּנד און אַפּ-גיך זי איבערגעבונדן.
דער הויכגעשטעלטער „צונג" האָט אַוואַדע געוואָרט אויף אַזאַ געוויטער, געהאָפֿט, אַז אַלע וועלן זײַן שטאַרק פֿאַריאָגט און וועלן ניט באַמערקן, ווי ער פֿאַרלירט קלוימערשט זײַן בלאָק-נאָט. מאַקס וואָלט דאָס עפּשער אויך ניט באַמערקט, נאָר גראָד דאַן האָט ער אָנגעהויבן פֿויזען אויף צוריק. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער קאָן מערער פֿון אַנדערע באַהילפֿיק זײַן וואַסיען, נאָך גאָר אַ יונג באָכערל, ניט אַ סאַך עלטער פֿון אים. האָט ער באַמערקט, ווי דער „צונג" רײַבט מיט דער ברוסט די ערד, רײַבט, ווי אויך צעדולט פֿונעם געוויטער, און ווי פֿון דער אייבער-שטער קעשענע פֿון זײַן פֿרענטש שאַרט זיך אַרויס אַ בלאָקנאָט. האָט ער אים אופֿגעהויבן. און באַמערקט דערבײַ, ווי דער דײַטש האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַזאַ בליק, וואָס קאָן פֿאַר-וואַנדלען אַ מענטשן אין אַש.
פֿאַר די צוויי מעסלעס, ווען ער, דער צוועלפֿיאָריקער מאַקס, האָט אַרומגעפֿויזעט איבער די באַנאַכטיקע פֿעלדער, אַרומגעשפּאַנט איבערן פֿעראַן צווישן די דײַטשישע סאָלדאַטן, ווען ער האָט דורכגעלייגט אַ וועג פֿאַר דער גאַנצער גרופּע, האָט ער זיך דערוווּסט אַזוינס, וואָס איז דערנאָך ווי זיך צעוואַקסן אין אים. געוואַקסן איבײַנעם מיטן עלטער, געוואָרן זײַן אייגנס, געוואָרן ער אַליין. ער האָט זיך דערוווּסט, דערפֿילט און ביז די ווייטעקלעכסטע טיפֿענישן באַנו-מען, וואָס איז אַזוינס שלאַכט-כאָווערשאַפֿט און שלאַכט-פֿרײַנטשאַפֿט, מעסירעסנעפֿעשדיקייט און קעגנזײַטיקע הילף, ווען יעדערער איז גרייט אײַנשטעלן דאָס אייגענע לעבן אויף ראַטע-ווען דאָס לעבן פֿון אַ כאַווער. און אַלץ קומט פֿאַר אַזוי פּראָסט, אַזוי וואָכעדיק, אַפֿילע צו וואָכעדיק... ווען מענטשן בײַטן זיך מיטן אייגענעם לעבן. אַזוי איז דאָס טאַקע אויסגעקומען אויף זײַן קינדערשער שפּראַך. נאָר וועגן דעם אַלעמען האָט ער געטראַכט שפּעטער, ווען ער האָט אָנגענומען אויף זיך דאָס נייטיקע ביסל יאָרן, דערפֿאַרונג און באַקומען די מעגלעכקײַט באַטראַכטן זיך אַליין און דאָס לעבן בכלל. דאַן האָט זיך עס באַקומען בא אים אומבאַ-טראַכט און טאַקע אויך ביז גאָר וואָכעדיק. ער האָט געפֿויזעט אויף צוריק, קעדיי העלפֿן וואַ-סיען מיט וואָס עס וועט נייטיק זײַן, געקראָכן און געשעפּטשעט צו זיך אַליין:
— וואַסיע, וואַסיע, לאָמיר זיך בײַטן! ניין, אָן שום בײַט! איך שענק דיר, איך שענק דיר אוועק מײַן לעבן!
דאָס סאַמע שרעקלעכסטע איז פֿאָרגעקומען דאַן, ווען דער קאָמאַנדיר פֿון דער ראָטע האָט אויסגעשטעלט די גרופּע, וואָס האָט ניט נאָך באַוויזן אָפּרוען זיך ווי געהעריק נאָך דער אָפּעראַציע. דער סטאַרשינא האָט זיך אַלץ פֿאַרענטפֿערט, דערוויזן, אַז ער איז ניט שולדיק, אַז ער פֿאַרשטייט אַפֿילע ניט, ווי האָט אַזוינס געקאָנט געשען, נאָר דער קאָמאַנדיר האָט אים געמאָלדן אַ שטרענגן אויסרייד און געוואָרנט אַלעמען, אַז אַזוינס זאָל זיך מער ניט איבערכאַ-זערן. מאַקס האָט באַקומען אַ באַזונדערע וואָרענונג, אַז בא אַ צווייטן פֿאַל וועט ער גלײַך אָפּגעשיקט ווערן אין הינטערלאַנד אין אַ קינדערהיים. יאָ, אין קינדערהיים! דאָס האָט גע-דאַרפֿט קלינגען פֿאַר מאַקסן, ווי די סאַמע שרעקלעכסטע שטראָף. ערשט דערנאָך האָט דער קאָמאַנדיר פֿאָרגעלייענט דעם באַפֿעל, אין וועלכן דער גרופּע ווערט אַרויסגעטראָגן אַ דאַנק פֿאַר דער אָפּעראַציע און פֿאַרן זייער ווערטפֿולן „צונג". צווישן די, וועמען מע האָט אַרויס-געטראָגן אַ דאַנק, האָט מען אויסגערופֿן אויך אים, מאַקסן. דערבײַ איז פֿאַר אים געווען אַ באַזונדערער דאַנק פֿאַרן בלאָקנאָט, אין וועלכן עס זײַנען געווען פֿאַרצייכנט אַלע טיילן און זייער באַוואָפֿענונג.

א ביסל שפעטער, דריקנדיק צו זיך דעם כליפּענדיקן מאַקסיוטען, צו ווען דער דאַנק איז דערגאַנגען זייער שוואַך, נאָר ווען די וואָרענונג פונעם ראָטנע האָט שטאַרק אָנגעשראָקן, באַזונדערס דאָס, וואָס ער האָט געדראָעט מיטן קינדערהיים, האָט דער הויכער, ברייטפּלייציקער ניעכמאַדולין, אונטערווינקענדיק און צושמייכלענדיק, אַרויסגערעדט אין דער הייך דאָס, וואָס ער, מאַקס אַליין, האָט אין די געדאַנקען ניט אויפגעהערט איינרעדן זיך:

— ניט געזאָרגט, מאַקסיוטאַ, — האָט ניעכמאַדולין אים געטרייסט. — דער עיקר איז די ערשטע ראַזוועדקע!

10

די בערג האָבן זיי ביסלעכווייז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט הויכע שוואַרצע ווענט און פאַרשלאָסן אַלע וועגן סיי פון פאָרנט און סיי פון הינטן. איז זיי געבליבן אַרומדרייען זיך אויף איין אָרט אַרום זייער א הויכן באַרג. זיי האָט זיך געדוכט, אַז זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט צווישן די קאַרפּאַטן און ווער ווייסט, וויאַזוי זיי וועלן פונדאַנען אַרויסקלייבן זיך. דערנאָך האָט די בלאָנדזשעניש אַליין זיך אויסגעוויזן ניט אַזוי שרעקלעך, ווען ניט דער געדאַנק וועגן עמעצן... יענעם עמעצן, וואָס האָט זיי פאַרפירט אַהער און האַלט זיי אין איין אַרומפירן, פאַרמאָראַטשעט זיי די מויכעס, פּראָוועט מיט זיי פאַרשיידענע קונצן און וויַיזט זיי אַלע מאָל אַן אַנדער שפּיצל, וואָס קלעפּט זיך ניט איינס צום אַנדערן. ווי איז דאָס מעגלעך, אַז איין באַרג זאָל האָבן עטלעכע קעפּ און זאָל אַלע מאָל באַווייַזן אַן אַנדערן? איין קאָפּ זעט אויס, ווי א פלאַטשיקער טעלער, א צווייטער — שפּיציק, ווי א הוצוליש שמויסל, און א דריטער איז אינגאַנצן פאַרהוילט, ווי אַן א היטל, איז שטאַרק צעשויבערט, גלייַך דאָרטן, העט אויבן, האָט זיך צעבושעוועט א ווינטער.

די גאַנצע וועלט, יענע רעאַלע, געוויינלעכע וועלט אויסער די בערג, איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, און זיי האָט פאַרטעריש, כיטרע אַרייַנגעפּאַקט צו זיך די גרינע טיפקייַט, אין וועלכער מע קאָן דערטרונקען ווערן. אַרום און אַרום איז פול מיט שורשענדיקער סוידעסדיקייַט, מיט פלאַטערנדיקער מיסעדיקייַט, מיט אַלץ אַזוינס, פונוואַנען עס קאָן גרינג אויפקומען דאָס געפיל פון דערשיטערנדיקע פאַרפירונגען. ביסטו ניט קיין מענטש פאַר זיך, געפינסט זיך אין דער מאַכט פון אַן א שיר לייצים, שיידים און פּיפערנאָטערס, וועגן וועלכע דו האָסט זיך אַמאָל אָנגעהערט, און זיי קאָנען טאָן מיט דיר, וואָס זיי ווילן. זיי קאָנען דיך גאַנץ לייַטיש פאַרווייַלן, קאָנען דיר אַלע מאָל באַווייַזן עפּעס נייַס, אומדערוואַרטס, איבעראַשנדיקס, זאָלסט ניט אויפהערן גאַפן, כידעשן זיך, און קאָנען מיטאַמאָל דיר אונטערוקן אַזוינס, זאָלסט א דערשראָקענער אָנבייגן דעם קאָפּ. דיר דוכט זיך, אַז אויף דיר רוקט זיך אָן א סאַקאָנעסדיקע שוואַרצע כמאַרע, אָט־אָט וועט זי אַראָפּפאַלן אויף דיר, אָדער אייַנשלינגען דיך און דו וועסט ניט סטייַען. מע דאַרף שטאַרק אָנשטרענגען די ריַע און מיט קויכעס אייַנהאַלטן די האַרצפּלאַטערניש, קעדיי איבערצייַגן זיך, אַז דאָס זייַנען ניט קיין כמאַרעס, אַז דאָס האָט ביכלאַל ניט צו טאָן מיטן הימל, פּאַשעט, פון צווישן די הויכע בערג האָט זיך אַרויסגעשטעקט נאָך א העכערער און פאַרשטעלט מיט זיך א שטיק הימל.

דערפאַר אָבער, באַלד נאָך דעם... ווידער א באַרויקנדיקע זעונג... יענע זויבערע כמאַרעלעך! עפּשער איז דאָס גאָר ניט קיין כמאַרעלעך, נאָר צעדרויבלטע און אַרומגעפליקטע שטיקער נעפּל, וואָס האָבן ניט באַוויזן אויסגיסן זיך, ניט באַוויזן פאַרוואַנדלט ווערן אין א רעגן. מוזסטו שוין א טראַכט טאָן, אַז דאָס איז אויך א שפּיצל פון יענע לייצים. דאָס האָבן זיי, די בייזע קישעפמאַכער, צעריסן א כמאַרע אויף שטיקלעך, צעשלייַדערט זי איבער אַלע שמאָלע און טונקעלע שפּאַרונקעלעך, און זיי מוזן איצט אַרומבלאָנדזשען אין די בערג, ווי געפּאַנגענע, און אַרויסקוקן אויפן הימל, פול מיט בענקעניש און מיט אומעט.

און דאָס אויך. יענץ רויכעלע... יענץ בלויע רויכעלע, וואָס הענגט איבער דער ערד ביז העט אַראָפּ, א רויכעלע, וואָס ציט זיך ניט פון די וואַלד־טיפעניש, ניט פון דער ערד אַרויף, נאָר פאַרקערט, ציט זיך פון ערגעץ זייער וייַט, פון די וייַטע הימלשע הייכן און זוימט אַרום אַלע בערג און טאָלן מיט א בלוילעך הייַטעלע, א פאַרהאַנג אַזאַ, וואָס הענגט איבערן גאַנצן אַרום און איבער דיר אויך, גאַנוועט אַוועק באַ דער לופט איר געוויינלעכע דורכזיכטיקייַט און נעמט זי דורך מיט קישעפדיק־רעגעוודיקן און ביז גאָר שמעקנדיקן. עס פּילט זיך אין דעם עטוואָס צוגערויכערטס, נאָר מערסטנטייל איז דאָס א געמיש פון אַלץ, מיט וואָס די בערג און די וועלדער זייַנען פול. און כאָטש דו ווייסט, אַז דאָס פאַרשיקערנדיקע געמישעכץ איז אָנגע־

צאַפּט געוואָרן פון די בוקן און סאָסנעס, פון דער בערעזע און פון די דעמבן, פון די יעלן און יאַסענעס, נאָר דו מוזסט אַ טראַכט טאָן, אַז ס'איז איבערגעאַרבעט און געמאַכט באַטאַמט ניט דאָ, נאָר דאָרטן, אין די ווײַטע הימלשע הייכן.

פאַר אים, פאַר מאַקסן, איז דאָס ניט געווען קיין נײַס. פאַר אים זײַנען די בערג געווען פול מיט דערינערונגען, פול מיט איבערגעלעבטן, פול מיט אים אַליין, און דאָס, וואָס ער האָט געקאָנט אַפּסנײַ דערמאָנען איצט, אינעם זוניקן, זומערדיקן טאָג, איז געווען פול מיט ווינטערדיקן. דאָס, וואָס די אויגן זײַנען באַ אים די גאַנצע צײַט אַרומגעלאָפן אַף רעכטס און אַף לינקס, האָט קיינעם ניט געכידעשט, ניט מוזען, ניט סאָפען און ניט דימען, ווען ס'האָט זיך טאַקע געדוכט, אַז ס'האַלט זיי אין איין אַרומפירן.

אַלץ אַרום איז געווען אַזוי ברייַשעסדיק־נײַ, אַזוי מײַסעדיק־העל, די שטילקײַט האָט זיך געדוכט אַזוי סוידעספול, אַז זיי האָבן מוירע געהאַט אויסרעדן אַ וואָרט. ערשט אַ ביסל שפּע־טער האָט סאָפּע אויסגעשריגן:

— זעט, אַ שטיבעלע!

זי האָט דאָס אויסגעשריגן מיט אַזאַ פרייד, אַזוי אָנציקט אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט, גלײַך פון אַלע וווּנדער, וואָס ס'האָט זי דאָ אַזוי פאַרכאַפּט, איז דאָס געווען דער גרעד־סטער. אַ געוויינלעך שטיבעלע, מיט קליינינקע פענצטערלעך האַרט באַ דער ערד, מיט שינדל געדעקט. דער שינדל איז שוין לאַנג שוואַרץ געוואָרן, פון די רעגנס, פון די בלאָטעס, פון די יאָרן אַליין, פון די פּיל יאָרן, וואָס ער באַדעקט דאָס אַלטע הײַזקעלע צווישן די בערג. נאָר גראָד דאָס הײַזקעלע האָט זיי אַרויסבאַפרײַט פונעם געפיל פון פאַרבלאָנדזשעטקײַט, פון ווײַ־טער אָפּגעשיידטקײַט פון זייער געוויינלעכער וועלט. ווײַל אויב אַ שטוב, זײַנען דאָך געוויס אויך מענטשן פאַראַן. און אויב אַזוי, איז דאָס נאָך ניט עק וועלט.

מוזע האָט געהאַט אַ שווערער שטיקל אַרבעט. באַקוקנדיק דעם פאַרקישעפנדיקן אַרום, האָט זי די גאַנצע צײַט געדאַרפט אין זינען האָבן איר מאַקסן. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער אַליין איז איצט ניט ווייניקער פאַרקישעפט און מע דאַרף אַכטונג געבן, עס זאָל אים ניט צו ווײַט פאַרפירן. ענדלעך האָט זי אויך אַרויסגעבראַכט עטלעכע ווערטער. מוזען, וואָס אַרבעט אַלע יאָרן אין אַ קאָסמעטישן קאַבינעט און האָט אויסגעפּרוווט אַף אירע קליענטקעס די סאַמע זעלטנסטע פּאַרפומען, האָבן איבעראַשט די אומגעוויינלעכע רייכעס.

— אַך, ווי עס שמעקט, — האָט זי אַרויסגערעדט. — איר פאַרשטייט כאָטש, ווי עס שמעקט!

דימען האָבן מערער פון אַלץ פאַרכאַפּט די פאַרבן. דאָס, וואָס האָט אים פאַרקישעפט נאָך יענעם ווינטער, ווען ער איז דאָ געווען צום ערשטן מאָל, און וואָס האָט אין דער פולער קראַפט דערוועקט אין אים דעם מאָלער. נאָר דאַן איז געווען ווינטער, און די פאַרבן זײַנען געווען אַ סאַך אָרעמער, פאַרבן בלויז שוואַרץ־ווײַסע, ווי אַלץ, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט יענע טעג. דימע האָט געשוויגן. דאָס, וואָס האָט אין אים געברויזט, איז שווער געווען אויס־דריקן מיט ווערטער. דאָס וועט ער אַרויסזאָגן ערשט שפּעטער, אַרויסזאָגן אַף זײַן אויפן. דערווײַל איז ער געווען בלויז פאַרכאַפּט פון דער טונקעלער בלויקײַט פון די קאַרפּאַטן, אָן אומגעוויינלעכע בלויקײַט, וואָס גייט ביסלעכווײַז אַריבער אין שוואַרצן. וואָס העכער, אַלץ שוואַרצער. אַזוי שוואַרץ, אַז די ביימער, וואָס אין טאָל, די געוויינלעך־גרינע ביימער, זעען אויס ביז גאָר בלייך. אַ מין קרענקלעכע בלייכקײַט, וואָס קומט פון ניט דערעסן, פון לאַנגאָ־ניקער אויסגעצערטקײַט. זאָל זײַן, אַז דאָ, אין טאָל, פעלט די ביימער אַ ביסל זון?

דימע האָט אַלע מאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די קעשענעס, ווי געזוכט אין זיי דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט צום מאָלן, אָדער כאָטש אָנצייכענען דאָס, וואָס רײַסט מאַמעש דאָס אויג, רײַסט ביז ווייטעק. נאָר אין די קעשענעס איז, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט ניט געווען. סײַווי איז אומעגלעך געווען עפּעס פאַרצייכענען. די מאַשין האָט אַלץ געיאָגט אַרויף און אַראָפּ, און סײַ דער באַרג־אַרויף און סײַ דער באַרג־אַראָפּ זײַנען געווען פול מיט קאַפּשווינדל. האָבן דימעס אויגן געדאַרפט אָפּטאָן דאָס, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט: אַרײַנעמען אין זיך אַלץ, וואָס ער זעט, אַרײַנעמען, אײַנזאַפּן, לאָזן דאָס אָפּזעצן זיך, פאַרבלײַבן אין אים ביז דאַן, ווען ער וועט קאָנען אַפּסנײַ דאָס אַרויסברענגען אַף דער ליכטיקער וועלט — די טונקעלע בלויקײַט, די בלייכע גרינקײַט, די שמעקנדיקע רויכעלעך און די אַראָפּגעפּאַלענע, בלאָנדזשענדיקע וואָלקנס.

האָט ער געקוקט, געקוקט און ניט געקאָנט אָנקוקן זיך, אָנזעטיקן זיך מיט דער גרינער פרעכ־טיקײַט, געזופּט, געזופּט און ניט געקאָנט אָנזופּן זיך מיט דער פאַרשיקערנדיקער לופט, וואָס האָט געשמעקט מיט ניט ערדישן. ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס ער איז געקומען אַהער ניט אַף איין טאָג, נאָר אַף אַ גוטע פּאָר יאָר און ער וועט אַלץ באַווײַזן — אָנקוקן זיך, אָנזופּן זיך, אָנשמעקן זיך און אָנמאָלן. מאָלן, מאָלן, מאָלן!.. ער איז אַפילו געוואָרן גרויס באַ זיך, וואָס אַדאַנק אים איז געקומען אַהער די גאַנצע פאַמיליע מיטאַמאָל. כאָטש ער האָט גע־

ווסט, אז ס'איז ניט אזוי. ער האָט אויך געוווסט, אז דאָס איז אים אָנגעקומען ווײַט ניט גרינג און מע ווייסט נאָך ניט, ווער וועמען דאַרף דאַנקען.

נאָר אַנדערש האָט שוין ניט געקאָנט זײַן. ס'האָט זיך נאָר געדוכט, אז די ערשטע רײַזע אין די קאַרפּאַטן איז דורך פאַר דימען אָן באַזונדערע פּאָלגן. ער אַליין האָט דאָס אויך ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען. נאָר אָפּטמאָל האָט עס אים אַראָפּגעשלעפּט פונעם גלעלעגער אינמיטן דער נאַכט און געצווונגען זיך נעמען פאַרן בלײַער. און אַלע מאָל זײַנען פון אונטערן בלײַער אַרויס געמעלן באַרגיקע, קאַרפּאַטישע. אין יענע שלאָפלאָזע נעכט איז בא אים רײַף געוואָרן א באַשלוס, וועלכן ער האָט דערווײַל געהאַלטן בעסאָד פון די עלטערן. ער האָט ניט געוואָלט אופּרודערן זיי פאַר דער צײַט. נאָר ווען ער האָט געענדיקט דעם אַכטן קלאַס און געדאַרפט אָפּטראָגן די מעלדונג אינעם נײַנטן, האָט ער אָוועקגעפירט דעם טאַטן אין קליינעם אַלקערל אָף זייער א וואַזשנעם שמועס.

— טאַטע, איך מוז דיר עפּעס זאָגן...

מאַקסן האָבן אָנגעשראָקן דימעס אויגן, ער האָט זיי נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזעלכע און ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס פּלוצעם האָבן זיי זיך אַזוי צעבליצט.

— איך הער, זינו...

— טאַטע, איך בין שוין א גרויסער.

האָט בא מאַקסן דאָס האַרץ אָפּגענעמען זיך צעטיאָכקעט.

— נו, איז וואָס?

— טאַטע, איך וויל מיט דיר רעדן, ווי א דערוואַקסענער.

— ווי א מאַנצבל מיט א מאַנצבל? — בא מאַקסן האָט זיך דאָס באַקומען, ווי א שפּאַס, נאָר דימע האָט דאָס אויפגענומען גאַנץ ערנסט.

— דאָס מיין איך טאַקע.

און ער, מאַקס, האָט געמיינט, אז דימע איז נאָך א קינד. ס'איז אים שווער געווען צו גלייבן, אַפילו שרעקלעך געווען א טראַכט טאָן, אז דימע איז שוין א דערוואַקסענער.

— אָבער וואָס איז געשען?

— די מעלדונג אין נײַנטן קלאַס וועל איך ניט אָוועקטראָגן.

— פאַרוואָס? וווּהין דען?

— אין דער מאָלערײַ־שול, קיין קאָסאָווע.

מאַקס האָט אָפּגעדעכעט, ווי נאָך א האַסטיקן געלאָף, און הילכיק א זיפץ געטאָן. ער האָט שוין געמיינט, ווער ווייסט וואָס. איז אים געוואָרן א ביסל גרינגער, נאָר ווײַט ניט רויק.

— וואָס פאַר א קאָסאָווע? וואָס פאַר א מאָלערײַ־שול?

— נו, קאָסאָווע, האָסט שוין פאַרגעסן?

— איך ווייס, נאָר וואָס פאַר א שײַכעס האָט עס צו דיר? ס'איז דאָ נעענטערע שולן.

— אָבער די קאַרפּאַטן. יענע פאַרבן... און דער זיידע... עס ציט מיך אַהין.

קאָסאָווע, קאַרפּאַטן, דער זיידע... מאַקס האָט זיך צוגעזעצט אָפן בענקל און צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט געדאַרפט באַטראַכטן דאָס, וואָס ער האָט נאָרוואָס געהערט פון זײַן דימען, וואָס איז שוין טאַקע, זעט אויס, א דערוואַקסענער. און דימע, קעדיי ריכטן דעם טאַטנס געדאַנקען אין דער נייטיקער זײַט, ער זאָל ניט מיינען, אז דאָס איז א קינדערשער קאַפּריז, האָט געענומען דערקלערן אויספירלעכער:

— פאַרשטייסט, טאַטע, פאַראַיאָרן, ווען איך האָב געגעכטיקט בא דער מומע גאַפּיע... און ראָמאַן, דער מומעס עלטערער זון, ער לערנט זיך אין יענער קאָסאָווער שול, זײַנען מיר דעם גאַנצן פרימאָרגן געזעסן אינאיינעם, און ראָמאַן האָט מיר געוויזן זײַנע געמעלן. נאָר ניט אין ראָמאַנען גייט עס. בא מיר האָט זיך דאָס אָנגעהויבן נאָך פריִער.

— ווען, ווען האָט דאָס זיך בא דיר אָנגעהויבן?

— איך קאָן קלאָר ניט זאָגן, נאָר איך האָב א גאַנץ יאָר געטראַכט וועגן דעם.

א גאַנץ יאָר! און ער, מאַקס, האָט וועגן דעם ניט געוווּסט. ער האָט ביכלאַל ניט געהאַט ווען צו טראַכטן וועגן דימען. אין שול איז געווען אַלץ אין אָרדענונג, די לערער האָבן אים געליבט, וואָס זשע נאָך האָט מען גענדאַרפט? לאָזט זיך אויס...

— ווי'אַזוי זשע? — א שײַלע צו זיך אַליין. — ווי'אַזוי זשע לאָזט מען דיך אָפּ? ביסט נאָך א קינד!

— איך בין שוין ניט קיין קינד, טאַטע. פופצן יאָר איז זייער א סאַך. דו, בא דײַנע פופצן יאָר...

— אָבער וואָס וועט די מאַמע זאָגן?

אַט האָסטו דיר א פּופּצניאַריקן באַכער! ער טוט פּלוצעם א נעם ארום דעם טאַטן און הייבט אים אָן קושן. בא מאַקסן אליין איז דאָך אזא איבערגעוויקט האַרץ, זײַנען די טרערן שוין גרייט. דימע איז געוועז זיכער, אז אליין דעם טאַטנס פראַגע איז שוין א האַסקאַמע. קושט ער אים, באַרויִקט אים און רעדט אים אײַן:

— מירן איר זאָגן, טאַטע, מירן איר זאָגן! אבי דו... אבי מיר ביידע!

אוואַדע, אבי זיי ביידע זײַנען שוין דורכגעקומען, וועט די מאַמע זיך מוזן אונטערגעבן. אזוי האָט זיך דימען געדוכט. נאָר מיט דער מאַמען איז געוועזן פיל שווערער. דאָס ערגסטע איז געוועזן דאָס, וואָס זי האָט גלײַך אָנגעהויבן וויינען. זי האָט גאָרניט געזאָגט, מיט גאָרניט דערווידערט, נאָר די טרערן! און ערשט דערנאָך, זיך גוט אויסגעוויינט, האָט זי ארויסגע־שטעלט אירע טײַנעס:

— איך וויל וויסן נאָר איין זאַך: פאַרוואָס מוז איך פאַרשיקן מײַן קינד אין דער פרעמד, ערגעץ אין אויסרײַסעניש, אין די קאַרפּאַטן!

האָט שוין מאַקס געמוזט אײַנשטעלן זיך פאַר זײַן אייגענעם קאַנט:

— מוזעלע־מײַזעלע... דו ווייסט דאָך גוט, ס'איז ניט אין אויסרײַסעניש און ניט אין דער פרעמד. מיר האָבן דאָרט א סאַך קרויווים.

דאָס, וואָס מאַקס האָט צוגעטראַכט, האָט געדאַרפט א ביסל לינדערן מוזעס געמיט. אַט וועלן זיי איינינעם נעמען אורלויב און זיך דורכפאָרן אין די קאַרפּאַטן. און ווען מוזע וועט א ביסל נעענטער זיך באַקענען מיט די ניעמטשוקס, וועט זי שוין ניט זאָגן, אז דאָס איז אין דער פרעמד. און אז זי וועט נאָר איין מאָל זײַן אין די קאַרפּאַטן, וועט זי שוין ניט זאָגן, אז דאָס איז אין אויסרײַסעניש. עס וועט זי אליין אויך אָנהייבן ציִען אין די בערג. מאַקס איז אפילע אײַנגעגאַנגען אף א פּשאָרע. זיי וועלן פריִער פאַרפאָרן קיין מיקולישין און זאָל דערנאָך מוזע אליין באַשטימען. ווי זי וועט זאָגן, אזוי וועט זײַן.

מוזע האָט ניט געקאָנט אײַנהאַלטן דעם שמייכל. א שמייכעלע, פון וועלכן מאַקס האָט זיך פאַרויטלט. זי פאַרשטייט, הייסט עס, גאַנץ גוט זײַן כיטרע גאַנג. ער וויל מיט דעם זאָגן, אז איר וואָרט וועט זײַן דאָס לעצטע. זי ווייסט אָבער גוט, אז ס'איז ניט אזוי. אלץ איז שוין באַשטימט און זי וועט גאָרנישט ניט ענדערן. נאָר מאַקס האָט ווײַטער געפירט די שפּיל:

— איז וואָס, פאָרן מיר?

— מיר האָבן אָן אנדער ברייִרע?

פאָרן זיי. די בערג נאָרן זיי ארײַן וואָס אמאָל טיפער, זיי הייבן זיך אוף וואָס אמאָל הע־כער און קוקן מיט שרעק אראָפּ אין די טונקעלע טיפענישן. אַט האָבן זיי זיך אופגעהויבן אף א פלאַכער הייך, וואָס זעט אויס, ווי א גרינער דאַך, א פאַרגאָסענער מיט זון. זיי יאָגן איבערן דאַך מיט אָן אלץ וואַקסנדיקער גיכקײַט און זיי דוכט זיך, אז אַט וועט דער דאַך זיך ענדיקן און זיי וועלן זיך אַראָפּקײַקלען אינײנעם מיט דער מאַשין. די דאָזיקע געפאַר מאָלט זיך אזוי אומפאַרמײַדלעך, אז מוזע טוט אלע מאָל א כאַפּ מאַקסן פאַר דער האַנט און האַלט קוים אײַן דעם היכץ.

מאַקס שמייכלט שטילערהייט. ער איז ביז גאָר צופרידן, וואָס די בערג האָבן זיי אלעמען אזוי פאַרכאַפּט, וואָס זיי האַלטן אין איין גאַפן, נאָר דאָס שמייכעלע דאַרף אלעמען באַרויִקן. אזוי זײַנען זיי אומבאַמערקט ארײַנגעפאָרן אין דאָרף און זיך אָפּגעשטעלט ניט ווײַט פונעם קייוועער. מאַקס איז מיטאַמאָל בלייך געוואָרן, די אויגן האָבן אָנגעוווירן זייער געווײנלעכן גלאַנץ, און לויט דעם, ווי די ליפּן האָבן זיך פעסט צונויפגעשלאָסן, האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אז ס'האָט זיך אָנגעהויבן יענע צײַנקריצעניש, וואָס ער סטאַרעט זיך אויסבאַ־האַלטן. דימע, וואָס האָט פאַרגעדענקט די פאַראיאַריקע באַגעגעניש, האָט שטיל א זאָג געטאָן:

— מאַמע, לאָז אים ניט אליין, גיי אים נאָך.

נאָר דאָס מאָל איז גאָרנישט ניט געשען. מאַקס איז צוגעקומען צום קייוועער, זיך פאַר־בייגט און שטיל ארויסגערעדט:

— טאַטע, איך בין ווידער געקומען. און ניט אליין, טו א קוק...

די יונגע יעלן, וואָס האָבן זיך צוואַקסן ארום דער מאַצייווע, האָבן זי פאַרשטעלט פון אלע זײַטן. מאַקסן איז שווער געווען אָפּזוכן מיטן אויג די אלטע סאָסנע, וואָס איז פאַרבליבן פאַר אים, ווי א טייל פון זײַנע אייגענע גרווילן. צי האָט זי אליין זיך איבערגעבראָכן — פון אלטקײַט, פון איבערגעפוילטקײַט — צי האָט עמעצער דערצו צוגעלייגט א האַנט, נאָר זי איז שווער געווען דערקענען. זי האָט אויסגעזען, ווי א נידעריק הויקערל, זקײניש־אָפּגעלאָזט, קימאַט אינגאַנצן נאַקעט. ס'איז, זעט אויס, איר אליין פריקרע געווען איר הוילעך, איר מעגער־שעמדיקײַט, האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן פון א מענטשלעך אויג אונטער די יונגע יעלן. מאַקס

איז צוגעקומען צו איר, א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די אַרויסטאַרטשענדיקע שפּיצן און טיף א זיפץ געטאָן.

דערנאָך זײַנען זיי אַלע געשטאַנען אַרום קיִוּוער, שוויַיגנדיקע, שטרענגע, ווי אַף א דורכקוק, זיכער, אַז דער, וואָס ליגט אונטער דער מאַצייווע, דער ייִדישער הוצול, איז בעקוועם אַף א ווײַלע אַן עפּן טאָן די אויגן און א קוק טאָן אַף זײַן זון, אַף זײַן שנור און זײַנע אייניקלעך.

וואַסילינע האָט זיך א יאַווע געטאָן פון צווישן די יונגע יעלן, שטיל צוגעקומען צום קיִוּוער, זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די קני און זיך איבערגעצײלעמט. איר שעפּטשעניש איז שווער געווען פאַרשטיין. צי זאָגט זי א טפילע, צי שמועסט זי זיך דורך מיטן טאַטן, מיט דער שוויגער אַנע, מיט אַלע איבעריקע, וועמען זי זעט דאָ שטענדיק פאַר זיך, ווי לעבעדיקע. מאַקס האָט זי באַמערקט, ווען זי האָט זיך שוין אופגעהויבן און אויסגעווישט די אויגן.

— וואַסילינע? ווי קומסטו אַהער?

— איך? איך בין דאָ אַן אָפטער גאַסט. אַלע מאָל, ווען עס ווערט מיר שטאַרק שווער אַפן האַרצן, קום איך צו אַהער. נאָר הײַנט... ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט. פאַרוואָס האָט איר ניט געגעבן צו וויסן? נו, קומט, קומט.

זי האָט ווי אומיסטן וואָס גיכער זיי אוועקגעפירט פונעם קיִוּוער, זי זאָל קאָנען יעדערן אַרומנעמען און זאָגן יעדערן, וואָס אים קומט.

— דו ביסט מוזע? איך ווייס, איך ווייס, פונקט אַזוי האָט דיך מאַיאַרקע אויסגעמאָלט. און דו ביסט סאָפּאַטשקע. גאָט מײַנער, אַן עמעסע קאַלע־מויד! און דו, דימע, ביסט אויסגעוואַקסן פאַרן יאָר!

וואַסילינע האָט געוואָלט וואָס גיכער זיי אוועקפירן צו זיך, נאָר סאָפע, וואָס האָט אַלץ ניט געקאָנט אײַנשטילן די כליפּעניש, האָט מיט קינדערשער קאַטעגאָרישקײַט אַרויסגערעדט:

— איך וויל... איך וויל פריִער א קוק טאָן אַפן זיידנס שטוב.

אַלע האָבן געוווּסט, סאָפע אַליין אויך, אַז די שטוב איז שוין לאַנג ניטאָ. בלויז א ביסל ציגלברוך האָט א קופּקעלע שטויב מיט אַש איבערגעמישט. נאָר דאָך... דאָס שטיקל פּלאַץ אַליין... סאָפע האָט זייער געוואָלט א קוק טאָן אַפן פּלאַץ און אַפן באַרנבוים, וועגן וועלכן דער טאַטע האָט דערציילט. יאָ, ער איז דאָ, ער שטייט דער אַלטער און הויכער באַרנבוים, געדיכט אָנגעזעצט מיט פּיצינקע באַרעלעך, וואָס האָבן אַפילע פונדערווײַטנס געשטשיפּעט דעם גומען מיט זייער טערפּקייט. ער שטייט, דער אַלטער באַרנבוים, ווי אַן איינזאַמער וועכטער, ווי א מאַצייווע איבער די רויִנען פון דער אַמאָליקער שטוב.

— פאַרוואָס זאָלן מיר דאָ ניט אויסבויען קיין נײַ הויז?

ווידער סאָפע. מאַקס האָט א קוק געטאָן אַף איר, באַאומרויִקט מיט איר שטאַרקער צערודערטקײַט.

— נאָך וואָס? — א פרעג געטאָן ניט באַ איר, נאָר באַ זיך, — א נײַע שטוב וועט שוין זײַן גאָר עפּעס אַנדערש.

— נו, קומט, קומט, — האָט וואַסילינע זיי אונטערגעיאָגט. — איר מוזט דאָך אין דער ערשטער ריי זײַן באַ מיר!

דעם „מוז" האָט פאַרשטאַנען בלויז מאַקס. ער מוז, הייסט עס, גלײַך פונדאַנען אוועק אַהין, וווהין ער איז אוועקגעלאָפן יענעם פאַרנאַכט, ווען ער איז א לעבעדיקער אַרויס פון דער גרוב. זי, וואַסילינע, איז דאָך די איינציקע, וואָס איז פאַרבליבן אינעם טאַטנס שטיבל נאָך דער כאַסענע, פאַרבליבן ווי א היטערן פון אַלץ, וואָס האָט זי פאַרהיט נאָך די אומגעקומענע עלטערן. און זאָל די אַלטע כאַטע מיט די קליינע פענצטערלעך ניט איבעריק אויסנעמען צווישן די נײַע הײַזער מיט די געשניצטע גאַנעקלעך, זאָל דאָס אײַזערנע בעטל, דער אַלטער טיש און די צעשאָקלטע בענקלעך אויסזען צו אַלטמאָדיש, פאַר איר, פאַר וואַסילינען, זײַנען דאָס די סאַמע טײַערסטע זאַכן אין דער וועלט.

דער פרישטיק איז געווען א גאַנץ באַשיידענער, ווי עס טרעפט אָפט מיט אומגעריכטע געסט. מוזע האָט בלויז ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס רופט וואַסילינע אָן דאָס מײַכל — קולעשיק, ווען אַף דער גאַנצער וועלט הייסט דאָס מאַמאַליגע.

דער פּרוט, פאַר וועמען די בערג האָבן דאָ אָפּגעטיילט א שמאָל טאָלעכל, פול מיט שטיינער, איז געווען בייז אַף דער גאַנצער וועלט, געשפּריצט, געפּינעט, געשפּרונגען פון איין שטיין אַפן צווייטן און דער גאַנצער אַרום איז געווען פול מיט רויש, מיט א פאַרטרויבנדיקן הודיען, אין וועלכן ס'האָט זיך אַלע מאָל אַרײַנגעמישט עפּעס זײַטיקס, צי טאַקע אַזוינס, וואָס האָט געפרוווט איבערשרײַען די פּינענדיקע וואַסערן, צי אַזוינס, וואָס ס'האָט זיך בלויז גע־דוכט, אַזוינס, וואָס יעדערער האָט געטראָגן אין זיך. אַזוי צי אַזוי, נאָר דאָס שטיבל שטייט

הארט באם טײַך, און דער רויש פון די וואסערן, וואָס האָט פּריַי אָפּגעהילכט דורך די צעפּנטע פענצטערלעך, איז געווען ווי א טרויעריקער צושפּיל צו דעם ניט פרייליכן, שווײַגנדיקן פרישטיק, בייס וועלכן מוזע האָט פעסט באשטימט בא זיך, אז זי וועט טאָן אלץ, זי זאָל וואָס גיכער אוועקפירן מאקסן פונדאנען.

זי האָט גאָרנישט ניט געדארפט טאָן. די שוועסטער, וועמען ס'האָט אויך א צי געטאָן אהער, זײַנען קימאט אין איין צײַט זיך צונויפגעקומען פון אלע ברעגן פון דאָרף. זיי האָבן טאקע א ביסל זיך געאמפערט, נאָר גלײַך געקומען צו א האסקאָמע, אז אָף מיטיק וועלן זיך אלע צונויפקומען צו גאפּיַיקען. ערשטנס, שטייט איר שטוב אינמיטן דאָרף, צווייטנס, איז זי גראמער פון אלע איבעריקע, דריטנס, האָט בא איר אפּן גאָרטן זייער פּײַן זיך צעצוויטעט די קארטאָפּליעס און מע קאָן שוין אָנהייבן אונטערגראָבן. וואסילינע האָט געקאָנט בלויז קעגנשטעלן איין זאך — מאריען, וואָס איז איצט בא איר טאָכטער און איר וועט זײַן צו ווײַט. נאָר גאפּייקע האָט גלײַך דאָס אָפּגעוואָרפן.

— מאריע וועט צופאָרן אָף איר מאשין.

אוודע איז דאָס געווען גוט צוגעטראכט. בא איין ראשיקן מיטיק זיך באקאנען מיט אלע ניעמטשוקס, מיט זייערע קינדער און אייניקלעך. מוזען איז שווער געווען זיך אליין דערקלערן דעם געפיל פון היימישקײַט, וואָס איז מיטאמאָל אופגעקומען, ווי זיי וואָלטן געקענט איינער דעם אנדערן פיל יאָרן. אלע איבעריקע האָבן ניט ווייניקער זיך געכידעשט, וואָס מוזע האָט געטראָפן, ווי מע רופט יעדערן. שוין אָפּגערעדט פון מאריען, וואָס איז ארײַנגעפאָרן אין הויף אָף איר מאשין, ארויסגעקליבן זיך פון איר אזוי, אז קיינער זאָל ניט באמערקן, ווי שווער דאָס קומט איר אָן.

— ליבע מײַנע, טײַערע מײַנע!

מאריעס ווערטער, אין וועלכע ס'איז שטענדיק פארבאָרגן אזוי פיל! איר פרייד, איר אופּגערעגטקײַט, און אזוינס, וואָס זי ווינטשעוועט ניט קיינעם, אפילע דעם ערגסטן סוינע.

באם טיש איז אינגיכן געוואָרן גאנץ ראשיק, גלײַך אלע האָבן זיך צונויפגערעדט, די סימכע זאָל זײַן א סימכע און ניט פארשטערט ווערן מיט טרויעריקע דערמאָנונגען. מעגלעך, אז עמעצער האָט שוין געכאפּט א ביסל איבעריקס, איז דערגאנגען אויך צו דעם.

— גאָרקאָ, גאָרקאָ!

כאָטש וואָס פאר א „גאָרקאָ" אינמיטנדערינען? ווו איז דער כאָסן און ווו איז די קאַלע? באם טיש זײַנען געזעסן א סאך כאסאנים און א סאך קאלעס. און אויב מע שרײַט „גאָרקאָ", דאָרף מען זיך קושן. און ס'איז אָן סאקאָנע, קיין איין קוש וועט ניט פארפרעמדט ווערן. ס'וואָלט עפּשער אויסגעזען, ווי אָף אָן עמעצער כאסענע, ווען ניט מאריע. זי האָט ניט געקאָנט אײַנהאלטן די אנגסטן, און אירע ווערטער האָבן א קלונג געטאָן ווײַט ניט סימכעסדיק:

— ליבע מײַנע, ליבע מײַנע!

די בערג האָבן, אפּאָנעם, געהאלטן, אז די געסט האָבן געזען ווײַט ניט אלץ, און באשטימט ווײַזן זיי נאָך עפּעס. צווערשט האָט דימען זיך געדוכט, אז ער האָט דאָס שוין געזען. די שווארצע כמארע, וואָס גיט זיך א צי אויס פונעם הימל צו דער ערד, גרייט אלץ אײַנצושלינגען. האָט ער א ריב געטאָן די אויגן אָף איבערצײַגן זיך, אז דאָס איז ניט קיין כמארע, אז דאָס זײַנען די זעלבע בערג, וואָס האָבן זיך פארטשעפּעט מיט די שפּיצן פארן הימל. געריבן, געריבן די אויגן, נאָר ס'האָט זיך גאָרנישט ניט געענדערט. די כמארעס האָבן זיך פארקליבן וואָס אמאָל ווײַטער, פארדעקט מיט זיך דעם גאנצן ארום, די בערג אליין אויך, און אלץ איז מיטאמאָל איבערגעפארבט געוואָרן. דער דונער האָט א קנאל געטאָן אזוי פארטויבנדיק, מיט אזא שאַרפן, שנײַדנדיקן טראסק, גלײַך מע האָט אים פארשפּארט צווישן די בערג און ער האָט ניט ווהין א קערעווע טאָן זיך. טאנצט ער ארום אָף איין אָרט, צערײַסט זיך אָף שטיקלעך און שיט צעיושעט מיט אָן א שיר בליצן און בליצעלעך, וואָס פליִען ארום צווישן די בערג, ווי צעפּלאָכטעטע פייגלען, בא וועלכע מע האָט צעשטערט זייערע נעסטן.

דער רעגן איז געווען א ראשיקער און א ווארעמער. ער האָט געגאָסן העפקערדיק, לוסטיק, זיך צעהוליעט, ווי פארשיקערט דערפון, וואָס ער האָט ענדלעך דורכגעריסן די פארפעסטיקטע גרענעצן און ארײַנגעריסן זיך אהער, אין די בערג. דער רעגן האָט געגאָסן וואָס אמאָל געדיכטער, מיט גראָבע שטראָמען, נאָר די דונערס האָבן נאָך ניט אלץ אָפּגעזאָגט. זיי האָבן אלע מאָל א קנאל געטאָן מיט א נײַער קראפט, און דאָס ווידערקאָל, אויך פארשפּארט צווישן די בערג, האָט אָפּגעהילכט אלע מאָל פון אָן אנדער זײַט, ווי די בערג אליין וואָלטן זיך געשלײַדערט מיט דעם, געשטיפּט, פארווײַלט זיך, ווי געשפּילט זיך מיט זייער א קלינגענדיקן און קנאלנדיקן שפּילעכל.

— ווי מיר האָבן דאָס ארויסגעקוקט אפן רעגן, — האָט זיך אָנגערופן מיכײַלאָ, גאפּיקעס מאַן, א דארלעכער האַלצהעקער מיט קליינינקע, ארומבלאָנדזשענדיקע אויגן. — עס וועט זיך איצט א הייב טאָן דאָס היי אף די פּאָלאָנינעס.

— דאָס האָט איר געבראכט מיט זיך דעם רעגן, — האָט צוגעגעבן גאפּיקע, געוואָלט מיט דעם וויל מאכן די ליבע געסט.

— וועלן מיר עפּשער ארויסגיין א קוק טאָן אפן רעגן? — האָט געפרעגט וואסיל.

אוואדע האָט געלוינט א קוק טאָן. דער רעגן אליין איז אויך געווען פון יענעם ווונדער, וואָס מע קאָן זען בלויז דאָ, אין די בערג. זיי האָבן ארײַנגעגנארט די כמארעס און שוין ניט געוואָלט ארויסלאָזן. טאַקע נאָר יענער עמעצער האָט געקאָנט אָפּטאָן אזוי, אז די וואָלקנס זאָלן זיך ארומדרייען פּאַזע די בערג, ווי אין א פארשלאָסענעם קרײַז, אלע מאָל פארשטעלן מיט זיך אָן אנדער בארג, אלע מאָל באפרײַען א נײַ שטיקל הימל, וואָס האָט געבלענדט מיט זײַן שעמערירנדיקער בלויקײַט, ווי די זון אליין. א גיגאַנטישע בלויע זון אפן שווארצן הימל! און עס גיסט און גיסט אָן אומגעווײנלעכער רעגן, א ווארעמער און א גרינער, א מעכײַעדיק־שמעקנדיקער, וואָס האָט געדיכט באגאָסן די ערד מיט אלץ, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן אין די טיפעניש פון די וועלדער, און באטאמט געמאכט דאָרטן, אין די הימלשע הייכן, ווו עס ווערן געבוירן די וואָלקנס.

— ווי גייט דיר אין מײַן היטל? — האָט וואסיל א פרעג געטאָן, נאָכשפּירנדיק נאָך דער פארכאפּנדיקער שפּיל אפן הימל.

— דער קאָפּ ארבעט! — האָט מאקס אָפּגעענטפערט.

— שוין טאַקע עפּעס אויסגעארבעט?

— דערווײַל א נײַ ביסל מאַראָקע.

— אבי ס'זאָל זײַן א טאַלק.

— עס וועט מוזן זײַן! — און צוגעגעבן א ביסל בייזלעך, ווי ער, וואסיל, וואָלט געווען צווישן זײַנע קעגנער. — איך בין ניט פון יענע, וואָס גיבן זיך אונטער.

— ריכטיק, מאַלאַדיעץ, מאקסיוטאַ!

בא מאקסן איז אופגעקומען א געדאנק, וואָס ער האָט אים געמוזט שוין ארויסזאָגן:

— ווי וואָלט געווען, ווען דו קלײַבסט זיך אריבער צו אונדז? עך, וואָלטן מיר ביידע שוין ניט בלויז מיט די היטלען...

— מיט מײַן כאַפּטע קליינוואַרג?

— נו, איז וואָס?

— ניין... מיר, הוצולן... מיר קאָנען ניט אָן די בערג. עפּשער די קינדער אונדזערע, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן.

— אזוי, אזוי, — האָט מאקס ארויסגערעדט און אויך א זיפץ געטאָן. און קעדײַ פארענדיקן דעם ניט פריילעכן שמועס, א וויוו געטאָן מיט דער האַנט, — טו אומיסטן א קוק אהין! א וואַנט... א וואַנט פון וואָלקנס!

— אזוינס קאָן מען זען נאָר אין די בערג, — האָט וואסיל אָפּגעענטפערט, דערקלערנדיק דערמיט זײַן פעסטע צוגעבונדנקײַט צום אייגענעם קאַנט.

די נאכט נאָכן רעגן האָט געעטעמט מיט פּראָסטיקער פרישקײַט, פול מיט פּײַכטקײַט, וואָס האָט דורכגענומען אלץ ארום, זיך ארײַנגעקליבן אין שטוב, אָפּגעזעצט זיך אף די קישנס, לײַלעכער און קאָלדרעס מיט א געדיכטן טוי. נאָר ניט דאָס איז געווען די סיבע, איבער וואָס אין יענער נאכט איז קיינער ניט געשלאָפן.

דערנאָך איז געקומען נאָך א שלאָפלאָזע נאכט אין די בערג. שוין אין קאַסאָווע.

ביז דער לעצטער מינוט האָט בא מאקסן געטליעט א האָפענונג, אז אלץ וועט, מעגלעך, זיך ענדיקן אזוי, אז זיי וועלן זיך אומקערן אהיים אלע אײנעם. דימע וועט ניט אויסהאַלטן איינעם אן עקזאַמען, אָדער ס'וועט זיך ארויסווײַזן, אז זײַנע מאַלערישע פייִקײַטן זײַנען ניט מער, ווי אן אײַנרעדעניש. ער האָט געוווּסט, אז מוזע האָפט אוואדע אף אזא סאָף. נאָר די־מעס געמעלן האָבן ביז גאָר אויסגענומען, און אפן צווייטן טאָג, נאָך א פּאָר שמועסן מיט די לערער, וועגן וועלכע דימע האָט דערציילט זייער קאַרג, איז ער פארעכנט געוואָרן אלס שי־לער פון דער קאַסאָווער שול. מיט א צוזאַמענווײנונג האָט זיך אויך געלייזט אפן בעסטן אופן, דעריקער, וואָס מע האָט אים אײַנגעאָרדנט אין איין צימער מיט ראָמאַנען, כאָטש יענער איז געווען שוין אפן דריטן קורס. דאָס האָט מוזע געשטעלט אזא באדינג. אויב זי נעמט גאַ־פּיִקעס קלענערן זון, מיכײַליקן, צו זיך, וויל זי, אז דימע זאָל זײַן אונטערן אופזיכט פון גאַ־

פּיקעס עלטערן זון. וועט איר זײַן רויִקער. און ערשט נאָך אלעמען, ווען זיי האָבן זיך שוין געקליבן גיין שלאָפן, האָט מוזע שטיל ארויסגערעדט:

— איך האָב מוירע...

— פאַר וועמען האָסטו מוירע? — פרעגט מאַקס.

— פאַר די בערג...

— פאַר די בערג? — מאַקס פּרוּווט אָפּשפּעטן פון איר אומזיסטן פּאַכעד. — פאַר די בערג איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן, די בערג זײַנען זייער גוטע, זיי האָבן א סאַך מענטשן געראַטעוועט.

— איך ווייס, נאָר איך האָב מוירע. עפּשער בלאָנדזשען דאָ נאָך ארום אייניקע פון יענע... ס'זאָל, כאַלילע, אונדזער קינד ניט שאַטן.

— וואָס דיר קאָן קומען אין קאָפּ ארײַן. פון יענע איז שוין לאַנג קיין זייכער ניט געבליבן.

— טאַקע קיין זייכער ניט?

— דאָס איז שווער צו זאָגן. נאָר קאָלזמאַן די ראַטנמאַכט... און די ראַטנמאַכט, ווייסטו דאָך... דאָס איז אָף אייביק.

צי דאָס האָט אינגאַנצן בארויִקט מוזען, צי נאָר א ביסל, נאָר זי איז אײַנגעשלאָפן. בא מאַקסן האָט דער קורצער שמועס אינגאַנצן אוועקגערויבט דעם שלאָף. אין שמאָלן צימערל פון דעם ניט גרויסן קאָסאָווער האָטעל איז געווען דושנע. האָט ער זיך שטיל אָנגעטאָן, ארויסגעגאַנגען אין דרויסן און זיך צוגעזעצט אָף דער שמאָלער באַנק לעבן שיטערן פּלויט. אין דרויסן איז געווען קילבלעך, לאַנג זיצן האָט מען ניט געקאָנט, האָט ער אָנגעהויבן שפּאַצירן אהין און צוריק, דערנאָך אוועק אין דער ריכטונג פון דער צוזאַמענוווינונג. ס'האָט אים זייער זיך געוואָלט א קוק טאָן, ווי שלאָפט עס דימע די ערשטע נאַכט אָף זײַן נײַ אָרט. ער איז געווען שטאַרק פאַרטראַכט און ניט באַמערקט, ווי עמעצער איז אים אָנגעקומען אנטקעגן.

— דימע? פאַרוואָס שלאָפסטו ניט?

— איך ווייס ניט... ס'האָט מיך א ציִ געטאָן א קוק טאָן אָף דער נאַכט.

— אָף דער נאַכט אין די בערג?

— נו, יאָ.

מאַקס האָט זיך אָנגעשטויסן, אז ס'איז ניט אינגאַנצן אזוי. אין דעם, וואָס דימע האָט געשפּאַנט צום האָטעל, איז געווען עפּעס אנדערש, און ס'האָט אים א פּרעס געטאָן דאָס האַרץ. וועט אים, הייסט עס, ניט איין מאָל א הייב טאָן פונעם בעטל די בענקעניש. נאָר רעדן וועגן דעם האָט מען הײַנט ניט געטאָרט. זײַנען זיי ביידע געגאַנגען צום האָטעל און געשוויגן.

פאַר מאַקסן איז די נאַכט געווען ענלעך אָף פיל אנדערע נעכט אין די בערג, צו וועלכע ער איז געווען געוווינט. דימען האָט איבעראַשט איר שווארצקײַט. די בערג האָבן ווי צונויפגעשלאָסן זיך און פאַרדעקט מיט זיך אלץ — די הײַזער, די גאַסן, די ארומיקע סעדלעך, איבערגעלאָזט בלויז א שמאָל סטעזשקעלע אָף דער ערד און א קרום פּאַסיקל אָפן הימל. אין אזא נאַכט איז ניט שווער פאַרלירן זיך אליין, ווען ניט די שיטערע לעמפּלעך, וואָס האָבן צאַנקענדיק געפינטלט פון צווישן די ביימער, געלויכטן מיט א פאַרטונקלטער, רויטלעכער שײַן. די שטערן אָפן קרומען שטיקל הימל האָבן קוים באַלויכטן זיך אליין און ניט געהאַט, מיט וואָס כאָטש א ביסל פאַנאַנדערשוועכן די שווארצקײַט פון דער נאַכט. בלויז איין שטערן... ער איז געהאַנגען אָפן שפּיץ פונעם סאַמע העכסטן באַרג צווישן הימל און ערד, און ס'איז שווער געווען באַשטימען, וואָס דאָס איז. צי טאַקע א שטערן, צי דער איינציקער העלער לאָמפּ אָף די סלופּן פון דער הויכוואָלטיקער ליניע, וואָס ציט זיך העט ארוף צו די הויכע פּאָלאָנינעס.

— ווילן מיר זיך צוזעצן א ביסל? — האָט מאַקס ארויסגערעדט, ווען זיי זײַנען צוגעקומען צום האָטעל.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט אָף דער באַנק און ווידער געשוויגן. דימע האָט זיך אײַנגעקוקט אין דער נאַכט, דער ערשטער נאַכט אין די קאַרפּאַטן, וואָס ער זעט א וואַכנדיקער, און געסטאַרעט פאַרגעדענקען זי אזא, ווי זי זעט זיך אים איצט מיט אלע אירע אויסטערלישקײַטן, מיט אלע שטוינונגען, וואָס אזא נאַכט קאָן ארויסרופן. מאַקס האָט ווייניקער פון אלץ געזען פאַר זיך די הײַנטיקע נאַכט. מעגלעך דערפאַר, וואָס מוזע האָט דערמאָנט אין יענע, וואָס האָבן זיך געקאָנט פאַרטײַען אין די בערג, זײַנען אופגעקומען פאַר אים גאָר אנדערע נעכט, פון יענע זייער און זייער ווײַטע. אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיי האָט ער מיט אנדערע קאַוואָנעס. ער האָט געוואָלט, אז דימע, אײַנקוקנדיק זיך אין די נעכט צווישן די בערג, זאָל זען אין זיי אויך אים, זײַן טאַטן.

...איז ווידער געווען פון עפּעס אַן אָנהייב און פון עפּעס א סאָף. סאָף פרילינג און אָנהייב זומער פון פיר־און־פערציקסטן. ערגעץ האָבן שוין אָפּגעצוויטעט די סעדער, ס'איז שוין פאַר־וויאנעט געוואָרן דער שמעקנדיקער בעז, און די געדיכטע ווייצן האָבן אָנגעהויבן וויַזן דער וועלט דעם שפּיץ פון א זאנג. דאָ, אין די בערג, האָט דער פרילינג געמאכט די ערשטע ניט זיכערע טריט. די יעלן און סאָסנעס האָבן בלויז אָפּגעפרישט זייער גרינקייט, אראָפּגעשווענקט פון זיך דעם פאַראַיאָריקן שטויב, און די אַלטע דעמבן, ווען די שיטערע גרינע בלעטלעך האָבן ווייניק געוואָרעמט, האָבן נאָך אַלץ געקוקט זיך אין די פאַראַיאָריקע פאַרגעלטע און פאַרטריקנטע בלעטער. ערגער איז געווען די אויסגעיידלטע לינדנביימער, נאָך ערגער דער צאַרטער בעריאָזע, וואָס זײַנען געשטאַנען הויל נאַקעט און געצייטערט פאַר זייערע נאָרוואָס אויסגעפּיקטע קנאָספּן, די באַנאַכטיקע פרעסטלעך זאָלן זיי, כאַלילע, ניט קאַליע מאַכן. אַפילו דער פריצישער בוק און דער ביז גאָר האַרטער גראַב, וואָס מיינט אַליין, אַז ער איז שטאַרקער פון אײַזן, האָבן אויך מיט בענקעניש אַרויסגעקוקט אויף דער זון.

די בענקעניש האָט זיך געפילט אין די בערג און אין די טאָלן. אומעטום האָבן די מענטשן אַרויסגעקוקט אויף מיזרעך, מיט האָפענונג זיך אײַנגעהערט אין די קאַנאָנאַדעס, וואָס האָבן זיך געהערט וואָס א טאָג דײַטלעכער, הילכיקער, נעענטער. ס'איז זייער שווער געווען פאַנאַנ־דערקלײַבן, פונוואַנען שיסן עס די, אויף ווען מע ווארט, און פונוואַנען — יענע, וואָס רײַסן זיך אַלע מאָל אַרײַן אין א דאָרף, ראַבעווען און הארגענען יעדערן, ווען מע איז בלויז כוי־שעד, אַז ער האָט געזאָגט א גוט וואָרט וועגן די רויטע, מעגלעך, מיטגעהאָלפן די פּאַרטיזאַ־נער, אָדער אויסבאַהאַלטן א פאַרוואונדעטן סאָוועטישן סאָלדאַט.

די באַנדעראָווישע פלוגבלעטלעך, וואָס זײַנען געווען צעוואָרפן איבער די דערפער, האָבן געמאָלט די סאָוועטישע סאָלדאַטן, ווי די סאַמע ערגסטע ראָצכים, גערופן קעמפן קעגן די מאָסקאַלן און שאַפן אַן אייגענע „סאַמאָסטיינע אוקראַינע”, האָט מען געדאַרפט אָנזעטיקן די דערפער אין די בערג מיט אַנדערע בלעטלעך, וואָס זאָלן געבן צו פאַרשטיין דעם היגן אוי־לעם, ווער איז זײַן סוינע און ווער איז זײַן פרײַנט.

וועגן דעם אַלעמען האָט מאַקס געוווּסט זייער ווייניק. דערצו איז ער די לעצטע עטלעכע וואָכן געווען ניט בא זיך אין דער אויסשפּיר־ראָטע, נאָר אין מעדסאַנבאַט. בײַס דער אָרדנט־לעכער ראַזוועדקע איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן.

ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס פּלוצעם איז אין איינעם א טאָג אין מעדסאַנבאַט געוואָרן אַזוי טומלדיק. דאָס ניט גרויסע צימערל איז געוואָרן א שטיקל קלוב, און דער טיש איז פאַר־דעקט געוואָרן מיט א רויטן טישטעך. דערנאָך האָט מען זיי אויסגעשטעלט אין א ריי, פּער־ציק סאָלדאַטן מיט קוים פאַרהיילטע ווונדן, און אַן אומבאַקאַנטער גענעראַל האָט יעדן צוגע־טשעפּעט זײַן באַלוינונג. אים אויך. א מעדאַל „פאַר שלאַכט־פאַרדינסטן”.

— אַוודע וואָלט איך מיט א גרעסערן פאַרגעניגן דיר אָנגעטאָן א פּיאָנערישן האַלדזטוך און דיר צוגעטשעפּעט א מעדאַל פאַר אויסגעצייכנט לערנען זיך, — האָט געזאָגט דער גענע־ראַל און דערבײַ אים א קוש געטאָן. פונעם קוש האָט מאַקס זיך שטאַרק פאַרויטלט און פאַר־געסן זאָגן דאָס, וואָס עס קומט צו זאָגן אין אַזא פײַערלעכער מינוט.

דעם צווייטן טאָג האָט מען אים פאַרפּוצט אין א נײַער גימנאַסטיאָרקע לויט זײַן מאָס און צוגעטשעפּעט צו איר סערזשאַנטישע פּאַסיקלעך. ווי זשע האָט מען נאָך דעם געקאָנט בלײַבן אין מעדסאַנבאַט אַפילו אויף איין טאָג?

אין זײַן ראָטע איז ער געקומען סאַמע דאַן, ווען מע האָט געגרייט א גרופּע אַריבערקלײַבן זיך אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע, אויסשפּירן וואָס מע דאַרף און פאַרשפּרייטן די פלוג־בלעטלעך פונעם פּאָליטאָפּטייל פון דער אַרמיי. ס'איז אים אַוודע א שאָד געווען שיידן זיך מיט דער נײַער גימנאַסטיאָרקע, מיט די סערזשאַנטישע פּאַסיקלעך, נאָר דאָס, וואָס אים איז פאַרגעשטאַנען, איז געווען פיל רעגעוודיקער.

איז ער ווידער אין עכטע הוצולישע בגאָדים. אין א פּאָר צערעפּעטע שיך, אין שמאָלע לײַוונטענע הייזלעך, אין א לאַנג אויסגעגנייט העמדל, אין אַן אָפּגעריבענעם קעפּטאַריקל און אין א גרין, שטאַרק צעקנייטשט קאַפּעליוכל. ער איז א בעזשענעץ, צווישן פיל אַנדערע בע־זשענצעס, וואָס אַנטלויפן פון די סאָוועטן, א בעזשענעץ, וואָס גייט, וווּהין די אויגן טראָגן, גייט צווישן די אַלע פּאָליצײַען, דײַטשישע אונטערלעקער, הענקער און גלאַט אַזוי באַלעגו־פים. ער שפּאַנט אַלע מאָל מיט אַן אַנדער גרופּע, שלעפּט זיך נאָך נאָך אַן אַנדער אָבאָז, אין יעדער דאָרף פאַרהאַלט ער זיך, מערסטנטייל אויף א נאַכט, קעדיי באַגינען זאָלן א סאַך באַלע־באַטים געפינען אויף דער שוועל פון זייער שטוב א פלוגבלעטל. אַמאָל גיט זיך אים אײַן אויך אַזוינס. ער רײַסט אַראָפּ פון א וואַנט צי פון א פּלויט דאָס באַנדעראָווישע און קלעפּט צו זײַנס. ער שפּאַנט אַלע מאָל מיט אַן אַנדער גרופּע, קוקט זיך אײַן אין פּנעמער, און אים דוכט

זיך, אַז אַלע זײַנען ענלעך איינער אַפן אַנדערן און ער קען זיי אַלע. ער דערקענט זיי לויט די שיקערלעכע פּנעמער, לויט די בייזע שטימען, דערקענט יענע, וואָס האָבן געשאָסן דעם טאַטן, געהאַנגען די מאַמען און הונדערטער מאָל געשאָסן אין אים.

ער האָט ניט געוווּסט, מאַקס, און ניט געקאָנט וויסן, אין וואָס פאַר אַ זודיקן קעסל ער האָט געטראָפן. די דערפער צווישן די בערג זײַנען געווען אָנגעשפּיקעוועט, איבערגעפלאָכטן און איבערגעמישט מיט אָן אַ שיר אַנטלויפנדיקע און אַנטקעגנאַנדיקע. ער האָט ניט געקאָנט באַנעמען די קאָלויצעניש פון די גערײַנגלען, די בייזע צעיושעטקײַט, די פאַרסאָפּעטע צעפּינעטקײַט, ווי בײַס דעם שטורמישן אײַזגאַנג אין פּרוט, ווי בייס אַ צעווילדעוועטן געוויטער אין די בערג. און גיי ווייס, ווער איז צווישן אָט דעם צערודערטן, אופגעברויזטן און אַרומיאָגנדיקן אוילעם אָן אונטערערדלער צי אַ באַנדעראָוועץ, אַ פּאַרטיזאַן צי אַ פּאָליצײַ. אַלץ האָט זיך איבערגעמישט, די אויסערלעכע סימאָנים אויך. אַ רויט בענדל אַפן אַרבל האָט נאָך ניט געהייסן, אַז דאָס איז אַ פּאַרטיזאַן, אַ דרײַצאָניקער צייכן אַפן היטל האָט נאָך ניט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ באַנדעראָוועץ, און אַ דײַטשישער שינעל אַף די אַקסלען האָט נאָך ניט געהייסן קיין דײַטש. אַלץ איז געווען פאַרשטעלט, אַלץ איז געווען איבערגעטאָן, ווי ער אַליין.

נאָר מאַקס איז שוין אויך געווען אַן אַנדערער. שוין ניט יענץ מינדעריעריק סאָלדאַטיקל, וואָס האָט געדאַרפט אַרויסגאַנווענען זיך אַף זײַן ערשטער ראַזוועדקע. ער איז שוין געווען אַ גאַנצער מעיוכעס. אַלע מאָל, ווען מע האָט קאָמפּלעקטירט אַן אויסשפּיר־גרופּע, האָט דער אָנפירער געבעטן, מע זאָל זיי מיטגעבן מאַקסיוטקען. אַ שפּילערכל? אַ ייִנגעלע, וואָס קען פּויליש, דײַטש און באַהערשט ערשטקלאַסיש אוקראַיִניש. אַ ייִנגעלע, וואָס קאָן זיך דורכשמוגלען דאָרטן, ווו קיין דערוואַקסענער וועט ניט דורך. איז אים פאַר דעם יאָר אויסגעפאַלן ניט ווייניק ראַזוועדקעס, אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונגען, וועגן וועלכע ער האָט געקאָנט דערציילן גלײַך מיט אַלע איבעריקע, עלטערע אויסשפּירער. ווי ער האָט עטלעכע מאָל געברענט און איז ניט פאַרברענט געוואָרן, וויִאַזוי ער האָט זיך געטרונקען און איז ניט דערטרונקען געוואָרן, מיט איין וואָרט, אַן אויסשפּירער, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך פײַער און וואַסער און ווייסט וועגן אַלץ, וואָס אַן עכטער אויסשפּירער דאַרף וויסן.

די איצטיקע פאַרגעבונג איז געווען פאַר אים מערער, ווי אַן אויסערגעוויינלעכע. מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שאָ, מיט יעדן שפּאַן האָט ער זיך דערנעענטערט צו זײַן אייגענעם דאָרף, צו זײַן היים, און אַליין די נעמען פון די דערפער, נעמען, וואָס זײַנען אַרויסגעשוווּמען, ווי מײַסעלעך פון זײַן פאַרשווּנדענער קינדהײַט, האָבן געקלונגען אין די אויערן מיט לאַנג פאַרגעסענע ניגנדלעך, געשמעקט מיט לאַנג ניט געהערטע רייכעס, דורכגענומען פון קאָפּ ביז די פיס מיט אָן אַ שיר וויכע, שטילע, וואַרעמע ווינטעלעך, פון וועלכע ס'האָט זיך געדרייט דער קאָפּ, און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט וואָס אַמאָל שטאַרקער, הילכיקער, ווי די אומופהערלעכע קאַנאָנאַדעס, וואָס האָבן געדונערט אין די בערג באַטאָג און באַנאַכט.

ערגעץ נאָך קאָלאָמייע האָט דער שטראָם פון די בעזשענצעס פּלוצעם זיך אָפּגעשטעלט. די וועגן זײַנען דורכויס געווען פאַרהאַקט מיט אָפּטרעטנדיקן מיליטער. אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אַף איין אָרט, ווי צעוויכערט זיך, איבערגעמישט זיך אין איין קויטיקן געמיש און זיך צעקראָכן איבער די אַרומיקע דערפער. איז מאַקס אויך אַ ביסל אַראָפּ פונעם וועג, ער זאָל באַווײַזן אַרומקוקן זיך. בעטלערס אין די דערפער זײַנען געווען אַ סאַך, באַלאָנים אַף האָדעווען אומזיסט זײַנען געווען זייער ווייניק, האָט ער דערווײַל זיך פאַרדונגען פאַר אַ פּאַסטעכל.

שפּאַנט איבערן דאָרף אַ שוואַרצכיינעוודיק הוצולעכל, קנאַקט מיט דער לאַנגער בײַטש, שמועסט זיך דורך מיט די צוויי איבערגעהאָדעוועטע קי און שטעלט דערבײַ אַרײַן אַ פּאָר צוגעזאַלצענע זידלווערטער, וואָס נאָר אַן עכטער הוצול פאַרמאָגט זיי. ער טרײַבט די קי אַלץ העכער, איבער די שמאָלע סטעזשקעלעך, פול מיט דריבנע שטיינדעלעך, קוקט אויס ווו אַ געסעלע, ווו אַ ליקעלע, ווו ערגעץ אַ פאַרוואָרפן שטיבעלע, און הינטער יעדער פּלויט פּאַרלירט ער אַ פלוגבלעטל.

ווער ווייסט, וואָס דער באַלעבאָס האָט געטראַכט, ווען דאָס פּאַסטעכל האָט ניט געסטײַעט. ס'האָט אים געוויס געוווּנדערט, וואָס דאָס ייִנגעלע האָט גאָרנישט ניט צוגעגאַנוועט, גאָרניט אוועקגעשלעפּט, כוץ אַ פּאָר סעכערעס און דאָס רעשטל פון דער נעכטיקער מאַמאַליגע, וואָס ער וואַרפט שטענדיק אונטער די כאַזיירים. אַ נאַריש, זייער אַ נאַריש פּאַסטעכל.

און דאָס פּאַסטעכל... די נעמען פון די דערפער קלינגען וואָס אַמאָל רעגעוודיקער, דאָס האַרץ קלאַפּט וואָס אַמאָל האַסטיקער, ער גייט, שמײַסט מיט דער לאַנגער בײַטש די ערד, צערודעוועט אַרום זיך דעם שטויב, פאַרלירט, ווו מע דאַרף, אַ פלוגבלעטל, און עס דוכט זיך אים, אַז דאָס קערט ער זיך אום אַהיים פון זייער אַ ווײַטער רײַזע. ער איז אַפילע זיכער,

אז דאָרטן וואַרט מען אַף אים, מע קוקט אַרויס אַף אים... דער טאַטע, די מאַמע, די ברידער־לעך מיט די שוועסטערלעך.

דעליאַטין, דאָרא, יאַרעמטשאַ... און אָט איז שוין יאַמנע. און גלײַך נאָך יאַמנע — זײַן אייגן דאָרף מיקוליטשין. און אַרום — אַזעלכע באַקאַנטע בערג! בערג, וואָס האָבן פֿאַרהיט אין זיך פֿאַר אים די קעלט, דעם הונגער און דעם דורשט, דעם גאַנצן שוידער פֿון יענער ווײַטער צײַט! און גראַד דאָ! מעגלעך דערפֿאַר, וואָס דער שטראָם פֿון דעם דײַטשישן מיליטער און בעזשענצעס איז געווען די שוואַכערער און די היגע פּאָליצײַען זײַנען נאָך געווען פֿעסט בײַ זיך. שטייט שוין לעבן אים אַ פּאָליצײַ פֿון רעכטס, אַ דײַטשישער זשאַנדאַרם פֿון לינקס און ביידע רײַסן זיך צו זײַן טײַסטרע.

— ווער ביסטו און וווּהין גייסטו?

— צו אַ מומען גיי איך, צו אַ פֿעטער...

— צו וועלכער מומען, צו וועלכן פֿעטער?

פֿונוואַנען האָט ער זיך גענומען, יענער פֿעטער, וועמען ער האָט קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען? ער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן קעפּטאַריק, דערלאַנגט אַ פּאָר גוטע שמיץ און בייז אויסגעזידלט:

— ווי פֿל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, זאָלסט זיך ניט אַרומשלײַען? אָן אומגליק מיט אים! נו, קום שוין אַהיים, וועסט שוין הײַנט בײַ מיר אַרײַנכאַפּן.

אין יענער מינוט, ביז דער אויסגעטראַכטער פֿעטער האָט זיך באַוויזן, האָט זיך אים גע־דוכט, אַז די בערג האָבן זיך אַ ריס געטאָן פֿון זייערע ערטער, זיך צונויפֿגעשלאָסן אַרום אים און אַזוי פֿאַרפּרעסט, אַז ס׳איז שוין אומעגלעך אַן אָטעם טאָן. דעם גאַנצן טאָג, שוין בײַם „פֿעטער” אין שטוב, האָט מען אים ניט אופֿגעהערט צו מאַרדעווען, ווי דאַן, ווען ער האָט אַ לעבעדיקער זיך אַרויסגעדראַפּעט פֿון צווישן די האַרוגים.

אין מיקוליטשין איז ער אַרײַנגעקומען שפּעט באַנאַכט. אַלץ איז דאָ געווען באַקאַנט... שרעקלעך, ווייטיקלעך, סאַקאָנעסדיק באַקאַנט! יעדער שטיינדעלע, יעדער ביימעלע, יעדער שאָרך. מיטאַמאָל האָבן אופֿגעלעבט אַלע גרוילן פֿון יענע נעכט, און ער האָט אָנגעהויבן טוליען זיך צו די בערג, דורכשמוגלען צווישן די ביימער, אײַנגעבויגן זיך, צונויפֿגעקאָרטשעט זיך, מע זאָל אַפֿילו זײַן שאָטן ניט דערקענען. אַזוי איז ער צוגעקומען צום בריקל, אונטער וועלכן ס׳האָט געראַוישט דער פּרוט, אַן איבערגעפֿולטער מיט די פֿרילינגדיקע שטראָמען, מיט די צעקאָלויצעטע, ליימיקע וואַסערן, געראַוישט און געשלײַדערט איין כוואַליע אַף דער אַנדערער. זיי האָבן אַלע מאָל זיך צונויפֿגעשטויסן, אונטערגעשפּרונגען און געבוצקעט זיך, פֿאַרשפּריצט די שפּיציקע שטיינער און פֿאַרגאָסן דאָס שמאָלע בריקל מיט אַ קויטיקער שיטעריצע. דורכ־געלאָפֿן דאָס בריקל, איז ער אַפּגיך אַראָפּגעשפּרונגען אינעם נידעריקן טאָלעכל און צוגעלאָפֿן צו מאַריעס שטוב.

ער איז לאַנג געשטאַנען אונטער דער טיר, געפּרוווט אײַנשטילן אַ ביסל דאָס האַרצ־שפּרינגעניש און געפּרוווט פֿאַרשטעלן זיך, וויאַזוי וועט דאָס אַלץ פֿאַרקומען. וויאַזוי ער וועט אָנקלאַפּן, וויאַזוי מאַריע וועט אים עפֿענען, מאַריע, אָדער אַנדריי, און וואָס וועט זײַן דערנאָך. זינט יענער נאַכט, ווען ער איז געקומען אַהער פֿון נאַדוואָרנער געטאָ נאָך אַ ביסל שפּײַז, איז געשען אַזוי פֿיל שרעקלעכס, מיט אים אַליין זײַנען פֿאָרגעקומען אַזוי פֿיל אומגלייבלעכע פֿאַר־וואַנדלונגען, אַז אים איז שווער געווען פֿאַרשטעלן זיך, אַז ערגעץ האָט געקאָנט בלײַבן אַלץ, ווי געווען, אַז הײַזער זײַנען געבליבן אַף זייערע פֿרײַערדיקע ערטער, און אַז אין זיי וווינען די זעלבע מענטשן.

ער האָט פֿאַרזשמורעט די אויגן, ווי געשראָקן זיך פֿאַר דעם, וואָס ער וועט באַלד דערזען, און שטיל אָנגעקלאַפּט. געעפֿנט האָט מאַריע. זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען, ווי געפּלעפֿט, געריבן די אויגן, געפּרוווט צונויפֿנעמען, ווי־ניט־איז פֿאַרדרייען די לאַנגע צעפּאַטלטע האָר, דערנאָך, ווי ערשט איצט זיך אופֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, אַרומגענומען מאַקסן און צוגעדריקט צו זיך:

— מאַיאָרקע, וויאַזוי?

זי האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין דעם זעלבן קאַמערל, אַוועקגעזעצט אַף דער זעלבער שמאָ־לער באַנק און פֿונקט ווי אין יענער נאַכט אַ טײַטל געטאָן מיטן פֿינגער:

— נאָר שטיל... מיר זאָלן אַנדרייען ניט אופֿוועקן. וואָס זאָל איך דיר געבן?

— איך דאַרף גאָרניט. איך האָב געבראַכט.

— וואָס האָסטו געבראַכט?

— פֿאַרשטייסט, מאַריע... איך ווייס ניט, נאָר איך מיין... אונדזערע טאַטעס ליגן אין איין גרוב... און דו דאַרפֿסט מיטהעלפֿן...

— זאָג שוין גיכער, וואָס האָסטו געבראַכט?

— אָט דאָס־אָ...— און ארויסבאַקומען פון דער טײַסטרע א פעקעלע בלעטלעך.— מע דאַרף, זיי זאָלן טרעפן צו גוטע מענטשן.

— גוט, גוט. איך וועל מאָרגן גיין אין קלויסטער. איך ווייס, איך ווייס, וועמען מע מעג זיי געבן.

מאַריע האָט ניט אופגעהערט באַקוקן אים, שטיל געזיפצט און אלע מאָל, ווי ניט אומיסטן, א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

— א גלאָז מילך ווּעסטו אויסטרינקען פארן שלאָף?

— א גלאָז מילך און א שטיקל ברויט. און נאָך א שטיקל מיט זיך.

— מיטגעבן וועל איך דיר דערנאָך, ווען דו וועסט זיך אויסשלאָפן.

— ניין, שוין, איך דאַרף גיין ווײַטער.

— טאַקע שוין? נו, גוט... איך פארשטיי... דו ווייסט, איך האָב ניט איין מאָל געגעבן ברויט און מילך... אזעלכע ווי דו...

מאַקס האָט ניט געזען, ווי מאַריע האָט אים איבערגעצײלעמט, ניט געהערט, מיט וואָס פאר א בראָכע זי האָט אים ארויסבאַגלייט. אים האָט געצויגן וואָס גיכער צוקומען צו יענעם אָרט. ער האָט זיך געדראַפּעט ארוף מיטן גליטשיקן סטעזשקעלע און אלע מאָל געמווזט אָנ־כאַפּן זיך פאר אן אנדער צווײַג. דאָס אָרט האָט ער קוים געפונען. ס'איז געווען האַלב פאר־שאָטן, האַלב פארוואַלגערט מיט פארטריקנטע הילאַקעס, ארומגערינגלט מיט טעלעכע קויטי־קע קאַליוזשקעלעך.

— טאַטע, איך בין געקומען,— האָט ער שטיל ארויסגעשעפּטשעט, קוים אײַנהאַלטנדיק דעם היכץ.— און ניט מיט ליידיקע הענט...

ער ווייסט ניט, וויפל איז ער אָפּגעשטאַנען לעבן דער האַלב פארשאָטענער גרוב און אײַנגעהערט זיך, זיכער, אז עמעצער דאַרף זיך אָנרופן פון דאָרטן, אָדער כאָטש געבן צו וויסן וועגן זיך מיט א סימען, מיט א ריר פון אן אייוער. ס'האָט קיינער זיך ניט אָנגערופן, קיינער זיך קיין ריר ניט געטאָן. בלויז די דינינקע נעדעלעך אף די דערבײַיִקע יעלן און די נאַקעטע צווײַגן פון די יונגע בערעזעס האָבן שטיל אונטערגעטערעשטשעט. און פון א ביסעלע ווײַטער האָט א פארומערטע געקוקט אף אים זײַן אלטע, אויסגעהוילטע און פליכצוואַטע סאָסנע. א צעפּאַלאַכעטער פיקהאָלץ האָט ניט אופגעהערט קלאַפּן ארום זײַן נעסט, אוועק־געטריבן דאָס בייזע פון זײַנע נאַרוואָס אויסגעפּיקטע קינדערלעך. ערגעץ האָט אומרויִק א קוויטשע געטאָן די וואַכנדיקע סאָווע און ס'האָט א שפּרונג געטאָן איבער די צווײַגן אן איבערגעשראָקן ווערוויקל. און ס'האָט אלץ געדרוישט דער ליימיקער שטראָם אינעם צעבו־שעוועטן פּרוט.

צו דער שטוב האָט ער געמוזט צוקומען כאָטש אף א ווײַלע. אים האָט זיך אלץ געדוכט, אז עמעצער וואַרט דאָרטן אף אים. ס'האָט קיינער אף אים ניט געוואַרט. די שטוב אליין — א פארוואָרלאָזטע, א האַלב־צעוואַלגערטע, אָן טירן און אָן פענצטער, האָט אויסגעזען, ווי א מעס. די גרוילן האָט ער אופגענומען, ווי אן אומפארמײַדלעכע זאַך. נאָר פונוואַנען האָבן זיך גענומען אזויפיל טרערן? זיי האָבן א גאָס געטאָן מיט א הייסן, בריִענדיקן שטראָם, געקײַקלט זיך איבערן פּאָנעם, פארקליבן זיך אין האַלדז און ניט קיין אויסגעקילטע א רין געטאָן איבער דער ברוסט. ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פארן געוויין, וואָס ער האָט ניט געקאָנט אײַנשטילן, און געלאָזט זיך לויפן, מוירע האָבנדיק, דער געוויין זאָל אים ניט ארויסגעבן. ער איז געלאָפן, און אים האָט זיך געדוכט, אז זיי לויפן אים אלע נאָך — דער צעשאָסענער טאַטע, די אופגעהאנגענע מאַמע, דער דערשטיקטער מוישעלע, דער פארברענטער זאַלמענקע און גיזעלע, וואָס איז אויסגעאַנגען באַ אים אף די הענט. זיי לויפן אים נאָך, שרײַען צו אים, בעטן זיך:

— מאַיאָרקע, וואַרט צו, מײַערל, מירן גיין מיט דיר, מאַקסיוטקע!

ער איז געלאָפן, פארשטעלט מיט בײַדע הענט די אויערן, ער זאָל ניט הערן די געשרייען, ניט הערן די רופן. נאָר די בערג... די הויכע שוואַרצע בערג ארום, די בערג, צווישן וועלכע ער האָט פארבראַכט אזוי פיל שווערע טעג און נעכט, זיי האָבן אים אויך דערקענט: און איין באַרג צום אנדערן, אלע בערג אינײנעם, מיט יענעם מעכטיקן ווידערקאָל, וואָס האָט צעווויגט, צעהוידעט אלץ ארום אין דעם שמאָלן טאָל:

— מאַק־סיוט־קאַ!

11

אזוי גייט עס... מע איז פּאַרנומען טאָג און נאַכט, מע איז פאַריאָגט, פאַרהאָוועט און מע באַמערקט ניט, וואָס אַרום דיר טוט זיך. באַמערקסט ניט דאָס, וואָס אַלע שכנים האָבן שוין באַמערקט, וועגן וואָס מע ווייסט שוין אַף דער צענטער גאַס. אַזוי איז געשען אויך מיט מאַקסן. געווען פאַרנומען מיט דער אַרבעט, פאַרכאַפּט מיט די ראַציאָנאַליזאַציעס, פאַרטראָגן מיט די פּילצאַליקע אַרויסטרעטונגען אין די שולן און קלובן, און ניט באַמערקט, אַז סאַפּאַטשקע איז שוין אַ גרויסע, אַז סאַפּאַטשקע איז שוין אַ קאַלע־מויד. מוזע האָט דאָס אויך פאַרזען. און אויב מע האָט יאָ געהערט וועגן דעם, איז דאָס געווען צוליב אייגענעם טײַנעג:

— זע נאַר, סאַראַ טעכטערל עס וואַקסט באַ אונדז! אַ שיינע קאַלע!

די מאַמע באַרימט זיך פאַרן טאַטן, און דער טאַטע האַלט אונטער די מאַמע:

— יאָ, אונדזער סאַפּאַטשקע וועט זיך ניט פאַרזיצן.

געשפּאַסט, געשלעפּט נאָכעס און געטראַכט בייסמײַסע, אַז צו דעם איז נאָך זייער ווײַט, אַז סאַפּאַטשקע איז נאָך אַ קינד, דאָס נעזל איז נאָך קיין נעזל ניט — אַ ביסל צו שפּיציק, דאָס פּאָנעם איז נאָך קיין פּאָנעם ניט — עס פעלט דעם אַ ביסל קײַלעכדיקײַט, און זיי האָבן ניט באַמערקט, ווי דאָס נעזל האָט זיך אויסגענעזלט, ווי דאָס פּענעמל האָט זיך אויסגעפּע־נעמט, ווי די ברעמען זײַנען פון זיך אַליין געוואָרן אַזעלכע, אַז מע דאַרף צו זיי גאָרנישט ניט צולייגן, און אַז אין אירע שוואַרצע אויגן האָט זיך אַרײַנגעגאַנוועט אַ סאָד.

ס'איז זיי אַפילו אַפּן געדאַנק ניט געקומען, אַז גאָר אינגיכן, אין איינעם אַ שיינעם טאָג וועט סאַפּאַטשקע אַרײַנקומען אין שטוב אַרײַן ניט אַליין, נאָר מיט איר עדיקן מיט אַ שמייכל, און שוין... וואָס איז דער שוין? גאָרניט. פּאַשעט, זיי האָבן זיך ליב.

— זיי האָבן זיך ליב, און שוין. און מע דאַרף זיך גרייטן צו אַ כאַסענע.

טאַטע־מאַמע זײַנען געווען איבעראַשט און פאַרלוירן.

— צי דען טאַקע שוין?

דאָס זאָגט דער טאַטע, און די מאַמע גיט צו אירס:

— ווײ־ווײ, זײַנען אַזויפיל יאָרן דורכגעפלויגן? ערשט ניט לאַנג אַף די הענט געטראָגן, אין ערשטן קלאַס אוועקגעפירט... און טאַקע שוין?

אינדערעמעסן האָבן זיי זיך געדאַרפט ריכטן אַף אַזאַ קלאַפּ. דעם כאַראַקטער האָט סאַ־פּאַטשקע באַם טאַטן געיאַרשנט. ווען זי האָט געענדיקט דעם צענטן קלאַס, גאַנץ גוט געענ־דיקט, האָט זי געמאָלדן:

— טאַטע, איך וויל צו דיר אַפּן זאַוואָד.

אָט האָסטו דיר! דימען האָט נאָכן אַכטן קלאַס אַ צי געטאָן קיין קאַסאָווע, און זי נאָכן צענטן — אַפּן זאַוואָד.

— און פאַרוואָס ניט אין אינסטיטוט?

זי קען גוט איר טאַטן, סאַפּאַטשקע, און זי ווייסט, מיט וואָס אים צו נעמען.

— מיטן אינסטיטוט וועלן מיר באַווײַזן, — ענטפערט זי. — איך וויל פרײַער... איך וויל, ווי דו!

ווי זאָל אַ טאַטנס האַרץ ניט אַ פלאַטער טאָן פון אַזעלכע ווערטער? דאָס איז דאָך דער גרעסטער סכאַר פאַר אַלץ, צוליב וואָס דו לעבסט אַף דער וועלט! פון אַזאַ האַרצקלאַפּעניש קאָנען גאַנץ גרינג אַ שפּרינג טאָן די טרערן. מוז ער שוין אַ שמייכל טאָן:

— פאַרוואָס גראָד צו מיר אַפּן זאַוואָד? דאַרפסט האָבן מײַן פּראָטעקציע?

קיין שום פּראָטעקציע האָט זי ניט געדאַרפט, נאָר דער ייִכעס, פונדעסטוועגן, מאַקס דאַווידאָוויטשס טעכטערל! אינגיכן האָט זי דאָס אויך ניט געדאַרפט. פאַר איר פלײַסיקײַט, געניטקײַט האָט דער נאַטשאַלניק פון צעך אַליין זי געשיקט אַף קורסן, און אינגיכן איז זי געוואָרן אַ טעכניקערן פון דער צעכישער לאַבאָראַטאָריע.

האָבן זיי געהאַט אַ גרונט צו קלערן, אַז סאַפּאַטשקע איז שוין ניט קיין קינד. נאָר זיי האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס וועט געשען אַזוי גיך. אָן שום פּראָטעקציע, אָן שום שאַדכאָנים, זיי ביידע אַליין, זי און עדיק. וואָסי? זיי האָבן זיך ליב.

קעגן עדיקן האָט קיינער גאָרנישט ניט געהאַט. אַ וווילער יאַט, אַ באַשיידענער, אַ שטילער, עפּשער שוין צו אַ באַשיידענער און צו אַ שטילינקער. און, ווי די מאַמע מאַניע זאָגט, וואָס „צו" איז איבעריק, נאָר צו עדיקן האָט דאָס קיין שײַכעס ניט, איבער אַזאַ „צו" ברעכט מען ניט קיין שידעך.

— דעריקער איז דאָס, וואָס זיי האָבן זיך ליב.

אזוי זאָגט דער זיידע יאָסל, און דאָס דאַרף הייסן, אז אלע איבעריקע זאכן האָבן ניט קיין שום ווערט.

— און דאָס, וואָס ער איז ניט קיין ייִד? — ווידער דער זיידע מיט זײַנע קאשעס און מיט זײַנע טערוצים. — דאָס וויכטיקסטע איז — א מענטש זאָל מען זײַן.

וואָס זשע זאָל מאקס אליין זאָגן? דאָס איז דאָך זײַן טאטנס צאוואָע! א מענטש זאָל מען זײַן!

און עדיק איז א מענטש. זייער א הײַנטצײַטיקער. אָפּגעדינט צוויי יאָר אין דער ארמיי, געענדיקט א טעכניקום, געוואָרן א מעכאניקער פון ברייטן פּראָפיל און איז שטארק פארכאַפּט מיט עלעקטראָניק. מאקס האָט ליב אזעלכע, ער האָט ליב מענטשן, וואָס זײַנען פארכאַפּט מיט טעכנישע אידייען. און עלעקטראָניק, ווייסט ער, איז זייער אַן ערנסטע זאך. האָט ער אויך ליב באקומען עדיקן. פון מוזען איז שוין אָפּגערעדט. פאר וואָס? אָן א שום פאר וואָס. ערשטנס, דערפאר, וואָס סאָפּאָטשקע האָט אים ליב, צווייטנס, דערפאר, וואָס ער האָט ליב סאָפּאָטשקען.

די מעכוטאָנים זײַנען אויך גרינג דורכגעקומען צווישן זיך. עדיקס טאטע, וולאדימיר אוליאנאָוויטש, איז פון די, וואָס האָבן פײַנט א סאך צו רעדן. נאָר ווען מעכוטאָנים באגעגענען זיך צום ערשטן מאָל, ווען דערצו איז איינער א ייִד און דער צווייטער אַן אוקראַיִנער, האָט מאקס געפּרוּווט אים צערודעווען א ביסל.

— עפשער וועלן מיר זיך דורכשמועסן וועגן אלע זאכן?

וולאדימיר אוליאנאָוויטש איז זייער אַן ערנסטער מענטש. מע זאָגט אפילע, אז אלס הויפּט־אינזשעניער פון א בוי־פּאַרוואַלטונג איז ער צו שטרענג. האָט ער באַשענקט מאקסן מיט א שמייכעלע.

— וואָס איז דאָ צו רעדן? — האָט ער אָפּגעענטפערט. — אײַער סאָפּאָטשקע איז מיר זייער געפעלן.

ס'האָט א שמעק געטאָן מיט א כאַסענע.

מעכוטאָנים און פרײַנט זײַנען געזעסן דורך די נעכט, געשריבן, געצייכנט, אויסגערעכנט, פארמעקט און איבערגעשריבן אלץ אָפּסניי, און כאָטש בא אייניקע האָט זיך געדרייט דער קאָפּ, און כאָטש בא אנדערע האָבן געפלאַמט די פּענעמער, און כאָטש מע האָט ניט אויסגעמיטן פארשיידענע אמפּערנישן, איז דאָס אלעמען געווען צום הארצן.

אין דרויסן איז געווען מאַרט, אין דרויסן איז געווען פרילינג. יענער האסטיקער דאָרעמדיקער פרילינג, ווען אין סטעפּ בלאָזן וואַרעמע ווינטן, ווען די קנאָספּן ווערן אפגיך אָנגעשוואָלן און פאר איין נאכט ווערן דיביימער באַפּוצט מיט א ליכטיקער, העלער, ליבער גרינקײַט, ווען בא אלעמען, סײַ בא יונגע לײַט, סײַ בא עלטערע מענטשן, פלאַטערן די הערצער מיט א גרינגן, גוטן פלאַטער און אלע שלינגען מיט פארגעניגן די וואַרעמע, די שמעקנדיקע, די מעכײַעדיקע לופט.

ווען דאָס צעטל פון די אײַנגעלאַדענע האָט געהאַלטן בא פופציק, איז געווען געגנוג די ערשטע צייכענונג און דער ערשטער וואַריאַנט. זיי האָבן איצט געוווינט אין א דירע פון דרײַ צימערן, האָט מען זי צען מאָל איבערגעמאָסטן, אָנגעצייכנט, ווי וועלן עס אויסגעשטעלט ווערן די לאַנגע טישן און די שמאָלע בענק, און אלע האָבן איינמוטיק באַשטימט:

— עס וועט זײַן גוט.

נאָר ווען דאָס צעטל איז זיך צעוואקסן, ווי דאָס גרינס אין פרילינג, ווען פון די פופציק איז געוואָרן הונדערט, איז דער ערשטער וואַריאַנט אָפּגעפאַלן און מע האָט געמוזט, ווי מאקס האָט זיך אויסגעדריקט, זוכן נײַע פּראָדוקציר־פלעצער. איז גוט, וואָס ס'זײַנען פאראַן שכיינים אַף דער וועלט. דערצו אזעלכע גוטע, ווי דער פעטער ליאָווע און די מומע כאַווע. גוטע און נאָענטע. א טיר קעגן א טיר, און פאר א בויט...

דאָס האָט טאַקע דער אלטער שנײַדער, דער פעטער ליאָווע געגעבן אזא אייצע:

— מירן צושטיקעווען אונדזערע צימערן צו אײַערע, וועט עס ווערן איין גרויסע דירע.

ס'איז געווען פרילינג אַף דער וועלט. מיט יעדן טאָג איז דער ארום געוואָרן גרינער, די הערצער האָבן געקלאַפּט האסטיקער, און דאָס צעטל פון די מעכוטאָנים האָט געהאַלטן אין איין וואקסן. ווען דאָס צעטל איז אויסגעוואקסן ביז הונדערט מיט פופציק, האָט מען געמוזט אָפּוואַרפן אויך דעם צווייטן וואַריאַנט. דאַן האָט די באָבע מאַניע אַרײַנגעטראָגן א שפּאָגל־נײַע ראַציאָנאַליזאַציע:

— פאַרוואָס ניט דינגען אַף א טאָג דעם זשעקאָווסקע קלוב? איר האָט דאָרט טישן מיט בענק מיט האקל־באקל. אפילע אַן אָרקעסטער אויך.

— ניט אַף א טאָג, נאָר אַף א גאַנצן מעסלעס, — האָט דער זיידע יאָסל געפּרווט פאַרפּינקטלעכן.

— וואָס איז די נאָפקעמינע? — האָט די באָבע מאַניע זיך באַליידיקט. — ווער קוקט עס בייס א כאַסענע אַפן זייגער?

אַפן זייגער איז טאַקע ניט געווען ווען צו קוקן. זינט מע האָט ענדגילטיק צונויפגעשטעלט די צעטלען, פּאַנאַנדערגעשיקט די איינלאַדונגען און גענומען זיך פאַר די כאַסענע־מיכאָלים, האָט מען פאַרגעסן, ווי מע האַלט מיטן טאָג.

דער זיידע יאָסל און די באָבע מאַניע האָבן זייער געוואָלט, אַז די כאַסענע זאָל האָבן א פּאָנעם פון א גוטער, שיינער, אַמאָליקער יידישער כאַסענע. די גלאָוונע מעכוטאָנים פון ביידע צדאָדים האָבן געזאָגט, אַז טאַקע יאָ, עס מעג אוואַדע זיין אַזוי, נאָר עס ווילן דאָך זיין יידן און אוקראַינער, רוסן און קאַזאַכן. דאַרפן די מיכאָלים, די מוזיק און די טענץ אויך זיין פון דעם מין.

— די כאַלאַדיעצן נעם איך אַף זיך, — האָט עדיקס מאַמע, וואַלענטינע מיכיילאָוונא, געמאָלדן מיט אַזאַ קאַטעגאָרישקייט, וואָס נאָר כאַסנס־צאַד קאָן זיך אַזוינס דערלויבן.

— געפילטע פיש זיינען מיינע! — איז אַלעמען פאַרלאָפן דעם וועג די באָבע מאַניע.

— זאָלסט נאָר ניט זשאַלעווען קיין ציבעלעס, — האָט דער זיידע יאָסל געפונען מיט וואָס א שטעך טאָן זי.

און איבער דער גאַס האָט שוין געשמעקט מיט געבראָטענע קאַטשקעס און געפּרעגלטע הינדעלעך, מיט קנאָבל און לאַרבער־בלעטער, מיט וואַניל און אַנדערע ספּעציעס, אַן וועלכע ס'איז אוממעגלעך דערפינדן א לייטיש כאַסענע־געבעקס.

מיט די דאָזיקע דערפינדונגען האָט דורך די נעכט זיך פאַרנומען מוזעס שוועגערן פאַניע. זי איז דאָך אַן אינזשעניער־קאָנסטרוקטאָר, און גאָט אַליין האָט געבאָטן, זי זאָל איין מאָל אין לעבן קאָנסטרויִרן אַזוינס, עס זאָל זיין אַף וואָס א קוק צו טאָן און וואָס צו נעמען אין מויל אַריין. זי האָט צוגעזאָגט שאַפן אַזאַ געבעקס, וואָס זאָל אַריינעמען אין זיך דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פון אַלע טראַדיציאָנעלע כאַסענע־געבעקסן. עס זאָל האָבן דעם טאַם פון יידישן שטרודל, רוסישע קוליעטשן, אוקראַינישע פּירעשקעס, ווייסרוסישע קצוניקעס, פון די פוכקע אוזבעקישע לעפּיאָשקעס און פון יענע גרוזינישע מאַנדעלעך. מיט איין וואָרט — א סינטעטיש ווערק, א טאָרט — א גיגאַנט, מיט אַן א שיר דריידלעך און טרעפּלעך, אַן עמעס־דיקער טורעם — א לייטערל צום הימל!

די מאַשקע האָט זיך ניט געגייטיקט אין קיינע ראַציאָנאַליזאַציעס, און דיסקוטירן איז ניט געווען אַרום וואָס. אבי עס זאָל זיין גענוג ווייַנען, קאָניאַקן און בראַנפן. און זאָל יעדערער טרינקען וואָס ער וויל.

און אין דרויסן איז געווען מאַרט, אין דרויסן איז געווען פרילינג, דער האַסטיקער דאָ־רעמדיקער פרילינג, ווען אַלץ אַרום גרינט, ווען אַלץ אַרום צוויטעט און באַ אַלעמען אַפן האַרצן איז יאָמטעוודיק.

און אָט שטייען שוין די באַדעקטע טישן, עס שפּילט די מוזיק און...

מעכוטאָנים גייען...

מעכוטאָנים גייען!

אוואַדע איז מאַקסן געקומען, אַז צו דער כאַסענע זאָל פאַרטיק ווערן דער איניען מיטן רעמאָנט־קאָמפּלעקס. וואָלט די כאַסענע געווען גאָר אַן אַנדער כאַסענע, דער יאָמטעוו — גאָר אַן אַנדער יאָמטעוו. נאָר דערוויייל האָט ער פון זיין קאָמפּלעקס ניט מער, ווי א ביסל נייע הריזעניישן. ער סטאַרעט זיך אַרויסוואַרפן פון קאָפּ די אַלע זאַכן, ער סטאַרעט זיך ניט טראַכטן וועגן דעם, נאָר עס באַקומט זיך ניט.

דעם עמעס געזאָגט, האָט ער פריער זיך פאַרגעשטעלט די וואָקלונגען, ספּייקעס און כלוקעדייעס, וואָס זיין פאַרשלאַג וועט אַרויסרופן. נאָר ער האָט ניט געקאָנט וויסן, אַז דאָס וועט אים אָנקומען אַזוי שווער און אַז דאָס וועט זיך פאַרציִען אַזוי לאַנג. און אַז ער וועט נאָך אַלעמען מוזן שרייבן א בריוו. און אָט איז דער ענטפער פונעם נאַטשאַלניק פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער שינען־אינדוסטריע:

„אייער מעלדונג, אַדרעסירט דעם מיניסטער כאַווער פּיאַדאַראָוו, איז באַהאַנדלט געוואָרן אַף דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער שינען־אינדוסטריע איינעם מיט דער אָנפירונג פון דניעפּראָפּעטראָווסקער שינען־זאַוואָד. אייערע פאַרשלאָגן, וואָס זיינען געווענדט אַף העכערן די אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט און שאַפן בעסערע באַדינגונגען באַם רעמאָנטירן די טעכנאָלאָגישע און ענערגעטישע אויסשטאַטונג, פאַרדינען א באַשטימטע אופמערקזאַמקייט. דעם אינסטי־

טוט „גומיפּראָיעקט" איז פאַרגעלייגט געוואָרן נעמען זיי אין אכט באַם פּראָיעקטירן נײַע און רעקאָנסטרויִרן די אַלטע זאַוואָדן".

פּאַפּירענע שאַפּונגען! אײדעלע אויסדרוקן, שײנע קאַוואַנעס, גוטע צוזאָגן, וואָס פאַר־פליכטן קײנעם ניט. ניט מערער... „עס פאַרדינט אַ באַשטימטע אופמערקזאַמקײַט...", „נעמען אין אכט...". ווער זאָל דאָס נעמען אין אכט? ווער וועט דאָס פאַרווירקלעכן? און דאָס זײַנען דאָך הונדערטער טויזנטער רובל עקאָנאָמיע! ער האָט דאָס דאָך אַזוי קלאָר דערוויזן!

גוואַלד, ווי מעג מען עס אין אַזאַ טאָג טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן! די טישן זײַנען באַ־דעקט, אַלץ איז אָף זיי אויסגעשטעלט, די מוזיק שפּילט, כאַסן־קאַלע שטייען באַ דער טיר און נעמען אוף די געסט און...

— מעכוטאָנים גייען!

מעכוטאָנים גייען, מעכוטאָנים קומען אָן פון נאָענט און פון ווײַט, מעכוטאָנים קומען אָן פון די סאַמע קאַרפּאַטן.

ווען וואַסילינע האָט באַקומען די אײַנלאַדונג אָף דער כאַסענע, איז די ערשטע פראַגע צו זיך אַליין געווען: און אַ מאַטאַנע? ווי פּאַרט מען עס אָף אַזאַ כאַסענע אָן אַ לײַטישער מאַטאַנע? איבערגעקליבן אין קאָפּ אַלע מעגלעכע וואַריאַנטן, ריכטיקער, אַלע אירע, ניט איבעריק גרויסע מעגלעכקײַטן, האָט זי אַרויסגערעדט אין דער הייך:

— איך וועל קוילען דאָס כאַזערל.

און גלײַך אַ כעזשבן געטאָן, וועלכע מײַכאָלים זי וועט קאָנען פירן מיט זיך — די כאַ־לאָדיעצן, דעם וווּרשט, די גריוון און די שמאַלץ. עמעס, דאָס כאַזערל איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרטיק, מע וואָלט עס געדאַרפט נאָך צוהאָדעווען אַ כוידעש, נאָר דאָס איז אַ קלײניקײַט, דעריקער איז דער וווּרשט מיט די גריוון. האָט זי ענדגילטיק באַשלאָסן:

— יאָ, איך וועל קוילען דאָס כאַזערל.

ערשט דערנאָך האָט זי אַרופגעוואָרפן אָף זיך דאָס שאַלעכל און אַוועקגעלאָפן צו מאַ־ריען זיך האַלטן אָן אײצע. וועגן כאַזערל, וועגן די מאַטאַנעס און ביכלאַל. דערזען מאַריען, האָט זי שוין פאַרגעסן אינעם כאַזערל. מאַריע איז געזעסן אַ פאַרווײנטע. וואַסילינע ווייסט, אַז מאַריע איז ניט פון די פּלאַקסיוועס, זי קאָן איבערטראָגן די גרעסטע ווייטעקן און קײנער זאָל ניט באַמערקן. וואָס זשע האָט אַזוינס געקאָנט טרעפן?

— וואָס איז געשען, מאַריע?

— אוי, ווען איך האָב מײַנע פּיס! האָסט אויך באַקומען אַן אײַנלאַדונג?

— אַוואַדע. אָט דאָס בין איך אַרײַנגעלאָפן.

מאַריע האָט אַפּגיך אויסגעווישט די אויגן, זי האָט זייער ניט ליב, אַז מע זעט זי אַ וויינענדיקע.

— אוי, וואָלט איך עס אויסגעטאַנצט און אויסגעזונגען באַ מאַיאָרקען אָף אַ סימכע! ווערסטו שוין מוזן פאַר מיר אויך. וואָס זשע האָסטו צוגעטראַכט?

— איך וועל קוילען דאָס כאַזערל.

— וואַרט צו מיטן כאַזערל. מע דאַרף פריִער זיך אָן אײצע האַלטן מיט וואַסילן.

באַ וואַסילן איז געווען אַ גרייטע אײצע. אַ בריוו פון מאַקסן, מע זאָל זיך ניט דערוועגן טראַכטן וועגן מאַטאַנעס.

— אָט האָסטו דיר, — איז וואַסילינע געבליבן אַנטוישט. — ווי פּאַרט מען עס אָף אַ כאַ־סענע אָן מאַטאַנעס?

— מיר וועלן עפּעס צוטראַכטן, — האָט וואַסיל אַלעמען באַרויִקט, — מיר וועלן צוגרייטן אַ קאָלעקטיווע מאַטאַנע. אין נאָמען פון אַלע ניעמטשוקס.

קײן סאַך טראַכטן האָט מען ניט געדאַרפט. וואָס קאָן זײַן בעסער פון אַ טעפּיך? פון יענע טעפּיכער, אָף וועלכן יעדער געמעל שמעקט מיט די בערג, שמעקט מיט וואַלד, מיט די קאַרפּאַטן. און, פאַרשטייט זיך, אָן אויסגענייטן האַנטעך. ס'זאָל זײַן אַזוי, ווי עס פּירט זיך דאָ, אין די בערג. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון אַלע ניעמטשוקס וועלן קאָנען פאָרן נאָר צוויי. וואַסילינע און גאַפּייקע. וועלן זיי שוין דאַרפן איבערגעבן די מאַזלטאָוועס אין נאָמען פון אַלע ניעמטשוקס, אַוועקלייגן די שײנע מאַטאַנע און אויך אויסזינגען און אויסטאַנצן פאַר אַלע ניעמטשוקס.

גאַפּייקע איז שוין אויסגעווען אַ וועלט. געווען אין לוואָוו, אין איוואַנאָ־פראַנקאָווסק, געווען שוין אויך אין דניעפּראָפּעטראָווסק, ווען זי האָט אָפּגעפירט אַהין איר מיכײַליקן. איז די איצטיקע רײַזע געווען פאַר איר אַ וואָכעדיקע זאַך. וואַסילינע איז ווײַטער פון קאַלאָמייע

אין ערגעץ ניט געווען, און זי האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פֿאַר די ראַשיקע וואָקזאַלן, פֿאַר די יאָגנדיקע צוגן און מער פֿון אַלץ פֿאַר דער כאַסענע אַליין. עס וועלן דאָרטן זײַן אַ סאַך געהויבענע לײַט, אינזשעניערן, נאַטשאַלסטווע, און זיי וועלן האָבן אַ פּאָנעם, ווי אָרעמע קרויווים אַף אַ רײַכער כאַסענע.

— ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך, — האָט גאַפּײַקע זי אונטערגעמינטערט. — ערשטנס, איז מאַיאָרקע ניט פֿון די גווירים, צווייטנס, זײַנען מיר אויך ניט אַבי־וואָער.

— ריכטיק, אָבער אַזאַ שטאָט!

אומזיסט האָט וואַסילינע זיך געשראָקן פֿאַר דער שטאָט, פֿאַר די מעכוטאָנים און פֿאַר דער כאַסענע. די שטאָט האָט זיי אופגענומען מיט אַ העלער זון, מיט אַ ליבער וואַרעמקײַט און מיט אַ צעצוויטעטן פרילינג. די מעכוטאָנים — אויך דאָס זעלבע. פֿון כאָסן־קאַלע איז שוין אָפּגערעדט. און מאַיאָרקע! וואַסילינע האָט דערנאָך ניט אופגעהערט דערציילן באַ זיך אין דאָרף, וויאַזוי מע האָט זיי אַוועקגעזעצט אין סאַמע אויבנאָן, ווי די מוזיק האָט געשפּילט פֿאַר זיי אַ וויוואַט, און ווי מאַיאָרקע... אוי, מאַיאָרקע! זיי האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז אַזאַ הוצול, אַ מענטש מיט אַן אײַזערנעם כאַראַקטער, וואָס האָט געקאָנט אַזויפֿיל אויסהאַלטן, זאָל גלײַך זיך צעוויינען. ווי נאָר ער האָט זיי דערזען און ווי נאָר זיי האָבן זיך צעקושט. דערנאָך שוין, ווען ער האָט זיך באַרויִקט, האָט ער אויסגערופֿן:

— איך בעט אופהייבן אַ טאָסט פֿאַר מײַנע סאַמע טײַערסטע געסט. פֿאַר וואַסילינען, גאַפּייקען און פֿאַר אַלע ניעמטשוקס. דאָס זײַנען מײַנע נאָענטסטע קרויווים פֿון די קאַרפּאַטן. זײַנען וואַסילינע מיט גאַפּייקען געוואָרן גרויס באַ זיך, דערפֿילט זיך פרײַ, ווי באַ זיך אין דער היים. זיי האָבן פֿאַנאַנדערגעוויקלט דעם גרויסן טעפּיך, וואָס האָט אַ שײַן געטאָן מיט אַלע פֿאַרבן פֿון די בערג, און גרינג אַ פּאַקע געטאָן מיטן ברייטן, אויסגענייטן האַנטעך. צו דער קאָלעקטיווער מאַטאָנע האָבן זיי מיטגעבראַכט אויך זייער אייגנס און אַרויסגעשטעלט אַפֿן טיש אַ גרויסע שיסל מיט ברינזע.

— פּאַרזוכט, פּאַרזוכט, דאָס איז פֿון די בערג.

צווישן דעם שטאַטישן אָוילעם, וואָס איז געקומען אַף דער כאַסענע אויסגעפּוצט אין אַלע מאָדנע מיניס און מאַקסיס, מיט די פֿאַרשיידנאַרטיקע שיניאָנען און פּאַריקן, מיט די סאַמע נײַסטע קרימפּלינען און פֿאַרשיידנקאָליריקע פּלאַטפּאַרמעס, האָבן וואַסילינע מיט גאַפּייקען אויסגעזען, ווי פֿון גאָר אַן אַנדער וועלט. מיט זייערע קליידלעך־האַרבאַטקעס, פֿון וועלכע עס זעט זיך אַרויס אַ ווײַסער שפּיץ פֿונעם לאַנגן אונטערהעמד, מיט זייערע אויסגענייטע קאַפּטלעך, וואָס האָבן געבליאַסקעט מיט די דריבנע ביסערלעך, מיט די פֿוטערנע קאַפּטאַריקלעך, אויך מײַסטעריש אויסגענייט, און מיט אַלץ איינעם, ווי אויך זיי אַליין, וואַסילינע מיט אירע שוואַרצע גלאַט פֿאַרקעמטע האָר און גאַפּייקע מיט אירע ליכטיקע, קימאַט מיידלשע לאָקאָנעס. אַלץ נאָר אַזוינס, וואָס מע זעט אין טעלעוויזאָר, ווען עס טרעטן אַרויס די זעלבסטעטיקע כאָרן פֿון די בײַקאַרפּאַטישע געגנטן. דאָס אַלץ האָט אַרײַנגעבראַכט אינעם געמיט פֿון דער כאַסענע אַזוינס, אַף וואָס קיינער האָט זיך ניט געריכט. פֿאַר מאַקסן האָט עס באַטײַט זייער פֿיל.

וואַסילינע און גאַפּייקע... דער טעפּיך מיט די געמעלן פֿון זײַנע אייגענע בערג... און עפּשער מערער פֿאַר אַלץ — די שיסל מיט ברינזע. די ברינזע מיט אירע שאַרפֿע רייכעס, מיט איר אומבאַדינגטער איבערגעזאַלצנקײַט... אַלץ איינינעם, ווי אַ כאָלעם פֿון זײַן ווײַטער, זייער ביטערער און ביז גאָר איבערגעזאַלצענער קינדהײַט. גיי ווייס, אַז אַ שטיקעלע ברינזע, וואָס האָט אַ שטשיפּע געטאָן פֿאַרן צונג, קאָן פֿאַרפֿירן אַזוי ווײַט...

ניין, דער כאַסענע האָט דאָס ניט געשאַט. די כאַסענע איז זיך געגאַנגען מיט איר גאַנג. אַלע מאָל האָט עמעצער אויסגעשריִען „גאָרקאָ", און די שטאַרק פֿאַרויטלטע כאָסן־קאַלע האָבן פֿאַרזיכטיק צונויפֿגעטוליעט די ליפּן. באַ איין טיש האָט מען געזונגען, באַ אַ צווייטן אונטערגעהעפּקעט, יוגנט האָט ביסלעכווײַז זיך אופגעהויבן פֿון די טישן און אַוועק טאַנצן, און עלטערע לײַט, פֿרווונדיק אַלע מאָל אַן אַנדער פאַרבײַסעכץ, האָבן זיך דערמאָנט אין יענע צײַטן, ווען זיי אַליין זײַנען געווען יונג. מאַקס טוט אַלע מאָל אַ וויש די אומגעבעטענע טרערן און סטאַרעט זיך, אַז קיינער זאָל ניט באַמערקן, וואָס מיט אים קומט פֿאָר.

— פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס? — פֿרעגט ער באַ זיך אַליין.

פֿאַרוואָס אַפֿילע הײַנט, אין אַזאַ גליקלעכן טאָג, ווען ער, דער דרײַ מאָל צעשאָסענער, דער טויזנט מאָל צעשאָסענער מאַיאָרקע מאַכט כאַסענע זײַן טאָכטער, קאָן גאָרנישט ניט פֿאַרגעסן. זיי שטייען אים פֿאַר די אויגן, אַלע זײַניקע, וואָס האָבן הײַנט געדאַרפֿט זײַן אַף דער כאַסענע. ער זעט, ווי זיי אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום די טישן, פֿאַרפֿולט מיט זיך

דעם גרויסן זשעקאָווסקע קלוב און הערט, ווי דער טאַטע, שוין אַ ביסל בעגילופֿנדיק, זינגט און ווינקט אונטער צו דער מאַמען:

בא מיר ביסטו שיין,

בא מיר ביסטו פֿיין...

די מוזיק שפּילט, יוגנט טאַנצט, עלטערע לײַט העפֿקען אונטער און אַלע מאָל שרײַט עמעצער אויס אַ נײַעם טאָסט:

— פֿאַרן געזונט פֿון כאָסן־קאַלע!

— פֿאַרן געזונט פֿון די מעכוטאָנים!

— עס זאָל זײַן שאָלעם אויף דער וועלט!

— מע זאָל מער פֿון קיין מילכאָמע ניט וויסן!

די טאָסטן דערגייען צו אים פֿון זייער ווײַט. מע זאָל מער ניט וויסן, מער ניט וויסן! נאָר ער וועט דאָס שוין וויסן, פֿילן, געדענקען דאָס גאַנצע לעבן.

— וואָס איז מיט דיר? — טאַרעט אים זײַן אַלטער פֿרײַנט סערגײ קירילאָוויטש, וואָס איז אין איין טאָג מיט אים געקומען אַפֿן זאַוואָד. — מע טאָר דאָך אַזוי ניט!

— איך ווייס, איך ווייס, אַז מע טאָר ניט.

סערגײ זידלט אים, טײַנעט מיט אים אײַן, אַז ער האָט קיין רעכט ניט, ער טאָר ניט פֿאַרגעסן, אַז ער איז דאָ דער גלאַוונע און ער דאַרף זען, עס זאָל אַלעמען זײַן פֿריילעך, עס זאָל באַ יעדערן זײַן אונטער דער האַנט דאָס, וואָס ער דאַרף. מאַקס שאָקלט צו מיטן קאָפּ, ער פֿאַרשטייט, הייסט עס, גאַנץ גוט, ער פֿאַרשטייט אַלץ און ער וועט זיך סטאַרען.

דער זשעקאָווסקע קלוב איז מיטאָמאָל פּוסט געוואָרן און די גאַנצע כאַסענע האָט זיך אַריבערגעקליבן אויף דער גאַס. אַריבערגעקליבן זיך אײַנינעם מיט די בענק און מיט די טישן, מיט די געטראַנקען און מיטן פֿאַרבײַסעכץ, מיט דער מוזיק און מיט די טענץ. דאָס האָבן די שכיינים אַרײַנגעטראָגן אַזאַ ניט פֿאַרויסגעזעענע, ניט פּלאַנירטע, אומדערוואַרטע ענדערונג אין גאַנג פֿון דער כאַסענע. זיי האָבן אויך געוואָלט ווערן מעכוטאָנים, כאָטש ניט קיין גע־בעטענע. זיי קענען דאָך אַלע מאַקסן, זיי קענען כאָסן־קאַלע און זיי שלאָפֿן שוין סײַווי ניט די גאַנצע נאַכט, פֿאַרוואָס זשע זאָלן זיי אויך ניט כאַפּן קיין טענצל? דער זשעקאָווסקע קלוב קאָן ניט אַרײַננעמען אַזאַ גרויסן אוילעם? נו, איז וואָס? דער קלוב איז קליין, נאָר די גאַס איז גרויס. אַבי ס׳זאָל זײַן וואָס צו שטעלן אויף די טישן.

די נאַכט איז שוין מיד געוואָרן פֿון דער ראַשיקער כאַסענע. זי האָט ביסלעכווײַז אָנגעוווירן איר שוואַרצן גלאַנץ, געוואָרן וואָס אַמאָל בלייכער, און די פּראַסטיקע לופֿט האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז עס קומט אינגיכן אָן אַ נײַער באַגינען. נאָר דער אוילעם האָט זיך ערשט צעטאַנצט. אין דרויסן איז געווען אַ סאַך פֿרײַער, אַ סאַך גערױמער און די לופֿט איז געווען אַ סאַך פֿרישער.

וואַסילינע אַליין האָט זיך אויך דערפֿילט פֿרײַער, אַ סאַך פֿרײַער ווי אין קלוב. די גאַנצע צײַט האָט זי זיך געקליבן אַרײַנרײַסן אין קרײַז פֿון די טאַנצנדיקע און אויסטאַנצן, ווי זי האָט צוגעזאָגט מאַריען, אויך פֿאַר איר, פֿאַר אַלע ניעמטשוקס. נאָר... זי האָט זיך געשעמט. זי האָט געצווייפֿלט, צי וועט איר הוצולישער טאַנץ מיט אַלע זײַנע באַזונדערע דריידעלעך דאָ אויסנעמען. זי האָט די גאַנצע צײַט נאָכגעקוקט נאָך מאַקסן־מאַיאָרקען, באַ־מערקט, ווי ער גייט אַרום, ווי ניט קיין היגער, און איר האָט זיך זייער געוואָלט אים אונ־טערמינטערן, ער זאָל קומען צו־זיך. נאָר זי האָט זיך געשעמט. אין דרויסן האָט זי זיך דער־פֿילט פֿרײַער, העפֿקערדיקער און אַ זאָג געטאָן גאַפּייקען:

— אַנו, לאָמיר אַ טאַנץ טאָן אונדזערס, אַ הוצולישס.

דער טאַנץ איז אַלעמען געפֿעלן געוואָרן, נאָר דאָס לידעלע האָט אַלעמען איבעראַשט. אַ הוצולישער טאַנץ און אַ ייִדיש לידעלע. די ווערטער האָבן באַ וואַסילינען זיך באַקומען אַ ביסל געבראָכענע, זי געדענקט אַליין ניט, ווען זי האָט געהערט דאָס לידל, ווען אַליין גע־זונגען, נאָר פּלוצעם זיך דערמאָנט אין דעם. זי טאַנצט האַסטיק, דעם קאָפּ פֿאַרבויגן אין אַ זײַט, פּליעסקעט צו מיט די הענט און זינגט:

געקומען איז מײַן ליבינקע קוזינע,

שיין ווי גאָלד איז זי געווען, די גרינע,

בעקעלעך, ווי רויטינקע מאַראַנצן,

ביסטו גוט צום זינגען און צום טאַנצן.

זי האָט פאַרשטאַנען, וואַסילינע, אַז ווי געבראָכן עס זאָלן ניט זײַן די ווערטער, ווי אַלט־מאָדיש עס זאָל ניט זײַן דאָס ניגונדל, דאָס לידעלע אַליין, נאָר אויב זי האָט דאָס פאַרגע־דענקט, וועט מאַקס אויך זיך דאָס דערמאָנען. און עס וועט אים ווערן פרײלעכער. ווער ווייסט, וואָס עס קאָן אַמאָל אופטאָן אַן אַלט, פאַרגעסן יידיש לידל...

12

שלאָגן זיך פאַר צען, אַרבעטן פאַר צען, קעמפן פאַר צען, לעבן פאַר צען!

אָט דאָס האָט דאָן געמיינט דער זאַמפּאַליט? שלאָגן זיך, קעמפן און לעבן פאַר אַלע צעשאָסענע, אופגעהאַנגענע, פאַרברענטע, פאַר אַלע די, וועמעס פאַרטײַישע און קאַמיוגישע בילעטן מיט פאַרזאָטן בלוט אָף די טאָוולען זײַנען אוועק אין אַרכיוו, העגנגען אָף די סטענדן פון פאַרשיידענע מוזייען! ווי עס זינגט זיך אין יענער ליד:

— פאַר יענעם יאָט!

ווען מאַקס האָט צום ערשטן מאָל דערהערט די ליד, האָט זי אים אַ ברי געטאָן אונ־טערן האַרצן און ער האָט דערפילט, ווי דאָס איבערגעוואַרעמטע בלוט האָט האָסטיק אַ פליס געטאָן איבערן גאַנצן לײַב. געדוכט האָט זיך אים, אַז ער האָט שוין געהערט ניט איין מאָל די דאָזיקע ליד, אַז זי לעבט אין אים פון לאַנג, אַלע יאָרן, און אַז פאַרפאַסט האָט זי ניט איין פּאָעט, נאָר הונדערטער ניט קיין פּאָעטן, צווישן וועלכע ס'איז געווען אויך דער זאַמפּאַליט פון זייער אויסשפּיר־ראָטע.

וויפל לעבנס האָבן איבערגעלאָזט אָף אים זייערן אַ טראָפּן בלוט! דער טאַטע, די מאַמע, דער פעטער מיכײַלאָ, גיזעלע, עטלעכע וואַסיעס און וויטיעס, עטלעכע קאָליעס און סטיאָפּעס. דער דיאַדיע קאָסטיע איז געווען גערעכט: מע טאָר ניט ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן אָפּן כעזשבן פון אַ צווייטן. יעדער מענטשלעך לעבן האָט אַ גלײַכע ווערט. נאָר אַ מענטש האָט רעכט שענקען דאָס לעבן. מאַקריוו זײַן זיך אָף ראַטעווען דאָס לעבן פון אַ כאַוער, אָף ראַטעווען הונדערטער אַנדערע לעבנס. איין לעבן פאַר הונדערט.

— נו און איך מיט דיר?..

ער שרײַט דאָס אַרויס, מאַקס, גלײַך עמעצער וואָלט זיך געקריגט מיט אים, דערווידערט, און ער מוז אים דערווײַזן זײַנס.

— און איך מיט דיר? ס'איז דען ניט דאָס זעלבע? צוליב וואָס שלאָפן מיר ניט דורך די נעכט, טראַכטן אַלע מאָל צו עפּעס אַנדערש, די מענטשן זאָל זיך אַרבעטן גרינגער, עטעמען גרינגער, לעבן גרינגער... און מיר שלאָגן זיך פאַר אונדזערע צוטראַכטענישן, קריגן זיך, לעבן זיך אָן סאָנים, פּאַטערן דאָס געזונט... און ווי נאָר מיר פאַרטיקן זיך אָפּ מיט איינעם, נעמען מיר זיך פאַר אַ צווייטן. עס טרעפט אויך אַזוי, מיט איינעם נאָך ניט אָפּגע־פאַרטיקט, באַמבלט זיך שוין אין קאָפּ אַ צווייטס, און לאָזט דיך ניט שלאָפן... וואָס יאָגן מיר אַזוי? צוליב אַ פּרעמיע, צוליב אַ גראַמאָטע?

— וואָס זשע מיינסטו, אַלע זײַנען אַזעלכע, ווי דו? אַ פּרעמיע בלײַבט אַ פּרעמיע, און ס'האָט נאָך קיינער זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַ גראַמאָטע, צי פון אַן אָרדען.

— ווער זאָגט דען? קיינער זאָגט זיך ניט אָפּ! איך מיין די קאַוואָנעס, די אימפּולסן! דאָס, וואָס עס צווינגט דעם מענטשן ניט שלאָפן דורך די נעכט, דאָס, וואָס עס מאַכט דעם מענטשן פאַר אַ שעפער, און, אויב דו ווילסט וויסן, פאַר אַ קאָמוניסט, וואָס איז דער העכסטער אויס־דרוק פון מענטשלעכקײַט, שעפערישקײַט.

— די אידעאַליזירסט דעם מענטשן...

— דאָס מענטשלעכע אינעם מענטשן! — שרײַט אויס מאַקס. — אָן דעם, אָן אָט דעם עכט־מענטשלעכן וואָלטן שוין לאַנג קיין מענטשן אָף דער וועלט ניט געווען! אָט וועל איך דיר דערציילן וועגן דיאַדיע קאָסטיען... אין די סאַמע שרעקלעכסטע מינוטן! דער מענטש איז שטאַר־קער, — האָט ער ניט אופגעהערט טײַנען, — שטאַרקער פון דער סאַמע געפערלעכסטער כײַע, פונעם פאַשיזם!

— ע, ביסט שוין צו ווײַט פאַרקראָכן.

יאָ, טאַקע אַ ביסל פאַרקראָכן. ער ווייסט אַליין ניט, וואָס פּלוצעם איז אים באַפאַלן אַזאַ אַמפּערניש. מעגלעך, געוואָלט דערווײַזן זיך אַליין, פאַרוואָס ניט פאַרענדיקט מיטן רעמאָנט־קאָמפּלעקס, האָט ער זיך פאַרכאַפּט מיט אַן אַנדער זאַך. נאָר ווי קאָן זײַן אַנדערש, אַז די אופגעבראַכטקײַט צעפלאַקערט זיך אין אים אַפּטמאָל אויך פאַר צען. די אופגעבראַכטקײַט פון אַן אַקטיוויסט פון פאָלקס־קאָנטראָל און דער אומרו. פון אַ ראַציאָנאַליזאַטאָר.

װען ער האָט באַמערקט, װי עס װערט געפּאַטערט דער קאַרד, דער רוקנביין פון די שינעס, סײַ באַם טראַנספּאָרטירן, סײַ אין די סקלאַדן, האָט ער דען געקאָנט אָפּקומען מיט הױלער קריטיק? ער האָט שױן געמוזט צוטראַכטן אַ מיטל, װי אַזױ אױסמײַדן, ליקװידירן די פאַרלוסטן. צוטראַכטן, פאַרלײגן און װידער שלאָגן זיך דערפאַר, מע זאָל עס װאָס גיכער פאַרװירקלעכן.

דעם הױפּט־אינזשעניער איז דאָס דאָפּקע זײער געפעלן געװאָרן, נאָר... אַ זיפץ געטאָן און אַרױסגערעדט מיט באַדױערונג:

— ס'איז דערװײַל ניט פאַר אונדזערע קױכעס.

— דאַרף מען אָנשרײַבן!

— װוּהין שרײַבן?

— אַפילו דעם מיניסטער!

זיפצט ער װידער, דער הױפּט־אינזשעניער. דער צװײטער זיפץ איז פילדײַטיקער. „דיר איז גרינג צו זאָגן, — באַטײַט דער זיפץ, — שרײַבן דעם מיניסטער. דאָרטן האָט מען ניט ליב אַזעלכע שרײַבענישן. מע האָט ניט ליב, אַז מע קליאַנטשעט בײַ זײ. און ניט װאָס מיר האָבן מירע פאַרלירן אונדזערע היכע שטעלעס, נאָר מיר זײַנען דאָך מענטשן מיט געהעריקער פאַראַנטװאָרטלעכקײט און דאַרפן אַלײן פאַרשטײן, אַלײן אױסרעכענען, אַלײן אַלץ באַטראַכטן".

— זאָל איך אַלײן שרײַבן דעם מיניסטער?

יאָסיף יאַקאָװלעװיטש האָט אַ שמײכל געטאָן און נאָך אים מאַקס אַלײן אױך. זײ האָבן בײדע פאַרשטאַנען, װאָס דער שמײכל באַטײַט. ביכלאַל פאַרשטײען זײ גאַנץ גוט אײנער דעם אַנדערן, נאָר בײַ יעדן זײַנען פאַרשײדענע מאַסשטאַבן און פאַרשײדענע דײַגעס. דער איצטיקער שמײכל האָט געהאַט אַ שײַכעס צום ענטפער אױף פריװיליערס צװײטן בריװ צום מיניסטער. אין אים זײַנען שױן ניט געװען אַזעלכע צעשװוּמענע פאָרמולירונגען, װי „עס פאַרדינט אױפמערקזאַמקײט". געענטפערט האָט ניט דער מיניסטער, נאָר דער דירעקטאָר פונעם זאַװאָד.

„כאַשעװער כאַװער פריװיליער.

אײַער מעלדונג װעגן דעם, אַז עס פאַרהאַלט זיך דאָס פאַרװירקלעכן אײַערע ראַציאָנאַליזאַטאָרישע פאָרשלאָגן, איז באַטראַכט געװאָרן. ס'איז אַרױסגעגעבן געװאָרן אַ באַפעל, אין װעלכן עס איז אָנגעװיזן געװאָרן דער טערמין פון זײער פאַרװירקלעכונג און עס זײַנען באַשטימט די פאַראַנטװאָרטלעכע אױספירער.

דער קאָנטראָל איבער דעם אַלעמען איז אַרױפגעלײגט אױפן הױפּט־אינזשעניער כאַװער דאַשעװסקי.

דירעקטאָר פון זאַװאָד קאַזאַקעװיטש".

— מע דאַרף אין ערגעץ ניט שרײַבן, — אײַצעט דער הױפּט־אינזשעניער. — אין אַ כױדעש אַרום... װאָס איז אײגנטלעך די יאָגעניש? אײן זאַך ניט פאַרענדיקט, כאַפּסטו זיך פאַר אַ צװײטער.

זאָל זײַן, אַז דאָס איז געװען די סיבע, װאָס בײַ אים האָבן אַזױ זיך צעשפּילט די געדאַנקען און ער איז גרײט געװען קריגן זיך, דערװײַזן, אַז ניט אין אים גײט עס, אַז ניט צוליב זײַן אײגענער טױװע יאָגט ער זיך אַזױ. אַז ער דאַרף, ער מוז, ער איז מעכױעװ!

ס'איז דורך אַ כױדעש, און קײנער האָט װעגן זײַן פאָרשלאָג ניט דערמאָנט, װי אײנגאַנצן פאַרגעסן אין אים. האָט ער באַשטימט גײן צום דירעקטאָר. נאָר ניט אין די געװײנלעכע אָפּנעם־שאָען, אױף דעם האָט ער פּאַשעט קײן צײַט ניט, דערצו קומט ער ניט אױסבעטן עפּעס און ער איז ניט מעכױעװ זיצן און װאַרטן אױף זײַן רײ. ער װעט בעסער צופאָרן אױפן זאַװאָד אין אַ שאַבעסדיקן טאָג, װען דער דירעקטאָר רופט צונױף זײַן באַזונדערע אָפּעראַטיװקע פון די אָנפירנדיקע טוער פונעם זאַװאָד. דאָס זײַנען ניט פון יענע װאָכעדיקע אָפּעראַטיװקעס, װאָס קומען פאַר מאַנטיק אָדער פרײַטיק, יענע הײסע באַראַטונגען, אױף װעלכע עס טרעטן אַרױס מיט קורצע באַריכטן די נאַטשאַלניקעס פון די צעכן, װוּ עס איז ניט אַלץ אין אָרדענונג, װוּ עס האַלט שמאָל מיטן פּלאַן, באַראַטונגען, אױף װעלכע מע־שװוּנקט דורך די בײנער ניט אײנעם און יעדערן װערט אַרײַנגעזאָגט דאָס, װאָס ער האָט פאַרדינט. די שאַבעסדיקע אָפּעראַטיװקעס זײַנען פון אַן אַנדער מין, און דער אױלעם גײט אױף זײ מיט מערער כײשעק. די נערװן זײַנען ניט אַזױ אָנגעצױגן, דאָס האַרץ קלאַפּט ניט אַזױ, מע

וויסט: הײַנט וועט מען קיינעם ניט אַרײַנזאָגן, עס שמעקט ניט מיט קיין קריטיק, מיט קיין אויסריידן, מיט קיין נאַקאַטשקעס. ס׳איז אַפילע ניט קיין אַפּעראַטיווקע און מע וואָלט גע־מעגט פאַר דעם צוטראַכטן אַן אַנדער נאָמען. אַ מין שאַבעסדיקער שמועס, אַ קאָלעקטיווע טראַכטונג אין דער הייך. ניט וועגן קומענדיקן מאָנטיק און ניט וועגן כוידעשלעכן פּלאַן, נאָר וועגן אַ ביסל ווײַטערע צײַטן. יענע אַקשאָנעסדיקע פּרוּוון פאַרשטעלן זיך, ווי וועט אויס־זען די אָדער יענע פּראָבלעם אין אַ יאָר אַרום, צום סאָף פונעם פינפיאָר, אַמאָל איין פּראָב־לעם באַזונדער און אַמאָל אַלע זאַוואָדישע פּראָבלעמען אינאיינעם. און ס׳איז ניט אָבליגאַטאָ־ריש, אַז אַלע נאַטשאַלניקעס פון די צעכן און אָפּטיילן זאָלן קומען אויף דער דאָזיקער אַפּעראַ־טיווקע. ווער עס וויל, וועמען עס אינטערעסירט די אָדער יענע פּראָבלעם, ווער עס האָט ליב די דאָזיקע טראַכטונגען, דער זאָל קומען. ווער עס וויל ניט, דער האָט די פולע רעכט פאַרן כאַפּן פיש אָדער דורכשפּאַצירן זיך וווּהין ער וויל. גראָד דערפאַר, וואָס דאָס איז ניט אָבליגאַטאָריש, קומען אַלע. ס׳איז גוט צו זיצן אויף אַזאַ קאָלעקטיווער טראַכטונג און פילן זיך אַ ביסל יאָמטעוודיק, מיט יענעם געפיל פון דערהויבנקייט, וואָס קומט בײַ אַזעלכע אַרײַנקוקענישן אין דער צוקונפט. מיט איין וואָרט, די שאַבעסדיקע אַפּעראַטיווקעס זײַנען אַלעמען צום האַרצן. און כאָטש מאַקסן איז אויסגעקומען אַ ביסל צוּוואַרטן, איז אים דאָס אויך געווען צום האַרצן.

דאָס ערשטע, וועגן וואָס דער דירעקטאָר האָט געפרעגט, ווען מאַקס האָט אים אָפּגע־שטעלט, איז געווען:

— און וואָס האָט איר געבראַכט אַפן זאַוואָד אין אַ רו־טאָג? וואָס לאָזט איר ניט רוען?

— דאָס זעלבע, וואָס איר!

עפשער איז דאָס געווען אַרויסגערעדט אַ ביסל אַרויספּרעריש. אַרום די מידע אויגן פונעם דירעקטאָר האָט מיט דינינקע קנייטשעלעך זיך אויסגעפּאָלדעוועט אַ קוים באַמערקט שמייכעלע.

— אויף מיר איבעריקע דײַגעס געזאָגט געוואָרן...

אין דעם שוואַכן שמייכעלע, אינעם געזאָגטן און ניט דערזאָגטן איז געווען אַ ביסעלע מוסער און אַ ביסעלע קינע. דאָס האָט איבערגעפּלאָנטערט, ווי צונישט געמאַכט בײַ מאַקסן זײַנע קאַוואָנעס און דעם אויפן, וויאַזוי ער האָט זיך געקליבן אַרויסלייגן זײַנע טײַנעס. ס׳האָט אַ ביסל זיך אָפּגעקילט זײַן היציקייט און ווייכער געמאַכט זײַן קאַטעגאָרישקייט. האָט ער ניט געוווּסט, פון וואָס און וויאַזוי אָנצוהייבן.

זיי זײַנען געגאַנגען באַנאַנד לענגאויס דער טאָפּאָל־אַלייע, וואָס ציט זיך איבער דער גאַנצער טעריטאָריע פונעם זאַוואָד, און מאַקסן האָט איבעראַשט די אומגעוויינלעכע שטילקייט און פוסטקייט. מע הערט ניט דעם רויש פון די הונדערטער מאָטאָרן און ווערקשטעלן, עס יאָגן ניט אַהין און צוריק קיין מאַשינעס, זעלטן־ווען מע באַגעגנט אַ מענטשן. זיי זײַנען געגאַנגען באַנאַנד אַזעלכע פאַרשיידענע, סײַ לויטן עלטער, סײַ לויטן דורכגעמאַכטן לעבן און געוויס האָט יעדערער געטראַכט אויך וועגן פאַרשיידנס. מעגלעך, אַז וועגן איינעם און דעם זעלבן, נאָר יעדערער אויף זײַן אויפן. מאַקסן איז דערבײַ דורכגעלאָפן אַ מאָדנער גע־דאַנק, אַז דעם דירעקטאָרס קאָפּ איז געוויס ווײַס געוואָרן פון דער שוואַרצער סאַזשע... פון דער סאַזשע, פונעם קאַניפאָל, פון אָט דעם שלימאַזלדיקן קאָרד, וועגן וועלכן ער קלײַבט זיך איצט אויסטײַנען מיט אים, און פון פיל הונדערטער, טויזנטער פּראָבלעמען, וואָס זײַנען פאַר־בונדן מיט דער שינען־אינדוסטריע, וועמען אַרקאַדי וויקענטיעוויטש האָט אָפּגעגעבן אַלע זײַנע יאָרן. די שוין ניט יונגע. אַ סך יאָרן אַלס געלערנטער, אַלס אָנפירער פון וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן, און שוין אַריבער פופצן יאָר אַלס דירעקטאָר פונעם היגן שינען־זאַוואָד. פונקט אַזויפיל, וויפל ער, מאַקס אַליין, אַרבעט דאָ. פונעם ערשטן טאָג, זינט דער זאַוואָד איז געבוירן געוואָרן. נאָר פריִער איז דאָך דער דירעקטאָר אויך געווען אַ פּאַ־שטעטער אַרבעטער, דערנאָך אַ מײַסטער, אַזאַ ווי ער, מאַקס, איז איצט!

ער האָט אַלץ באַקוקט דעם דירעקטאָר, גלײַך ער זעט אים צום ערשטן מאָל, און געפּרוּווט באַשטימען זײַן צושטאַנד, זײַן שטימונג, אַרײַנדרינגען אין זײַנע געדאַנקען, וואָס דאַרפן זײַן זייער ווײַט פון זײַנע און זייער נאָענט. און מיט אַ נײַ אויפגעקומענעם אָפּשײַ אַ טראַכט גע־טאָן: יאָ, ניט אומזיסט גיט מען אָרדענס, ניט אומזיסט גיט מען דעם טיטל „העלד פון סאָ־ציאַליסטישער מי״ און פיל אַנדערע הויכע טיטלען. ס׳איז ניט פון די גרינגע זאַכן.

פון דעם געדאַנק איז אים געוואָרן וואַרעמער אַפן האַרצן. ער ווייסט ניט, וויאַזוי דאָס איז פאַרגעקומען, נאָר ער האָט אים ווי אָפּסנײַ דערקענט, דערפילט אין זיך, דעם שטרענגן און אומצוטריטלעכן דירעקטאָר, ווי אַנטדעקט פּלוצעם זײַנע פאַרבאָרגענע געדאַנקען, וואָס האָבן אים זיך געדוכט זייער ענלעך צו זײַנע. און די געפילן אויך. ענלעך מיט זייער דער־

הויבנקײַט, מיט אַזוינס, וואָס רעדט זיך קײנמאָל ניט אַרויס, נאָר מע טראָגט עס אין זיך, מע טראָגט עס דאָס גאַנצע לעבן. יענעם געפיל פון כּיוון.

טאַקע איבער אָט דעם אופגעקומענעם געפיל איז ער גרייט געווען געזעגענען זיך און אַוועק. זײַנע טײַנעס האָבן אויסגעזען צו קלײנלעך, ער זאָל צולייגן נאָך אַ קאַפּיטל צו די אומרוּיִקע רו־טעג פונעם דירעקטאָר. נאָר אַפּזעגענען זיך האָט ער אויך ניט געקאָנט. מיט וואָס וואָלט ער עס דערקלערט?

— וואָס זשע זײַנט איר הײַנט געקומען צו לויפן אַפּן זאַוואָד?

די נײַע פראַגע האָט אַ קלונג געטאָן גאָר אַנדערש, און מאַקס האָט געקאָנט אַ טראַכט טאָן, אַז עס איז געשען אַ צווייענדיקער, אַן אַנטקעגנדיקער פּראָצעס. ער, מאַקס, האָט אופּ־געכאַפּט דעם דירעקטאָרס געדאַנקען און אַרקאַדי וויקענטיעוויטש זײַנע. דערמיט האָט זיך אומגעקערט צו אים אַ ביסל פון זײַן פּריִערדיקער היציקײַט און מעגלעך געמאַכט, ער זאָל אַרויסלײגן אַלץ, וואָס עס האָט אים הײַנט אַזוי געיאָגט אַהער.

אויסגעהערט זײַנע פאַרשלאָגן און זײַנע טײַנעס, האָט אַרקאַדי וויקענטיעוויטש אַפּסנײַ אַ קוק געטאָן אַף אים. שוין אָן יענע קנײטשעלעך אַרום די אויגן.

— גוט, גוט, זייער גוט.

אַפילע אַריבערגעגאַנגען אַף „דו“, וואָס איז געווען פאַר מאַקסן דער בעסטער סימן.

— טראָג מיר מאָנטיק אַרײַן דײַנע צייכענונגען. איך וועל אַ קוק טאָן.

אַ גאַנצן טאָג איז מאַקס געווען אונטערן אײַנדרוק פון דער באַגעגעניש מיטן דירעק־טאָר. דערפאַר איז ער געווען אַזוי שטרענג צו זײַן דימען, ווען ער האָט בײַס דער וועטשערע באַמערקט, אַז יענער איז זייער צעשטרייט.

— ס'האָט עפּעס געטראָפן אַף דער אַרבעט? — האָט ער געפרעגט אַ באַאומרוּיִקטער.

דימע האָט געשוויגן, נאָר אויסבאַהאַלטן זײַן צושטאַנד איז געווען אומעגלעך. זײַנע גרויסע שוואַרצע אויגן זײַנען שטענדיק אָפן און גיבן אַרויס אַלע זײַנע סוידעס.

— אָבער זאָג שוין! — האָט מאַקס געפאָדערט אַ ביסל שטרענגער.

— איך וויל וויסן, ווער איך בין! — האָט זיך בײַ דימען אַרויסגעכאַפּט.

ס'איז שוין געווען ניט יענץ פּופּצניאַריק ייִנגעלע, וואָס האָט זיך אַזוי געריסן אין דער מאָלערײַ־שול און געפּרוּווט אײַנרעדן דעם טאַטן, אַז ער איז שוין אַ דערוואַקסענער. ער איז שוין אַפּנעמעסן געווען אַ דערוואַקסענער, אַ באָכער בײַ די צוואַנציק, די שול שוין געענ־דיקט, אַרבעט אין קאָמבינאַט פון קינסטלערישער פּראָדוקציע און האָט שוין זײַן קוק אַף זאַכן. זײַנע, עפּשער אַ ביסל איבערגעטריבענע, פּרעטענזיעס.

— אַזוי גאָר? — מאַקס, אַז ער וויל, קאָן זײַן שמייכעלע גוט אַ שטאָך טאָן. — ווילסטו, איך זאָל דיר אויסרעכענען דײַן ייִכעס?

— איך בין אַ קינסטלער! — דימע האָט געשריגן, גלײַך עמעצער פּרוּווט אָפּלייקענען זײַן טאַלאַנט. — איך בין אַ קינסטלער, ניט קיין קאָפּיראָוושטשיק!

— און אַז אַ קינסטלער, איז וואָס?

— וויל איך טאָן יענע אַרבעט, וואָס איז מיר געפעלן, וואָס מיר לוינט, איך זאָל קאָנען...

— וואָס לוינט דיר און וואָס לוינט דיר ניט? וואָס ווילסטו ביכלאַל? וואָס גיכער באַרימט ווערן? וואָס גיכער קויפן אַ מאַשין?

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַן אַנדער איניען, און זײַנע ראַזוועדקעס האָבן דערצו קיין דירעקטע שײַכעס ניט געהאַט. נאָר גראָד זיי זײַנען אים געקומען אַפּן זינען. טאַקע איבער די מאָסן, איבער די הויכע מאָסן, מיט וועלכע ער מעסט אַלץ.

— און מיר? אײניקע אין דײַנע יאָרן, אייניקע אַ סאַך ייִנגערע פון דיר! ס'איז אונדז קײנמאָל אַזוינס אַפּן געדאַנק ניט געקומען! צי איז דאָס אַ לויבבאַרע ראַזוועדקע, צי ניט, צי וועט זי זײַן אַ גרינגע, צי אַ שווערע, צי וועלן מיר זיך אַלע אומקערן לעבעדיקע, צי זי וועט עמעצן דאַרפן קאָסטן דאָס לעבן. פאַרשטייסט, דאָס לעבן!

געכאַפּט זיך, אַז ער איז הײַנט צו קאַטעגאָריש מיט זײַן דימען, האָט ער אים אַ שויבער געטאָן די געדיכטע קוטשערן. ס'האָט געדאַרפט הייסן, אַז ער האָט אים אַ גלעט געטאָן.

— עך, דימע, — אַרויסגערעדט מער צוגעלאָזט. — כ'האָב דיר שוין אַמאָל געזאָגט, אַז מײַן טאַטע האָט מיך געלערנט זיך שטענדיק פירן אַזוי, אַז איך זאָל קאָנען הויך האַלטן דעם קאָפּ און דרייסט קוקן מענטשן אין די אויגן.

האָט דימע אויך אַרויסגערעדט שטילער:

— אָבער, טאַטע... אַ קינסטלער!..

— אַ קינסטלער איז אויך אַ מענטש, דימע... אַ מענטש, צווישן מענטשן! אַ קינסטלער, אַ שרײַבער, אַ געלערנטער, אַ דירעקטאָר... פריִער פאַר אַלץ דאַרף מען ווערן אַ מענטש.

דו ווייסט דאָך, אונדזער אַרקאַדי וויקענטיעוויטש איז פֿריִער געווען אַן אַרבעטער, אַ מײַס־טער... און איך אויך. איך בין אויך ניט גלײַך געוואָרן אַזאַ...

— איצט זײַנען אַנדערע צײַטן, טאַטע.

— די צײַט שאַפֿט און ענדערט דער מענטש. דאָס דאַרף מען שטענדיק געדענקען. אַ קינסטלער אוואַדע. אַט האָב איך דערמאָנט אונדזערע ראַזוועדקעס. איך וואָלט דיר געקאָנט דערציילן נאָך וועגן אַ זאַך. פֿאַרוואָס בין איך ניט געוואָרן קיין אינזשעניער.

נאָר וועגן דעם איז אים אויסגעקומען דערציילן באַ אַן אַנדער געלעגנהייט. און ניט דימען, נאָר דעם סעקרעטאַר פֿון פּאַרטקאָם. אַרײַנגעקומען איז ער אין פּאַרטקאָם מיט זײַן פּעקל טײַנעס, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט פֿאַרשיידענע ראַציאָנאַליזאַציעס, נאָר אָלעג איוואַנאָוויטש, דער סעקרעטאַר פֿון פּאַרטקאָם, האָט זיך דערלויבט אַ שפּאַס טאָן:

— זאָג נאָר, מאַקס דאַווידאָוויטש, פֿאַרוואָס האָסטו אויסבאַהאַלטן אייניקע פֿאַקטן פֿון דײַן ביאָגראַפֿיע?

אַ ביסל דערשטוינט און אַ ביסל טאַקע ווי געפּלעפֿט, האָט מאַקס אָפּגעענטפֿערט גאַנץ ערנסט:

— ווען איך בין אַרײַנגעטראָטן אין פּאַרטיי, האָב איך אָנגעוויזן אַלץ פּינקטלעך. סײַ אין דער אַנקעטע, סײַ אין דער ביאָגראַפֿיע.

— אָבער וואָס פֿאַר אַ פֿאַניבראַט ביסטו מיטן פּרעזידענט פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס ער שרײַבט דיר בריוו?

— מיר, דער פּרעזידענט פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע? — און ווידער די אויגן זײַנע, וואָס געבן גלײַך אַרויס זײַן פֿלאַטער.

— נו, יאָ, אָט...

— נו, דאָס איז עפּעס אַנדערש. — ס׳האָט געדאַרפֿט ווײַזן, אַז מאַקס האָט זיך באַרויִקט, נאָר דער פֿלאַטער איז אַלץ געוואַקסן. — דאָס איז ניט מער, ווי אַ דעטאַל. וועגן דעם שרײַבט מען ניט אין קיין אַנקעטעס.

אַ דעטאַל... זייער אַ קלייניקע דעטאַל. אײַנגאַנצן איין טאָג. צי עפּשער איין שאָ, צי עפּשער איין אויגנבליק. איין אויגנבליק פֿון די אַריבער טויזנט שווידערלעכע און העלדנספֿולע מעסלעסן, ווען די מענטשהייט איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט אַף ראַטעווען די וועלט פֿונעם פֿאַשיזם. איין אויגנבליק אין יענע העכסטע מינוטן, ווען די סאָוועטישע אַרמיי און אירע פֿאַרבינדעטע האָבן געמאַכט די לעצטע טריט צום זיג, צו שאָלעם. וועמעס בלוט וועט פֿאַר־גאָסן ווערן אין יענעם העכסטן אויגנבליק?

דער פּערצניאַריקער מאַקסיוטקע, ווי פֿיל אַנדערע, אַ סך עלטערע פֿון אים, איז ניט געווען אימשטאַנד באַנעמען, אָפּשאַצן און באַשטימען די הויכקייט און אַנטשיידנקייט פֿון יענע שאָען און מינוטן. קיינער האָט ניט געקאָנט זאָגן, ווען וועט עס דער זייגער אויסקלינ־גען יענעם אויסגעטרויִמטן, אויסגעקעמפֿטן אויגנבליק. איין זאַך האָבן געפֿילט אַלע: די מילכאָמע גייט צום סאָף.

אַ גרופּע אויסשפּירער, און מאַקס אויך צווישן זיי, איז געווען אָפּקאָמאַנדירט אין רעשוס פֿונעם שטאַב פֿון דער ערשטער גוואַרדיייִשער אַרמיי צוליב אַ ספּעציעלער שליכעס. עט־לעכע טעג האָט ער זיך אַרומגעדרייט צווישן דער אומפֿאַרשטענדלעכער איבערגעוואָרעמט־קייט, אָפּטמאָל העכסטער אָנגעגליטקייט, מיט וועלכער עס איז פֿול געווען די לופֿט און וואָס איז געלעגן אַף די פּענעמער פֿון די שטאַב־אָפֿיצערן, וואָס האָבן אַרומגעיאָגט אַהין און אַהער אינעם טשעכישן דערפֿל אונטער פּראַג. פּענעמער, פֿול מיט אָנשטרענגונג, פֿול מיט דער־וואַרטונג... מאַקס האָט אויך אַרומגעשפּאַנט איבערן דערפֿל, זיך אײַנגעקוקט און אײַנגעה־הערט צו אַלץ און צו אַלעמען, פּרווונדיק אויפֿכאַפּן דאָס אומגעוויינלעכע, דאָס ערעוו־געוויטערדיקע, וואָס האָט זיך געפֿילט אַף יעדער שריט און טריט. דאָס, וואָס ער האָט לעבן איין שטיבל זיך אָנגעשטויסן אַפֿן קאָמאַנדאַרם אַליין, האָט אים ווייניק געוווּנדערט, ער איז שוין געווען געוווינט צו אַזעלכע באַגעגענישן, געוווּנדערט האָט אים דאָס פּאָנעם פֿונעם קאָמאַנדאַרם, אַ דערהויבן־פֿאַרזאָרגטס מיט סימאָנים פֿון לאַנגאָניקער שלאָפֿלאָזיקייט. מעג־לעך, אַז דעם גענעראַל גרעטשקאָ האָט מערער געוווּנדערט דאָס פּערצניאַריקע סאָלדאַטעלע, וואָס שפּאַנט אַרום איבער די ברוויזנדיקע גאַסן. האָט ער אים אָפּגעשטעלט און אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זײַן פּילאָטקע:

— איז וואָס? מיר ענדיקן די מילכאָמע! — האָט דער גענעראַל אַ שמייכל געטאָן צו אים. — אינגיכן וועסטו זיך פֿאָרן לערנען!

מאַקסן איז דאָן ניט געקומען אַפן זינען אַ טראַכט טאָן, אין וואָס באַשטייט דער „אײַנגיכן” און מיט וואָס אים אויסמעסטן: מיט טעג, מיט וואָכן צי מיט כאָדאָשים. נאָר ס׳האָט זיך זייער געוואָלט גלייבן אין דעם, וואָס מע האָט געקאָנט איבערלייענען בא אַלעמען אַף די פּענעמער: דער סאָף איז נאָענט. געווען איז דאָס דעם זיבעטן מײַ טויזנט נײַן הונדערט פינף און פערציק.

אין אָוונט האָט מאַקסן אַרויסגערופן צו זיך אַן אומבאַקאַנטער פּאָלקאָווניק, לאַנג אײַנגעטײַנעט מיט אים, ער זאָל פאַרגעדענקען דאָס, וואָס אין פּאַקעט איז אָנגעשריבן, און דעריקער, ער זאָל פאַרשטיין, אַז דאָס פּילט ער אויס זייער אַ וואַזשנע שליכעס פונעם קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי. מוז ער אום יעדן פּרײַז זיך דערקלײַבן צום צענטער פון פּראָג, אָפּזוכן דעם שטאַב פון די אויפשטענדלער, איבערגעבן דעם פּאַקעט און איבערגעבן אויך מינדלעך די ווערטער פונעם קאָמאַנדאַרם: האַלט זיך, זײַט פעסט, מיר זײַנען נאָענט, מיר גייען אײַך צוהילף.

דער וועג פון דער פּאָדערלינײַע ביזן צענטער פון פּראָג איז געווען ניט קיין איבעריק ווײַטער. מע האָט אים געקאָנט דורכמאַכן פאַר דרײַ־פיר שאָ. נאָר ער איז געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט דײַטשישן מיליטער, מיט טאַנקען און האַרמאַטן, מיט אַ געדיכטער נעץ פון זשאַנדאַרמישע פּאָסטן. און די נאַכט אַליין, די נאַכט מיט איר אומגעוויינלעכער שטילקײַט, וואָס האָט געקאָנט יעדער מינוט אויפרײַסן, האָט זיך געדוכט אומענדלעך לאַנג. שפּאַנט אַרום צווישן אָט דער געדיכטער אָנגעשפּיקעוועטקײַט אַ ייִדיש ייִנגעלע, איבערגעטאָן אין טשעכיש, ווו ער גייט פאָרזיכטיק־פּאַמעלעך, ווו ער לויפט דורך אַפּגיך, ווו ער קריכט פעסט צוגעפּרעסט דאָס גאַנצע קערפּערל צו דער ערד, צו די אָפּגעקילטע שטיינער, שמוגלט זיך דורך אַלע מאָל דורך אַ שמאָל און פינצטער ליקעלע, רײַבט זיך מיט די פּלייצעס אין אַ וואַנט פון אַ מויער און הערט זיך אײַן. צו יעדער שאָרך, צו יעדער שטים, צו יעדער זיפץ. דער פּאָלקאָווניק האָט אים פעסט אָנגעזאָגט: טרעפט ער אָן אַף דײַטשן, איז ער אויך אַ דײַטש, אַ פאָלקס־דויטש פון די היגע, וואָס זוכט אַ באַהעלטעניש. דערהערט ער, ווי מענטשן רעדן צווישן זיך אַף טשעכיש, דאַרף מען אויך זײַן פאָרזיכטיק. גאַנוועט ער זיך מיט די שמאָלע הינטערגעסלעך פון דער טשעכישער הויפּטשטאָט און פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס זײַנען זיי פאַרוואָלגערט מיט איבערגעקערטע וועגענער, מיט פאַרשיידן געהילץ, מיט זעק און מיט זאַמד און ווער ווייסט נאָך מיט וואָס. ער האָט ניט געוווּסט, אַז דאָס גאַנוועט ער זיך מיט די שמאָלע ליקעלעך, וואָס וועלן אין עטלעכע שאָ אַרום פאַרוואַנדלט ווערן אין נעסטן פון הייסע באַריקאַדן־שלאַכטן. אַלע מאָל רײַסט אויף די באַנאַכטיקע שטילקײַט אַ דורכגעפלויגענער סנאַריאַד, עס שנײַדט דורך די לופט אַן אויטאָמאַטן־ריי, און ער... ער פאַלט אַלע מאָל צו צו דער ערד, הערט זיך אײַן, הייבט זיך אויף און לויפט ווײַטער. ער איז ניט אימשטאַנד פאַנאַנדערקלײַבן, ווער שיסט עס און ווער איז דער באַלעבאָס איבער דער גאַס, ווו ער גאַנוועט זיך. צי איז זי אין די הענט פון די דײַטשן, צי האַלטן זי אין זייערע הענט די טשעכן.

ער האָט אַ סאַך זאַכן ניט געוווּסט. ער האָט ניט געוווּסט, אַז ער איז ניט דער אייציקער מיט אַזאַ שליכעס, אַז ער פאַרמאָגט ניט איין דובליאָר, אַז עס וועלן געמאַכט ווערן פּרוּוון פאַרבינדן זיך מיט די אויפשטענדלער דורך ראַדיאָ. ער איז געווען זיכער, אַז ער איז דער אייציקער אַזאַ און פון אים הענגט אָפּ דער דערפאָלג פון פּראָגער אויפשטאַנד. און ער מוז, ער מוז זיך דערקלײַבן צום שטאַב פון די אויפשטענדלער.

אין דער באַגינענדיקער גרויקײַט האָט פון אײנעם אַ מויער אַ פּאָכע געטאָן צו אים אַ פלאַטערנדיקע פאָן. צוויי פאָנען! יאָ, אַזוי דאַרף דאָס טאַקע זײַן. צוויי פאָנען. אונדזערע און די טשעכישע! האָט ער זיך געלאָזט לויפן, ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז מע דאַרף זײַן געהיט, אַז מע דאַרף אַלע מאָל צופאַלן צו דער ערד, אַז מע דאַרף זיך אײַנהערן אין די מענטשלעכע שטימען, אין זייער שפּראַך. ביידע פאָנען האָבן געפּאָכעט צו אים, גערופן צו זיך, און ער איז געלאָפן, געלאָפן אַנטקעגן די צוויי לעבעדיקע, פלאַטערנדיקע פאָנען.

ער האָט באַוויזן סאַמע צו דער צײַט. מיטן פּאַקעט און מיט דעם, וואָס ער האָט געדאַרפט איבערגעבן מינדלעך. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט. הונדערטער, טויזנטער אויפשטענדלער האָבן פאַרנומען זייערע ערטער אַף די באַריקאַדן. איז מאַקס צוגעשטאַנען צו זיי. וואָס דען האָט ער געזאָלט טאָן? וווּהין האָט ער זיך געזאָלט אַהינטאָן אין אַזאַ געוויטער? ער איז געווען זיכער, אַז פאַר אים וועט זיך אויך געפינען אַ שטיקל אַרבעט. ער איז דאָך אַ סאָלדאַט און ער ווייסט, וואָס אַ סאָלדאַט דאַרף טאָן בייס אַ שלאַכט.

ניט שטענדיק איז אַ מענטש בעקויעך באַנעמען דעם זין פון זײַן אויפטו. ער קאָן אַפילע ניט זאָגן, צי איז דאָס געווען ענלעך אַף אַ העלדנטאַט. ער ווייסט אויך ניט, צי איז ער גע־

ווען דער ערשטער אזא, צי איז שוין ענלעכס געווען ביז אים. ער האָט ניט באוויזן ניט אויסלייענען ערגעץ, ניט הערן פון עמעצן די געשיכטע וועגן דעם פראַנצויזישן ייִנגעלע גאווראָש, דעם יונגן קאָמונאַר, וואָס איז העלדיש אומגעקומען אַף די באַריקאַדן. נאָר אין יענע מינוטן פונעם העלן פראָגער באַגינען איז ער אליין געווען ענלעך אַף יענעם גאווראָש, אַף אַלע הונדערטער סאָוועטישע גאווראָשעלעך, וואָס האָבן אזוי, ווי ער, זיך געשלאָגן איניינעם מיט די דערוואַקסענע. און אויך ווי פיל אנדערע באַגאָסן דאָס שלאַכטפעלד מיט זײַן בלוט.

א שפליטער פון א מינע האָט אים דורכגעלעכערט דעם קאָפּ און ער איז אומגעפאלן. און דאָס בלוט האָט א רינן געטאָן איבער די בליאַסקענדיקע שטיינער פון דער טשעכישער הויפּטשטאָט.

אַנשטאָט א נאָכוואָרט

איך נעם זיך ניט אונטער איבערדערציילן, וואָס איך האָב זיך אָנגעזען און אָנגעהערט יענעם פרילינגדיקן טאָג, ארומשפּאַצירנדיק איבער די גוואלדיק־לאַנגע און ראַשיקע צעכן פון דניעפּראָפּעטראָווסקער שינען־זאַוואָד. נאָך אלעמען וואָלט איך געקאָנט דערציילן וועגן דעם, וויִאזוי מע מאַכט שינעס ניט מער, ווי יעדער אנדערער, נאָך אזא בעכיפּאָזנדיקן מאַרש איבערן זאַוואָד:

— מע נעמט א ביסל סאַזשע, א ביסל גומי, א ביסל קאַניפאָל און א ביסל נאָך עפּעס, מע מישט דאָס אויס און מע קאָכט דאָס איבער.

א סאַך מערער וואָלט איך געקאָנט דערציילן וועגן רעגנדל, וואָס האָט אונדז באַגלייט די גאַנצע צײַט, ווען מיר האָבן שפּאַצירט איבערן זאַוואָדישן הויף, וואָס האָט זיך צעצויגן אַף גוטע עטלעכע קילאָמעטער. א גוט, ווארעם רעגנדל, פול מיט העכסטער גאַסטפרײַנטלעכקייט. ס'האָט מיך באַגעגנט, ווי אַן אלטן באַקאַנטן און דערמאָנט מיר אין די פרילינגס פון מײַן ווײַטער יוגנט, וואָס איז אויך פאַרבונדן מיט דעם דאָרעמדיקן קאַנט און מיט דער דאָרעמדיקער שטאָט. איך וואָלט אויך געקאָנט דערציילן וועגן דער שטאָט אליין, וואָס איז געווען פול מיט יונגן ברויז און מיט יונגן דראַנג, כאָטש יעדע גאַס, יעדער הויף איז געווען באַקלעפּט מיט פּלאַקאַטן, געווידמעט דעם צווייהונדערטיאָריקן יוביל פון דער שטאָט. נאָר ניט צוליב אייגענע דערינערונגען בין איך געקומען אהער.

אַף אונדזער באַגלייטער איז ניטאָ וואָס צו באַקלאָגן זיך. דער פאַרוואַלטער פון דער צענטראַלער לאַבאָראַטאָריע, דער קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן מיכאַיִל סאַמוילאָוויטש דאָזאָרצעוו האָט מאָביליזירט אַלע זײַנע פּעדאַגאָגישע פייִקײַטן, אַז פון זײַנע גענויע און פּאַכמענערישע דערקלערונגען זאָל אונדז כאָטש עפּעס בלײַבן. קאָלזמאַן ער האָט אונדז ארומגעפירט איבער דער לאַבאָראַטאָריע, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך דעם זאַוואָד אין דער מיניאַטיור, איז נאָך געווען צו דערלײַדן. דערצו איז גרינג געווען באַמערקן און פאַרשטיין א ביסל אויך די פאַרשיידענע ראַציאָנאַליזאַציעס, וואָס ער און מאַקס דאַווידאָוויטש האָבן בעשוטפעס צוגעטראַכט, ווען זיי האָבן איניינעם געאַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע. נאָר ווען מיכאַיִל סאַמוילאָוויטש, זײַענדיק זיכער, אַז באַשטימטע צוגרייטונגס־קורסן האָבן מיר שוין דורכגעמאַכט, און גענומען באַווײַזן אונדז די צעכן אין זייער נאַטירלעכן פאַרנעם, האָבן מיר זיך פאַרלוירן. דאַרף מען טאַקע פאַרדאַנקען דעם גוטן, וואַרעמען רעגנדל. ס'האָט שטענדיק געוואַרט אַף אונדז, און אַלע מאָל, ווען מיר זײַנען ארויסגעקומען פון א צעך, האָט עס אונדז גלײַך באַשפּריצט און אָפּגעפרישט. איז גוט געווען שפּאַצירן פון איין צעך צום צווייטן, אָנטעמען זיך מיט דער רעגנדיקער לופט און באַקוקן בייסמײַסע דאָזאָרצעוון אליין, וואָס זעט אויס א סאַך ייִנגער פון זײַנע פערציק יאָר, און אויסהערן די געשיכטע, וויִאזוי ער, אַן אינזשעניער־ענערגעטיקער, האָט זיך פאַרכאַפּט מיט די שינעס און אויסגעפונען א מיטל, וויִאזוי פאַרבײַטן דעם דעפיציטן און טײַערן אימפּאָרטנע קאַוטשוק מיט אייגענעם, סינטעטישן, וואָס מאַכט דערצו די שינעס פיל שטאַרקער און פאַרלענגערט זייער לעבן. דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס איך נעם זיך איבערדערציילן, ניט זײַענדיק פולקום זיכער, צי איז דאָס פּינקטלעך אזוי, צי א ביסל אנדערש. זײַנען מיר ארומגעגאַנגען פון צעך צו צעך, באַקוקט אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזט באַקוקן, און מיר איז א ביזאָיען געווען זיך מודיע זײַן, אַז פון אַלע זײַנע דערקלערונגען בלײַבט מיר זייער ווייניק.

א סאך מערער זײַנען פאַרבליבן אין זיכּאָרן די מענטשן, מיט וועלכע מיכאל סאַמוילאָ־וויטש האָט אונדז אַלע מאָל באַקאַנט. ניט אַזוי מיט זייערע נעמען, ווי מיט די פּנעמער. פאַרשיידענע פּנעמער פֿון מענער און פֿרויען, מיט זייערע פאַרסאַזשעוועטע שטערנס, פאַר־מאַזשעוועטע הענט, יעדערער מיט זײַן באַזונדערן שמייכל, וואָס דאַרף אויסדריקן אַנטשול־דיקונג איבער דעם, וואָס ער האָט קיין צײַט ניט זיך דורכשמועסן.

מאַקס דאַווידאָוויטש איז מיט אַלע פּישטשעווקעס געווען ענלעך אויף אַלע איבעריקע. אין זײַן ברעזענטענער ספּעצאָווקע, ברעזענטענע הענטשקעס, מיט אַ פּנעם, פֿול מיט שפּורן פֿון דעם, מיט וואָס ער האָט הײַנט געהאַט צו טאָן. ער איז געווען ענלעך אויף אַלע איבעריקע און וויניקער פֿון אַלץ אויף זיך אַליין. אַלנפֿאַלס, ניט אַזאַ, ווי אין דער היים, צי אויף דער גאַס. ס׳וואָלט טאַקע אומעגלעך אים געווען צו דערקענען, ווען ניט די אויגן זײַנע און די וואָנצעס, וואָס אַרבעטן שטענדיק בעשוטפֿעס און שאַפֿן אויף זײַן פּנעם אַן אויסטערלישע שפּיל פֿון ליכט און שאָטן, פֿון שטראַלנדיקער פאַרכאַפּטקייט און קאָנצנדיקער אָפּגעבראַכטקייט, ווי עמעצער וואָלט געפּירט איבער זײַן פּנעם מיט אַ שפּיגעלע און עס האַלטן אין איין אַרומ־שפּרינגען איבער דעם יענע פאַרשײַטע זון־הזעלעך.

מיר האָבן אים געטראָפֿן אין די סאַמע אָנגעשטרענגסטע און אויסגעטרוימטע טעג, ווען זײַן פאָרשלאָג וועגן רעמאָנט־קאָמפּלעקס האָט ענדלעך אָנגעהויבן פאַרווירקלעכט ווערן און אין צוגרייטונגס־צײַך אַרום די הויכוואָלטיקע מאַטאָרן האָט זיך געטאָן אַזוינס, וואָס לאָזט זיך ניט באַשרײַבן. פּונקט, ווי ס׳איז שווער באַשרײַבן מאַקסן אַליין. פּאַשעט דערפֿאַר, וואָס קיין איין מינוט איז ער ניט געשטאַנען אויף אַן אָרט, אַלץ אַרומגעיאָגט ווער ווייסט וווהין, געווען פאַרנומען איבערן קאָפּ מיט די טאָגטעגלעכע דײַגעס אַלס צעכישער ענערגעטיקער און מיטן אײַנשטעלן די רעמאָנט־קאָמפּלעקסן, וואָס זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן אונטער זײַן אויפֿזיכט. און כאָטש די אַרבעט פֿירן דורך באַזונדערע בריגאַדעס פֿון הויכגעשטעלטע פּאַדריאַדטשיקעס, נאָר קאָפּדרייעניש האָט ער דערפֿון ניט וויניק.

נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז דער גאַנצער קאָמפּלעקס האָט אַקשאָנעסדיק ניט געוואָלט אַנטפּלעקן זיך פֿאַר מיר מיט יענער נייטיקער קלאָרקייט, איך זאָל דאָס קאָנען איבערדער־ציילן? וואָס זאָל איך טאָן, אַז מערער פֿון אַלץ האָט מיך געוווּנדערט מאַקס דאַווידאָוויטש אַליין, וואָס נאָך אַלעמען, נאָך אַזויפיל איבערגעלעבטן, האָט ער פאַרהיט אין זיך אַזויפיל קינדערשס. עס דוכט זיך אַפּילע, אַז דאָס האָט ער אומיסטן זיך צוגעטשעפּעט אַ פּאָר געדיכ־טע וואָנצעס, ער זאָל אויסזען אַ ביסל עלטער, סאָלידער.

לעבן באַנאַנד, ריכטיקער אינײנעם, אין איין מענטשן צוויי פאַרשיידענע באַשעפֿענישן. דער איצטיקער מאַקס דאַווידאָוויטש, וואָס האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט די פּערציק, אַ מענטש, וואָס ווייסט אויף אויסוויינעק די סאַמע קאָמפּליצירטע מאַשין און קאָן אויסטײַטשן די סאַמע פּאַרפּלאָנטערטע געשעענישן אין דער וועלט, און יענץ ייִנגעלע, מאַקסיוטע, באַ וועמען די שטים הייבט פּלוצעם אָן ברעקלען זיך, דאָס פּנעם פאַרקרימט זיך ווי ערעוו אַ געוויין און ער נעמט פּיבערהאַפּט אַראָפּשלינגען דאָס, וואָס האָט אָנגעהויבן וואַרגן אין האַלדז. עס דויערט אַ מינוט, עפּשער איין אויגנבליק, און שוין. דאָס ייִנגעלע האָט אָפּגעטאָן זײַנס און ס׳איז שוין ווידער דער איצטיקער, דער באַדאַכטער און זיך פאַרכאַפּנדיקער מאַקס דאַווי־דאָוויטש.

וועגן דעם האָב איך געטראַכט ניט איין מאָל יענע אָוונטן אין האָטעל, ווען מיר האָבן געדאַרפֿט אַרומשמועסן דאָס, וואָס איז געבליבן ניט דערשמועסט, ווען ער האָט געדאַרפֿט דערציילן, וואָס מיט אים איז געשען נאָך יענער פאַרווונדונג אויף די פּראַגער באַריקאַדן. דער־ציילן האָט ער געקאָנט זייער וויניק. ער איז דאַן אומגעפֿאַלן און פאַרלוירן דעם באַוווּסטזײַן. ווייסט ער ניט, ווער ס׳האָט אים אויפֿגעהויבן, ווער ס׳האָט אים איבערגעבונדן דעם קאָפּ און אַריבערגעפֿעקלט אין אַ טשעכישן שפּיטאָל. דאָרטן איז ער אָפּגעלעגן אַ טעג צען, דערנאָך האָט מען אים אַריבערגעפֿירט אין אַ סאָוועטישן האָספּיטאַל און פֿונדאָרטן קיין קיִעוו. יענע טעלעכע וואָכן זײַנען געבליבן אין זיכּאָרן שטאַרק פאַרנעפּלט, ווי צווישן כאָלעם און וואָר, ווי אַ לאַנגער כאָלאָשעס, פֿון וועלכן ס׳איז אים שווער געווען אויפֿמינטערן. דערנאָך איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז מיט דער ריִע האַלט עס באַ אים זייער שלעכט, און מע האָט אים אַריבערגעפֿירט אין אַ כאַרקאָווער אויגן־שפּיטאָל. ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין פּאַרטיק, די ריִע איז פאַרבעסערט געוואָרן און ער האָט זיך געקליבן אָנקומען אין אַ מילי־טער־שול. נאָר די מעדיציניש קאָמיסיע האָט אים קאַטעגאָריש פאַרבראַקירט. ס׳איז אים אַפּילע ניט גרינג געווען אָנקומען אין כאַרקאָווער ענערגעטישן טעכניקום. ערשטנס, איבער זײַן קנאַפּער בילדונג, צווייטנס, ווידער טאַקע איבער דער ריִע. ס׳האָבן זיך געמוזט אַרײַנ־מישן זייער הויכע אינסטאַנצן. נאָר ער האָט דערוויזן. ער האָט דערוויזן, אויף וואָס ער איז

פייזיק און ווי פעסט ער האלט זיך בא זײַן געזעץ: ניט אונטערגעבן זיך, ניט אָפּטרעטן! דעם טעכניקום האָט ער געענדיקט אַף אויסגעצייכנט, געוואָלט אַנקומען אין אינסטיטוט, נאָר דאָ האָבן די דאָקטוירים ווידער זיך אײַנגעשפּאַרט: אָדער הויכע בילדונג, אָדער די ריזע. גיכער פאַר אַלץ קאָן ער בלײַבן אָן ביידע זאַכן. און זאָל ער א טראַכט טאָן. אַזוי האָבן אַפן גע־וואָרנט די דאָקטוירים. איז ער געבליבן מיט זײַן מיטעלער טעכנישער בילדונג, שטענדיק איבערגעפּולט מיט אינזשעניערישע אידייען.

ווידער יענץ ייִנגעלע... שוין אריבער א יאָר, אַז ער איז אין באַשטאַנד פון דער דניעפּ־פּראָפּעטראָווסקער דעלעגאַציע וועטעראַנען פון דער ערשטער גוואַרדייִשער ארמיי. געווען אַף אַן אופנאַם בא זייער געוועזענעם קאָמאַנדאַרם און דעמאָלטדיקן מיניסטער פון לאַנדשוץ מאַרשאַל גרעטשקאָ. נאָר ער דערציילט וועגן דעם מיט אַזאַ פלאַטער, גלײַך ער איז נאָר־וואָס ארויס פון יענעם קאַבינעט מיט די באַדעקטע טישן. דאָס פּאָנעם פלאַמט, די אויגן גלאַנצן און די שטים קרישעט זיך, ווען ער דערציילט, וויאַזוי דער פּאָלקאָווניק איסײַעוו האָט א נעם געטאָן אין דער האַנט זײַן דאָקומענט, א קוק געטאָן אַף אים און געפרעגט אַן אופגערעגטער:

— מאַקס? געווען בא אונדז אַזאַ, מאַקסיוטע האָט מען אים גערופן.

— דאָס בין איך! — האָט מאַקס קימאַט אויסגעשריגן.

— דו? מאַקסיוטע? איך וועל טייקעף איבערגעבן דעם מאַרשאַל.

און די באַגעגעניש מיטן מאַרשאַל אַליין...

— מאַקסיוטע, דו לעבסט? — דער מיניסטער האָט אים ארומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און איז געווען אופגערעגט ניט ווייניקער פון אים. — און מיר האָבן געמיינט, אַז דו ביסט אומגעקומען.

דערנאָך האָט דער מאַרשאַל אים פאָרגעשטעלט אַלע הויכגעשטעלטע געסט, גענעראַלן און מאַרשאַלן, און אויך דעם מיליטערישן אַטאַשע פון טשעכאָסלאָוואַקיע.

— באַקאַנט זיך, — האָט דער מאַרשאַל געזאָגט צום אַטאַשע. — אָט דער מאַקסיוטע, ער איז דאַן אַלט געווען פערצן יאָר, האָט אויך א קיילעך אין באַפרײַען אײַער הויפּטשטאָט.

— איך זע, איך זע, — האָט געענטפערט דער אַטאַשע, באַקוקנדיק מאַקסן אַליין, זײַנע באַלוינונגען, צווישן וועלכע ס'האָט ארויסגעבלענדט די טשעכישע מעדאַל „ברידערלעכקײַט לויטן געווער", א מעדאַל, וואָס האָט געפונען דאָס ייִנגעלע, וואָס האָט זיך געשלאָגן אַף די פּראָגער באַריקאַדן, אין דרײַסיק יאָר ארום.

מיר האָבן דאַן פאַרבראַכט יעדן אָוונט אין האָטעל לעבן ברעג פון דניעפּער, און אַלע מאָל זײַנען אַף זײַן פּאָנעם געווען אָפּגעשפּיגלט די געשעענישן פון טאָג, דאָס גוטע מיטן ניט גוטן. גלײַך איך וואָלט געווען איינער פון זײַנע שפּעפן, האָט ער קוידעמקאָל געמוזט מיר אָפּגעבן א באַריכט, ווי איז דורך די סמענע אין צעך און ווי גייט דער מאָנטאַזש פונעם רעמאָנט־קאָמ־פּלעקס. און וועגן אַלץ מיט יענער היציקײַט, מיט יענעם געמיש פון פאַרכאַפּונג און אופגע־בראַכטקײַט און אויך מיט יענעם געמיש פון קינדערשן און שוין גאָר עלטערן.

אין איינעם אַן אָוונט איז ער געקומען אין האָטעל ביז גאָר א פאַרסאָפּעטער. ס'איז שווער געווען באַשטימען, וואָס האָט געקאָנט טרעפן אַזוינס, וואָס האָט אים אינגאַנצן ארויסגע־שלאָגן פון דער קאָלײַע.

— אָט, א בריוו... — האָט ער קוים ארויסגערעדט. — פון מײַן געוועזענעם קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן מאַיאָר טאַראַריעוו. אינגאַנצן דרײַ כאַדאָשים געווען אינאיינעם. און אָט, לייענט איבער...

דעם בריוו האָבן מיר געלייענט בעשוטפעס. איך האָב געלייענט, און מאַקס דאַווידאָוויטש האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ס'הייסט, יאָ, אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. און ניט אופגעהערט ווישן די אויגן. טאַקע גאָר, ווי א קליין קינד. דער בריוו איז דאָך געווען צו יענעם ייִנגעלע.

„א גוטמאָרגן דיר, מאַקס דאַווידאָוויטש, א גוטמאָרגן דיר, זונדעלע מײַנס...

ווונדער זיך ניט, וואָס איך רוף דיך אַזוי אָן. טיילווײַז האָב איך דערויף רעכט, כאָטש מײַן רעכט איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. ווען מיר זײַנען געווען אַף א קורצן אָפּרו אונטער קראַסנע, האָב איך אָנגעגעבן א ראַפּאָרט דעם קאָמאַנדיר פון פּאָלק אַלעקסייעוון, מע זאָל דיך פאַרשרײַבן אַלס מײַן זון. דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק האָט מיר געייצעט דערווײַל זיך אָפּהאַלטן פון דעם. די מילכאָמע איז נאָך ניט געענדיקט און מע ווייסט ניט, ווער פון אונדז וועט ארויס א לעבעדיקער. טאָר מען ניט דערלאָזן, אַז דאָס ייִנגעלע זאָל דאָס צווייטע מאָל ווערן א יאָסעם. אָט פאַרוואָס איך בין ניט געוואָרן דײַן טאַטע.

איצט וויל איך דיר דערמאָנען א פּאָר עפּיזאָדן, עפּשער האָסטו פאַרגעדענקט אייניקע דעטאַלן. ווי דו ווייסט, האָט אין יאַנוואַר פינף־און־פערציקסטן אונדזער באַטאַליאָן באַקומען א

ספּעציִעלע אופגאבע און מיר האָבן זי געדארפט אויספילן זעלבשטענדיק. באַ אונדז זײַנען ניט געווען קיין שכיינים ניט רעכטס, ניט לינקס. בלויז דײַטשן. דײַטשן פון פאָרנט און דײַטשן אויך הינטער אונדז. די סיטואַציע איז געווען א ריזיקאלע און איך האָב דאָס א צײַט אויסבאַהאלטן פון די סאָלדאטן.

גערעדנקסט יענע געשיכטע? דער גאנצער באטאליאָן איז געווען אף מאשינעס, איך, דו און קאָסטיע סקאָראָבאָגאטאָוו זײַנען געפאָרן אף א „ווילליס”. א ביסל ווײַטער פון די ציגלנע מויערן, נעענטער צו די בערג, איז געשטאנען א באַזונדערע פויערשע כאטע. מיר זײַנען ארײַן א ביסל אָנווארעמען זיך און פאַרפינקטלעכן דעם מארשרוט. איך ווייס ניט, צוליב וואָס דו ביסט אף א ווײַלע ארויס אין דרויסן און באמערקט אפן וועג פאַזע די בערג א דײַטשישן אָבאָז. דו ביסט צו צום קוילנווארפער, וואָס איז געשטאנען אפן „ווילליס”, איינער אליין צעגראָמירט דעם אָבאָז און געהארגעט צוויי דײַטשן. דערנאָך האָב איך פעסטגעשטעלט, אז דאָס זײַנען געווען צוויי דײַטשישע אָפיצערן. אינעם אָבאָז זײַנען געווען זעקס און צוואנציק פורלעך, נאָר צום באַדויערן האָבן מיר ניט געקאָנט באנוצן זיך מיט די טראָפייען. דער באטאליאָן האָט גלײַך אָנגעהויבן א שווערע שלאכט, וואָס האָט געדויערט אריבער א מעסלעס, און בלויז צו נאכט־צו האָבן מיר ארויסגעטריבן די דײַטשן פון יענעם דאָרף. דעם צווייטן טאָג האָבן מיר ווידער געפירט א שווערע שלאכט און מײַנע פארבינדלער האָבן מיר ראַפּאָרטירט, אז אין יענער שלאכט האָסטו געשאָסן צוויי דײַטשן און א דריטן פריטשמעליעט מיטן פריקלאד. מע האָט מיר אויך מיטגעטיילט, אז אין יענער שלאכט, אין איינער א קלוניע האָסטו געהארגעט איינעם אן אָפיצער, וואָס האָט זיך געצילעוועט אין דיר. שרײַב מיר אָן, וויאַזוי איז דאָס געווען. און עפשער געדענקסטו, ווי הייסט די שטאָט, וווּ מיר האָבן געפירט זייער שווערע שלאכטן.

טײַערער מאקס! דו געדענקסט געוויס מײַן לעצטע פארווונדונג. דאָס איז געווען דעם צענטן מארט. ווען איך האָב דעם צוואנציק זיבעטן אפּרעל זיך אומגעקערט אין פּאָלק, האָט מען מיר געזאָגט, אז דו ביסט געהארגעט. נאָר דו לעבסט! און דאָס איז פאר מיר די גרעסטע פרייד! שרײַב מיר אָן, וואָס און ווען האָסטו פארגעדענקט, וועמעס אדרעסן האָסטו? כאָטש... דיר איז דאָך דאן, ווי מיר דוכט זיך, געווען ניט מערער פון דרײַצן יאָר. שרײַב אָן וועגן זיך, וועגן דײַן לעבן, וועגן דײַן פאמיליע, וועגן דײַן ארבעט. דאָס וועט זײַן פאר מיר א גרויסע פרייד.

איך ווינטש דיר און אלע דײַניקע א גוטן געזונט, א לאנג לעבן און א סאך גליק.

טאראריעוו טיכאָן מיכײַלאָוויטש.

שט. טיכאָרעצק, קראסנאָדארער קאנט, גאס פערעדאָוואיא, הויז 369”.

איך לייען, און מאקס דאווידאָוויטש ווישט די אויגן. דערנאָך נעמט ער דעם בריוו אין דער האנט. איך זע, אז עס ווילט זיך אים שטארק א גלעט טאָן די שורעס, נאָר ער האלט זיך אײַן מיט אלע קויכעס.

— איך פארשטייט... כ'האָב געמיינט, אז טאראריעוו איז אומגעקומען, געווען אזעלכע קלאנגען, און ווי איר זעט... מיר ביידע — פון טויט לעבעדיק. איז עפשער מעגלעך, אז נאָך עמעצער?

— אלץ איז מעגלעך, — בארויִק איך אים. — מיך וווּנדערט א צווייטע זאך. פארוואָס האָט איר מיר ניט דערציילט די געשיכטע מיטן אָבאָז?

— איך האָב ביז איצט קיינעם וועגן דעם ניט דערציילט. איך האָב מוירע געהאט, אז מע וועט מיר ניט גלייבן. מיר אליין איז דאָס שווער פאָרשטעלן זיך.

— טאקע, ווי האָט איר דאָס איינער אליין?

— איר זעט? טאקע שווער צו גלייבן. נאָר דאָס איז געווען ניט קיין העלדנטאט. דאָ איז געווען עפּעס אנדערש. יענץ שווארצע...

— וועלכע שווארצע?

— די עסעסאָווצעס... ווי נאָר איך האָב דערזען די עסעסאָווצעס אין די שווארצע שינעלן, האָט עס אָנגעהויבן טרייסלען מיט מיר. ווידער יענע אין שווארצן. די, וואָס האָבן געשאָסן דעם טאטן, אופגעהאנגען די מאמע, יענץ שווארצע, וואָס האָט מיך פארפאָלגט אלע יאָרן. האָב איך פארגעסן אין אלץ, צוגעפאלן צום קוילנווארפער און אָנגעהויבן שיסן...

דאָך בין איך שוין געוואָרן א שטיקל ווייסער אין דער שינען־אינדוסטריע. כ'האָב מיט די אייגענע הענט א טאפּ געטאָן דעם קאָרד, וואָס איז, לאָזט זיך אויס, א טעקסטיל־ארטיקל, אזא שיטערע פארוסינע, וואָס קלעפּט צונויף ארום זיך דאָס גאנצע געמישעכץ. איך פארשטיי שוין, וואָס האָט מאקס דאווידאָוויטש געמיינט מיט זײַנע פאָרשלאָגן, וויאַזוי אויסמײַדן די פארלוסטן באַם טראנספּאָרטירן און אויסנוצן דעם קאָרד. איך בין אזוי פעסט אין מײַנע קענטעניש, אז איך דערלויב זיך אפילע שטעלן א פראגע:

— און ווי האַלט עס מיט אײַער ראַציאָנאַליזאַציע וועגן מעכאַניזירן דאָס טראַנספּאָרטירן דעם קאָרד?

— איך האָב אײַך דען ניט דערציילט? נו, יאָ, פאַרן טאָג קלײַבט זיך אָן אַזויפיל, אַז ניט אַלץ קאָן מען פאַרגעדענקען. נעכטן האָט מען מיך אײַנגעלאַדן אויף אַ זיצונג פון טעכנישן ראַט, אויף וועלכן מע האָט באַהאַנדלט מײַנע פאָרשלאָגן. זיי זײַנען אין גרונט באַוויליקט, מע דאַרף בלויז פאַרפּינקטלעכן אייניקע דעטאַלן. נאָר דאָס איז שוין אַן איניען אַ געלייזטער. איצט באַמבלט זיך בא מיר אין קאָפּ אַ שענערע זאַך. איך האָב שוין אַפילע אָנגעהויבן עקספּערימענטירן.

— לעמאָשל?

— אַ מעכאַניזירטער סקלאַד! איר שטעלט זיך פאָר?

ניין, פאָרשטעלן זיך איז מיר דאָס זייער שווער. נאָר פאַר מיר איז גענוג, וואָס איך זע אים, מאַקס דאַווידאָוויטשן, איך זע, ווי ס׳האָבן אַ בליץ געטאָן זײַנע אויגן, ווי ס׳האָט אין זיי אַ שפּיל געטאָן זײַן פּלאַטערנדיקער אומרו. איך קאָן זיך פאָרשטעלן די נעכט, ווען ער וועט ווידער זיצן איבער זײַנע געמעלן, צייכענען און מעקן און די בלײַערס וועלן זיך ברעכן איינער נאָכן אַנדערן. און ווי קעדיי שטילן די קאַפּווייטעקן, וועט ער אַ קוק טאָן אויף יענעם סאָלדאַטיקל אויף דער פּאָטאָ. זיי וועלן זיך דורכשמועסן, דערמאָנען זיך אין דעם, וואָס פאַרגעסן איז אומעגלעך, און וועלן צום וויפלטן מאָל איבערכאַזערן דאָס, וואָס דער זאַמפּאָליט האָט אים געזאָגט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון יענער ראַזוועדקע. צוויי פון צען. דאָס, וואָס עס וועט שטענדיק אַרויסשרײַען פון אים, וועקן און רופן... ווי די שטימען פון יענע אַלע, וואָס לעבן אין אים און פאַר וועמען ער לעבט אויף דער וועלט.

דורכן אָפענעם פענצטער פונעם האָטעל־נומער זעט מען דעם דניעפּער און מע פילט דעם אָפּקילנדיקן אָטעם פון זײַנע דריבנע כוואַליעס. עס איז גוט נאָכצוקוקן נאָך די שיפלעך, וואָס שווימען, הוידען זיך אײַנײַנעם מיט די כוואַליעס, נאָך די דרייסטע כעוורעלײַט, וואָס גיבן אַ פּלי אַראָפּ פון אַ הויכן טראַמפּלין און טוקן זיך אײַן אין די נאָך ניט איבעריק וואַרעמע וואַסערן. נאָר בעסער איז זײַן צווישן די שווימער אַליין. צווישן די, וואָס פילן אויף זיך די אָפּפרישנדיקע קראַפט פון די שטראַלנדיקע שפּריצן, פילן די דראַטיקײַט פונעם אייגענעם לײַב, שווימען וואָס ווײַטער און ווײַטער, מיט יענעם דערהויבענעם געפיל, אַז דו אַנטדעקסט פאַר זיך אַלץ נײַע ברעגן.

אין ווונדער און אין שווונג

די וועלט איז יונג

איך נעם צומאָל די וועלט באַטראַכטן,
ווי גייך די צײַט עס לויפט אוועק
מיט די פאַרטאָגן און פאַרנאַכטן,
מיט פיל נאָך ניט געציילטע טעג.

עס וועלקן בלומען אָף די בייטן
און קאַליע ווערט אַפילע שטאָל,
ווײַל גאָרנישט אָף איין אָרט עס שטייט ניט,
וואָס ברייט געווען, קאָן ווערן שמאָל.

דער גאַנג פון לאַנג איז אַ באַשטעלטער
און אַלץ אין ווונדער איז און שווונג,
און אויב אַליין מיר ווערן עלטער,
אַ סימען, אַז די וועלט איז יונג.

וויפל בין איך אויסגעפאָרן וועגן

וויפל בין איך אויסגעפאָרן וועגן,
זיך געהאַט פאַרקליבן ווײַט־העט־העט.
נאָר עס איז מײַן פריידיקסטער פאַרמעגן —
נײַע זען יִישוּוים, נײַע שטעט.

קוויקן זיך קאַיאָר מיט ווינטן פרישע,
אײַנזאַפּן דעם דופט פון רײַפן פעלד,
זיך מיט אומבאַקאַנטע מענטשן גריסן
אין אַ ווײַטן טײַגישן געצעלט.

שווימען איבער אויסגעבלויטע טײַכן
און מיט יעדן שטעגל זײַן באַקאַנט,
וואָס אַמאָל, כ׳ווער רײַכער אַלץ און רײַכער,
ווען איך זע די שיינקײַט פון מײַן לאַנד.

גרויס ביסטו און ראַכוועסדיק, מײַן היימלאַנד,
פול מיט קראַפט און בליִענדיקן כיין.
צו דעם קאַנט, ווו כ׳בין געווען כאָטש איינמאָל,
ציט מיך ווידער, ווי צו זיך אַהיים.

א געווינס

מײַן שאָכן האָט גאָר מיך פאַרכידעשט,
באַצויבערט פון פרייד יעדער כוש איז.
איך הער, ווי ער לייענט אַף ייִדיש
און לייגט עס באַלד איבער אַף רוסיש.
געדולדיק אַליין זיך געלערנט
און זאָגט צו מיר פריַינטלעך:
— Вот видишь!
מיט דיר איצט זיך אויסטײַנען גערן
אַף רוסיש איך קאָן און אַף ייִדיש.

ווי גלײַך איך וואָלט עפּעס געווּנען,
געוואָרן אין שפּראַכן נעגידיש,
מײַן שאָכן צו מיר איז געקומען
און רעדט מיט מיר דײַטלעך אַף ייִדיש.
גוטמוטיק ער נעמט מיט מיר שפּאַסן:
— איך האָב צו אײַך אויך א באַקאָשע,
לידער, נאָר גוטע, פאַרפאַסט מיר,
איך זאָל ניט פאַרגעסן מײַן לאָשן.

סאָלאָוויי

זינגט א סאָלאָוויי אין וואַלד,
פײַן איז זײַן געזאַנג —
ווי א העלער זונען־שטראַל,
ווי א רײַפער זאַנג.

כ׳האָב צום ערשטן מאָל פאַרגאַפּט
דאָרטן אים געהערט,
ווו זײַן היים איז און זײַן נעסט —
אַף דער קורסקער ערד.

אַפּן שלאַכטפעלד איז געווען
שטיל, קיין מינדסטער שאָס,
און דער שטאָלצער סאָלאָוויי
מײַסע־באַלעבאָס

זיך פאַרגאַנגען אין געזאַנג
שטיפעריש און צאַרט.

עפּשער האָט ער אויך געפילט
דאָס סאָלדאַטיש האַרץ.

כ׳האָב געקוקט אַף אים פאַרליבט
און פון פרייד געקוועלט,
גאָר פאַרגעסן, וווּ איך בין,
אַף א וועלכער וועלט...

פײַנער זינגער, סאָלאָוויי,
האָסט גאָר ניט געטראַכט,
אַז געהאָלפן האָסטו מיר
זיגן אין דער שלאַכט.

איצט, ווען עמעצער זיך קריגט,
טוט דאָס האַרץ מיר וויי.
עפּשער גאָר פאַרבעטן דיך:
זינג, מײַן סאָלאָוויי.

אין טאַשקענטער מעטראָ

ווי אין א וווּנדער־מײַסע,
איך גיי אַהער אַרײַן.
אַן אויסגעטאָקטע שײַנקײַט,
א בלענדנדיקע שײַן.

עס שפּילט א רעגנבויגן
אין שניט פון מירמלשטיין.
איך גלייב ניט מײַנע אויגן
און בלײַב באַצויבערט שטיין.

ס׳ע דוכט, דער עסקאַלאַטאָר
איז אויסגעשפּרייט מיט וואָל.

איך נידער, ווי אַף פליגל,
אין א קישעף־טאָל.

בודיאָניס רויטע רײַטער
און בוימוואָל — ס׳„ווײַסע גאָלד״,
און אַלץ, וואָס אונדז איז טײַער,
אַרום איז אויסגעמאָלט.

ווי אין א וווּנדער־מײַסע,
אין דעם מעטראָ איך פאָר.
א פּיצעלע גאַניידן
איך זע אין אָט דער וואָר.

ווילסטו זײַן אזא, ווי ער?

ס'איז דאָס לײַב
פאַרברווינט פון זון,
שפּריצט מיט לויטערן
געזונט.

פול מיט זומערדיקן
כּיין,
יעדער מוסקול —
האַרט, ווי ביין,

אָנגעקוואָלן, אָנגעצילט,
ווי א פּילקע,
שפּרינגט
און שפּילט.

אויב געלאָפן,
איז געשווינד —
ניט דעריאָגן
זאָל דער ווינט!

אויב געשפּרונגען,
איז אזוי,
ווי א פעדער,
פליִען הויך!

שיסן טרעפלעך,
שווימען לײַכט
אינעם סאַמע
גרעסטן טײַך.

דורכגעזאַפּט
מיט העלער זון —
שטענדיק מונטער
און געזונט.

ווילסטו זײַן אזא,
ווי ער?
א ספּאָרטסמענער
גיכער ווער!

מײַן זיידנס גוטסקײַט

מײַן זיידע שלוימע־זאַלמען
(א פרומער ייִד געווען)
אין שטעטל האָט בא אלעמען
געהאַט א גוטן שעם.

ער פלעגט מיר טאָמיד זאָגן:
מענטשן זײַ געטרײַ,
אין האַרצן זאָלסטו טראָגן
גאָלד און ניט קיין בלײַ.

— קינד מײַנס! — פלעגט ער טײַנען, —
האַלט טײַער יעדעס וואָרט,
עס דאַרף קעסיידער שײַנען,
זײַן וואָרהאַפטיק און קלאָר.

ער פלעגט מיך ראַכמים בעטן:
ווילסט האָבן א געניס,
לייג ניט אָפּ אף שפּעטער
די גוטסקײַט, וואָס דו טוסט.

ליב געהאַט זיך וויצלען
און זאָגן מיט א מיין:
א טויווע איז א מיצווע,
מע דאַרף עס גוט פאַרשטיין.

א מענטש פון גוטן ווילן,
איך דיר פון דעם איז ווויל,
קיין קלאָלע זאָלסט, כאָלילע,
ניט האַלטן פאַר דײַן מויל.

דער זיידע האָט דעם איקער
געשפּראָכן, ווי א טרייסט:
פאַלן זאָלן שטיקער
פון די, וואָס טוען בייז.

די זון און דער שאָטן

כ'האָב לעם שטוב א בוים פאַרפלאַנצט,
היט אים אָפּ, ער זאָל זײַן גאַנץ.

אויסגעוואַקסן הויך און שלאַנק,
ביזן דריטן שטאָק דערלאַנגט.

פאַר דער זון — א ווייכע נעסט,
און פאַר מיר — אזא מין נעס!

ווען עס ווערט מיר זייער הייס,
גיין אין נעסט דער זון איך הייס.

שפּרינגט אַרײַן דער שאָטן גלײַך
און צעגיסט זיך, ווי א טײַך.

לויפט א ווינטעלע פאַרבײַ,
טוט א פאָכע פון דער זײַט.

און דעם בוים עס טוט א נויג,
וואַרפט אַף מיר די זון אן אויג,

און דער שאָטן און די זון,
דוכט זיך, נעמען זיך אַרום.

כאַפּן טייקעף ביידע כ'וויל,
עס געפעלט מיר אזא שפּיל...

א בילדל

באַקט די זון, מיט שטראַלן שיט,
ס'העלפט שוין ניט קיין שאָטן.
קינדער פילדערן: זיי ציט
גיכער זיך א באַד טאָן.

שפּרינגט מען פלינק אַרײַן אין טײַך,
ברוינע קערפּערס גלאַנצן,
הייבן אָן די כוואַליעס גלײַך
פריילעכער צו טאַנצן...

א מאַטאָנע

עפּשער וועסטו פון מיר לאַכן,
נאָר פאַר דיר איך קאָן אַלץ מאַכן.

ווילסטו טײַכן — נאָ דיר טײַכן,
און דערצו א פאַנג א רײַכן.

ווילסטו, נעם א יאַם א טיפן
און מיט אויצרעס פולע שיפן,

און א זילבערדיקן רעגן —
קלײַב דעם בעסטן אויס פאַרמעגן.

קאָנסט דעם הימל־ראַנד דערלאַנגען,
אַלע אויספּילן פאַרלאַנגען.

זאָלסט ניט צווייפלען און ניט לאַכן,
ווײַל א טרוימער קאָן אַלץ מאַכן.

און כ'דערהער א שטים א מילדע:
כ'ווייס, דו קאָנסט די וועלט באַגילדן.

כ'דאַרף ניט גאַרנישט, כ'דאַרף דעם קישעף:
ס'זאָל דער הימל ריין און פריש זײַן.
ס'זאָל די ערד זיך מער ניט וויגן,
מענטשן זאָלן זיך ניט קריגן.

קינדער זאָלן לוסטיק שפּילן
און די פרייד פון לעבן פילן.

כ'וועל בא דיר מער גאָרניט מאָנען,
שענק מיר נאָר אָט די מאַטאָנע.

איציק קיפּניס

אַליין

דער זייגער האָט שוין געשלאָגן צוועלף. סע זײַנען שוין די ערשטע מינוטן איינס. ער זיצט לעם געטעס א מײַסעלע... פאַרוואָס האָט ער גראָדע אַרויסגענומען פון שאַפע אָט דאָס ביכל, קאָן ער אַליין ניט פאַרשטיין. כאָטש וואָס איז דער כילעק? סײַווי ווייסט ער ניט, וואָס ער לייענט.

ריינעקע פוקס איז באַגאַנגען א סאַך אַוולעס און א סאַך זינד קעגן זײַנע שכיינים און זײַנע גלײַכנס אין וואַלד. מע האַלט אים אין איין מאַסערן פון אַלע זײַטן, נאָר ער נעמט זיך ניט צום האַרצן.

אַז וואויל און גוט איז צו אים!

אָט ער, אַלעקסאַנדער מיילאַכאָוויטש (אָדער אַלמייל, ווי ער רופט זיך אַליין), קאָן עס ניט. מוטשעט ער זיך, נאָך א מין.

א סאַך זאַכן וואָלט נאָך עפּשער געווען ווי צו דערלײַדן, ווען סע קומען ניט צו קיין קליינינקײַטן און לייגן ניט צו קיין קנייטל.

אָט איז כאַנקע, דאָס ווײַבל זײַנס, אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אין טעאַטער. אַמאָל גייט מען דורך פאַרבײַ דעם טעאַטער פרי, ס'איז נאָך ניטאָ קיין עלף אַזייגער און ס'שיטן זיך שוין מענטשן פון דער אָפּערע. ווערדליק אַהער איז פערציק מינוט פאָרעכץ מיט דער מאַשין אָדער א שאָ מיטן אויטאָבוס, קאָן מען זײַן צוועלף אַזייגער אין דער היים. און אַז זי וועט קומען איינס, איז אויך ניט קיין גרויסער אומגליק, זי איז דאָך געפאָרן ניט אַליין. דעם צווייטן בילעט האָט זי, דוכט זיך, אָפּגעגעבן דעם גלאַוובוך זייערן, אָט יענעם־אָ הויכן אינטעליגענט אינעם ליכטיקן קעסטלדיקן גאַרניטער. ער זעט אויס צו זײַן עפּעס זייער א שווײַגנדיקער. ווי־אַזוי הייסט ער? דוכט זיך, סטאַניסלאַוו איוואַנאָוויטש. אַזוי אַז זי וועט האָבן מיט וועמען צו קו־מען אַהיים. נאָר ער, אַלעקסאַנדער — אַלמייל, האָט זיך געמאַכט א נאַטור וואַרטן אויף איר — קיין כילעק ניט, צי זי פאַרשפּעטיקט זיך פון דער אַרבעט, צי זי פאַרהאַלט זיך אויף א פאַר־זאַמלונג. און מעג זי זײַן אַפילע בײַ כאַוויירים צוגאַסט, נאָר ביז זי קומט ניט אַהיים און זיי טרינקען ניט אָפּ צוזאַמען קיין טיי און זי בעט אים ניט אויס, וועט ער זיך ניט לייגן שלאָפן.

און דאָ האָט זיך נאָך אַזוי ווי אָפּצולאָכעס דוניע, דאָס שטוב־מיידל זייערס, אַוועקגעלייגט אויף דער קושעטקע (איר געוויינלעכער געלעגער איז אין קיך אויפן קאַסטן). ער האָט אָבער באַלד געוווּסט, אַז זי טוט עס אומיסטן. זי איז פּלוצעם געוואָרן „גראַמאָטיזנע" און זיך אַוועק־געזעצט אויף דער קושעטקע (פּונקט אַנטקעגן אים) לייענען א בוך. האָט זי אים אַזוי לאַנג געלייענט, ביז זי ליגט שוין אַן־אָ נאַזנדיק די הענט צעוואָרפן, דאָס מויל עטוואָס צעעפנט, די באַקן בליִען, און אין פּאָנעם איז זיך ניט אײַנצוקוקן. טוט ער נאָר א קוק אין איר זײַט, אַזוי צינדט זיך בײַ אים אָן דאָס גאַנצע בלוט. ער וואָלט גאָר אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַס און געשטאַנען א רעגע פאַר דער שוועל, דאַרף מען פאַרשליסן די טיר, און דער שליסל איז, קענטיק, בײַ איר, בײַ דוניען, אין קעשענע. ער וועט זי דאָך ניט גיין וועקן צוליב אַזאַ זאַך! עפּשער צוגיין שטילערהייט און בײַ איר אים אַליין אַרויסנעמען.

ער שטייט אויף און גייט צו צוויי טריט נעענטער, ער האַלדזט זי אַרום מיט זײַן בליק און דערפילט, ווי זײַן לײַב ווערט אָנגעגאָסן מיט אַזאַ צאַרטער וואַרעמקײַט צו דעם־אָ מיידל,

---

פון דער ליטעראַרישער יערושע.

וואָס ער קען זי שוין ניט דעם ערשטן טאָג, ער גאַנוועט זיך צו נאָך א טראָט, און מיטאַמאָל קומט אים אַרײַן די גאַנצע פֿאַרב אין פּנים, ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין אָונט זעט יעדער דורכגייער פון דרויסן, וואָס עס טוט זיך בא זיי אין שטוב אינווייניק... יאָ, מער גייט אים ניט אָפּ, ווי זײַנער א שילער א סטאַכאַנאָוועץ אָדער א סטאַכאַנאָווקע זאָלן באַמערקן, ווי ער שטייט און שפּיגלט זיך אין דוניען. און צי איז עס ביכלאַל פאַר אים אַן אַרבעט? יענע איז דאָך א קינד, נאָך קיין פולע אכצן יאָר ניט אַלט! און ווען זי איז אפילו א גרויסע, איז עס פאַר אים א גאַנג און אן אוודאי פאַרפירן ראַמאַנען מיט שטוב־מיידלעך? אַלמייל! קוק זיך נאָר אַרום, אף וואָס פאַר א וועלט דו ביסט!

און ער איז אַוועק צוריק צום ביכל.

ער האָט פאַרדרייט דעם גרויסן לאָמפּ און אויסגעדרייט צוריק דאָס טיש־לעמפל. אָט אַזוי וועט זײַן בעסער. אָט אַזוי וועט ער זיצן רויק און כאָטש וויסן א וואָרט פון דעם, וואָס ער לייענט.

אייגנטלעך, וואָלט ער דאָס אייגענע געקאָנט זיצן א רעגע אָפּן ברעג קאַנאַפּקע. אים גלוסט זיך הערן, וויאַזוי זי אָטעמט. דאָס לעמפל ברענט דאָך שוין טונקל, און טאָמער טוט זי זיך א וואַך אויף, וועט ער איר זאָגן, אַז... זאָל זי אים געבן דעם שליסל.

ער האָט זיך ווײַטער אופגעהויבן פון זײַן אָרט און שוין אפילו געוואָלט מאַכן א טראָט פאָרויס. נאָר דאָ האָבן זיך דערהערט אין קאָרידאָר באַקאַנטע ווײַבערשע טריט. די טיר, וואָס איז ניט געווען פאַרשלאָסן, האָט זיך שטיל און באַנאַכטיק געעפנט, כאָנקע איז אַרײַן שיר ניט אף די שפּיץ פינגער און זיך א זשמורע געטאָן אַנטקעגן לאָמפּ.

— שלאָפסט נאָך ניט, מוסענקאַ?

ער האָט זיך צוגעוווינט, אַז ער הייסט בא איר מוסקאַ, און סע איז אים ניט שלעכט דערפון. איצט האָט ער זיך, אַגעוו, דערשראָקן, וואָס זי האָט אים שיר ניט געכאַפּט בא קיין מיִעסער אַרבעט, נאָר ס׳איז סיוויי גוט, וואָס זי איז געקומען — דערווײַל איז אויך געקומען א סאַך צו זײַנע מאַטערנישן.

— וואָס לייענסטו עס? — האָט זי זיך א בייג געגעבן איבער זײַן ביכל, א פרישע, אַן אַנגעוווינטיקטע. דאָס זײַדנס פון איר דינעם מאַלבעש שורשעט אַזוי יאַמטעוודיק, און דער אָנריר פון אירע אַקסלען קילט אים אַזוי מעכײַעדיק דאָס אָנגערייצטע פּאָנעם.

ער האָט זי א קוש געטאָן און אויסגעצויגן צו איר דעם האַלדז, ווי א ריין, אומשולדיק לעמעלע (דערווײַל איז ער דאָך טאַקע ריין און אומשולדיק).

— נו, געפעלט דיר עפּעס דער באַלעט?

— וואָרט א רעגעלע, — האָט זי געענטפערט שוין וואַכעדיקער און א ביסל האַרטער. — איך וויל זיך פריִער איבערטאָן. טו נאָר א קוק! וואָס האָט זי זיך דאָ עפּעס צעלייגט? זי האָט שוין קיין אַנדער אָרט ניט געפונען?

— דוניאַ, דוניאַ! — האָט זי גענומען אופשטורכען דאָס פאַרשלאָפענע מיידל, — לייגט זיך שלאָפן.

ס׳האָט אים פאַרדראָסן, וואָס נאָך דעם, ווי ער האָט אף איר אַזויפיל געוואַרט, נאָך דעם, ווי ער האָט זיך דאָ אַזויפיל אָנגעמאַטערט מיט אַנדערע זאַכן, האָט זי אף זײַן קוש און אף זײַן גרייטקײַט זי אַרומנעמען אים געענטפערט מיט אַזאַ אַלטגעבאַקענער וואַכעדיקײַט. און נאָך מער האָט אים פאַרדראָסן, וואָס דוניען, אַן אויסגעוואָרעמטע אינעם סאַמע ערשטן און ליבסטן שלאָף, רײַסט מען אַזוי פונעם געלעגער און מע טרײַבט זי אין קיך אַרײַן. ער וואָלט ליבער אַליין געגאַנגען אף איר אָרט און דאָרטן איבערגעשלאָפן. די שכיינים זײַנען אַקוראַט ניטאָ אין דער היים. שוין באַלד א וואָך צײַט, אַז זיי זײַנען ערגעץ אַוועקגעפאָרן. נאָר מענטשן זײַנען דאָך געשטראָפט. ס׳איז ניטאָ קיין מאָדנערע באַשעפעניש, ווי דער מענטש איז: אָט־אָ מוז זי שלאָפן אין קיך, און מיר — אין שטוב, אַזוי ווי די שטוב איז ניט געבויט געוואָרן פאַר איטלעכן גלײַך.

וואָס א טאָג האָט אַלעקסאַנדער מיילאַכאָוויטש זיך אַלץ מער אַרומגעזען, אַז דאָס מיידל וועט אים עקן די יאָרן, אַז דאָס איז ביכלאַל ניט קיין דינסט, ניט קיין שטוב־אַרבעטערן. א קוק טאָן אף איר שעמעוודיק־שמייכלענדיקן און אין דער זעלבער צײַט קלוג דורכגעטריבענעם בליק, אף איר איידעלן שטאַלט, אף די ווייכע ליכטיקע האָר אַרום איר קאָפּ!

די לעצטע צײַט כאַפּט ער זיך אַלע מאָל בא דעם, ווי ליב ס׳איז אים עפּעס טאָן צוזאַמען מיט איר. זינט זיי וווינען אף סטאַנקאָסטראָי, האָט זיך אין זייער שטייגער־לעבן אַרײַנגעריסן עטוואָס דאָרפישס. אָט גייט ער מיט איר אין קעלערל נאָך אוגערקעס, ער לויכט איר צו מיט א ליכט, און זי פּאָרעט זיך לעם דער פאַס מיט ראָסל, און אַז זיי גייען צוריק, לאָזט ער זי

ווײַטער דורך אַפּריזער... אַמאָל גייען זיי ביידע נאָך האַלץ. אים דוכט זיך, אַז ס'איז עפּעס ניט שיין סײַ פאַר דער וועלט, סײַ פאַר זיך, אַז דאָס מיידל זאָל זיך אַליין שלעפּן מיט די בערעמ־קעס האָלץ (און ער זאָל זיצן אין שטוב באַ די ביכער). אַז מע גייט אינצווייען, איז שוין עפּעס אַנדערש. אָבער ס'וואָלט אַלץ געווען גוט, ווען סע פאַרגאַנווענען זיך צו אים ניט קיין זינ־דיקע געדאַנקען... ניין, אַזעלכע מײַסים זײַנען פּאַשעט ניט אָנשטענדיק.

אָבער אַז מע וויל זאָגן, איז ער גאָר אַזויפיל ניט שולדיק. סע זי, די גאַנוועטע אַליין, שטעלט אַף אים אַן אַלע מאָל אַ פּאָר קוקערס (זי האָט זיך געמאַכט די לעצטע צײַט אַזאַ מאָדע), און ער, אַז ער דערזעט עס, פילט ער, אַז די קויכעס גייען אים אויס. אָט גרייט ער זיך צו די לעקציעס. זי האָט זיך, קענטיק, אײַנגעפּאַרעט מיט דער שטוב־אַרבעט, זעצט זיך אַוועק אַנטקעגן אים אַף דער קושעטקע און נעמט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּ. וואָס זאָל ער איר זאָגן: „קוק ניט"— וועט זי זיך נאָך צעלאַכן, און צעלאַכט זי זיך, איז פּונקט ווי ער זאָל איר זאָגן: „איך בין מיט דיר אַ פּאַני־בראַטצע, און מעגסט מיך פּאַטשן מיט דער האַנט איבער דער פּלייצע!" ניין, ס'ניט גוט אַזוי. וואָס זשע טוט ער אין אַזעלכע פאַלן? ער הייבט קלוי־מערשט ניט אויף די אויגן פון ביכל און טוט איר אָפּגעהאַקט אַ זאָג:

— דוניאַ!

דאַן כאַפּט זיך די מאַכערטע אויף פון איר פּלאַץ און ליפּט צו צו אים ניט טויט און ניט לעבעדיק (עמעס, שוין אַ ביסל צו נאָענט), די הענט הענגען איר קינדעריש נאָך, און ווי זי וואָלט זאָגן:

— וואָס, באַלעבאָס?

דאַן הייבט ער אויף אַף איר די אויגן, טוט אַ קלער:

— עפּשער וועסטו מאַכן אַ גלעזל טיי?

— שוין, — טוט זיך די קליינע אַ וואָרף אין קיך אַרײַן. און ער, אַלעקסאַנדער מיילאַכאָ־וויטש, נעמט שאָקלען מיטן קאָפּ הין און צוריק, ווי ער וואָלט זאָגן:

— סע וועט אַמאָל צו דעם נעמען אַ סאָף?

דעריקער, וואָס ער זעט אין איר אַלע מײַלעס, וואָס ער האָט ליב זען אין מענטשן. כוץ דעם, וואָס זי איז איידל און שטאַלטנע (עטוואָס העכער פון אים — ער איז ביכלאַל דריבנע אין וווקס), איז זי נאָך גענוג געבילדעט, קלוג, ווי אַ רועכל. קיין גראָבקײַט, ווי עס גיט זיך אַמאָל אויס — אַפילע אַף קיין האָר, פּאַרקערט, שוין אַפילע צופיל צאַרט. אײַנמיטנדערינען קאָן מען זי טרעפן וויינען. זי זיצט באַם שפּיגל און זי וויינט.

— וואָס איז, דוניאַ?

— גאָרניט, איך האָב זיך מיסטאַמע פאַרבענקט אַהיים.

— איז פאָרט מען זיך דורך.

— מיר איז דאָ אויך ניט שלעכט.

און זי לאַכט שוין אַף צוריק, די טרערעלעך אַף די ווײַעס טענצלען און בליאַסקעווען, ווי די פּערעלעך.

ווען ער קאָן זי אַרומכאַפּן אין דער רעגע און זי אויסקושן, ווו זי האָט נאָר אַן אייווער! נאָר גיי, טו, אַז זי איז גאָר די דינסט, און ער — דער באַלעבאָס. געזען אַ ביסל אַ דינסט? דערצו דאַרף אים שוין ווערן דרײַסיק, און זי איז נאָך אַפילע קיין אַכצן ניט אַלט. אָט איז זי אַפילע נאָך ניט געגאַנגען צו די וואַלן.

— פע, שעמט זיך, — האָט ער זיך מיט איר געריצט פאַר כאַנקען אין די אויגן. — אַזאַ גריסע, און קאָן נאָך ניט גיין קלײַבן, פּראָסיע גייט, און מיר אַלע גייען!

— וואָס טשעפּעסטו זיך? — האָט אַף אים כאַנקע אָנגעשריגן, און ער האָט טאַקע כאַראָטע, וואָרעם זי וויינט שוין, דוכט זיך. צי ס'איז באַ איר אַקוראַט אַזאַ עלטער, צי ס'איז אַזוי באַ־זונדערס צאַרט, נאָר וויפל אָט דאָס מיידעלע האָט זיך שוין באַ אים אָנגעקויפט ליבשאַפט, וואָלט עס קאָנען קלעקן פאַר דרײַסיק אייגענע ווײַבער מיטאַמאָל.

אַנומלטן איז צו אים דער ברודער, דער סטודענט, געקומען אַף אַ פּאָר טעג צוגאַסט. אַ ווױלער באָכער. טאַקע שטאַרק אַ ווױלער, נאָר ניט קיין באַריידעווודיקער. און ער האָט, ווי די מאָדע איז, אויך געוואָרפן אַן אויג אַפן מיידל.

— שלוימקע, — מאַכט צו אים אַלעקסאַנדער מיילאַכאָוויטש, — דו וואָלסט וועלן האָבן אַזאַ ווײַב?

שלוימקע האָט געקלערט אַ רעגע. ער האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן קורץ־געשוירענעם בלאָנדלעכן קאָפּ און געענטפערט ניט גאָר קאַטעגאָריש, נאָר אין דער זעלבער צײַט גאַנץ באַשטימט:

— ניין.

— מ־ם, נאַרישער קאָפּ! — האָט אים אַלעקסאַנדער אָנגעקוקט שיר ניט מיט שפּאָט. — דו קערסט אוואדע מיינען, אַז ס׳איז אַ פּראָסט מיידל? אין שטאָט, מיינסטו, צווישן די אויסגעפּוצטע מיידלעך, וועסטו טרעפן אַ סאַך אַזעלכע? פאַרגעס. און טו אומיסטן אַ קוק, ווי זי בליט, ווי אַ שיינינק בלימעלע אינמיטן פרילינג.

— יאָ, זי איז אַ באַטאמטע, — האָט דער ברודער קורץ געענטפערט און איז אַפילו אופגעשטאַנען. אים האָט זיך געדוכט, אַז זי איז נאָרוואָס אַרויס און ער זעט זי דורכן פענצטער גיין.

— איצט זע איך, אַז אַ מענטש טאָר קיינמאָל ניט באַשליסן כאַסענע האָבן, ביז ער ווייסט ניט אָף געוויס, אַז ער איז שוין גרייט צו דעם.

און אַלעקסאַנדער מיילאַכאָוויטש האָט זיך גלײַך געכאַפּט, אַז ער רעדט שוין, דוכט זיך, צו פיל. פון זײַנע רייד קאָן אויסקומען, אַז ער האָט עפּעס קעגן זײַן אייגן ווײַב. און דעם עמעס געזאָגט, האָט ער צו איר גאָרניט. אַ ציכטיק ווײַבל, ניט קיין נאַריש ווײַבל. צווישן לײַט איז ער נאָך מיט איר קיינמאָל ניט פאַרשעמט געוואָרן. עמעס, זיי גענעצן אָפּט, ווען זיי בלײַבן אינצווייען. נאָר די אַרבעט זייערע האָט זיך אַזוי צעטיילט, אַז זיי זײַנען שוין ניט אַזוי אָפּט צוזאַמען. זי איז אַ גאַנצן טאָג אָף דער שטעלע אין פּלאַן־אָפּטייל פון וועקשטעלצעך, און ער גיט אין אָוונט לעקציעס אין דער סטאַכאַנאָווישער שול. אַפילו אין טעאַטער גייען זיי אויך ניט אַלע מאָל אינצווייען. גאַנץ פּאָשעט — די צײַט פאַלט ניט צונויף. נאָר ווי סע זאָל ניט זײַן, דוניען דאַרף מען העלפן איבערגיין אָף אַן אַנדער אַרבעט, זי וועט באַ אים גיין אָפן סטאַנקאָסטראָי אַרבעטן, ער וועט איבעריידן מיט וועמען־ס׳ניט־איז פון זײַנע דערוואַקסענע שילער. ער האָט דאָרטן כאַווײרים, ס׳וועט שוין זײַן רעכט.

אַ שמועס געטאָן מיט דוניען אָף דער טעמע, לאָזט זיך אויס, אַז ער פאַרשפּאָרט גאָר מיט איר לאַנג קנעלן, זי אַליין ברעכט זיך דעם קאָפּ שוין ניט דעם ערשטן אָוונט. אָט דאַרף זי די טעג בײַטן דעם פּאַספּאָרט און זי וויל ניט, סע זאָל זיך דאָרטן שרײַבן „שטוב־מיידל״, זי וויל בעסער — „אַרבעטערן״. אַ קאַרטאָטשקע איז באַ איר אָפן פּאַס אַ שיינע, און אָן אַנדער שריפט ביט אַזאַ, ווי זי וויל.

— אָט וועל איך אײַך, אַלעקסאַנדער מיילאַכאָוויטש, אַ קוש טאָן!

און נאָך איידער זי האָט עס אויסגערעדט, האָט זי אים אַרומגעכאַפּט און אַ קוש געטאָן.

— צוליב וואָס? — האָט דער באַלעבאָס, דאַכט זיך, מיט גרויס ערנסט אַ זאָג געטאָן אָדער געוואָלט אַ זאָג טאָן. נאָר ס׳איז שוין ניט געווען צו וועמען, זי איז אַנטלאָפן געוואָרן אין קיך אַרײַן, און אָן־אָ שטייט זי לעם פענצטער און וויינט שוין, דוכט זיך.

ער האָט זי קוים פאַרופן צוריק אין שטוב אַרײַן און זיך מיט איר צערעדט טאַקע ווי סע באַדאַרף צו זײַן. ס׳איז אים אַפילו אַליין געפעלן געוואָרן, וויאַזוי ער האָט מיט איר גערעדט:

— דו ביסט נאָך טאַקע אַ קינד, נאָר זעלבשטענדיקײַט אין דײַנע יאָרן שאַט אויך ניט. בעקיצער, — האָט ער איר געזאָגט, — דו האָסט שוין אַ גוטע אַרבעט. סעבאַסטיאַנאָוו האָט געהייסן, דו זאָלסט מאָרגן ברענגען דײַנע פּאַפּירן. נעכטיקן וועסטו קאָנען אי דאָ, אי אין צוזאַמענוווינונג, ווו ס׳וועט דיר בעסער געפעלן זײַן.

און זי שווײַגט. זי שאָקלט אָף אַלץ מיטן קאָפּ און שטייט לעם אים, ווי לעם אַ הייליקן.

און ערשט צום סאָף האָט זי מיט גרויס אָנשטרענגונג געעפנט דאָס מויל און ווי מיט אַן איבערגעטריקנטן האַלדז אַ זאָג געטאָן:

— אַז איך בין דאָך אַזאַ נאַרישעוואַטע, אַלעקסאַנדער מיילאַכאָוויטש... נאָר סע פאַרפאַלן. איך וועל שוין אַזאַ שטאַרבן.

אָנקוקן בייסמײַסע, איבערלעבן איר קינדערש אופריכטיקן בליק, דאַרף מען זײַן פון אײַזן, מע זאָל זיך אײַנהאַלטן און ניט אַרומכאַפּן זי און ניט דריקן ווי אַן אוצער צום האַרצן.

כאַנקע האָט אים אַפילו פירגעהאַלטן, אַז ער אײַסעקט זיך שוין צופיל מיט דער דוניען. נישקאָשע, הײַנטיקע מיידלעך! זי וועט שוין איר שטעטל אַליין אויך באַשטיין.

ער האָט מיטן ווײַב זיך ניט געשפּאַרט און זי ניט געפּרוּווט אײַנריידן, צי איז זי שטאַרק אומגערעכט אָדער ניט אַזוי שטאַרק, נאָר אין האַרצן האָט ער געוווּסט, אַז ער וועט פון דעם מיידלס־וועגן טאָן אַלץ, וואָס ער קאָן נאָר. ער וועט זיך אַזוי אוועקשטעלן, ער זאָל באַ איר זײַן ווי אַן עלטערער ברודער. ווײַל וועט זײַן צו דעם, צו וועמען אַזעלכס וועט אַמאָל אַרײַנפאַלן פאַר אַ ווײַב. אַזאַ קינד דאַרף מען אָפּהיטן, ווי אַ גאָלדן פינגערל. און אויספּוצן, ווי אַ האָדעסל. ווען ער... ווען עס וואָלט אים געווען טרעפן אַזאַ־אָ, וואָלט זיך גאָר דאָס לעבן זײַנס אַנדערש אויסגעגלײַכט.

ער איז איינמאָל אומגעגאַנגען א גאַנצע וואָך צעדרייט, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פאַרנאַכטלעך האָט ער זי געזען ניט מיט קיין מיידל שטיין לעם א בוים אפן וועג פון קלוב צום סאָצשטעטל, ער האָט טויזנט מאָל געוווּסט, אַז זי מעג האָבן כאַווײרים, און וואָס פאַר א שייכעס האָט עס צו אים? נאָר ס'האָט אים דאָך אַזוי געסמאָקעט באַם האַרצן, אַז ער האָט געמיינט — ער וועט אויסגיין.

זי איז נאָך ניט קיין סטאַכאַנאָווקע. דערווײַל איז זי נאָך א שילערן, נאָר עפּשער וואָלט געווען גוט, ווען ער אָרדנט זי אײַן בא זיך אין דער סטאַכאַנאָווישער שול? פאַרוואָס זאָל אַזא מיידל ניט לערנען? סע זײַנען דאָך סאַמע די בעסטע יאָרן. אַז ער וועט זי באַגעגענען, אָדער אַז זי וועט קומען צו זיי צוגאַסט, ווען ער וועט זײַן אין שטוב, וועט ער מיט איר וועגן דעם איבעררײדן. אומבאַדינגט!

נאָר פּלוצעם האָט זיך בא אַלעקסאַנדער מיילאַכאָוויטשן, ווי פון דער העלער הויט, גע־טראָפן א קאַטאַסטראָפע. ס'וואָלט עפּשער פאַר אים גאָרניט געווען אַזוי גרויס דער קלאַפּ, ווען ניט די פּלוצעמדיקייט, מיט וועלכער עס האָט אים געכאַפּט. אָף רוסיש זאָגט מען, דוכט זיך, אין אַזעלכע פאַלן: „קאַק סניעג נאַ גאָלאָווו!“...

וואָס איז געשען?

געשען איז אַזא מייַסע.

כאַנקע האָט אים זייער שיין און זייער איידל געמאָלדן, אַז זייערע וועגן צעגייען זיך. זיי האָבן ביידע צוליב דער ערנסטקייט פונעם געגעבענעם פאַל שטיל און היפשלעך געשמו־עסט. אַלץ, וואָס זי זאָגט, איז גראָד זייער ריכטיק. זיי זײַנען זיך טאַקע איינס דעם צווייטן א ביסל פרעמדלעך פון דער ערשטער רעגע אָן, ניט געקוקט אָף דעם, וואָס זיי האָבן קיין אומקאָוועד איינס דעם צווייטן קיינמאָל ניט פאַרשאַפן.

אַלץ איז זייער שיין און ריכטיק, מע דאַרף גאָר ניט בעסער, נאָר פאַרוואָס האָבן זיי זיך אַזוי שפּעט אַרומגעקוקט און פאַרוואָס... פאַרוואָס איז עפּעס אַלע מאָל די איניציאַטיוו בא איר אין די הענט?

— אַזוי? נאָר אַזוי? נו, גוט.

און וויאַזוי וועט מען דערנאָך קוקן מענטשן אין די אויגן?

און וואָס ענטפערט מען יענעם, אויב עמעצער טוט דיך א פרעג: „האַ?“ נאָר כאַנקע גע־הערט, ווײַזט אויס, גיכער צו די, וואָס קלערן וויניקער און טוען מער. אָט, צום בײַשפּיל, אַזא מין שווערע פראַגע, ווי דירעס, — שיר ניט אָן אומעגלעכע, — איז עס אויך געוואָרן מעגלעך. און זיי אַרבעטן שוין ביידע צוריק אין שטאָט. ער וווינט שוין צוריק אַליין אין א ריין קליין צימערל.

ס'איז אים גאָרניט שלעכט צו וווינען אַליין. ער האָט עס גאָר א ביסל ליב. אַז ער לייגט זיך אַוועק מיט א בוך אין דער האַנט און קיינער שלאָגט אים ניט איבער, קאָן דען זײַן עפּעס בעסער? נאָר וויאַזוי מאַכט מען, אַז דאָס, וואָס ס'איז געווען ביז איצט, זאָל זיך רעכענען ווי ניט געווען?

איצט וועט ער גיין אין קינאָ, ווען ער וועט וועלן און וויאַזוי ער וועט וועלן. צי מיטן ברודער, צי מיט א מיידל, צי אַליין. ער האָט ליב פרויען־געזעלשאַפט, דאָס איז ניט קיין ליגן, און סע זײַנען בא אים דאָ (אַלנפאַלס געווען) צווישן פרויען א סאַך נאָענטע מענטשן, וואָס וועלן זיך עפּשער דערפרייען, ווען זיי וועלן אים דערזען צוריק אַליין, אָבער...

נא דיר גאָר אַזא מייַסע!

און זי, כאַנקע, וועט זיך ניט שעמען אַלע טאָג זיך אומקערן אַהיים מיטן לאַנגן סטאַני־סלאַוו איוואַנאָוויטש?

צו אַלדי רוכעס, וויאַזוי געוווינט מען זיך עס צו אַזוי גיך?

אָט־אָ ער, אַלמייל, איז נאָך בעפּיירעש א פאַרעץ אין די זאַכן. ער, צום בײַשפּיל, ווען ער דערזעט פונקט איצט אַזא ליב, נאָענט קינד מיטן נאָמען (נו, מע פאַרשטייט שוין, דוניע, לאָ־מיר זאָגן), וואָלט אים עפּשער אַלץ געוואָרן אַזוי מאָדנע. נאָר ער וועט זי שוין ניט זען אַזוי גיך.

ער האָט געקראָגן אין שטאָט לעקציעס, ער האָט זיך צוריק צוגעכאַפּט צו ביכלעך און צו טעאַטער. דאָס זײַנען זײַנע ליבסטע שוואַכקייטן, און נאָך... פון מאָל צו מאָל שווימט אים אַרויס פאַר די אויגן א יונג, טײַער מיידל מיט רוסיאַווע דינע האָר און בלויע אויגן. עפּעס אַזא רייך איז אויסגעגאָסן אָף איר פּאָנעם, און ער הערט, ווי זי זאָגט אים: „באַלעבאָס... איך וועל שוין פאַרבלײַבן א נאַרישעוואַטע אָף אַלע מײַנע יאָרן!“

ס'איז געווען א שיינער, א וואַרעמער אַרויסגאַנג־טאָג, ווען אַלעקסאַנדער מיילאַכאָוויטש האָט זיך אויסגעקליבן דאָס ערשטע מאָל צו פאָרן אפן סטאַנקאָסטראָי. ער וואָלט זיך דאָרטן

וועלן טרעפן מיט אייגענע מענטשן. ער קאָן שוין, ער איז שוין, דוכט זיך, אימשטאַנד אָפּצו־קומען מיט אַ לעצאָנעס, אויב סע וועט אים עמעצער אַ פרעג טאָן וועגן זײַנע פאַמיליע־איניאַנים.

וואָס דאַרף מען מער, אַפילע די מוטער זײַנע (וואָס וווינט ניט דאָ הי און האָט ביכלאַל ניט שטאַרק ליב זיך מישן אין אַזעלכע איניאַנים) האָט עפּעס איינמאָל אַ שטאַמל געטאָן:

— האַלעמײַ זאָל איך זאָגן, איך האָב פון דער ערשטער רעגע געזען, אַז זי וועט זיך מיט דיר ניט גלײַכן. יענע איז קאַלט, ווי אײַז, און איז גרויס באַ זיך, ווי צען הינט מיטאַמאָל.

אַלמייל האָט אָף איר אַ בייזן קוק געטאָן:

— מאַמעו!.. דו ווייסט דאָך, ווי־אַזוי איך האָב ליב, אַז מע קײַט יענעם אין מויל.

— וואָס? איך האָב צו איר עפּעס? — האָט זיך די מוטער גלײַך פאַרענטפערט. — געזונ־טערהייט! אַוואַדע וואָלט געווען לײַטישער, ווען מיר קענען זיך מיט איר אינגאַנצן ניט.

אָט דאָס זײַנען הייליקע ווערטער. אייגנטלעך, האָט ער אויך צו איר ווינציק. ווען ער באַמערקט זי אין גאַס אומבאַקאַנטערהייט, אַ דינע, אַ הויכלעכע, אַ שטרענגע, וואָלט זי אים עפּשער געפעלן געוואָרן אויך. נאָר דאָס לעבן איז באַגאַנגען אַנטקעגן אים און אוולע. ס׳זײַנען דאָ מיליאָנען מענטשן, וואָס קאָנען אים געפעלן אומבאַקאַנטערהייט, טאָ וואָס וואָלט וועמען געאַרט, ווען זי איז אויך איינע פון זיי?

מיט די דאָזיקע געדאַנקען און מיט אָט דעם כעזשבן־האַנעפעש איז ער אַרויס אָף דער הויפּט־גאַס. נאָר אין פינף, אין צען מינוט אַרום איז ער שוין לעם אווטאָבוס.

פּלוצעם צעבוצקעט ער זיך מאַמעש מיט אַ יונג און פריילעך קאָל, וואָס האָט אַזוי קלאָר און אַזוי פּלוצעם אַרויסגעבראַכט זײַן נאָמען:

— אַלעקסאַנדער מיילאַכאָוויטש!

אַלמייל האָט שיר ניט אופגעציטערט, נאָר עפּשער האָט זי עס ניט באַמערקט.

— זע נאָר, דוניע! — און זײַן פּאָנעם האָט זיך צעשײַנט פאַר פרייד. ער האָט נאָר מוירע, טאָמער איז ער צו שטאַרק רויט געוואָרן.

— אַנו, לאָמיך נאָר אָף דיר אַ קוק טאָן, ווי־אַזוי דו ביסט אויסגעוואַקסן? ס׳איז אַ נײַער קאָסטיום באַ דיר?

דוניע האָט ניט געענטפערט. זי האָט קינדעריש געלאָזט העננגען די הענט, ווי אַלע מאָל, ווען זי בלײַבט פאַר עפּעס אָפּהענטיק, און שאָקלט אים צו מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט געזאָגט: „אַלץ, וואָס איר זאָגט, איז עמעס. איר זײַנט דאָך מײַן באַלעבאָס”.

איצט פאָרט ער שוין ניט אָפן סטאַנקאָסטראָי, נאָך וואָס האָט ער אייגנטלעך אַהין גע־וואָלט פאָרן?..

און זיי שטייען ביידע אינמיטן דער ווימלענדיקער גאַס איינס אַנטקעגן דעם צווייטן. מענטשן גייען דורך, לויפן דורך, ווער סע צעשטופּט זיי, ווער סע פאַרטשעפּעט זיי מיט אַן עלנבויגן, און אַז סע ווערט רויִקער, קוקן זיי ווײַטער אָן איינס דאָס צווייטע און וואַרטן, ווער וועט דער ערשטער אָנהייבן ריידן.

— וואָס זשע מאַכט עפּעס אַנאַ באַריסאָוונאַ? — האָט דוניע צוריק, ווי אַ טײַבעלע, היימיש און צוטרוילעך זיך אַ בייג געטאָן אין זײַן זײַט. באַ איר זײַנען אַזעלכע באַוועגונגען, אַזוי טוט זי זיך אַלע מאָל אַ טוק שיר ניט מיטן גאַנצן גוף, און די באַוועגונג דערמאָנט אים אַלע מאָל אין אַ מעכײַעדיקער טויב (קינדווײַז האָט ער זיי זייער ליב געהאַט).

— אַנאַ באַריסאָוונאַ וואָס מאַכט?

פאַר אים האָט זיך די פראַגע באַקומען שרעקלעך אומגעריכט. ניט געקוקט דערויף, וואָס באַ דוניען אין מויל האָט עס געקלונגען אַזוי פּאָשעט און אַזוי נאַטירלעך.

— אַנאַ באַריסאָוונאַ, זאָגסטו? אַ דאַנק, נישקאָשע, איך וועל זיך מיט איר באַלד טרעפן לעם קינאָ. זי איז אַרויס מיט אַ שאָ פריִער... דו וועסט נאָך דאָ לאַנג זײַן?

אָבער דאָ האָט זיך דוניע אַ וואָרף געטאָן, ער זאָל גיכער גיין, וואָרעם אַנאַ באַריסאָוונאַ האָט ניט ליב, אַז מע פאַרהאַלט זיך לאַנג.

— גיכער, גיכער גייט, — האָט זי אים קינדעריש־אומגעשיקט אַ שטעק געטאָן איר הייסע דינע האַנט און אים אָפּגעשיקט.

— אַלעקסאַנדער מיילאַכאָוויטש, — האָט זי זיך צו אים אַפּסנײַ אומגעקערט, — איך בענק נאָך אײַך זייער!

און זי איז אַנטלאָפן געוואָרן.

צי דען האָט אים דער קאָפּ שוין ניט געטראָגן אָף קיין בעסערן ליגן? ער האָט דאָך גע־קאָנט זאָגן, אַז יענע איז אוועקגעפאָרן אָף אַ קוראָרט אָדער אָף קורסן, און טאַקע מיט איר, מיט דוניען, גלײַך אַוועקגיין אין קינאָ, אָדער אין אָפּערע, אָדער גאָר אין זאָאָגאָרטן!

אַך, אין זאַאַגאָרטן אין אַזאַ מין שײנעם טאָג!

„און טאָמער, — האָט ער אַ קלער געטאָן, — ווייסט זי וועגן דער גאַנצער מײַסע? זי איז דאָך קלוג, ווי אַ מאַמזער! טאָ צו וואָס זאָל ער אויסזען קאָמיש בא איר אין די אויגן? פאַר וואָס זאָל ער איר ערנסט ניט דערציילן וועגן זײַן גאַנצן לעבן? זי וואָלט גאָר אַליין בא זיך געוואָרן פעסטער און כאָשעווער, ווען זי פילט, אַז ער רעדט מיט איר ניט ווי מיט אַ קליי־נינקער”.

ער איז אוועק אַהיים און זיך אַנידערגעלייגט אַף דער קאַנאַפּע, מיט אַזאַ קאַס אַף זיך אַליין, אַז ער וואָלט זיך צעריסן. וואָס וואָלט ער אַף זיך ניט אויסגערעכנט אַף דער רעגע: „בעהיימע”! „לאָקש”! „שלימאַזל”!

ער איז געוועזן ניט צופרידן, וואָס דער ברודער איז צו אים אַרײַן.

— דו ביסט ניט געפאָרן?

— ניין, איך פיל זיך עפּעס מיד.

און אַז סע איז נאָך אָנגעקומען עפּעס אַ באַקאַנט מיידל אַף די רייד, האָט ער זיי ביידן איבערגעלאָזט אין שטוב מיטן אויסרייד, אַז ער דאַרף אַף אַ רעגע צולויפן אין אַן אָרט, ער וועט גיך קומען. און ער איז טאַקע אוועקגעפאָרן אין זאַאַגאָרטן. און דאָרט האָט אים בעפּיי־רעש אָפּגעגליקט (אַף פאַרקערט, פאַרשטייט זיך). ער האָט דאָרטן דערזען אַף דער שכייני־שער אַלייע יענע, זײַנע, צוזאַמען מיטן לאַנגן בוכהאַלטער אינעם קאַפּעליוש, און עפּעס אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר נײַן אין ברייטע קורצע הייזלעך האָט זיך נאָך זיי ווי ניט ווילנדיק נאָכ־געשלעפּט. פונוואַנען האָט זיך נאָך אַהער גענומען אַ ייִנגל? קאָן דאָס זײַן, אַז יענער האָט נאָך אַ פאַמיליע?

בעקיצער, ווי די מײַסע זאָל דאָרט ניט זײַן, נאָר פאַר זיך איז אַלמייל ווידער געקומען צו זײַן שטענדיקן אויספיר, אַז ער איז אַ געשטראָפטער מענטש. ווי אָפּט גייט אַ מענטש אין זאַאַגאָרטן? אויב איין מאָל אין פינף יאָר, איז אַ סאַך. מוז עס אים אָנטראָגן זיך פאַרשלעפּן אַהער פונקט אינעם זעלבן טאָג און אין דער זעלבער שאָ, ווען זיי דרייען זיך דאָ אויך אַרום — ער, ווי אַ לאַנגע צאַפּליע, און זי — ווי אַ פּאַווע... ער האָט זי עפּעס איצטער אַזוי פײַנט, אַז ער איז גרייט זיך מיט איר אַפילע ניט גריסן, אויב ער וועט זי ערגעץ טרעפן. צי דען איז ער מעכוייעוו זי קענען? עפשער קען ער זי שוין אינגאַנצן ניט?

קלאָר, אַז די דאָזיקע באַגעגעניש האָט אים פאַרשטערט און צעריבן די פאָרשטעלונג, וואָס ער האָט נאָרוואָס געבראַכט מיט זיך אַהער וועגן דוניען. אים האָט זיך פון אָנפאַנג גענו־מען דאַכטן, אַז ער גייט אַרום מיט איר, האַנט בא האַנט, אַזוי באַרוט און אופגעלייגט...

— נו, פאַרפאַלן, אַלמייל! מיר פאָרן שוין צוריק אַהיים! אַז סע גליקט דיר ניט אין קיין גרויסקײַטן, גליקט דיר אויך ניט אין קיין קלייניקײַטן.

און אַף צוריקוועגס, אינעם געראַמען טראַמווײַ, האָט ער זיך מיטאַמאָל גענומען אויס־רעכענען, אַז וואָס?.. נו, יאָ... אַז ווען עמעצער קריטיקירט אים אַפילע פאַר זײַן אינווייניק־סטער באַציִונג צו דוניען, דאַרף דאָך עס אים אויך ווינציק וואָס אָנגיין.

„וויפל מאָל האָב איך מיט דיר געטײַנעט, אַז דוניע איז ניט קיין דינסט. מײַן שיין קליין מיידעלע! וויִאַזוי וואָלט איך דיך גערופן, ווען דו ביסט טאַקע מײַן ווײַב? וויִאַזוי זאָלן דיך געסט אונדזערע רופן? — אוודאָטיא פּראָכאָראָוונאַ! — הערסט? ס'איז דאָך גאָרניט אַזוי שלעכט?! טאָ געדענק זשע, מײַן האַרץ, דו וועסט זיך צוגעווינען טראָגן שיך אַף אַ ווינער קאַבלוק, וועסט צוגעווינען זיך צו דינע לײַקענע הענטשקעלעך (וואָס? מע דאַרף ניט זומער קיין הענטשקעס? נו זאָל זײַן אָן!) און וועסט זיך צוגעווינען, אַז מע זאָל דיך רופן אוודאָטיא פּראָכאָראָוונאַ. ס'איז גאָרניט אַזוי שווער”. און אַלמיילן איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי גוט אפן האַרצן, אַז ווען מיליע איז צו אים ווידער אַרײַנגעקומען דעם זעלבן טאָג אין אָוונט, האָט ער אים באַגעגנט — מאַמעש אין קעלבערנער היספּײַלעס.

— זיץ, — זאָגט ער, — און הער, איך וועל דיר לייענען אַ ליד פון אַ יונגן דיכטער:

איך ווײַס ניכט,
וואָס זאָל דאָס בעדויטען,
דאָס איך זאָ טראַוריג בין?
אײַן מעדכען אַאוס אַלטע צײַטען
דאָס לאָזט מיך ניט אַאוס דעם זין...

— נו, מיילע, — האָט אים יענער מיט זײַן אופגעהאַלטענעם שמייכל איבערגעשלאָגן, — איך זע, אַז דו ביסט שוין גאָרניט אַזוי טרויעריק. זאָג, וואָס איז געשען?

— איך וועל דיר זאָגן, איך וועל דיר זאָגן, דו וועסט ווען־עס־איז קומען און אליין זען. אלמייל איז שוין גאָרניט אזא מין שלימאזל, ווי מע מאכט עס אָפּ...

און וואָס ווײַטער, איז אלץ צײַטיקער געוואָרן בא אים דער געדאנק, אז ער גיסט זיך צונויף, ער ווערט איינס מיט יענעם־אָ איידעלן און רייצנדיקן מיידעלע. דער כילעק אין יאָרן, וואָס האָט אים פריִער אָפּגעשטעלט, איז גאָר אויך ניט אזוי גרויס, ווי ער מאכט עס אָפּ. אָט גייט ער דאָך נאָך ערשט לערנען, ער האָט באשלאָסן אָנקומען אין אספּיראנטור (ס׳איז אקוראט געגאנגען א פּרישער אופנאם), ער וועט באַווײַזן אי ארבעטן, אי לערנען. און זי, אויב זי וועט וועלן, זאָל זי פאַרזעצן איר ארבעט... אויב זי וועט וועלן, זאָל זי אויך אָנקומען לערנען. ער וועט זיך היטן, ווי ווײַט ער קאָן, נאָר אז ער וועט איר קיין זאך ניט אָנבינדן אָן איר אייגענעם גוטן ווילן.

ס׳מאכט ניט אויס, דערנאָך, אז סע וועט שוין אָפּגעטאָן ווערן, וועלן לײַטן אויך געבן זייער האסקאָמע. אפילע מיליע אליין וועט דערנאָך מוידע זײַן, אז ער איז גערעכט. ער איז ניט עמעצער אנדערש! און אז זיי וועלן זיך קומען אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, צי אזוי אין א פּארק, אָדער אין פאָיע פון טעאטער, און זיי וועלן זיך אָנטרעפן מיט יענע, איז נאָך גאָרניט באַוווּסט, ווער סע וועט קוקן פרײַ און גליקלעך און ווער סע וועט דארפן אראָפּלאָזן די אויגן.

אזוי איז אלמייל וואָס ווײַטער, אלץ מער זיך צונויפגעוואקסן מיטן גליקלעכן באשלוס. בא דער ערשטער פּאסיקער געלעגנהײַט וועט ער אים זען פארווירקלעכן, און דאן וועט זײַן צימערל זיך גאָר אנדערש צעזינגען. דערווײַל, ווי מע קוקט ניט ארום, איז ער שוין א האלב יאָר אן אספּיראנט פונעם פּעדאגאָגישן אינסטיטוט. ליטעראטור האָט ער ליב דאָס כּיעס, און גוט אָפּן הארצן איז אים. האָבן טאקע די פּראָפעסאָרן פון אים אָנגעקוועלט. ווינדאָראָוו? א, ווינדאָראָוו! מע ווייסט אים גאָרניט ווו צו זעצן. „ווינדאָראָוו וועט לייענען דעם זעלבן פּאָרטראָג פאַר אלע סעמינארן”. „ווינדאָראָוו ווייסט אפילע אליין ניט, אָף וויפל ער האָט זיך א רוק געטאָן!”

נאָר אז עס איז געקומען פרילינג, האָט זיך אלמייל פּאָרט געגעבן א טרייסל אָפּ, ווי א יונג פערדל, פונעם גאנצן שטויב, וואָס איז אָף אים אָנגעפאלן פארן ווינטער. און באם ערשטן שיינעם ארויסגאנג־טאָג האָט ער זיך אויסגעקליבן, דאפקע גאנצפרי. ער האָט אויסגעבערשטלט דעם נײַעם גארניטער, די שיך, האָט אויסגעבונדן זײַן שיינעם שניפּס, זיך אָנגעשמעקט מיט זײַנע באליבטע פּארפומען און זיך געלאָזט אָפּן סטאנקאָסטראָי.

ס׳איז אים אפילע אליין געוואָרן א כידעש, וויִאזוי האָט ער אזויפיל צײַט געקאָנט דורכלאָזן און זיך ניט זען מיט דער קליינער.

— אלמיילקעלע, — האָט ער זיך אליין גענומען אונטערשמײַסן, — דו ביסט א מעלאַמעד, דו ביסט א געבוירענער יעשיוועבאָכער, כאָטש דו האָסט קיינמאָל קיין יעשיווע אין די אויגן ניט געזען. נו, געגאנגען זאָל ווערן.

ער האָט אָפּן וועג אײַנגעקויפט א פּאָר נייטיקע קלייניקײַטן און איז אוועק צום אווטאָבוס. לעם אווטאָבוס איז גראָדע געווען ענגלעך, האָט אים אָבער אָפּגעגליקט, און ער האָט געפּאקט א טאקסי, ער און נאָך צווייען.

— איך זאָל זי כאָטש טרעפן אין שטוב, — האָט ער געכאַזערט צו זיך אליין. אייגנטלעך איז ער דאָך צוליב דעם אזוי פרי געפאָרן.

ווו זי וווינט, ווייסט ער שוין.

טושקאנאָווא דוניא פּראָכאָראָוונא. נײַנצן יאָר אלט. סטאנקאָסטראָי, סאָצשטעטל, הויז נומער 18, דירע 4.

— איר האָט עמעצן אָפּן זאוואָד? — פרעגן אים זײַנע מיטפּאָרער אין טאקסי.

— יאָ, — ענטפערט אלמייל א צופרידענער. און די געדאנקען ראָיען זיך בא אים אין מויעך אזוי רירעוודיק, אזוי יאָמטעוודיק, אזוי לעבהאפט: „און טאָמער טרעף איך זי ניט?” „טאָמער טרעף איך זי ניט, וועל איך שוין אָף לאנג ניט אָפּלייגן און קומען גלײַך דעם צווייטן ארויסגאנג־טאָג. דאן וועט זי שוין אָף מיר ווארטן! און טאָמער האָט זי מיך ניט ליב? נו, קארג מאָל האָט זי מיר עס ארויסגעוויזן? מע דארף שוין גאָרניט האָבן קיין קאָפּ אָף די פּלייצעס, אז מע זאָל זיך אין דעם ניט אָנשטויסן”.

און אז די טאקסי בלײַבט שטיין אָף א ראָג לעם א שײַן־סיגנאל, הערט ער, ווי אן אינווייניקסטע שטים טרײַבט אונטער זײַן אומגעדולד: „נו, שוין! גיכער!”

און דער דרויסן שמעקט אזוי שיין הינטער דער שטאָט. וויפל ביימלעך האָבן זיך אָנגעטאָן אין ווײַסן און אין ראָזן. זיי בליִען ווי די שיינע קאלעלעך, ווי דוניע, ווען זי טוט אָן אָף זיך די אוקראַיִנישע לענטעס.

געקומען אָפּן סטאנקאָסטראָי, איז ער אוועק מיט א פעסטן שפּאן לויטן אָנגעוויזענעם אדרעס. ער איז געווען צופרידן, וואָס ס׳באגעגענען זיך ניט אָפּן וועג קיין באקאנטע און

שטעלן אים ניט אָפּ. אויב זי ווינט מיט נאָך מיידלעך צוזאַמען, וועט ער זיך ניט שעמען און זי גלײַך אַרויסרופן. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, איז אַרויס צו אים אַן אַלטינקע.
— איך דאַרף דאָ זען אַ מיידל איינע. דוניאַ טושקאַנאָוואַ. זי אַרבעט אויפן סטאַנקאָסטראָי.
— ווי דען? ווי דען? — האָט אים די אַלטינקע ליבלעך געענטפערט. — קומט אַרײַן, קומט אַרײַן. באַ אונדז איז פאַראַן אַזאַ דוניאַ טושקאַנאָוואַ! וואָס זײַנט איר, אַ פרײַנט אָווודע? אָט וועט זי זיך, קיין אײַנהאָרע, דערפרייען, די שטיפּערקע אונדזערע.
ווען ער איז דורכגעגאַנגען דאָס טונקעלע קליינע קאָרידאָרל און אַן עפן געטאָן די טיר, האָט אַ שלאָג געטאָן פון דאָרטן אַזויפיל שײַן, אַז סע פאַרטרינקט מאַמעש דאָס אויג. אַ ביסעלע געראָטן אין דעם צימער, אין וועלכן זיי האָבן דאָ געוווינט. נאָר דאָס איז אויפן צווייטן שטאָק.
— דוניעלע, פרײַנט מײַנס, קום אַקאָרשט אַרויס, עמעצער איז צו דיר געקומען.
— באַ־אַלדי! — האָט זיך דערהערט אַ קאָל, וואָס איז זיך אים צעגאַנגען איבער אַלע אייוורים. — איין ביסעלע־ע.
מיר באָדן אונדזער קינדעלע, באָדן מיר, — האָט זיך די אַלטע שיר ניט אַ צי געטאָן אויף די שפּיץ פינגער און נאָכעסדיק אײַנגערוימט דעם גאַסט.
— וועמענס? — האָט ער אַ ביסעלע ווי צעמישט אַ פרעג געטאָן. אויף אַ צענטכיילעך פון איין אויגנבליק איז אים אײַנגעפאַלן, אַז דוניע דינט שוין ווײַטער באַ יענעם און וואַשט שוין די ווינדעלעך באַ אַ נײַער באַלעבאָסטע.
— נו, וואָס הייסט וועמענס? אונדזערס, מײַן זונס! דוניאַשע איז דאָך אונדזער שנור, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר! הײַנט זײַנען זיי ביידע פרײַ, באָדן זיי דאָס פּיצינקע אַליין, אַליין באָדן זיי עס.
אַלמייל האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און דערפילט, אַז ער מוז די רעגע פונדאַנען אויסגעטריקנט ווערן. נאָר ווי אַזוי?
— זאָל דאָס פּעקעלע ליגן, — האָט ער זיך אָנגערופן, — די רעגע קער איך זיך אום. אַלעקסאַנדער מיילאַכאָוויטש וועט איר זאָגן.
און ער האָט זיך געגומען רוקן צו די טרעפּ.
— אַלעקסאַנדער. מיילאַכאָוויטש! — האָט ער דערהערט שוין קימאַט לעם דער דרויסן טיר דוניעס געשמאַק קאָל און אירע יונגע טריט אין די גרינגע שטעקשיך.
ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, נאָר ער האָט זיך נאָך ניט באַוויזן אומקוקן, ווי זי האָט אים אַרומגעכאַפּט הינטנאַרום, אַזאַ הייסע, אַ שמעקנדיקע, אַ ווייכע, און אים געגומען אָפּשיטן מיט הייסע קושן.
— קומט, שוין וועט איר מיט מיר גיין צוריק אין שטוב אַרײַן!
— שורקאָ! — שרײַט זי צום מאַן, וואָס שטייט מיט אַן אָפּהענטיקן שמייכל אויף דער שוועל פון זייער צעעפנטער טיר, — שורקאָ! דאָס איז דאָך אַלעקסאַנדער מיילאַכאָוויטש אַליין!
— מאַמעלע, — מאַכט זי צו דער שוויגער, — מירן זיי שוין ניט אוועקלאָזן אָן קיין וואַרמעס.
און זי שטייט פאַר אים די זעלבע מיט קינדערש נאָכהענגענדיקע הענט און מיטן זעלבן כיינעוודיקן אַראָפּגעלאָזטן בליק, נאָר אַן ענדערונג איז שוין אין איר דאָ, אַ צומיש פון אַ פרישן מין צאַרטקײַט, ווייכערע באַוועגונגען.
— נו, — מאַכט זי נאָך אַ היפּש שווײַגן און אָנקוקן מיט איר גליקלעכן שעמעוודיקן שמייכל, — זאָגט אַליין, בין איך ניט קיין דורנעוואַטע, וואָס איך האָב אַזוי גיך גענומען און כאַסענע געהאַט? נאָר דערפאַר איז ער באַ מיר אַ גוטער מאַן, — ווײַזט זי אויפן באָכער אין דער באַטיסטעוועער קאַסאָוואָראָטקע, — און די מאַמע איז באַ מיר אַ גוטע מאַמע. הײַנט דאָס קליינע זונעלע, — און איר שטענדיקע טרער ווײַזט זיך אויף איר ווי׳ע, נאָר זי ווערט באַלד פאַרשלונגען פונעם רייצנדיקן שמייכל.
יאָ, זי איז די זעלבע.
ס׳ניט קיין מיידעלע, ס׳איז אַן אויצער, ס׳איז אַ פולער וואָגן מיט גליק.
אַלמייל האָט זיך באַקאַנט מיטן מאַן, זיך צעשמועסט אויף אַ היימישן אופן.
ניין, אָט דאָס איז טאַקע איר עמעסער מאַן, דוניעס. אַגעוו, וואָלט ער מעגן שווערן, אַז ער האָט אים שוין אַמאָל געזען, אויב ניט דעמלט לעם דער בויונג, אײַנצווייען אויפן וועג פון קלוב אין סאַצשטעטל.
ער האָט דאָרטן בעעמעס גוט פאַרבראַכט.

זיך האַרציק צעזעגנט און אָנגעוווּנטשן אַלדאָס גוטס פון טיפן האַרצן, איז ער אַוועקגע־פאָרן אַהיים.

נאָר שוין אין צימער בא זיך, אַז ער האָט זיך דערפילט צופיל אַליין, האָט ער זיך ווי אָנגערופן צו זײַן אייגענער פּערזאָן:

— אַלמייל, לעקישל מײַנער טײַערער! ס'איז גוט זיך פרייען מיט עמעצנס גליק, ווען מע האָט אייגן גליק כאָטשבי איין ביסעלע.

מייסעלעך וועגן לעמעלע דעם לעפלמאַכערס

1. די אַלטע לעפּלמאַכערס

געוועזן אַמאָל אַ זיידע מיט אַ באָבע. האָבן זיי ניט געהאַט קיין קינדערלעך. דער זיידע פלעגט שניצן לעפל און טראָגן זיי אויפן מאַרק פאַרקויפן. די באָבע פלעגט אַרבעטן לײַבעלעך און זאָקן פון בײַוול, און פון דעם האָבן זיי געלעבט.

איינמאָל איז דער באָבע געבליבן אַ ביסל בײַוול, האָט זי אויסגעאַרבעט אַ קליין־קליין לײַבעלע און אַ קליינע פּיצינקע פּאָר זעקעלעך און האָט באַהאַלטן.

— דאָס וועט זײַן, — זאָגט די באָבע, — פאַר אונדזער קליין ייִנגעלעס־וועגן.

— ווּ האָבן מיר דען? — פרעגט דער זיידע.

און די באָבע זאָגט:

— ווער ווייסט, עפּשער וועט נאָך זײַן.

אַ צווייט מאָל שניצט דער זיידע זײַנע לעפל און זאָגט:

— אָ, אָט פון דעם שטיקעלע האָלץ, וואָס ס'איז מיר געבליבן, וועל איך אויסשניצן אַ קליין שיסעלע און אַ קליין לעפעלע פאַר אונדזער קליין ייִנגעלעס־וועגן.

— ווּ האָבן מיר דען? — פרעגט די באָבע.

און דער זיידע ענטפערט אויך דאָס זעלבע:

— ווער ווייסט, עפּשער וועט נאָך זײַן.

סע איז געוואָרן ווינטער. סע גייט צו נײַ־יאָר, אַלע טראָגן נאָדל־ביימער פאַר זייערע קינדערסוועגן, און נאָר דער זיידע מיט דער באָבען ניט.

— ווייסט גאָר וואָס, באָבינקע, — מאַכט דער זיידע, — איך וועל גיין אין וואַלד און וועל אויסהאַקן אַ נאָדל־ביימעלע. וועלן מיר זיך אַליין מיט דעם פרייען.

— גוט, — זאָגט די באָבע.

פאַרנאַכט. מע דאַרף שוין אָנצינדן פײַער, זיצט די באָבינקע און וואַרט. ערשט דער זיידע איז געקומען. ער האָט אַרומגעקלאַפּט דעם שניי פון די שטיוול. אַרײַנגעטראָגן אַ נאָדל־ביימעלע אין שטוב אַרײַן.

— אַך, איז עס אַ ביימעלע, מאַמעש אַ פאַרגעניגן! — אָט אַזוי זאָגט דער זיידינקע צו זיך אַליין און האָט אַוועקגעשטעלט דאָס ביימעלע אינמיטן שטוב.

אָנגעהאַנגען אויף דעם שפּילעכלעך, וואָס דער זיידע האָט אויסגעשניצט, — ניסעלעך און קוויטעלעך, אָנגעצונדן פאַרשיידנקאָלירענע ליכטעלעך.

— אָט איצט, ווען ס'איז נאָך דאָ צו דעם אַ מיידעלע אָדער אַ ייִנגעלע, וואָלט עס שוין גאָר געווען גוט, — זאָגט די באָבע.

ווי זי האָט עס נאָר אויסגערעדט — ערשט עס דערהערט זיך אַ דין־דינינק קעלעכל:

— אָט בין איך.

דער זיידע קוקט אויף דער באָבען, די באָבע קוקט אויפן זיידן און זיי פאַרשטייען גאָרניט.

— ווער רעדט עס? — האָט זיך דער זיידע אופגעשטעלט אויף די שפּיץ פינגער.

— סע איך!
— ווער ביסטו? — פרעגט וויַטער דער זיידינקע. — איך דערקען ניט.
— דאָס בין איך, אײַער ייִנגעלע.
— ווו זיצסטו דען? — האָבן זיך דער זיידע מיט דער באָבע ניט געקאָנט אײַנ־האַלטן פאַר פרייד.
— אָט־אָ אָפן ביימעלע.
דער זיידע מיט דער באָבעו האָבן געגעבן זוכן. ערשט אָפן סאַמע שפּיץ ביימעלע זיצט א קליין־קליין ייִנגעלע. קימאַט אינגאַנצן נאַקעט און זאָגט:
— נעמט מיך אַראָפּ!
האָט דער זיידע צוגעשטעלט א בענקל, אַראָפּגענומען דאָס ייִנגעלע. די באָבע האָט גיכער אויסגעזוכט די קליינע זעקעלעך און דאָס קליינע לײַבעלע. אים אָנגעטאָן. דערנאָך האָבן זיי אוועקגעזעצט דאָס ייִנגעלע צום טיש און דערלאַנגט די געשמאַקע, די יאָמטעוודיקע וועטשערע.
— ווו איז מײַן קליין שיסעלע און מײַן קליין לעפעלע? — האָט דאָס ייִנגעלע געפרעגט.
און דער זיידע האָט זיך דערפרייט:
— זע, באָבע, — סאַרא קלוגינקער ער איז בא אונדז. אַלצדינג ווייסט ער!
און ער האָט אים דערלאַנגט דאָס קליינע לעפעלע מיטן קליינעם שיסעלע. דאָס ייִנגל עֶסט, און דער זיידע מיט דער באָבען קוקן אָן אים מיט פרייד.
— דו וועסט בלײַבן בא אונדז אויף קעסיידער? — פרעגט שוין דער זיידע.
און דאָס ייִנגעלע זאָגט:
— פאַרוואָס ניט? מיר איז דאָ זייער גוט.
— ווי אַזוי זשע וועלן מיר דיך רופן? — פרעגט דער זיידע.
— אַזוי ווי מע רופט דיך, — האָט דאָס ייִנגעלע געענטפערט.
— מיך רופט מען, — זאָגט דער זיידע, — לעמל דער לעפלמאַכער.
— וועט מען מיך רופן — לעמל דעם לעפלמאַכערס, — האָט דאָס ייִנגעלע צוגעגעבן.
און ס'איז אַזוי געבליבן.

2. דער רײַכער שאָכן

אָף דער זעלבער גאַס, א שטוב קעגן א שטוב, האָט געוווינט אַן אַלטער מאַן, א גרויסער גוויר מיט זײַן ווײַב דער גווירנטע, און זיי האָבן אויך ניט געהאַט קיין קינדער. זיי האָבן נאָר געהאַט א סאַך קנעכט און דינסטן, וואָס האָבן געטאָן זייער אַרבעט און געהיט זייער גוטס. אַז ס'איז זיי געוואָרן אומעטיק אַזוי צו זיצן, זאָגט דער גוויר צו זײַן ווײַב:
— ס'וואָלט ניט געשאַט, ווען מיר קריגן זיך אַזא ייִנגעלע, ווי דער אָרעמער לעפלמאַכער האָט געקראָגן, דאָס איז דאָך מאַמעש א פרייד אין שטוב.
און זיי האָבן געשיקט רופן זייער אָרעמען שאָכן, דעם אַלטן לעפלמאַכער. זיי האָבן אים דערלאַנגט א גלאָז וואַסער מיט אײַנגעמאַכטס און גענומען בא אים אויספרעגן, ווי אַזוי האָט ער דערטאַפּט אַזא ייִנגעלע. דערציילט זיי דער לעפלמאַכער די גאַנצע מעשׂה, אַז צו נײַ־יאָר האָט ער אויסגעהאַקט א נאָדל־ביימעלע, דאָס ווײַב האָט עס אויסגעפּוצט און אַז זיי האָבן געזאָגט: „ווו נעמט מען נאָך אהער א ייִנגל?" האָט זיך דאָס ייִנגעלע אָנגערופן: „אָט בין איך".
— אהאַ! אויב אַזוי, — מאַכט דער רײַכער שאָכן צו זײַן ווײַב, — איז שוין גוט.
— א גוטן טאָג!
מיטן וואָרט „א גוטן טאָג" האָבן זיי געגעבן אַן אָנצוהערעניש דעם אָרעמען שאָכן, אַז ער מעג שוין גיין, מער דאַרפן זיי אים ניט.
— ניט איז ניט.
דער אָרעמער שאָכן איז אוועק, און דער רײַכער האָט געשיקט פינף דינער זײַנע אין וואַלד אַרײַן. האָבן זיי אויסגעהאַקט דעם גרעסטן בוים, אים פאַרפירט אַהיים און אוועקגעשטעלט. דעם בוים האָבן זיי באַהאַנגען מיט גאָלד און מיט זילבער, מיט דימענטן און בריליאַנטן. אַז עס איז געוואָרן פאַרנאַכט, האָבן די רײַכע פאַר לײַט אָנגעצונדן לאַמטערנעס פון אַלערליי קאָלירן.
— עס וואָלט געווען גוט, — זאָגן זיי, — ווען מיר האָבן א טאָכטער אָף יאָמטעוו, אָדער א זון. נאָר אַזוינס ווי אַזעלכס, עס זאָל טאַקע זײַן אינגאַנצן אין אונדז געראָטן!

— אָט בין איך! — האָט געענטפערט א גראָבער קאָל, און פון בוים איז צו זיי אַראָפּגע־קראָכן א באַשעפעניש מיט גראָבע ליפּן, גראָבע הענט און גראָבע פיס. און אַליין אויך גראָב און גרויס. ווי ער איז נאָר אַראָפּ, האָט ער באַלד זיך א נעם געטאָן צום עסן און ער האַלט אין איין שרײַען:

— גיב נאָך!

ער האָט אויפגעגעסן אַלץ, וואָס מע האָט פאַרגרייט אַף יאָמטעוו און אַף א גאַנצער וואָך, און ער שרײַט נאָך אַלץ:

— גיב נאָך!

דער רײַכער שאָכן מיט דעם ווײַב האָבן אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן און זיי קלערן, וו־אַזוי ווערט מען פּאָטער פון אזא אָנשיקעניש. פאַר אזא מין פּרעסער וועט דאָס גאַנצע רײַכקײַט זייערס ניט קלעקן! זיי האָבן זיך גענומען סוידען ביידע און זיך דינגען. דער זאָגט „זאָג דו״, און דער צווייטער זאָגט „ניין, דו״, ביז זיי האָבן זיך, ענדלעך, ביידע אייניגעם אָנגערופן:

— ליבער מענטש, — האָבן זיי זיך אָנגערופן, — מיר ווילן צוריק לעבן אַליין. וו־אַזוי מאַכט מען, זאָלסט פון אונדז אוועקגיין?

— ע, ניין, — מאַכט דאָס באַשעפעניש. — איך גיי ניט אוועק. מיר איז דאָ אויך ניט שלעכט...

— וואָס טוט מען שוין איצט? — דער גוויר האָט א קוק געטאָן אַפן ווײַב. דאָס ווײַב אַפן מאַן. און ס'איז באַ זיי געבליבן, אז זיי גייען צום אַלטן לעפּלמאַכער. געקומען אין שטוב, זיצן זיך ביידע אַלטינקע לעם דער הרובע. קיין שײַן האָבן זיי נאָך ניט אָנגעצונדן, און זיי דער־ציילן זיך מײַסעס. דאָס ייִנגעלע זייערס שפּילט אַפן פענצטער.

אז דער גוויר און די גווירנטע האָבן דערציילט פון זייער אומגליק, האָט זיך דאָס ייִנ־געלע צעלאַכט.

— איר זײַט אַליין שולדיק, — זאָגט דאָס ייִנגעלע, — איר האָט ניט געטאַרט בעטן, ער זאָל זײַן אין אײַך געראָטן.

— אָבער וואָס טוט מען איצט? — האָט זיך דער קאַרגער מאַן גענומען בעטן, — צי דען איז שוין פאַרפאַלן און מירן פון אים אייביק ניט קאָנען פּאָטער ווערן?

— ניין, פאַרוואָס, — זאָגט דאָס ייִנגעלע, — פון אים פּאָטער ווערן איז גאָרניט אזוי שווער.

— וואָס זשע דאַרף איך טאָן?

— איר דאַרפט גאָרניט טאָן. מאָרגן איז א יאָמטעוו. גייט אַרויס אַפן פּלאַץ פאַר אַלע מענטשן און זאָגט אזוי: „מיר זײַנען רײַכע, מיר זײַנען קאַרגע, מיר זײַנע שלעכטע. פרעמדע האָרעוואַניע עסן מיר, פרעמדן שווייס נוצן מיר, מיר ווילן ניט קיין קינדער, מיר ווילן ניט קיין קינדער,״ — אזוי זאָלט איר זאָגן דרײַ מאָל. נאָר הויך, אז אַלע זאָלן הערן, און אז איר וועט קומען אַהיים, וועט ער שוין באַ אײַך ניט זײַן.

די אַלטע לײַט האָבן לאַנג געקלערט. ס'איז זייער ניט אָנגעשטאַנען זאָגן אַפן פּלאַץ פאַר איטלעכן אין די אויגן אַזעלכע ווערטער, אָבער ס'איז קיין פּולע ניט. דער גוויר מיט דער גווירנטע האָבן זיך גענומען קלײַבן אין גאַס אַרײַן.

האָט זיך דאָס אָנשיקעניש אָנגעטשעפּעט אין זיי און וויל ניט אָפּלאָזן.

— ווו גייט איר, און ווו גייט איר?

— מיר גייען דיר קויפן א היטעלע, — זאָגט דער גוויר.

— איך וויל ניט, איר זאָלט מיר קויפן א היטעלע.

— מיר גייען דיר קויפן שיכעלעך, — זאָגט די גווירנטע.

— איך וויל ניט קיין שיכעלעך.

— מיר גייען דיר קויפן ניסעלעך מיט עפּעלעך, מיט צוקערקעס, שוין? קוים זיך אַרויסגעריסן פון אים.

— מאַמע, איך וויל ניט, זאָלסט אַהין גיין, — שרײַט דאָס באַשעפעניש פון פענצטער, אָבער זיי הערן אים ניט און גייען.

געקומען אַפן גרויסן פּלאַץ, האָבן זיי זיך געשטעלט פאַר אַלע מענטשן.

אז דער גאַלעך האָט זיי דערזען אַף דער בינע, האָט ער זיי געמאַכט א וואָרע און זיך אָנגערופן הויך אַף א קאָל:

— הערט, אַלע לײַט, וואָס די רײַכסטע צווויי שטאָטלײַט וועלן אײַך באַלד זאָגן.

דאָ זעט דער קאַרגער גוויר, אז ס'וועט שוין גאָרניט העלפן, האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט מיטן ווײַב און זיי האָבן גענומען מאָלן הויך אַפן קאָל:

— מיר זײַנען רײַכע, מיר זײַנען קארגע, מיר זײַנען שלעכטע. פרעמדע האָרעוואַניע עסן מיר, פרעמדן שווייס נוצן מיר, מיר ווילן ניט קיין קינדער! מיר ווילן ניט קיין קינדער! מיר ווילן ניט קיין קינדער!

אַזוי אָפּגעזאָגט דרײַ מאָל.

האָט דער באָכער מיט די גראָבע ליפּן אַ הילך געטאָן איבערן גאַנצן פּלאַץ — אַך־אַך־אַך! און ער איז ערגעץ פאַרשווונדן געוואָרן, ווי ער וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. די שטאָטלײַט האָבן נאָכדעם לאַנג געלאַכט פונעם קאַרגן גוויר.

— כאָטש איין מאָל אין לעבן געזאָגט דעם עמעס!

און דער גוויר מיט דער גווירנטע האָבן דערנאָך איינס דעם צווייטן אויסגעגעסן דאָס האַרץ; זי זאָגט: — כײַ וואָלט ער שוין געווען בלײַבן, קיין בעסערן האָבן מיר סײַוויסײַ ניט. — און ער זאָגט: — האַלעווײַ וואָלטן מיר פון אים אינגאַנצן ניט געוווּסט, וואָרעם מע וועט ניט קאָנען קוקן קיין מענטשן אין די אויגן. — אַזוי אַז קיין שאָלעם איז שוין צווישן זיי מער ניט געווען.

דערפאַר האָט דער אַלטער לעפלמאַכער מיט זײַן ווײַב זיך געפרייט מיט זייער קליינינקן לעמעלע. ער האָט זיי געטישעט, פאַרשיינט און באַקרוינט זייער עלטער.

3. לעמעלע דעם לעפלמאַכערס

אין לאַנד איז אַקוראַט געגאַנגען אַ מילכאָמע. אַ שטאַרקער פאָלק איז אָנגעפאַלן אויף דער שטאָט און זי געוואָלט באַזיגן. שלעכט! אַז מע וועט באַזיגט ווערן, וועט מען ווערן קנעכט, און דאָס האָט אין שטאָט קיינער ניט געוואָלט. אַלע בעסערע מענטשן פון שטאָט, סײַ יונגע, סײַ עלטערע, ווער ס'האָט נאָר געקאָנט האַלטן געווער אין האַנט, איז געגאַנגען זיך שלאָגן קעגן סוינע.

אַנומלטן זאָגט לעמעלע צום זיידן מיט דער באָבען:

— אויב איר ווילט, סע זאָל מיר ניט זײַן אומעטיק, לאָזט מיך גיין אויף דער מילכאָמע.

— וויאַזוי וועסטו גיין אויף דער מילכאָמע? — זאָגן צו אים די אַלטע לײַט, — אַז דו ביסט אַזאַ קליינינקער.

— דאָס איז נאָך בעסער, — זאָגט לעמעלע, — וואָס איך בין אַ קליינינקער. דערפאַר קאָן איך דורכגיין דאָרט, ווו קיין גרויסער וועט ניט דורכגיין.

העלפט דאָך ניט קיין מײַסעס, האָט מען אים אויפגענייט אַ טאָרבעלע, מיטגעגעבן עסן, און לעמעלע איז אַוועק אויף דער מילכאָמע.

געקומען צו גיין, הערט לעמעלע, ווי דער עלטסטער איבערן גאַנצן כאַיל שטייט און זאָגט צו זיך אַליין:

— ווו נעמט מען אַזאַ מענטשן, וואָס זאָל גרינג טרעטן, גיך לויפן און דער סוינע זאָל אים ניט באַמערקן. איך דאַרף אים ערגעץ שיקן.

— שיק מיך, — האָט זיך לעמעלע אָנגערופן.

דער עלטסטער קוקט אַהער, קוקט אַהין און זעט קיינעם ניט, ביז צום סאָף האָט ער לעם די סאַמע טריט דערזען אַ קליין־קליין ייִנגעלע. האָט ער זיך זייער דערפרייט און זאָגט צום ייִנגעלע:

— אַקוראַט אַזאַ, ווי דו, דאַרף איך איצט. אָבער זאָג, דו האָסט גאָר קיין מוירע ניט, וואָס איז איצט אַ מילכאָמע?

— ווען איך האָב מוירע, — זאָגט דאָס ייִנגעלע, — וואָלט איך אַהער ניט געקומען.

— גוט, — מאַכט דער עלטסטער, — אויב אַזוי, האָב איך פאַר דיר אַן אַרבעט. לויף איבער איבערן סוינעס לאַגער. דאָרטן וועסטו אויפן אַכטן מײַל טרעפן לעם סטויפּ אַ מענטשן אַ הויכן, אַ שטאַרקן, מיט גוטע אויגן און שטרענגע ברעמען. ווי דו וועסט אים דערזען, זאָלסטו אים גלײַך אַ פרעג טאָן: „גוטער מענטש, וואָס זוכסטו אין לעבן?". און אויב ער וועט דיר ענטפערן: „מעלאָכע — מעלוכע, פרײַ זײַן איז גוט", זאָלסטו אים אָפּגעבן דעם דאָזיקן בריוו און זאָלסט אים זאָגן, אַז מע מעג שוין שיסן.

— און מער גאָרניט?

— מער גאָרניט, — האָט אים דער עלטסטער געענטפערט.

איז לעמעלע גלײַך די רעגע אַוועקגעלאָפן. ער לויפט און לויפט. צווישן ביימעלעך פאַרשטעלט ער זיך, צווישן גראָזן באַהאַלט ער זיך, אַז ער דערזעט עמעצן פונעם סוינעס כאַיל,

טוט ער א פּישטשע, טוט ער א סווישטשע, און יענע קוקן און ווייסן ניט, וואָס דאָס איז. אזוי איז ער איבערגעלאָפן דעם סוינעס געצעלטן. געקומען צום אכטן מײַל, האָט ער געפונען לעם סלופּ דעם מענטשן, א הויכן, א שטאַרקן. האָט ער אים גלײַך א פרעג געטאָן:

— גוטער מענטש, וואָס זוכסטו אין לעבן?

דער קריגער האָט נאָך ניט גוט געזען, ווער סע פרעגט אים, אָבער ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט און גלײַך געענטפערט:

— מעלאָכע — מעלוכע, פרײַ זײַן איז גוט.

דאַן האָט אים לעמעלע אָפּגעגעבן דעם בריוו און געזאָגט אלץ, וואָס מע האָט געדאַרפט. האָט דער מענטש אפילו קיין רעגע ניט פאַרזאַמט. ער האָט גלײַך ארויסגערופן פון באהעלטעניש זײַן כאַיל, וואָס האָט געגומען שיסן. דער סוינע האָט זיך אַף אזעלכס ניט געריכט און פּאַר שרעק גענומען לויפן. שיסט מען פון שטאָט און מע לאָזט די סאָלדאַטן ניט ארײַן. האָבן זיי גענומען לויפן אַף צוריק, שיסט מען פון הינטערלאַנד און מע לאָזט זיי ניט ארויס. אזוי האָט מען דעם סוינע צעשלאָגן, די סאָלדאַטן צעטריבן, די עלטסטע גענומען אין געפענקעניש און זיי אזוי אָנגעלערנט, אז מער וועלן זיי שוין ניט וועלן פאַרכאַפּן קיין לענדער.

אין לאַנד איז געוואָרן א גרויסע פרייד. איבער אלע גאַסן האָט מען געשפּילט און געטאַנצט און מע איז געגאַנגען מיט פאָנען.

דאָ זאָגט דער עלטסטער צו לעמעלען:

— פאַרבלײַב, ייִנגעלע, בא אונדז, נישקאָשע, וואָס דו ביסט א קלייניקער, מירן דיך מאַכן פאַר א גרויסן מאַן.

— ע, ניין, — זאָגט דאָס ייִנגעלע, — איך האָב אין דער היים א זיידן מיט א באָבען — וועלן זיי נאָך מיר בענקען. זײַ געזונט.

— זײַ געזונט, — זאָגט צו אים דער עלטסטער, — זאָג אונדזנאַר, וויאַזוי מע רופט זיי, דײַן זיידע מיט דער באָבען.

— לעמל דער לעפלמאַכער איז מײַן זיידע און רייכל די זאָקנמאַכערן איז מײַן באָבע. זיי דאַרפן גאָרניט און ווילן גאָרניט. זאָלן זיי נאָר מיך דערזען, וועט פאַר זיי זײַן איבערגענוג, — און ער איז אַוועקגעלאָפן.

אָבער ביז ער איז געקומען אהיים, זײַנען שוין געווען שעליכים בא די אלטע לײַט. מע האָט זיי צוגעשיקט זייער שיינע מאַטאָנעס און מע האָט זיי אָפּגעגעבן גרויס קאָוועד פאַר שכיינים אין די אויגן. עפּעס א קלייניקײַט — דאָס ייִנגעלע האָט געהאָלפן ראַטעווען דאָס לאַנד. דער זיידע מיט דער באָבען האָבן זיך געפרייט מיטן גרויס. אָבער זייער פרייד איז געוואָרן נאָך גרעסער, אז זיי האָבן דערזען צוריק זייער ייִנגעלע א גאַנצן, א לעבעדיקן און א געזונטן.

— דאָס איז בא אונדז טײַערער, — זאָגן זיי, — פון אלץ אין דער וועלט. פון אוצרעס, פון דימענטן און פון טײַערסטן געלט.

שכיינים

Dי סטעזשקע דורכן גאָרטן פון טאַניעס שטוב צום אלטן נאַטעס שטיבל איז געווען אויסגעטראָטן פון א סאַך יאָרן, און דעם גרעסטן כיילעק אין דער דאָזיקער סטעזשקע האָט געהאַט דאָס יונגע און שיין־צעוואַקסענע מיידל אנטאָנינע, אָדער טאַניע, ווי מע האָט זי גערופן.

דעם וועג צום אלטן נאַטען אין שטיבל קען זי נאָך פון קינדערווײַז אָן. זי האָט דאָ געהאַט א כאַווערל — א ייִנגל מיט שוואַרצע בלישטשענדיקע אויגן און שוואַרצע געדיכטע קוטשערן. דאָס איז דעם אלטן נאַטעס אייניקל שאַמע. די קינדער האָבן אים גערופן סיאָמקע. קינדערווײַז האָבן זיי צוזאַמען מיט נאָך קינדער זיך געשפּילט אין זאַמד אַף דער פּריזבע. דערנאָך זײַנען זיי אין איין יאָר אָנגעקומען אין שול און האָבן זי אין איין יאָר געענדיקט.

קיין סאַך גוטס האָט נאַטע אין זײַן לעבן ניט געהאַט. דאָס ווײַב איז אים יונגערהייט געשטאָרבן און ס'איז אים עפּעס אזוי ווי ניט אויסגעפאַלן ארײַנפירן אין שטוב א צווייט ווײַב

און דערנאָך איז בא אים דער איינציקער זון אומגעקומען. ס'זײַנען דאן געווען פעטליוראָוו־צעס אַף דער וועלט. די שנור האָט נאָך דאָס ערשטע יאָר אים צוגעוואָרפן דאָס פּיצל קינד, האָט כאַסענע געהאַט און איז אוועק וווינען אין א צווייט דאָרף אַרײַן.

דער אַלטער האָט אַליין זיך געניאַנטשעט מיטן אייניקל, ביז ער האָט אים געשטעלט אַף די פיס.

שאַמע איז אַנגעקומען אין דער רויטער אַרמיי.

טאַניע האָט געלערנט אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול בא זיך אין ראַיאָן.

פון געווינשאַפט פלעגט זי אויך איצט פון מאָל צו מאָל זיך אַרײַנכאַפּן צום אַלטן נאַטען אין שטיבל (אויב ער איז ניט געווען, האָט זי געוווּסט, ווו דער שליסל ליגט). זי פלעגט אַרומשמירן דעם אויוון, פאַרנעמען זײַנס א פּאָרל וועש, א האַנטעך, א ציכל און דערנאָך האָט זי עס צוריק אוועקגעלייגט אַפן ברעג פון בעט, ריין און גלאַט צעקאַטשעט, און האָט זי אים געטראָפן אין שטוב, פלעגט זי זיך צוזעצן אַף א רעגע און זיך נאָכפרעגן, ווי עס גייט אים אין קאָלווירט, צי שרײַבט אים שאַמע און וואָס שרײַבט ער?..

טאַניע איז געווען פאַרנומען טאָג און נאַכט, מע דאַרף ענדיקן דאָס לערנען און ענדיקן ניט אַבי ווי־אַזוי. און דאָ גלוסט זיך נאָך שפּילן אין דראַמקרײַזל, זי ווייסט ניט פאַרוואָס, נאָר זי האָט עס זייער ליב. איצט האָט מען זי נאָך אויסגעקליבן פאַרן סעקרעטאַר פון זייער קאָמיו־גישער גרופּע אין טעכניקום. וועגן דעם האָט זי געשריבן שאַמען צווישן די איבעריקע נײַס אין דאָרף.

די מאַמע האָט איר קיינמאָל אַף דעם נישט געזאָגט ניט גוט, ניט שלעכט. א סימען, אַז די שכיינים זײַנען איר גראָדע געווען צום האַרצן.

און דאָ פּלוצעם — די מילכאָמע. אין דאָרף זײַנען אַרײַן די דײַטשן.

צווישן אַלע דײַטשישע העסלעכקײַטן און אַכזאָריעס, וואָס די וואַזניטשער דאָרפסלײַט האָבן זיך אָנגעזען, מעג פאַררעכנט ווערן אויך דאָס אומפאַרגעסלעכע כויזעק מאַכן און אַכ־זאָריעסדיקע ביזלוסטיקן זיך איבערן אַלטן נאַטען.

טכילעס איז דורך די אופגעפראַלטע פענצטערלעך פון זײַן אַלמען־שטיבל געפלויגן דאָס אָרעמע שטוב־געשיר: קיילים, קליידער, בעטגעוואַנט. דערנאָך האָט זיך צעעפנט די טיר, ווי באַם אַרויסלאָזן א לעווײַע, און צוויי בלאָנדע, צעהוליעטע דײַטשונעס מיט לייזלעכע, ווײַס־לעכע פּענעמער האָבן אַרויסגעפירט דעם אַלטן נאַטען. די הענט זײַנען בא אים געווען גע־בונדן אַהינטער און באַם קליינעם קרײַזלדיקן, נאָך ניט אינגאַנצן גראָו געוואָרענעם בערדל זײַנען, צוגעבונדן מיט דינע שטריקעלעך, געהאַנגען צוויי קײַלעכדיקע פאַרזשאַווערטע גע־וויכטלעך: אַן איינפונטיקס און א צווייפונטיקס. די געוויכטלעך האָבן מיט זייער אײַזערנער האַרטקײַט זיך טויב אָפּגעקלאַפּט איינס אָן דעם צווייטן, געצויגן באַם אַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ און אים געריסן ביז בלוט די הויט פון דער באָרד. און די דײַטשלעך האָבן זיך געייסעקט פוןביידע זײַטן. ווי פאַרשוויצטע מעכוטאָנים אַף א גאָר אַנגעלייגטער כאַסענע, האָבן זיי געפּליעסקעט מיט די הענט און צוגעקנאַקט מיט די פינגער.

וואָס מער די דאָזיקע לײַט האָבן געשעפּט נאַכעס פון זייער סאַדיסטישער שפּיל, אַלץ מער איז געוואַקסן דער צאַר בא די אַלט־אײַנגעזעסענע וואַזניטשער אײַנוווינער, וואָס האָבן דאָס צוגעזען.

טאַניע, איידער זי איז אינגאַנצן אוועק אין וואַלד, ווו ס'זײַנען שוין געווען היפּש מיש־פּאָכעס, האָט נאָך אויך באַוויזן צוזוזען, ווי־אַזוי מע האָט דעם אַלטן נאַטען געמאַטערט. פאַר אירע אויגן איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען דאָס בילד, ווי מע האָט אַרײַנגעזעצט דעם אַלטן אין שטעלעכל.

דאָס האָט זי די ערשטע פּאָר טעג אין איר נײַעם וווין־אָרט ניט געלאָזט רוען אַזוי לאַנג, ביז זי האָט איינמאָל געמומען א דערלויבעניש זיך איבערטאָן אין די קליידער פון א דײַטשישן סאָלדאַט, וועלכן די פּאַרטיזאַנער האָבן אוועקגעלייגט, די סאַמע נײַטיקע דײַטשישע ווערטער האָט זי געקענט נאָך פון שול. זי האָט מיטגענומען מיט זיך א האַלבע פלאַש בראַנפן. דער אָנגעלאָדענער רעוואָלווער איז געווען מיט איר קעסיידער די לעצטע צײַט. כאַווײרים, וואָס האָבן זי געזען פאַרן אוועקגיין, האָבן זי קיין זאַך ניט איבערגעפרעגט — מע האָט געוווּסט, וווהין זי גייט. זי האָט א פּײַף געטאָן צום הינטל, וואָס איז געלעגן שלעפעריק אַפן וואָגן, און זיי זײַנען ביידע אוועק.

די האַלבע, קלוימערשט ניט דערטרונקענע פלאַש בראַנפן האָט איר געדאַרפט פאַרבײַטן דעם פּאַראָל. אָט איז זי, צום בײַשפּיל, א יונג דײַטשל, און איז קלוימערשט שיקערלעך און זינגט אונטער א פריילעך לידל. אַף אַזא אויפן קאָן מען דורכקומען מיט דער וואַך, וואָס וועט זיך אויך ניט אָפּזאָגן געבן א פּאָר שלונג פון דער פלאַש. אין סאַמע דאָרף שוין האָט דאָס

הינטל אָבער אָפּגעקערעוועט פון וועג און איז אוועקגעלאָפן צו די גערטנער. טאַניע האָט זיך א וואַקל געטאָן א רגע, צי זאָל זי אים נאָכגיין, און באַשלאָסן אַף יאָ. איז זי אוועק מיט דער סטערניע אין די קרויט־גערטנער. זי איז אזוי דערגאַנגען ביז צום הויף פון געוועזענעם דאָרפּראַט. אין די פּאָדערשטע פענצטער פונעם דאָרפּראַט איז געווען ליכטיקלעך, ווי דאָרט וואָלט זיך געלויכטן ערגעץ פונעם צווייטן צימער. פריילעך איז געווען מיט א צען הײַזער ווײַטער, בא סעראַכווימען אין דער שטוב. דאָרטן האָבן די דײַטשן, קענטיק, געשיקערט, גע־הוליעט און געטאַנצט אַף זייער שטייגער. און דאָ, פון דער זײַט פּלויט, אינווייניק, ווו דאָס הינטל האָט זי געפירט, האָט טאַניע דערזען אזעלכס, וואָס ס'וועט שוין א גאַנץ לעבן ניט אוועקגיין פון פאַר איר בליק. יאָ, ס'איז זי (אָלגע), איר יונגע כאַווערטע, אויך א שכיינע, וואָס האָט זיך אַ צײַט געקווענקלט צי גיין אין וואַלד צי ניין. זי איז געלעגן אַף א בעט, האַלב נאַקעט, די הענט צעוואָרפן. זי איז עפשער נאָך ניט גוט פאַרקילט געוואָרן, אָבער מע האָט געקאָנט לייענען, ווי אין א בוך, ווי'אזוי איבער אַט דעם יונגן בלײַענדיקן לײַב האָט זיך איזדיעקעוועט די צעהוליעטע, צעווילדעוועטע אָפּשטאַמלינגען פון דער דערהויבענער ראַסע...

בא טאַניען האָט אלצדינג געשריגן אינווייניק. זי האָט איר אויסגעגלײַכט די הענט, פאַר־מאַכט די אויגן, צוגעדעקט די נאַקעטקײַט מיט די רעשטלעך פון איר צעפליקטן אָנטאָן און איז שטיל אוועק נאָך דעם, נאָך וואָס זי איז אהער געקומען.

טאַניע האָט מיט ציטערדיקע הענט אָפּגעדרייט דאָס פאַרזשאַווערטע שלאַבעריקע שלעסל פונעם שטאַלעכל. איר האָט זיך מיטאמאָל אויסגעדאַכט, אז די שטאַל איז אינגאַנצן ליידיק. נאָר באַלד האָט זי דערהערט א שטילן, טיפן קרעכץ, און זי האָט אָפּגעזוכט דעם אלטן נאָטען, וואָס איז געווען צוגעבונדן מיט א קלאָטשעוואַטער שטריק צו דער הילצערנער וואַנט.

— זיידינקע, — האָט אים טאַניע א שעפּטשע געטאָן אין אויער, — דאָס בין איך, אַנטאָ־נינע. זאָלסט גיין רויק אהין אראָפּ צום צווינטער, איך וועל דיר נאָכגיין.

זי האָט אים אָפּגעבונדן די הענט, באַפרײַט די באָרד פון די געוויכטן און אראָפּגעפירט.

זי איז נאָכגעגאַנגען הינטן מיט אַן אָנגעשטעלטן רעוואָלווער, פונקט ווי זי וואָלט געטריבן דעם אלטן פאַרויס, אַף אים צו דערענדיקן.

רעגעס האָבן זיך אויסגעצויגן פאַר אייביקײַטן. נאָר ווי מאָדנע די זאַך זאָל ניט אויסזען, זײַנען זיי רויק און אינגאַנצן אומגעשטערט ארויס פונעם דאָרף.

דורך א זײַטיק, ווינציק אָנגעזעען שטעגעלע זײַנען זיי אראָפּ אין טאָל אריין. דאָרטן האָט טאַניע געגעבן דעם אלטן נאָטען א לעק בראַנפן אַף באַנעצן די ליפּן און זיי זײַנען אוועק מיטן יאַר — אהין, ווו ניט יעדער האָט געקאָנט און געמעגט וויסן דעם וועג.

איבערן דאָרף האָט זיך צעטראָגן א קלאַנג, אז דעם אלטן נאָטען האָט א יונג דײַטשל ארויסגעפירט צו די מאַהילקעס און אים דאָרטן דערשאָסן.

בא זיי איז דאַפקע א מאָדע, אז זיי לאָזן ניט א צײַט באַערדיקן זייערע דערמאָרדעטע קאָרבאָנעס. זאָלן די ערד און דער הימל, ווי אויך אלע באַשעפענישן אַף דער ערד, זיך שפּיגלען אין זייערע שיינע מײַסים. נאָר דעם אלטן האָט קענטיק אָפּגעגאָלטן. זיי האָבן אים ערגעץ טיף באַהאַלטן, ווײַל מער האָט אים קיינער ניט געזען...

ערשט אין עטלעכע טעג ארום האָט דאָס דאָרף מיט פרייד זיך דערוווּסט, אז דער אלטער נאָטע לעבט און איז איינעם מיט נאָך א פּאָר אלטע לײַט באַם אָבאָז פון דער פּאַרטיזאַני־שער מאַכנע.

איר זאָגט שכיינים. פאַרשטייט זיך, שכיינים, אָבער אזעלכע, וואָס קאָנען אײַנשטעלן דאָס אייגענע לעבן און גיין אַף מעסירעסנעפעש, דאָס איז שוין, אויב איר ווילט, א ביסעלע מער!

טאַניע, טײַערע! א געזונט אין דײַנע אייוורים און א גוט לעבן אַף דיר און אַף דײַנע נאָענטע אומעטום, ווו דו ביסט!

געפונענע מאנוסקריפטן

אין דעם רובריקן וועלן מיר פּובליקירן מיר ווערק, וועלכע זײַנען אָפּגעהיט געוואָרן אין די שפּעטערישע אַרכיוון

מײַער סמאָלקין

טאָגבוך פון א סאָלדאט פון דער רוסיש־יאפּאַנישער מילכאָמע

די פאָרעדע צו דער געשיכטע

דאָס איז די באַשרײַבונג פון דער מילכאָמע וואָס רוסלאַנד האָט געהאַט מיט יאפּאַניע אין די יאָרן 1904—1905, און פון דער באלאגערונג פון דער שטאָט פּאָרט־ארטור.

אין 1903, דעם 5 מארט, איז געווען א באפעל פונעם מיליטער־קאָמאנדיר פון דער ווילנער געגנט, אז דעם 1 אווגוסט זאָל זיך צוגרייטן די 41־טע דיוויזיע, ווי אויך די 25־טע דיוויזיע, ד. ה. דער 16־טער קאָרפּוס, אף גרויסע מאנעווערעס — פון וויטעבסק ביז באָריסאָוו.

אזוי ווי מיר האָבן דערהערט וועגן דעם באַפעל, האָבן מיר אָנגעהויבן צו ריידן איינער מיטן צווייטן: וואָס קאָן דאָס זײַן, וואָס אלע יאָר קומען פאָר גרויסע מאנעווורעס? אין 1902, און איצט אויך דאָס זעלבע... געוויינלעך מאכט מען זיי דאָך איין מאָל אין דרײַ יאָר.

אף מאָרגן אינדערפרי איז געקומען אונדזער ראָטנער קאָמאנדיר, און אייניקע סאָלדאטן האָבן אים געפרעגט וועגן די מאנעוורעס, האָט ער געענטפערט, אז דאָס וועט מען פּראקטיקירן אָפּט, ווײַל אף רוסלאנד וויל אָנפאלן אונדזער סוינע מיט א מילכאָמע. נאָר ווער דער סוינע איז, האָט ער אונדז ניט געזאָגט, צוגעבנדיק, אז מיט דער צײַט וועלן מיר אליין דאָס וויסן.

עס האָט געדויערט ביז פּייסעך, די צײַט איז דורכגעגאנגען זייער שנעל. דעם 1 מײַ האָבן מיר זיך גענומען ארויסקלײַבן אין לאגער אף די זומער־קווארטירעס. ווען מיר זײַנען געקומען אין לאגער, האָבן זיך אָנגעהויבן אזעלכע טרענירונגען, וועלכע מיר האָבן דאָס ערשטע מאָל דערזען, ווײַל אין דעם צווייטן יאָר האָבן מיר אזעלכע שווערע זאניאטיעס ניט געהאַט. עס פלעגן אָפטער זײַן באנאכטיקע מאנעווורעס, איין פּאָלק פלעג אָנגרײַפן אפן צווייטן, און דאָס האָט מען דעם גאנצן זומער געהאלטן אין איין

מייער סמאָלקין

איבערכאזערן. ווען מיר פלעגן פרעגן דעם קאָמאנדיר, צוליב וואָס טוט מען עס אזוי אָפט, פלעגט ער ענטפערן, אז מע דארף זיך פירן, ווי מילכאָמע־צײַט, און אז די גאזעטן שרײַבן, אז אינגיכן וועט אויסקומען מילכאָמע האלטן.

אזוי האָט געדויערט ביזן כוידעש יול. אין אָט דעם כוידעש פלעגט מען אונדז שטענדיק אָפּלאָזן אף וואָלנע ארבעט, נאָר איצט האָט מען אונדז ניט אָפּגעלאָזט, און ביזן 1 אווגוסט זײַנען געווען אָפטע באנאכטיקע לערן־שיסערײַען. עס זײַנען צו אונדז אָנגעקומען פון באָריסאָוו צוויי פּאָלקן קאוואלעריע און מיר האָבן זיך מיט זיי פּראקטיקירט, ווי מילכאָמע־צײַט.

דעם 1 אווגוסט זײַנען מיר אוועק אף גרויסע

מאַנעווורעס, וועלכע האָבן געדויערט אַ כוידעש צײַט. מיר פלעגן גראָבן אָקאָפּעס מיט פאַרפּעסטיקונגען, אַלצדינס ווי בײַס אַ מילכאָמע. ווען מיר זײַנען דערגאַנגען ביזן שטעטל כאַלפּיניעץ — דאָס איז 20 וויאָרסט פון באָריסאָוו — האָט זיך באַוויזן דער פרימערנער סוינע, דער 4־טער קאָרפּוס, און מיר האָבן אָנגעהויבן אָנגרײַפן אַף אים ביז דער שטאָט באָריסאָוו, אַ מעהאַלעך פון 15 וויאָרסט. די היצן זײַנען געווען זייער שטאַרקע, אייניקע סאָלדאַטן זײַנען צוגעשטאַנען אונטער זייער שווערער מאַסע, וואָס זיי האָבן געטראָגן אַף זיך.

דער ראָטנער קאָמאַנדיר פלעגט זאָגן: „אויב גייענדיק אַף מאַנעווורעס שטייט איר אַזוי צו, וויאַזוי זשע וועט זײַן אַף דער מילכאָמע? וואָרעם אַף אַ מילכאָמע טרעפט, אַז מע גייט צו פינף טעג אין פּאָכאָד און קיין שטיקל ברויט איז ניטאָ ווו צו קריגן". ער האָט אונדז אָנגעוויזן אַפן 4־טן קאָרפּוס, אַז דאָס זײַנען „די יאַפּאַנצעס", און מיר דאַרפן אַף זיי אָנגרײַפן און צעשלאָגן זיי.

מײַן ווזוואָדנע קאָמאַנדיר האָט געפרעגט דעם ראָטנעם, פאַרוואָס ער גיט דעם בײַשפּיל מיט די יאַפּאַנצעס. האָט אים יענער געענטפערט, אַז אינגיכן וועט אונדז אויסקומען זיך באַגעגענען טאַקע מיט זיי. דער ענטפער איז שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן דעם ווזוואָדנעם, ווײַל ער איז געווען פונעם צענטן יאָר און נאָך די מאַנעווורעס האָט מען דאָס יאָר געדאַרפט באַפרײַען.

נאָך די שווערע מאַנעווורעס האָבן מיר זיך אין באָריסאָוו געזעצט אין פּאָיעזד און אַוועקגעפאָרן קיין וויטעבסק. אין צוויי טעג אַרום האָט מען באַפרײַט דאָס צענטע יאָר, און אונדז איז געוואָרן אַ ביסל פרייליכער אַפן האַרצן. מיר האָבן גערעדט איינער מיטן צווייטן: „ווען עס וואָלט זיך הערן וועגן אַ מילכאָמע, וואָלט מען ניט באַפרײַט דאָס צענטע יאָר". נאָר פונדעסטוועגן האָבן די גאַזעטן זייער ערנסט געשריבן וועגן דער מילכאָמע.

עס האָט געדויערט ביזן 1 סענטיאַבער. נאָכן באַפעל איבערן פּאָלק וועגן אָפּלאָזן סאָלדאַטן אַף וואָלנע אַרבעט בין איך אַוועק אין שטאָט און זיך אײַנגעאָרדנט. אין צוויי וואָכן אַרום האָט מיך אַ צי געטאָן גיין געווירע ווערן אין קאַזאַרמע, וואָס עס הערט זיך עפּעס נײַס. דאָס איז געווען שאַבעס טשווע. גייענדיק אין גאַס, האָב איך דערזען, ווי עטלעכע סאָלדאַטן שטייען און לייענען אַ גאַזעט, בין איך אויך צוגעגאַנגען. די גאַזעט האָט געשריבן, אַז יאַפּאָניע גרייט זיך צו אַ גרויסער מילכאָמע, זי מאָביליזירט דאָס מיליטער און דעם פלאָט און האָט שוין אויסגעשטאַט אַ סאַך מיליטערישע שיפן און וועט אינגיכן אָביאַווען אַ מילכאָמע.

איך האָב אויסגעהערט די „גוטע נײַס" און בין אַוועק אין קאַזאַרמע. פון דער נײַס איז מיר געוואָרן דער קאָפּ זייער צעטומלט.

אין קאַזאַרמע האָב איך געטראָפן דעם פעלדפעבעל זיצן אין קאַרצער. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים דערציילן עפּעס נײַס פון שטאָט, האָב איך אים דערציילט. האָט ער מיר מיטגעטיילט, אַז אין פּאָלק־קאַנצעליאַריע איז

א מערקווירדיקער היסטאָרישער דאָקומענט

וועגן דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע אין 1904—1905 איז שוין זייער אַ סאַך געשריבן געוואָרן. אַלע זשאַנרען פון דער ליטעראַטור און קונסט האָבן באַרירט אָט די טעמע. אַף צענדליקער שפּראַכן פון דער וועלט איז איבערגעזעצט, לעמאָשל, אַלעקסאַנדער סטעפּאַנאָווס היסטאָרישער ראָמאַן „פּאָרט־אַרטור", אין וועלכן עס איז באַוויזן דער העראָיזם פון די פאַרטיידיקער פון אָט דער פעסטונג.

ניט אויסגעמיטן די דאָזיקע טעמע האָט אויך די ייִדישע ליטעראַטור. ס'איז גענוג צו דערמאָנען שאָלעם־אַליינכעמס פּאַמפלעט „דער פעטער פּיניע און די מומע רייזל". ווייניקער באַוווּסט איז שאָלעם־אַליינכעמס דערציילונג „די ערשטע נאַכט פייסעך אַף דער מילכאָמע", וואָס איז צום ערשטן מאָל געווען געדרוקט אין דער פּעטערבורגער צײַטונג „טאָג" אין 1904 — לויט די פרישע שפּורן פון די געשעענישן. לאָמיר דערמאָנען, וויאַזוי עס הייבט זיך אָן די דערציילונג:

„דאָרט, אַפן גרויסן ברייטן ווײַסן פעלד פונעם גרויסן ברייטן אַלטן לאַנד, וואָס מע רופט דאָס מאַנדזשוריע, ציט זיך אַ לאַנגע שמאָלע סטענגע פון צוויי דינע שוואַרצע שנירלעך, — דאָס איז די גרויסע סיבירער אײַזנבאַן, וואָס לויפט באַרג־אַראָפּ איבער דעם ברייטן ווילדן אַזיען, העט ווײַט, צום יאַם, אַזש קיין קוואַנדון, ביז דער שטאָט פּאָרט־אַרטור.

די באַן ציט זיך, און אַף איר לויפן טאָג ווי נאַכט לאָקאָמאָטיוון. איינס נאָך דאָס אַנדערע לויפן זיי און לאָזן זיך הערן מיט אַ פײַפן און מיט אַ טראַסקען, שלעפּן גאַנצע שורעס וואַגאָנען מיט מענטשן, פערד, געווער און עסנוואַרג פאַר די מענטשן און פאַר די פערד..."

דאָס פאָרן סאָלדאַטן פון דער רוסישער אַרמיי אַפן פראָנט. אין איינעם פון די וואַגאָנען געפינען זיך צווישן די סאָלדאַטן צוויי ייִדן — ראַכמיִעל און לייבקע. דער ערשטער איז שוין אַ גענייטער, אָן אויסגעדינטער סאָלדאַט, דער צווייטער איז אַ „נאָוואָבראַנעץ". ראַכמיִעל טײַנעט אײַן מיט זײַן כאַווער, אַז ער איז צופרידן! שוין דערמיט אַליין, „וואָס ער, אַ ייִד ראַכמיִעל, קאָן אַרויסבאַווײַזן פאַר דער גאַנצער וועלט זײַן געטרײַשאַפט, לאָזן זיי זען, די סאָנים, אַז אַ ייִד קאָן אויך דינען פײַן און ערלעך, אַ ייִד קאָן אויך טראָגן זײַן קאָפּ לעקאָוועד דעם לאַנד, ווו זײַנע על־

אָנגעקומען א טעלעגראמע פונעם מיליטערישן הויפּט־קאָמאנדיר, מע זאָל באשטימען פון אונדזער בריגאדע א ראָטע, קעדיי אָפּצושיקן אפן ווײַטן מיזרעך. די קאָמאנדירן פון ביידע פּאָלקן האָבן געצויגן קוויטלען, איז אויסגעפאלן, אז פון ליבעראנסקיס פּאָלק דארף פאָרן א גאנצע ראָטע און פון אונדזער פּאָלק — צו צוויי מענטשן פון יעדער ראָטע.

איך בין אוועק פון קאזארמע צוריק אין שטאָט, און דער קאָפּ איז מיר געווען זייער צעטומלט. גייענדיק אין גאס, האָב איך געטראָפן מײַנע כאוויירים, און מיר האָבן באטראכט די נײַס. אייניקע פון מײַנע כאוויירים האָבן שוין גערעדט וועגן אָפּפאָרן קיין אמעריקע, און מיך האָבן זיי אויך גערופן צו פאָרן מיט זיי, נאָר אין מײַן זינען איז ניט געלעגן דאָס פאָרן קיין אמעריקע. איך האָב זיי געזאָגט, אז אויב מיר וועט באשערט זײַן, כאָלילע, צו שטארבן אָדער צו בלײַבן א קאליקע, קאָן דאָס מיך טרעפן אומעטום, און צווייטנס, וועל איך ניט פארלאָזן מײַן אלטן פאָטער. טאָמער ס׳איז מיר באשערט צו פאָרן אף מילכאָמע, וועל איך פאָרן, און גאָט וועט ראכמאָנעס האָבן אף מײַנע יונגע יאָרן און אף מײַן אלטן טאטן, און איך וועל בלײַבן לעבן.

דעם 3 אָקטיאבער איז אוועקגעפאָרן די 7־טע ראָטע פון ליבעראנסקיס פּאָלק. מע האָט די ראָטע — בא 400 מענטשן — אויסגעשטאט לויטן מילכאָמע־שטייגער. אונדזער נאטשאלסטווע האָט געזאָגט, אז די ראָטע פאָרט גלײַך קיין פּאָרט־ארטור, קעדיי צו אויספאָרמירן דאָרט דעם 28־טן שיסער־פּאָלק. אויך פון אונדזער ראָטע זײַנען אוועקגעפאָרן צוויי מענטשן.

פאר דער צײַט, זינט די ראָטע איז אוועקגעפאָרן, ביזן 9 יאנוואר, האָט מען מער קיין מיליטער ניט געשיקט, נאָר די גאזעטן פלעגן שרײַבן, אז יאפּאָניע ווארט, קעדיי טאָג צו טאָג אָביאווען די מילכאָמע.

עס איז געקומען די צײַט פון קריסטלעכן נײַ־יאָר, בין איך אוועק אין קאראול. אפן וועג זײַנען מיר פארבײַגעגאנגען די רעדאקציע, ווו מע פארקויפט גאזעטן. ס׳איז מיר געוואָרן טשיקאווע צו קויפן א בלאט און זיך דערוויסן נײַס. צו דער רעדאקציע האָט מען זיך ניט געקענט דורכשטופּן, וואָרעם עס איז געווען זייער א גרויסער אוילעם, מערסטנטייל סאָלדאטן, ווי אויך פרויען, וועמענס מענער זײַנען געווען סאָלדאטן פון זאפּאס, וועלכע האָבן זיך געריכט טאָג אף טאָג צו געזעגענען זיך מיט זייערע מישפּאָכעס און פאָרן אף דער מילכאָמע.

איך האָב זיך אויך דערשלאָגן צו קויפן א בלאט, און דאָרט זײַנען טאקע געווען נײַס, וועלכע האָבן צו אונדז א שײַכעס. מיר זײַנען געקומען אין דער קאראול־געבײַדע און האָבן

טער־עלטערנס ביינער ליגן אין די קוואָרים און ווו זײַנע אייגענע ביינער וועלן אויך אמאָל ליגן אין קייווער...״

ראכמיִעל, דער ייִד פונעם אוקראיִנישן שטעטל פערעשטשעפּינע, ווערט פונעם סאמע אָנהייב אָן דער ליבלינג פונעם גאנצן וואגאָן, און די רוסישע סאָלדאטן שטעלן זיך פאר אים אײַן, ווען עפּעס „אָן אָפּגעריסענער נאר״ פּרווט אים באליידיקן.

ווי באוווסט, איז פּאָרט־ארטור געווען סײַ דער רום און סײַ די שוואכקײַט פונעם דעמלטיקן רוסלאנד. די העלדישקײַט און מיליטערישע פעסטקײַט פון די רוסישע מאטראָסן און סאָלדאטן, ווי אויך פון א באדײַטנדיקער טייל פון די קלענערע אָפיצערן, האָבן ניט געקאָנט ראטעווען די רוסישע ארמיי און דעם פלאָט פון א מאפּאָלע. אָבער די דאָזיקע העלדישקײַט און מעסירעסנעפעשדיקײַט פון די פארטיידיקער פון פּאָרט־ארטור האָבן געלאָזט א טיפן שפּור אין דער געשיכטע.

די סטאטיסטיק זאָגט איידעס, אז אין דער רוסיש־יאפּאנישער מילכאָמע פון 1904—1905 האָבן זיך באטייליקט בא 30 טויזנט ייִדישע סאָלדאטן. באגלײַך מיט די רוסישע זײַנען זיי געווען אומעטום — צווישן די ארטילעריסטן, פוסגייער, סאניטארן. ייִדן באלמעלאָכעס פון פּאָרט־ארטור פלעגן מיט קוסטאריש געצײַג, אין קליינע ווארשטאטלעך פאריכטן ביקסן, קוילנווארפער. צווישן די ארטילעריסטן האָט זיך אויסגעטיילט איינער א דאָוויד זײַעץ, וועלכער איז באלוינט געוואָרן מיט א „געאָרגי״־קרייץ (זײַעץ איז באשריבן אין א. סטעפּאנאָווס ראָמאן „פּאָרט־ארטור״).

א העלדישער קאוואלעריסט איז געווען דער געוועזענער שמײַסער באם סטאָליער רעבן אלטער סויפער. די שווערסטע שליכעס פלעגט ער אויספילן פלינק און פּינקטלעך. האָט מען געדארפט איבערגעבן א פּאקעט אין א געפערלעכן פּונקט אונטערן סאמע פײַער — האָט מען געשיקט אלטערן.

צווישן די פארטיידיקער פון פּאָרט־ארטור איז געווען דער ייִדישער זשורנאליסט און ביבליִאָגראף אבא לעוו. אין די זיכרוינעס, וואָס ער האָט פארעפנטלעכט אין 1945 אין דער צײַטונג „אייניקײַט״, שרײַבט ער:

„די לאגע פון דער פעסטונג איז געוואָרן אלץ ערגער און ערגער. די העראָיִשקײַט פונעם רוסישן סאָלדאט איז אָבער ניט געמינערט געוואָרן. צווישן די סאָלדאטן און דער אָרטיקער באפעלקערונג האָט זיך פארשפּרייט די צינגא. די יאפּאָנער האָבן ארומגערינגלט די שטאָט פון אלע זײַטן, די ארמיי האָט געליטן פון שלאקסרעגנס און מאָסקיטן. דער פלאָט האָט זיך געפּרווט דורכרײַסן, נאָר דאָס איז אים ניט געלונגען. אין אָט די שווערע טעג האָבן א באזונדערע ראָליע געשפּילט די דאָקטוירים. זיי פלעגן אײַנשטעלן דאָס לעבן אף ראטעווען די פארוווּנדעטע. צווישן דעם העלדישן מעדיצינישן פּערסאָנאל זײַנען געווען באוווסט די דאָקטוירים כאיִם קאהאן און קארנאס פון אָדעס. די יאפּאָנער זײַנען שוין געווען ניט ווײַט פון דער שטאָט, די שטארקסטע פאָרטן זײַנען געפאלן, די לעצטע פּאָזיציעס זײַנען איבערגע־

אָנגעהויבן לייענען די צײַטונג. דאָרט שטייט געשריבן, אַז יאפּאָניע האָט דערטרונקען אונדזערע רוסישע שיפן, און ענגלאַנד האָט געגעבן אַ סאַך מיליטער־שיפן צו פאַרשטאַרקן דעם יאפּאָנישן פלאָט.

פון דער בלאַט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז יאפּאָניע האָט זיך געגרייט צו דער מילכאָמע 25 יאָר, ווײַל זי האָט געוווּסט, אַז קעדיי צו פאַרפירן אַ מילכאָמע מיט ראַסיי, דאַרף מען האָבן זייער פיל זאַפּאַס, ווײַל יאפּאָניע קעגן ראַסיי איז אַלצייינס ווי אַ קאָמאַר קעגן אַ לייב. נאָר ענגלאַנד רעדט שטאַרק אײַן יאפּאָניע, זי זאָל האַלטן מילכאָמע מיט רוסלאַנד. מע האָט געשריבן, אַז די יאפּאָנישע אײַנוווינער פאָרן שוין אַרויס פון פּאָרט־אַרטור, און אייניקע יאפּאָנישע שיפן זײַנען עטלעכע מאָל צוגעפאָרן צו פּאָרט־אַרטור. אין דער בלאַט האָט זיך געזאָגט, אַז מיט וועמען רוסלאַנד האָט ביז איצט מילכאָמע געהאַלטן, איז נאָך ניט געווען אַזאַ גרויסע מילכאָמע, ווי די, וואָס מיט יאפּאָניע. איצט קאָן מען זיך פאָרשטעלן, ווי אונדז איז געווען אויפן האַרצן, אויסהערנדיק אַזאַ נײַס.

מיר זײַנען אָפּגעווען דעם מעסלעס אין קאַראַול, אויף מאָרגן 12 אַזייגער באַטאָג האָט מען אונדז פאַרביטן און מיר זײַנען אַוועק אין קאַזאַרמע. גייענדיק איבער דער גאַס, טרעפט מען אומעטום מענטשן, וועלכע שטייען און ריידן וועגן דער נײַס, וואָס וועט אײַנגיכן פאָרקומען.

מיר זײַנען געקומען אין קאַזאַרמע און האָבן געטראָפן דעם ראָטנעם קאָמאַנדיר מיטן באַטאַליאָנעם, און די גאַנצע ראָטע איז געווען אויסגעשטעלט. מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן אויסצוטאָן פון זיך די פּאָדסומקעס מיט די פּאַטראָנעס, האָט מען אונדז געהייסן זיך שטעלן אין סטראָי.

צו מיר איז צוגעגאַנגען דער ראָטנער קאָמאַנדיר און מיך געפרעגט, צי איך וויל פאָרן אויף דאַלני וואָסטאָק. איך האָב ניט געוווּסט, וואָס אים צו ענטפערן, וואָרעם דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק אָנגעהויבן צו קלאַפּן. איך האָב געטראַכט, אַז דער מאַרשרוט אויפן ווײַטן מיזרעך וועט מיך ניט אויסמײַדן, און כ'האָב געענטפערט דעם ראָטנעם קאָמאַנדיר, אַז מיט מײַן אייגענעם ווילן וויל איך ניט פאָרן, נאָר טאָמער וועט מען מיר באַפעלן, וועל איך געוויס דאָס טאָן.

דאָ האָט דער ראָטנער זיך געווענדט צום באַטאַליאָנעם קאָמאַנדיר, אַז אויף וויפל מע דאַרף באַשטימען 5 מענטשן פון אונדזער ראָטע און מיטן אייגענעם ווילן וויל קיינער ניט פאָרן, איז גלײַכער, אַז מע זאָל ציִען קוויטלעך, און וועמענס מאַזל ס'וועט אויסטראָגן מער, יענער וועט פאָרן.

דער באַטאַליאָנער קאָמאַנדיר האָט געענטפערט, אַז דאָס איז אַ גלײַכע זאַך, מע האָט באַלד געמאַכט די קוויטלעך און גענומען ציִען דעם מאַזלדיקן גורל.

גאַנגען פון האַנט צו האַנט. אויפן שלאַכטפעלד האָבן זיך געוואַלגערט אָן אַ שיר פאַרווונדעטע. ניט געקוקט אויפן שרעקלעכן פײַער, איז דער דאָקטער קאָן ניט אָפּגעטראָטן, ביז ער האָט ניט אַרויסגעפירט אַלע פאַרווונדעטע. די יאפּאָנער זײַנען שוין געווען גאָר נאָענט, ווען ער האָט דער לעצטער זיך געלאָזט לויפן צו דער נײַער פּאָזיציע".

דער זשורנאַליסט מ. ל. אוסאָוו האָט אין זײַן בוך „לעגענדעס און פאַקטן", וואָס איז דערשינען אין 1908, דערציילט וועגן אַ באַפעל פונעם קאָמאַנדיר פון דעם 27־טן מיזרעך־סיבירער פּאָלק, וועלכער איז געשטאַנען אינעם באַלאַגערטן פּאָרט־אַרטור:

„דער יעפרייטאָר פון דער 7־טער ראָטע יאָסיף טרומפּעלדאָר, ווענדנדיק זיך אין זײַן באַריכט פונעם 24 נאָיאַבער 1904 צו זײַן קאָמאַנדיר פון דער ראָטע, שרײַבט: „איך בין פאַרבליבן מיט איין האַנט, אָבער אָט די האַנט איז די רעכטע. דעריבער, ווילנדיק, ווי פריִער, טיילן מיט די כאַווײרים דאָס שלאַכט־לעבן, בעט איך אַז אײַער ווױלגעבורט זאָל זיך מישטאַדל זײַן וועגן אַרויסגעבן מיר אַ שווערד און אַ רעוואָלווער".

אינעם באַפעל ווערט ווײַטער געזאָגט, אַז טרומפּעלדאָר האָט ניט געוואָלט זיך נוצן „מיט דער געזעצלעכער רעכט צו זײַן אַן אינוואַליד" און, „ניט רעכענענדיק זיך מיט דער געפאַר, האָט ער ווידעראַמאָל פאָרגעלייגט זײַן האַלב־צעקאַליעטשעט לעבן פאַרן קאַמף מיטן סוינע". „אַזויאַרום גיט אָפּ טרומפּעלדאָר לעטויוועס דעם היימלאַנד מער פון דעם, וואָס עס פאָדערט זיך לויט אונדזער שוווּע", און זײַן טאַט האָט פאַרדינט אַרײַנגעשריבן צו ווערן מיט גאָלדענע אויסיִעס אין דער געשיכטע פונעם פּאָלק".

די צײַטונג „נאָוואָיאַ זשיזן" האָט מיטגעטיילט:

„דער סאָלדאַט פונעם 22־טן מיזרעך־סיבירער פּאָלק וויקטאָר שוואַרץ האָט זיך באַטייליקט אין אַלע אָן אויסנאַם מער אָדער ווייניקער גרויסע שלאַכטן. ער איז 11 מאָל פאַרווונדעט געוואָרן און איז באַלוינט מיט דרײַ „געאָרגיעס" און מיט אַ מעדאַל פאַר ראַטעווען אינעם טײַך יאַלו אַן אָפיצער".

דער געוועזענער אָרדינאַרעץ פונעם גענעראַל קאָנדראַטענקאָ, דער יעפרייטאָר פונעם 27־טן מיזרעך־סיבירער פּאָלק זאָראָכאָוויטש האָט געשריבן אין זײַן בריוו, וועלכן ס'האָט פאַרעפנטלעכט די צײַטונג „פּאָלטאַוווסקאָיע דיעלאָ":

„וואָס האָבן געטאָן די ייִדן אין פּאָרט־אַרטור? האָבן זיי דען ניט געליטן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע סאָלדאַטן? ווער האָט אָפּגעגאָסן סנאַריאַדן? ווער האָט געאַרבעט אין די לאַבאָראַטאָריעס? ווער איז געגאַנגען אין סוינעס הינטערלאַנד צוזאַמען מיט אַנדערע? פון וועלכן גלויבן זײַנען געווען די נאָוואָדטשיקעס אויף זאָלאָטאַיאַ גאָרא, אויפן טיגראָווי האַלב־אינדזל און אין די אַנדערע אינפאַנטעריע־ און יאַם־באַטאַרייעס?.. מע זאָגט, אַז ייִדן האָבן ניט געדינט... אַ שאָד, ניטאָ איז אונדזער אומפאַרגעסלעכער, אונדזער טײַערער נאַטשאַלניק, דער גענעראַל קאָנדראַטענקאָ, וועלכער, אויב ער וואָלט געלעבט און וואָלט געהערט, וויאַזוי מע מאַכט צו שאַנד און שפּאָט די ייִדן, וואָלט ער געזאָגט דעם עמעס..."

אַז עס איז געקומען מײַן ריי, האָב איך אַרויסגעצויגן אַ פוסט פאַפירל, און די צוויי ווערטער „דאַלני וואָסטאָק״ איז אַף דעם ניט געווען אָנגעשריבן. דער ראָטנע קאָמאַנדיר האָט מיר באַלד געזאָגט, אַז איך מעג אַרויס פון סטראָי.

דער גוירל איז אויסגעפאַלן אַף פינף קריסטן, דרײַ פון זיי האָבן שוין געדינט דאָס לעצטע יאָר און זיי איז פאַרבליבן ווייניקער פון אַ האַלב יאָר צום זאַפאַס, און די אַנדערע צוויי זײַנען געווען יונגע סאָלדאַטן פונעם פערטן יאָר, וועלכע האָבן ערשט ניט לאַנג אָנגעהויבן די מיליטער־דינסט. זיי זײַנען נאָך ניט אָפּגעוועזן קיין צוויי כאַדאָשים צײַט אין ראָטע, און אַט מוזן זיי שוין פאָרן אינעם ווײַטן קאַנט.

די פינף סאָלדאַטן האָט מען באַלד אַרויסגעגעבן פערווע סאָרט קליידער, די גאַנצע אַמוניציע און זיי געוואָרנט, אַז זיי זאָלן זײַן גרייט, ווײַל דעם 9 יאַנוואַר וועלן זיי שוין דאַרפן אָפּפאָרן. דער ראָטנער קאָמאַנדיר איז אוועק אַף זײַן קוואַרטיר, און איך האָב געפרעגט דעם פעלדפעבעל, וואָס וועט זײַן ווײַטער. האָט דער פעלדפעבעל געענטפערט, אַז עס איז אָנגעקומען פונעם מיליטערישן הויפט־קאָמאַנדיר אַ צווייטע טעלעגראַמע, מע זאָל פון יעדער ראָטע באַשטימען צו 5 מענטשן, וועלכע זאָלן אויך זײַן גרייט, ווײַל דעם 9 יאַנוואַר וועלן קומען צו פאָרן קיין וויטעבסק די אויסגעטיילטע סאָלדאַטן פונעם גאַנצן ווילנער אָקרוג און מע וועט זיי אָפשיקן מיט אונדזערע צוזאַמען. צו זיי וועט מען צוגעבן די שיסער־פאָלקן, וועלכע שטייען אין מאַנדזשוריע.

עס איז געקומען דער 8 יאַנוואַר. ס׳זײַנען זיך צונויפגעפאָרן אין וויטעבסק די אויסגעטיילטע סאָלדאַטן פונעם גאַנצן אָקרוג. זיי זײַנען געשטאַנען אין אונדזערע קאַזאַרמעס אַ מעסלעס צײַט און דעם גאַנצן מעסלעס געהאַלטן אין איין גולײַען, ווײַל זיי האָבן געזאָגט, אַז איין גאָט ווייסט, צי עס וועט זיי שוין אויסקומען זען זיך מיט די עלטערן, דאַרף מען זיך אַליין אַ ביסל פריילעך מאַכן.

אַף מאָרגן, דעם 9 יאַנוואַר, צען אַזייגער אינדערפרי איז געווען זייער אָטפראַוועקע. עס איז זיך צונויפגעפאָרן די גאַנצע נאַטשאַלסטווע, און מע האָט זיי אויסגעשטעלט אין סטראָי, און מע האָט זיי אָנגעטאָן די שווערע אַמוניציע. ווי נאָר זיי האָבן זיך גערירט פון אָרט, האָבן אָנגעהויבן שפּילן צוויי מיליטערישע אָרקעסטערס. אַפן וועג צום וואָקזאַל האָט מען ניט געקאָנט דורכגיין די גאַס — אַזוי גרויס איז געווען דער עולעם, און אַפן וואָקזאַל איז די ענגשאַפט געווען נאָך מער.

מע האָט באַלד צוגעפירט דעם עשעלאָן. אין די וואַגאָנען זײַנען שוין געווען אויסגעבויט נאַרעס, אויסגעבעטעט מיט שטרוי, און צוקאָפנס זײַנען געשטאַנען פּיראַמידעס אַף אויסצושטעלן די ביקסן.

די דאָזיקע שורעס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן אין 1906, בייס דער אַנטיסעמיטישער כוואַליע אין צאַרישן רוסלאַנד. ווען צום סאָף פון דער מילכאָמע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג, מע זאָל צוייגענען אָפיצערישע טיטלען (פראַפּאָרשטשיקעס פון זאַפאַס) אַלעמען, ווער עס האָט פרײַוויליק אָנטיילגענומען אין דער מילכאָמע, האָט מען נאָר פאַר די ייִדן געמאַכט אַן אויסנאַם. אינעם באַפעל פונעם גענעראַל־שטאַב פון 13 אַפּרעל 1905 איז געזאָגט געוואָרן: „פרײַווילליקע ייִדן און אָנהענגער פון אַנדערע שעדלעכע סעקטעס ווערן ניט צוגעלאָזט צו האַלטן עקזאַמענעס אַפן טיטל „פראַפּאָרשטשיק פון זאַפאַס״.

אָבער אויסמעקן פון דער געשיכטע דעם אָנטייל פון די ייִדן אין די שלאַכטן פאַרן היימלאַנד האָט מען שוין ניט געקאָנט. אַבע לעוו דערציילט אין זײַנע זיכרוינעס:

„מיר (ד. ה. די פאַרטיידיקער פון פּאָרט־אַרטור. — כ. ב.) האָבן געהאַט אַ לעבעדיקע פראָנט־צײַטונג אין גראַמען. דער פאַרפאַסער פון די טאָג־גראַמען איז געווען נאָכעם לעוו — אַ גראָדנער באָכער. זײַנע גראַמען זײַנען געווען פרימיטיוו און גיכער ענלעך אַף אַ טכינע, איידער אַף אַ ליד. דאָך פלעגן זיי האָבן אַ שטאַרקע ווירקונג אַף דעם ייִדישן סאָלדאַט. די לידער פלעגן געלייענט ווערן אין אַלע אָקאָפּעס בא פּאָרט־אַרטור״.

אַבע לעוו ברענגט איינע פון אָט די לידער:

מע דאַרף אונדזערע צאָרעס אין פינקאָסים
פאַרשרײַבן,
אין די פינקאָסים פון די מיליטערישע טיילן.
אויב עמעצער פון אונדז וועט לעבן בלײַבן,
זאָל ער עס פאַר דורעס דערציילן.
עס וועט נאָך קומען די גליקלעכע צײַט,
נאָענט צי ווײַט,
ווען רוסלאַנד וועט צעקלאַפן יאַפּאָן:
איבער פּאָרט־אַרטור וועט אָפדאָסנײַ
הענגען רוסלאַנדס פאָן...

און אָט ליגט פאַר אונדז נאָך איין מערקווירדיקער דאָקומענט — אַ טאָגבוך פון אַ סאָלדאַט פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע, געשריבן מיט העכער זיבעציק יאָר צוריק, אַ קסאַוויאַד, וואָס זײַן ווערט איז ניט איבערצושאַצן. דער אַווטאָר פונעם טאָגבוך איז מייער סמאָלקין, איינער פון די פאַרטיידיקער פון פּאָרט־אַרטור. מיר ווייסן ניט, צי ער האָט געמאַכט די פאַרנאָטירונגען בייס ער איז געלעגן אין די אָקאָפּעס פון פּאָרט־אַרטור, — גיכער פאַר אַלץ האָט ער דאָס ניט געטאָן, ווײַל קיין שום מעגלעכקײַט איז דעמלט בא אים ניט געווען. אָבער דער מענטש האָט געהאַט אַ גוטן זיקאָרן, און ער האָט פאַרצייכנט אַלץ, וואָס עס איז געשען טאָג נאָך טאָג

ווי נאָר מע האָט געגעבן דעם ערשטן קלונג, האָט זיך דערהערט דער סיגנאַל פון די גאַרניסטן, מע זאָל זיך אויסזעצן אין די וואַגאָנען.

די מאַרשעווע סאָלדאַטן האָבן זיך געזעגנט מיט די פאַרבליבענע כאַווריים. מע האָט געגעבן דעם לעצטן קלונג און דעם לעצטן סיגנאַל, די מוזיק האָט געשפּילט, און די פּובליקע האָט אָנגעהויבן צו שרײַען הורא, אַז פון דעם טומל האָט מען ניט געקאָנט אײַנשטיין אַף דער פּלאַטפאָרמע. דער פּאַראָוואָז האָט געגעבן אַ פּײַף, און דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט.

אפן צווייטן טאָג נאָך דער אָטפּראַווקע איז געווען אַ באַפעל איבערן פּאָלק, אַז מיר זאָלן גיין אין קניאַזיטש אַף שיס־טרענירונגען — דאָס איז 15 ווי‌אָרסט פון וויטעבסק, און דאָרטן וועט מען גיין אין אַטאַקע מיט געלאָדענע ביקסן.

מיר זײַנען אופגעשטאַנען דרײַ אַזייגער פּאַרטאָג, דער פראָסט האָט געברענט, ווי מיט פײַער, נאָר גייענדיק האָבן מיר זיך דערוואַרעמט. מיר זײַנען געקומען אפן ברייטן פעלד, ווו עס זײַנען געווען אויסגעשטעלט זייער פּיל מאַשינעס. מע האָט אונדז באַלד צעשאָטן אין אַ קייט, און דער ראָטנער קאָמאַנדיר האָט אונדז געוויזן, אַז די ציל־ברעטלעך זײַנען קליינע, ווײַל די יאַפּאָנצעס זײַנען אויך קליינוווּקסיקע.

מיר האָבן אָנגעהויבן אָנגרײַפן, דער שניי איז געווען זייער טיף, און מיר זײַנען געלאָפן בעגאָם, געוואָרן זייער פאַרמאַטערט, נאָר עס איז געווען אָנגענעם צו שיסן, ווײַל די פּרימערנע יאַפּאָנצעס האָבן צוריק ניט געענטפערט — זיי זײַנען דאָך געווען צונויפגעשלאָגענע פון ברעטער.

די לער האָט געדויערט ביז פאַרנאַכט, און מיר זײַנען אַוועק צוריק אַף אונדזער אָרט. כאָטש מיר זײַנען געווען זייער פאַרמאַטערט, האָט מען אונדז פונדעסטוועגן געצוווּנגען צו זינגען לידער לעקאָוועד אונדזער זיג — מיר האָבן דאָך צעקלאַפּט די פּרימערנע יאַפּאָנצעס און בא אונדז זײַנען קיין שום פאַרלוסטן ניט געווען. מיר האָבן זיך געווונטשן צו האָבן אַזאַ זיג מיט די עמעסע יאַפּאָנצעס, וועלכע עס וועט אונדז אויסקומען צו שלאָגן אין מאַנדזשוריע.

פון דעם 9 ביז דעם 28 יאַנוואַר זײַנען בא אונדז געווען אָפּטע מאַנעווערעס. די קעלט איז געווען גרויס, דער שניי זייער טיף, און מע האָט געדאַרפט לויפן בעגאָם און זיך אָנטאָפּען, לויפנדיק אין די גרויסע שנייען, אַזוי אַז מע פלעגט אָנווערן די לעצטע קויכעס, נאָר דאָס

גריגאָרי סמאָלקין

די רוסיש־יאַפּאָנישע מילכאָמע איז פאַר מייער סמאָלקינען געווען ניט נאָר אַ שול פון געוואַגטקײַט און העראָיזם — זי האָט אים געעפנט די אויגן אַף די סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס האָט

אין מעשעך פון אַלע אַכט כאַדאָשים, ווען ער איז צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע סאָלדאַטן געגאַנגען אין שלאַכט, געשאָסן, געלעגן אין שפּיטאָל, נאָכאַמאָל זיך געשלאָגן, אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט.

אַכט הונדערט צוועלף טעג און נעכט באַשרײַבט מייער סמאָלקין — פונעם 5 מאַרט 1903 ביזן 24 מײַ 1905, אַרײַנגערעכנט די צײַט, ווען ס'האָבן זיך ערשט געטראָגן קלאַנגען, אַז עס גרייט זיך די מילכאָמע. אַכט הונדערט צוועלף טעג און נעכט איז ער געווען אַן איידעס און אַן אָנטיילנעמער פון אויסערסט טראַגישע געשעענישן אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט.

ווער זשע איז ער, מייער הילעלס סמאָלקין — דער אווטאָר פון אָט דעם מערקווירדיקן טאָגבוך?

זייער ווייניק וויסן מיר וועגן אים. ער איז געבוירן געוואָרן אינעם שטעטל זשוראַוויטש, האָמעלער געגנט, אין 1884. זײַן טאַטע איז געווען אַ גלעזער, און ווען מייער האָט קוים פאַרענדיקט פיר קלאַסן פון דער אָרטיקער שול, האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אינאיינעם מיטן טאַטן — געגאַנגען איבער די אַרומיקע דערפער מיטן קעסטל גלאָז אַף די פּלייצעס, פאַרדינענדיק אַ שטיקל ברויט פאַר דער מישפּאָכע. אין 1903 האָט מען אים גענומען אין דער אַרמיי. פון דער מילכאָמע האָט ער זיך אומגעקערט אַ קאַליקע — אָן צוויי פינגער אַף דער רעכטער האַנט. ער האָט אָבער נאָכאַמאָל זיך גענומען פאַר דער אַלטער מעלאָכע — אָנגעגלאָזט פענצטער אין די דאָרפישע שטיבער. אינגיכן האָט ער כאַסענע געהאַט, און בא אים זײַנען געבוירן געוואָרן פיר קינדער — צוויי טעכטער און צוויי זין.

איז געווען אַ גוטע פּראַקטיק, וויאַזוי זיך צו פירן אין דער עמעסער מילכאָמע.

דאָ האָבן שוין די אָפיצערן אָנגעהויבן אָפן צו רעדן וועגן דעם קריג, ווײַל די גאַזעטן האָבן געשריבן, אַז אין די נאָענטע טעג וועט ער געמאָלדן ווערן, יאַפּאָניע האָט שוין צוגענומען דעם פּאָסלאַניק פון פּעטערבורג.

די צײַט איז דורכגעגאַנגען זייער שנעל. דעם 15 יאַנוואַר האָט מיך דער פעלדפעבעל געשיקט אָפּצופירן אַ סאָלדאַט פון אונדזער ראָטע אַף האָופּטוואַכטע. דער ראָטנער האָט אים אַרעסטירט אַף צוויי מעסלעס, ווײַל ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס מיטן ביטערן טראָפּן.

איך האָב אָפּגעפירט דעם סאָלדאַט און בין אַוועק צוריק אין קאַזאַרמע. גייענדיק אַהין, האָב איך דערזען אַ גרויסן האַמוין באַ דער רעדאַקציע. בין איך אויך צוגעגאַנגען, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מע האָט שוין באַקומען דעם מאַניפעסט פון פּעטערבורג, אַז די מילכאָמע איז געמאָלדן געוואָרן.

אין גאַס האָב איך געטראָפן דרײַ אַרטילערישע אָפיצערן. זיי האָבן געלייענט די ערשטע טעלעגראַמע פון פּאָרט־אַרטור, אַז 12 אַזייגער באַנאַכט זײַנען צוגעפאָרן זייער פיל יאַפּאַנישע שיפן און האָבן באַמבאַרדירט די שטאָט.

ווען איך בין געקומען אין קאַזאַרמע, איז שוין די ראָטע געשטאַנען אויסגעשטראָיעט, און דער ראָטנער קאָמאַנדיר האָט געלייענט פאַר די סאָלדאַטן די גוטע בסורע פון פּעטערבורג.

פיר אַזייגער פאַרנאַכט האָט מען באַקומען אַן עקסטרע טעלעגראַמע פונעם אָקרוג, אַז מע זאָל באַשטימען פון אונדזער פּאָלק אַ ראָטע צו שיקן אַף דאַלני וואָסטאָק. מע האָט געדאַרפט אַרויסגעבן פון אונדזער קאָרפּוס אַ באַטאַליאָן פאַר דעם 16־טן שיסער־פּאָלק.

באַלד האָבן זיך צונויפגעקליבן אַלע ראָטנע קאָמאַנדירן אינעם דעזשורנע־צימער, קעדײַ צו ציִען קוויטלעך — וועלכער ראָטע וועט אויספאַלן צו פאָרן. די אָפיצערן האָבן געצויגן קוויטלעך, און זייערע פרויען מיט די קינדער זײַנען געשטאַנען הינטער דער טיר און געוואַרט אַפן אָנזאָג.

דער גוירל איז אויסגעפאַלן אַפן קאָמאַנדיר פון דער 16־טער ראָטע, אַ קאַפּיטאַן פון אַ יאָר 45. ער לאָזט איבער אַ פרוי מיט פינף קינדער. די 16־טע ראָטע פון אונדזער פּאָלק פאָרט אינגאַנצן, און פון די אַנדערע ראָטעס דאַרף מען צוגעבן צו 8 מאַן. פון ליבעראַנסקיס פּאָלק האָט מען גענומען 100 מענטשן.

דעמלט געלעבט די געזעלשאַפט. אין פּאָרט־אַרטור האָט ער זיך איבערצײַגט, צוליב וואָס און פאַר וועמען מע דאַרף זיך שלאָגן. און ווען ס'איז געקומען די רעוואָליוציע, איז ער געוואָרן איינער פון אירע געטרײַע בויער. אין זשוראַוויטש האָט מען אים גוט געקענט, און ווען מע האָט גענומען אָרגאַניזירן די נײַע מאַכט, האָט מען מייער סמאָלקינען אויסגעוויילט אַלס דעם ערשטן פאָרזיצער פונעם דאָרפס־ראַט (ביז הײַנט לעבן נאָך אין זשוראַוויטש מענטשן, וועלכע געדענקען דעם ערשטן פאָרזיצער פונעם סאָוועט).

אָבער לאַנג געניסן פונעם נײַעם לעבן איז מייער סמאָלקינען ניט באַשערט געווען. אין איינער אַ פינצטערער נאַכט האָט אַ באַנדיטישע קויל געטראָפן אינעם פאָרזיצער פון דאָרפס־ראַט אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט אויסגעפילט זײַנע פליכטן אַלס פאָרשטייער פון דער נײַער, רעוואָליוציאָנערער מאַכט. מייער סמאָלקין איז דעמלט אַלט געווען זעקס און דרײַסיק יאָר...

דער טאָגבוך, וועלכן ס'האָט אָנגעשריבן דער געוועזענער סאָלדאַט פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע, איז פאַרבליבן אַ יערושע דער מישפּאָכע.

ווען ס'איז אומגעקומען דער פאָטער, איז זײַן זון גריגאָרי אַלט געווען אַכט יאָר. ס'האָט געטראָפן אַזוי, אַז שפּעטער, ווען גריגאָרי סמאָלקין האָט זיך געזעגנט מיט דער מאַמען, מיטן ברודער און מיט ביידע שוועסטער און איז אַריבערגעפאָרן קיין מאָלדאַוויע, האָט ער געבעטן באַ די אייגענע, זיי זאָלן אים דערלויבן נעמען מיט זיך דעם טאַטנס העפט. די מאַמע, דער ברודער, די שוועסטער האָבן דערלויבט, נאָר אָנגעזאָגט, ער זאָל אָפּהיטן די איינציקע יערושע פונעם טאַטן.

אין 1940 האָט מען גריגאָרי סמאָלקינען גענומען אין אַרמיי, און ער איז אַוועק אַפן פינלענדישן פראָנט. איבערלאָזן דעם טאָגבוך אין דער היים? און אויב ס'וועט עפּעס געשען מיטן העפט? ער באַשליסט נעמען אים מיט זיך. גריגאָרי סמאָלקין קערט זיך אום פון פראָנט, אָבער ניט אַף לאַנג. דעם 23 יוני 1941 זיצט ער שוין אין עשעלאָן, וואָס גייט אָפּ אַף מײַרעוו. דעם טאַטנס טאָגבוך איז מיט אים. פון מאָלדאַוויע ביז ווין — אַזאַ איז געווען דער שלאַכטוועג פונעם עלטערן טעכניק־לייטענאַנט גריגאָרי סמאָלקין. פיל ניסיוינעס האָט ער געהאַט אויסצושטיין אַף אַט דעם וועג, און ניט איין מאָל האָט אַ סאַקאָנע געדראָעט דער טײַערער רעליקוויע, וועלכע ער האָט געטראָגן אין זײַן סאָלדאַטישן רוקזאַק. צומאָל האָט מען געדאַרפט וואַרפן אין וועג אַלץ, אָבער דעם טאַטנס העפט האָט גריגאָרי ניט געוואָרפן — אַפילע אין שפּיטאָל, ווען ער איז געלעגן אַ שווער פאַרוווּנדעטער, איז דער טאָגבוך געווען מיט אים.

איצט וווינט גריגאָרי סמאָלקין אין מאָסקווע. ניט לאַנג צוריק האָט ער געבראַכט אין רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" דעם טאַטנס טאָגבוך.

אַזאַ איז די געשיכטע פונעם זעלטענעם קסאַוויאַד, וואָס מיר הייבן אָן צו דרוקן אין הײַנטיקן נומער. דער טאָגבוך נייטיקט זיך ניט אין קאָמענטאַרן — זאָל דער דאָזיקער מערקווירדיקער מענטשלעכער דאָקומענט רעדן פאַר זיך אַליין.

כאַיִם בײדער

בעשאסן צ׳ען קוויטלעך האָב איך ארויסגעצויגן א פאפירל מיט די צוויי ווערטער „דאלני וואָסטאָק״. מע האָט אונדז באלד אוועקגעפירט, און גענומען נייען די כאסענע־קליידער. עס האָט זיך אזוי געארבעט אין פאָלק, ווי עס וואָלט פאָרגעקומען טאקע א גרויסע כאסענע, ווײַל מע האָט געדארפט אלץ צוגרייטן פאר די פינף מעסלעס — פונעם 29 יאנוואר ביזן 4 פעווראל. דער ווארשטאט האָט געארבעט טאָג און נאכט. א קלייניקײַט, מאכן פאר 400 מענטשן צווייערליי קליידער — פארן וועג און פארן פראָנט. דערווײַל האָב איך געגעבן צו וויסן דורך א טעלעגראמע מײַן אלטן טאטן, ער זאָל קומען זיך געזעגענען מיט מיר. און אין צוויי טעג ארום איז ער געקומען צו פאָרן.

דער פארגעניגן צו זײַן מיטן פאָטער האָט געדויערט ניט מער ווי צוויי מעסלעס. דעם 2 און 3 פעווראל זײַנען אָנגעקומען צוויי ראָטעס פון דווינסק, פון דער 25־טער דיוויזיע, און נאָך א ראָטע פון אן אנדערער דיוויזיע. אין איינער פון די דווינסקער ראָטעס איז געווען מײַנער א באקאנטער.

דעם 4 פעווראל, צען אזייגער אינדערפרי, איז געקומען צו פאָרן דער מיליטערישער הויפט־קאָמאנדיר. פון ווילנע זײַנען זיך צונויפגעפאָרן אלע גענעראלן מיט די אָפיצערן, דער וויטעבסקער גובערנאטאָר מיט דער ציווילער נאטשאלסטווע, מע האָט אונדז אָנגעטאָן די נײַע אָבמונדיראָוואניע און מיט שווערער מיליטערישער אמוניציע אויסגעסטראָיעט דעם באטאליאָן אפן קאזארמע־הויף.

דער הויפט־קאָמאנדיר איז צו אונדז צוגעגאנגען, זיך באגריסט און אונדז אָנגערופן מיטן נײַעם נאָמען — „וואָיענע זאשטשיטניקעס״. ער האָט אונדז אָנגעזאָגט, מיר זאָלן ניט זשאלעווען אונדזער לעבן, זיך שלאָגן ביז דעם לעצטן קאפ בלוט, פאריאָגן די יאפאָנצעס, אז זיי זאָלן וויסן, מיט וועמען זיי האָבן מילכאָמע געהאלטן.

נאָכדעם איז דער הויפט־קאָמאנדיר אָפגעפאָרן, און אונדז האָט מען אוועקגעפירט אין דער פאָלק־טשײַנע. דער מאָלצײַט, וואָס די שטאָט האָט פאר אונדז געמאכט, האָט געקאָסט 600 רובל. עס איז געווען ניט קיין שלעכטער מאָלצײַט. איך בין אף אים ניט געווען, ווײַל באלד נאָכן סטראָי בין איך אוועק טרייסטן מײַן אלטן טאטן. אפן מאָלצײַט זײַנען געווען אלערליי ווײַנען, נאָר אז איך בין געזעסן א שאָ צײַט מיט מײַן טאטן, האָב איך געהאט מער פארגעניגן, איידער איך וואָלט טרינקען דעם בעסטן סאָרט ווײַן.

8 אזייגער אין אָוונט האָט זיך דערהערט דער סיגנאל פונעם גאָרניסט, וועלכער האָט געשפילט א סבאָר. ער האָט צונויפגעקליבן אלע סאָלדאטן, אזויווי א פאסטעך נעמט צונויף די סטאדע.

איך בין געשווינד אוועק אין קאזארמע און האָב זיך אָנגעטאָן אין די נײַע קליידער, פארכאפט אויך דעם ראניעץ מיט דער פאָכאָדנער פאלאטקע, אָנגעטשעפעט אף זיך אן אײַזערנע לאָפאטקע און א קאָטיעלאָק.

מע האָט אונדז אויסגעסטראָיעט און דערלאנגט די קאָמאנדע, מיר זאָלן גיין. אזויווי מיר האָבן זיך גערירט פונעם אָרט, האָט אָנגעהויבן די מוזיק צו שפילן. זי האָט זייער פריילעך געשפילט, און די פובליקע האָט ניט אופגעהערט צו שרײַען הורא. מע האָט ניט געקאָנט דורכגיין די גאס פון דעם אוילעם, וואָס איז געגאנגען אונדז באגלייטן.

דער וועטער איז געווען זייער א פײַנער, ס׳איז געשטאנען א מעכײַעדיקע נאכט. די לעוואָנע מיט אירע ליכטיקע קאָלירן האָט אונדז געטאָן באגלייטן אין אונדזער ווײַטער רײַזע, די שטערן זײַנען איבערגעלאָפן איינער צום צווייטן, ווי זיי וואָלטן אָנגעוויזן אף אָט די אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע זײַנען געגאנגען שטארבן, ניט וויסנדיק פאר וואָס און צוליב וואָס.

מיר זײַנען געשטאנען אף דער סטאנציע פון צען אזייגער אין אָוונט ביז צוויי אזייגער נאָך האלבער נאכט — פיר שאָ צײַט. צוועלף אזייגער האָט מען צוגעפירט דעם צוג. דערווײַל האָט מען פארענדיקט אויסשטאטן די נארעס אין די טעפלושקעס, ס׳איז פאָרגעשטאנען צו פאָרן 45 מעסלעס.

עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער קלונג, און באלד האָבן די גאָרניסטן געגעבן דעם סיגנאל אף סבאָר. ס׳איז געוואָרן א טומל, די מוזיק האָט גענומען שפילן העכער.

נאָכן ערשטן קלונג האָט זיך דערהערט דער צווייטער און דער דריטער. נאָכאמאָל האָט דער גאָרניסט געגעבן א סיגנאל, מע זאָל זיך אויסזעצן אין די וואגאָנען.

דער עשעלאָן איז אָפגעפאָרן, און די פובליקע האָט אויסגעשר׳ען דעם לעצטן הורא. מע האָט געוואָרפן אין דער הייך ווײַסע טיכלעך, און מיר האָבן זיי אָפגעענטפערט מיט אונדזערע שווארצע פאפאכעס...

אין סיביר זײַנען געווען שטארקע קעלטן. די פרעסט האָבן דערגרייכט 40 גראדוס. מיר פלעגן ניט קאָנען אײַנליגן אין די וואגאָנען פון קעלט. אָט אזוי זײַנען מיר געפאָרן ביז דער אָזערע בײַקאל, און פון דאָרט זיך געלאָזט צופוס.

דער וועג האָט זיך אונדז אויסגעוויזן זייער לאנג, נאָר מיר זײַנען געגאנגען שנעל, און ניט געקוקט אף די קעלטן, האָבן מיר זיך באגאָסן מיט שווייס, אלץ איז געווען אף אונדז נאס.

אז מיר זײַנען אָפגעגאנגען אן ערעך א וויאָרסט צוואנציק, זײַנען אייניקע מענטשן צוגעשטאנען, נאָר מע איז געגאנגען ווײַטער מיט די לעצטע קויכעס, וואָרעם מע האָט געוווּסט, אז ווען מע וועט אָפגיין נאָך צען וויאָרסט, וועלן מיר באקומען דעם פונט סוכארעס אף אונטערהאלטן די נעשאָמע.

ווען מע האָט דערלעבט צו קומען אפן אָרט און באקומען די סוכארעס, איז מען געלאָפן

זוכן וואסער אף צו אײַנעצן זיי, נאָר אומזיסט די טירכע, ס'איז די אָזערע געווען פאַרפרוירן.

אינמיטנדערינען האָט מען אונדז געהייסן סטראַיען זיך. מיר האָבן ווידער אָנגעטאָן די שווערע ראַנצעס אף די פּלייצעס, און מע איז ווײַטער אוועק אין פּאָכאָד. ניט דערגייענדיק צו דער סטאַנציע 15 וויאָרסט, זײַנען אייניקע סאָלדאַטן געפאַלן אינמיטן וועג אָן קויכעס. ס'איז צו זיי צוגעלאָפן דער ראָטנער קאָמאַנדיר און מיט גרויס קאַס געזאָגט, אז עס איז מילכאָמע־צײַט, ס'וועט נאָך זײַן פיל ערגער.

אָט אזוי זײַנען מיר נײַן אזייגער אין אָוונט דערגאַנגען צו דער סטאַנציע שאַנכײַ.

מע איז אוועקגעפאַלן אזוי ווי די פליגן. ביז צוועלף אזייגער באַנאַכט האָבן מיר גערוט, און האַלב איינס זיך געזעצט אין פּאַיעזד. ניט דערפאָרן 50 וויאָרסט צו דער סטאַנציע מאַנדזשוריע, האָבן מיר דערהערט, אז די יאַפּאַנצעס רויִנירן דעם אײַזנבאַן־וועג. ס'איז געוואָרן א טרעוואָגע, און מע האָט אונדז אַרויסגעגעבן צו 300 פּאַטראָנעס. יעדערן איז צוגעקומען נאָך א מאַסע פון דרײַסיק פונט. מיר זײַנען אַרומגעלאָפן די גאַנצע נאַכט אַרום דער אײַזנבאַן, ביז אינדערפרי, נאָר, א דאַנק גאָט, אַלץ איז דורכגעגאַנגען קעשורע. אכט אזייגער אינדערפרי האָט מען אונדז אָפּגעשיקט אין דער שטאָט כאַרבין.

אין כאַרבין איז צו אונדז געקומען א גענעראַל. ער האָט געפרעגט: צי ווייסט איר, וווּהין איר פאָרט? מיר האָבן געענטפערט, אז מיר פאָרן שלאָגן די יאַפּאַנצעס. האָט ער אונדז באַדאַנקט פאַרן ענטפער און דערקלערט, אז מיר ווערן געשיקט אין דער שטאָט דאַלני, וועלכע איז נעענטער צו דער יאַפּאַנישער גרענעץ, און ס'וועט געוויס אונדז גיך אויסקומען זיך צו באַקאַנען מיט די יאַפּאַנצעס.

אַלץ איז פאַרגעקומען אזוי, ווי דער גענעראַל האָט אונדז געזאָגט. פיר אזייגער פאַרנאַכט זײַנען מיר אָפּגעפאָרן פון כאַרבין אין דער שטאָט דאַלני. אין דאַלני זײַנען מיר אָנגעקומען אכט אזייגער אינדערפרי. מע האָט אונדז באַלד אוועקגעפירט אין שטאָט אַרײַן און צעשטעלט אין כינעזישע באַראַקעס. דאָס איז געווען אַקוראַט דרײַ טעג פאַר פייסעך. אומגעריכט האָבן מיר באַקומען א באַפעל: זײַן גרייט, ווײַל יאַפּאַניע קלײַבט זיך אַרויסזעצן אין דאַלני פון די מיליטערישע שיפן זיבעצן טויזנט סאָלדאַטן.

צוויי אזייגער פאַרטאָג האָבן מיר זיך אָנגעטאָן אין דער שלאַכט־אַמוניציע און זײַנען אוועק אין פּאָכאָד. אָפּגעגאַנגען פון דאַלני אָן ערעך א וויאָרסט דרײַסיק, זײַנען מיר געקומען צום גרויסן יאַם־וואסער, וועלכער הייסט „טיכי אָקעאַן”. מיר זײַנען אָפּגעשטאַנען דאָרט ביז איינס אזייגער באַנאַכט און געוואַרט אף אונדזערע געסט — אף די יאַפּאַנצעס.

צוויי אזייגער האָבן אָנגעהויבן צו באַווײַזן זיך די יאַפּאַנישע שיפן, און אונדזער קאָמאַנדיר האָט דערלאַנגט א קאָמאַנדע, מיר זאָלן פאַרלייגן די פּאַטראָנעס אין די ביקסן און זײַן גרייט. די יאַפּאַנצעס האָבן דערזען אונדזער מיליטער שטיין לעבן יאַם, האָבן זיי אָפּגעקערט און זײַנען אָפּגעשוווּמען צו פּאָרט־אַרטור. מיר זײַנען אוועק צוריק קיין דאַלני. דאָס איז שוין געווען דרײַ אזייגער באַנאַכט, אַקוראַט די נאַכט פונעם ערשטן סיידער. גייענדיק צוריק פון דער שווערער נסיִע, זײַנען אייניקע סאָלדאַטן פאַרבליבן אפן מיטן וועג, וואָרעם מע איז פאַרמאַטערט געוואָרן, קריכנדיק מיט דער שווערער אַמוניציע אף די בערג.

אז גאָט האָט געהאָלפן און מיר זײַנען שוין געקומען צוריק אף אונדזער אָרט, האָט מען אונדז אַרויסגעגעבן צו א פונט ברויט אף א סאָלדאַט און געהייסן, אז ווער עס וויל, זאָל גיין אופזידן א קאַטיעלאָק טיי.

כאָטש מע איז געווען זייער פאַרמאַטערט פון דעם שווערן פּאָכאָד, האָט אין מויל געברענט ווי א פלאַם־פײַער. יעטווידער סאָלדאַט איז אוועק מיט זײַן כאַווער אופקאָכן דעם קאַטיעלאָק טיי. איינער איז אוועק זוכן וואסער, ווײַל פונעם יאַם האָט מען דאָס געזאַלצנס ניט געקאָנט טרינקען. וואסער אָבער האָט ער אָפּגעזוכט גיכער, ווי זײַן כאַווער דאָס הייצווארג. מע פלעגט אויסבעטן בא א כינעזער שטעקלעך פון קוקורוזע אָנשטאָט האָלץ.

און אז מע האָט זיך געזעצט צום שטיקל טרוקענעם ברויט מיט דער קרוזשקע טיי, וואָס האָט געשמעקט מיט רויך, איז עס געווען געשמאַק אזוי ווי טיי מיט וואַרעניע, ווײַל מע איז געווען גערן צו אָפּנעצן דאָס מויל מיט דער וואַרעמער וואסער.

דאָס איז בא אונדז געווען אַקוראַט דער ערשטער טאָג פייסעך. אין אָט דעם טאָג האָט מען בא אונדז געקאָכט א גוטן וואַרמעס פון כינעזישן באָרשטש און אַרויסגעגעבן צו א פונט סוכאַרעס. די ייִדישע סאָלדאַטן האָבן זיך צוזאַמען אוועקגעזעצט דערקוויקן די הערצער מיטן זויערן באָרשטש און באַטראַכטן די ביטערע לאַגע.

דעם 23 אַפּרעל האָט יאַפּאַניע איבערגעשניטן די אײַזנבאַן, און עס האָט זיך בא אונדז אָנגעהויבן די פינצטערע אָסאַדע, וואָס האָט געדויערט אכט כאָדאָשים צײַט. פון דעם 1 אַפּרעל ביז דעם 13 מײַ זײַנען מיר געשטאַנען אין דאַלני. א גאַנצן טאָג פלעגט מען גראָבן אָקאָפּעס אף די בערג לעבן יאַם, געשטעלט די האַרמאַטן און געפירט סנאַריאַדן.

באַנאַכט איז מען אויך ניט געשלאָפן, וואָרעם מע האָט געדאַרפט שטיין אין קאַראַול לעבן יאַם. פאַר דער גאַנצער צײַט איז אויסגעפאַלן צו שלאָפן ניט מער ווי עפּשער פינף מאָל אָן א טרעוואָגע. נאָר אז מע פלעגט שוין שלאָפן מיטן ראַנעץ צוקאָפּנס און מיט דער ביקס און די פּאַטראָנעס בא דער זײַט, איז דאָס געווען זייער גוט, וואָרעם מיר האָבן זיך געריכט אף ערגערס, און אזוי איז טאַקע פאָרגעקומען.

עס איז געקומען מײַ, און מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט די יאַפּאַנצעס. דאָס איז געווען 15

וויאָרסט פון דאלני. די באקאנטשאפט איז געווען ניט צום בעסטן, ווײַל פיל בלוט האָט מען פארגאָסן. דאָס איז געווען די ערשטע שלאכט.

און ס׳האָט פּאסירט אזוי:

דעם 12 מײַ באנאכט זײַנען אונדזערע צווײ פּאָלקן געשטאנען אף די פּאָזיציעס לעבן דער שטאָט קירזאווע. די פּאָזיציעס זײַנען געווען לעבן יאם. מיר האָבן געגראָבן אָקאָפּעס. די נאכט איז געווען זייער א פינצטערע, עס האָט זייער שטארק געדונערט און געבליצט, און דערנאָך האָט זייער שטארק גערעגנט. עס האָט זיך אף אונדז ניט געפונען קיין איין טרוקענער פּאָדעם, ווײַל מע איז געשטאנען אין די אָקאָפּעס ביזן האלדז אין וואסער, און די שינעלן האָט מען אויך ניט געלאָזט פאנאנדערקאטשען, ווײַל מע איז געווען גרייט צו א שלאכט. אָט אזוי האָבן מיר געארבעט די גאנצע נאכט ביז פיר אזייגער פארטאָג. ווי נאָר עס איז געוואָרן טאָג און מיר האָבן גערעכנט זיך אָפּרוען פון אונדזער שווערער ארבעט, איז מיטאמאָל געוואָרן זייער א שרעקלעכער גערויש. דאָס האָבן די קאראול־לײַט אופגעהויבן א טרעוואָגע. דער יאפּאָנישער פלאָט מיט זייער א סאך מיליטערישע שיפן איז צוגעפאָרן צו קירזאווער פּאָזיציע, האָט ארויסגעזעצט 70 טויזנט סאָלדאטן, און זיי האָבן אָנגעהויבן אָנגרײַפן אף אונדזערע צווײ פּאָלקן.

מע האָט אונדז באלד געגעבן א קאָמאנדע, מיר זאָלן נעמען די ביקסן. דאָס פעלד איז געוואָרן שווארץ פון די יאפּאָנישע סאָלדאטן, די קוילן האָבן געפּײַפט, סנאריאדן האָבן זיך געריסן. ס׳איז געוואָרן זייער פינצטער פונעם רויך פון די הארמאטן און פון דער קאוואלעריע. דאָס פײַער האָט ארום אונדז געברענט, און מיר זײַנען געשטאנען אינמיטן. איין מענטש האָט דעם צווייטן ניט געזען. עס האָבן זיך נאָר געהערט קוילעס, מע זאָל דערלאנגען די נאָסילקעס וואָס גיכער, און אויך געשרייען פון די פעלדשערס און פון די סאניטארן, מע זאָל ניט אופהערן צו מאכן באנדאזשן, ווײַל מענטשן שטארבן, ליגנדיק אף די נאָסילקעס...

דאָס שרעקלעכע פײַער האָט געברענט פון פיר אזייגער אינדערפרי ביז צען אזייגער אין אָוונט.

עס טרעפן אף דער וועלט קאָלערליי סרייפעס, אָבער מיטן לעבן איז מען זיכער, אין אָט דעם שרעקלעכן פלאם איז מען אָפּגעגאנגען מיט בלוט. בלוט האָט זיך געגאָסן אזויווי וואסער, מע איז געגאנגען איבער געהארגעטע מענטשן, ווי בייס א שטורעם אין א גרויסן וואלד אף אומגעוואלגערטע ביימלעך. דאָס פעלד איז געווען אויסגעלייגט מיט מייסים — סײַ אונדזערע, סײַ יאפּאָנישע, אזויווי מיט סנאָפּעס אין דער צײַט, ווען מע נעמט אראָפּ די טוווע. די שרעקלעכע שלאכט האָט געדויערט זעכצן שאָ. נײַן אזייגער אין אָוונט איז געקומען א באפעל, אז מיר זאָלן אָפּטרעטן. פון אונדזערע צווײ פּאָלקן איז געבליבן זייער ווייניק. דאָס רעשט סאָלדאטן איז אָפּגעגאנגען א וויאָרסט צען פון דעם קעגנער און האָט זיך אָפּגעשטעלט צו נעמען א טרוקענעם סוכאר מיט וואסער, אָפּנעצן דאָס מויל.

מיטאמאָל האָבן מיר דערהערט א שיסערײַ פון דער יאפּאָנישער קאוואלעריע. אונדזערע זײַנען אָפּגעטראָטן ביז דער פּאָזיציע, וואָס רופט זיך „זעליאָנאיא גאָרא", א 25 וויאָרסט פון פּאָרט־ארטור. דאָרט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, דאָס איז געווען די צווייטע שלאכט.

די פּאָזיציע, וואָס רופט זיך „זעליאָנאיא גאָרא", פארנעמט פון איין ברעג יאם ביזן צווייטן א מעהאלעך ביז 25 וויאָרסט. אף די בערג, וואָס מע קאָן קוים ארופקריכן אף זיי, איז דער באָדן א שטיינערדיקער. ווען מיר האָבן געגראָבן די אָקאָפּעס, האָט זיך געגאָסן פון די הענט בלוט. מיר האָבן מיט שווערע לאָמען געהאקט די שטיינער.

אף די הויכע בערג זײַנען מיר אָפּגעשטאנען פונעם 15 מײַ ביז דעם 21 יון. עס איז געווען זייער ניט גוט, ווײַל א גאנצן טאָג פלעגט מען שווער ארבעטן, און די היצן זײַנען געווען זייער גרויס, און א טרונק וואסער איז אויך ניט געווען ווּ צו נעמען, וואָרעם אויב אראָפּגיין פונעם בארג, איז דערנאָך זייער שווער צוריק ארופקריכן. אז מע פלעגט צופירן אמאָל ווארעמע שפּײַז, האָט קיינער ניט געוואָלט גיין נאָך איר, ווײַל מע איז געווען זייער פארמאטערט. דערלעבט די נאכט, פלעגט מען נעמען דעם שווערן ראניעץ און זיך שטעלן אפּן פּאָסט — היטן, אז די יאפּאָנצעס זאָלן ניט צוגיין נאָענט.

דעם 21 יון האָט זייער שטארק גערעגנט. מע איז געלעגן אין די אָקאָפּעס ביזן האלדז אין וואסער, עס האָט געקלאפּט א צאָן אף א צאָן פון קעלט. זיבן אזייגער פארנאכט האָט מען באקומען א באפעל אָפּצוטרעטן פון דער פּאָזיציע צו פּאָרט־ארטור.

דער רעגן האָט ניט אופגעהערט צו גיסן. מיר זײַנען אָפּגעגאנגען א וויאָרסט פופצן, עס איז געבליבן בא א צען וויאָרסט ביז דער שטאָט פּאָרט־ארטור. דערווײַל איז געוואָרן נאכט. מיר זײַנען געווען זייער פארמאטערט, דאָס אָנטאָן פּיטש־נאס. מיר האָבן צעשטעלט אונדזערע דורכגענעצטע פּאָכאָדנע פּאלאטקעס און געזוכט א שטיקל טרוקן אָרט, ווּ צושפּארן דעם קאָפּ. די קאָמאנדירן האָבן אונדז געזאָגט, אז צוועלף אזייגער באנאכט וועט מען ברענגען צו פירן ברויט פון פּאָרט־ארטור.

אָפּגערוט האָבן מיר ניט מער ווי א שאָ צווײ. ס׳איז געקומען א נײַער באפעל, מע זאָל גיין צוריק צו דער פארלאָזטער פּאָזיציע און אטאקירן די יאפּאָנצעס.

עס זײַנען באלד צענומען געוואָרן די בײַדעלעך, וואָס מיר האָבן מיט צווײ שאָ פריִער געבויט אין פרײַען פעלד. די סאָלדאטן האָבן אָנגעטאָן די ראנצעס. אף ברויט האָבן מיר זיך ניט דערווארט. מע האָט אונדז געהייסן האלטן דאָס ברויט אין זינען.

די נאכט איז געווען זייער א פינצטערע, און עס האָט שטארק גערעגנט. מיר זײַנען געגאנגען געשווינד פון איין בארג אַפן צווייטן. אָפּגעגאנגען א וויאָרסט אכצן, זײַנען מיר געקומען הינטער א הויכן בארג, אָנגעצויגן אונדזערע פּאַלאַטקעס און ארויסגעשטעלט פּאָסטנס. אייניקע סאָלדאטן האָבן זיך צוגעלייגט אָפּרוען. מע איז געווען זייער פארמאטערט פון דעם שווערן פּאכאַד, און דערצו האָט מען שוין א מעסלעס ניט געגעסן. געלעגן איז מען אונטער די נאסע פּאלאטקעס און געשווומען אין וואסער, ווײַל דער רעגן האָט ניט אופגעהערט צו גיסן.

מיטאמאָל איז געוואָרן א גערויש. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אונדזערע אויסשפּירער האָבן זיך באגעגנט מיט די יאפּאַנישע אויסשפּירער קימאַט פּאָנעם־על־פּאָנעם. ס׳האָט זיך אופגעהויבן א טרעוואָגע. מע האָט ניט באוויזן צו צונעמען די פּאלאטקעס, ווי עס האָט זיך אופגעהויבן א שיסערײַ פון ביקסן און קוילנוואַרפערס. די קוילן זײַנען געפלויגן ארום אונדז אזוי ווי א געדיכטער האָגל. אזא פײַער האָט געברענט ביז איינס אזייגער באטאָג. מיר האָבן פאריאָגט די יאפּאַנצעס. פיל פון זייערע האָבן מיר דערהארגעט. אונדזערע זײַנען, א דאנק גאָט, געפאלן ווייניק.

ווידער זײַנען מיר אוועק אַף דער פּריזערדיקער פּאָזיציע, וואָס זי הייסט „זעליאָנאיא גאָרא". דאָרט איז דאָס מיליטער געשטאנען פונעם 13־טן יון ביז דעם 13־טן יול. אָט די גאנצע צײַט איז געווען שטיל. אונדזערע סאָלדאטן האָבן זיך שוין געפרייט, זיי האָבן געזאָגט, אז אינגיכן וועט זיך ענדיקן די מילכאָמע, ווײַל עס איז שוין בא יאפּאָניע קיין מיליטער ניטאָ.

דעם 13 יול, אקוראט נאָך טישעבאָוו, האָבן די יאפּאַנצעס ארויסגעזעצט פון די שיפן 80 טויזנט סאָלדאטן און אָנגעהויבן אָנגרײַפן אַף אונדזערע פּאָזיציעס. 80 טויזנט יאפּאַנצעס קעגן אונדזערע 20 טויזנט.

די שלאכט האָט זיך אָנגעהויבן זעקס אזייגער אינדערפרי. מע האָט ניט געזען הימל און ערד פון דעם פינצטערן רויך פון די סנאריאדן און מינעס, וואָס האָבן געריסן מענטשן אַף שטיקלעך. דרײַ מעסלעס נאָכאנאנד איז געווען פינצטער, די בערג האָבן מאמעש געברענט מיט א העליש פײַער. די סאָלדאטן, וועלכע זײַנען געשטאנען אין די אָקאָפּעס, זײַנען שוין לעבעדיקערהייט ניט ארויס. אָבער די פּאָזיציעס האָבן מיר ניט אָפּגעגעבן.

אַפן דריטן מעסלעס איז אונטערגעפאָרן דער יאפּאַנישער פלאָט און האָט אונדז אָנגעהויבן שלאָגן פונעם יאם. זיי האָבן זיך דורכגעריסן, ווײַל אונדזערע האָבן שוין ניט געקאָנט אײַנשטיין אַף די בערג. מענטשן זײַנען געפאלן אָן הענט און אָן פיס, צעריסן פון די מינעס. מע האָט זיך געבאָדן אין בלוט, אזוי ווי אין וואסער.

אַפן דריטן טאָג איז געקומען א באפעל אָפּצוטרעטן. פון אונדזערע זײַנען דערהארגעט געוואָרן 11 טויזנט, יאפּאַנצעס — אין דרײַ מאָל מער.

אָפּגעטראָטן זײַנען מיר ביז דער פּאָזיציע, וואָס האָט זיך אָנגערופן „וואָלטשיא גאָרא", א פינף וויאָרסט פון פּאָרט־ארטור. דאָס איז געווען דעם 16 יול צען אזייגער אין אָוונט פרײַטיקצונאכטס.

כאָטש מיר זײַנען געווען זייער פארמאטערט, האָבן מיר געמוזט באלד זיך אוועקשטעלן גראָבן פרישע אָקאָפּעס. געארבעט האָבן מיר א גאנצע נאכט ביז אינדערפרי. מע האָט ניט באוויזן צו ענדיקן די ארבעט, האָבן די יאפּאַנצעס ווידעראמאָל אונדז אטאקירט. עס האָט זיך אופגעהויבן א מעשונע שיסערײַ פון די יאפּאַנישע הארמאטן, און אונדזערע האָבן געענטפערט מיטן זעלבן. אונדז איז אויסגעקומען צו שלאָגן זיך אַפן אָפענעם פעלד, קיין אָקאָפּעס האָבן מיר ניט באוויזן צו אויסגראָבן, דערפאר האָבן מיר געהאט פיל דערהארגעטע. פון דער 11־טער ראָטע און פון אונדזער ראָטע זײַנען איבערגעבליבן צו 30 מענטשן.

אין יענעם טאָג איז געווען א שטארקע היץ, אקוראט שאבעס נאָכמ. די פּארוואָנדעטע זײַנען געלעגן אַף די נאָסילקעס און געבעטן א ביסל קאלטע וואסער; נאָר ס׳איז ניט געווען.

מיר זײַנען פונדאנען אוועק אין פּאָרט־ארטור, און דאָרט זײַנען מיר שוין געווען ארומגערינגלט פון אונדזערע פײַנט, אזוי ווי אין אן ענגער שטײַג — פון איין זײַט פײַער, פון דער צווייטער זײַט וואסער.

מיר האָבן געמיינט, אז ביז איצט איז אונדז געווען שלעכט, נאָר דאָס ערגסטע איז פאָרגעשטאנען אויסצושטיין אין פּאָרט־ארטור, אָנהייבנדיק פון דעם 25 יול ביז דעם 23 דעקאַבער.

ס׳איז גאָר ניט געווען, ווו צו באהאלטן זיך פון דעם שרעקלעכן פײַער אין פּאָרט־ארטור. עס טרעפט א פײַער, וואָס מע קאָן אים לעשן מיט וואסער, נאָר דאָס דאָזיקע האָט מען מיט קיין זאך ניט געקאָנט אָפּווענדן. פון טאָג צו טאָג איז עס אלץ שטארקער געוואָרן.

דער ערשטער שטורעם איז אונדז פאָרגעשטאנען אסן בארג דאגושין. דאָס איז געווען דעם 25 יול. אונדזער ראָטע איז געשטאנען לעבן ברעג יאם און די אָקאָפּעס, אַף דער פאָדערשטער ליניע. מע האָט אונדז נאָך צוגעגעבן פונעם 25־טן פּאָלק די יעגער־קאָמאנדע — א 100 מאן, ווײַל בא אונדז אין ראָטע איז נאָך דער שלאכט, וואָס איז פאָרגעקומען אַף „וואָלטשיא גאָרא", ווייניק פארבליבן.

12 אזייגער באטאָג איז ארויס א באפעל, מע זאָל פון אונדזער ראָטע אויסשטעלן 50 מאן אַף גראָבן אָקאָפּעס אַפן בארג דאגושין. איך בין אויך ארײַנגעפאלן אין דער צאָל. מיר האָבן גענומען די ביקסן און די לאָמען און זײַנען אוועק אַף דער ארבעט. די היץ איז געווען גרויס. מיר האָבן פון זיך אפילע דאָס העמד אראָפּגעוואָרפן. נאָך צוויי שאָ ארבעט האָט דער

קאָמאַנדיר אוועקגעשיקט עטלעכע סאָלדאַטן צום קוואַל. מיר האָבן זיך אָבער אָף דעם טרונק וואַסער ניט דערוואַרט: א יאַפּאַנישער סנאַריאַד האָט געטראָפן אין אונדזערע שעליכים, אַזוי אַז קיין וואַסער האָבן זיי שוין ניט באַדאַרפט.

שטייענדיק אָפן הויכן באַרג, האָבן מיר באַמערקט, אַז יאַפּאַנישע מיליטער־שיפן גייען צו נאָענט צו פּאָרט־אַרטור. זיי האָבן גלײַך אָנגעהויבן שיסן. עס זײַנען געפאַלן א סאַך אונדזערע. מיר האָבן געוואָרפן די אַרבעט און זיך אוועקגעזעצט אונטער א גרויסן שטיין, וואַרטנדיק, ביז די יאַפּאַנצעס וועלן צוגיין נעענטער צום באַרג, און דעמלט וועלן מיר זיי שוין גוט מעכאַבעד זײַן. מיט איין וואָרט, עס האָט זיך אָנגעהויבן א בראַנד־פײַער. דער באַרג האָט זיך געשמאָלצן פון די סנאַריאַדן. אונדזערע האַרמאַטן האָבן געענטפערט. ס'איז געוואָרן פינצטער, מע האָט ניט געזען הימל און ערד פון דעם רויך פון די פּוגאַסנע סנאַריאַדן און פון די מינעס. א סנאַריאַד איז געפאַלן צווישן אונדזערע ביקסן, זיי האָבן זיך אָנגעצונדן, און מיר זײַנען געלאָפן צו דעם אָרט. א סאַך זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן.

אַזוי האָט געדויערט ביז פאַרנאַכט. פון די דרײַ הונדערט מענטשן, וועלכע זײַנען געווען אָפן באַרג, זײַנען נאָך דער שלאַכט פאַרבליבן 130.

פיר אַזייגער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן קאַלאָנעס יאַפּאַנצעס. מיר האָבן אָן אופהער געשאָסן, און מע האָט געזען, אַז זיי פאַלן ווי די פליגן. דערווײַל איז צוגעפאַלן די נאַכט, ס'האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו רעגענען. מיר זײַנען געלעגן אָפן באַרג אין איינע העמדער און מאַמעש פאַרטרונקען געוואָרן.

אונדזערע האַרמאַטן האָבן געקלאַפּט די גאַנצע צײַט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אָף קיין מינוט. מע האָט קוים באַוויזן צו דערלאַנגען סנאַריאַדן. דורך דער שרעקלעכער שיסערײַ האָט מען ניט געהערט די געשרייען פון די פאַרוווּנדעטע, וועלכע זײַנען געלעגן אָף די האַרטע שטיינער און זיך געבאָדן אין בלוט.

וואָס ווײַטער, איז דאָס פײַער גרעסער געוואָרן. אונדזער אָפיצער האָט מען דערהאַרגעט, די יאַפּאַנצעס האָבן אַטאַקירט. מיר זײַנען געשטאַנען אינמיטן דעם געהענעם, קיין אָקאָפּעס זײַנען ניט געווען. איך מיט נאָך פיר סאָלדאַטן האָבן אָנגעלייגט א האַלבן אַרשין שטיינער, געמאַכט א באַהעלטעניש און פון דאָרטן געשאָסן, נאָר א סנאַריאַד האָט געטראָפן אין די שטיינער און האָט מײַנע פיר כאַווײרים דערהאַרגעט. מיך האָט פאַרשאָטן מיט ערד די אויגן אַזוי, אַז איך האָב גאָר ניט געזען, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר.

אָט אַזוי האָט מען זיך געשלאָגן, ביז עס איז געוואָרן אַזייגער 12 באַנאַכט. דער רעגן האָט ניט אופגעהערט צו גיסן. די נאַכט איז געווען זייער א פינצטערע, מע האָט ניט אונטערשיידט א לעבעדיקן פון א געהאַרגעטן, מע האָט גע־



א זײַטל פונעם טאָגבוך

טראָטן אָף מענטשן, אַזויווי אָף די שטיינער. אין די ריוון איז געשוווּמען בלוט מער איידער וואַסער. מע האָט ניט געקאָנט באַווײַזן איבערבינדן די פאַרוווּנדעטע און זיי אָפּטראָגן אין לאַזאַרעט.

צו איינס אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט האָט מען אונדז צוגעגעבן מיליטער. די יאַפּאַנצעס האָבן דערזען, אַז מיט פײַער קאָנען זיי דעם באַרג ניט נעמען, וואָרעם אַרום זײַנען געלעגן גרודעס דערהאַרגעטע, האָבן זיי גענומען שרײַען הוראַ און זיך געוואָרפן אָף אונדז מיט די באַגנעטן, דעמלט האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם באַרג, און עס האָט זיך פאַרקאָכט א שלאַכט מיט שפּיזן. די נאַכט איז געוואָרן געדיכטער, עס האָט זיך מער גאָרנישט ניט געזען, ווי דאָס בליצן פון די שאַרפע באַגנעטן.

מיר האָבן זיי באַוויזן וואָס דער רוסישער שטיק באַטײַט! איינע האָבן מיר צעשטאָכן, אַנדערע האָבן באַוויזן זיך צעלויפן.

אָט אַזוי האָבן מיר זיך געשלאָגן, ביז עס איז געוואָרן טאָג. די בערג האָבן זיי ניט פאַרנומען.

קאַיאָר בין איך אוועק אָפּזוכן אונדזער ראָטע. איך האָב געטראָפן ווייניקער פון א העלפט מענטשן. ווען איך בין אוועק גראָבן אָקאָפּעס, האָב איך זיך געזעגנט מיט מײַן טרײַען כאַווער מוישע מאַראַזין. איינער דעם אַנדערן האָבן מיר געוווּנטשן ווידער זיך זען געזונטערהייט, נאָר אונדזער וווּנטש איז ניט מעקוייעם געוואָרן. איך האָב זיך געזעגנט מיט מוישע מאַראַזינען אָף אייביק. מע האָט מיר דערציילט, אַז א יאַפּאַנישער שפּליטער האָט אים געטראָפן אין קאָפּ, און ער איז דערהאַרגעט געוואָרן. ווען מע איז אָפּגעטראָטן פון די אָקאָפּעס, איז זײַן קערפּער איבערגעבליבן, וואָרעם עס איז אוממעגלעך גע־

וועץ צו נעמען די געהאַרגעטע. מע קאָן זיך פֿאַרשטעלן, ווי מיר איז געווען אפן האַרצן פון אזא יעדיע.

צען אזייגער אינדערפרי האָבן זיך אָנגעהויבן באוויזן פרישע קאַלאָנעס יאַפּאַנצעס. מיר האָבן גענומען זאריאזשאיען די ביקסן. און עס האָט זיך אופגעהויבן אזא שלאַכט, אז מע האָט ניט געקאָנט אײַנהאַלטן די ביקס אין האַנט, ווײַל זי האָט געבריט די פינגער. מיר האָבן געהאַט א סאַך געהאַרגעטע. די פעלדשערס און סאַניטאַרן האָבן ניט געקאָנט באַוויזן איבערבינדן די פאַר־ווונדעטע.

לעבן מיר איז געשטאַנען דער פעלדפעבעל, און אים האָט פאַרווונדעט אין קאָפּ און אין א האַנט. ער האָט געבעטן, מע זאָל אים וואָס גיכ־ער אָפּטראָגן אפן סאַניטאַר־פונקט. קיין סאַני־טאַרן זײַנען דערבײַ ניט געווען, זיי האָבן פונקט אָפּגעפירט אין שטאָט פאַרווונדעטע, און קיין נאָסילקעס זײַנען אויך ניט געווען, האָב איך אוועקגעלייגט די פליכט אף זיך און גענומען דעם פעלדפעבעל אָפּטראָגן אפן סאַניטאַר־פונקט, וואָס איז געווען אף א מעהאַלעך פון צוויי וויאָרסט. דעם וועג האָבן די יאַפּאַנצעס פאַרשאָטן מיט שראַפּנעלן. כ׳האָב אוועקגעלייגט דעם פעלדפעבעל אין א טאָל און ארויס אפן וועג אָפּזוכן, ווער עס זאָל מיר העלפן. גאָט האָט מיר צוגעשיקט א סאַניטאַר פון דער 9־טער ראָטע מיט א נאָסילקע. מיר האָבן דעם פאַרווונ־דעטן אוועקגעטראָגן אין לאַזאַרעט, נאָר ביזוואַ־נען מיר האָבן אים אהין געבראַכט, איז ער בא אונדז אף די הענט אויסגעגאַנגען. איך בין אוועק צוריק אין ראָטע. ווי נאָר איך האָב גענומען די ביקס אין האַנט, האָט מיר געטראָפן אין דער רעכטער האַנט א שראַפּנעל, און די ביקס איז צעבראָכן געוואָרן אף שטיקלעך. קיין סאַני־טאַרן זײַנען ניט געווען, האָט מיך דער ראָטנער קאָמאַנדיר איבערגעבונדן מיט א שטיקל לײַוונט און געהייסן אליין זיך אוועקלאָזן אפן סאַניטאַר־פונקט. איך בין אָפּגעלאָפן א פופציק טריט און געדאַרפט אראָפּגיין פונעם באַרג, נאָר ס׳האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ, איך האָב זיך אראָפּגעקײַקלט אין טאָל און בין געבליבן ליגן אין כאַלאַשעס. דאָס העמד מײַנס איז גע־ווען אויסגעווייקט אין בלוט. צוויי אָפּיצערן און א סאָלדאַט האָבן מיך אופגעהויבן און אָפּגע־טראָגן מיך צום סאַניטאַר־פונקט. פון דאָרטן האָט מען מיך אָפּגעפירט אין גאָספּיטאַל. דאָרט האָט מען מיך באַלד גענומען אין דעם באַנ־דאַזש־צימער און דער דאָקטער האָט געזאָגט, אז מע דאַרף מאַכן אַן אָפּעראַציע. איך האָב גע־בעטן, מע זאָל זי וואָס גיכער מאַכן און אראָפּ־נעמען די האַנט.

ביז מע האָט גענומען די האַנט אראָמוואַשן, בין איך געבליבן אין כאַלאַשעס. די דאָקטוירים האָבן מיר קיין שלאָף־געטראַנק ניט געוואָלט געבן, ווײַל דאָס האַרץ איז זייער א שוואַכס. מע האָט מיר בלויז געגעבן עפּעס א שמעק טאָן און איך בין אײַנגעשלאָפן. איך האָב געפילט ווי ס׳איז דורכגעגאַנגען די אָפּעראַציע.

ווען כ׳האָב זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף אפן בעטל, איז לעבן מיר געזעסן די קראַנקן־שוועס־טער. איך האָב זיך דערוווּסט, אז מע האָט מיר אראָפּגענומען צוויי פינגער. די שוועסטער האָט מיך גענומען טרייסטן: מיסטאמע איז מיר באַשערט צו בלײַבן א קאַליקע, ס׳איז דאָך בעס־סער, איידער צו וואַלגערן זיך אפן פעלד א געהאַרגעטער.

אפן דריטן טאָג נאָך דער אָפּעראַציע, ווען מע האָט מיך גענומען אף דער פערעוויאַזקע, האָט דער דאָקטער באַטראַכט די האַנט און זיך באַלד גענומען אייצענען מיטן הויפּט־דאָקטער: אזוי ווי די האַנט איז פיל ערגער געוואָרן, דאַרף מען מאַכן א קאָנסיליום צו באַשטימען, צי מע זאָל די האַנט אינגאַנצן אראָפּנעמען, אָדער וואַרטן נאָך א פּאָר טעג. איך האָב געבעטן, מע זאָל צוּוואַרטן.

דער הויפּט־דאָקטער האָט זיך צוגעהערט צו מײַן פאַרלאַנג און האָט די אָפּעראַציע אָפּגע־לייגט. ער האָט אָנגעזאָגט, מע זאָל מיר מאַכן צוויי מאָל אין טאָג מאַסאַזשן, וועט מען דער־נאָך זען וואָס צו טאָן.

און די באַלאַגערונג פון פּאָרט־אַרטור האָט געדויערט. אלע אונדזערע וועגן זײַנען געווען פון אלע זײַטן אַרומגערינגלט מיצאַד די יאַפּאַנ־צעס. עס טרעפט אף דער וועלט, אז מענטשן זיצן פאַרשפּאַרטערהייט אונטער גראַטעס, נאָר מיט זייער לעבן זײַנען זיי פאַרזיכערט. זיי ווייסן, אז ווען זיי וועלן איבערקומען די שלעכ־טע צײַט, וועט מען זיי ארויסלאָזן אף דער פרײַ. מיר אָבער האָבן אינגאַנצן אונדזער האָ־פענונג פאַרלאָרן.

פיל סאָלדאַטן זײַנען געשטאָרבן פון די וווּנדן און פון ניט דערעסן. מע פלעגט אוועקשטעלן לעבן דעם קראַנקן א טעלער מיט סוף פון כי־נעזישער טשומיזע, אָבער נעמען דאָס אין מויל ארײַן האָט ער ניט געקאָנט.

אפן פערטן טאָג האָט מען מיך גענומען צו דער פערעוויאַזקע. איך האָב געפילט, אז דער ווייטעק איז געוואָרן גרינגער. דער הויפּט־דאָק־טער האָט באַטראַכט די וווּנד און געזאָגט, אז איך האָב שוין, א דאַנק גאָט, די האַנט מײַנע. ער האָט באַמערקט, אז כאָטש זי וועט מיר ניט דינען, נאָר איך וועל האָבן כאָטש א פאָרמע פון א האַנט.

אָנהייבנדיק פון דעם 26 יול, ווען עס איז פאָרגעקומען די שלאַכט, אין וועלכער מע האָט מיך פאַרווונדעט, ביזן 6 אויגוסט איז געווען שטיל, און די פאַרווונדעטע האָבן געקאָנט ליגן רויק.

דעם 5 אויגוסט האָבן די יאַפּאַנצעס באַקומען א באַפעל פון זייער קייסער, זיי זאָלן אין מעשעך פון דער קומענדיקער וואָך זיך שלאָגן ביזן לעצטן סאָלדאַט און צונעמען די שטאָט.

האָבן זיי אָנגעטריבן זייער א סאַך מיליטער. בא אונדז אָבער איז געבליבן ווייניק קויכעס, ווײַל א סאַך זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן און אף זייער אָרט האָט מען קיין אַנדערע ניט

געהאט פונוואנען צו ברענגען. סנאריאדן זײַנען אויך געבליבן ווייניק, נאָר אונדזער נאטשאַלסטווע האָט געזאָגט, אַז מע וועט זיך שלאָגן ביזן לעצטן סאָלדאט, און די שטאָט וועט מען ניט אָפּגעבן.

דעם 5 אווגוסט דרײַ אזייגער פארטאָג איז צוגעשווומען דער יאפּאָנישער פלאָט און אָנגעהויבן אָנגרײַפן אף פּאָרט־ארטור. אונדזערע פארבליבענע פון דער לעצטער שלאכט שיפן זײַנען ארויס אינמיטן יאם זיך שלאָגן מיטן סוינע, האָט ער די לעצטע אונדזערע שיפן דערטרונקען.

עס האָט זיך אופגעהויבן א שטורעם, וואָס ביז דעם טאָג האָט מען נאָך אזא ניט געזען. פון איין ברעג שטאָט ביז דעם צווייטן האָבן די פאָרטן פון דער פעסטונג געברענט. די 18־פודאָווע סנאריאדן זײַנען געפלויגן איבער די גאסן, אזוי ווי א גרויסער האָגל. עס האָט פארדעקט מיט זיך די שטאָט דער רויך פון די אונטערגעצונדענע הײַזער.

אויך אין שפּיטאָל האָבן געטראָפן סנאריאדן. אייניקע פארווונדעטע זײַנען געהארגעט געוואָרן אף די בעטלעך. אין דער דריטער פּאלאטע האָט א סנאריאד אופגעריסן דרײַ סאָלדאטן, וואָס זײַנען געלעגן אָן פיס. באלד איז ארויס אן עקסטרער באפעל, מע זאָל אונדז אריבערטראָגן אין אן אנדער אָרט. סאניטארן מיט נאָסילקעס האָבן דאָס גיך אָפּגעטאָן. פארבליבן זײַנען נאָר דער פראָוויזאָר מיט צוויי אפּטייקערס, האָט א סנאריאד געטראָפן גלײַך אין אפּטייק און זיי דערהארגעט.

עס איז ניט געווען, ווו צו באהאלטן זיך פון דעם שרעקלעכן פײַער. דעם שפּיטאָל האָט מען אין מעשעך פון א פּאָר טעג איבערגעפולט מיט פארווונדעטע. עס איז ניט געווען, ווו צו לייגן די נאָסילקעס, און די מענטשן פלעגן אויסגיין, ליגנדיק אינמיטן דער גאס. די דאָקטוירים מיט די פעלדשערס האָבן געארבעט טאָג און נאכט, אָבער זיי האָבן ניט באוויזן צו מאכן די באנדאזשן.

דער שרעקלעכער שטורעם האָט געדויערט זעקס מעסלעס, טאָג און נאכט, ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אף קיין איין מינוט. באטאָג פלעגן די יאפּאָנצעס ניט צוגיין נאָענט, נאָר באנאכט האָבן זיי שטארק אטאקירט, און אונדזערע פלעגן זיך אָפּשלאָגן מיט די באגנעטן. צו די סאָלדאטן, וואָס זײַנען געשטאנען אין די אָקאָפּעס, האָט מען ניט געקאָנט צופירן עפּעס צו עסן. וועגן שיקן עמעצן פון דאָרט נאָך ברויט באטאָג האָט ניט געקאָנט זײַן קיין רייד. דאָס פלעגט מען טאָן נאָר באנאכט. מע האָט געציילט די מינוטן, ביזוואנען די שליכים זאָלן קומען צוריק, נאָר אומזיסט איז געווען דאָס ווארטן — די מערהייט פון זיי האָבן זיך שוין צוריק ניט אומגעקערט.

די געהארגעטע סאָלדאטן האָט מען ניט געקאָנט צונויפקלײַבן, ווײַל מע האָט ניט געזען די הארוגים איבערן פינצטערן רויך.

אז מע האָט דערלעבט דעם זיבעטן טאָג, דאָס איז געווען דעם 12־טן אווגוסט, איז דאָס פײַער שטילער געוואָרן, און אונדזערע האָבן זיך אָנגעהויבן ארומקוקן. אין אייניקע ראָטעס, וועלכע האָבן פריִער אָנגעציילט צו 300 מאן, זײַנען געבליבן ניט מער, ווי 30. אף די בערג זײַנען געלעגן קופּעס געהארגעטע מענטשן, און אונטערן בארג זײַנען די הארוגים געווען צוויי מאָל אזויפיל.

מע האָט געגעבן א באפעל: גיין צונויפקלײַבן די געהארגעטע. א סאך זײַנען אליין געגאנגען זוכן די קערפּערס פון זייערע כאווײרים. מע האָט אָפּט ניט געקאָנט אָפּטיילן די מייסים — אונדזערע פון די יאפּאָנצעס. די ייִדן זײַנען געלאָפן אָפּזוכן די ביינער פון פרומע ייִדישע סאָלדאטן, מע זאָל זיי ניט לייגן צוזאמען מיט די קריסטן, נאָר מע האָט ניט געקאָנט דערקענען דאָס געשטאלט פון א מענטשן. האָט מען געגראָבן גרויסע גריבער און געלייגט צו 200 אין א גרוב.

אזוי האָט געדויערט ביזן 6־טן סענטיאבער. ס׳פלעגן אָפּטער זײַן שלאכטן, צו צוויי אָדער דרײַ טעג נאָכאנאנד. אָפּרוען האָט דער סוינע ניט געלאָזט. באטאָג פלעגט גיין א שלאכט, און באנאכט האָט מען געדארפט פאריכטן די אָקאָפּעס.

די שטאָט איז אלע טאָג באשאָסן געוואָרן מיט סנאריאדן. מע האָט ניט געקאָנט אײַנזיצן אין די הײַזער. אז עס פלעגן פאלן סנאריאדן אין שפּיטאָל, פלעגן די פארווונדעטע, וועלכע האָבן געקאָנט גיין אף זייערע פיס, לויפן אין די טיפע בלינדאזשן צו באהאלטן זיך, און די פארווונדעטע, וועלכע זײַנען נעבעך געלעגן צוגעשמידט צו די בעטלעך, האָבן געזען דעם טויט פאר די אויגן.

דעם 6־טן סענטיאבער — דאָס איז געווען אקוראט יאָמקיפּער — האָבן די ייִדישע סאָלדאטן אין די אָקאָפּעס זיך דערמאָנט, אז מאָרגן איז בא אונדז דער יוים האדין. זיי האָבן געבעטן, מע זאָל זיי אָפּלאָזן אין שטאָט צו קאָלנידרע, האָט מען זיי געענטפערט, אז אויב מאָרגן וועט זײַן שטיל, וועט מען זיי אָפּלאָזן אין שטאָט דאווענען.

עס איז געקומען דער אינדערפרי, און עס איז געווען, א דאנק גאָט, שטיל, ווי עס וואָלט טאקע געווען דער זכוס פון יוים האדין. די ייִדן האָבן זיך צונויפגענומען צוזאמען און מע איז אוועק אין שול דאווענען. מיר זײַנען געקומען אין שול, און געבעטן גאָט, ער זאָל אָנעמען אונדזערע ביטערע טרערן באם איצטיקן יוים האדין, אז מיר זאָלן אינעם נײַעם יאָר געהאָלפן ווערן פון נעם שרעקלעכן פײַער, וואָס צווישן אונדז האָט געברענט, און זאָל ער קוקן אף אונדזער יונג בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן אזוי ווי וואסער, און מיר זאָלן ווערט זײַן אינעם נײַעם יאָר צו זען זיך מיט אונדזערע עלטערן.

מיר האָבן געדאוונט ביז איינס אזייגער באטאָג, ארויסלויפנדיק אלע מאָל א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אף די פּאָזיציעס. ס׳איז געווען

שטיל, דער טאָנעס האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר א גרינגן, וואָרעם אין די אָקאָפּעס האָט מען זיך פון עסן אָפּגעווינט, און ס'איז געווען ניט קיין נאָווינע צו פאַסטן. מיר האָבן זיך אוועקגעשטעלט דאַוונען מיסעף, און אַז דער כאַזן האָט גענומען זאָגן אונעסאַנע טויקעף און איז דערגאַנגען צום וואָרט „מי וואָכערעוו", האָבן מיר זיך אַלע אַזוי שטאַרק צעוויינט, אַז דער מאַכזער איז צעווייקט געוואָרן פון אונדזערע טרערן. כערעוו, הייסט א שווערד, און די שווערד איז געלעגן אויף אונדזער האַלדז. מיר האָבן געבעטן גאָט, אַז אויפן נײַעם יאָר זאָל צעריסן ווערן די שלעכטע גזיירע, וואָס איז אויף אונדז ניגזער געוואָרן.

מע האָט ניט באַוויזן אָפּדאַוונען מויסעף, האָט מען מיטאַמאָל דערהערט א שרעקלעכע שיסערײַ פון די יאַפּאַנישע האַרמאַטן, און אונדזערע פּאַרטן האָבן אויך אָנגעהויבן צו ענטפערן. אייניקע סנאַריאַדן זײַנען געפאַלן לעבן דעם הויז, ווו מיר האָבן געדאַוונט, ס'האָט אָבער קיינעם ניט אָנגערירט. אייניקע זײַנען ארויסגעלאָפן אין גאַס און האָבן דערזען, אַז אויפן רעכטן פלאַנג גייט א שטאַרקע שלאַכט. זײַנען זיי אַרײַן צוריק, געכאַפּט די ביקסן און די פּאַטראָנעס, וועלכע יעדערער האָט געהאַט לעבן זיך, און אוועק.

נאָך אונדז, דאָס הייסט, נאָך די פאַרוווּנדעטע, וואָס דער דאָקטער האָט אונדז אָפּגעלאָזט גיין דאַוונען, איז באַלד געקומען א סלוזשיטעל און אונדז צוגענומען אין שפּיטאָל. איך האָב זיך געזעגנט מיט מײַנע כאַווירים, און מיר האָבן געוווּנטשן איינער דעם צווייטן, מע זאָל זיך זען ווידער געזונטערהייט. נאָר אייניקע פון מײַנע כאַווירים האָב איך שוין פיר אַזייגער פאַרנאַכט באַגעגנט אין שפּיטאָל מיט שרעקלעכע וווּנדן. אַנדערע האָב איך שוין קיינמאָל מער ניט געזען.

אייניקע יידן, מיט וועלכע מיר האָבן געדאַוונט צוזאַמען, זײַנען געווען אין די ראָטעס, וואָס זײַנען געשטאַנען אויף דער פּאָזיציע „וויסאָקאַיאַ גאָראַ", אויפן לינקן פלאַנג. דאָס איז דער לעצטער באַרג לעבן דער שטאָט. זייער א הויכער, מיט אַן אויג ניט צו דערגרייכן.

די, וואָס זײַנען איבערגעבליבן אין שול, האָבן זיך געײַלט אָפּדאַוונען מינכע און לויפן אויף דער פּאָזיציע, זיי האָבן געזאָגט איינער דעם צווייטן, אַז עס קאָן נאָך פאָרקומען א שלאַכט אויפן לינקן פלאַנג. און אַזוי איז טאַקע פאָרגעקומען. ווען מע האָט זיך געשטעלט זאָגן נילע, איז אַרײַנגעלאָפן א סאָלדאַט און אויסגעשריגן: „ברידער, אויף דער וויסאָקאַיאַ גאָראַ גייט זייער א שרעקלעכע שלאַכט, נאָך א גרעסערע, איידער אויפן רעכטן פלאַנג". אַלע זײַנען גלײַך אוועקגעלאָפן אויף די פּאָזיציעס, ווו דאָס פײַער האָט זיך פון שאָ צו שאָ געשטאַרקט. דער הויכער באַרג האָט געברענט מיט א העליש פײַער, מע האָט ניט געקאָנט צוטרעטן צו אים — דער סוינע האָט פאַרוואָרפן די פּאָזיציע מיט 11־דיווימאָווע סנאַריאַדן.

עס האָט געדויערט ביז זעקס אַזייגער פאַרנאַכט. מע האָט אָנגעהויבן צו טראָגן פאַרוווּנדעטע. עס זײַנען געוואָרן פול אַלע לאַזאַרעטן און ס'איז ניט געווען קיין אָרט ווו צו לייגן. האָט מען די פּרײַערדיקע פאַרוווּנדעטע צעלייגט אויף דער ערד.

אין דער נאַכט פון מאָצאָ יאָמקיפּער האָבן די דאָקטוירים און די פעלדשערס אָנגעטאָן ווײַסע כאַלאַטן און זיך אוועקגעשטעלט אַרבעטן. א גאַנצע נאַכט האָבן זיי זיך ניט צוגעזעצט — אַזויפיל אָפּעראַציעס האָט מען געדאַרפט מאַכן. גרינג פאַרוווּנדעטע זײַנען געווען ווייניק. די שוועסטער פלעגן זיך ניט קאָנען ספּראַווען מיט פּאַנאַנדערוועקן די אײַנגעשלאָפענע. די סאַניטאַרן זײַנען פאַרמאַטערט געוואָרן, שלעפנדיק די נאָסילקעס פונעם הויכן באַרג. אייניקע פאַרוווּנדעטע פלעגן אַראָפּפאַלן פון די נאָסילקעס אויף די האַרטע שטיינער און דאָרטן שוין פאַרבלײַבן.

די שלאַכט האָט געדויערט א גאַנצע נאַכט. ס'איז ניט געווען, ווו צו לייגן די פאַרוווּנדעטע. די נאָסילקעס מיט די מענטשן זײַנען געשטאַנען אין שפּיטאָל און אויף דער גאַס, אייניקע זײַנען געשטאָרבן אויף די נאָסילקעס אָן באַנדאַזשן.

דאָס פײַער האָט געברענט אויפן הויכן באַרג אַכט מעסלעס — טאָג און נאַכט, פונעם 6־טן ביזן 14־טן סענטיאַבער. די יאַפּאַנצעס זײַנען אָן אויפהער געקראָכן אויפן באַרג. טאָמער נעמען זיי אים צו, זײַנען זיי שוין אין שטאָט. נאָר אונדזערע האָבן פיל בלוט פאַרגאָסן און דעם באַרג ניט אָפּגעגעבן.

דעם לעצטן טאָג האָט דער סוינע א שפּאָר געטאָן מיט זייער א גרויסער קראַפט און דעם באַרג פאַרנומען. באַלד האָבן אונדזערע צונויפגענומען די פּאָליצייסקע און ווי עס האָט זיך געפונען א פּרײַער דרוזשיניק, מע האָט זיי ארויסגעגעבן ביקסן, און מע איז אוועק אויפן באַרג. די גאַנצע נאַכט איז געגאַנגען א שרעקלעכע שכיטע מיט באַגנעטן און מיט פּיראָקסילין־באָמבעס, וועלכע זײַנען געווען נאָך ערגער, איידער סנאַריאַדן. אַז מע פלעגט אַרײַנוואַרפן א 20־פונטאָווע באָמבע אין א יאַפּאַנישן אָקאָפּ, איז געווען צו זען, ווי עס פליִען הענט מיט פיס. ווען די יאַפּאַנצעס זײַנען זיך צעלאָפן פון די אָקאָפּעס, האָט מען זיי מיט די באַגנעטן געקאָנטשעט. ביז פאַרטאָג האָט מען זיי פאַריאָגט פונעם באַרג, און דאָס פײַער איז שטיל געוואָרן.

אָבער נאָכן שרעקלעכן שטורעם איז בא אונדז קיין מיליטער שוין ניט געבליבן, און קיין סנאַריאַדן זײַנען אויך ניט געווען. דאָס גאַנצע מיליטער, וואָס איז איבערגעבליבן, איז געווען ווייניק צו מאַכן א קייט פונעם רעכטן ביזן לינקן פלאַנג — א מעהאַלעך פון 27 וויאָרסט. א סנאַריאַד האָט געטראָפן אין דעם זאַפּאַס פון סוכאַרעס. אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן.

די נאַטשאַלסטווע פלעגט אונדז טרייסטן. אָפּיצערן האָבן געזאָגט, אַז ביז אַהער האָט מען געליטן און איצט איז שוין געבליבן ווייניקער צו מוטשען זיך — אין קומענדיקן כוידעש וועלן

מיר אויסגעלייזט ווערן פון אונדזער פּינצטערער אָסאַדע. און מיר האָבן געגלייבט. זיי פלעגן זאָגן, אַז עס וועט זײַן נאָך איין שטורעם, און ווען די יאַפּאַנצעס וועלן ניט נעמען די שטאָט, וועלן זיי אָפּטרעטן פון פּאָרט־אַרטור.

דער איבעררײַס האָט געדויערט פונעם 14־טן סענטיאַבער ביזן 13־טן אָקטיאַבער, ס'איז געווען, א דאַנק גאָט, שטיל. מיר האָבן זיך שוין געפרייט, געמיינט, אַז עס איז געקומען א סאָף צו אונדזערע צאָרעס. פאַר דעם כּוידעש צײַט, וואָס קיין שלאַכטן זײַנען ניט געווען, האָבן אונדזערע פאַריכט די אָקאָפּעס. די גרינג פאַרווונדעטע האָבן זיך פאַר דער צײַט אויסגעשריבן פון שפּיטאָל און זײַנען ווידער אַוועק אַף די פּאָזיציעס. אייניקע סאָלדאַטן זײַנען געווען צו פיר און צו פינף מאָל פאַרווונדעט. זיי האָבן ניט געהאַט, מיט וואָס צו דערקוויקן די נעשאָמע, נאָר פונעם פאַרגעניגן, וואָס זיי זײַנען געלעגן רויִק אַף די בעטלעך און קיין סנאַריאַדן זײַנען ניט געפלויגן, פלעגן זיי פון טאָג צו טאָג קומען צו־זיך, בעסער ווי זיי וואָלטן טרינקען דעם בעסטן סאָרט ווײַן. די שוועסטער פלעגט צוגיין צו די קראַנקע מיט א פריילעך פּאָנעם און טײַנען: „איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז מע דאַרף זיך ניט זאָרגן, מיר וועלן אינגיכן אויסגעלייזט ווערן פון אָט דער פּינצטערער אָסאַדע”... די פאַרווונדעטע, וועלכע האָבן זיך שוין געקאָנט אַרומשלעפּן אַף זייערע קוליעס, פלעגן אַרויסגיין אַף דער גאַס, זיך אַרומקוקן און אונטערמינטערן איינער דעם צווייטן, ווײַל די נאַטשאַלסטווע האָט צוגעזאָגט, אַז הײַנט־מאָרגן וועט קומען אונדזער פלאָט און פאַריאָגן פונדאַנען דעם יאַפּאַנעץ.

די פרייד האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט. דעם 12־טן אָקטיאַבער האָבן אונדזערע באַמערקט, אַז דאָס יאַפּאַנישע מיליטער גייט צו נאָענט צו פּאָרט־אַרטור מיט א גרויסן אָבאָז סנאַריאַדן. באַלד האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז עס וועט זײַן א שטאַרקער אָנגריף אַף דער פעסטונג.

סנאַריאַדן זײַנען בא אונדז געווען זייער ווייניק, נאָר די קאָמאַנדשאַפט האָט באַפוילן, מע זאָל זיך שלאָגן ביז די לעצטע קויכעס, וואָרעם דאָס וועט זײַן דער לעצטער שטורעם, און אויב מע וועט אײַנהאַלטן די שטאָט און ווער עס וועט בלײַבן לעבן, וועט מען אַפילע ניט הערן קיין שאָס פון א ביקס אין פּאָרט־אַרטור.

פון אַלע שפּיטאָלן האָט מען אויסגעשריבן די אַרומגייענדיקע פאַרווונדעטע — ווער עס האָט נאָר געקאָנט האַלטן א ביקס — און אַרויסגעשיקט זיי אַף דער פּאָזיציע, אַפילע אַזעלכע, בא וועמען די ווונדן האָבן זיך נאָך ניט פאַרהיילט.

דעם 13־טן אָקטיאַבער צען אַזייגער אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבן א שטורעם פונעם רעכטן ביזן לינקן פלאַנג. דאָס פײַער האָט געברענט אפן גאַנצן פראָנט. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן א שרעקלעכע שיסערײַ פון די מיליטערישע שיפן. עס איז געווען אוממעגלעך צו אײַנשטיין אין שטאָט פון דעם אוממפהערלעכן קלאַפּן פון די האַרמאַטן.

אינעם 6־טן שפּיטאָל זײַנען די דאָקטוירים געשטאַנען אין דער פּערעוויאַזאָטשנע און איבערגעבונדן די פאַרווונדעטע. מיטאַמאָל האָט געטראָפן א סנאַריאַד גלײַך אין פענצטער און אַף אייביק באַרויִקט סײַ די קראַנקע, סײַ די דאָקטוירים.

די יאַפּאַנצעס האָבן פאַרוואָרפן אונדזערע פאָרטן מיט 12־דויִמאָווע סנאַריאַדן, דאָס הייסט — יעדער סנאַריאַד וועגט 25 פוד. די פאָרטן האָבן אויך געהאַט האַרמאַטן — ביז 900 שטיק אין יעדערן, נאָר וואָס פאַר א פּאָלזע האָבן מיר פון זיי געקאָנט האָבן, אַז בא אונדז זײַנען קיין סנאַריאַדן ניט געווען. דער יאַפּאַנעץ האָט ניט אויפגעהערט צו שיסן, און אונדזערע באַטאַרייעס האָבן געשוויגן, וואָרעם יעדע באַטאַרייע האָט געהאַט בלויז עטלעכע סנאַריאַדן, וועלכע מע פלעגט אָפּהיטן, ביזוואַנען די יאַפּאַנצעס וועלן צוגיין נעענטער. דערזען, אַז זייערע קאַלאָנעס דערנעענטערן זיך, פלעגן אונדזערע באַטאַרייעס זיי מעכאַבעד זײַן, און זיי פלעגן אָנהויבן פאַלן ווי די פליגן. כאָטש אויך אונדזער בלוט האָט זיך געגאָסן אַזוי ווי וואַסער, דאָך האָבן די יאַפּאַנצעס ניט געקאָנט אײַנעמען פּאָרט־אַרטור. עס האָבן זיך ניט געפונען אַזויפיל ציגל אין די מויערן פון דער שטאָט, וויפל יאַפּאַנצעס מיר האָבן אויסגעלייגט. אונדז איז געווען זייער שווער, נאָר זיי האָט אויך גענוג געקאָסט דער שטורעם.

די דאָזיקע שלאַכט האָט געדויערט פונעם 13־טן ביזן 12־טן אָקטיאַבער. אַכט מעסלעס, טאָג און נאַכט. אַלע האָבן שוין געזאָגט, אַז מיר וועלן אויסהאַלטן דעם שטורעם, און יאַפּאַניע וועט מער ניט אָנגרײַפן אַף דער שטאָט. די נאַטשאַלסטווע האָט אונדז געטרייסט, אַז אין דעם כּוידעש וועט צוקומען אונדזער מיליטער און אַרויסראַטעווען אונדז פון דעם סוינעס רינג. געשען איז אָבער אַזוי, אַז קיין שום מיליטער האָט זיך צו אונדז ניט געקאָנט דורכשלאָגן.

עס איז געקומען דער אַכטער מעסלעס פון דער שרעקלעכער שלאַכט. די יאַפּאַנצעס האָבן א שפּאַר געטאָן מיט א גרויס כּאַיל און פאַרנומען דעם צווייטן און דעם דריטן פאָרט. נאָר אונדזערע האָבן זיך געשלאָגן ביז די לעצטע קויכעס און מיט די באַגנעטן אָפּגערייניקט די פאָרטן. אפן נײַנטן מעסלעס איז דאָס פײַער געשטילט געוואָרן, נאָר די יאַפּאַנצעס זײַנען נאָך אַלץ געבליבן זיצן אַף דער זײַט פּאָרט־אַרטור. די אָקאָפּעס זײַנען געווען פול מיט געהארגעטע.

די צײַט איז געגאַנגען, אונדזער הילף איז נאָך געווען זייער ווײַט פון אונדז, און די יאַפּאַנצעס — אַלץ נעענטער און נעענטער. אונדזערע האָבן שוין גערעדט, אַז טאָמער וועט דער סוינע נאָך איין מאָל שטורמעווען די פעסטונג, וועט ער געוויס אַרײַן אין שטאָט און אַלעמען אויסהארגענען.

דער קאָמענדאַנט פון פּאָרט־ארטור גענעראַל סטעסעל האָט זיך געהאַלטן זייער פעסט. ער האָט געזאָגט: „ביזוואַנען זיי וועלן ניט דערהארגענען ביז איין מענטשן, מיך מיט מײַן פרוי מיט מײַנע קינדער, וועלן זיי אהער ניט ארײַנגיין. קאַלזמאַן אין דער שטאָט וועלן זיך געפינען צען סאָלדאַטן מיט הונדערט פּאַטראָנעס, וועל איך די שטאָט ניט אוועקגעבן. אונדזער לעבן איז שוין אלציינס פארפאַלן, וואָרעם די יאַפּאָנצעס, אויב זיי וועלן זיך דורכרײַסן, וועלן זיי קיינעם ניט שאַנעווען".

פונעם 22־טן אָקטיאַבער ביזן 10־טן נאָיאַבער — נײַנצן מעסלעס — איז געווען ווידער שטיל. דערווײַל האָבן די יאַפּאָנצעס דערזען, אז מע קאָן אזוי די פאָרטן ניט נעמען, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו אונטערגראָבן אונטער זיי. זיי זײַנען שוין געווען זייער נאָענט, ניט מער ווי 25 טריט. אונדזערע אָקאָפּעס האָבן זיך געפונען אפן בארג, און די יאַפּאָנישע — אונטערן בארג, און מיט א ביקס האָט מען שוין ניט געקאָנט שיסן, ווײַל דער סוינע איז געווען צו נאָענט, פלעגט מען זיך שלאָגן מיט שטיינער. שטיינער זײַנען געווען אף די בערג מער איידער סנאַריאַדן. ווען ס'וואָלטן געווען בא אונדז סנאַריאַדן, וואָלטן די יאַפּאָנצעס אזוי נאָענט ניט צוגעגאַנגען צו די פאָרטן.

ליגנדיק אף די בערג, פלעגן אונדזערע הערן, ווי די יאַפּאָנצעס גראָבן אונטער די פאָרטן, האָט מען גענומען גרויסע שטיינער, וואָס דרײַ מענטשן פלעגן קוים זיי אופהייבן, און ארײַנווארפן צו די יאַפּאָנצעס אין אָקאָפּ. מע האָט נאָר געהערט א געשריי: „אלא אלא!" אונדזערע האָבן ניט פארשטאַנען, וואָס זיי שרײַען, נאָר מיר פלעגן זען, וויאזוי זיי טראָגן ארויס געהארגעטע. אָבער אפן אָרט פון די געהארגעטע מיט קיין אנדערע שוין ניט געקאָנט פארבײַטן — קיין מענטשן זײַנען ניט געווען.

דעם 8־טן נאָיאַבער האָט דער יאַפּאָנישער גענעראַל אײַנגעלאַדן דעם גענעראַל סטעסעל אף אונטערהאַנדלונגען, און צווישן זיי איז פאָרגעקומען א געשפּרעך. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז דער יאַפּאָנישער גענעראַל האָט צו אונדזערן אזוי געזאָגט: „עס איז שוין גענוג צו פארגיסן בלוט פאר פּאָרט־ארטור, אלציינס וועלן מיר די פעסטונג אײַננעמען. אויב איר וועט ניט אָפּגעבן די שטאָט מיט גוטן ווילן, וועלן מיר ארײַנגיין אהער מיט קויעך און וועלן דעם לעצטן אויסהארגענען, איז שוין גלײַכער, אז די פארבליבענע סאָלדאַטן זאָלן בלײַבן לעבן, וואָרעם די שטאָט איז שוין אלציינס קימאַט אונדזערע".

אונדזער גענעראַל האָט געענטפערט: „מיר וועלן זיך שלאָגן ביז דעם לעצטן סאָלדאַט, און די שטאָט וועלן מיר ניט אוועקגעבן. אז עס וועט ניט בלײַבן קיין איין סאָלדאַט אין פּאָרט־ארטור, דעמלט וועט איר אהין ארײַן".

דעם 9־טן נאָיאַבער האָט סטעסעל ארויסגעגעבן א באַפעל, מע זאָל אויסשרײַבן די קראַנקע פון די שפּיטאָלן — אלעמען, ווער עס קאָן ארומגיין איבער דער פּאַלאַטע, זאָל מען שיקן אף דער פּאָזיציע, און אויך די סלוזשיטעליעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די שפּיטאָלן, זאָלן נעמען געווער אין האַנט. מע האָט זיי ארויסגעגעבן ביקסן און צעשטעלט אין די אָקאָפּעס.

אין יענעם טאָג האָט א ליכטיקע זון געשײַנט זייער שיין. מיר האָבן זיך געגרייט צו באַגעגענען אונדזערע טײַערע געסט — די יאַפּאָנצעס. א גוטן קיבעד האָט מען אָנגעגרייט אף די פּאָרטן: אלערליי מינים סנאַריאַדן מיט פּיראָקסילין־באָמבעס און פּאַטראָנעס. אָבער סײַוויסײַ איז דאָס געווען ווייניק. ווען מיר וואָלטן געהאַט מערער, וואָלט אונדז ניט אויסגעקומען צו ווערן מעכוטאָנים מיט יאַפּאָניע...

דעם 10־טן נאָיאַבער איז דער גענעראַל סטעסעל געקומען צו פאָרן אף דער פּאָזיציע און געהאַלטן פאַר די פארביטערטע סאָלדאַטן א רעדע: „ברידער, דאָס וועט שוין זײַן דער לעצטער שטורעם אף פּאָרט־ארטור, און גאָט ווייסט, צי מיר וועלן אויסהאַלטן דאָס שרעקלעכע פײַער, וואָס גייט אף אונדז, וואָרעם בא אונדז איז שוין ניטאָ, מיט וועמען צו שלאָגן זיך. נאָר קאַלזמאַן מיר קאָנען האַלטן די ביקס אין די הענט, וועלן מיר זיך שלאָגן, און איך וועל אויך זײַן מיט אײַך אף דער פּאָזיציע". דער גענעראַל האָט קיין אנדער ברירע ניט געהאַט, ווײַל אין שטאָט איז נאָך געווען ערגער, איידער אף דער פּאָזיציע, מענטשן פלעגן געהארגעט ווערן אין די שלאָפצימערן...

דער גענעראַל איז אוועקגעפאָרן אף זײַן קוואַרטיר, און, ווי מע האָט שפּעטער דערציילט, זיך געזעצט מיט דער מישפּאָכע עסן וואַרמעס. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, אז דער וואַרמעס איז געווען ניט קיין שלעכטער, אָבער אזויווי זיי זײַנען געזעסן באַם טיש, האָט זיך דערהערט אַן אופרײַס. דעם גענעראַלס עלטערע טאָכטער, א באַרישניע פון א יאָר זיבעצן, איז ארויסגעלאָפן פון שטוב און דערזען, אז א יאַפּאָנישער סנאַריאַד האָט געטראָפן אין קאָניושניע און דערהארגעט דאָס פערד, אף וועלכן סטעסעל פלעגט פאָרן. עס האָט געקאָסט אַן ערעך 400 רובל. אז זי האָט דאָס דערזען, איז זי ארײַנגעלאָפן אין שטוב אין איינע שרעק און אפילע ניט געקאָנט ריידן. איז געוואָרן אין שטוב זייער א גרויסער גערודער. דער צווייטער סנאַריאַד האָט געטראָפן אין קיך און האָט שווער פארוווּנדעט דעם קעכער. ס'האָט זיך אופגעהויבן א געשריי, מע האָט געוויינט, געיאָמערט, נאָר דער גענעראַל האָט אויך דאָ מיט גאָרנישט ניט געקאָנט העלפן.

עס איז דורכגעגאַנגען דער טאָג, און מער קיין סנאַריאַדן זײַנען ניט געפאַלן. אין אָוונט איז סטעסעל אוועקגעפאָרן אף דער פּאָזיציע. די נאַכט איז געווען זייער א פינצטערע, און דערצו האָט שטאַרק גערעגנט. פּראָזשעקטאָרן האָבן באַלויכטן דעם גאַנצן ארום, די יאַפּאָנצעס האָבן ניט אופגעהערט צו וואַרפן ראַקעטעס. ס'איז געווען שטיל.

שטייענדיק אין די אַקאָפּעס, האָבן די סאָלדאַטן גערעדט צווישן זיך, אַז עפּשער איז דאָס שוין טאַקע אָן עמעס דער לעצטער שטורעם, און מיר וועלן, ענדלעך, פּאַטער ווערן פֿון דער מוטשעניע, אָבער די שלאַכט וועלן מיר — שוין געוויס ניט געווינען.

אַז מע האָט דערלעבט דעם ליכטיקן טאָג, איז געוואָרן אַ ביסל גרינגער אַפן האַרצן. אַכט אַזייגער אינדערפֿרי האָט מען צוגעפֿירט די פּאָכאָדנע קיך און יעדער איז געלאָפֿן מיט זײַן קאָטיעלאָק נאָך דעם פֿרישטיק — כינעזישע טשומיזע מיט פֿערדן־פֿלייש. מע איז געווען זייער גערן פֿון דעם עסן, ווײַל פֿיל טעג איז שוין קיין פֿערדן־פֿלייש אויך ניט געווען. עס פֿלעגט זיך טרעפֿן, אַז ווען מע האָט צוגעפֿירט סנאַריאַדן אַף דער פּאָזיציע, איז געהאַרגעט געוואָרן אַ פֿערד, האָבן זיך די סאָלדאַטן געפֿרייט, וואָס הײַנט וועט זײַן אַ יאָמטעוודיקער וואַרעמעס.

אַזוי ווי די סאָלדאַטן זײַנען געזעסן אין די אַקאָפּעס און געגעסן דעם גוטן פֿרישטיק, וואָס זיי האָבן אַף אים געוואַרט אַ וואָך צײַט, האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַן אופֿרײַס פֿון אַ יאַפּאַנישן 11־דיוימאָוון סנאַריאַד. די אַקאָפּעס זײַנען פֿאַרשאָטן געוואָרן מיט ערד און מיט שטיינער, נאָר, אַ דאַנק גאָט, עס האָט קיינעם ניט פֿאַרשאַדט. באַלד האָט מען געגעבן אַ קאָמאַנדע, מע זאָל נעמען די ביקסן אין די הענט. אייניקע האָבן באַוויזן אָפּצועסן, און די איבעריקע האָבן דאָס געקעכץ אויסגעגאָסן צוריק פֿון קאָטיעלאָק.

עס האָט זיך אופֿגעהויבן אַ שרעקלעך פֿײַער אַפן רעכטן פֿלאַנג. אַפן 2־טן און 3־טן פּאָרט האָט אַלץ געברענט, מע האָט ניט געקאָנט אײַנשטיין אין די אַקאָפּעס, פֿיל מענטשן זײַנען דערשטיקט געוואָרן אינעם רויך פֿון די פּוגאַססנאַריאַדן. דאָס מאָל זײַנען די יאַפּאַנצעס שטאַרקער איידער ווען־עס־איז געקראָכן אַף די פּאָרטן.

ס'איז שוין געוואָרן נאַכט, און דאָס פֿײַער האָט זיך אַלץ געשטאַרקט. דעם גענעראַל סטעסעל האָט מען פֿאַרווונדעט.

די יאַפּאַנצעס האָבן געשטורעמעוועט. עס איז פֿאָרגעקומען אַזוי, ווי זיי האָבן געוואָרנט אונדזער גענעראַל, פֿאָדערנדיק, מע זאָל זיי אָפּגעבן די שטאָט אָן אַ שלאַכט. נאָר סטעסעל האָט זיי געענטפֿערט, אַז ראַסיי שענקט קיינעם ניט קיין שטעט.

די גאַנצע נאַכט האָט מען ניט אופֿגעהערט צו וואַרפֿן ראַקעטעס, די בערג זײַנען שוואַרץ געוואָרן פֿון די יאַפּאַנישע סאָלדאַטן. אין די אַקאָפּעס איז געוואָרן אַ ביסל פֿרײַער, ווײַל מע האָט זייער אַ סך דערהאַרגעט און פֿאַרווונדעט.

די לעבעדיקע סאָלדאַטן האָבן ניט געקאָנט הערן דאָס געשריי פֿון די כאַווריירים, וואָס זײַנען געלעגן פֿאַרווונדעטע אָן הילף און זייער בלוט האָט זיך געגאָסן אַזוי ווי וואַסער, וואָרעם קיין סאַניטאַרן זײַנען שוין אויך ניט געווען — פֿאַר דער שלאַכט האָט מען אַלעמען אַרויסגעגעבן ביקסן און זיי צעשטעלט אין די אַקאָפּעס.

עס איז געוואָרן זייער שלעכט, ס'איז אַפֿילע ניט געווען, ווער עס זאָל אָפּטראָגן די פֿאַרווונדעטע אין לאַזאַרעט. אייניקע זײַנען אויסגעגאַנגען אין די אַקאָפּעס.

מע האָט קוים דערלעבט, ס'זאָל אָנהייבן צו טאָגן. די נאַכט האָט זיך אויסגעוויזן פֿאַר זייער אַ לאַנגער. ס'איז שוין געווען די צײַט פֿון כאָנעקאַ, זײַנען די נעכט געווען גרויסע, נאָר אויסגעוויזן האָט זיך, אַז די הײַנטיקע איז אין צוויי מאָל לענגער.

ווען עס איז געוואָרן טאָג, האָבן די יאַפּאַנצעס נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו שטורעמעווען, און זיי זײַנען שוין אַרויף אַף די פּאָרטן. נאָר אונדזערע האָבן זייער שטאַרק געאַרבעט מיט די באַגנעטן. ווי נאָר די יאַפּאַנצעס פֿלעגן אַרופֿלויפֿן אַף די פּאָרטן, פֿלעגן אונדזערע זיי באַלד באַגעגענען.

אונדזערע האָבן די יאַפּאַנצעס פֿון די פּאָרטן פֿאַריאָגט. אין דער שלאַכט האָבן שוין די האַרמאַטן ווייניק געשאָסן, ווײַל ס'איז געווען זייער אַ נאָענטער מעהאַלעך, איז דערפֿאַר אויסגעקומען זיך צונויפֿגיין מיט די שפּיזן.

צען אַזייגער אינדערפֿרי איז אָנגעקומען אַ באַפֿעל, מע זאָל אָפּטראָגן די פֿאַרווונדעטע, וואָס האָבן נאָך געזשיפּעט. פֿיל פֿון זיי זײַנען אָבער געשטאָרבן, ווײַל די קעלט איז געווען זייער שטאַרק, און זיי זײַנען געלעגן אָן באַנדאַזשן — דאָס לעצט קאַפּל בלוט זייערס איז פֿאַרקילט געוואָרן.

אַזוי ווי קיין סאַניטאַרן זײַנען ניט געווען, איז מען אַוועק אין שטאָט און אָפּגעזוכט, ווו עס האָט זיך נאָר געפֿונען אַ באַהאַלטענער כינעזער. מע האָט זיי געבראַכט אַף דער פּאָזיציע און אַרויסגעגעבן נאָסילקעס. זיי האָבן ניט געוואָלט נעמען די נאָסילקעס, נאָר אונדזער אָפֿיצער האָט אַרויסגעצויגן די שווערד און געוויזן, אַז אויב זיי וועלן ניט טראָגן די פֿאַרווונדעטע, וועט ער זיי די קעפּ אַראָפּנעמען. האָבן זיי זיך דערשראָקן.

אַרום פֿיר אַזייגער פֿאַרנאַכט האָבן די יאַפּאַנצעס אַ שפּאַר געטאָן פֿון אַלע זײַטן, און עס האָט זיך זיי אײַנגעגעבן צו פֿאַרנעמען דעם צווייטן פּאָרט, נאָר ניט אַף לאַנג. אין עטלעכע שאָ אַרום האָבן אונדזערע זיך אומגעקערט. די יאַפּאַנצעס האָבן דערזען, אַז זיי קאָנען די פּאָרטן ניט נעמען, זײַנען זיי אָפּגעטראָטן אַפן לינקן פֿלאַנג צו דער „וויסאָקאַיאַ גאָראַ". עס איז געווען שטיל ביז צוויי אַזייגער באַנאַכט. אונדזערע האָבן שוין געמיינט, אַז דאָס פֿײַער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אָבער נאָך האַלבער נאַכט זײַנען פֿיל יאַפּאַנישע שיפֿן צוגעגאַנגען צום לינקן פֿלאַנג, און פֿון דער יאַבאַשע האָט זיך אופֿגעהויבן די פּעכאָטע. די שיפֿן האָבן אָנגעהויבן שיסן מיט 12־דיוימאָווע סנאַריאַדן, און פֿון דער יאַבאַשע האָבן זיך געריסן 11־דיוימאָווע מאָרטירעס. עס איז געוואָרן אַ טרעוואָגע, און מע האָט צונויפֿגעזאַמלט די פֿאַרבליבענע מאַטראָסן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט אין יאַם, ווען זייערע שיפֿן זײַנען דערטרונקען גע־

וואָרן. איצטער האָבן זיי געדאַרפט אוועקלייגן זייערע קעפּ אויף דעם הויכן באַרג. מע האָט אויך צונויפגעקליבן ווי נאָר עס האָבן זיך געפונען סלאַבאָסילנע סאָלדאַטן, וועלכע זײַנען געווען פאַרווונדעט און זײַנען געשטאַנען נאָר אין קאַראול. איצט האָט מען זיי אָפּגעשיקט אפן הויכן באַרג.

די נאַכט איז געווען זייער אַ פינצטערע, נאָר פון דעם גרויסן פײַער איז אין שטאָט געווען ליכטיק, אַזויווי אינמיטן העלן טאָג. די גאַנצע נאַכט האָט מען ניט געקאָנט אײַנשטיין פון דער הילכיקער קלאַפּערײַ פון די האַרמאַטן און פון דעם געשריי „הוראַ!". דאָס האָבן אונדזערע זיך געוואָרפן מיט די שאַרפע שטיקעס אויף די יאַפּאַנצעס. אָט דער באַגנעטן־שטורעם האָט געדויערט פון צוויי אַזייגער באַנאַכט ביז צען אינדערפרי. פאַר אָט די אַכט שאָ האָט מען באַוויזן אוועקלייגן פון אונדזערע ביז 4000 מאַן און יאַפּאַנישע סאָלדאַטן ביז 15000. דעם באַרג האָבן די יאַפּאַנצעס ניט פאַרנומען.

ס'איז שוין אָבער דאָרט געווען ווייניק מענטשן, און נאָך אַכט מעסלעס זײַנען די יאַפּאַנצעס אויף אים פּאַשעט אַרויף, און דער באַרג איז פאַרבליבן בײַ זיי, וואָרעם אָפּנעמען צוריק איז שוין בײַ אונדז ניט געווען מיט וועמען. פון די סאָלדאַטן, וועלכע זײַנען דאָרט פריִער געווען, זײַנען אַפילו די ביינער ניט געבליבן. דאָס איז געשען דעם 22־טן נאָיאַבער.

די מענטשן, וועלכע זײַנען פאַרבליבן אין שטאָט, איז איצטער שוין אויסגעקומען נאָך שווערער, ווי פריִער, ווײַל בײַס די יאַפּאַנצעס האָבן פאַרנומען דעם הויכן באַרג און פלעגן דערזען אַ מענטשן גייענדיק אין גאַס, האָבן זיי אים דערשאָסן.

אַז מע פלעגט ברענגען אין שפּיטאָל אַ פאַרווונדעטן, איז ניט געווען, מיט וואָס אים צו איבערבינדן, ווײַל קיין מאַרליע און קיין וואַטע איז שוין ניט געווען. מע פלעגט צערײַסן די העמדער און מאַכן באַנדאַזשן, אָנשטאָט אַפּטעטשנע וואַטע פלעגט מען נוצן פּאַקליע.

סטעסעל האָט אונדז געטרייסט, אַז אין דעם כוידעש וועט נעמען אַן ענדע צו דער פינצטערער אָסאַדע, עס וועט אונטערקומען הילף און אונדז אויסלייזן פון דער גרוב.

דעם 14־טן נאָיאַבער איז אַרויס אַ באַפעל, מע זאָל שיקן אויף דער פּאָזיציע די קאַליקעס, אַרויסגעבן אויף צוויי מענטשן איין ביקס, און ווער ס'איז אָן אַ פוס, זאָל מען אים ברענגען צו פירן אויף אַ דוווּכקאָלקע און אַרײַנשטעלן אין אָקאָפּ.

איך האָב זיך אויך געפונען אין אָט דער קאָמאַנדע, און אַזויווי בײַ מיר איז געווען פאַרווונדעט די רעכטע האַנט און איך קאָן מיט דער ביקס גאָרנישט ניט מאַכן, האָט מען מיר געגעבן אַ ביקס מיט נאָך איינעם. מע האָט גוט געוווּסט, אַז די קאַליקעס וועלן ניט אָפּהאַלטן די יאַפּאַנצעס, נאָר דער מיין פון דעם גענעראַל איז געווען, אַז עס זאָל זײַן וואָס ווייניקער געפאַנגענע.

דער באַפעל איז אויסגעפילט געוואָרן, מע האָט די צעקאַליעטשעטע סאָלדאַטן אַרויסגעגעבן געווער און זיי געמאַכט פאַר די גלאַוונע וואָיאַקעס אין פּאָרט־אַרטור.

דעם 15־טן נאָיאַבער פיר אַזייגער פאַרנאַכט האָט זיך פאַרשטאַרקט דער שטורעם אויף די פאָרטן. מע האָט ניט געזען הימל און ערד פון דעם שרעקלעכן רויך פון די פוגאַסנע סנאַריאַדן. און דאָס איז שוין געווען דער סאָף פון אונדזער גרויסער מוטשעניע. אפן הויכן באַרג האָבן די יאַפּאַנצעס אוועקגעשטעלט גרויסע האַרמאַטן, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשיטן די שטאָט מיט סנאַריאַדן. זיי האָבן צעקלאַפּט אַלע שפּיטאָלן, פאַרווונדעטע זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן. אייניקע סנאַריאַדן האָבן געטראָפן אין גענעראַל סטעסעלס קוואַרטיר.

אין שטאָט איז געוואָרן אַ גרויסער גערודער. פרויען מיט קליינע קינדער זײַנען אַרומגעלאָפן און ניט געהאַט ווו צו באַהאַלטן זיך.

דער שטורעם האָט געפלאַקערט פון דעם 15־טן ביז דעם 19־טן נאָיאַבער. פיר מעסלעס, טאָג און נאַכט, ניט געשטילט געוואָרן אויף קיין איין מינוט. דערזען, אַז זיי קאָנען ניט נעמען די פאָרטן, האָבן די יאַפּאַנצעס דעם 19־טן נאָיאַבער אונטערגעלייגט מינעס און אופגעריסן די פאָרטן — צוזאַמען מיט די סאָלדאַטן, וועלכע זײַנען דאָרט געווען.

אין יענעם טאָג האָט אַ ליכטיקע זון זייער שיין געשײַנט, נאָר פּאָרט־אַרטור איז געווען פאַרצויגן מיט וואָלקנס רויך. די קלאָג איז געווען זייער גרויס, ווײַל מע האָט זיך געריכט אין אָט דער נאַכט זיך באַגעגענען מיט אונדזערע מעכוטאָנים — די יאַפּאַנצעס.

דרײַ אַזייגער באַנאַכט איז דאָס פײַער מיטאָמאָל שטיל געוואָרן. מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן טיפע גריבער צו באַגעגענען די יאַפּאַנישע קאַוואַלעריע.

דערלעבט, אַז עס איז געוואָרן טאָג, האָבן מיר געמיינט, אַז די יאַפּאַנצעס זײַנען שוין אין שטאָט, ווײַל אויף די פּאָזיציעס איז געווען שטיל און מע האָט אַפילו ניט געהערט קיין שאָס פון אַ ביקס. מע האָט געטרייסט איינער דעם צווייטן, איבערגעבנדיק, אַז סטעסעל איז באַנאַכט געפאָרן אויף אונטערהאַנדלונגען צום יאַפּאַנישן גענעראַל און האָט מיט זיך געפירט אַ שאָלעם־פּלאַן.

צען אַזייגער אינדערפרי האָט מען זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן פון די בלינדאַזשן, אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זײַטן און זיך געקוויקט מיטן פאַרגעניגן, וואָס עס איז געווען שטיל אין שטאָט. מע איז געשטאַנען אַ לאַנגע צײַט אויף דער גאַס און זיך געקרעפּטיקט מיט אָט דער פרייד. אַזויווי די פאַרווונדעטע זײַנען געשטאַנען אויף דער גאַס, איז צו זיי צוגעגאַנגען אַ קראַנקן־שוועסטער און גערופן עסן וואַרמעס. האָבן זיי איר געענטפערט, אַז זיי זײַנען זאַט מיט דעם פאַרגעניגן, וואָס עס איז שטיל.

7*

דעם 22־טן דעקאַבער האָט מען אונדז אויסגעסטראָיעט, און נאַטשאַלסטווע האָט אונדז איבערגעגעבן צו יאַפּאָניע אין די הענט. ס׳איז געווען ניט אָנגענעם צו גיין מיט די יאַפּאָנצעס, וואָרעם זיי זײַנען אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָס מיר פאַרשטייען ניט זייער לאָשן. זיי האָבן אונדז געפירט 20 וויאָרסט פון פּאָרט־אַרטור, און דאָרט האָט מען אונדז אוועקגעזעצט אַפן פּאָיעזד און אוועקגעפירט קיין דאַלני. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, וויאַזוי עס איז געווען בא אונדז אַפן האַרצן. פון דאַלני האָבן מיר נאָך געדאַרפט פאָרן פינף מעסלעס מיטן יאַם.

מיר זײַנען אָנגעקומען אין דאַלני, אַראָפּ פון דעם פּאָיעזד, און מע האָט צו אונדז באַלד צוגעשטעלט א יאַפּאָנישן קאָנוואָי, און מע האָט אונדז אָפּגעפירט אין א גרויסער קאַזאַרמע, און מע האָט אַרום דער קאַזאַרמע אַרומגעשטעלט יאַפּאָנישע וואַכלײַט.

אַף מאָרגן אינדערפרי זײַנען מיר אופגעשטאַנען און געפרעגט איינעם פון די יאַפּאָנצעס, ווען מע וועט אונדז אַרויסגעבן ברויט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען אונדזער לאָשן, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער אונדז געוויזן, אַז מע וועט באַלד ברענגען.

מע האָט אונדז אַרויסגעגעבן יעדערן א פּאָרציע רײַז אָנשטאָט ברויט. קיין ברויט עסן ניט די יאַפּאָנצעס. בא זיי איז גאָר קיין ברויט ניטאָ. אָנשטאָט לעפל האָט מען אונדז אַרויסגעגעבן צו צוויי דינע שטעקעלעך. מיר האָבן געקוקט אַפן עסן און זיך געוווּנדערט, מיט וואָס א נאַראָד קאָן לעבן.

צען אַזייגער אינדערפרי האָט מען אונדז אַרויסגעפירט פון דער קאַזאַרמע און אויסגעסטראָיעט, און אונדזער נאַטשאַלסטווע האָט זיך מיט אונדז געזעגנט, און זיי האָבן אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך אונטעראָרדענען דער יאַפּאָנישער נאַטשאַלסטווע, ווײַל איצט זײַנען יענע אַף אונדז באַלעבאַטים. אונדזערע האָבן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן זיך סטאַרען, מע זאָל אונדז אינגיכן באַפרײַען פון דער געפענקעניש, ווײַל אייניקע רוסישע אָפיצערן האָט יאַפּאָניע שוין אָפּגעלאָזט צו פאָרן אין ראַסיי. מיר האָבן זיך צעזעגנט.

באַלד האָט מען אונדז אָפּגעפירט צום ברעג יאַם, קעדיי אוועקזעצן אַף שיפן און אָפּפירן אין דעם אומבאַקאַנטן לאַנד יאַפּאָניע.

בא יעדערן האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט, ווײַל עס איז אונדז אויסגעקומען צו פאָרן מיטן יאַם פינף מעסלעס, און דער יאַם איז געווען אָנגעוואָרפן מיט מינעס צו דערטרינקען מיליטערשיפן. מיר האָבן געהאָפט אַף גאָט, אַז אויב ער האָט אונדז שוין יאָ אַרויסגעפירט פון אַזא שרעקלעכן פײַער, וועט ער אונדז אַרויסהעלפן אויך אין יאַם. ווען מיר זײַנען אָפּגעפאָרן פון דאַלני דרײַ מעסלעס, איז נאָך געווען צו לײַדן, נאָר אַז עס איז געקומען דער פערטער און מיר זײַנען געקומען אינמיטן יאַם, דאָס איז געווען אין קאָרייער אײַנגוס, האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע ווינטן און גענומען וואַרפן די שיפן. ס׳איז אונדז געוואָרן זייער שווער, ווײַל מיר זײַנען ניט געווען געוווינט צו פאָרן מיטן יאַם, און, צווייטנס, האָבן מיר ניט געהאַט וואָס צו עסן. די אַלע פינף מעסלעס האָט מען אונדז געגעבן רײַז מיט געקאָכטן רעטעך, און מיר האָבן דאָס ניט געקאָנט פאַרדײַען. מיר פלעגן נאָר לעבן פון דער גלאָז וואַרעמער וואַסער. אייניקע זײַנען קראַנק געוואָרן.

אַפן פינפטן מעסלעס האָט מען אונדז געבראַכט צו פירן אַף א יאַפּאָנישן אינדזל, וועלכער רופט זיך אָן מאָזי, און מיר זײַנען אַראָפּ פון די שיפן. זייער א גרויסע פּובליקע יאַפּאָנצעס האָט אונדז באַגעגנט, און זיי האָבן אונדז אָנגעקוקט ווי א ווילדן נאַראָד — געטײַט אַף אונדז מיט די פינגער און געשריִען: „רוסי! רוסי!”. מע האָט אונדז באַלד אָפּגעפירט און צעשטעלט אין באַראַקעס, וועלכע זײַנען צוליב אונדז געווען אויסגעבויט. אין אָט די באַראַקעס איז אונדז אויסגעקומען צו זײַן פיר כאָדאָשים צײַט.

ווי נאָר מיר זײַנען געקומען אין יאַפּאָניע דעם 1 יאַנוואַר 1905 יאָר, אין דער שטאָט מאָדזי, האָט מען אונדז צעשטעלט 5 וויאָרסט פון דער שטאָט, אַף אַן אינדזל, וועלכער הייסט טעורע. אַרום און אַרום איז געווען יאַם, און אינמיטן זײַנען געשטאַנען באַראַקעס. אין די באַראַקעס האָבן מיר געלעבט.

עס איז געווען זייער אומעטיק אַפן האַרצן. מע האָט אונדז פאַרפירט אין א וויסט אָרט, ווו מע זעט ניט קיין רוסישן מענטשן.

מיר פלעגן אַרויסגיין פון די באַראַקעס און פּרוּוון צוגיין נעענטער צום פּאַרקן אָנצוקוקן די ליכטיקע וועלט, דאַן פלעגט באַלד צולויפן דער יאַפּאָנעץ מיט זײַן ביקס, אַף וועלכער ס׳איז געווען אָנגעטאָן א 16־ווערשקאָווער שטיק, און געשווינד נעמען „נא רוקי” און ווײַזן, אַז מע זאָל אָפּטרעטן, ווײַל אויב ניט, וועט ער שטעכן.

האַקלאַל, אונדז איז געווען זייער ניט גוט. דאָס איז פאַר אונדז א פאַרבײַסעכץ נאָך די אַכט כאָדאָשים, וואָס מיר האָבן געליטן אין פּאָרט־אַרטור. אויסגעקומען איז אונדז צו לײַדן אין יאַפּאָניע נאָך א לאַנגע צײַט.

די ערשטע צוויי כאָדאָשים, פונעם 1־טן יאַנוואַר ביזן 25־טן פעווראַל, האָט מען אונדז געגעבן גוט עסן. מע פלעגט אָפּלאָזן אַף יעדן סאָלדאַט צו 40 קאָפּעקעס א טאָג אַף שפּײַז, און אָנשטאָט רײַז פלעג מען אונדז אַרויסגעבן ווײַס ברויט. אַזויווי אין יאַפּאָניע איז קיין ברויט ניטאָ, האָבן זיי געבראַכט צו פירן פון אַמעריקע, וועלכע איז פון יאַפּאָניע ניט ווײַט.

נאָר דאָס גוטע עסן פלעגט אונדז ניט אײַנגיין, ווײַל מיר זײַנען שטענדיק געלעגן אין די באַראַקעס. מיר פלעגן אַרויסגיין אַף דער גאַס, זיך אַרומקוקן און באַטראַכטן דאָס אָרט, וווּהין מע האָט אונדז פאַרפירט, און גאָרנישט האָט מען ניט געקאָנט זען, אויסער הימל און וואַסער. מיר האָבן געוואַרט, עס זאָל אויסגעפילט ווערן דער צוזאָג פון אונדזער נאַטשאַלסטווע, אַז זיי

וועלן זיך סטארען, מע זאָל אונדז אינגיכן אויסלייזן פון דער געפענקעניש, פון די יאפּאַנישע הענט, נאָר אומזיסט האָבן מיר געוואַרט. נאַטשאַלסטווע האָט אין אונדז פאַרגעסן, און ס׳איז אויסגעקומען נאָך זייער לאנג צו לײַדן אין פּלען.

דעם 25־טן פעווראַל זײַנען צו אונדז אָנגעקומען נאָך פרישע רוסישע סאָלדאַטן — 40 טויזנט געפאנגענע פון קוראָפּאַטקינס אַטריאַד. דאָס איז געווען, ווען די יאפּאַנצעס האָבן פאַרנומען די שטאָט מוקדען. ווי נאָר מע האָט געבראַכט די נײַע פּלעניקעס, איז אונדז געוואָרן פיל ערגער. מע האָט מיטאמאָל צוגענומען בא אונדז די שפּײַז, וואָס מע האָט אונדז פריִער ארויסגעגעבן. קיין העלפט האָבן מיר שוין ניט באַקומען פון דעם, וואָס מיר פלעגן פריִער באַקומען.

עס איז געוואָרן זייער שלעכט. מע האָט גערעדט, אַז מע וועט צונעמען אויך דאָס שטיקל ברויט און אונדז ארויסגעבן רײַז. און אזוי איז טאַקע פאָרגעקומען.

דעם 22־טן מאַרט — דאָס איז געווען אַקוראַט שאַבעס האַגאָדל — האָט א יאפּאַנישער אונטער־אָפיצער געמאַכט אין 10־טן באַראַק א פּאָווערקע, און ס׳האָט געפעלט א מענטש. האָט ער גענומען שלאָגן דעם סטאַראָסטע פונעם באַראַק, אונדזערן אַן אונטער־אָפיצער. בעקיצער, עס האָט זיך אופגעהויבן א געשלעג צווישן אונדזערע און די יאפּאַנצעס. מע האָט געבראַכט יאפּאַנישע סאָלדאַטן צו אײַנשטילן דעם בונט. זיי האָבן געשלאָגן מיט די ביקסן, און אונדזערע האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט שטיינער. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס עס איז געווען אויפן האַרצן. נאָר, א דאנק גאָט, דאָס האָט געדויערט אינגאנצן פיר שאָ, פון אַכט אַזייגער אינדערפרי ביז צוועלף באַטאָג. די יאפּאַנישע אָפיצערן האָבן דערזען, אַז זיי וועלן גאָרניט מאַכן מיט די רוסן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו בעטן זיך מיט גוטן, און עס איז געוואָרן שטיל.

אָט אזוי זײַנען מיר געשטאַנען אין טעורע ביז נאָך פּייסעך. דעם 20־טן אַפּרעל האָבן אונדז די יאפּאַנצעס צעטיילט אף צוויי טיילן: א העלפט אוועקגעשיקט אף אַן אינדזל, וואָס האָט זיך גערופן קיוראָקו, און אונדז — אין דער שטאָט קומאַמאָטאַ, דאָס איז 500 וויאָרסט פון טעורע.

מע האָט אונדז געבראַכט אהין צו פירן, און פאַר אונדז זײַנען געווען צוגעגרייט פונקט אזעלכע באַראַקעס, אָפּגעװוּײַטערטע פון דער שטאָט, אין פרײַען פעלד און ארום און ארום איז געווען א הויכער פּלויט. אינווייניק זײַנען געשטאַנען וואַכלײַט, און פון דרויסן — פּאָליציייסקע מיט זשאַנדאַרן.

דאָ איז געווען פיל ערגער, ווי אין טעורע, — אַן עמעסע טורמע. דאָס איז געווען די צײַט נאָך פּייסעך, די טעג זײַנען געוואָרן גרעסער, און ס׳האָט שטאַרק געגויעט דאָס האַרץ. אַז מע דערלעבט דעם פריילעכן זומער מיט דער שיינער פּאַגאָדע, ווען יעדעס ווערעמל פון דער ערד לעבט אוף, איז שווער צו זײַן פאַרשפּאַרט אין א פינצטערער שטײַג. פון גרויסער בענקשאַפט זײַנען אייניקע מענטשן קראַנק געוואָרן, דערצו נאָך האָבן אונדז פריטשמעליעט די היצן, אונדזערע מענטשן זײַנען ניט געוווינט צו אזא קלימאַט.

נאָכן 1־טן מײַ האָט מען בא אונדז צוגענומען אונדזער געוויינלעך עסן — דאָס ברויט — און ארויסגעגעבן רײַז.

מיר האָבן געוואַרט אף אונדזער אויסלייזונג — אפן באַלטישן פלאָט, ער זאָל קומען און צעקלאַפּן דעם יאפּאַנישן פלאָט, דעמלט וועט זײַן שאָלעם, און מע וועט אונדז ארויסנעמען פון דער געפענקעניש. מיר האָבן אויך פריִער געוואַרט אפן פלאָט אַכט כאַדאָשים צײַט, נאָך אין פּאָרט־אַרטור, נאָר מיר האָבן זיך ניט דערוואַרט. איצט האָבן מיר געהאָפט, אז ער וועט אונדז סאָפּקאָלסאָף אויסלייזן פון יאפּאַניעס הענט. עס איז אָבער געשען דאָס פאַרקערטע.

אַז מיר האָבן דערלעבט דעם 24־טן מײַ, איז צו אונדז געקומען די הילף פון אונדזער פלאָט. מע האָט געבראַכט צו פירן 5 טויזנט מאַטראָסן אין פּלען, ווײַל די עסקאַדרע האָט מען דערטרונקען. נאָך דעם איז אונדז אויסגעקומען צו לײַדן נאָך א לאַנגע צײַט אין דער פרעמד...

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

בינימין גוטיאַנסקי
1903 — 1956

מוישע שאַפּיראָ
1899 — 1973

ווענוול רעדקאָ
1918 — 1941

בינימין גוטיאַנסקי

בינימין גוטיאַנסקי איז געבוירן געוואָרן דעם 30 אווגוסט 1903, אין דאָרף גלובאָטשעק, בערשאדער ראַיאָן, אַף פּאָדאָליע. זײַן פֿאָטער איז געווען א סטאָליער און איז געשטאָרבן, ווען בינימין איז אלט געווען דרײַ יאָר. די אלמאָנע איז געבליבן מיט פיר קינדער, וועלכע זײַנען געוואקסן אין הונגער און נויט.

נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן האָבן באַם קומענדיקן שרײַבער זיך ארויסגעוויזן מוזיקאלישע פייִקײַטן. ער פֿאָרט קיין אָדעס און לערנט זיך שפּילן פידל באַם בארימטן פּראָפעסאָר פּ. סטאָליארסקי. און הגאַם גוטיאַנסקי האָט ניט פאַרענדיקט די מוזיקאלע בילדונג און מוזיק איז ניט געוואָרן זײַן פּראָפעסיע, איז ער פונדעסטוועגן געבליבן טרײַ אָט דער קונסט.

אין די צוואנציקער יאָרן קומט אָן בינימין גוטיאַנסקי אין קיִעווער ייִדישן פּעדאגאָגישן טעכניקום. דאָ באַקאנט ער זיך מיט א רייִ סטודענטן פונעם טעכניקום, שפּעטערדיקע טוער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור — מיט דעם דראמאטורג מ. גערשענזאָן, דעם פאָלקלאָריסט ז. סקודיצקי, דעם ליטעראַטור־פאָרשער ש. בריאַנסקי. אין טעכניקום לאָזט די באַגאבטע יוגנט ארויס א ליטעראַרישע וואַנטצײַטונג, וווּ יעדער אָנטיילנעמער פאַרעפנטלעכט זײַנע ווערק. עס ווערט אויך געשאַפן דער זעלבסטשטעטיקער עסטראַדע־קאָלעקטיוו „מעשולאַכעס", וואָס איז דעמלט געווען פּאָפּולער באַ די קיִעווער צושויער, ווײַל אין זײַן פּראָגראַם זײַנען אײַנגעשלאָסן געוואָרן סצענישע מיניאַטיורן אַף טאָג־טעמעס.

נאָכן פאַרענדיקן דעם פּעדאגאָגישן טעכניקום איז ב. גוטיאַנסקי אָנגעקומען אפן פיזיש־מאטעמאטישן פאַקולטעט פונעם קיִעווער מעלוכע־אוניווערסיטעט. ער הייבט אָן צו ארבעטן אין א ייִדישער שול אלס לערער פון מאטעמאטיק, ליטעראַטור און שפּראַך, נעמט אָן אקטיוון אָנטייל אין דער געזעלשאַפטלעכער ארבעט פון דער שול, באַזונדערס אין דער קינסטלערישער זעלבסטשטעטיקייט.

ס'האָט אזוי געטראָפן, אַז די קינדער־לידער זײַנע, וועלכע זײַנען שפּעטער געוואָרן ברייט

באוווּסט, האָט גוטיאַנסקי אָנגעהויבן דרוקן אין דער וואַנטצײַטונג. גאַר גיך ציִען זיי צו די אופמערקזאַמקײַט פון פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטן, און זיי ראַטן דעם אוּטאָר אָפּגעבן א זאַמלונג אין פאַרלאַג. אײַנגיכן (1936) האָט דער מינסקער פאַרלאַג אַרויסגעלאָזט בּיניאָמין גוטיאַנסקיס ערשטע לידער־זאַמלונג „פאַר קליינע קינדער".

אין די בּיזמילכאָמע־יאָרן דערשײַנען גוטיאַנסקיס ווערק אין א בוך־פאָרם: „אַלערליי זאַכן" (1937), „מעשאָלים" (1940), „פאַר קינדער" (1940). אין 1944 גייט אַרויס אין מאָסקווע זײַן זאַמלונג „זאַלץ אין די אויגן".

די גרונט־זשאַנרען פון בּיניאָמין גוטיאַנסקיס שאַפן זײַנען קינדער־לידער און מעשאָלים. די מעשאָלים צייכענען זיך אויס מיט בײַסיקער איראָניע, אָפּשפּעטערישן געלעכטער, וואָס איז בּיכלאַל אייגנטימלעך פאַר דעם זשאַנער.

נאָך אין סאַמע אָנהייב פון זײַן שרײַבערישן וועג, אין דער מיט פון די דרײַסיקער יאָרן, האָט גוטיאַנסקי אָנגעשריבן א פּיעסע „לייזער דער בייזער". גראַציעזע שפּילעוודיקײַט, פײַנער הומאָר, פּאָעטישע באַדינגלעכקײַט פון דער האַנדלונג — מיט דעם אַלעמען צייכנט זיך אויס די פּיעסע, און דאָס האָט צוגעצויגן צו איר די אופמערקזאַמקײַט פונעם קיִעווער ליאַלקע־טעאַטער, פאַר וועלכן גוטיאַנסקי האָט אַליין איבערגעזעצט דעם טעקסט אָף אוקראַיִניש (אין דאָזיקן וואַריאַנט האָט די פּיעסע געהייסן „פּראָ דידא וואַריוואָדו, שטשאָ נע סמיאַווסיא זראָדו"). די אָנפירונג פונעם אוקראַיִנישן טעאַטער, וועלכע איז געווען באַקאַנט מיטן ייִדישן אָריגינאַל, האָט ניט געוואָלט באַזײַטיקן דעם נאַציאָנאַלן הומאָר פונעם ווערק, און עס איז אופגעקומען די אידיי צו שאַפן אויך א ייִדישן פיליִאַל פון דעם ליאַלקע־טעאַטער, קעדיי די פּיעסע זאָל געשטעלט ווערן אין ייִדיש. ס'איז צונויפגערופן געוואָרן א באַראַטונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די שרײַבער נויעך לוריע, לייב קוויטקאָ, מוישע פּינטשעווסקי, אַרטיסטן פונעם ייִדישן טעאַטער, סטודענטן פונעם טעאַטראַלן אינסטיטוט. דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם אוקראַיִנישן ליאַלקע־טעאַטער געאָרגי סאָראָקאַ האָט ספּעציעל שטודירט ייִדיש, קעדיי אָנפירן מיט דער שטעלונג פון גוטיאַנסקיס פּיעסע.

אין 1936 איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען א פעסטיוואַל פון ליאַלקע־טעאַטערן. דער קיִעווער קאָלעקטיוו, וועלכער האָט אָף דעם פעסטיוואַל פאַרנומען דאָס צווייטע אָרט נאָך אָבראַזצאָווס טעאַטער, האָט מיט גרויס דערפאָלג באַוויזן גוטיאַנסקיס „לייזער דער בייזער". די ליאַלקעס פונעם ספּעקטאַקל „לייזער דער בייזער" ווערן בּיז הײַנט נאָך אָפּגעהיט אין מוזיי פונעם מאָסקווער צענטראַלן ליאַלקע־טעאַטער.

בייס דער מילכאָמע איז גוטיאַנסקי עוואַקויִרט געוואָרן קיין אופאַ, געאַרבעט אין אוקראַיִנישן פאַרלאַג „פּראַנט אי טיל". נאָך דער מילכאָמע זעצט ער פאָר די ליטעראַרישע טעטיקײַט. זײַנע ווערק ווערן אַרויסגעגעבן אָף רוסיש און אוקראַיִניש. ער פאַרנעמט זיך אויך מיט איבערזעצן פון רוסיש, אוקראַיִניש, ענגליש און אַנדערע שפּראַכן אָף ייִדיש.

בּיניאָמין גוטיאַנסקי איז געשטאָרבן דעם 18 אווגוסט 1956 יאָר.

בּיניאַמין גוטיאַנסקי

קינדער־לידער און מעשאָלים

אָכציע דער שיסער

„אוי, טאַטע, הערסט, ווען דו זאָלסט וויסן, —
האָט אָכציע אויסגעשריגן מיט א פריילעך קאָל, —
ווי גוט איך האָב זיך אויסגעלערנט שיסן!"
„דעהײַנע?" — „כ'האָב הײַנט אויסגעשאָסן צוואַנציק מאָל".

באַם טאַטן איז דאָס מויל געבליבן אָפן,
ס'האָט אין זײַן בליק צופרידנקײַט געטאָן א שטראַל:
„איז וויפל מאָל האָסטו, מײַן זון, געטראָפן?"
„געטראָפן? ניין. איך האָב אַזוי. בּיכלאַל".

„אוי, אַכציע, אַכציע, — זיפצט דער טאטע, — נאריש ייִנגל,
מיט וואָס באַרימסטו זיך דאָ, גיב מיר צו פאַרשטיין?
דו טוסט דאָך מער ניט ווי א צי באַם צינגל,
און ווײַטער טוט די ביקס אַליין.

ס'האָט וועגן דעם געזאָגט א ווייסער א געוויסער,
נעם שוין און פאַרנאַטיר דאָס טאַקע דיר אין העפט,
אַז שיסן, ברודער־לעבן, הייסט נאָך ניט קיין שיסער:
א שיסער איז מען, אַז מע טרעפט".

באַרבאָס

באַרבאָס באַפאַלט מיך אָפּט מיט א געביל אין גאַס,
און ס'אַרט מיך ניט: א נאַר וואָלט איך געוועזן,
איך זאָל פון יעדער האווקע מאַכן זיך א וועזן,
נאָר נעכטן האָט ער מיך אַרײַנגעבראַכט אין קאַס.

כ'בין אינדערפרי באַם טיש געזעסן
און כ'האָב געטאָן מיר, וואָס איך האָב מיר דאַרט געטאָן,
און ס'פענצטער ז'אײַנגעפּירט באַ מיר פון טאָמיד אָן,
אַז פרילינג, זומער האַלט איך עס צומיינסטן אָפן.

איך טו א קוק — ער פליט דער טאַכשיט, ווי א פײַל
(באַרבאָס דערזעט מיך שטענדיק פאַר א מײַל),
די האָר קאַפּויר, צום פענצטער צוגעלאָפן,
די אויגן — גאַזלען, הייבט זיך, שפּרינגט מעשונע־ווילד
און בילט אַף מיר, און בילט, און בילט, און בילט...
עס האָט אין מיר דאָס בלוט גענומען קאָכן,
איך ווייס ניט, וואָס עס איז מיט מיר געשען,
אָוועקגעלייגט די פען
און כ'האָב מײַן טינטער אַף זײַן קאָפּ, מיר דאַכט, צעבראָכן.
איך שפּאָר זיך ניט: קאָן זײַן, עס איז ניט שיין,
כאָטש ס'טרעפט, מע קאָן א זאַך ניט געבן צו פאַרשטיין
און ס'שאַט ניט, אַז מ'גיט די זאַך צו פילן.
און הונדערט מאָל א הונט. און טויזנט מאָל באַרבאָס!
אַף הינטישקייט איז אויך פאַראַן א מאָס:

א קעלעוו זאָל אין שטוב אַרײַן מיט בילן.
ניט דאַפקע הינט האָב איך געהאַט אין אויג:
אַמאָל איז דאָס א הונט, אַמאָל א צויג;
אָן ער, א זי... מע דאַרף ניט זײַן באַצאָרנט —
א ביביסי איז אויך פון טינטערס ניט באַוואָרנט.

לעבעדיקע פיש

עס האָט א פישער אין א שטאָט געבראַכט זײַן אייניק,
ווי ס'איז פאַראַן כידושים אַלערליי ניט ווייניק,
און ווײַזט אים אויך א קראָם פון לעבעדיקע פיש,
די קראָם איז פול געפּאַקט מיט קוינעטעס, אינמיטן —

א לאַנגער טיש.
די ווענט באשטעלט מיט גלעזערדיקע ביטן,
די וואסער אין די ביטן — לויטער, פריש,
און וואָסער פיש א קוינעטע זאָל ניט דערמאָנען
איז דאָ פאַראַנען.

פון ביט צו ביט, פון וואנט צו וואנט
פליט אום א רירעוודיק, א פיפיק באָכערעצל
די קאָרעפלעך און שלײַען שעפט ער מיט א נעצל,
די קארפּן כאפּט ער פּאָשעט מיט דער האנט;
א שעפּ, א כאַפּ, און צו דעם טיש געפלויגן,
און אף דער שאָל א לייג און אָפּגעוויגן,
און ציילט שוין געלט.
דאָס ייִנגל גאפט, דאָס ייִנגל קוועלט,
דאָס ייִנגל עסט דעם פלינקן באָכער מיט די אויגן.
„אוי, זיידע! — רופט ער אויס. — קוק אָן א העכט!
דו דארפסט אין טײַך זיך ווייקן וויפל נעכט,
ביזוואנען דיר געלינגט אזעלעכס צו דערטאַפּן,
און ער — ער מאכט עס אוף געשווינד”.
„א כידעש! — האָט דער פישער זיך צעלאכט, — מײַן קינד,
געכאַפּטע העכט איז קיין מעלוכע ניט צו כאַפּן”.

און ווי וואָלט איר די זאך געשאצט?
געווען א פראָנט, מ'האָט געדאַרפט א צווייטן...
איז ווער עס האָט געקעמפט, און ווער ס'האָט זיך געקראצט.
און איז געקומען אפן גרייטן.

א לידעלע פון ריטען

אלט איז ריטע
צוויי, דאָס דריטע,
העלפט דער באָבען
בא דער פליטע.
קלײַבט פאסאָליעס,
קײַט אָן עפּל,
נעמט די שאָלעכץ
ווארפט אין טעפּל,
טוט א כאַפּ
א שטיקל לעבער,
שווענקט עס אָפּעט
אינעם צעבער.
לויפט אין קאמער,
ברענגט א שפּענדל,

גיסט אָן עסיק
אינעם פענדל.
מישט די קאשע
מיטן לעפל,
שיט ארײַן
א זשמעניע פעפער.
שרײַט די באָבע:
— ריטע, ריטע!
מאכסט א טעל דאָך
פונעם מיטיק!
בלאָזט אָן ריטע
א פּאָר באקן:
— כ'האָב געוואָלט
ס'זאָל זײַן געשמאַקער...

אפן גליטש

אז דער טאָג איז פריש און ליכטיק
און דער שניי איז קלאָר און ציכטיק,
אז דאָס אײַז איז, ווי א שפּיגל, —
איז א גרויסער פאַרגעניגן
אַף די גליטשערס זיך א טראָג טאָן,
אפן גלאַטן אײַז א יאָג טאָן.
קונצן קונציקע צו ווײַזן,
מאַכן „שוועלבעלעך" און קרײַזן,
מיט די הענט אזוי צעפּאַכען,
אז די בלוטן זאָלן קאָכן,
אז דאָס האַרץ זאָל גיכער קלאַפּן,
אז דעם אָטעם זאָל פאַרכאַפּן,
אז די ביינער זאָלן קנאַקן,
אז די באַקן
זאָלן פלאַמען, —
איך האָב ליב א גליטש אזא מין!

שלוימע-בער

איר האָט געהערט די מײַסע וועגן שלוימע-בערן?
ער האָט זיך מיטן קאָפּ אראָפּ אוועקגעשטעלט
און זיפּצט, נעבעך, און קרעכצט, און גיסט מיט טײַכן טרערן
און שרײַט איין קאָל: „גוואַלד, ס'איז א קאַפּוירע וועלט!"

אלע ווײַסן

אלע ווײַסן, ס'איז א נײַס?
גראָז איז גרין, שניי איז ווײַס,
קויל איז שוואַרץ, אש איז גרוי, —
אלע יאָרן איז אזוי.
נאָר בא מיר,
בלויז בא מיר —
וואָס איך זע, איז איין קאָליר:
ראָז.
ראָז דער טאַטע, ראָז די הון,
ראָז די כמאַרע, ראָז די זון.
און דער ברונעם, און סירקאָ,
דער בולאַנער, און די קראָ,
און די גאַנצע וועלט איז ראָז
(כ'האָב אזא מין גלאָז).

הערט א מײַסע!

הערט א מײַסע! הערט א מײַסע!
איך האָב געזען דרײַ הינטעלעך:
איינס — איין גאָס, און איינס — א גרויס,
און איינס — מיט שוואַרצע פינטעלעך.

געווען אמאָל א סנײַפּערל

געווען אמאָל א סנײַפּערל
אורעמל מוישע-זלאַטעס —
געצילעוועט אין קאַפּעליוש,
געטראָפן אין די פּיאַטעס.

אָן אומדערמידלעכער פאָרשער פונעם ייִדיש־לאָשן

הײַנטיקן כוידעש וואָלט אלט געוואָרן 80 יאָר דער אָנגעזעענער פילאָלאָג מוישע שאפּיראָ. זײַן גאנץ באוווסטזיניק לעבן האָט ער געווידמעט דער פאָרשונג פון ייִדיש. אין 1928 האָט ער דעביוטירט מיט א וויסנשאפטלעך־פאָרשעריש ארטיקל אינעם פּעדאגאָגישן זשורנאל „ראטן־בילדונג”. אין זעקס יאָר ארום איז ער געוואָרן אן אספּיראנט פון דער פילאָלאָגישער סעקציע אינעם אינסטיטוט פאר ייִדישער קולטור בא דער אוקראַיִנישער וויסנשאפט־אקאדעמיע. צו יענער צײַט האָט דער יונגער געלערנטער שוין גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין דער ארבעט פון דער גרופּע צונויפשטעלער פונעם אוקראַיִניש־ייִדישן מאטעמאטישן ווערטערבוך (דערשינען אין 1935 אין קיִעוו). נאָכן פארענדיקן די אספּיראנטור האָט ער מיט דערפאָלג פארטיידיקט די דיסערטאציע און באקומען דעם טיטל קאנדידאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן.

פון דעמלט אָן האָט מ. שאפּיראָ נאָך אקטיווער זיך גענומען צו דער ייִדיש־פאָרשונג, וועלכע האָט ענדלעך אים געבראכט צו דער פרוכטבארער און אויסערסט אָנגעשטרענגטער ארבעט אלס מיטאווטאָר און מיטרעדאקטאָר פונעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך, וואָס איז, צום גרויסן באדויערן, אין 1973 פארפאלן געוואָרן צום דערשײַנען איבער מ. שאפּיראָס טויט און געפינט זיך איצט אף קאָנטראָל־רעדאקציע.

אין גאנג פון דער ארבעט איבער די פּראָבלעמען פון צוגרייטן דעם דאָזיקן ווערטערבוך האָט די רעדאקציע פון זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד” צונויפגערופן אין 1966 א פארברייטערטע בעראטונג פון ייִדישע סאָוועטישע פילאָלאָגן. אף דער בעראטונג האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט אן אלזײַטיקע שפּראך־דיסקוסיע. מוישע שאפּיראָ האָט געלייענט דעם גרונט־פאָרטראָג („אייניקע באזונדערהײַטן פונעם איינהײַטלעכן ליטערארישן ייִדיש אין סאָוועטנפארבאנד”), וועלכער איז דערנאָך פארעפנטלעכט געוואָרן אין זשורנאל (1967, נומ. 3).

נאָך דער דאָזיקער בעראטונג האָט מוישע שאפּיראָ אָנגעהויבן אָפטער ארויסטרעטן אף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאנד” מיט ארטיקלען וועגן שפּראך־פּראגן. פון היפּשער באדײַטונג זײַנען געווען זײַנע ארבעטן „אפן טאָגסייִדער — פּראגן פון שפּראך” (1966, נומ. 7), „קיינער ווארפט ניט קיין העברעיִזמען” (1967, נומ. 5), „ס׳איז נאָך דאָ וועגן וואָס צו טראכטן. — וועגן לאָמדישע, העברעיִשע און דײַטשמערישע ווערטער אין ייִדיש” (1968, נומ. 4), „ייִדישע לעקסיקאָגראפיע און דער ליטערארישער ייִדיש” (1969, נומ. 7, 8), „עליע ספּיוואקס בײַטראָג צו דער ייִדישער שפּראך־וויסנשאפט” (1970, נומ. 11) און אנד.

מע דארף אָפּמערקן נאָך איין וויכטיקן מאָמענט אין מ. שאפּיראָס טעטיקײַט אלס וויסנשאפט־טוער. אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד” האָט ער אין מעשעך פון פיר יאָר, אין יעדן נומער, געדרוקט שמועסן וועגן ייִדיש צוהילף די קומענדיקע לייענער, וואָס דערלערנען איצט די שפּראך. שאפּיראָס אָנהייב איז נאָך זײַן טויט פאָרגעזעצט געוואָרן, און ביז איצט פארעפנטלעכט דער זשורנאל די לעקציעס.

מוישע שאפּיראָ האָט אויך פיל געארבעט איבער דער פּראָבלעם וועגן די ייִדישע איבערזעצונגען פון די קלאסיקער פונעם מארקסיזם־לעניניזם, באזונדערס פון וו. אי. לענינס ווערק. ער האָט געשריבן: „לענין האָט, ווי ס׳איז באוווּסט, פײַנט געהאט פּוסטע מעליצע, שיינרייִדערײַ. זײַן וואָרט איז אָנגעלאָדן מיט קעמפערישן, רעוואָליוציאָנערן, סאָציאַליסטישן אינהאלט, אינטערנאציאָנאלן לויטן טאָך. די פאָרם אָבער זײַנע איז א נאציאָנאלע, א רוסישע, און פאר די פילצאָליקע פעלקער און פעלקערשאפטן פון אונדזער פארבאנד, פאר די ארבעטנדיקע פון דער גאנצער וועלט, פאר דער גאָרער פּראָגרעסיווער מענטשהײַט מוז מען דאָס דאָזיקע וואָרט איבערפורעמען, ארופּציִען דערוף אן אנדער נאציאָנאלן לעוווש.

דער אידעאַל (מ. שאַפּיראָ רעדט דאָ וועגן איבערזעצונגען פון לענינס ווערק, אָבער דאָס איז שײַך אויך צו אַנדערע וויכטיקסטע פּאַרטייִש־מעלוכישע דאָקומענטן, צו פּובליציסטישע טעקסטן ביכלאַל) איז — פולשטענדיקע אַדעקוואַטקייט... אָבער מיט „פולשטענדיקער אַדעקוואַטקייט" מיינט מען קלאַל־אוקלאַל ניט פּינקטלעכע, מעכאַנישע קאָפּירונג פונעם אָריגינאַל־טעקסט"...

מ. שאַפּיראָ ברענגט אין זײַנעם אַן אַרטיקל אייניקע איבערזעצונגען, וואָס צוליב די אינטערעסן פון „אַדעקוואַטקייט" קלינגען זיי פאַרקריפּלט. אַשטייגער: אין לענינס רעדע „די אויפגאַבע פון די יוגנט־פאַרבאַנדן" איז פאַראַן אַן אויסדרוק: «Я сохраняю свое местечко». באַם איבערזעצער באַקומט זיך: „וועל איך אײַנהאַלטן מײַן שטעלעכל". נאָר „שטעלעכל" איז דאָס, וואָס אין רוסיש הייסט „לאָטאָק". דאָ וואָלט געפּאַסט „ערטעלע" (צי „וואַרעם ערטעלע"). «Повальное увлечение» (אין דער זעלבער רעדע) איז איבערגעזעצט „עפּידעמישע פאַרינטערעסירטקייט". עס קלינגט אומגעלומפּערט. ס׳דאַרף זײַן „מאַסנהאַפטע פאַרכאַפּטקייט". און נאָך און נאָך אַזעלכע בײַשפּילן. שאַפּיראָ ברענגט זיי צוליב דעם, קעדיי באַווײַזן, אַז מע טאָר ניט כאַפּן צו איבערזעצן לענינען אָן דער געהעריקער צוגעגרייטקייט. דאָס זײַנען גאָלדענע ווערטער.

די געבראַכטע אַרויסזאָגונגען זײַנען גענומען פון מ. שאַפּיראָס אַרטיקל אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 4 פון 1970 „בלעטערנדיק איבערזעצונגען אויף ייִדיש". מיט דער זעלבער טעמע האָט ער זיך פאַרנומען נאָך ביז דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע, אין סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן. אין דער קיִעווער צײַטונג „שטערן" איז דעמלט פּובליקירט געוואָרן זײַנס אַן אַרטיקל „א וויכטיקע פּראָבלעם וועגן איבערזעצונגען פון די קלאַסיקער פון מאַרקסיזם־לעניניזם אין ייִדיש". דאָס אַרטיקל באַשטייט פון דרײַ פּאַראַגראַפן: 1) אין דער לעקסיק און אין דער וואָרטבילדונג, 2) אין דער פראַזעאָלאָגיע, 3) אין דער גראַמאַטיק. אין יענער צײַט האָט מען זיך געגרייט דורכפירן אין ביראָבידזשאַן א שפּראַך־קאָנפערענץ. דאָס אַרטיקל האָט זיך פאַרנומען מיט די טעזיסן פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ. דער אויטאָר אַנאַליזירט איבערזעצונגען פון אייניקע לענינס טעקסטן, וועלכע זײַנען געמאַכט אין דער זאַמלונג „לענין קעגן בונד" (דערשינען אין 1935 אין מינסק). אַנווײַזנדיק אויף א היפּשער צאָל גראָבע איבערזעצונגען, שטעלט זיך מ. שאַפּיראָ אָפּ אויף פעלערהאַפטע. אַשטייגער: «Не помнящие родства критики» איז אין דער זאַמלונג איבערגעזעצט: „די קריטיקער, וואָס ווייסן פון קיין טאַטן ניט". דער אויטאָר זאָגט גאַנץ ריכטיק: „ייִדיש ווייסט ניט פון אַזאַ פראַזעאָלאָגישן אויסדרוק, אים האָט אויסגעטראַכט דער איבערזעצער". אָדער «Для сознательного пролетариата, — как автора»... אין ייִדיש: „פאַר דעם באַוווּסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט, ווי דער אויטאָר פון"... לענין רעדט וועגן דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז דער אויטאָר פון... און דער איבערזעצער רעדט וועגן אַזאַ באַוווּסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט, ווי דער אויטאָר...

צוליב די באַגרענעצטע ראַמען פון א זשורנאַל־אַרטיקל איז דאָ אוממעגלעך אָפּצושטעלן זיך אויף אַלע פּובליקירטע פילאָלאָגישע ווערק פון מ. שאַפּיראָ. עס ווילט זיך דערמאָנען מיט א פּאָר ווערטער וועגן דער היפּשער צאָל אַרטיקלען, וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אין סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן אינעם דעמלט פּאָפּולערן מאָסקווער זשורנאַל „אָפן שפּראַכפראָנט", דעריקער וועגן זײַן וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן ווערק „דער גראַמאַטישער מין פון ייִדיש", ווו עס ווערט באַגרינדעט דער מין פון א גרויסער צאָל ניט אַפיקסירטע ייִדישע סובסטאַנטיוון פון גערמאַנישער אָפּשטאַמונג. לײַדער איז אינגיכן אויסגעבראָכן די מילכאָמע, און די פראַגע איז געבליבן אָן א געהעריקער אַלזײַטיקער באַהאַנדלונג.

ערעוו דעם קריג זײַנען דערשינען שאַפּיראָס אייניקע הילפס־ביכלעך פאַר דער ייִדישער שול וועגן אָרטאָגראַפיע און פּונקטואַציע (מיטאַוטאָרן ד. לערנער און מ. מײַדאַנסקי) און א לערנביכל „מאָרפאָלאָגיע" (מיטאַוטאָר כ. לויצקער).

אין די יאָרן 1949—1960 האָט מ. שאַפּיראָ געאַרבעט אין א רוסישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און פאַרעפנטלעכט א ריי אַרטיקלען וועגן דער מאָרפאָלאָגיע פון רוסיש, ספּעציעל וועגן דער סטרוקטור פונעם רוסישן ווערב.

מ. איטקאָוויטש

ווע ל וו ל ר ע ד ק א

דער טרוים, צו וועלכן כ׳בין געגאַן

יוגנטלעכער אומרו

איך בין נאָך יונג, און ווי א סאָד, צעצוויטעט איז מײַן יוגנט,
מיט שטראַלן זוניבערע באַלויכטן איז מײַן וועג.
פון קליינוויַיז אָן האָב איך מיט גאָר זיך ניט באַנוגנט,
פון שטענדיק עפּעס שולדיק כ׳בין פאַרגייענדיקע טעג.

אָ, יוגנטלעכער אומרו, שלאָגסט אין מײַנע בלוטן —
צו האָבן און צו שטרעבן ביסטו קיינמאָל ניט געצוימט!
מיט דיר, מײַן אומרו ניט־באַגרײַפטער, אין טײַערסטע מינוטן
אַף שטענדיק צו פאַרבלײַבן כ׳האָב געטרוימט.

דו ביסט דער רוף באַגײַסטערטער פון יוגנט,
צום שאַפן און צום וויסן עפנסט מיר א וועג.
— — — — — — — — — — — — — — —
פון קליינוויַיז אָן האָב איך מיט גאָר זיך ניט באַנוגנט,
פון שטענדיק עפּעס שולדיק כ׳בין פאַרגייענדיקע טעג.

א רעגן

א רויש פון א ווינט האָט זיך פּלוצעם דערהערט,
צערודערט די שטילקײַט פון סטעפּעס און שטעט.
וואָלקנס אַף וואָלקנס — און טונקל די שײַן,
באַלד וועט א רעגן א דופּיקער זײַן.

א בליץ טוט א בלענד, און א דונער צעקנאַלט,
און אָט אַף די סטעפּעס א רעגן שוין פאַלט.
געקומען ער איז אַף די פליגל פון ווינט
און טײַכן פאַרכלינעט, און וועלדער פאַרטרינקט.

דאַרשטיק די ערדן אים שלינגען אַרײַן,
פול וועלן ברויטן קאַלווירטישע זײַן.
— — — — — — — — — — — — — —
אָטעמען פעלדער מיט מײַזקן צוויט,
די הייכן — אין בלויען, די ווײַטן — צעבליט.

שניט־צײַט

ווײפל פרייד האָב איך געקליבן
אַף די פעלדער בייסן שניט!
דאָרט מײַן קינדהײַט איז פארבליבן,
ווּ זי איז איצט — ווייס איך ניט.

דאָרט מײַן קאָל פלעג הילכיק שאלן
צווישן זאנגען אפן פעלד.
ניט קיין זאנגען — זילבער־שטראלן
האָבן אין מײַן הארץ געקווועלט.

אוי, די זאנגען, יענע זאנגען
ביז אצינד פארגעס איך ניט —
אייביק כ׳וואָלט צו זיי געגאנגען,
זינגענדיק די ליד פון שניט.

ניט יעדער שמייכל...

ניט יעדער זונקלאנג פרייד אונדז ברענגט,
ניט יעדער שמייכל טראָגט אונדז ליבע.
און איך געדענק, און איך געדענק
אָט יענעם שמייכל, ווי א פיבער...

באגעגנט האָב איך זי באם ברעג פון טײַך,
א מילדער ווינט געגלעט האָט אירע לאָקן.
און ווער געוועז צו מיר איז דעמלט גלײַך —
איך האָב פאר אייגן גליק זיך אזש דערשראָקן...

אדורך די נאכט איז, ווי א כאַלעמדיקער טרוים,
פאַרשיקערט איבער גאסן כ׳בין געלאָפן.
געטראָגן האָבן פליגל מיך אין רוים,
די וועלט געווען פאר מיר איז רײַך און אָפן...

נאָר ניט איעדער זונקלאַנג פרייד אונדז ברענגט,
ניט יעדער שמייכל טראָגט אונדז ליבע.
דעם לעצטן בליק, וואָס זי האָט מיר געשענקט,
האָט אָנגעזאָגט מיר אָט די טעג די טריבע...

אָוונט־ליד

קומט דער זומער נאָר צו גייַן,
ווערן נעכט אלץ קלענער.
ווי קרישטאָל, דער הימל רייַן,
און דער טײַך נאָך שענער.

שווימט אוועק די זון אין ראַנד,
שפּיגלט זיך אין וואַסער.
מיט א הילכיקן געזאַנג
לויפן קינדער האַסטיק.

באָדן ביימער זיך אין טײַך,
צייכענען אָן געמעלן.
איז דאַן שווימען אַזוי לײַכט
אין די קרײַזן־כוואַליעס...

גליק

אזא בענקשאַפט דאַרף מען קאָנען טראָגן,
אַזוי בענקען דאַרף מען האָבן גליק.
כ׳וועל אין לעבן, גלייב איך, אַלץ פאַרמאָגן,
איינס נאָר וועט ניט קערן זיך צוריק...

פרייד און אומרו כ׳וועל נאָך פיל געניסן,
כ׳וועל נאָך טרינקען פונעם לעבן וויַן,
נאָר פון איינס כ׳וועל קיינמאָל שוין ניט וויסן,
נאָר אָט דאָס וועט קיינמאָל שוין ניט זײַן...

יענער ערשטער פײַערדיקער ציטער,
יענער פרי אין מיר דערוועקטער ברען:
ליפּן, וועלכע האָבן מיך פאַרשיקערט —
דאָס, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען.

גאָר די ערד איז אונטער מיר פאַרשוווּנדן,
און דער הימל האָט מיר פליגל אויסגעשטרעקט...
יענער פלאַם, וואָס האָט אין האַרץ זיך אָנגעצונדן,
מיך באַגלייטן וועט אין יעדן וועג.

צו מײַנע פרײַנט

...און נאָך א טאָג, און נאָך א טאָג — מיר וועלן זיך צעפאָרן,
דער צוג וועט אונדז אוועקטראָגן אין ווײַט,
אין שטורמישן געפעכט פון אומרויִקע יאָרן
פאַרגייַן עס וועט אין אייביקײַט די צײַט.

געמיטלעכע, אזוי מיר פלעגן שמועסן פירן,
עס האָבן טרוימען העלע אונדז גענערט.
און ווען ס'איז באַשערט זײַן קאָפּ ערגעץ פאַרלירן,
און וועמען ביז דער עלטער דערלעבן איז באַשערט.

און אויב אַף יונג־צעגליטן קאָפּ מײַנעם וועט פאַלן
די אייביק־שוואַרצע נאַכט, וואָס וועט מיר צונעמען פון אײַך,
איך וויל, אַז בא מײַן אָרן ניט קיין טרויער־מאַרש זאָל שאַלן,
כ'וואָלט אײַנשלאָפן געוואָלט אין רויש פון דניעפּער־טײַך.

און יענע פרעמד, ווו איך וועל בלײַבן ליגן,
זאָל זײַן פאַר מיר די היים, און הערן וועל איך דאָן,
ניין, ניט קיין ליד פון אומעט, ניט פון פײַן קיין ניגן —
אַ ליד פון טריומף, צו וועלכן כ'בין געגאַן.

אַ, נאָך אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג — מיר וועלן זיך צעפּאָרן,
דער צוג וועט אונדז אַוועקטראָגן אין ווײַט,
אין שטורמישן געפעכט פון פײַערדיקע יאָרן
זאָל דויערן דער וועג, זאָל דויערן די צײַט.

איבער דערפער

גענשוקט דנעם טאָטן

1

אַף אוקראַינער סטעפּעס הייבט שוין אָן צו טאָגן,
נאָר אַף שליאַכן ברייטע כמאַרעס שוואַרצע יאָגן.

נאַקעט שטייען גערטנער, פעלדער ליגן הוילע,
אין געדיכטע וועלדער פײַפן ווילדע קוילן.

גיי ניט, גיי ניט, טאַטע — דאָרט אַ סרייפע פלאַקערט,
דאָרטן גייט דאָס לעבן אין אַ שווערן אַקער.

דאָרטן טרעשטשען צוויַיגן, דאָרטן פאַלן קליאָנען,
דאָרטן וועסטו גאָרנישט, גאָרנישט ניט דערקאָנען...

גיי ניט, גיי ניט, טאַטע, אינעם דאָרף אַצינדער,
אין דער היים עס וואַרטן פינעף קליינע קינדער.

און די מאַמע ליגט אַ בלאַסע, אויסגעצערטע,
און דער טויט צוקאָפּנס — ווי אַ שוואַרצער וועכטער.

וויפל ווייַ פאַרבאָרגן אין פאַרטיפטע אויגן,
ווי אַ מוטנער נעפּל האָט ער זיי פאַרצויגן...

2

און בא מײַן צוקאָפּנס ווער איז דען געשטאַנען?
ווען האָסטו פאַרוויגט מיך, ליבע, טרײַע מאַמע?

דיך עס האָט דער טיפוס אײַנגעהילט אין שוואַרצן,
ניט געהערט כ'האָב נאָענט ס'קלאַפּן פון דײַן האַרצן...

ס'איז די שטוב פאַראַסעמט, ס'איז די שטוב פאַרגעסן,
שטיינערנע סוכאַרעס גיט מען מיר צו עסן.

ניט געהאַט קיין ציינדלעך — האָב איך זיי געשלונגען —
מיט די הוילע יאַסלעס, און געשטילט דעם הונגער.

ניין, ס'איז בא מײַן וויגל קיינער ניט געשטאַנען,
ניט פאַרזוכט אפילע פון דער מילך דער מאַמעס,

נאָר פאַרזוכט כ'האָב טרערן, טרערן פיל אין וויגל,
אין די גראָבע רעדנעס, ווו איך בין געלעגן.

— שכיינעס, האָט ראַכמאָנעס, וואַרפט אים ניט אין וואַסער! —
שרײַען פלעג מײַן מאַמע, א פאַרשטיינטע, בלאַסע...

מ'האָט מיך ניט געוואָרפן, מ'האָט מיך ניט דערטרונקען,
ס'האָט א ווינט א בייזער מיר זײַן ליד געזונגען...

3

הונגער האָט געלאָקערט, ווי האָט אים געטריבן —
גייט ער אום, מײַן טאַטע, צווישן קרומע שטיבלעך,

צווישן שטומע געסלעך, צווישן פלויטן פרעמדע —
רויטע, גרינע פלעקן אף צעכראַסטעט העמדל,

און א זאַק אף פלייצע, אין דער האַנט אַן עמער,
פיל מעלאָכעס ווייסט ער, פיל מעלאָכעס קען ער.

ווילט איר — איז א בלעכער, ווילט איר — אויך א פאַרבער,
קיינער דאַרף ניט האָבן אים און ניט זײַן אַרבעט.

„אַז מיט וואָס צו צאָלן, אַז אף וואָס צו באָרגן —
שטיבלעך בא אונדז פוסטע, אָרעמקייט און זאָרגן...

רינט אַן עמער — זאָל ער, גיסט פון דאַך — זאָל גיסן" —
טײַנעט מען פאַרביטערט, מיט די ציין פאַרביסן...

שלעפט מײַן בידנער טאַטע קוים די פיס א מידער —
ניט פאַרדינט קיין גראָשן, גייט ער ליידיק ווידער...

פרילינג ליבער און פאַרשײַטער

פרילינג, קומסט מיט ווינט אף טײַכן,
קרײַעס הייבסט נאָר אָן צו רירן —
קאָן איך דיך מיט וואָס פאַרגלײַכן,
זאָלסט דײַן צויבער ניט פאַרלירן?

כ'זע אין סעדער דיך, אין סקווערן,
קנאָספן פלאַצן אף די צווײַגן,
און פאַרנאַכט בא בלויע שטערן
איך דערשפיר דיך אינעם שווײַגן.

איך באַגעגן דיך מיט שמייכל,
און מײַן פרייד איך קאָן ניט שטילן —
ניט באַגרײַפן מיטן סייכל,
וואָס דערוועקט האָסט פאַר געפילן...

פרילינג ליבער און פאַרשײַטער,
האָסט מיך קיינמאָל ניט געפעסטעט,
נאָר אַז כ'פיל דיך נאָך פון ווײַטן,
ווער איך שענער, ווער איך גרעסער...

מאניע לאנדמאן

זיכרוינעס פון א מאשיניסטקע

אין פארלאג „דער עמעס"

עס ווײַזט זיך מיר אויס, אז אלע מאָל, ווען איך שרײַב מײַנע זיכרוינעס פון א מאשיניסטקע, וועלכע איך דרוק פון צײַט צו צײַט אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", שטייט מיר פאַר די אויגן מײַן גליקלעכער אָנהייב — די ארבעט אין פארלאג „דער עמעס". אייניקע כאַווערים, וואָס האָבן מיט מיר איינינעם געאַרבעט, ווערן אויך צומאָל פארכאַפּט פון דערמאָנונגען, זיי קלינגען מיר אָפּן אָן אין טעלעפאָן, זאָגן מיר אונטער באַזונדערע פאַקטן און באַשטעטיקן אפילע, אז אָט פונקט אזוי איז טאַקע געווען, ווי איך באַשרײַב. אמאָל גיט מען נאָך צו צו דעם: „דו געדענקסט דעם און דעם כאַווער? דו האָסט אין אים פארגעסן, צי וואָס?" פארשטייט זיך, עס ווילט זיך מיר באַשרײַבן אלע כאַווערים, וועלכע האָבן מיט מיר איניינעם געאַרבעט אין די דרײַסיקער יאָרן אין פאַרלאַג „דער עמעס".

ווען מע פרעגט מיך: וואָס פילט מײַן הארץ בײַס איך טראַכט וועגן יענער צײַט, איז דער ענטפער א פראָסטער: איך האָב זייער ליב באַקומען מײַן ארבעט. בא מיר זײַנען איצט שוין פאַראַן גרויסע טעכטער, אייניקלעך גרויסינקע, און די טעכטער מײַנע זײַנען לערערנס. לעצטנס זע איך, זיי לייענען א בוך פונעם גרויסן פעדאַגאָג אושינסקי. טאַקע פון אושינסקיס בוך האָב איך אַרויסגענומען דעם געדאַנק, אז דאָס וויכטיקסטע איז, אויב דער מענטש קלײַבט זיך אויס א פּראָפעסיע ריכטיק, נאָר דאָס איז נאָך ניט אלץ. אויב מע לייגט אַרײַן די נעשאָמע אין דער ארבעט — דעמלט איז דער מענטש א גליקלעכער. דעריבער דערמאָן איך טאַקע נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל יענע צײַט, ווען איך בין געוואָרן א מאשיניסטקע, און עס ווײַזט זיך מיר אויס, אז איך בין גליקלעך און עפּשער די סאַמע גליקלעכסטע בין איך איצט, ווען איך זיץ נאָך אלץ בא דער מאשינקע און ארבעט.

ווײַל איך טאַקע זיך אומקערן צום סאַמע־סאַמע אָנהייב פון מײַן דינסט בא דער שרײַבמאשין, גלײַך נאָך דעם, ווי איך האָב פאַרענדיקט די ייִדישע שול אין מאָסקווע.

בא די עקזאַמענעס, בײַס איך האָב אָפּגעגעבן ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור, האָט מיר דער דירעקטאָר פון דער שול כאַווער רײַכשטיין, וועלכער איז געווען אייגנצײַטיק א לערער פון די לימודים, געזאָגט: „דו דאַרפסט גיין ארבעטן אין א ייִדישן אַנשטאַלט, מיט דער ייִדישער ליטעראַטור ביסטו באַקאַנט, די שפּראַך קענסטו אויך ניט שלעכט, איז געבליבן נאָר זיך אונטערלערנען א ביסל, קעדיי ריכטיק שרײַבן"...

פאַרענדיקט די שול, בין איך באַלד אוועק אין דער דרוקערײַ פונעם פארלאג „דער עמעס", זי איז געווען אָף פאָקראָווקע, נומ. 9. דאָרט האָט מיט מיר גערעדט איינער א כאַווער, אָבער לאַנג רעדן האָט ער מיט מיר ניט געוואָלט. געפרעגט, צי איך האָב שוין א פּאַספּאָרט, צי איך קאָן לייענען און שרײַבן אָף ייִדיש, נאָר אז ער האָט דערהערט, אז קיין פּאַספּאָרט האָב איך דערווײַל נאָך ניט, האָט ער זייער גיך געגעבן מיר אָן ענטפער: „אז דו וועסט אונטערוואַקסן, זאָלסטו קומען צו אונדז, און איצט גיי זיך נאָך לערנען".

אין א פּאָר טעג אַרום האָב איך באַגעגנט אין גאַס א סימפּאַטיש מיידל, עטוואָס עלטער פון מיר. איך האָב אָף איר געקוקט אזוי, ווי איך זאָל וועלן, זי זאָל זיך מיט מיר אָפּשטעלן עפּעס רעדן. און אזוי איז טאַקע פאַרגעקומען, מיר האָבן זיך מיט איר ניט געקענט, נאָר אונדזערע בליקן זײַנען זיך צונויפגעקומען, און איך ווייס אפילע ניט ווי־אַזוי, נאָר זי האָט מיך פאַרשטאַנען נאָך מײַן קוקן אָף איר און אומדערוואַרט א פרעג געטאָן:

— דו אַרבעטסט שוין, צי דו לערנסט זיך נאָך?

אָט דאָ טאַקע האָב איך אָנגעהויבן דערציילן, ווי־אַזוי איך דאַרף און מוז און וויל זייער שטאַרק ארבעטן, נאָר מע נעמט מיך ניט אָן, ווײַל איך בין קיין זעכצן יאָר נאָך ניט אלט. זי האָט זיך צעלאַכט:

— עך מיר א זאַך! קים, איך וועל גלײַך מיט דיר גיין אין רעדאַקציע, דאָרטן דאַרף מען דיך.

און אזוי האָבן מיר באַלד פון דער גאַס אין צענטער שטאָט פאַרקערעוועט צום רויטן פּלאַץ, און לעבן דעם רויטן פּלאַץ איז געווען דאָס געסל סטאַראָפּאַנסקע, ווו עס האָט זיך געפונען דער „עמעס"־פאַרלאַג.

דאָס מיידל האָט געטראָטן זייער פעסט און איז געגאַן ווי א גאַנצע באַלעבאָסטע. איך, פאַרקערט — שעמעוודיק זיך, מיט ניט קיין זיכערע טריט, אלץ איז פאַר מיר געווען נײַ און, ווי

עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ניט אַף צו דער־גריכן. דאָס הארץ האָט מיר געקלאַפּט, נאָר אַ פרייד איז אופגעשווומען אין מיר זייער אַ גרויסע.

אפֿן ערשטן שטאָק, אַף רעכטס, איז געווען אַ „ראַזדעוואַלקע", נאָר אויסטאָן האָב איך ניט געהאַט וואָס. עס איז געווען מײַ כוידעש — אייניקע מענטשן האָבן נאָך געטראָגן מאַנטלען, נאָר איך בין שוין געווען אין איין גרינג קליידל. דעם ערשטן, וועמען איך האָב דערזען, איז געווען אַ מאַנצבל פֿון קליינעם וווּקס, אַ דאַרלעכער, מיט עטלעכע ביכער אונטערן אָרעם. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז דער ביבליאָגראַף פֿונעם פֿאַרלאַג, אָדער ווי מע פֿלעגט זאָגן, דער ביבליאָטע־קער — מענדל ראַזענהויז. ער האָט אומגעריכט מיר אָפּגעגעבן אַ גוטמאָרגן. דאָס האָט מיך זייער פֿאַרווונדערט. פֿאַר מיר האָט ער דעמלט געהייסן שוין ניט קיין יונגער מענטש, און ער באַגריסט זיך מיט מיר, איידער איך באַווײַז עס צו טאָן. איך האָב זיך אַ ביסעלע פֿאַרלוירן, ניט פֿאַרשטאַנען, צי מיינט ער טאַקע מיך, צי עמעצן אַנדערש, און הויך אויסגעשריגן: „זדראַ־סטיע!" מײַן נײַע כאַווערטע האָט מיך געגעבן אַ צי בא דער האַנט און געזאָגט:

— ביסט געקומען אין אַ יידישן אַנשטאַלט, פֿריטשאַם איז דאָ זדראַסטיע? „זדראַסטיע", — האָט זי איבערגעקרימט מײַנע רייד, — מע דאַרף זאָגן „אַ גוטמאָרגן". און געגריסט האָט ער זיך מיט מיר, ניט מיט דיר. נאָר סײַווי גע־דענק, אַז מע גיט אָפּ אַ גוטמאָרגן, און אויב שוין אַף רוסיש, איז ניט זדראַסטיע, נאָר זדראַווסטוויטיע. קענסט גאָר קיין רוסיש ניט? איך האָב איר געענטפֿערט, אַז רוסיש קען איך שוואַך.

— נו, דאָ דאַרף מען קענען גוט יידיש, — האָט זי געגעבן אַ זאָג, ווי ניט צו מיר. ווײַטער האָבן מיר זיך אופגעהויבן אַפֿן צווייטן שטאָק און עס איז מיר געוואָרן אַזוי ליכטיק אין די אויגן, אַז באַשרײַבן איז עס זייער שווער. כאָטש דער קאָרידאָר אַליין איז געווען אַ פֿינצטערער, אָן פֿענצטער, אָבער באַ־געגנט האָט אונדז זייער אַ שיינע, ביז גאָר אַ שיינע פֿרוי, וועלכע מע האָט גערופֿן ראַשעל באַריסאָוונע. זי איז געווען טאַקע די עמעסע באַלעבאָסטע, ווי איך האָב זיך שוין דערנאָך דערוווּסט, די סעקרעטאַרשע פֿון דעם פֿאַרלאַג. זי האָט מיך אויך געפֿרעגט אַף אַ פּאַספּאָרט, נאָר צוגעגעבן, אַז אויב ניט, איז מיילע. איך דאַרף אַרײַנגיין אין צווייטן צימער, דאָרט זיצט בלוימע קאַטיק, זי וועט מיך פֿאַרהערן, וואָס איך קען, און וועט באַשטימען, ווו מיך אוועק־זעצן זיך עפּעס אויסלערנען.

בלוימע קאַטיק — דאָס איז געווען די צווייטע פֿרוי, וועלכע איך האָב דערזען אין פֿאַרלאַג נאָך ראַשעל באַריסאָוונען. זי האָט שוין בא מיר גאָר אויסגעגעבן — מיט איר שיין רעדן, אַ ביסעלע מיטן רייש, מאַמעש מאַלעטאַמעדיק, ליטעראַריש האָט זי גערעדט. אַליין איז זי גע־ווען זייער אַ שלאַנקע, די האָר פֿאַרקעמט שיין, לויט דער לעצטער מאָדע — ווי דעמלט איז געווען, קורץ געשוירן, עס האָט איר זייער גע־פּאַסט צום פּאָנעם. אַ ביסעלע אַ לענגלעך סימ־פּאַטיש פּאָנעם. צו מיר האָט זי, נאָכן אויסהערן מיך, געזאָגט:

— קאָנסט גוט לייענען, שרײַבן. אויב אַזוי, וועסטו זײַן אַ קאָרעקטאָר.

אַרײַנגעפֿירט מיך אין דער קאָרעקטאָרסקע, געגעבן מיר עפּעס־וואָס צו שרײַבן, דערזען, אַז איך הינק אַ ביסעלע אונטער מיט די קאָ־מעס, האָט זי באַלד געפּאַסקנט:

— ביסט נאָך זייער יונג און געזונט, גיי בעסער פֿאַר אַ מאַשיניסטקע.

די כאַווערטע מײַנע איז לעבן מיר געשטאַ־נען די גאַנצע צײַט און געוואַרט. נאָר דאָ האָט זי זיך אַרײַנגעמישט אין די רייד:

— איך האָב זי געבראַכט, זי זאָל זײַן אַ מאַ־שיניסטקע, און ניט קיין קאָרעקטאָר. קום! — געגעבן מיך אַ שלעפּ פֿאַר דער האַנט און אוועקגעפֿירט אין מאַשין־ביוראָ.

גייענדיק דורכן קאָרידאָר, האָב איך זיך בא איר אָנגעפֿרעגט:

— וויאַזוי הייסטו?

האָט זי מיר פֿאַרכידעשט געענטפֿערט:

— וואָס, דו ווייסט ניט? איך הייס טשאַרנע. טשאַרנע הייס איך.

אין מאַשין־ביוראָ בין איך אַ געפּלעפּטע גע־בליבן שטיין בא דער טיר. אין פֿאַרגלײַך מיט יענעם צימער, ווו איך בין ערשט געווען, האָט אַף מיר געגעבן אַ בלענד אַן אויצער מיט שײַן. זייער אַ ליכטיקער צימער און זייער אַ גרוי־סער. צוויי רייען טישן. אַף יעדן טיש אַ מאַ־שינקע. בא די מאַשינקעס — מיידלעך. זעקס מיידלעך האָב איך אין דער ערשטער ריי דער־זען, אַלע אויסגעקערעוועט מיט די פּלייצעס צו מיר. האָב איך אַ קוק געטאָן אַף דער צווייטער ריי, און דאָרט זײַנען געזעסן אויך זעקס מייד־לעך. איך האָב גוט זיי געזען, ביז הײַנטיקן טאָג געדענק איך אַפּילע, אין וועלכער אָרדע־נונג זיי זײַנען געזעסן — סאָניע טיאַמקינע, ליזע קליין, בראָכע דאַרמאַן, כאַווע פּישביין, טעמע גאַנדז, און סאַמע באַם פֿענצטער איז געזעסן גאָר אַ שייניקע, מיט אַ פּרעכטיקן קאָפּ האָר, אויך קורץ געשוירן, מיט גרויסע אויגן, — דאָס איז געווען ראָזע קאַץ. דערזעען זי, האָב איך שוין מער קיינעם ניט געזען פֿאַר זיך, אין די אויגן איז בא מיר פֿאַרבליבן די שיינקײַט פֿון די פֿינגער, וועלכע האָבן געשוועבט איבער דער קלאַוויאַטור פֿון דער מאַשינקע, און בא זיך האָב איך באַשטימט טאַקע אין דער מינוט — נאָר זײַן אַ מאַשיניסטקע! צו טשאַרנען האָב איך געגעבן אַ זאָג: „דו ביסט אויך אַ מאַשי־ניסטקע? קאָנסט אויך אַזוי גיך אַרבעטן?" ניט וואַרטנדיק אַף קיין ענטפֿער, האָב איך פֿאַרגע־זעצט: „און איך וועל זיך כאַווערן אָט מיט יענעם מיידעלע, וועלכע זיצט באַם פֿענצטער". טשאַרנע האָט געענטפֿערט: — וואָס פֿאַר אַ מיי־דעלע? זי האָט שוין אַ מאַן.

די עלטסטע מאשיניסטקע האָט געהייסן קומען אַף דער אַרבעט מאָרגן. טשאַרנע האָט זיך אָפּגערופן:

— איך וועל אויך מאָרגן קומען. זעצט זי אוועק לעבן מיר.

א טיר בא א טיר מיט דער מאשין־ביוראָ האָב איך דערזען א קלייניקק צימערל, א פערטל די גרייס פון דער מאשין־ביוראָ. ניט ווילנדיק האָב איך באַמערקט דעם באַלעבאָס פונעם צימערל, דאָס איז געווען יאשע פיקוס — א יונגער שיינער באָכער, מאמעש אַף צו פאַרקוקן זיך. בא מיר איז אָבער געווען איין ציל — זיך אויסלערנען גוט אַרבעטן און איך זאָל דאָ האָבן א געטרייַע כאַווערטע, מער גאָרנישט.

דאָס קליינע צימערל, האָב איך זיך דערנאָך דערוווּסט, איז געווען די פאָטאָ־לאַבאָראַטאָריע, אַן אָרט, ווּ מע פלעגט מאַכן רעפּראָדוקציעס פאַר דער צייַטונג. אָט טאַקע דער שיינער יאַט — פיקוס — איז געווען א מייַסטער אַף צו מאַכן פאָטאָ־בילדער. אין א פאָר טעג אַרום האָב איך דערזען א גראָוון, זייער א גראָוון מאַנצבל אַרויסגיין און אַרייַנגיין אין דעם צימערל, דאָס איז געווען אַרן העפּטער, דער מאָלער פונעם פאַרלאַג, זייער א האַרציקער מענטש, דעמלט נאָך א יונגער, אָבער גראָוו, און בא מיר אין די אויגן האָט ער אויסגעזען ווי אַן עלטערער מענטש. וועגן העפּטערן האָבן אַלע גערעדט ווי וועגן א ביז גאָר פייִקן קינסטלער, זייַנע געמעלן און קאַריקאַטורן זייַנען פּובליקירט געוואָרן אָפט אין דער צייַטונג. ביידע — פיקוס און העפּטער — האָבן פאַרנומען דאָס קליינע צימערל.

ווען עס פלעגן פאָרקומען אָוונטן אין פאַרלאַג, און די אָוונטן זייַנען געווען זייער אָפטע, מע פלעגט אָפּמערקן דעם 1־טן מייַ, דעם אָקטיאַבער־יאָמטעוו און אַנדערע, — דעמלט פלעגט זיך העפּטער אויך אַרויסווייַזן מיט זייַנע גלענצנדיק אָנגעמאָלטע שאַרזשן, באַזונדערס אַף אונדז, מאשיניסטקעס. איין מאשיניסטקע האָט ער אַמאָל באַוויזן, ווי איך געדענק, אַזוי: א מיידל זיצט בא דער מאשינקע, די פיס זעט מען, די הענט אויך, קימאַט דעם גאַנצן קערפּער זעט מען זייער דייַטלעך בא דער מאשינקע, אָבער דער קאָפּ איז ערגעץ ווייַט־ווייַט, און אונטן האָט דער רעדאַקטאָר פון דער וואַנטצייַטונג איזי לעוו געמאַכט אַן אונטערשריפט: „דער קאָפּ דאַרף זייַן בא דער אַרבעט און ניט ערגעץ־ווּ אין די הימלען”.

נאָך דעם קליינעם צימערל איז געווען א טיר צום קאַבינעט פונעם שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר סיאָמע ראַבינאָוויטש. א שיינער טיש, באַקלאָפּט מיט גרינעם געוואַנט, ווי דעמלט איז געווען די מאָדע, און א געשניצטער שטול. קיין סאך אָרט איז אויסערן טיש ניטאָ, נאָר מענטשן גייען אַרייַן און אַרויס.

צום הויפּט־רעדאַקטאָר, צו מוישע ליטוואַקאָוון, אַז מע האָט געדאַרפט צו אים אַרייַנגיין, האָט מען געמוזט דורכגיין דורך א ליכטיקן, זייער פייַן אויסגעשטאַטן צימער, ווּ עס איז געזעסן דער סעקרעטאַר מאָטל שנייַדער. זייער א קלוגער און פייִקער באָכער, א פּלינקער, א זשוואַווער. אין „עמעס”־פאַרלאַג פלעגט אָנקומען זייער א גרויסע פּאָטשט, מאָטל האָט באַוויזן אַלע בריוו איבערלייענען ביזן מיטיק. נאָכן מיטיק פלעגט ער זיך שוין פאַרנעמען מיט ענטפערן אַף זיי און אייַנצייַטיק ליטעראַריש באַאַרבעטן אייניקע נאָטיצן, וועלכע פלעגן אָנקומען טאַקע אין די בריוו פון די לייענער. אַזעלכע, ווי ער, איז געווען א גאַנצע פּלעיאַדע יונגע מיטאַרבעטער — טעוויע גען, איזי לעוו, אויך אַנדערע, און זיי אַלע האָבן געלעבט אין איין צימער אין דער צוזאַמענוווינונג פונעם פאַרלאַג, וועלכע האָט זיך געפונען אין דעם הינטערמאָסקווער דערפל אודיעלנאַיא. מאָטל שנייַדער איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע אין 1943.

פון שנייַדערס צימער איז געגאַן א טיר צום קאַבינעט, ווּ ס'איז געזעסן מוישע ליטוואַקאָוו. ליטוואַקאָוו פלעגט זייער אָפט אַליין, מיט זייַן גיכן גאַנג, לויפן אין מאשין־ביוראָ, צו די קאָרעקטאָרן, פאַרן טאָג באַווייַזן זייַן קימאַט אין אַלע צימערן, וועלכע האָבן געהערט צו דער רעדאַקציע פון דער צייַטונג „דער עמעס”.

אין דער זעלבער געבייַדע און אַף דעם זעלבן שטאָק זייַנען געווען נאָך צימערן, ווּ מע פלעגט גרייטן צום דרוק ניט נאָר די צייַטונג „דער עמעס”, נאָר אויך ביכער, וואָס מיר, די מאשיניסטקעס פון דער מאשין־ביוראָ, פלעגן זיי האַלטן אין איין „קלאַפּן” אַף ריין.

וועגן דעם ניסטער

דעם ניסטער האָב איך ביז דער מילכאָמע ניט געקענט. כ'האָב אים קיינמאָל ניט געזען און זיך ניט געטראָפן מיט אים. ער האָט געוווינט אין קיִעוו. אָבער געהערט האָב איך וועגן אים א סאך.

די עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן אים געקענט נאָך פון פאַר דער רעוואָליוציע, האָבן דערציילט, אַז ער טיילט זיך אויס פון אַנדערע ייִדישע שרייַבער ניט בלויז מיט זייַן אַרט שאַפן, נאָר אויך אַלס פּערזענלעכקייַט. איך האָב אַפילע ניט געוווּסט, וואָס אַזוינס באַטייַט דאָס וואָרט דער ניסטער. מע האָט מיר דערקלערט, אַז ס'איז ניט זייַן אייגענע פאַמיליע, נאָר א פּסעוודאָנים, און רופן רופט מען אים פּינכעס קאַהאַנאָוויטש. דער ניסטער, האָט מען געזאָגט, באַטייַט דער פאַרבאָרגענער, דאָס הייסט, ער איז געווען פאַרבאָרגן פונעם פּאָשעטן סייכל־האַיאָשער נאָך ביז דער רעוואָליוציע...

פאַרוואָס האָט דער דעמלט יונגער שרייַבער זיך געדאַרפט אין זייַן אייגן־נאָמען פאַרבאָרגן? — אַף אָט דער פראַגע האָט קיינער קיין קלאָרן ענטפער מיר ניט געגעבן. איינע האָבן געטייַנעט, אַז דער יונגער פּינכעס קאַהאַנאָ־

וויטש האָט געדארפט גיין דינען אין דער צארישער ארמיי, ער האָט אָבער ניט געוואָלט זייַן קיין סאָלדאט און זיך אויסבאהאלטן פון דער פאָליציי אונטער פארשיידענע פאמיליעס אין זייַנע פאספאָרטן; אנדערע האָבן געזאָגט, אז ער איז ביכלאל געוועזן א גאָר באשיידענער מענטש, וועלכער האָט ניט געוואָלט אָדער עפשער מוירע געהאט פאר אלערליי הויכע און שיינע רייד וועגן זיך און וועגן זייַן שאפונג. איך ווייס ניט, צי זייַנען ריכטיק אָט די דערקלערונגען. איינס איז מיר קלאָר געוועזן אין יענער צייַט, ווען איך האָב ערשט אָנגעהויבן ארבעטן אלס מאשיניסטקע: דער ניסטער איז א באוווּסטער שרייַבער, וועגן וועלכן אלע ריידן מיט גרויס דרעכערעץ און מיט פולשטענדיקער אנערקענונג.

ווייַזט אויס, ער איז טאקע געוועזן א באשיידענער און אפילע א פארבאָרגענער, איך האָב ניט געהערט, מע זאָל דערמאָנען וועגן זייַנע ארויסטרעטונגען אף פארזאמלונגען, קאָנפערענצן, צוזאמענפאָרן, וועלכע זייַנען אין יענער צייַט געוועזן איבערגענוג. ער האָט דאן ניט געשריבן קיין ארטיקלען — ניט וועגן זיך, ניט וועגן ליטעראטור ביכלאל. געלעבט אָפגעזונדערט, פארטיפט בלויז אין אייגענע זוכונגען, געדאנקען, איבערלעבונגען.

און איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אין די לעצטע יאָרן פון דער מילכאָמע, אין יידישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט.

דער ניסטער פלעגט אין קאָמיטעט אריינקומען זייער זעלטן. ער איז געוועזן פונקט דער היפעך פון די שרייַבער און זשורנאליסטן, וואָס האָבן ניט געקאָנט לעבן אָן א טאָגטעגלעכן באזוך אין דער רעדאקציע פון דער צייַטונג „אייניקייַט”, ווו מע האָט געקאָנט טרעפן באקאנטע, זיך דורכשמועסן, אויסהערן עפעס נייַס. די מיטארבעטער פונעם אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט פלעגן זאָגן, אז דער ניסטער קומט נאָר דעמלט, ווען מע פארבעט אים, קעדיי וויסן זייַן מיינונג, וויאזוי ס'איז אויסגערעדאגירט זייַנער א מאטעריאל, וועלכן מע האָט געדארפט דרוקן אין דער צייַטונג, אָדער שיקן קיין אויסלאנד. אָבער אזויווי מע פלעגט דעם ניסטער קימאט ניט רעדאגירן, איז אפילע ניט אויסגעקומען אים מאטריעך צו זייַן, ער זאָל ספעציעל אריינקומען.

איך געדענק איינעם א הארבסטיקן טאָג, טאקע אן עמעסן אָסיענדיקן טאָג, ניט אזא, ווען די זון שייַנט און די געלע בלעטער וואלגערן זיך אונטער די פיס, אז עס איז א פארגעניגן צו שפאצירן אין דרויסן, נאָר א טאָג, ווען ס'האָט אָן אופהער געליאפעט א רעגן, דער הימל איז געוועזן א נידעריקער, א פארכמארעטער, — אָט אין אזא טאָג האָט זיך אין דער טיר פונעם אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט באוויזן דער ניסטער.

ער איז שטענדיק געגאנגען, עטוואָס אָנגעבייגט אין א זייַט דעם קאָפ, פארטראכט, די אויגן פארזשמורעט, ארום די ליפן אן אינווייניק שמייכעלע. אָבער אין אָט דעם טאָג איז ער געוועזן זייער א פארטרויערטער, א צעטומלטער.

אלע מיטארבעטער, וועלכע זייַנען געזעסן אין ערשטן גרויסן צימער באם אריינגאנג, האָבן זיך דערפרייט מיט זייַן קומען, אייניקע האָבן זיך אופגעהויבן און געגאנגען אים אנטקעגן אף צו באגריסן זיך.

ער האָט אָבער די אויגן אפילע ניט אופגעהויבן. דער קאָפ איז בא אים געוועזן א ביסעלע אריינגעצויגן אין די אקסלען. ער האָט זיך באגריסט מיט אונדז אלעמען און איז פארבליבן זייער אומעטיק.

צו מיר איז ער צוגעגאנגען און זיך אוועקגעזעצט אף א בענקל. זייער שטיל גערעדט צו מיר, אזוי, אז איך האָב זיך געמוזט צו אים אָנבייגן, קעדיי הערן, וואָס ער רעדט. געבעטן האָט ער מיך, איך זאָל אים איבערדרוקן אף דער מאשינקע א גרעסערע זאך. אין יענער צייַט האָט ער געשריבן דערציילונגען וועגן דער מילכאָמע.

גענוי האָבן מיר זיך ניט צונויפגערעדט, ער האָט מיר ניט געזאָגט, ווען ער דארף די ארבעט, וויאזוי איך וועל דרוקן — צי ער וועט מיר דיקטירן, צי גיבן מיר דעם קסאָוויאד, און נאָך אזעלכע זאכן, וועגן וועלכע מע מוז זיך צונויפריידן, אויב מע נעמט בא א שרייַבער איבערדרוקן עפעס. אין דער היים קיין מאשינקע האָב איך ניט געהאט, דעריבער פלעג איך דארפן קומען אף דער ארבעט פריער מיט א פאָר שאָ און אויך בלייַבן נאָך דער ארבעט, קעדיי דרוקן דעם מאטעריאל. נאָך איין מעגלעכקייַט איז געוועזן: קומען זונטיק אין קאָמיטעט און ארבעטן. טאקע איבער דעם, וואָס איך האָב ניט געהאט קיין אייגענע מאשינקע אין דער היים, האָב איך געזאָגט דעם ניסטער, אז ניט אזוי גיך קאָן איך זייַן באקאָשע אויספילן.

אָבער איך רעד צו אים, און ער הייבט אפילע ניט אוף די אויגן, אזוי ווי ניט צו אים רעד איך און ניט וועגן זייַנעם אן איניען. יעדעס מאָל „ענטפערט” ער מיר מיט א שאָקל מיטן קאָפ. „איך דארף די ארבעט זייער דרינגענד, אניט וואָלט איך זיך צו אייַך ניט געווענדט”, — אזוי האָט ער מיר געזאָגט זייער שטיל, אזויווי מע זאָגט א סאָד אין אויער.

ריידנדיק מיט אים, האָב איך בא זיך געטראכט: ווען מע דערלויבט מיר ארבעטן אין דער געבייַדע פונעם קאָמיטעט באנאכט, וואָלט איך אויסגענוצט אויך די נאכט־שאָען, אבי דעם ניסטער איבערדרוקן גיכער די ארבעט און ניט אָפזאָגן אים. אָבער עס איז געוועזן מילכאָמע־צייַט און ס'איז שטרענג פארבאָטן געוועזן זיך פארהאלטן אין דער געבייַדע פון אן אנשטאלט.

מיטאמאָל האָט ער זיך אופגעהויבן, געגעבן מיר א האנט און איז אוועק.

פונעם שכיינעסדיקן צימער איז אריינגעקומען הערשל אָרלאנד, וועלכער האָט געארבעט אין

אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט אלס רעדאקטאָר, און א פרעג געטאָן:

— ווו איז דער ניסטער, איך ווארט דאָך אף אים, און ער איז גאָר אוועק! איך האָב געזען, אז איר האָט עפּעס אזוי ערנסט געשמועסט, מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער וועט אזוי גיך ניט אוועקגיין. און מיטאמאָל — ניט געסטײַעט, אזוי גיך. א שאָד, איך האָב ניט באוויזן מיט אים זיך דורכשמועסן. ווען וועט ער נאָכאמאָל קומען. ווער ווייסט. ער קומט דאָך איין מאָל אין א יויוול.

מיך האָט אויך זייער געוווּנדערט זײַן גיך אוועקגיין. כ׳האָב זיך א קלער געטאָן: ווען וועל איך זיך שוין אויסלערנען רעדן מיט אזעלכע מענטשן? מיסטאָם האָב איך ניט דערקלערט אים די לאגע אזוי ווי עס דארף צו זײַן. די ארבעט דארף ער דרינגענד, איז וואָס דריי איך אים א מויעך, ער וועט זיך געפינען אן אנדער מאשיניסטקע...

אין א שאָ ארום קלינגט מיר דער ניסטער אָן און בעט, אז ווען איך וועל פארענדיקן די ארבעט, זאָל איך צוגיין צו פּושקינס דענקמאָל אף פּושקין־פּלאץ, דאָרט וועט ער אף מיר ווארטן.

איך האָב שוין קוים דערצויגן ביזן סאָף טאָג. צי וועט ער קומען אף אונדזער באגעגעניש שוין מיטן מאנוסקריפּט, פון וועלכן איך דארף דרוקן? צי איז דער מאנוסקריפּט געשריבן פון דער האנט, צי אף אן אנדער מאשינקע? צי האָט ער אליין מיט זײַן האנט ארײַנגעטראָגן ענדערונגען? צי וועל איך ביכלאל קאָנען פאנאנדערקלײַבן זײַן האנטשריפט? ווײַזט אויס, אז ער איז אײַנגעגאנגען אף דעם טערמין, וועלכן איך האָב אָנגערופן, הייסט עס, אז איך וועל אים ניט אונטערפירן, ער וועט קאָנען אָפּגעבן צו דער צײַט די ארבעט. און נאָך וועגן א סאך, א סאך קלייניקײַטן האָב איך געטראכט. ווו וועל איך נעמען פּאפּיר, קאָפּירקעס, לענטעס? און אײַנצײַטיק האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז מיר האָבן זיך נאָך ביכלאל וועגן גאָרניט צונויפגערעדט: ער איז דאָך מיטאמאָל אוועק...

פארענדיקט די ארבעט, געכאפּט מײַנע קוישן, פונקט ווי טאָמיד, לויף איך פון דער קראָפּאָטקין־גאס גלײַך מיט די בולווארן, דורך ארבאט, דורך ניקיטסקע, גלײַך־גלײַך צום פּושקין־פּלאץ. איך האָב ניט באוויזן צוצולויפן, גייט מיר אנטקעגן דער ניסטער אין א שווארץ אָסיענדיק מאנטל, ער גייט מיט זײַן פּאמעלעכן גאנג.

דאָ האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז ער האָט געגעבן אן אינווייניק שמייכעלע, ווען מיר זײַנען איינער צום אנדערן נאָענט צוגעגאנגען, אופגעהויבן פון דער טיף זײַנע אויגן און גלײַך א קוק געטאָן אין מײַנע. בא אים זײַנען געווען אזעלכע טרויעריקע אויגן, אז איך האָב נאָך אזעלכע אף מײַן לעבן ניט געזען, ס׳איז אוממעגלעך צו פארגעסן דעם ניסטערס שווארצע, טיפע, טרויעריקע אויגן.

ער האָט מיר נאָכאמאָל געגעבן די האנט און געזאָגט:

— דעם מאנוסקריפּט האָב איך אײַך נאָך ניט געבראכט. עס איז בא מיר הײַנט זייער א שווערער טאָג. איך זעץ איצטער פאָר שרײַבן דעם ראָמאן „די מישפּאָכע מאשבער” און איך דערצייל, ווי איינער פון די ברידער מאשבער איז געשטאָרבן, דעריבער געפין איך זיך הײַנט קיין אָרט ניט. א גאנצן טאָג דריי איך זיך ארום און זע קיינעם ניט פאר די אויגן. עס איז מיר הײַנט זייער שווער אפן הארצן. אומעטיק. א שלעכטער, שווערער טאָג. וועגן וואָס איז דאָ צו רעדן, אז א מענטש שטארבט, ער האָט זיך נאָך געמאטערט ביז ער איז געשטאָרבן, ווי קאָן מען דאָס צוזען? ווען עס איז מײַן טאָכטער געשטאָרבן, קאָנט איר דאָך אליין פארשטיין, ווי עס איז ביטער און פינצטער, ערגער קאָן שוין ניט זײַן. און אויך אָט דעם טויט איז מיר ניט גרינג איבערצוטראָגן...

בייס ער האָט גערעדט, זײַנען פײַכט געווען זײַנע אויגן.

איך האָב ניט פארשטאנען, וועגן וועלכער טאָכטער ער האָט דאָ דערמאָנט, וועגן זײַן אייגענער, צי וועגן דעם העלדס פונעם ראָמאן. אויך וועגן דעם ברודער, וואָס איז געשטאָרבן, האָט ער גערעדט אזוי, פונקט יענער וואָלט געווען זײַנער אן אייגענער ברודער. איך האָב אים ניט איבערגעפרעגט, נאָר שטארק־שטארק מיטגעפילט.

אין אָט דעם טאָג האָט ער מיר טאקע קיין ארבעט ניט געגעבן. צונויפגערעדט האָבן מיר זיך, אז ווען ער וועט זיך א ביסעלע בארויִקן, וועט ער מיר געבן דעם קסאָוויאד.

געבראכט האָט ער מיר צוביסלעך. בייס איך האָב געדרוקט, האָב איך ניט אלצדינג פארשטאנען, ווײַל ער האָט מיר געגעבן ניט אין אזא אָרדענונג, ווי מע דארף. געווען איז דער מאטעריאל צונויפגעלייגט פון באזונדערע זײַטעלעך, צו פיר, אָדער פינף גאָר מיט פארשיידענער נומעראציע און פון פארשיידענע קאפּיטלען. באזונדערע אבזאצן, צו צען — פופצן אבזאצן, אויך פון פארשיידענע קאפּיטלען. שורעס — באזונדערע. דערנאָך פלעג ער ערשט אלצדינג צונויפזאמלען און אוועקלייגן אפן אָרט. איך אָבער, אז איך פלעג דרוקן, האָב איך ניט געקאָנט האָבן קיין פאָרשטעלונג, וואָס אין ראָמאן קומט פאָר.

דעם גאנצן בוך, אלע טיילן, איז מיר אויסגעקומען צו דרוקן, ווען דער ניסטער איז שוין ניט געווען. זײַן פרוי האָט מיר געבראכט דעם מאנוסקריפּט פון „מישפּאָכע מאשבער”, וועלכער איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל” אין 1974 יאָר.

קורצע רעצענזיעס

שיקע דריז און זײַן דיכטונג



איין טייל ווערק, וואָס שיקע דריז האָט אָנגעשריבן, געהערט דעם דערוואַקסענעם לייענער. דער צווייטער טייל איז אַדרעסירט די קינדער, דעריקער פון פאַרשול־עלטער, אָט די פּילצאַליקע און זייער דאַנקבאַרע לייענער, ריכטיקער געזאָגט — צוהערער, ווײַל צו זיי דערגייט דאָס וואָרט פונעם דערציערס מויל, פונעם מויל פון זייערע עלטערן. לויט דער אַלגעמיינער אָנערקענונג, האָט שיקע דריז געבראַכט צושטײַער אין דעם דאָזיקן ביז גאָר שווערן און נאָבעלן געביט פון דער ליטעראַטור, אין דער ליטעראַטור פאַר פאַרשול־קינדער, זײַן באַזונדערן אוצער, און דאָ האָט דער דיכטער דעראָבערט אַן אָרט, וואָס געהערט בלויז אים. נאָר אויך דער דערוואַקסענער לייענער געפינט באַם דיכטער אַ גרויסן מאַטעריאַל אַף צו דענקען. צוליב דעם, אַז דער דאָזיקער אוצער זאָל באַוויזן ווערן און ווערן אָפּגעשאַצט, דאַרף מען פריִער פאַר אַלץ וויסן, וואָס פאַר אַ לעבן דער דיכטער האָט דורכגעמאַכט.

שיקע דריז איז געבוירן געוואָרן דעם 16 מײַ 1908 אַף אוקראַיִנע, ניט ווײַט פון ווינניצע, אין שטעטל קראַסנע. מיט עטלעכע כאַדאָשים פאַר זײַן געבורט האָט די מישפּאָכע פאַרלאָרן דעם פאָטער, און ער האָט זיך דערצויגן באַם זיידן. דער זיידע איז געווען אַ צינען־מײַסטער פון קעסלען, אַ באַלמעלאָכע, וועלכער האָט געלעבט צווישן באַלמעלאָכעס. פון קליינווײַז אָן איז שיקע פאַרקאָכט געווען אינעם קישעף פון די מענטשלעכע גאָלדענע הענט. שפּעטער וועט דאָס פאָעטיזירן פון פּראָפעסיעס ווערן איינע פון די גרונט־שטריכן אין זײַן שאַפונג. ער וועט באַזינגען אַ בעקער און אַ מולער, אַ מוזיקאַנט און אַ שנײַדער, ער וועט דערציילן, פּונקט ווי דזשאַני ראָדאַרי, וויאַזוי און מיט וואָס עס שמעקן פּראָפעסיעס.

נאָכן פאַרענדיקן די שול איז שיקע דריז אוועקגעפאָרן קיין קיִעוו, וווּ ער איז אַרײַנגעטראָטן אין אַ קונסט־שול, איינצײַטיק האָט ער געאַרבעט אַפן זאַוואָד „אַרסענאַל“. דער מעכאַבער פון די דאָזיקע שורעס האָט אויך געהאַט די ערע צו אַרבעטן אין די דרײַסיקער יאָרן אַף דעם דאָזיקן לעגענדאַרן זאַוואָד, די וועגט פון וועלכן עס זײַנען צעלעכערט מיט קוילן פון די סאָנים פון דער רעוואָליוציע. אַ סאַך שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אַרבעטער און קינסטלער האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין שיקע דריזן, און די דאָזיקע צונויפשמעלצונג איז אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין זײַנע לידער און פּאָעמעס. די פאָלקסטימלעכע ייִדישע זינגעוודיקײַט, פאַנטאַסטישקײַט, דער בילדערישער געבוי פונעם לאָשן האָבן אָנגעפילט דעם דיכטערס נעשאָמע. דאָס אַלץ האָט ער באַהערשט, פאַרדײַעט אַף אַן אייגנאַרטיקן אויפן און אויך אייגנאַרטיק אויסגעדריקט.

אין 1930 יאָר איז דערשינען שיקע דריזס ערשטע לידער־זאַמלונג „ליכטיקע וואָר“, און אין 1934 — די צווייטע זאַמלונג „שטאָלענער קויעך“. אין דעם דאָזיקן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן זײַן בײַגרענעץ־דינסט אינעם אוקראַיִנישן מיליטער־קרײַז. די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע האָט ער געטראָפן אין דער זעלבער מיליטערישער בײַגרענעץ־טייל.

ביסלעכווײַז האָט אין דער נעשאָמע פונעם דיכטער זיך אָנגעזאַמלט לעבנס־דערפאַרונג. אים האָט זיך געוואָלט שרײַבן און שרײַבן, נאָר פולשטענדיק זיך אָפּגעבן דער אַרבעט איבער דער ליד איז ניט מעגלעך געווען. נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אין 1947 יאָר דעמאָביליזירט, האָט ער געטעסעט מאָר־מאָר, געאַרבעט באַם דעקאָרירן געבײַדעס.

זײַנע געוווינהײַטן אַלס קינסטלער און סאָלדאַט, אַרבעטער און דיכטער האָבן געפירט צו רײַפער שעפערישקײַט. דאָס לעבן האָט דעם דיכטער ניט געבאַלעוועט. ערשט אין 1960 יאָר, ס'הייסט אין דער עלטער פון העכער פופציק, האָט דריז ווידער אָנגעהויבן אַרויסלאָזן זײַנע ביכער אַף ייִדיש און אין דער איבערזעצונג אַף די שפּראַכן פון די פעלקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און אַף אויסלענדישע שפּראַכן. אַף זײַנע טעקסטן שרײַבן קאָמפּאָזיטאָרן מוזיק, לויט זײַנע סצענאַרן זײַנען געמאַכט געוואָרן מולטפילמען, די טעאַטערן פאַר קינדער האָבן באַוויזן דעם ספּעקטאַקל „די זילבערנע קוזניע“, וועלכע ווערט געשטעלט ביז איצט. דריזס שורעס זײַנען, אומדערוואַרט פאַרן אוטאָר זעלבסט, אַרײַן אין דער אַנטאָלאָגיע פון די בעסטע מײַסע־שרײַבער. קורץ געזאָגט — דער נאָמען פון דעם פּאָעט ווערט ברייט באַוווּסט, באַזונדערס ווערט ער באַוווּסט און באַליבט אין דער קינדער־אַודיטאָריע. דער פּאָעט האָט עס געפילט און געוווּסט. און ער אײַלט זיך צו ענטפערן די לייענער מיט נײַע ביכער, אָבער פיל פון זײַנע פאַרטראַכטן איז ניט באַשערט געווען פאַרווירקלעכט צו ווערן — ס'האָבן ניט געסטײַעט קיין יאָרן. דעם 14 פעוראַל 1971 יאָר איז שיקע דריז

שיקע דריז. הארבסט. פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, מאָסקווע, 1978.

געשטאָרבן. ער האָט אונדז איבערגעלאָזט אַלס ירושע זײַנע האַרציק־דורכדרינגעוודיקע ווערק.

קעדיי צו שרײַבן וועגן א דיכטער, דערלערנען אים, איז נייטיק אַרײַנצודרינגען אין דעם לאַנד פון זײַן שאַפן. און ער האָט דאָס לאַנד באַשריבן מיט אַ באַזונדער פרייד. דאָס דאָזיקע אומגעווײנלעכע לאַנד איז דאָס לאַנד פון זײַן קינדהײַט.

שמועסנדיק מיטן לייענער — מיטן פאָרשול־קינד, מיט זײַן קליינינקן פרײַנט, איז שיקע דריז קיינמאָל ניט סענטימענטאַל — ער רעדט מיט זײַן לייענער ערנסט, ווי מיט זײַן גלײַכן. און די קינדער פון פאָרשול־עלטער פאַרשטייען אים מאָמענטאַל, דערפאַר זײַנען אַזוי לאַקאָניש זײַנע לידער, דערפאַר זײַנען זיי פרײַ פון אומנוצלעכער קאָמענטאַטאָרישקײַט, דערפאַר ווערט דאָס געווײנלעכע אין די דאָזיקע לידער אומגעווײנלעך און דאָס אומגעווײנלעכע ווערט רעאַל.

אוואדע איז דריז א ליריקער, נאָר זײַן ליריזם איז ניט צעפלאָסן, ער איז אַרײַנגענומען אין די ברעגן פון דערציילערישקײַט. באַזירנדיק זיך אפן ייִדישן פאָלקלאָר, אף די מײַסעס און מעשאָלים פון אַנדערע פעלקער, האָט דריז פאַנאַנדערגעאַרבעט און אַרײַנגעבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור די לירישע דערציילערישקײַט, דאָס מײַסעלע, ניט קיין דידאַקטישס, אָן שום אָנדײַטן. ווי מיט א פונקטיר — דין און פאַרבײַגייענדיק — איז אין לירישן גײַסט אָנגעמערקט דער סוזשעט. דאָס איז ניט קיין סוזשעט אין אייגנטימלעכן פאַרשטאַנד פונעם וואָרט, דאָס איז די דערוואַרטונג פונעם לייענער, אַז עפּעס דאַרף געשען, נאָר וואָס, ווען? דאָס קאָנען אָנפירן מיט אָט דער דערוואַרטונג פונעם לייענער, דאָס קאָנען שפּילן דערמיט, — אף דעם איז דריז א מײַסטער.

דער בליק פונעם פּאָעט איז געווענדט אף אַלעמען, אף יעדן עלטער פונעם מענטשן. לייענענדיק שיקע דריזס לידער, פילן מיר, ווי באַדינגלעך איז די גרענעץ פון זײַנע לידער פאַר קינדער און די לידער פאַר דערוואַקסענע.

די ליד „דאָס ייִנגל און דער בוים" באַשטייט אינגאַנצן פון צען שורעס, אין וועלכע עס דערציילט זיך, אַז דאָס ייִנגל האָט געבעטן באַם בוים, ער זאָל אים געבן א באַר, נאָר דער בוים האָט זיך צעלאַכט מיט אַלע זײַנע בלעטער — ווו זאָל ער נעמען באַרן, ער איז דאָך אַן עפּלבוים.

דו מײַן צווײַג ניט טשעפּע,
בעסער בעט אַן עפּל...

אַן אַנדערער וואָלט פאַרבײַגעגאַנגען דעם דאָזיקן געווײנלעכן פאַקט, וואָס א ייִנגל, שטייענדיק לעבן אַן עפּלבוים, בעט אים שענקען א באַר. נאָר באַם דיכטער האָט דער דאָזיקער צופאַל באַקומען א סימבאָלישע אויסטײַטשונג. א מענטש דאַרף וואַקסן, וויסנדיק, אַז בא אַן עפּלבוים דאַרף ער בעטן אַן עפּל, בא א באַרנבוים — א באַר. ער דאַרף וויסן דעם באַטײַט פון קעגנשטאַנד און דעם טאָך פון דער דערשײַנונג. די דאָזיקע אויסערלעך געווײנלעכע ליד באַקומט, איך האָב ניט מוירע דאָס צו זאָגן, א פילאָסאָפישן געדאַנק.

דער געפיל פאַר דער שפּראַך, וואָס איז האַרמאָניש מיטן געפיל פון אופאַסן די וועלט, דאָס הייסט מיט דעם האַרמאָנישן גאַנג פון דערשײַנונגען, באַגריפן, זאַכן, ווערטער, ליגט אין טאָך פון דריזס פּאָעזיע. דער דיכטער לערנט ניט, אין געווײנלעכן זיך פון וואָרט, פאַרקערט, ער שטרײַכט בעקיוון אונטער די אָפּוועזנהײַט פון דידאַקטיק און באַלערעוודיקײַט, זײַן אופגאַבע איז אויסמאָלן, אָבער אינדערעמעסן דינט זײַן מאָלערײַ און אַלץ, וואָס ער באַזינגט, דער דערציִונג.

בא דריזן איז איבער אַלץ — די זון, די וואַרעמקײַט פונעם לעבן, די גוטסקײַט. די זון איז אומעטום: אף די מעשענע קנעפּלעך פונעם בריוונטרעגער און פונעם שלאַכטמאַן, זי כאַפּט זיך אַרײַן אין דער פישערנעץ, זי ברענט אפן סאַמאָוואַר. ניט נאָר די זון, נאָר אַלץ, וואָס קאָן דערוואַרעמען דאָס מענטשלעכע לעבן, ווערט דער העלד פון שיקע דריזס ליד. דער פּיִאָנערישער טרומייט, וואָס הייבט אָן קלינגען איבער דער וועלט אין די הענט פון א פּיִאָנער, שפּאַרט זיך אָן אין הימל, אין דער זון. וואָס פאַרייניקט דעם הימל מיט דער ערד? דער טרוים, דאָס מײַסעלע. די טרוימערישקײַט און דאָס מײַסעדיקע ליגן אין גרונט פון דריזס לידער. דער דיכטער האָט געשטרעבט אפילע דעם שטיין לעבעדיק מאַכן. דער שטיין דערציילט, וויפל יאָר ער איז אַלט. געווײנלעכע שיך, לאָזט זיך אויס, זײַנען וויכטיקער פאַרן מענטשן, ווי א קאַרעטע מיט רעדער. אין קעסטל מיט אַקוואַרעל־פאַרבן געפינט זיך אָן אויצער, אין וועלכן עס איז פאַרבאָרגן די גאַנצע שיינקײַט פון דער ערד, די פּראַכט פונעם היימלאַנד...

שיקע דריז האָט געשליפן די שורע. דאָס האָט געפאָדערט קענטעניש, געדולד און צענדליקער יאָרן. די ליד בא דריזן איז פּראָסט, נאָר פּראָסטקײַט פאַרמאָגט די טיפקײַט פון אופאַסן דאָס לעבן. שיקע דריזס ליד איז מעלאָדיש, עס ווילט זיך זי זינגען. די פערזן האָט געטעסעט א מײַסטער טאָג נאָך טאָג, נאַכט נאָך נאַכט.

שיקע דריזס האַרציקע דיכטונג ברענגט אונדז ניט נאָר פרייד — זי צווינגט זיך פאַרטראַכטן אף פיל פראַגן. דער דיכטער בייגט זיך אָן צום קינד פונקט אַזוי, ווי צו דעם געניטן קלוגן זאָקן, און זיי פאַרשטייען אים, זיי זײַנען באַצויבערט פון זײַן ליד — יעדערער אף זײַן אויפן. באַזונדערס איבערצײַגעוודיק איז זײַן קלוגשאַפטלעכער אָפּטימיזם:

כאָטש מע האָט א האַלבע וועלט
מיט מײַן בלוט פאַרגאָסן,
הונדערט מאָל געהאַרגעט מיך
און טויזנט מאָל געשאָסן —
דאָך האָט ניט גענומען מיך
קיין פײַער און קיין שווערד,
און אָט־אָ, ווי איר זעט מיך,
וואַקס איך אף דער ערד —
א הויכער בוים,
א שיינער בוים,
א שטאַרקער בוים!

אָפט שטעלט זיך מיר פאָר שיקע דריז, ווי ער גייט פאַרנאַכט אָדער באַנאַכט מיט א לאַמטערן אין

די הענט, ער באַלײַכט דעם וועג פון זײַנע לייענער, וואָס גייען באַנאַנד מיט אים און נאָך אים, און עס דוכט זיך, אַז ער זאָגט צו זיי: שרעקט זיך ניט, גייט געוואָגטער איבערן לעבן!

די פאַרשיידנאַרטיקע וועלט פון שיקע דריזן איז ניט שטענדיק קיין פריילעכע וועלט. דער דיכטער איז אויך אַמאָל טרויעריק, נאָר דערפאַר קיינמאָל ניט לאַנגווײַליק, דערפאַר ווײַל ער איז שטענדיק פאַרנומען מיט וויכטיקע איניאַנים, ער אײַלט זיך צו זײַנע פרײַנט, און די פרײַנט וואַרטן אַף אים. דער פּאָעט און זײַן פּאָעזיע נעמען אָנטייל אין אונדזערע איניאַנים און געשעענישן. דאָס לעבן פונעם מענטשן איז קורץ, נאָר די דיכטונג פאַרלענגערט דאָס דאָזיקע לעבן.

דער דיכטער איז ניטאָ צווישן אונדז, נאָר זײַן געשפּרעך מיט אונדז ווערט פאָרגעזעצט, און דאָס איז געזעצמעסיק, ווײַל אַזאַ איז דער טאָך פון פּאָעזיע, פונעם פּאָעטישן וואָרט, וואָס מאַכט דעם געדאַנק, דעם פאַרטראַכט, דעם טאַט פונעם מענטשן אומשטערבלעך.

לעוו אַזעראַוו

א העלדיש געשטאַלט

ה. האָפמאַנס גרעסערע דאָקומענטאַלע דערציילונג „דער איבערזעצער פון געסטאַפּאָ” איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד” (נום. 1 פון 1975). איצט האָט די דערציילונג ארויסגעגעבן אין א באַזונדער בוך אין רוסיש דער פאַרלאַג פונעם שוץ־מיניסטעריום פון פססר. דער בוך אונטערן נאָמען „דער מיטאַרבעטער פון געסטאַפּאָ” איז א וואָרהאַפטיקע געשיכטע וועגן דעם העלדנטאַט פונעם מאָסקווער קאָמיוגיסט לעוו ברענער (ה. האָפמאַן רופט אים אָן אין זײַן דערציילונג לעאָניד דובראָווסקי), וואָס איז באַלד אין די ערשטע טעג פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע אוועק אַפן פראָנט און אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, ווו מ'ע האָט אים אויסגענוצט אַלס איבערזעצער אין געסטאַפּאָ. וועגן ל. ברענערס העלדישע אופטוען, וועגן זײַן גוירל אַלס ייִד און אַלס קאָמיוגיסט אין די היטלעריסטישע באַדינגונגען איז ניט נייטיק צו איבערכאַזערן דאָ.

אין דער געשיכטע פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע זײַנען פאַרייביקט פיל רומפולע נעמען פון העלדן, וועלכע האָבן ניט געשאַנעוועט זייער לעבן, קעדיי דערנענטערן דעם ניצאָכן איבערן סוינע. א היפּשע צאָל סאָוועטישע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן קעגן די פאַשיסטן „ניט צוליב רום, נאָר צוליב דעם לעבן אַף דער וועלט”, ווי דער דיכטער אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקי האָט זיך אויסגעדריקט, זײַנען אוועק אין דער אייביקײַט אַלס אומבאַוווּסטע העלדן. אָבער די אומבאַוווּסטע ווערן איצט אָנגערופן בא די נעמען, עס פאָרשן וועגן זיי זשורנאַליסטן, שרײַבער, מילכאָמע־היסטאָריקער.

און גאַנץ אָפט צעשײַנט זיך אַפן שניי־ווײַסן פעלד פון אומבאַוווּסטקײַט א רויט פײַערל — עס ווערן באַקאַנט פראָטים וועגן אַן אַנטדעקטן העלד. אַזוי איז פאָרגעקומען אויך מיט לעוו ברענערן, וועמען עס האָט „אַנטדעקט” ה. האָפמאַן. ס'איז שווער מיט פּאָשטע ווערטער איבערגעבן די ליידן פון ל. ברענערן און זײַנע געהילפן: זיי האָבן דאָך געאַרבעט אַלס אויסשפּירער אַף אונדזער טעריטאָריע, אַף דער סאָוועטישער, וואָס איז געווען אָקופּירט דורך דעם סוינע, און האָבן געליטן פון א צווייענדיקן פּסיכאָלאָגישן דרוק: זײַענדיק פול מיט האַס צום סוינע, האָבן זיי געשפּירט בענעגייע זיך גופע דעם האַס פון די סאָוועטישע מענטשן, ווײַל זיי, די סאָוועטישע אויסשפּירער, האָבן ניט געטאָרט אַנטפּלעקן זיך.

די פּסיכאָלאָגישע שפּיל פון לעאָניד דובראָווסקין איז געווען אַזאַ קונציקע און קאָמפּליצירטע, אַז אַפילע דער צווייטער סאָוועטישער אויסשפּירער, וואָס האָט געאַרבעט מיט אים צוזאַמען אין דער קאַנצעליאַריע פון דער דײַטשישער געהיימער פעלד־פּאָליציי, האָט ניט דערקענט, אַז ער האָט פאַר זיך א סאָוועטישן אַגענט. אינעם נאָכוואָרט צום בוך דערציילט העגריך האָפמאַן וועגן זײַנער א באַגעגעניש מיטן איצט לעבעדיקן געוועזענעם אויסשפּירער איגאָר אַגאַנין, וואָס האָט אָפט געטראָפן זיך מיט ל. דוּבראָווסקין אין דער געהיימער פעלד־פּאָליציי, געטראָפן זיך ווי א דײַטשישער מיטאַרבעטער מיט א רוסישן איבערזעצער, וועמען ער זעלבסט האָט פאַרווערבירט. „אָפט האָבן מיר געשמועסט מיט ל. דובראָווסקין גאַנץ אָפנהאַרציק, — דערציילט איגאָר אַגאַנין, — אָפּשאַצנדיק די מענטשן, מיט וועלכע איך האָב מיטגעאַרבעט אין דער געהיימער פעלד־פּאָליציי, האָב איך ניט זעלטן געטראַכט אויך וועגן דובראָווסקין, און ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס האָט געצווונגען אָט דעם קלוגן און שיינעם יונגנמאַן צו פאַראַטן זײַן היימלאַנד, גיין דינען די היטלעריסטן. אַפילע ווען די דײַטשן האָבן אים דערשאָסן, האָב איך געמיינט, אַז ער איז געפאַלן א קאָרבן פון זײַן באַקאַנטשאַפט מיט די אונטערערדישע טוער. אַז לעאָניד דובראָווסקי איז א סאָוועטישער אויסשפּירער האָב איך זיך דערוווּסט ערשט נאָך דער מילכאָמע. און קאָלזמאַן מיר האָבן געאַרבעט צוזאַמען אין דער גע־

Генрих Гофман. Сотрудник Гестапо. Военное Изд-во Министерства обороны СССР. Москва, 1978, стр. 256.

היימער דײַטשישער פעלד־פּאָליציי, בין איך געווען איבערצײַגט, אז ער איז א פּאַרעטער פון זײַן היימלאַנד״...

דער אויסשפירער דובראָווסקי (ברענער) האָט אונטערגעהאלטן א פארבינדונג בלויז מיט איין מענטשן — מיטן פּופּצניאָריקן יינגל וויקטאָר פיאַטיאָרקין. ווען וויקטאָר איז טראגיש אומגעקומען, האָט דובראָווסקי אײַנגעשטעלט פארבינדונגען בלויז מיטן „סאָקאָל״ — דעם קאַפּיטאַן פונעם אויסשפיר־טייל פּאַטאַפּאָוו, וועמען ער פלעגט איבערגעבן אויסערסט ווערטפולע אינפאָרמאציע וועגן דער דיסלאָקאַציע פון די דײַטשישע באוואָפנטע קרעפטן, וועגן די פּאַרעטער, וועלכע ארבעטן אין הינטערלאַנד, וועגן דער דײַטשישער אגענטור אין די סאָוועטישע טיילן, וועגן די סאָוועטישע אונטערערדישע טוער און פּאַרטיזאַנער, וועלכע נייטיקן זיך אין הילף, אאוו. אדגל.

דער לייענער, וואָס איז באהאוונט אין מילכאָמע־פּאַסירונגען, וועט ווי געהעריק אָפּשאַצן דעם פאַקט, וואָס דער אווטאָר מאָלט ל. דובראָווסקיס טעטיקייט ניט בלויז אין העראָאישע פארבן, נאָר אויך אין טראַגישע, — ער באַווײַזט אזעלכע מאָמענטן, ווען מע האָט געמוזט גיין אפן שאַרף פון מעסער, ווען עס איז אויסגעקומען האָבן צו טאָן מיט אַן אויסערסט קלוגן, כיטרען און דערפּאַרענעם סוינע, וועמען מע האָט געקאָנט בײַקומען בלויז אין דעם פאַל, אויב עס פלעגט זיך אײַנגעבן צו קעגנשטעלן אים א מער שאַרפערן סייכל, א גרעסערע דערפאַרונג, א שטאַרקערן געדולד. אין דעם זין שטייט ה. האָפמאַנס דערציילונג אין איין ריי מיט די בעסטע דאָקומענטאַלע ווערק פון דער נאָכמילכאָמעדיקער ליטעראַטור.

אַף וויפל האָפמאַנס דערציילונג איז שטרענג דאָקומענטירט, ווילט זיך ברענגען כאָטש איין פּאַראַלעל — ס. ס. סמירנאָווס בוך „די ברעסקער פעסטונג״, וואָס איז אויך געשאַפן אפן סמאַך פון רעאַלן פאַקטישן מאַטעריאַל, וועלכן עס האָט אַנטדעקט און צונויפגעזאַמלט דער אווטאָר גופע. די באַשיצונג פון דער ברעסקער פעסטונג איז אַרײַן אין דער געשיכטע פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע אלס סימבאָל פון מוט און העלדנטאַט, מעסירעסנעפעשדיקער טרײַהײַט דעם היימלאַנד. ווי באַוווּסט, זײַנען געווען נאָך פיל אזעלכע גרויסע און קליינע פעסטונגען. יעדע געגנט, קימאַט יעדעס דאָרף, וואָס איז געוואָרן אָקופּירט דורך די היטלעריסטן, האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע „פעסטונג״, זאָל זײַן פון א קלענערן מאַסשטאַב. פון די דאָזיקע פעסטונגען איז געבוירן געוואָרן דער גרויסער ווידערשטאַנד, וועלכן עס האָבן ניט געקאָנט בײַקומען די דײַטשישע פאַשיסטן. ה. האָפמאַן האָט זייער לעבהאַפטיק געמאָלט דעם ווידערשטאַנד אין די אָקופּירטע דורך די היטלעריסטן אוקראַאינישע שטעט קאַדיִעווקע און דאָנעצק. ניט אומזיסט האָבן די אָקופּאַנטן אומעטום געזען אין שלאָף פּאַרטיזאַנער, וואָס עס האָט געהאַמעוועט זייערע אָפּעראַציעס, פאַרשטאַרקט זייער שרעק פאַר דער אומבאַוווּסטער פאָלקס־קראַפט, און כאָטש עס האָבן ניט אויסגעפעלט אזעלכע פּאַרעטער פונעם היימלאַנד, ווי פּאָטיאָמקין אָדער די שפּיאָנקע סוועטלאַנע פּאָפּאָווא (וועגן זיי שרײַבט ה. האָפמאַן אינעם רעצענזירטן בוך), האָט דער סוינע גוט פאַרשטאַנען און געפילט מיט אלע כושים, אז די סאָוועטישע ערד איז באַדעקט מיט שטעכיקע און דראָענדיקע פעסטונגען.

דאָס בוך „דער מיטאַרבעטער פון געסטאַפּאָ״ איז א געראָטנס ניט בלויז פון היסטאָרישן, נאָר אויך פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט. שיין איז די קאָמפּאָזיציע, לאָגיש דער סוזשעט, ניט פאַרמיסטיקט די שפּראַך. וויכטיק איז, וואָס ניט בלויז די הויפּטהעלדן, נאָר אויך די צווייטראַנגיקע זײַנען פרײַ פון סכעמאַטיזם. דער הויפּט־העלד פונעם בוך — לעאָניד דובראָווסקי — פאַרגעסט ניט אַף קיין איין רעגע, אז ער אַרבעט מיט לעבעדיקע מענטשן, וועלכע קוקן שטרענג נאָך יעדער באַוועגונג זײַנער, נאָך יעדן טראָט. און ער, לעאָניד, פון זײַן זײַט, קוקט אויך אָנגעשטרענגט נאָך זײַנע קעגנער, זוכנדיק בא זיי, אין וואָס אָנצוכאַפּן זיך, אויסנוצנדיק יעדן מאָמענט אין זייער כאַראַקטער, קעדיי פאַרשטיין, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער סוינע, זײַנע כעסרוינעס און שוואַכקײַטן. דובראָווסקי געפינט צווישן די געסטאַפּאָווצעס „מיינונגס־שוטפים״, ווי, לעמאָשל, דעם טשעך מאַקס באָראַג, וועלכער פילט, אז די דײַטשן באַאוולען אים פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. „אין טאָך זײַנען בא די היטלעריסטן אויך די טשעכן א צווייטראַנגיק פאָלק. און מאַקס פאַרשטייט דאָס זייער גוט, — טראַכט דובראָווסקי, — הייסט עס, ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אז ער באַציט זיך מיט סימפּאַטיע צו די רוסן. אויב אזוי, קאָן מען געפינען א געמיינזאַמע שפּראַך מיט אים. וועגן פּאָטיאָמקינען פאַלן דאָך מײַנע און מאַקס באָראַגס מיינונגען צונויף. און מאַקס האָט ניט צופעליק געוואָרנט, אז איך זאָל ניט טרויען פּאָטיאָמקינען. עמעס, עס קלינגט לעכערלעך: וועמען קאָן מען דאָ יאָ טרויען? קימאַט אַלע האַלטן דאָך דאָ אין איין אָפּטראָגן מעסירעס רונצהײַמערן — איינער אפן צווייטן״.

מיט אזעלכע קעסיידערדיקע מאַכשאָווע און ראַיוינעס, מיט אַנאַליזירן, ווי אין א שאָך־שפּיל, די פּאָזיציעס און וואַריאַנטן, איז פאַרנומען דער סאָוועטישער אויסשפּירער. טאָג און נאַכט זײַן אָנגעשטרענגט, פילבאַר צו יעדן שאָרך, אין קעגנפאַל איז אומפאַרמײַדלעך א דורכפאַל! אדאַנק זײַן סייכל און געניטקייט האָט דובראָווסקין זיך אײַנגעגעבן צו געפינען כיין באַם געסטאַפּאָוועץ מאַקס באָראַג, וועלכער האָט אים אײַנגעלאַדן צו זיך אַהיים, ווו דובראָווסקי האָט זיך געטראָפן מיט דער געפערלעכער שפּיאָנקע סוועטלאַנע פּאָפּאָווא, וואָס איז פאַרוווערבירט געוואָרן דורך די דײַטשן. די רעזולטאַטן פון אָט דער באַקאַנטשאַפט זײַנען געווען ווײַטגייענדיקע. דובראָווסקי האָט וועגן פּאָפּאָווען צו וויסן געגעבן דער סאָוועטישער קאָמאַנדשאַפט, וועלכע האָט איר איבערגעגעבן א פאַלשע מאַפּע וועגן דער דיסלאָקאַציע פונעם דאָרעם־פראָנט. פּאָפּאָווא האָט, נאַטירלעך, טייקעף איבערגעגעבן די דאָזיקע מאַפּע דער דײַטשישער קאָמאַנדשאַפט און אזויאַרום צעפּלאָנטערט איר די קאָרטן.

אָט ווי דער אווטאָר דערציילט וועגן דעם גאַנג פון אָט דער אָפּעראַציע. „פונוואַנען האָט דובראָווסקי געקאָנט וויסן, אז אין דעם דאָזיקן בליצשנעלן אַריבערוואַרפן די דײַטשישע טאַנקען אַף דאָרעם איז פאַראַן אויך זײַן פאַרדינסט? סאַכאַקל מיט עטלעכע טעג צוריק האָט סוועטלאַנע פּאָפּאָווא זיך אומגעקערט פון

די סאָוועטישע קריגס־פּאָזיציעס און צוגעשטעלט דער דײַטשישער קאָמאַנדשאַפט א קאָפּיע פון דער אָפּעראַטיווער מאַפּע פונעם דאָרעם־פראָנט פון די רוסן. עס איז גענוג געווען איין בליק צו טאָן אין דער דאָזיקער מאַפּע, קעדיי צו פאַרשטיין, אַז גראַד דאָ, אפן דאָרעם, האָבן די רוסן זיך געגרייט צו אַן אָנגריף. די רוסישע אָפּעראַטיווע מאַפּע איז טייקעף איבערגעגעבן געוואָרן דעם קאָמאַנדיר פון דער ארמיי־גרופּע „דאָרעם" — דעם פעלדמאַרשאַל מאַנשטיין. ניט לאַנג געטראַכט, האָט מאַנשטיין אָפּגערופן פון הינטער בעלגאָראָד צוויי טאַנקען־דיוויזיעס „וויקינג" און „טאָדטענקאָפּף" און אין אײַלעניש געוואָרפן זיי צום באַשיצן דאָנבאַס. עמעס, סאַכאַקל אין צוויי וואָכן ארום האָט מאַנשטיין כאַראָטע געהאַט אף דער דאָזיקער אײַלעניש. דער קאָנטער־אָנגריף פון די רוסן אין דער בעלגאָראָדער ריכטונג, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן קאַיאָר, האָט אים געצווונגען אומצוקערן די דיוויזיעס אף זייערע פריִערדיקע פּאָזיציעס — הינטער בעלגאָראָד"...

אין אָט דעם עפּיזאָד האָט ווי אין א טראָפּן וואַסער זיך אָפּגעשפּיגלט דער גאַנצער מאַסשטאַב פון לעאָניד דובראָווסקיס אויסשפּיר־אַרבעט.

מע דאַרף זאָגן, אַז ה. האָפמאַן באַווײַזט אונדז ל. דובראָווסקין ניט ווי א פאַרטיקן העלד. די דערפאַרונג און געניטקײַט קומט ניט מיטאַמאָל. פיל צײַט נעמט אָפּ דאָס אַרײַנטראַכטן זיך, אַנאַליזירן פאַקטן און געשעענישן.

דאָס דובראָווסקי־געשטאַלט ווערט באַוויזן אפן פאָן פונעם גאַנצן וועלט־קריג, פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, וועלכע דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט געפירט קעגן די דײַטשישע פאַרכאַפּערס. מיר זעען דאָ פאַר זיך סיסטעמאַטישע מיטיילונגען וועגן דעם גאַנג פון די קריגס־אָפּעראַציעס, אָנווײַזונגען אף דער טעטיקײַט פון די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן באַם סוינע אין הינטערלאַנד, באַשרײַבונגען, וויאַזוי די דײַטשישע אָפיצערן שאַצן אָפּ די קריגס־געשעענישן און וויאַזוי די באַפעלקערונג פון דער אָקופּירטער סאָוועטישער טעריטאָריע שאַצט זיי אָפּ. דאָס בוך איז אָנגעשריבן אפן פאָן פון דער פּילפּלאַניקער גרויזאַמער מילכאָמע. און דאָס גיט צו וואָרהאַפטיקײַט און וואָגיקן באַטײַט.

קעדיי צו שאַפן אַזאַ בילד, דאַרף מען זײַן א קענער פון די קריגס־געשעענישן אין די ערשטע מילכאָמע־יאָרן. פאַרשטענדלעך, אַז ה. האָפמאַן, א מיליטערישער פליִער, א מענטש, וואָס האָט אַדאַנק זײַנע שלאַכט־פאַרדינסטן באַקומען דעם טיטל העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, איז געווען טאַקע אַזאַ קענער.

די אַכצן קאַפּיטלען פונעם בוך „דער מיטאַרבעטער פון געסטאַפּאָ" לייענען זיך אין איין אָטעם. ל. דובראָווסקי — ל. ברעגנער איז געווען א לעבעדיקער מענטש, אויסגעוווּקט אין מענטשלעכע געפילן. ער האָט אף דער מילכאָמע אויסגעפילט זײַן פּאַטריאָטישן כויוו. „ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט, זײַן געוויסן איז געווען ריין", — שרײַבט דער אַוטאָר אף איינעם פון די לעצטע זײַטלעך פון דער דערציילונג.

לעוו פּרוקטמאַן

וו. מאַיאַקאָווסקיס „פלייט־פּאָזוואָנאָטשניק" אין העברעיש

דאָס בוך איז ערשט ניט לאַנג אַרויס פון דרוק. דער העברעיִשער שאַרבלאַט: מאאקובסקי ולדימיר, חליל־חוט־שדרה, מרוסית: אריה אהרוני, תל־אביב, 1978. דער צוגאָב־שאַרבלאַט איז אין רוסיש:
Маяковский В. Флейта-позвоночник. Перевод А. Арони.

און אין ענגליש:
Mayakovsky, V. Spine Flute. Translated by Arie Aharoni.

א קיִרצער פאָרוואָרט אף איין זײַטל. דער רוסישער אָריגינאַל און די העברעיִשע איבערזעצונג זײַנען אָפּגעדרוקט איינס לעבן דעם אַנדערן. דער טעקסט איז באַזאָרגט מיט דערקלערנדיקע באַמערקונגען. די הילע איז באַצירט מיטן פּאָרטרעט פונעם דיכטער אין דער יוגנט.

אין אַרײַנפיר־וואָרט פונעם איבערזעצער ווערט צווישן אַנדערס געזאָגט, אַז מאַיאַקאָווסקיס „סטרונעאָנגעשטרענגטע ליבע האָט געבוירן א גאָר גרויסע דיכטונג. מע קאָן אפילע צווייפלען, צי ס'איז פאַראַן ביכלאַל אין דער ליבע־דיכטונג פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט נאָך א ווערק, וואָס מע זאָל קאָנען פאַרגלײַכן לויט דער קראַפט פון אויסדרוק און דראַמאַטישער אָנשטרענגונג מיט „פלייט־פּאָזוואָנאָטשניק".

אהאראָני דערקלערט ווײַטער, אַז רעדנדיק וועגן א „גרויסער ליבע־דיכטונג" פון מאַיאַקאָווסקין, האָט ער קוידעמקאָל אין זינען דעם דיכטערס צוויי פּאָעמעס: „דער וואָלקן אין הויזן", אין וועלכער די העלדין, דער אָביעקט פונעם דיכטערס ליבע, ווערט אָנגערופן אין דער שאַפונג — אַדאַנק עוואַנגעלישע מאָטיוון — מיטן נאָמען „מאַריאַ", און „פלייט־פּאָזוואָנאָטשניק".

וועגן אהאראָניס איבערזעצונג פון דעם „וואָלקן אין הויזן" אין העברעיִש האָבן מיר שוין געשריבן („סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 9, 1978).

די ביידע פּאָעמעס זײַנען מיט צענדליקער פעדעם ענג פאַרבונדן איינע מיט דער אַנדערער. געשריבן זײַנען זיי קימאַט אייגצײַטיק. ביידע זײַנען דערשיי־

נען אין 1916, ווען מאיאקאָווסקי האָט זיך באַזעצט אין פּעטערבורג. פיל פון דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין דער ליטעראַטור־קריטיק אַפן כעזשבן פון דעם „וואָלקן אין הויזן", האָט א שײַכעס אויך צו „פלייט־פּאָזוואָנאָטשניק", לעמאָשל דאָס, וואָס ס'האָט געשריבן דער איבערזעצער פון דעם „וואָלקן אין הויזן" עמ. קאזאקעוויטש: „די דאָזיקע פּאָעמע, וואָס האָט ניט קיין גלײַכן צו זיך לויט דער קראַפט פון איר פּראָטעסט קעגן דער הערשנדיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, איז געווידמעט דער אומגליקלעכער ליבע פונעם דיכטער אין א וועלט פון פארקויפטער ליבע. אָבער אָט די טעמע, דער דאָזיקער טיף־פּערזענלעכער ווייגעשריי וואַקסט איבער אין א צאָרנדיקן פּראָטעסט קעגן דער גאנצער וועלט ביכלאַל. דעם דיכטערס פּערזענלעכע קאַטאַסטראָפע עפנט אים די אויגן אף דער טראגעדיע פון א מענטשן באַם קאַפּיטאַליזם..."[1].

אין דער העברעיִשער איבערזעצונג האָט ביידע פּאָעמעס געטראָפן א געמיינזאַמער ליטעראַרישער גוירל. זיי זײַנען איבערזעצט געוואָרן פון איינעם און דעם זעלבן ליטעראַטאָר מיט אַן אַלציינעם סטיל, וואָס כאַפּט אויף מאיאקאָווסקיס רײַכע און עלאַסטישע שפּראַך, וועלכע איז איבערפולט מיט נעאָלאָגיזמען, מיט טוישן זאַכווערטער אף אומשטאַנדווערטער, מיט א גרויסער צאָל נײַ־געשאַפענע ווערטער, אָדער ווערטער מיט ניט קיין אָנגענומענע פּרעפיקסן אָדער סופיקסן אאוו. געדרוקט זײַנען ביידע פּאָעמעס אין איין טיפּאָגראַפיע און פארעפנטלעכט אין זעלבן פארלאַג. אויך זייער פארנעם און אויסערלעכער אויסזען איז ענלעך. מיט איין וואָרט, אויך אַפן העברעיִשן באָדן זײַנען ביידע פּאָעמעס געקניפּט און געבונדן.

דערפאר טאַקע וועל איך זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס איך וועל אונטערשטרײַכן, אז אַלע כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן, אף וועלכע איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, באַהאַנדלענדיק אהאראָניס פּאָריקע איבערזעצונגען פון רוסיש, הויפּטזאַכלעך דעם „וואָלקן אין הויזן", טרעפן זיך דאָ אויך גאנץ בוילעט: די מאניר פון איבערזעצן, די ליטעראַרישע מיטלען.

באַהערשנדיק פרײַ די העברעיִשע שפּראַך, וואָס האָט אירע באַוווּסטע ספּעציפישקײַטן אין פארגלײַך מיט דער רוסישער, „פארפינקטלעכט" צומאָל אהאַראָני געוויסע שטעלן. אָט איז א בײַשפּיל.

אין רוסישן אָריגינאַל:

За всех Вас,
которые нравились или нравятся...

אין דער העברעיִשער איבערזעצונג:

למען כלכן,
שמצאן או מוצאות חן...

אין ערשטן פאַל, אין רוסישן, איז גראַמאַטיש אוממעגלעך פעסטשטעלן, וועגן וועמען רעדט זיך — וועגן מענער אָדער פרויען. אין צווייטן פאַל, אין העברעיִשן, איז קיין צווייפל ניטאָ, אז עס רעדט זיך וועגן פרויען.

נאָר פונקט ווי דאָס שפּריכוואָרט טײַנעט, אז אויך אף דער זון זײַנען פאַראַן פלעקן, האַלט איך פאר נייטיק אויך אין דעם פאַל עטוואָס באַמערקן:

1. אין דער פּאָעמע האָט מאיאקאָווסקי בלויז איינאון־איינציק מאָל געגעבן צו וויסן, אז דאָס, וועגן וואָס ער שרײַבט, קומט פאָר אין פּעטראָגראַד:

Возьму сейчас и грохнусь навзничь
И голову вымозжу каменным Невским...

אין דער איבערזעצונג איז אַלץ קאָרעקט. אָבער „נעווסקי" פעלט.

אטול ואָטיל מיד עצמי מטה
יומחי אמרח על טילת האבן!

א שאָד, וואָס דער באַרימטער „נעווסקי" איז אַרויסגעפאַלן!

2. אויך א שאָד, וואָס אהאראָני האָט דורכגעלאָזט דאָס וואָרט אין דער איבערזעצונג פון פאָלגנדן טעקסט:

Я сегодня буду играть на флейте
На собственном позвоночнике.

איבערגעזעצט:

אני היום בהליל אנגנה.
בחוט השדרה עצמו.

3. אין יעדער איבערזעצונג דאַרפן זײַן אויסגעמיטן צווייטײַטיקײַטן, אויב דאָס פאָדערט ניט דער אָריגינאַל. אין דעם פאַל, וואָס מיר ברענגען ווײַטער, איז אַזאַ אומגעוווּנטשענע צווייטײַטיקײַט יאָ פאַראַן.

אין אָריגינאַל:

Пусть не забудется ночь никем.

אין דער איבערזעצונג:

לילה כזה — בל ישכח איש צלמו.

אויסער דעם אייגנטלעכן מיין פונעם אָריגינאַל לאָזט זיך אין דער איבערזעצונג פארשטיין:

„א נאַכט אַזאַ — זאָל קיין מענטש ניט פארגעסן, ווי ער (זעלבסט) זעט אויס".

4. מיר דוכט זיך, אז עס וואָלט גלײַכער געווען פון גראַמאַטישן שטאַנדפּונקט אָנרופן דאָס בוך מיטן אַרטיקל „ה": „חליל־חוט־השדרה".

און אין סאַכאַקל: די העברעיִשע איבערזעצונגסדיכטונג פון רוסיש איז באַרײַכערט געוואָרן מיט א גוט ווערק. ס'קומט איר א מאַזלטאָוו!

ליב ווילסקער

[1] קאזאקעוויטש, עמ. וולאדימיר מאיאקאָווסקי. אין בוך: מאיאקאָווסקי, וו. אויסגעוויילטע ווערק, מאָסקווע, מעלוכע־פארלאַג „דער עמעס", 1940, ז. 7.

וו ל אַ ד י מ י ר אַ ג נ ע װ

דער איבערזעצער פון דער ייִדישער דיכטונג — װאַלערי בריוסאָװ

װאַלערי בריוסאָװ „דער סאַמע געבילדעטסטער פון די רוסישע פּאָעטן" (מאַקסים גאָרקי), איז ברייט באַװוּסט באַ אונדז אין לאַנד. ער איז אויך באַװוּסט דעם קולטורעלן לייענער אין אויסלאַנד. בריוסאָװ איז געװען דער לידער פונעם רוסישן סימבאָליזם, ער האָט איבערזעצט װערכאַרנען, באַגריסט די אָקטיאַבער־רעװאָליוציע, דערצויגן פּיל פּאָעטן. אונטער זײַן אויפזיכט זײַנען דערשינען אַ ריי קאַפּיטאַלע אויסגאַבעס. ער האָט מיטגעהאָלפן גאָרקין אָרגאַניזירן און פאַרייניקן די קויכעס פון דער רוסישער אינטעליגענץ אַרום די קולטורעלע מאָסמיטלען אין די ערשטע סאָװעטישע יאָרן.

מיט אַ קורצער צײַט צוריק איז צופעליק אַרײַנגעפאַלן צו מיר אין די הענט אַ ביכל, װאָס איז פון לאַנג שוין אַ ביבליִאָגראַפישע יעקאַר־האַמציִעס. דאָס ביכל הייסט — „אַנטאָלאָגיע פון דער יונגער ייִדישער דיכטונג". ס'איז דערשינען אין 1918 אין פאַרלאַג „סאַפרוט". די רעדאַקטאָרן פון דער זאַמלונג זײַנען װ. כאָדאַסעװיטש און ל. יאָפּע. אװטאָר פון דער פאָרעדע — מ. גערשענזאָן.

צװישן די איבערזעצער באַגעגענען מיר אַזעלכע באַרימטע פּאָעטן װי װ. בריוסאָװ, װ. כאָדאַסעװיטש, װיאַטשעסלאַװ איװאַנאָװ, ס. מאַרשאַק, יו. באַלטרושײַטיס...

מיך האָט זייער פאַרװוּנדערט, װען איך האָב דערזען צװישן די איבערזעצער דעם נאָמען: סאָפיע בעקעטאָװע. עמעס, אַלעקסאַנדער בלאָקס מומע האָט איבערזעצט בלויז איין ליד אי. קאַהאַנס „אַ טײַבעלע איז דורכגעפלויגן". ס'איז אָבער סימבאָליש פאַר דער אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער דיכטונג די „קרױװישע" אָנװעזנהײַט פונעם גרויסן רוסישן ליריקער פון צװאַנציקסטן יאָרהונדערט.

ס'איז מיר געװען ביז גאָר מאָדנע צו לייענען אין דער פאָרעדע, אַז „ביז איצט האָט די ייִדישע דיכטונג בלויז זיך געקלאָגט, זיך פאַרנומען מיט דערמאָנונגען, און אָט די ביידע טענער האָבן אַלציינס גערעדט װעגן האָפענונגסלאָזיקײַט. זי האָט גערעדט װעגן דעם, אַז די פאַרגאַנגענהײַט איז געװען פּרעכטיק און די קעגנװאַרט — אומדערטרעגלעך. דער אָװאַר איז אָבער אַף אייביק פאַרשװוּנדן, און ס'איז בעסער פאָרויס ניט קוקן: די צוקונפט איז אַן אומענדלעכע פאָרזעצונג פונעם טרויעריקן הײַנט". לויט מ. גערשענזאָנען קומט אויס, אַז איינע פון די גרונט־אייגנשאַפטן פון דער ייִדישער דיכטונג איז דאָס פאַרנעמען זיך מיט שמאָל נאַציִאָנאַלע פּראָבלעמען.

איך בין ניט מאַסקים מיט אָט דער קאָנצעפּציע גערשענזאָנס. אין יענער צײַט, װעגן װעלכער עס רעדט זיך אינעם פאָרװאָרט, זײַנען פאַר דער נאַציִאָנאַלער קולטור פון די ייִדן די אידייען פון זעלבסטבאַװוּסטזײַן געװען ביז גאָר װיכטיק. ביאַליקס פּאָעזיע האָט געשפּילט די ראָליע פון אַ פאָרויסזאָגערן פון דער נײַער דיכטונג. מיט דער קראַפט פון זײַן מעכטיקן טאַלאַנט האָט ער באַקעמפט די דוירעסדיקע אָנשיכטונג פון פּאַסיװקײַט. װײַל דאָס דראָעט מיט:

נאָר איר אַליין װעט בלײַבן קנעכט
און װעט קיין טראָפּן ליכט געניסן...

אין דער דיכטונג איז שטענדיק אַזוי: װער עס רעדט אַזוי שאַרף און קאַטעגאָריש מיט זײַן אייגן פאָלק, ביז אָנרופן עס קנעכט, דער װייסט מער פון אַנדערע, װאָס מע דאַרף טאָן, אַז דאָס פאָלק זאָל אויפהערן זײַן אַ קנעכט. צי דען איז פּושקין געװאָרן אויס פּאַטריאָט פון רוסלאַנד, װען ער האָט ביטער און דערצאָרנט אויסגערופן: «Черт дёрнул меня с моим умом и талантом родиться в России!» — „דער רוער האָט מיך געשטויסן מיט מײַן סייכל און טאַלאַנט געבוירן צו װערן אין רוסלאַנד!" פאַרשטייט זיך, אין צאַרישן רוסלאַנד. און לערמאָנטאָװ האָט דען װייניקער פון אַנדערע פּאָעטן ליב געהאַט דאָס היימלאַנד, װען ער האָט מיט צאָרן געשריבן: «Страна рабов, страна Господ» — „אַ לאַנד פון קנעכט, אַ לאַנד פון האַרן"?..

ביאַליק האָט געװוּסט, אַז דאָס ייִדישע פאָלק װעט ניט אומקומען, און דערפאַר האָט ער דעם אַדרעסירט אַזעלכע האַרבע װערטער. ער האָט דאָס פאָלק געװעקט פון שלאָף מיט טרומייטן און ניט מיט זיסע קלאַנגען פון שטילינקע גלעקעלעך. גערשענזאָן איז ניט געװען גערעכט, װען ער האָט געשריבן, אַז די ייִדן האָבן געלעבט װי „קנעכט פון אַ פאַרפאָלגנדיקער אידיי װעגן זייער גורל". פאַרקערט, די זאָרג פאַרן פאָלקס־גורל האָט זיי געהאָלפן צו פאַרהיטן די נאַציִאָנאַלע װירדע, אויסשטיין אינעם ניט גלײַכן קאַמף. דער זעלבער ביאַליק האָט װוּנדערלעך אויסגעדריקט דעם געפיל פון פּראָטעסט קעגן נאַציִאָנאַלער צופּאַסלערײַ. איך דענק, אַז אין יענע יאָרן, האָט אַזאַ װאָרענונג געקלונגען הײַנטצײַטיק.

קום גיי אין שכיטע־שטאָט, זאָלסט זען מיט
דײַנע אויגן,
זאָלסט אָנטאַפּן מיט דײַנע אייגענע הענט,
אָף צוימען, סלופּעס, טויערן און ווענט,
אָף שטיינער פון דער גאַס, אָף אַלע העלצער,
דאָס שוואַרץ־פאַרטריקנט בלוט מיט געהירן
פון דײַנע ברידערס קעפּ און העלדזער.

ווען דו לייענסט היַנט די דאָזיקע ביאַליקס שורעס, וואָס ווערן געבראַכט אין וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָווס איבערזעצונג, דוכט זיך דיר, אַז דו זעסט פאַר זיך די שלאַכטפעלדער פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, די גרוילטאַטן פון די היטלעראָווצעס איבער מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן אין די געטאָס...

געוויס האָט ביאַליק אײַנגעזען דעם כויוו פון זײַן פאָלק אין דעם, אַז עס זאָל אויסמײַדן בייז, גוואַלדטאַט. אויב ניט —

און שרעקלעך גרויס וועט זײַן די נויט,
ווי גרויס און שרעקלעך איז די זינד;
און איר וועט כאַלעשן דעם טויט
און בענקען וועט איר נאָכן לעבן...
נאָר גאָט וועט אײַך ניט בײדע געבן...

דאָס אויסוויילן דעם וועג פון גוטס און פון גערעכטיקײַט האָט פאַר די בעסטע יִדישע דיכטער באַטײַט צונויפלעבן זיך מיט דער וועלט, ווי „אַ פלאַם מיט אַ לעבעדיקער נעשאָמע", וואָס דערלאָזט ניט, אַז שטייגערישע ווילטעטיקײַט זאָל פאַרשלעפערן, און רופט באַפרײַען זיך פון זעלבסטצופרידנקײַט, פון אָנגעבלאָזענער גײַווע, פון אַרויסווײַזן אויסערלעכע קראַפט.

איך האָב אָנגעהויבן מײַן אַרטיקל פון דעם, ווער עס איז אַזוינס וואַלערי בריוסאָוו, און רייד גאָר די גאַנצע צײַט וועגן דער יִדישער פּאָעזיע, וועגן ביאַליקן... דאָס איז אָבער געווען נייטיק. פאַרשטיין די יִדישע פּאָעזיע הייסט דערקלערן, מיט וואָס און פאַרוואָס האָט זי אַרויסגערופן צו זיך אַזאַ אינטערעס מיצאַד בריוסאָוון און ביכלאַל מיצאַד דער רוסישער דיכטונג.

די פּאָעזיע פונעם יִדישן פאָלק הייבט זיך אָן פון דער ביבל. דאָס דאָזיקע וויגעלע פון דער וועלט־ליריק האָט געגעבן אַ מעכטיקן שלאַל סוזשעטן און געשטאַלטן. רוסלאַנד מיט אירע אַלטע טראַדיציעס אינעם גײַסטלעכן באַוווּסטזײַן איז געווען אַ דאַנקבאַרער יוירעש פון דער ביבלשער פּאָעזיע. בריוסאָוו, דער גרויסער קענער פון דער וועלט־קולטור, האָט מיט זײַן פערזענלעכקײַט ווי אַקומולירט די אָרגאַנישע שטרעבונג פונעם רוסישן קינסטלערישן געדאַנק צו באַנעמען די נאַטור פון דער יִדישער קונסט.

אין דער אוראַלטער צײַט האָט די יִדישע פּאָעזיע געשאַפן דאָס אייביקע ליבע־געזאַנג „שיר־השירים". אין דעם מאַוריטאַנישן פּאַנאַנדערבלי פון דער שפּאַנישער קונסט האָט די אייראָפּעיִשע פּאָעזיע זיך באַקאַנט מיט דער שאַפונג פון די געניאַלע דיכטער — יעהודע האַלייווי און גאַביראָל. טרויער אין אַלמענטשלעכן אַספּעקט — איז געווען דער מאָקער, וואָס האָט געשפּײַזט זייער פּאָעזיע און מיט יאָרהונדערטער פריִער פאָרבאַשטימט די אידייען פונעם אייראָפּעיִשן ראָמאַנטיזם, וואָס האָט באַקומען זײַן שליימעס אין די ווערק פון שאַטאָבריִאַנען און בײַראָנען.

די יִדישע דיכטונג האָט אין אַלע צײַטן געטראָגן אין זיך אַ קערן פונעם אַלמענטשלעכן וועלט־באַנעם. אין דעם, דענק איך, איז איר הויפּט־ווערט און גרונט־אייגנשאַפט. אין דעם איז איר הויפּט־באַריר־פונקט מיט דער רוסישער פּאָעזיע פונעם 19־טן יאָרהונדערט. ניט צופעליק ווערט נאָך צו יענער צײַט רוסלאַנד דער צענטער פונעם יִדישן געדאַנק, פון דער יִדישער קונסט.

וואַלערי בריוסאָוו איז געווען איינער פון די ערשטע צווישן די קולטור־טוער פון דעם נײַעם סאָוועטישן רוסלאַנד, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס צו די אוראַלטע פעלקער. נעמט, צום בײַשפּיל, זײַנע איבערזעצונגען פון אַרמעניש. די אוראַלטע קולטור האָט אים שטענדיק אינטערעסירט. ער האָט גוט געקענט דעם נאָענטן מיזרעך, די קולטור פון אַשור, מיצראַיִם, ליוויִע, פּאַלעסטינע. זײַנע איבערזעצונגען פון דער יִדישער פּאָעזיע באַווײַזן, פריִער פון אַלץ, זײַן טיפן באַנעמען די עפּאָכע, די טאָנאַלקײַט פון דער אוראַלטער מוזע. זײַנע איבערזעצונגען פון דער ליבע־ליריק טיילן זיך אויס מיט דער רײַכער לעקסיק און דאָרעמדיקער היסלײַוועס, וואָס איז אייגנטימלעך דער ביבל.

אין בריוסאָווס איבערזעצונגען פון שאָול טשערניכאָווסקיס לידער ווערט איבערגעגעבן זײַן בונטאַרישער גײַסט.

און בלוי איז דער יאַם, און איז גרוי. און
ער ליגט
אין דרעמל פון שטאָלצע און שטאַרקע.
ווי שיין־מאַיעסטעטיש — עס שלאָפט זיך דער
ריז!
און לאַנגזאַם באַוועגט עס זײַן ברוסט זיך,
וואָס איז פון די שטורעמס שוין שוואַרצלעך־
פאַרברענט;
און ס׳וואַרפט זיך דער שוים אָף זײַן רוקן,
ווי גרוי־ווײַסע לאָקן, וואָס טרייסלען זיך אום,
ווען ס׳לויפט און באַרירט זיי אַ ווינטל.

אין יאַנקעוו קאַהאַנס פּאָעזיע האָט בריוסאָוו אופגעכאַפּט און איבערגעגעבן דעם דיכטערס מעטאַפיזישע שטרעבונג צו סילאָגיזמען און די ראַפינירטע פאָרם.

גאָר אַנדערש איז אין בריוסאָווס איבערזעצונג דער געבוי פון יאַנקעוו פיכמאַנס ליד, וועלכע איז נאָענט צו דער רייד־שפּראַך. אין איר איז קימאַט ניטאָ קיין הויכע, פײַערלעכע לעקסיק, ס׳איז אָפּגעשפּיגלט אין איר דאָס געוויינלעכע שטייגערישע לעבן: „אָט גייט דורך אַ הונט איבערן שטעג, קוקט און שמעקט...",

„כ'האָב ליב די רויִקע ערד", „איך האָב ליב גיין צווישן מענטשן"... וועגן דער צוגעבונדנקייט צו היים זאָגט ער:

פאַראַנען אין איר שוים איז טרייסט פאַר יעדן,
און זי פאַרגיטיקט יעדן טריַיען, ווי ס'זאָל
אים ניט שווער זיַין.

ר. שאָול (שאָול רויטבלאַט), ווי עס ווערט אָנגעוויזן אין דער אַנטאָלאָגיע, האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1912. בייס דעם ערשטן וועלטקריג, אין עלטער פון 21 יאָר, איז ער (געפינענדיק זיך אין א דעפרעסיוון צושטאַנד) באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. וואַלערי בריוסאָוו האָט איבערגעזעצט זיַין ליד „דו ביסט מיר א שטיפמוטער, נאַטור". דאָס איז א ליד פון אַנטוישונג. דעם העלד — „א זון פון א קראַנקן דאָר" — האָבן אויסגעכאָוועט אין איינזאַמקיַיט די שטיינערנע שטאָט־ווענט. אָף זיַין באַקלאָגן זיך ענטפערן אים די זעלבע ווענט מיט א הילכיק געלעכטער. דאַן ווענדט ער זיך צו דער נאַטור, זי זאָל אים באַגעגענען מיט א שטורעם, און זיַין גײַסט זאָל צוזאַמען מיטן שטורעם בלאָנדזשען איבערן מידבער.

איבער די וועגן פון דער ייִדישער דיכטונג גייט אייביק אַרום דאָס ליבע־געשטאַלט. לייענט איבער ביאַליקס „גיי צום פענצטער פאַרנאַכט":

גיי צום פענצטער באַנאַכט, דריק זיך צו צו מיר
פעסט,
נעם מיך, ליבסטע, אַרום, —
לאָמיר זיצן צוזאַמען, צוויי פייגלען אין נעסט,
אָן באַוועגונג און שטום.

אָט דער פאַרלאַנג פון נאָענטקיַיט, וואַרעמקיַיט ווערט פאַרצענפאַכט דורך דעם געפיל פון „קאַלטער פרעמדקיַיט" אין דער געזעלשאַפט — ניטאָ קיין פריַינט, קיין ברודער, צוויי בלימעלעך זיַינען מיר אין מידבער.

אַזוי רעדט אין דער דאָזיקער ליד דער העלד. אין ביאַליקס א צווייטער ליד זאָגט וועגן זיך דער העלד, אַז ער וועט פאַרלוירן גיין, ווי א שטערנדל אין נעפּל („איך ווייס, איך וועל פאַרלוירן גיין...").

דער מאָטיוו פון ייִעשדיקער פאַרלוירנקיַיט און איינזאַמקיַיט איז פאַר יענער ציַיט געווען פאַרשטענדלעך. ער האָט דאָך אויסגעדריקט ניט נאָר די פּערזענלעכע שטימונגען פון דעם אָדער יענעם דיכטער, נאָר דעם גורל פונעם פאָלק. דאָס געפיל פון איינזאַמקיַיט אין דער וועלט האָט אַרויסגערופן מיט זיך אין דער ייִדישער פּאָעזיע אַן אינטענסיווקיַיט פון טיפע איבערלעבונגען.

וואַלערי בריוסאָוו איז ניט געווען איינזאַם אין זיַין אינטערעסירן זיך מיט דער ייִדישער דיכטונג. איך האָב שוין אָנגערופן די נעמען פון א טייל פּאָעטן, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט צו אים באַם שאַפן די ערשטע אַנטאָלאָגיע. דער אינטערעס איז ניט געווען קיין עקזאָטישער. ער איז אָרגאַניש אַריַין אין דער טראַדיציע פון דער רוסישער קולטור, אין וועלכער ייִדן האָבן, אַגעוו, שטענדיק אַריַינגעטראָגן א צושטיַיער. צומאָל פאַרגעסט מען, אַז נאָך לאַנג פאַר דעם, ווי ס'איז געשאַפן געוואָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד די נעשאָמע־באַהעפטונג פון פאַרשיידענע פעלקער, מיטשעפער פון דער אַלגעמיינער סאָוועטישער קולטור, איז פיל געטאָן געוואָרן אָף באַקאַנען דעם רוסישן לייענער מיט דער פאַרשיידנשפּראַכיקער ליטעראַטור אין דער רוסישער איבערזעצונג. אָט פאַרוואָס איך האָב באַשטימט דערמאָנען דעם לייענער וועגן איינעם אַזא פריַינטלעכן אַקט, ווי דאָס שאַפן א רוסישע אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער פּאָעזיע פון סאָף 19־טן אָנהייב 20־טן יאָרהונדערטער און וועגן דער ראָליע, וואָס עס האָט אין דעם געשפּילט איינער פון די גרעסטע רוסישע פּאָעטן וואַלערי בריוסאָוו.

צומאַכנדיק די ערשטע ייִדישע פּאָעטישע אַנטאָלאָגיע אין דער רוסישער איבערזעצונג, זאָג איך געדאַנקלעך א דאַנק וואַלערי בריוסאָוון און זיַינע פען־כאַווײרים. זיי האָבן אַן איבעריקס מאָל באַשטעטיקט, אַז די רוסישע אינטעליגענץ איז שטענדיק געווען די טרעגערן פון מענטשלעכער שיינקיַיט. פון איר ציִען זיך די פעדעם פון דער טראַדיציאָנעלער פריַינטשאַפט צווישן דער רוסישער און ייִדישער קולטור ביז צו היַינט.

און פונקט ווי דאָוויד פרישמאַן האָט איבערגעזעצט אין ייִדיש פּושקינען, טאַגאָרן, בײַראָנען, אַנדערסענען, איבסענען; ביאַליק — סערוואַנטעסן, לאָנגפעלאָ, שעלי; שימאַנאָוויטש — לערמאָנטאָוון; האָפּשטיין, פינינבערג, קושניראָוו, האַלקין, כאַשטשעוואַצקי — די רוסישע און אייראָפּעיִשע קלאַסיק; א ריי היַינטציַיטיקע פּאָעטן, ווי ווערגעליס, גאָנטאַר,ביידער, טאַלאַיעווסקי, כײַקינע, ליפשיץ און אַנדערע — די פילנאַציאָנאַלע סאָוועטישע דיכטונג, אַזוי האָבן צענדליקער רוסישע שריַיבער געמאַכט מעגלעך, אַז דער רוסישער לייענער זאָל זיך באַקאַנען מיט דער שאַפונג פון די ייִדישע ערשטקלאַסישע קינסטלער פון וואָרט.

פון רוסיש — ש. דאָנגאַר

אין געפאנגענשאפט בא זיך אליין

"Israel Speak About Themselves and the Palestinians". Ed. by Larry L. Fabian and Zeev Shiff. New York — Washington, 1977, VIII + 258 pp.

„ייִסראײלים וועגן זיך און וועגן די פאלעסטינער". אונטער דער רעדאקציע פון ל. פאביאַן און ז. שיף. ניו־יאָרק — וואשינגטאָן, 1977, VIII + 258 זײַטן.

די אָנפירער פונעם אמעריקאנער „שאָלעם־פאָנד קארנעגי" האָבן מיט א יאָר צוריק צונויפגעזאמלט אין א ניט גרויסער איטאליענישער שטאָט 13 „פירנדיקע ייִסראײלים" אף א דיסקוסיע וועגן דעם, וויאזוי צו לייזן די פאלעסטינער פראָבלעם, וועגן די פערספעקטיוון פון שאָלעם צווישן ייִסראָעל און די פאלעסטינער. פאָרזיצער פונעם סימפּאָזיום איז געווען דער דירעקטאָר פון דער נאָענטמיזרעכדיקער פראָגראם פונעם „פאָנד" ל. פאביאַן. ער און נאָך אן אָנטיילנעמער פונעם סימפּאָזיום האָבן אויסרעדאגירט די מאטעריאלן פון דער באהאנדלונג און ארויסגעגעבן זיי אין א בוך, וועגן וועלכן עס גייט דאָ א רייד.

ווי עס שטרײַכן אונטער די אָרגאניזאטאָרן פונעם סימפּאָזיום, האָבן ניט די רעגירונג פון ייִסראָעל, ניט די רעגירונג פון פשא ניט געהאט קיין שײַכעס צו דער דאָזיקער באגעגעניש, וואָס האָט זיך געשטעלט א ציל — פעסטשטעלן די ייִסראָעלדיקע געזעלשאפטלעכע מיינונג און באקאנען מיט איר די אמעריקאנער.

דער בוך רופט ארויס, אָן שום צווייפל, אן אינטערעס. פריִער פאר אלץ איז דאָס א געצוווּנגענע אנערקענונג פון דער אלץ וואקסדיקער באדײַטונג פון דער פאלעסטינער פראָבלעם אינעם אײַנרעגולירן דעם נאָענטמיזרעכדיקן קאָנפליקט. אין טאָך גענומען, איז אלס אויסגאנג־פונקט פון דער דיסקוסיע געווען די קאָנסטאטאציע פון דעם פאקט, אז די פראָבלעם, וועלכע מע האָט פריִער ארויסגעשטעלט אין גרונט ווי א פראָבלעם פון פלייטים און וועלכע באשטימטע קויכעס האָבן געשטרעבט אויך אף ווײַטער אונטערהאלטן בלויז ווי א הומאניטארן איניען, — איז אינדערעמעסן א פאָליטישע, איקערדיקע פראָבלעם.

פראקטיש האָבן די אָנטיילנעמער פונעם סימפּאָזיום באטראכט די פאלעסטינער פראגע אלס דעם גרונט־קערן פונעם אראביש־ייִסראָעלדיקן קאָנפליקט, אָן איר לייזונג איז ניט מעגלעך קיין אײַנרעגולירונג. די ענדערונג אין דער שטעלונג איז באזונדערס אן איבערראשנדיקע, אויב זיך דערמאָנען די פרווון אָפּצולייקענען ביכלאל די עקזיסטענץ פון א פאלעסטינער פאָלק.

ווי ס'קאָן זיך דוכטן, וואָלט די אנערקענונג פון דער ראָליע פונעם פאלעסטינער פאקטאָר אינעם נאָענטמיזרעכדיקן קאָנפליקט געדארפט שטויסן די ייִסראָעלדיקע פאָליטיקער צום ווײַטערדיקן לאָגישן שריט — אנערקענען, אז די איינציק ריכטיקע און יושערדיקע לייזונג, פאר וועלכער ס'טרעטן איצט ארויס אלע פרידנס־ליבנדיקע מעלוכעס, איז פארווירקלעכן די געזעצלעכע נאציאָנאלע רעכט פונעם אראבישן פאָלק פון פאלעסטינע, און פריִער פאר אלץ די רעכט אף זעלבסטבאשטימונג, אף שאפן אן אייגענע אומאָפּהענגיקע מעלוכע. אָבער גראָד אין אָט די פראגן האָט די מערהײַט אָנטיילנעמער פונעם סימפּאָזיום ארויסגעוויזן א ניט־פייִקייט צו זען די צוקונפט.

כאָטש די עקסטרעם־רעכטע ציִעניסטן פונעם בלאָק „ליקוד", וועלכער געפינט זיך איצט בא דער מאכט אין ייִסראָעל, איז ניט געווען אין דער מערהײַט אפן סימפּאָזיום, האָבן דעם טאָן אין דער דיסקוסיע דאפקע געגעבן זיי, פארטיידיקנדיק אזא שטעלונג, וואָס איז נאָענט צו אייניקע גרונטלאגן פון בעגינס „שאָלעם־פּלאן". זיי מאכן זיך ניט ווייסנדיק וועגן די אָקופּירטע פאלעסטינישע טעריטאָריעס. דאָס רעכט פון ייִסראָעל אף די דאָזיקע טעריטאָריעס באזירט זיך, לויט זייערע באהויפּטונגען, אף די האוטאָכעס, וואָס גאָט האָט געגעבן די ייִדן, און מיט אזא „איבערצײַגעוודיקן ארגומענט" לייקענען זיי אָפּ דאָס רעכט פון די פאלעסטינער צו זײַן באלעבאטים אין זייערע היימען.

נאָר די הויפּט־האָפענונג — איבערצײַגן כאָטש וועמען־ניט־איז אין דער גערעכטיקײַט פון

זייער פּאָזיציע — פאַרבינדט דער דאָזיקער ציִניסטישער פליגל מיטן פריידיקן די אָנגעטראַכטע טעאָריע, אַז די אַראַבער וועלן קיינמאָל ניט אַנערקענען דאָס רעכט פון ייִסראָעל אַף עקזיסטענץ. און דאָס ווערט געטאָן אין די באַדינגונגען, ווען אַלע דירעקט פאַרינטערעסירטע אַראַבישע לענדער האָבן שוין לאַנג אַרויסגעוויזן אַ גרייטקייט צו דער אײַנרעגולירונג אַף דער באַזע פון די באַוווּסטע באַשלוסן פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס.

דער טעזיס וועגן צונעמען בא ייִסראָעל דאָס רעכט אַף עקזיסטענץ ווערט אָנגעווענדט דערפאַר, וואָס ער דערלויבט אָנצושרעקן די ייִסראַיילים מיט דער געפאַר פון דורכויסיקער פּיזישער אויסראָטונג, אונטערהאַלטן אין לאַנד די אַטמאָספער פון אַ באַלאַגערטער פעסטונג און באַרעכטיקן די אָקופּאַציע מיט די „פאָדערונגען פון געפאַרלאָזיקייט". די עכטע צילן, וואָס שטייען אונטער דעם אַלעמען, האָט ניט ווילנדיק אופגעדעקט איינער פון די אָנטיילנעמער פונעם סימפּאָזיום, וועלכער טרעט אַרויס אינעם בוך אונטער דעם פּסעוודאָנים כּנען. לויט זײַן אַנערקענונג, קאָן מען ניט אומקערן די אַראַבער דעם מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן אַפילע פאַר דער פרײַז פונעם סאַמע פולן שאָלעם, ווײַל אין ייִסראָעל דאַרף זײַן „15 מיליאָן ייִדן אין 30—40 יאָר אַרום". דערבײַ לייגט פאָר כּנען אָן שום בושע צו באַזעצן די פּאַלעסטינער איבערן גאַנצן נאָענטן מיזרעך אַפן כעזשבן פון יענע אַראַבישע לענדער, וואָס באַקומען אַרויס נאַפט.

די מערהײַט אָבער אָנטיילנעמער פונעם סימפּאָזיום זײַנען געווען מענטשן, וועלכע מע קאָן, זעט אויס, אָנרופן מעסיקע ציִעניסטן. זייער אויסגאַנג־פּונקט: אין פאַל, ווען די אַראַבער וועלן זײַן גרייט צום שאָלעם, דאַרף ייִסראָעל אַרויספירן זײַן מיליטער פון דעם גרעסטן טייל אָקופּירטע טעריטאָריעס. בענעגייע דעם פּאַלעסטינער אַספּעקט פון דער פּראָבלעם באַטײַט עס אומקערן די פּאַלעסטינער, נאָר אָן שום באַדינגען, דעם מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן און דעם אַזאַ־סעקטאָר. וואָס איז אָבער שײַעך דער פראַגע וועגן דעם פּאָליטישן סטאַטוס, האָט מען וועגן דעם דאָזיקן איניען אַרויסגערוקט פאַרשיידענע פּראָזשעקטן. באַזונדערס האָט מען זיך געסטאַרעט דערווײַזן, אַז עס זײַנען ווינטשנסווערט פּאָלגנדיקע וואַריִאַנטן: איבערגעבן דעם מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן און דעם אַזאַ־סעקטאָר יאָרדאַניע; אײַנהיטן דעם ייִסראָעלדיקן קאָנטראָל איבער די דאָזיקע טעריטאָריעס, און אַ פּאַלעסטינער מעלוכע, וועלכע זאָל אָנגעפירט ווערן דורך דער אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרײַען פּאַלעסטינע, שאַפן מיזרעך־צו פונעם יאַרדן, דאָס הייסט אַף דער טעריטאָריע פון יאָרדאַניע; שאַפן אַ פּאַלעסטינער מעלוכע אַף דער טעריטאָריע פונעם מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן און אײַנשליסן אָדער ניט אײַנשליסן אין איר דעם אַזאַ־סעקטאָר; שאַפן אַ פּאַלעסטינער מעלוכע אונטער דער אָנפירונג פון דער אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרײַען פּאַלעסטינע אַף ביידע ברעגן פונעם יאַרדן.

ווי ס'איז צו זען פונעם געזאָגטן, זײַנען דאָס אוואַדע ניט קיין ערנסטע צוגאַנגען צו דער פּאַלעסטינער פּראָבלעם, ווײַל אין זייער באַזע ליגט דאָס נעגירן די רעכט פון די פּאַלעסטינער צו לייזן אַליין די פראַגן, וואָס זײַנען זיי נעגייע.

בלויז דרײַ שטימען האָבן זיך געלאָזט הערן אַפן סימפּאָזיום פאַר דעם, אַז מע זאָל דערלאָזן — דערבײַ מיט באַוואָרענישן — די זעלבסטבאַשטימונג פונעם פּאַלעסטינער פאָלק, וועגן דער גרייטקייט פון ייִסראָעל אַרויסצופירן זײַן מיליטער פון אַלע אָקופּירטע טעריטאָריעס, — מיט נאָך מער באַוואָרענישן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פאַרמאָגט אוואַדע דעם גרעסטן אינטערעס דער געדאַנקענגאַנג פון איינעם מיטן פּסעוודאָנים געד. דאָס איז אַ ציִעניסט, די פּרעטענזיעס פון דער ייִסראָעל־רעגירונג אַפן מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן און אַפן אַזאַ־סעקטאָר זײַנען פאַר אים פולשטענדיק באַרעכטיקט. אָבער קוקנדיק רעאַל אַף זאַכן, אַנערקענט ער, אַז ייִסראָעל פאַרמאָגט ניט קיין קויעך, קעדיי אָנצובינדן די אַראַבער אַ לייזונג, וואָס זיכערט דאָס פאַרזעצן די אָקופּאַציע פון זייער ערד. דער קויכעס־באַלאַנס אַפן נאָענטן מיזרעך, זאָגט געד, בײַט זיך ניט צום גונסטן פון ייִסראָעל. פאַריכטן די דאָזיקע לאַגע וואָלט אַפילע ניט געקאָנט דאָס באַזיצן מיצאַד ייִסראָעל אַטאָם־געווער. אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז, לויט זײַן מיינונג, פאַר ייִסראָעל נייטיק אַ נײַע פּאָליטיק פון זיכערן די געפאַרלאָזיקייט, אַ פּאָליטיק, וועלכע דאַרף „מאַכן אַבסאָליוט קלאָר, אַז מיר קלײַבן זיך ניט אויסנוצן דעם פאַקט פון אָקופּאַציע צוליב די צילן פון פאַרווירקלעכן אונדזערע נאַציאָנאַלע רעכט אַף די דאָזיקע טעריטאָריעס... דאָס איז דער איינציקער וועג צו דערשלאָגן זיך, אַז אַף דער טאָג־אָרדענונג פון דער צווישנפעלקערלעכער געמיינשאַפט זאָל שטיין די פּראָבלעם פון שאָלעם און ניט די ייִסראָעלדיקע טעריטאָריעלע פאָדערונגען".

דעם זעלבן צוגאַנג, דאָס הייסט צוזאָגן באַפרײַען די אָקופּירטע טעריטאָריעס, דאַרף מען אָנווענדן, לויט זײַן מײַנונג, אויך צו דער פּאַלעסטינער פּראָבלעם. נאָך מער, אין די אינטערעסן פון ייִסראָעל איז דערשלאָגן זיך, אַז די פּאַלעסטינער, פּינקטלעכער די פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרײַען פּאַלעסטינע, זאָלן צוגעצויגן ווערן, אויב דאָס וועלן באַוויליקן די אַראַבישע לענדער, צו די אונטערהאַנדלונגען וועגן אײַנרעגולירונג. מע קאָן נישט ניט אָפּמערקן, אַז אויך פיל אַנדערע אָנטיילנעמער פון דער באַהאַנדלונג האָבן ניט אָפּגעוואָרפן די מעגלעכקײַט פון פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרײַען פּאַלעסטינע, דעמאַסקירנדיק די אומרעאַלקײַט פון דער אָפיציעלער ייִסראָעלדיקער פּאָזיציע.

„אין פארבלענדונג, — זעצט פאָר געד, — האָבן מיר געפאָדערט, אז מע זאָל צונויפרופן די זשענעווער קאָנפערענץ אָן די פאלעסטינער". אין רעזולטאט, אויב עס וואָלט אזוי פאָרגעקו־מען, וואָלטן די פאלעסטינער זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די באשלוסן פון דער קאָנפערענץ, מאכנדיק אומעגלעך דאָס אויספילן זיי אויך מיצאד די אראבישע לענדער.

לויט דער מיינונג פון געדן, קאָן און דארף ייִסראָעל דער ערשטער מעלדן וועגן דער גרייטקייט אנערקענען די פאלעסטינער, אויב זיי וועלן מאסקים זײַן, פון זייער זײַט, אנער־קענען ייִסראָעל. די פאלעסטינער זײַנען פרײַ אליין צו מאכן אן אויסוואל — שאפן א באזונ־דער מעלוכע אָדער זיך פאראייניקן מיט יאָרדאַ־ניע, כאָטש דער צווייטער ווארי׳אנט איז אָנעמ־בארער פאר ייִסראָעל. „מיר, — שטרײַכט אונ־טער געד, — דארפן קלאָר באווײַזן, אז מיר וועלן זיך ניט ארײַנמישן אינעם רעאליזירן מי־צאד זיי זייער נאצי׳אָנאלע עקזיסטענץ". די ניט רעאלקײַט פון זײַן פלאן זעט געד אין דעם, וואָס ניט די אראבער, נאָר „די ייִסראַיילים זײַ־נען ניט גרייט אים אָנצונעמען".

מיט וואָס האָט זיך געענדיקט דער פּרווו, וועלכן ס׳האָט פאָרגענומען דער „קארנעגי־פאָנד"? די אײַנאָרדענער פון דער באגעגעניש לייקענען ניט אָפּ, אז זי האָט ניט געבראכט צו דער אויסארבעטונג פון א מער אָדער ווייניקער אײנהײַטלעכער מיינונג וועגן דער געווונטשע־נער פּאָזיציע פון ייִסראָעל בענוגייע דער פּאַ־לעסטינער פּראָבלעם. נאָך ערגער איז אן אנ־דער זאך. די מערהײַט אָנטיילנעמער פון דער דיסקוסיע זײַנען זייער און זייער ווײַט פונעם עכטן פארשטיין די הײַנטצײַטיקע פּאָליטישע רעאליטעטן אפן נאָענטן מיזרעך.

די אויסרעכענונגען אף דעם, אז ס׳וועט זיך אײַנגעבן אויסצומײַדן די פראגע וועגן די רעכט פונעם פאלעסטינער פאָלק, אײַנהיטן די פאר־כאפּטע טעריטאָריעס און דערבײַ דערשלאָגן זיך א שאָלעם, האָבן אונטער זיך קיין שום באָדן ניט. עס קאָן ניט זײַן קיין שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך, ווי ס׳האָט געזאָגט ל. אי. ברעזשנעוו אפן XXV צוזאמענפאָר פון קפּסס, „קאָלזמאן בא הונדערטער טויזנטער פאלעסטינער זײַנען צו־גענומען זייערע געזעצלעכע רעכט און זיי לעבן אין שוידערלעכע באדינגונגען, זײַענדיק פאר־טריבן פון זייער ערד, און באם אראבישן פאָלק פון פאלעסטינע איז צוגענומען די מעגלעכקײַט צו שאפן זײַן נאצי׳אָנאלע מעלוכע". וואָס גיכער די אָנפירער פון ייִסראָעל און אלע, וואָס נעמען אן אָנטייל אין אויספאָרמירן זײַן פּאָליטיק, וועלן זיך דורכדרינגען מיטן פארשטאנד פון דעם דאָזיקן עמעס, אלץ בעסער וועט דאָס זײַן פאר ייִסראָעל, פאר די אינטערעסן פונעם שאָ־לעם אפן נאָענטן מיזרעך.

א. אוסטיוגאָוו

דער קראך פון א לעגענדע

“Adieu, Israel”. D’Efhraim Sevela. Edit Cut Authier.

(„אדיע, ייִסראָעל". אווטאָר עפראַים סעוועלא. אויסגאבע פונעם פראנצוי־זישן פארלאג „גיואָטיע עדיטער")

דאָס בוך „אדיע, ייִסראָעל. רוסישע ייִדן אין ייִסראָעל" איז דערשינען אין פּאריזש אין 1977. דער אווטאָר עפראַים (כאַים) סעוועלא איז געבוירן אין באָ־ברויסק, מאָליעווער געגנט, אין 1928, ער האָט געענדיקט דעם פילאָלאָגישן פאקול־טעט פון דעם מינסקער אוניווערסיטעט, געארבעט א געוויסע צײַט אלס זשורנא־ליסט אין ווילנע, דערנאָך אריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. אין די 50־ער — 60־ער יאָרן זײַנען לויט זײַנע סצענארן דעמאָנסטרירט געוואָרן אף די סאָוועטישע עקרא־נען א ריי קינסטלערישע קינאָ־פילמען. אין 1971 איז ער ארויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל, ווו ער האָט אָפּגעלעבט זעקס יאָר צײַט.

דאָס בוך אנטהאלט 15 קאפּיטלען. אין די ערשטע צוויי זאָגט דער אווטאָר ארויס זײַן מיינונג, פארוואָס א געוויסע צאָל סאָוועטישע ייִדן (ער אויך בעסויכאָם) האָט אונטערן אײַנ־פלוס פון דער ציִעניסטישער פּראָפּאגאנדע באַ־שלאָסן צו פארלאָזן די אײַנגעזעסענע היים און פאָרן קיין ייִסראָעל. די מערהײַט סאָוועטישע ייִדן, שרײַבט ער, ווי נאָר זיי זײַנען ארופגע־טראָטן אף דער „הייליקער ערד פון די אָוועס", זײַנען זיי געוואָרן אלץ מער און מער אנטוישט און האָבן געקערט וועלטן, מע זאָל זיי דער־לויבן פאָרן צוריק אהיים.

דער אווטאָר מאָלט זייער א טרויעריק בילד סײַ פון דער אליִע גופע, סײַ פון דעם לעבן אין ייִסראָעל. מע קאָן זאָגן, אז קיין איין מעכאבער פון א בוך אָדער פון ארטיקלען וועגן ייִסראָעל האָט נאָך אזא אָפּשטויסנדיק בילד ניט געמאָלט. פילנדיק, אפּאָנעם, אז פיל לייענער וועלן אים ניט גלייבן, זיי וועלן האלטן, אז דאָס רעדט פּאָשעט א סוינע פון ייִסראָעל, דערצו א

מענטש, וואָס האָט ניט קיין מאַזל אין לעבן, איליוסטרירט ער זײַנע אַרויסזאָגונגען מיט אַ גרויסער צאָל גוזמעס־אײדעס פון אַנדערע מענטשן, מיט וועמען ער האָט געשמועסט, און אויך מיט ברייטע אויסצוגן פון דער ייִסראַעל־פּרעסע.

„איך בין ניט אײנער, — שרײַבט סעוועלאַ, — וואָס האָט דערזען די מעדינע פון דער ערגסטער זײַט. אָפּגעלעבט זעקס יאָר אין ייִסראַעל, בין איך באַהערשט פון אײן אײנציקן פאַרלאַנג — אַנטלױפן פון אָט דעם לאַנד". דער אויטאָר קלאָגט זיך, אַז ער איז באַגאַנגען אַ שווערן פעלער דערמיט, וואָס ער האָט פאַרלאָזט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און איז אַרײַנגעפאַלן „אין דער נעץ פון די ציִעניסטן, פון דער פאַלשער ייִסראַעל־פּראָפּאַגאַנדע".

אינעם קאַפּיטל „וויִאַזוי עס ווערן געבוירן און וויִאַזוי עס קראַכן לעגענדעס" דערציילט סעוועלאַ וועגן דעם רעאַלן לעבן אין טעל־אוויוו. „ווען מיר זײַנען געפאָרן קיין ייִסראַעל, האָט זיך אונדז געדוכט, אַז עס ווערן, ענדלעך, פאַרווירקלעכט אונדזערע טרוימען. די דאָזיקע טרוימען האָבן אָבער געפּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז. באַלד פון די ערשטע טריט האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אָף איבעראַשנדיקער אומענטשלעכקײַט, גוואַלדיקן שווינדל. די פאַלסיפיצירטע סטאַטיסטיק, די רעקלאַם־בוקלעטן האָבן ניט געקאָנט פאַרשטעלן מיט זיך דאָס שלעכטס אינעם טאָגטעגלעכן לעבן, וואָס פאַרלירט זייער שנעל דעם אויסערלעכן גלאַנץ".

רייִדנדיק וועגן דעם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן אַספּעקט, שרײַבט דער אויטאָר, אַז אין ייִסראַעל הערשט „דעמאָקראַטיע פון שעקער", אומעטום אין אָט דעם לאַנד טרעפט מען „באַרבאַרישע אומאַכטונג צום לעבעדיקן מענטשן", „דאָס רעכט פונעם שטאַרקן איבער דעם שוואַכן". ניט געקוקט אָפן איליוזאָרישן כאָאָס פון פילפאַרטייִשקײַט, איז אָבער אַ פאַקט, אַז שוין אַ סאַך יאָרן, ווי די מאַכט געפינט זיך אין די הענט ניט פון דער אָדער אַנדערער פאַרטיי, נאָר אין די הענט פון געציילטע מענטשן פון טעל־אוויוו. אָט די לײַט קריכן ניט צום אויבנאָן בײַ די פּאָליטישע שפּילן, זיי טוען זייער זאַך שטיל, אומבאַמערקט, זיי טאַשן איבער די קאָרטן, זעצן אַראָפּ און באַשטימען מיניסטאָרן.

אין ייִסראַעל קאָן קיין רייד ניט זײַן וועגן אויסטיילן זיך אָף דער אַרבעט, באַקומען אַן אינטערעסאַנטע שטעלע. קעדיי דערגרייכן דאָס, מוז מען זיך אַרײַנשאַרן אין עפּעס אַן „אײַנפלוסרײַכער קאָאַליציע", אַרויסווײַזן צו אַזאַ קאָאַליציע פּערזענלעכע סימפּאַטיעס. עס איז אויך איבעריק צו טרוימען וועגן קריגן אַ לוינבאַרע האַלוואָע אָדער אַ דערלויבעניש אָף עפּעסן אַן אונטערנעמונג, אויב מע האָט ניט קיין ענגע פאַרבינדונג מיט די קרײַזן, וואָס שטייען בײַ דער מאַכט. מע קאָן ניט שטעלן קיין אײן טראָט אָן פּראָטעקציע.

„קעגן די „קרעציקע שאָף", — שרײַבט סעוועלאַ, — נעמט מען אָן „איבערדערציִונג־מעטאָדן". עס איז גענוג געווען, איך זאָל אַרויסזאָגן אייניקע געדאַנקען וועגן ייִסראַעל, וועלכע זײַנען ניט געפעלן געוואָרן אין די הויכע פענצטער, ווי איך האָב באַלד דערזען, אַז עס וועט זיך אויסלאָזן אַ טײַך פון מײַנע פּרוּוון צוצופּאַסן זיך צום לעבן אין אָט דעם לאַנד, צו קריגן כאָטש עפּעס אַן אַרבעט, וועלכע זאָל מיר געבן די מעגלעכקײַט אויסצוהאַלטן מײַן געזינד. איך בין אַרײַנגעפאַלן אין דער לאַגע פון פּערמאַנענטער אַרבעטסלאָזיקײַט. קיינעם איז אין דער לינקער פּייע ניט געלעגן מײַן פאַרצווייפלטע לאַגע". אינעם בוך ווערט געבראַכט אַ פאָטאָ פונעם אויטאָרס פרוי מיט אַזאַ אונטערשריפט: „יוליִאַ סעוועלאַ, אַ קינאָ־אַקטריסע, שוין זעקס יאָר, ווי זי קאָן זיך ניט אײַנאָרדענען אָף אַרבעט אין ייִסראַעל".

„אַ צווייטע פאָרם פון באַשטראָפן מיך, קעדיי איבערדערציִען, — ווײַזט אָן עפראַיִם סעוועלאַ, — איז געווען די דינסט אין דער ייִסראַעל־אַרמיי. אָף די צײַטווײַליקע מאָביליזאַציעס פלעגט מען מיך רופן דרײַ מאָל אין יאָר, אָפטער איידער אַנדערע".

דער אויטאָר דערווײַזט די פאַלשקײַט פון דער לעגענדע וועגן דער אַכדעס פונעם ייִסראָעל־פאָלק, וועגן זײַן קלוימערשטער אײַנהײַט. „די קאָרופּציע דעמאָראַליזירט די מעלוכע. דער איצטיקער דאָר יונגע ייִסראַיילים איז אויסגעוואַקסן אין אַן אַטמאָספער פון דורכויסיקע שקאָרים..." דאָס רעצענזירטע בוך דעמאַסקירט דעם ביוראָקראַטיזם פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, די אַלגעמיינע גלײַכגילט און אַפּאַטיע, די גנייוועס און רײַסערײַען אין אַלע געביטן. דאָס לאַנד לעבט מיט דער האָפענונג, אַז אַלץ וועט געדעקט ווערן אָפן כעזשבן פון די ציִעניסטישע פאָנדן. סעוועלאַ וואַרפט אויך אָפּ די לעגענדע וועגן די קיבוצים, וועלכע זײַנען געוואָרן, ווי ער דריקט זיך אויס, „צענטערס פון קאָלעקטיווער עקספּלואַטאַציע".

„ייִסראַעל איז איצט אַ קאָכיקער קעסל פון ראַסן־האַס, — ווערט געזאָגט אינעם בוך. — אין לאַנד הערשט אָפענע סינע און אומטאָלעראַנץ צווישן די ווײַסע ייִדן און שוואַרצע ייִדן. דער סאָציִאַלער טהאָם צווישן זיי ווערט גרעסער, טיפער און טראַגישער פון טאָג צו טאָג". „די אופרײַסן פון עטנישן האַס דערשיטערן דאָס לאַנד".

„ווען איך און אַזוינע, ווי איך, האָבן זיך געפונען אין מאָסקווע, — זאָגט דער אויטאָר, — האָט זיך אונדז געדוכט, אַז ייִסראַעל איז אַ גאַניידן־האַטאַכטן, אַז דאָ זײַנען רעאַליזירט אַלע מענטשלעכע טרוימען וועגן סאָציִאַלער גלײַכהײַט. איצט אָבער האָב איך געזען אָף דער וואָר די צוויי פּנעמער פון ייִסראַעל: די קוואַרטאַלן מיט כורוועס אינעם ראַיאָן פון האַטיקוואַ און די קוואַרטאַלן פון סעוויאָן אין טעל־אוויוו, ווו די רײַכע ווילעס ווערן אינעם שאָטן פון יאָדלע־ביימער אויסגעהיט פון דער סאַרפּענדיקער זון. אינעם ירושאָלאַיִמער

קווארטאל, וואָס הייסט קאטאמאָן, הערשן נארקאָמאניע, פּראָסטיטוציע און פארברעכנס״.

סעוועלא רעדט וועגן דער הארצלאָזיקייט פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל, וועלכע באַציִען זיך מיט ביטל צו די ייִדן, וואָס האָבן עמיגרירט פונעם סאָוועטנפארבאנד. „די אויליִם, — שרײַבט ער, — זײַנען באגעגנט געוואָרן אין ייִסראָעל מיט א קאלטן דוש, מע האָט אָף זיי געקוקט, ווי אָף קונילעמלעך און באצויגן זיך צו זיי טאקע ווי צו עמעסע שויטים. וואָס איז ווערט דער פאקט, וואָס מע האָט זיי מ׳עס באגאנווועט אין פּאָרט כײַפע, ווו־הין עס איז אָנגעקומען זייער באגאזש. און די גאנאָווים איז אראָפּ גלאט. די אוילים פונעם סאָוועטנפארבאנד האָט מען אונטער פארשיידענע טערוצים ניט צוגעלאָזט צום אָנטייל אין די קנעסעטוואלן. א סאך פון זיי האָבן בעשום־אויפן ניט געקאָנט קריגן קיין ארבעט לויט זייער פאך״.

ווען ער איז געקומען צו פאָרן אין די פאריייניקטע שטאטן, איז סעוועלא אופגענומען געוואָרן פון אן אָנגעזעענעם אמעריקאנער סענאָטאָר, וואָס געהערט צו דער סוויווע פונעם קאנדידאט פון דער דעמאָקראטישער פארטיי אפן פּאָסט פון פּרעזידענט פון די פאריייניקטע שטאטן מאקגאָווער. דער סענאטאָר האָט צוגעזאָגט צו שאפן אין ייִסראָעל א נײַע קינאָקאָמפּאניע אפן כעזשבן פונעם געלט, וואָס מע וועט צונויפזאמלען אין אמעריקע. דאָס איז געווען א גראנדיעזער פּראָיעקט, עס האָט זיך געהאנדלט וועגן מיליאָנען דאָלער. דער אָפּיציעלער ציל פון אָט דער קאָמפּאניע — „געבן ארבעט די ייִדישע אוילים פונעם סאָוועטנפארבאנד, אויך פארשטארקן די עמיגראציע פון די סאָוועטישע ייִדן״.

„פון יענער צײַט זײַנען שוין אוועק ניט ווייניק יאָרן, — שרײַבט סעוועלא, — מיר האָבן פארלאָרן יעטווידע האָפענונג צו קריגן ארבעט לויט אונדזער פאך, אין קינאָ. איך מאך מער ניט קיין פילמען. אין דער זעלבער לאגע געפינען זיך אויך מײַנע פרײַנט. א סאך פון זיי האָבן פארלאָזט ייִסראָעל, אוועקגעפאָרן אין אנדערע לענדער, האָפנדיק צו פארדינען דאָרט אפן שטיקל ברויט. עס איז קלאָר, אז מע האָט אונדז אויסגענוצט צוליב פּראָפּאגאנדע־צילן. נאָך די וואלן פונעם אמעריקאנער פּרעזידענט זײַנען אלע האוטאָכעס און היסכײַוועסן צערונען געוואָרן, ווי א רויך״.

דער אווטאָר ווארפט פאָר דער רעגירונג פון ייִסראָעל, אז זי העלפט דער צענטראלער אויסשפּיר־פארוואלטונג פון אמעריקע צו ווערבירן קיין ייִסראָעל ייִדישע אימיגראנטן, וועלכע זײַנען ארײַנגעפאלן אין א שווערער מאטעריעלער לאגע, אָף ארבעט אין דער מינכענער ראדיאָסטאנציע „פרײַהײַט״. אין דער דאָזיקער ראדיאָסטאנציע, ווי סעוועלא זאָגט, זײַנען די ייִדישע אימיגראנטן געצוווּנגען צו מיטארבעטן מיט די אָנטיילנעמער פונעם היטלער־פּלאן צו אויסראָטן דאָס ייִדישע פאָלק, מיט מילכאָמע־פארברעכער, וועלכע ווערן געזוכט מיצאד דעם צווישנפעלקערלעכן טריבונאל. ניט האָבנדיק קיין עקספּאָרט־סכוירעס, שיקט ייִסראָעל קיין אמעריקע ווילע יונגען, וועלכע זײַנען גרויסע ספּעציאליסטן אינעם פירן די „קאלטע מילכאָמע״ קעגן דעם סאָוועטנפארבאנד, ייִסראָעל פארקויפט אמעריקע ייִדישע אימיגראנטן פון פּססר.

די ייִדן, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין ייִסראָעל פון פּססר, ווערן שנעל אנטוישט אין דער ייִסראָעל־ווירקלעכקײַט, זיי קריטיקירן די אקטיוויסטן פון דער ייִדישער עמיגראציע פון פּססר, באשולדיקן זיי אין אלע צאָרעס און ליידן. איינער פון אָט די אימיגראנטן, וואָס איז אין סאָוועטנפארבאנד געווען א כאָשעווער טוער פון דער קינעמאטאָגראפישער אינדוסטריע, האָט בײַס זײַן באגעגעניש מיט סעוועלאן געזאָגט: „ווען דאָס זאָל זײַן אָפּהענגיק פון מיר, וואָלט איך אײַך אלעמען געשיקט אָף דער טליע: איר האָט געמאכט אומגליקלעך טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן אײַך געפאָלגט. איבעריקנס, זעט איר שוין אזוי אויך ווי געהעריק באשטראָפט, כאָטשבי דערמיט, וואָס איר געפינט זיך אין ייִסראָעל״. „אָט פארוואָס, — שרײַבט דער אווטאָר, — אלץ מער און מער סאָוועטישע מענטשן זאָגן זיך אָפּ פון זייערע רעכט צו עמיגרירן קיין ייִסראָעל, און די צאָל אימיגראנטן, וועלכע לויפן פון ייִסראָעל, וואקסט פון טאָג צו טאָג״.

„אזעלכע מענטשן זײַנען פאראן טויזנטער. און זייער צאָל ווערט אלץ גרעסער. אין ייִסראָעל מײַדט מען אויס צו ריידן וועגן דער דאָזיקער טראגעדיע. פון דער מעדינע לויפן קוואליפיצירטע ספּעציאליסטן, וועלכע זײַנען אהער געקומען ערשט ניט לאנג, טאלאנטפולע ארטיסטן, דעמאָביליזירטע סאָלדאטן, סאברעס — די האָפענונג און שטאָלץ פון ייִסראָעל. זיי אלע ריידן מיט שוידער וועגן דעם דורכגעלעבטן. זיי באמיִען זיך צו פארגעסן די קאָשמארן פון דער מעדינע״.

ב. שנײַדער

לעבעדיקע פאַקטן

Samuel Aronoff. Birobijan and Soviet Jews. Reflections two exhibitions. 1978.

(סעם אראָנאָף. „ביראבידזשאַן און די סאָוועטישע ייִדן". 1978)

דאָס בוך האָט נאָרוואָס דערזען די ליכטיקע שײַן אין די פאַרייניקטע שטאַטן. דער אויטאָר — אַן אַמעריקאַנער פּובליציסט — האָט באַזוכט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד אין 1975, ער איז „אויסגעפאָרן דאָס גאַנצע לאַנד — פון פּאַציפישן אָקעאַן ביזן באַלטישן יאַם, באַזוכט 17 שטעט און געשמועסט מיט פאַרשיידענע מענטשן — פון אַן אַקאַדעמיקער, אינזשעניער און אַרבעטער ביז אַ שטוב־באַלעבאָסטע, אַ פאַבריקמאַכער און אַ סטודענט". אין רעזולטאַט פון זײַנע פּערזענלעכע באַאָבאַכטונגען איז געבוירן געוואָרן דאָס דאָזיקע בוך.

געפינענדיק זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט אַראָנאָף באַזוכט די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט, וועגן וועלכער, — שרײַבט אַראָנאָף אין זײַן בוך, — די אַמעריקאַנער פּרעסע „האָט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער און שווײַגט שוין 25—30 יאָר", האַגאַם די לאַגע אין דער געגנט גיט אַ רײַכן מאַטעריאַל אויף אָפּשאַצן די לאַגע פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד בכלל. דערציילנדיק וועגן ביראבידזשאַן, מאָלט ס. אַראָנאָף אַ בילד פון אַ קאַנט, וואָס איז רײַך מיט נאַטירלעכע רעסורסן, גענײסט פון גרויסער אויפמערקזאַמקײַט און זאָרג מצד די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען, אַ קאַנט, וואָס מאַכט דורך אַ שנעלע אַנטוויקלונג. „די ייִדן אין ביראבידזשאַן, — ווערט געזאָגט אינעם בוך, — לעבן פאַרמעגלעך און זײַנען צופרידן מיט זייער אויסקומעניש. די געגנט שטאָלצירט, צווישן אַנדערס, מיט אירע אינהאַלטסרײַכע ראַדיאָ־פּראָגראַמעס אויף ייִדיש און מיטן גלענצנדיקן ייִדישן פאָלקס־טעאַטער, וואָס האָט פאַרדינט דעם טיטל לאַורעאַט פונעם אַלרוסלענדישן דורכקוק פון די פאָלקס־טעאַטערס".

אין דעם דאָזיקן ראַיאָן פון סאָוועטנפאַרבאַנד וווינען בערעך 20 נאַציאָנאַליטעטן, און זיי אַלע לעבן אין האַרמאָניע און פרײַנטשאַפט, גענײסן פון די פּריווילעגיעס, וועלכע זײַנען טיפּיש פאַר די סאָוועטישע אַרבעטנדיקע. צו די דאָזיקע פּריווילעגיעס געהערן: מעדיציניש באַדינונג אָן געצאָלט, בילדונג אָן געצאָלט, אָפּוועזנהײַט פון אַרבעטסלאָזיקײַט, באַצאָלטע אורלויבן, אויסערסט קליין דירע־געלט און ווייניקע הויצאָות אויף באַדינונג, נידעריקע פּרײַזן, באַוועגונגס־פרײַהײַט און אַלע אַנדערע פרײַהײַטן, וועלכע די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע גאַראַנטירט". דעם דאָזיקן אויספיר באַשטעטיקט דער אויטאָר מיט אַ גרויסער צאָל קאָנקרעטע פאַקטן, וועלכע ער האָט אין דער געגנט צונויפגעזאַמלט בײַם זײַן באַזוך אין ייִדישן פאָלקס־טעאַטער, אויפן טראַנספאָרמאַטאָר־זאַוואָד, אינעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן" א. אַנד.

די לאַגע פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, שרײַבט דער אויטאָר, „שפּיגלט אָפּ ווי אַ טראָפּן וואַסער דאָס לעבן פון דער גאַנצער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער געזעלשאַפט אין סאָוועטנפאַרבאַנד".

אינעם בוך ווערט געבראַכט אַזאַ עפּיזאָד. באַזוכנדיק די סיבירער שטאָט אירקוטסק, האָט דער אויטאָר זיך באַגעגנט מיט צוויי ייִדן, אירקוטסקער טוישווים. אינעם שמועס מיט זיי האָט ער פאַרפירט אַ רייד וועגן דער אַזויגערופענער „ייִדן־פראַגע" אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

— ייִדן־פראַגע? — פרעגט מיט כידעש באַם אַמעריקאַנער איינער פון די מיטשמועסער. — אַזאַ פראַגע איז אָבער באַ אונדז ניט בנימצע. דאָס איז ניט מער ווי אַ פאַנטאַזיע פון דער מײַרעוודיקער פּראָפּאַגאַנדע.

דאָס, וואָס דעם אַמעריקאַנער זשורנאַליסט האָט אויסגעזען צו זײַן קאָמפּליצירט, איז פאַר די אירקוטסקער ייִדן געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך, און אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז די פּראָבלעם איז אַ פרעמדע, באַוויזן האָט זי זיך צוזאַמען מיט דעם פרעמדלענדישן גאַסט...

די סאָוועטישע ייִדן זײַנען טרײַ דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, זיי נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין איר אַנטוויקלונג, — ווערט באַטאָנט אינעם בוך. — וואָס אָנבאַלאַנגט די רייד פון די מײַרעוודיקע פּאָליטיקאַנער, וואָס ווײַזן אַרויס „זאָרג וועגן דער לאַגע פון די סאָוועטישע ייִדן", איז דאָס ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אָפּענע צוויִעס.

די פאַקטן, וועלכע זײַנען געבראַכט אין סעם אַראָנאָפס בוך, לאָזן ניט איבער קיין שטיין אויף אַ שטיין פון די בייזוויליקע אויסטראַכטענישן, וועלכע זײַנען פאַרשפּרייט אין מײַרעוו, קודעמקאָל אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

אי. אַבלאַמאָוו

■ ■ ■

קינסטלער וויקטאָר מידלער (צו זיין 90־יאָריקן געבורטסטאָג)



פּאָרטרעט פונעם פוילישן דיכטער יוליאַן טוּווים

באם לייענען

א פארקויפער פון בייגל

די פערעץ־גאַס אין מעדזשיבאָזש

עריוואן. א מיטינג אפן מארק



מאָנמארטר





א טיי־פאבריק אין די דרײַסיקער יאָרן

א כוטאָר בא דער וואָלגע

אונדזער רעפּליק

ווען מע זוכט פון געפייגערטע פערד פּידקאָוועס

אין דער צייַטונג „מאָרגן־פרייַהייַט" (ניו־יאָרק) פאַרן 27 יון 1978 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אָפּרוף אַף מייַנע פאַרצייכענונגען, וועלכע איך האָב געדרוקט אין צוויי נומערן פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר די יאָרן 1976 און 1978. אין די פאַרצייכענונגען גייט אַ רייד וועגן מייַנע איינדרוקן פון דעם, וואָס איך האָב אין יאַנוואַר 1945 געזען אינעם טויט־לאַגער אָשווענטשים.

אָנגעהויבן לייענען דאָס אַרטיקל, האָב איך אַ קלער געטאָן. ס'איז גוט, וואָס די אַמעריקאַנער צייַטונג האָט איבערגעדרוקט אַן אויסצוג פון דער פאַרצייכענונג וועגן דער דראַמאַטישער באַגעגעניש פון אַ סאָוועטישן ייִדן, אַן אָפיצער פון דער סאָוועטישער אַרמיי, אין איינעם פון די באַראַקן פון אָשווענטשים, מיט פאַרורטיילטע קאַצעטלער־ייִדן, וועלכע זייַנען לעבן געבליבן אַלפּי־נעס, און די רויטע אַרמיי האָט זיי געבראַכט אַ יעשועה. פון צייַט צו צייַט דאַרף מען דערמאָנען דער מענטשהייַט וועגן די פאַשיסטישע אַכזאָריעסן, מע זאָל זיך באַקלערן, צי אַלץ איז שוין אויפגעטאָן, קעדיי די שוידערן פון אָשווענטשים, טרעבלינקע, דאַכאַו זאָלן זיך קיינמאָל ניט איבער־כאַזערן.

אָבער... וואָס מער איך האָב זיך אייַנגעלייענט, אַלץ מער האָב איך זיך אַנטוישט, און צום סאָף איז מיר ביטער געוואָרן אַפן האַרצן. לאָזט זיך אויס, אַז די רעדאַקציע פון דער „מאָרגן־פרייַהייַט" האָט געהאַט אין זינען גאָר אַן אַנדער, ווייַט ניט קיין אָנשטענדיקן ציל. די באַשולדיקונג, אַז איך האָב שיִער זיך ניט געשעמט, וואָס איך בין אַ ייִד און וואָס איך מייַד אויס צו ריידן אַף מאַמעלאָשן, איז אַן־און־פאַר־זיך ניט לאָגיש און לייגט זיך ניט פּאָשעט אַפן סייכל. עמעס, דאָס גאַנצע פּעך און שוועבל איז אויסגעגאָסן געוואָרן ניט אַף מיר, נאָר אַף דער רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

דער ייִדישער פאָלקלאָר האָט געשאַפן ניט ווייניק טרעפלעכע, בייַסיקע ווערטלעך וועגן אַזעלכע מינים זוכענישן. לעמאָשל: „מע זוכט דעם נעכטיקן טאָג", „מע זוכט פון געפייגערטע פערד פּידקאָוועס"... דעם עמעס געזאָגט, האָב איך לאַכלוטן ניט געוואָלט פאַרטערן קיין צייַט צוליב אָפּענטפערן דעם אַוטאָר פון דער „מאָרגן־פרייַהייַט". דעם גאַנצן געפילדער האָט ער אויפגעהויבן איבער דעם, וואָס אין מייַן פאַרצייכענונג, וועלכע איז געדרוקט אין נום. 5 פונעם זשורנאַל פאַרן 1978 יאָר, איז אין איין אָרט דורכגעלאָזט געוואָרן בייַסן איבערדרוקן (אַפילע ניט איבער דער שולד פונעם טריוויִאַלן „באָכער האַזעצער", נאָר פון מייַן מאַשיניסטקע) דאָס וואָרט „ייִדיש", — די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן דאָך שוין מיט צוויי יאָר צוריק, ווען כ'האָב דערציילט די זעלבע געשיכטע, געהאַט אַ מעגלעכקייַט זיך צו דערוויסן, וויִאַזוי דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען. נו, איז וואָס? וואָס פאַר אַ זינד בין איך באַגאַנגען און וואָס פאַר אַ שרעקלעכע זאַך איז דאָ אָפּגעטאָן געוואָרן?

אין אָט די פראַגן בין איך ניט קיין דערפאַרענער מענטש, אָבער איך מיין, אַז אַ באַליביקע פּאָלעמיק דאַרף זיך פירן ערלעך.

מע קאָן, געוויינלעך, זיך האַלטן בא אַזעלכע און אַזעלכע מיינונגען, האָבן אַזעלכע און אַזעלכע פּאָליטישע איבערצייַגונגען, מע קאָן זיי בייַטן, די דאָזיקע איבערצייַגונגען. אַמאָל געפינט מען אַפילע „אַ באַרעכטיקונג" אין בייַטן דעם קאָליר פון דער פאָן, וועלכע האָט פריִער געדינט אַלס סימבאָל פון קאַמף. אָבער מיט גאָרנישט קאָן מען ניט צודעקן די פאַרקריפּלונג פונעם עמעס אין אַ פּאָלעמישן שטרייַט, דאָס אַרויסצופּן און איבערטאַשן די פאַקטן. אַף אונדזער יורידישן לאָשן (איך בין אַ יוריסט לויטן פאַך) ווערט אַזוינס אָנגערופן — מאַכן אַן אָנפאַל מיט אומווירדיקע מיטלען.

ס'איז געזעצמעסיק, אַז אין אַ באַליביקן שטרייַט דאַרפן די צדאָדים האָבן אַ מעגלעכקייַט אָן קיין שום שטערונגען אַרויסשטעלן זייערע אַרגומענטן פאַרן מישפּעט פונעם אַרביטער, אין געגעבענעם פאַל — פאַרן לייענער.

איך וואָלט געבעטן די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" מיר דערלויבן איבערצורעכענען איינִיקע מייַנע פאַרצייכענונגען וועגן ייִדן, וועלכע האָבן, פאַרטיידיקנדיק זייער פאָטערלאַנד, זיך ווירדיק אויסגעצייכנט אַפן שלאַכטפעלד און אָפּגעגעבן זייער לעבן, ווי אויך וועגן אַזעלכע, וואָס מיִען זיך ביז איצט לעטויוועס דעם סאָציִאַליסטישן היימלאַנד.

אין דער פאַרצייכענונג „דער ערשטער קאָנצערט" („סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 8, 1977) ווערט דערציילט וועגן דעם ערשטן ייִדישן קאָנצערט אַף דער טעריטאָריע, וואָס איז נאָרוואָס באַפרייַט געוואָרן פון די היטלעראָוועס. ייִדישע ייִנגלעך און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך קוים געראַטעוועט פון די מערדערישע הענט, געפינען אין זיך קויכעס צו שאַפן אַ פּרעכטיקן ייִדישן אַנסאַמבל.

די פאַרצייכענונג „דער דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע" („סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 10, 1975) איז געווידמעט אַ ייִדישער סטודענטקע, וועלכע איז פרייַוויליק אַוועק אַפן פראָנט און שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. ליגנדיק אין גיפּס, האָט זי פאַרענדיקט דעם פילאָסאָפישן פאַקולטעט, פאַרטיידיקט אַ דיסערטאַציע, מע האָט איר צוגעייגנט דעם טיטל קאַנדידאַט פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן, דערנאָך האָט זי פאַרטיידיקט אַ דאָקטאָר־דיסערטאַציע, און ביז הייַנטיקן טאָג אַרבעט זי אַלס פּראָפעסאָר אין קיִעווער מעלוכע־אוניווערסיטעט.

וועגן פיל ייִדן, אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, רעדט זיך אין דער פאַרצייכענונג „בא די טויערן פון מאָסקווע" („סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 12, 1977).

און ניט איך, דער אַוטאָר פון די דאָזיקע פּובליקאַציעס, ניט, פאַרשטייט זיך, דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פילן ניט עפּעס קיין אָפּהאַלט באַם אָנרופן די העלדן פון די פאַרצייכענונגען מיטן עמעסן

נאָמען, און מיר באהאלטן ניט אויס, אז דאָס זײַנען שטאָלצע סאָוועטישע ייִדן.

ווער זשע שיט, לויטן אויסדרוק פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט", „זאלץ אף די ווונדן"? צוליב וואָס האָבן די רעדאקטאָרן פון דער צײַטונג אופגעהויבן אָט דעם ניט אָנשטענדיקן טומל?

ווי זאָגט זיך עס: א וועלט נארט מען ניט אָפּ. און נאָך: דריי ניט צופיל, וואָרעם דו וועסט איבערדרייען. אָט אזוי האָט זיך טאקע באקומען אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט".

גריגאָרי יעליסאוועטסקי,
גווארדיע־פּאָלקאָווניק אין דעמיסיע
(מאָסקווע)

א בריוו אין רעדאקציע פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד"

מײַנע פרײַנט, וואָס לייענען ייִדיש, האָבן איבערגעזעצט פאר מיר פון דער ניו־יאָרקער צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט" פארן 20־טן אָקטיאבער פאָריקס יאָר די רײַזע־נאָטיצן פון איינעם כאַים סולער, אן אמעריקאנער זשורנאליסט, וועלכער האָט באזוכט דעם סאָוועטנפארבאנד אלס טוריסט. סולער איז א געוועזענער קאָמוניסט, הײַנט האלט ער זיך בא נאַציאָנאליסטישע און אנטיסאָוועטישע אָנשויונגען. פארשטייט זיך, דאָס אליין וואָלט שוין געווען גענוג, איך זאָל ניט האָבן קיין צוטרוי צו דעם, וואָס עס שרײַבט סולער וועגן אונדזער לאנד. ס'איז אָבער פאראן, פונדעסטוועגן, א סיבע, פארוואָס כ'האָב באַשטימט אָנשרײַבן אָט דעם דאָזיקן בריוו אין רעדאקציע. עס ווײַזט זיך ארויס, אז סולער האָט אויסגענוצט זײַן טוריסטישע רײַזע אין סאָוועטנפארבאנד, קעדיי פארפירן א ניט ערלעכע שפּיל ארום מײַן ארטיקל „וועגן וו. סקורלאטאָווס בוך „ציִעניזם און אפארטעיִד", וואָס איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 7 פארן 1978 יאָר.

אין דאָזיקן ארטיקל, ווי עס געדענקען די לייענער, ווערן קריטיקירט א גאנצע ריי גרונט־האנאָכעס פון וו. סקורלאטאָווס בוך. ווי א געלערנטער, האָב איך אוועקגעשטעלט פאר זיך די אופגאבע צו באווײַזן די טעאָרעטישע ניט באגרינדעטקײַט פון די דאָזיקע האנאָכעס, וועלכע אנטשפּרעכן ניט, לויט מײַן מיינונג, דער מארקסיסטיש־לענינישער וויסנשאפט. כאַים סולערן אָבער האָט זיך געוואָלט, אז איך זאָל שרײַבן דאָס ארטיקל לויט זײַן פארשטאנד. באזונדערס אייפערזיכטיק האָט ער געזוכט אין טעקסט דאָס וואָרט „אנטיסעמיטיזם", אָן וועלכן, ווי ער מיינט, איך האָב זיך ניט געטאָרט באגיין. אין זײַנע רײַזע־נאָטיצן איז פאראן אזא אָרט. געפינענדיק זיך אין לענינגראד, האָט ער געשמועסט „מיט א ייִדישן אינטעלעקטואל", וועמענס נאָמען ער רופט ניט אָן, און יענער האָט אים געזאָגט, אז „ער קען זייער גוט קאָראָסטאָווצעוון; דער רוסישער געלערנטער איז א געוויסע צײַט געווען זײַן לערער". דער „ייִדישער אינטעלעקטואל" „האָט ניט אויסגעשלאָסן דעם געדאנק, אז אין „סאָוועטיש היימלאנד" האָט מען די ווערטער „אנטיסעמיטיזם" ארויסגענומען פון דער רעצענזיע".

איך וויל ניט ארײַנגיין אין די פּראָטים פון אָט דעם ביליקן בילבל. ס'ווילט זיך מיר בלויז באמערקן, אז דער מעטאָד, וועלכן ס'באנוצט אין אָט דעם פאל דער הער סולער, איז אין דער זשורנאליסטישער פּראקטיק אייגנטימלעך קליינקאליבערדיקע אינטריגאנען.

מ. א. קאָראָסטאָווצעוו,
ווירקלעכער מיטגליד
פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע
פון פססר.

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע

דער מאָלער וויקטאָר מידלער

אין דעקאַבער 1978 איז דער סאָוועטישער מאָלער און געזעלשאַפטלעכער טוער וויקטאָר מידלער אַלט געוואָרן 90 יאָר. דאָס איז אַן און פאַר זיך א מערק־ווירדיקע דערשײַנונג. א מענטש האָט אָפּגעלעבט אינעם באַוווּסטזיניקן עלטער אַלע יאָרן פֿונעם XX יאָרהונדערט און איז געווען ניט פּאָשעט אַן איידעס פֿון כראָנאָלאָגישע געשעענישן, וועלכע זײַנען פֿאָר־געקומען ארום אים, נאָר אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין זיי.

וו. מידלער פאַרהיט ביז הײַנטיקן טאָג זײַן פֿע־נאָמענאַלן זיקאָרן, ווי אויך דִי עמאָציאָנעלע אופאַ־סונג פון די וויכטיקסטע געשעענישן פון דער צײַט, ווען עס זײַנען באָטל געוואָרן אַלטע און געשאַפן געוואָרן נײַע פּרינציפּן און נאָרמעס אין דעם לעבן ביכלאַל און אין דער קונסט ביפּראַט.

פון די דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן זיך פאַרהיט אין זײַן פּערזענלעכן ארכיוו, אַנטשטייט פאַר אונדז דער גורל, וואָס איז אייגנטימלעך פאַר א מענטשן, וועמענס פּערזענלעכקײַט האָט זיך אויס־געפורעמט אפן ראַנד פון צוויי עפּאָכעס פון דער רוסישער געשיכטע.

אין 1917 איז מידלער אַלט געווען 29 יאָר, און די נײַע שטורמישע טקופע האָט פאַר אים, ווי פאַר דעם גאַנצן יונגן דאָר, געעפנט ברייטע שעפערישע פּערספּעקטיוון.

מידלער, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין א מישפּאָכע פון א ייִדישן שנײַדער אין דעם פּאָדאָליער שטעטל טאָמאַשפּאָל, ווערט א באַרימטער מאָלער, אַן אָנגעזעענער טוער אין געביט פון דער סאָוועטישער קולטור. אלס געהילף פונעם פאָלקס־קאָמיסאַר פון בילדונג א. וו. לונאַטשאַרסקי, האָט ער מיטגעהאָלפן אָרגאַניזירן די ארבעט פון די גובערניִאַלע, שטאָטי־שע און קרײַזישע סעקציעס פון דער מאָלערישער קונסט. ער האָט געשאַפן דעם אָפּטייל פון דער נײַער רוסישער מאָלערײַ אין דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי און איז געוואָרן זײַן אָנפירער. א מיטגליד פון דער ערשטער פאַרוואַלטונג פונעם פאַריין פון די מאָלער, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1932, באַטייליקט ער זיך אין דער טעטיקײַט פון אָט דעם קאָלעקטיוו האַנט בא האַנט מיט סאַריאַנען, גראַסימאָוון און אַנדערע באַרימטע מאָלער.

זײַן שעפעריש לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אין 1913, ווען ער האָט געענדיקט די אָדעסער קונסט־שול, איינע פון די פּראָגרעסיווסטע אַנשטאַלטן פון אָט דעם מין, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין יענער צײַט אין רוסלאַנד. אונטעריכט האָבן אין דער שול די באַרימטע קינסטלער קאָנסטאַנדי, לאַדיזשינסקי, איאָריני.

בלויז נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט דער מאָלער באַקומען א מעגלעכקײַט צו אַנטוויקלען זײַן טאַלאַנט. דער פאָלקס־קאָמיסאַר פון בילדונג א. וו. לו־נאַטשאַרסקי דעלעגירט אים קיין פּאַריזש, כּדי צו דערלערנען דאָרט דאָס מוזיי־וועזן, די הײַנטצײַטיקע קונסט, די שאַפונג פון רוסישע קינסטלער, וועלכע האָבן געאַרבעט דעמלט אין פראַנקרײַך.

אין פּאַריזש באַפרײַנדעט ער זיך מיט פּיקאַסאָ און קאַרביוזע, ער באַגעגנט זיך מיט בענואַ און מיט קאָראָווינען.

אין 1928 איז אין מאָסקווע עקספּאָנירט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון דער הײַנטצײַטיקער פראַנצויזישער קונסט. איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אויסשטעלונג איז וו. מידלער. דאָס איז גע־ווען דער ערשטער טראָט אין דער סטאַביליזירונג פון די קולטורעלע פאַרבינדונגען פון דער יונגער סאָוועטישער רעפּובליק מיט מײַרעוו־אייראָפּע.

„אַן אויסערסט וויכטיקע באַדײַטונג וועט האָבן די אויסשטעלונג פון די ווערק פון די פראַנצויזישע מײַסטערס, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן לויט דער קעגנזײַטיקער פאַרשטענדעניש צווישן דעם מי־ניסטעריום פון פאָלקס־בילדונג פון פראַנקרײַך און פונעם פאָלקאָמבילד פון רספסר... מיר וואַרטן אַף אײַערע קונסט־ווערק, טײַערע פרײַנט", — האָט גע־שריבן א. וו. לונאַטשאַרסקי אין דער פאָרעדע צום קאַטאַלאָג פון דער אויסשטעלונג.

ווי פאַר דער שאַפונג פון דער מערהײַט מיד־לערס מיטצײַטלער, איז אויך פאַר זײַן שאַפונג כאַ־ראַקטעריסטיש די פילאַרטיקײַט סײַ פון די זשאַנרען סײַ פון די טעכנישע מיטלען. מידלערס פּייזאַזשן, פּאָרטרעטן, סוזשעטישע קאָמפּאָזיציעס, פאַרקערפּער־טע אין דער אייל־מאָלערײַ, באַווײַזן, ווי ברייט עס איז זײַן אינטערעס צו פאַרשיידענע דערשײַנונגען פון דער ווירקלעכקײַט, ווי דורשטיק ער שטרעבט צו באַגרײַפן טיף און אַלזײַטיק דאָס לעבן.

וועגנדיק זיך צו די קינסטלערישע טראַדיציעס פון דער פראַנצויזישער שול, וועלכע האָט אַזוי מערקבאַר געווירקט אַף דער רוסישער קונסט אין אָנהייב פונעם XX יאָרהונדערט, נעמט פון איר מיד־לער דאָס, וואָס טראָגט מיט זיך מאַזשאָרע לעבנס־טענער.

פאַר אַלע ווערק פונעם קינסטלער איז כאַראַקטער־ריסטיש זייער דײַטלעכער אינערלעכער פאַרטראַכט, די מאָלערישע אומיטלבאַרקײַט פון דער קאָמפּאָזי־ציע. אַלע זײַנע בילדער זײַנען דורכגעדרונגען מיט לופט און זון. אָט די אייגנשאַפט זעט מען, אשטייגער, אינעם בילד „די פערעץ־גאַס אין מעדזשי־באָזש". אייגנאַרטיק, שאַרף און עקספּאַנסיוו זײַנען זײַנע ווערק „מאָנמאַרטר", יוליאַן טוווימס פּאָרטרעט. עס באַצויבערט זײַן אַקוואַרעל „דאָס דאָרף פּריסטאַ־נאָיע אַף דער וואָלגע".



מ. יאַבלאָנסקאַיאַ

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

צום 70־טן יאָרטאָג פון דער ייִדישער שפראך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ

די ייִדישע שפראך־קאָנפערענץ פונעם יאָר 1908 איז פאָרגעקומען אין יענע סאָציאַל־היסטאָרישע אומשטענדן, ווען 9 מיליאָן ייִדן אין דער וועלט האָבן גערעדט ייִדיש; ווען אין מיזרעך־אייראָפּע און אין דעם נײַעם ייִדישן ייִשעוו פון אמעריקע פלעגן דערשײַנען פיל ייִדישע ביכער און צײַטונגען; ווען יונגע ייִדישע שרײַבער, דיכטער האָבן געשאפן די מאָדערנע ייִדישע ליטעראטור, די רײַכע פראָגרעסיווע ליטעראַרישע ווערטן פונעם ייִדישן פאָלק.

אין שײַכעס מיט אָט דער קאָנפערענץ איז אויך וויכטיק אונטערצושטרײַכן די פאָליטישע לאגע, אין וועלכער די פאָרשטייער פון דער ייִדישער קולטור און ליטעראטור טרעטן צו אָפצושאצן און פעסטשטעלן די כשיוועס פון דער ייִדישער שפראך, איר לעבעדיקע פונקציע אין טאָגטעגלעכן לעבן פון די ברייטע ייִדישע פאָלקסמאסן.

אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט איז א גרויסער טייל פון דער ייִדישער יוגנט געווען טעטיק אפן געביט פון קאמף פאר וועלטלעכער בילדונג, פראָגרעס און סאָציאַלן יוישער. די ייִדישע שרײַבער, בעראָש מיט י.־ל. פערעצן, האָבן אין יענע יאָרן פארשטאנען, אז זייערע שאפונגען מוזן שטיין אין דינסט פון דער קעמפנדיקער פראָגרעסיווער יוגנט, געבן איר דעם נייטיקן ליטעראַריש־גײַסטיקן סטימול. א טייל לידער פון מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דאָוויד עדעלשטאט און שפעטער אווראָם רייזען און אנדערע ווערן געזונגען אף די גאסן פון ווארשע, לאָדזש און ווילנע. פערעצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן”, זײַן ליד „די דרײַ נייטערנס” ווערן אופגעכאפט פון ייִדישע יונגע ארבעטער, דרינגען ארײַן אין הארצן פונעם פאָלק און באגלייטן זיי אין זייער קאמף קעגן דער ייִדישער גוויראָקראַטיע.

אין אָט דער גײַסטיקער אטמאָספער קומען זיך צונויף אין טשערנאָוויץ, אין יאָר 1908, ייִדישע קולטור־טוער, שרײַבער, דיכטער, פובליציסטן, קעדיי צו געבן א באַרעכטיקטע אנערקענונג דער שפראך און דער קולטור, אין וועלכער די ברייטע ייִדישע פאָלקסמאסן האָבן זיך אויסגעלעבט גײַסטיק און געפונען אין איר דעם לעבעדיקן אויסדרוק פון זייערע פריידן און ליידן.

די ייִדישע שפראך־קאָנפערענץ האָט געהאט די אופגאבע צו פארפעסטיקן די סאָציאַלע פונקציע פון דער ייִדישער שפראך, איר פאָלקס־כאראקטער, און זי פארטיידיקן פון די אטאקעס פון א טייל העברעיִסטן, וועלכע האָבן ארויסגעוויזן א פײַנטלעכע שטעלונג לעגאבע ייִדיש.

אף דער ייִדישער גאס האָבן זיך אין יענע יאָרן, אפן סמאך פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער דיפערענציאציע, בוילעט אויסקריסטאליזירט צוויי אנטאגאָניסטישע קלאסן־פאָזיציעס, צוויי פאָליטישע און קולטורעלע לאגערן.

ייִדיש איז געשטאנען אף דער זײַט פון די ארבעטנדיקע און ברייטע פאָלקסמאסן. העברעיִש, די אזויגערופענע לאָשנקוידעש־שפראך, איז זיך געזעסן בא די נעגידישע טישן פון דער אופקומענדיקער ייִדישער בורזשואזיע און קלייקוידעש און געפריידיקט רעליגיעזע „כאָכמע”, קעדיי צו צוימען דעם וועג צו וועלטלעכקײַט. י.־ל. פערעץ, דער לעבעדיקער גײַסט בא אָט דער קאָנפערענץ, דער פאָלעמיקער פארטיידיקער פון ייִדישע קולטורעלע ווערטן האָט נאָך מיט 10 יאָר פריִער געזאָגט (אין זײַן ארטיקל „וואָס ווילן מיר”):

„מיר ווילן די אלגעמיין־מענטשלעכע פאָן ניט ארויסלאָזן פון דער האנט; מיר ווילן ניט זײַן קיין שאָוויניסטיש ווילדקרויט”.

פארשטייט זיך, אז מיט אזא פאָזיטיווער שטעלונג לעגאבע דער ייִדישער שפראך און קולטור האָבן די „קאָשערע” העברעיִסטן ניט געוואָלט אײַנשטימען. אויך אף דער קאָנפערענץ האָט זיך צעפלאקערט א שווערע דיסקוסיע: וועלכע דארף זײַן די אָפיציעלע שפראך פונעם ייִדישן פאָלק? צי דארף מען לערנען אין די שולן די קינדער אף ייִדיש, אָדער העברעיִש דארף זײַן די אונטעריכט־שפראך און ייִדיש דארף בלײַבן די דינסטמויד, דער „זשארגאָן פון די מאסן”, לויט די רייד פון די העברעיִסטן.

די אויבערהאנט האָבן גענומען די אָנהענגער פון ייִדיש, און די העברעיִסטישע מאסקילים זײַנען געבליבן אין דער מינדערהייט. ניט געקוקט אף דער קעגנערשאפט, איז מיט א גרויסער מערהײַט אָנגענומען געוואָרן די רעזאָליוציע, וואָס אנערקענט די ייִדישע שפראך אלס א נאציאָנאלע שפראך פונעם ייִדישן פאָלק.

די ייִסראָעלדיקע און ציִעניסטישע פירער און „קולטור־טוער” ווענדן זיך לעצטנס צו דער שפראך פון דער „דינסטמויד” און אָרגאניזירן קאָנפערענצן, „וועלט־ראטן”, אויסצובעסערן קלוימערשט די מאָראָכע פון ייִדיש. פאראן אין דעם אייניקע טײַמים: ערשטנס, ווילן זיי מיט דעם פארבעסערן זייער פרעסטיזש און באפרײַען זיך טיילווײַז פון דער איזאָליאציע אין דער וועלט. צווייטנס, האָבן זיי זיך

ארומגעזען, אז זייער קאמף קעגן ייִדיש, וואָס האָט דערפירט צום כורבן פון דער ייִדישער שול־נעץ אין א גאנצער ריי לענדער (ארגענטינע, בראזיל און אנד.) האָט ניט דערפירט צום אופהייבן די העברעיִשע שפראך, נאָר האָט נאָך מער פארשטארקט די אסימיליאציע. דריטנס, מיינען די ייִסראָעלדיקע הערשער אויסצובורייטערן זייער הערשאפט אף די ייִדישע האלב־ציִעניסטישע און פראָציִעניסטישע קרײַזן (ווי דער בונד, די „פאָרווערטס"־סוויווע און אנד.), קעדיי אָט די קרײַזן זאָלן זיך אידענטיפיצירן מיט זייער פאָליטיק, זי שטיצן און דעריקער — העלפן מיט געלט.

ס'איז אָבער ניט וויכטיק, אף וואָס פאר א שפראך זיי ריידן. ריידן זיי ייִדיש אָדער העברעיִש, אלציינס וועט דאָס ניט ענדערן זייערע געדאנקען, זייערע מײַסים אלס פאָרשטייער פון א קלאס, וועלכער לעבט אפן כעזשבן פון די ארבעטנדיקע און פאָלקסמאסן.

די אָרגאניזאטאָרן פון דער שפראך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ האָבן געזען אין דער ייִדישער שפראך, אין דער פאָלקסטימלעכער ייִדישער קולטור אן אינסטרומענט פון דערציִען די פאָלקסמאסן אין גײַסט פון פראָגרעסיווע אידייען און אָנשויונגען, פון מאָביליזירן זיי אין קאמף פאר סאָציִאלער גערעכטיקײַט. אונדזערע הײַנטיקע העברעיִשע ציִעניסטישע „ייִדישיסטן" ווילן מיט ייִדיש, מיט זייערע ייִדישע זשורנאלן פאָרזעצן צו פארשפרייטן זייער שאָוויניסטיש פינצטערניש, פארטומלען די מויכעס פון ייִדן אין דער וועלט מיט אנטיסאָוועטישע העצערײַען, מיטן ווילדן געשריי: „ראטעוועט... די ייִדן פון ראטנפארבאנד!". און דאָס הייסט בא זיי ייִדישע קולטור!

נאָך היינריך היינע האָט געזאָגט זײַנערצייט: „איך ציטער, ווען שלאנגען שיפּען וועגן ליבע און ווען וועלף ברומען וועגן פרײַהײַט".

ש. בוים („דער וועג", טעל־אוויוו)

איבערוף פון ציטן

„טריבונא לודו", אָרגאן פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער פוילישער פאַרייניקטער ארבעטער־פארטיי, האָט פארעפנטלעכט די פאָלגנדיקע נאָטיץ:

דאָס ייִנגעלע פון דער פאָטאָגראפיע לעבט!

ווער ווייסט ניט דאָס דאָזיקע אופשוידערנדיק בילד, וואָס איז זײַנערצײַט פארעפנטלעכט געוואָרן אין דער פרעסע פון דער גאנצער וועלט און ווערט נאָך ביז איצט רעפּראָדוצירט, באווײַזנדיק דער מענטשהײַט די גרוילקײַט פונעם אומקום פון ווארשעווער געטאָ?

אין פאָדערגרונט, אפן פאָן פונעם האמוין מענטשן, וועלכע ווערן געשטופּט מיט די באגנעטן פון די היטלעריסטישע הענקער, זעען מיר א קליין ייִנגעלע מיט אופגעהויבענע הענטלעך. עס איז קימאט געווען זיכער, אז דער גוירל פונעם ייִנגעלע איז געווען דער זעלבער, ווי פון דער גאנצער ייִדישער באפעלקערונג. ווי עס האָט זיך אָבער איצט ארויסגעוויזן, האָט דעם ייִנגעלע דאָך זיך אײַנגעגעבן צו ראטעווען זיך. ער וווינט אין לאָנדאָן. איצט איז ער שוין אלט 43 יאָר. ער איז אן אינדוסטריִעלער, א טאטע פון פיר קינדער.

דער דאָזיקער מאן האָט, באוואָרענענדיק זיך דאָס רעכט ניט צו אנטפּלעקן זײַן פאמיליע־נאָמען, געזאָגט די פאָרשטייער פון „טריבונא לודו", וועלכע האָבן אָנגעטראָפן אף זײַנע שפּורן, אז זײַן מאמען האָט זיך צוזאמען מיט אים אײַנגעגעבן צו אנטלויפן פונעם טראנספּאָרט, און אין מעשעך פון א סאך

כאדאָשים האָבן זיי זיך אויסבאהאלטן אין די פארטיזאנישע וועלדער. דערנאָך האָט זיך זיי ביידן איַינגעגעבן צו דערקליַיבן זיך קיין ראטנפארבאנד, ווו זיי האָבן אדאנק דער הילף פון די סאָוועטישע מאכט־אָרגאנען אָפּגעפונען דעם מאן און פאָטער. דאָס שטארק קראנקע אַף טיפוס און אויסגעצערט ייִנגעלע, וועלכן עס האָט אין שיַיכעס דערמיט אויך געדראָעט צו פארלירן די ריִע, איז א לענגערע ציַיט געהיילט געוואָרן אין שפּיטאָל, ווו די סאָוועטישע דאָקטוירים האָבן אים געראטעוועט דאָס לעבן.

נאָך דער מילכאָמע איז די מישפּאָכע רעפּאטריִירט געוואָרן קיין פּוילן, און דערנאָך זיַינען זיי ארויסגעפאָרן צו קרויווים קיין לאָנדאָן.

אין שיַיכעס מיט דער דאָזיקער נאָטיץ האָט די טעל־אוויווער ציַיטונג „לעצטע ניַיעס" מיטגעטיילט:

„דאָס ייִנגעלע פון ווארשעווער געטאָ מיט די אופגעהויבענע הענט איז געווען דער זון פון מיַין שוועסטער", — **דערקלערט אן איַינוווינערן פון ייִסראָעל.**

דער ייִדישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין ווארשע האָט באקומען א בריוו פון דער פרוי יאדוויגא פּיאסעצקא. זי האָט געשריבן:

„דערמיט דערקלער איך, אז דאָס ייִנגעלע, וואָס ווערט געוויזן אַף דעם בארימטן בילד, וועלכן די דיַיטשן האָבן געמאכט אין ווארשעווער געטאָ, איז ארטור סעמיאנטעק, דער זון פון לעאָן און סאָרע דאמב. דאָס ייִנגעלע איז געבוירן געוואָרן אין לאָוויטש אין 1935. דאָס פאָטאָגראפיש בילד איז ביַיגעלייגט געוואָרן צום באריכט פון דעם עס־עס־גענעראל יורגען סטראָאָפּ, אין וועלכן עס ווערט געשילדערט די אקציע פון ליקווידירן די קעמפנדיקע געטאָ אין ווארשע".

סאָפיע בנימיני, א מומע פון דעם ייִנגעלע ארטור סעמיאנטעק, האָט אין א געשפּרעך מיט א ציַיטונגס־פאָרשטייער געזאָגט, אז דאָס ייִנגעלע מיט די אופגעהויבענע הענט, וואָס איז פאָרגעשטעלט אפן בילד, איז דער זון פון איר שוועסטער סעמיאנטעק.

„דאָס ייִנגעלע, — האָט געזאָגט די פרוי, — איז פאָטאָגראפירט געוואָרן אין כוידעש יאנוואר אָדער פעווראל אין יאָר 1943, ווען ער איז אלט געווען 8 אָדער 9 יאָר. מיר זיַינען דעמלט אלע געווען אין ווארשעווער געטאָ. איך בין געראטעוועט געוואָרן אדאנק דעם, וואָס כ'בין אנטלאָפן אַף דער פּוילישער זיַיט.

דער פאָטער פון דעם ייִנגעלע, לעאָן, איז געווען פון סאָכאטשעוו. דאָס ייִנגעלע האָט נאָך געהאט א פּיריאָריק שוועסטערל. אלע זיַינען דערהארגעט געוואָרן".

נאָך דער מילכאָמע איז דאָס בילד פארעפנטלעכט געוואָרן אין א דיַיטשישער ציַיטונג, און פרוי בנימיני האָט דערקענט איר פּלעמעניק.

„איך האָב אָבער וועגן דעם קיינעם ניט דערציילט, — האָט זי דערקלערט, — וויַיל דער גאנצער איניען טוט זייער וויי. איך וווּנדער זיך, וואָס מיַין מומע, יאדוויגא פּיאסעצקא פון ווארשע, האָט וועגן דעם ערשט איצט דערציילט".

אָפּקלאַנגען

קאָרבאָנעס זאָלן ברענגען אנדערע, ניט די מיניסטאָרן

א סוב־קאָמיסיע פון דער פינאנץ־קאָמיסיע פון דער קנעסעט האָט באשלאָסן צו העכערן דאָס געהאלט פונעם פּרעמיער, פון די מיניסטאָרן און פון די ריכטער אן ערעך אַף 78 פּראָצענט.

וויִאזוי וועט איצט די ייִסראָעל־רעגירונג קאָנען פריידיקן פאר די ארבעטנדיקע, אז מע דארף נעמען אין אכט די שוועריקיַיטן פון דער מעדינע, מע דארף פארציִען דעם פּאסיק? וויִאזוי וועט מען קאָנען רופן די ארבעטנדיקע איַינצוגיין אַף קאָרבאָנעס, בייס פאר זיך אליין נעמט מען פעטע העכערונגען?

„די ענד־לייזונג" פונעם ראָוו קאהאנע

אונטערן דאָזיקן טיטל האָט די טעלעוויזיע־איבערזיכטלערן פון דער ציַיטונג „האארעץ" האדא בושס פארעפנטלעכט א באריכט וועגן אן אינטערוויו, וואָס די ייִסראָעל־טעלעוויזיע האָט גענומען בא דעם טרויעריק באקאנטן ראָוו מייער קאהאנע.

וואָס מע דערוויסט זיך ניט פון דעם דאָזיקן אינטערוויו! איר מעגט עס הערן, וויַיל וויפל איר קענט שוין דעם דאָזיקן „ראָוו", קענט איר אים נאָך, זיכער, ניט גענוג.

בעקיצער, קאהאנע האָט קוידעמקאָל „מיטן גאנצן ערנסט דערקלערט, אז מע דארף פאָטער ווערן וואָס פריִער פון די אראבישע איַינוווינער פון ייִסראָעל,

און צוליב דעם צוועק איז דרינגענדיק נייטיק זיי אַרײַנזעצן אין לאַסט־אויטאָס און אוועקשיקן אַף יענער זײַט גרענעץ אין אַן אַראַביש לאַנד, לעמאָשל, קיין ליוואַן".

דאָס איז איינס אוועק. און איצט הערט ווײַטער:

ווען דער אינטערוויוער, יאַקאָוו אַגמאָן, „האָט דעם כאָשעוון ראָוו פאָרגעשלאָגן, מע זאָל די אַראַבער טראַנספּאָרטירן מיט דער אײַזנבאַן, קעדיי פאַרגיכערן די אַקציע", האָט דער ראָוו, „אין זײַן אייפער צו ראַטעווען דאָס פאָלק ייִסראָעל, זיך ניט געכאַפּט אַפן גראָבן רעמעז", און ער איז מאַסקים געווען. וואָרעם די ענד־לייזונג פונעם ראָוו קאַהאַנע, זאָגט די טעלעוויזיע־איבערזיכטלערן, איז אַ קורצע און שאַרפע, און אויב אַפילע זי איז ניט קיין עלעגאַנטע, וועט אַזאַ מענטש, ווי ער, זיך ניט אָפּהאַלטן צוליב אַזעלכע קליינִיקײַטן".

נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלץ.

„ווען יאַקאָוו אַגמאָן, וואָס פירט דעם אינטערוויו מיט זעלטענער העפלעכקײַט און קאַלטבלוטיקײַט, פרעגט אים (דעם ראָוו) אַף אַ טאַמעוואַטן אופן, וואָס וועט זײַן, אויב צווישן די אַראַבישע אײַנוווינער וועלן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן זיך אָפּזאָגן צו פאַרלאָזן זייער הויז און זייער ערד און זיך זעצן אין די לאַסט־אויטאָס און באַנען, וואָס דער ראָוו קאַהאַנע באַשטימט פאַר זיי מיט גרויס ברייטהאַרציקײַט, — וואַקלט ער זיך ניט קיין מינוט און שלאָגט פאָר צו באַנוצן קויעך".

וואָרעם דער ראָוו קאַהאַנע „ווייסט, וויאַזוי מע דאַרף לייזן איין מאָל פאַר אַלע מאָל די פּראָבלעמען..."; ער איז קעגן „אומווירקזאַמקײַט און פּאַכדאָנעס" אַפן דאָזיקן געביט, און ער גיט צו „מיט גרויס באַשיידנקײַט", אַז „ער איז ניט דער איינציקער צאַדיק אין סדאָם" און אַז „עס זײַנען פאַראַן פיל צאַדיקים, וואָס זײַנען מאַסקים מיט אים און גלייבן אויך אין דער ענדל־לייזונג, וואָס ער צייכנט אָן מיט אַלגעמיינע שטריכן"...

וואָס שײַעך די יעניקע, וואָס „דאָס גערויש פון די לאַסט־אויטאָס און באַנען, אָנגעלאָדענע מיט מענטשן, איז אָלול צו דריקן אַף זייער ייִדישן געוויסן", האָט ער פאַר זיי בלויז פאַראַכטונג, אָבער ער האָפט נאָך צו קאָנען איבערצײַגן פיל פון זיי, און דעריבער איז ער ניט איבערקלײַבעריש און נוצט אויס די געלעגנהײַט פון אַן אינטערוויו אין דער טעלעוויזיע...

אַזאַ איז געווען דער אינטערוויו פון אָט דעם ראַסיסטישן ראָוו־טעראָריסט, וואָס איז גרייט אַף אַלץ, אַבי פּאָטער ווערן פון די אַראַבישע אײַנוווינער. דאָס איז אַן „אופשוידערנדיקע אַרויסטרעטונג", — זאָגט די טעלעוויזיע־איבערזיכטלערן. עס לאָזט זי ניט רוען אַזאַ פראַגע: פאַרוואָס האָט מען דערלאָזט צו אָט דעם אינטערוויו אין דער טעלעוויזיע? פאַרוואָס האָט מען געהאַט אָנגענומען סאַנקציעס קעגן איינעם אַ ספּיקער איבער אַן אינטערוויו מיט אורי דייוויס (דעם פּאַציפיסט), „וועלכער האָט אויסגעדריקט עקסטרעמיסטישע מיינונגען" און גאָרנישט האָט מען ניט געטאָן אין צוזאַמענהאַנג מיט אַזאַ „אופשוידערנדיקער אַרויסטרעטונג", ווי פונעם ראָוו קאַהאַנע?

(„נײַע פּרעסע", פּאַריזש)

די צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ קולטוראַ" וועגן דעם סקולפּטאָר יויסעף טשײַקאָוו

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 80־טן געבורטסטאָג פון יויסעף טשײַקאָוון האָט די צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ קולטוראַ" אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פונעם ווירקלעכן מיטגליד פון דער קונסט־אַקאַדעמיע פּראָפ. מ. אַלפּאַטאָוו, געווידמעט דער שאַפונג פונעם יובילאַר.

„יעדער אויפמערקזאַמער באַזוכער פון דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי, — שרײַבט צווישן אַנדערס דער אַקאַדעמיקער, — געדענקט, פאַרשטייט זיך, אַז אינעם סעדל בײַ איר אַרײַנגאַנג שטייט טשײַקאָווס בראָנזענע גרופּע „פוטבאָליסטן". אין דער פאָרשטעלונג פון אַ סאַך מענטשן ווערט זי אויפגענומען אַלס אַן אומבאַדינגטער באַשטאַנדטייל פון דער גרעסטער שאַצקאַמער פון דער רוסישער און סאָוועטישער קונסט. די גרופּע „פוטבאָליסטן" האָט טשײַקאָוו געשאַפן קימאַט מיט פופציק יאָר צוריק, אין סאָף פונעם ערשטן נאָכרעוואָליוציאָנערן יאָרצענדליק, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער קינסטלער. די געשטאַלטן פון די יונגע ספּאָרטסמענער האָבן אין יענער צײַט געהאַט אַ סימבאָלישע באַדײַטונג. זייער יוגנט האָט אָנטשפּרעכט דער יוגנט פון דער סאָוועטישער רעפּובליק. זייער ענערגיע איז אויפגענומען געוואָרן ווי די ענערגיע פון די בויער פונעם נײַעם לעבן. טשײַקאָווס גרופּע האָט אַ באַשטימטע היסטאָרישע באַדײַטונג — דאָס איז אַ דענקמאָל פון דער עפּאָכע".

מ. אַלפּאַטאָוו אַנאַליזירט דעם שעפערישן וועג פונעם באַרימטן קינסטלער, דערציילט וועגן זײַנע ערשטע ווערק, אָנהייבנדיק פונעם דענקמאָל קאַרל מאַרקסן אין קיִעוו און פון דעם „אָקטיאַבער־טורעם". פאַרשיידנאַרטיק איז די טעמאַטיק פון טשײַקאָווס ווײַטערדיקער שאַפונג. באַזונדערס טיילן זיך אויס די סקולפּטורן „דער טרומייטער", „דער געלערנטער", „די שלאַכטן אַף דער רויטער פּרעסניע", „וואָלייבאָל".

„שוין אַ סאַך יאָרן וווין איך אין איין הויז מיט טשײַקאָוון אַף דער בעגאָוואַיאַ־גאַס, — שרײַבט צום שלוס מ. אַלפּאַטאָוו. — איך האָב די מעגלעכקײַט צו זען, ווי ער גייט אַרויס פון דעם הויז און לאָזט זיך אוועק צו זיך אין אַטעליע אַף מאַסלאָווקע, ווי ער שפּאַצירט אין די אָוונטן, ווי עס באַגריסן אים זײַנע כאַווײרים און שילער, ווי קינדער קוקן פאַרגאַפט אַפן „דיעד מאָראָז" מיט דער גרויער לאַנגער באָרד און רויטע באַקן. אין לעבן איז טשײַקאָוו זייער אַ פּראָסטער, באַשיידענער מענטש. אָבער ווען דו טוסט

א טראַכט וועגן דעם, וואָס עס האָט אויפגעטאָן אָט דער מענטש, דערזעסטו בולעט, אַז אין דער צוקונפט וועט זייַן געשטאַלט אַרייַן אין דער געשיכטע אין א מער דערהויבענעם קאָנטעקסט. טשייַקאָווס אָרט איז אין דער פּלעיאַדע פון די סאַמע גרעסטע סאָוועטישע קינסטלער".

ווי באַוווּסט, האָט יוסף טשייַקאָוו א גרויסן כיילעק אין דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער יידישער קונסט. נאָך אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט איז ער א מיטאַרבעטער פון דער קיִעווער „קולטור־ליגע", אים געהערט די קינסטלערישע אויספאָרמירונג פון א ריי ווערק פון יידישע שרייַבער, די סקולפּטורן פון פיל טוער פון דער יידישער קולטור. זינט עס גייט אַרויס דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז יוסף טשייַקאָוו אונדזער אַקטיווער מיטאַרבעטער און פרייַנט. דער זשורנאַל האָט ניט איין מאָל פּובליקירט י. טשייַקאָווס ווערק.

אָפּמערקנדיק יוסף טשייַקאָווס 80־טן געבורטסטאָג, ווינטשן מיר דעם אָנגעזעענעם קינסטלער געזונט, אַריכאס־יאָמים און נייַע שעפערישע דערפאָלגן.

בראַק

א פרייַנט פונעם סאָוועטישן פאָלק

די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכקייַט פון ענגלאַנד האָט פייַערלעך אָפּגעמערקט דעם 80־טן געבורטסטאָג פונעם פּאָרזיצער פון דער לאָנדאָנער מעמאָריאַלער ביבליאָטעק פון קאַרל מאַרקס, פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט פון ענגליש־סאָוועטישער פרייַנטשאַפט ענדריו ראָטשטיין.

דעם באַל־יוביל האָט צוגעשיקט א באַגריסונג דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אין דער באַגריסונג ווערט געזאָגט, אַז אין אונדזער לאַנד קען מען ע. ראָטשטייַנען אַלס אן אומדערמידלעכן קעמפער פאַר די לעבנס־אינטערעסן פונעם ענגלישן אַרבעטער־קלאַס, א קאָנסעקווענטן מאַרקסיסט־לעניניסט, וואָס שענקט אַלע זייַנע קויכעס דער פאַרשפּרייטונג פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם, א טרייַען פרייַנט פונעם סאָוועטישן פאָלק.

אין די יונגע יאָרן איז ענדריו ראָטשטיין געווען אן אָנטיילנעמער פון דער באַוועגונג „די הענט אַוועק פון רוסלאַנד!" שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין דער געזעלשאַפט „פרייַנט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד", געווען דער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט פון טאַסס. אין 1961, ווען עס האָט אָנגעהויבן דערשייַנען „סאָוועטיש היימלאַנד", איז ענדריו ראָטשטיין געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבן באַגריסט דעם זשורנאַל. ביז איצט האַלט ער אונטער קאָנטאַקטן מיט דער רעדאַקציע.

אַרויסטרעטנדיק אויפן יובילייאָוונט מיט אן ענטפער אויף די באַגריסונגען, האָט ענדריו ראָטשטיין געזאָגט:

— פאַר אונדז, פאַר די פרייַנט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, שטייען וויכטיקע אויפגאַבן. מיר דאַרפן אויך אויף ווייַטער שטאַרקן מיט אַלע מעגלעכקייַטן די פרייַנטשאַפט צווישן די פעלקער פון גרויסבריטאַניע און סאָוועטנפאַרבאַנד. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט טאָר מען ניט אָפּוואַרפן דעם קאַמף קעגן די צעיושעטע אַנטיסאָוועטישע רעכילעס־קאַמפּאַניעס, וועלכע פאַרסאַמען די אַטמאָספער.

■ ■ ■

מייער ווילנער
גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל

די פּאָליטישע קויכעס־פּאַרהעלטענישן אין ייִסראָעל

די ציִוניסטישע פּאַרטייען, די פּרעסע און ראַדיאָ אין ייִסראָעל פירן אן אומופהערלעכע פּראָפּאַגאַנדע פון שאָוויניזם, פון סינע צו די אַראַבער. זיי שטעלן זיך אַ ציל אויסצוואָרצלען בײַ די אַרבעטנדיקע יעטווידן סימען פון קלאַסן־באַוווּסטזײַן. אונטערן צודעק פון די לאָזונגען „באַשיצן די זיכערהײַט״ פון ייִסראָעל און די „היסטאָרישע רעכט פונעם ייִדישן פאָלק״ שמועסט מען אײַן דער ייִדישער באַפעלקערונג, אַז זי מוז אײַנגיין אַף די מאַנגלען און קאָרבאָנעס, וועלכע עס פאָדערט די פּאָליטיק פון טעריטאָריעלער עקספּאַנסיע און מילכאָמע־אַוואַנטורעס, די פּאָליטיק, וואָס די רעגירנדיקע קרײַזן פון לאַנד פירן אין די אינטערעסן פונעם אָרטיקן און אויסלענדישן קאַפּיטאַל. אין דער קאָמפּליצירטער סיטואַציע, וועלכע איז נאָך טיפער געוואָרן דערמיט, וואָס צו דער מאַכט איז געקומען די עקסטרעמיסטישע „ליקוד״־גרופּירונג, קעמפט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל אומדערמידלעך פאַר ענדערן די פּאָליטישע קויכעס־פּאַרהעלטענישן אין לאַנד, צוציִען די ברייטסטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג צו אַקטיווער טעטיקײַט לטעטוווּעס אַ יושערדיקן שאָלעם אַפן נאָענטן מיזרעך.

באַם אַנאַליזירן די איצטיקע פּאָליטישע סיטואַציע אין ייִסראָעל און די פּערספּעקטיוון פון איר אַנטוויקלונג איז נייטיק צו האַלטן זיך באַם טעזיס, אַז די פּראָבלעמען פונעם לאַנד, ווי פונעם גאַנצן נאָענטן מיזרעך, זײַנען ענג פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער לאַגע אין דער וועלט; מיט דער עקזיסטענץ פון צוויי געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען — אַ סאָציִאַליסטישע און אַ קאַפּיטאַליסטישע; מיט די געענדערטע קויכעס־פּאַרהעלטענישן לטעטוווּעס דעם סאָציִאַליזם; מיטן פּרעצעדענטלאָזן קריזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיק. דאָס אַלץ ווירקט אַף דער קויכעס־פּאַרהעלטעניש און אַף דער אַנטוויקלונג פון דער סיטואַציע אינעם רעגיאָן און אינעם לאַנד.

דעריבער דאַרפן מיר באַם אַנאַליזירן די מעגלעכע פּאָליטישע פאָרשריטן האַלטן זיך בײַ די געזעצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, דערבײַ נעמען אין אַכט, אַז עס קאָנען אופקומען צוגאָבלעכע פאַקטאָרן, וועלכע זײַנען גינסטיק פאַר די קרעפטן פון שאָלעם, נאַציִאָנאַלער באַפרײַונג און סאָציִאַליזם. דאָס באַטײַט ניט, אַז די ענדערונגען, אַף וועלכע מע ריכט זיך אין ייִסראָעל, וועלן פאָרקומען בלויז אין רעזולטאַט פון געשעענישן אַף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע אָדער אינעם רעגיאָן. זייער וויכטיק איז דער אינערלעכער קאַמף, וועלכער קאָן בעפיירעש ברענגען צו אַן ענדערונג פון די קויכעס־פּאַרהעלטענישן אין לאַנד.

מעדינאַס־ייִסראָעל איז געבוירן געוואָרן אין ספּעציפישע היסטאָרישע באַדינגונגען, און אויב מע נעמט זיי ניט אין אכט, איז שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס עס האָט זיך איצט געשאַפן אין לאַנד גראָד אַזאַ לאַגע, אַזאַ פאַרהעלטעניש פון די פּאָליטישע קויכעס און ניט קיין אַנדערע. די פּאָליטישע קויכעס, וועלכע שטייען בײַ דער מאַכט, זינט די מעלוכע איז אויסגעבילדעט געוואָרן, שטיצן זיך אַף דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, אַפן בונד מיט די אימפּעריִאַליסטישע מעלוכעס. פון דעם שטאַנדפּונקט איז ניטאָ קיין וועזנטלעכער כילעק צווישן די בורזשואַזע פּאַרטייען און די ציִעניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען.

די ציִעניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע זײַנען אין מעשעך פון 29 יאָר — ביז יון 1977 — געווען די הויפּט־קראַפט אין דער רעגירונג און גאַנץ אָפט געהאַט אַן איבערוועגנדיקע מערהײַט אין דער קנעסעט, האָבן קיינמאָל ניט געקליבן זיך צו ענדערן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג אַף אַ סאָציִאַליסטישער. די אידיי פון נאַציִאָנאַלער אייניקונג מיט דער בורזשואַזיע אַפן יעסאָד פון דער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פונעם ציִעניזם און פונעם פאַרייניקטן אַנטי־אַראַבישן פראָנט — דאָס איז דער איקער פון אַלע איקרים אין דער פּאָליטיק ניט בלויז פון די בורזשואַזע, נאָר אויך פון די ציִעניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע זײַנען געווען און פאַרבלײַבן אין טאָך רעפאָרמיסטישע, ציִעניסטישע. זייער פּאָזיציע איז פּראַקטיש קיינמאָל ניט געווען קיין קלאַסן־פּאָזיציע, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם לענינישן קריטערי אינעם געגנויעם קעגנשטעלן די אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע. קיין איינע פון די ציִעניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָט זיך ניט געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו דערשלאָגן זיך די איינהײַט פון ייִדישע און אַראַבישע אַרבעטער קעגן דעם אויסלענדישן אימפּעריִאַליזם, קעגן די עקספּלואַטאָרן, קעגן די ייִדישע און אַראַבישע רעאַקציִאָנערן. ווען די ציִעניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען זאָגן „מיר ייִדן", וואַרפן זיי אָפּ די קלאַסן־אָנגעהעריקײַט און די פּאָליטישע אָנשויונגען, זיי שיידן ניט אונטער רײַכע פון אָרעמע, עקספּלואַטאָרן פון עקספּלואַטירטע, סאָציִאַליסטן פון אַנטיסאָציִאַליסטן. דער איקער איז, וואָס פון איין זײַט שטייען ייִדן, פון דער צווייטער — אַראַבער.

אַף דער באַזע פון שאָוויניזם

די אָריענטאַציע אַף די אימפּעריִאַליסטישע מעלוכעס איז געווען און פאַרבלײַבט די גענעראַלע ליניע פון דער אָפיציִעלער ציִעניסטישער פּאָליטיק אין ייִסראָעל. נאָך דער אויסבילדונג פון דער מעלוכע איז אָנשטאָט דער ענגער מיטאַרבעט מיטן בריטישן אימפּעריִאַליזם געקומען די ענגע מיטאַרבעט מיטן אַמעריקאַנער אימפּעריִאַליזם. די אָפיציִעלע ייִסראָעל־פּאָליטיק האָט ניט געפּרוווט און פּרוווט ניט מאַכן קיין איין טראָט, וואָס זאָל אַריבערטרעטן די גרענעצן פון אָפּהענגיקײַט און אונטערגעאָרדנטקײַט דעם אימפּעריִאַליזם. דאָס איז אין העסקעם מיט דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש מיט איר סינע צום סאָציִאַליזם, מיט איר אַנטיקאָמוניזם און אַנטיסאָוועטיזם. די ציִעניסטישע פּאָליטיק, וואָס איז די הערשנדיקע אין ייִסראָעל, איז אַ בורזשואַזע קאָלאָניִאַליסטישע קלאַסן־פּאָליטיק, וועלכע שליסט זיך צונויף מיט דער גלאָבאַלער פּאָליטיק פונעם אימפּעריִאַליזם קעגן די קרעפטן פון סאָציִאַליזם און נאַציִאָנאַלער באַפרײַונג.

דאָס באַטײַט אָבער ניט, אַז די אַרבעטנדיקע, די יוגנט, די אינטעליגענץ, די פאָרשטייער פון אַנדערע שיכטן פון דער ייִסראָעל־באַפעלקערונג, וועלכע ווײַזן אַרויס אונטערשטיצונג דער פּאָליטיק פון די ציִעניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען, באַגרײַפן, אַז די אידעאָלאָגיע און די פּראַקטיק פונעם ציִעניזם ווידערשפּרעכן די אידייען פונעם סאָציִאַליזם, פון פאַרברידערטקײַט צווישן די פעלקער און פון נאַציִאָנאַלער באַפרײַונג. אַנדערש איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין, וויִאַזוי קאָנען די אַרבעטער, די אײַנוווינער פון די קיבוצים, די אינטעליגענץ, די יוגנט, וועלכע מעלדן בעקויל ראָם, אַז זייערע אידייען זײַנען סאָציִאַליסטישע, מאַסקים זײַן מיטן באַרבאַרישן באָמבירן די פּליטים־לאַגערן אין ליבאַן אָדער מיטן בויען ייִשווים אַף די אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס, אויך אַף דער ערד, וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרן בײַ די פעלאַכן פון ייִסראָעל (געמיינט די אַראַבער, וועלכע וווינען אַף דער טעריטאָריע פון ייִסראָעל. — רעד.).

אין די ייִסראָעל־באַדינגונגען איז דער ציִעניסטישער נאַציִאָנאַליזם מיט זײַן אַנטי־אַראַבישער און אַנטיסאָוועטישער צילגעוועגדטקײַט די הויפּט־שטערונג אַפן וועג צו פאָרמירן דעם קלאַסן־באַוווסטזײַן, צו אַנטי־אימפּעריִאַליסטישע שטימונגען.

אַפן XVIII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל האָבן מיר אָפּגעמערקט, אַז די מילכאָמע, וועלכע ייִסראָעל פירט שוין אין מעשעך פון דרײַ צענדליק יאָר, די אָקופּאַציע פון די אַראַבישע טעריטאָריעס און דאָס אָנהאַלטן דעם מילכאָמע־צושטאַנד מיט די אַראַבישע לענדער זײַנען אַ שטערונג ניט בלויז אין דערלייזן די זיכערהײַט־פּראָבלעמען פונעם לאַנד, נאָר אויך פיל סאָציִאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, און

אַז די אָפּוועזנהייט פון שאַלעם טאַרמאַזירט די אַנטוויקלונג פונעם קלאַסן־באַוווּסטזיין פון די אַרבעטער, שטערט דעם פאָלק צו פאַרשטיין די געפאַר פון דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק. באַם אַנאַלאַזירן די פּאָליטישע סיטואַציע אין ייִסראָעל מוז מען נעמען אין אַכט אויך די ענדערונגען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער און אַראַבישער באַפעלקערונג. דער דאָזיקער אונטערשייד ווערט דערקלערט מיט היסטאָרישע סיבעס.

די אַראַבישע באַפעלקערונג פון לאַנד, וועלכע ציילט אַ האַלבן מיליאָן מענטשן, באַשטייט שוין הײַנט ניט בלויז פון פּויערים, ווי דאָס איז געווען ערעוו דער אויסבילדונג פון מעדינאַס־ייִסראָעל. די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג באַשטייט פון מענטשן, וועלכע זײַנען באַשעפטיקט מיט לוין־אַרבעט, אײַנגעשלאָסן די אינטעליגענץ. אין רעזולטאַט פון אַזעלכע ענדערונגען איז העכער געוואָרן זייער קלאַסן־ און פּאָליטישער זעלבסטבאַוווּסטזײַן.

דער פאַקט, וואָס בא דער אַראַבישער באַפעלקערונג איז ניט געווען קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי — ניט ביז דער אויסבילדונג פון מעדינאַס־ייִסראָעל, ניט נאָכדעם, האָט אין פיל הינזיכטן באַשטימט די אויספורעמונג פון איר פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז בא די אַראַבער אין לאַנד שטענדיק געווען די איינציקע פּאַרטיי פון די אַרבעטער און פּויערים.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג זײַנען פאַראַן, פון איין זײַט, רעכטע נאַציאָנאַליסטישע קרײַזן, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיטן אימפּעריאַליזם, מיט דער אַמעריקאַנער צענטראַלער אויסשפּיר־פאַרוואַלטונג, מיט די מאַכט־אָרגאַנען און מיט די ציוניסטישע פּאַרטייען, פון דער צווייטער זײַט — לינקאַטשישע נאַציאָנאַליסטישע קרײַזן, וועלכע שטרעבן צו אָפּווירקן אין גרונט אויף דער יוגנט, אויף די סטודענטן און אויף דער אינטעליגענץ. סײַ די ערשטע, סײַ די צווייטע פאַרשאַפן אַן ערנסטן שאָדן די אינטערעסן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין ייִסראָעל און פון דעם גאַנצן פּאַלעסטינער פאָלק.

פונדעסטוועגן האָט די פּאָליטישע אַטמאָספער בא דער אַראַבישער באַפעלקערונג אינגאַנצן געוונען אַ פּאָזיטיוון אײַנפלוס אויף דער אַלגעמיינער פּאָליטישער סיטואַציע, אויף די קויכעס־פאַרהעלטענישן אין ייִסראָעל, זי פאַרשטאַרקט די פּראָגרעסיווע טענדענצן אין לאַנד.

ווען מע רעדט וועגן דער ייִדישער באַפעלקערונג פון ייִסראָעל, דאַרף מען אָפּמערקן, אַז נאָך קיינמאָל ביז איצט האָבן די פּאָליטישע

האַנדלונגען פונעם ייִדישן מיטלבירגער ניט געטראָגן אַזאַ עקסטרעם־רעכטן כאַראַקטער, ווי הײַנט. אויך אין דער פאַרגאַנגענהייט איז דער ייִדישער מיטלבירגער אין לאַנד געווען געשטימט שאָוויניסטיש און אַנטיקאָמוניסטיש, אָבער הײַנט, נאָך די וואַלן פונעם 17 מײַ 1977, איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג צום ערגערן. און ניט בלויז דערפאַר, וואָס אין רעזולטאַט פון די לעצטע וואַלן איז געקומען צו דער מאַכט דער „ליקוד"־בלאָק (געשאַפן געוואָרן אין סענטיאַבער 1973; דער בלאָק פאַרייניקט מענאַכעם בעגינס עקסטרעם־רעאַקציאָנערע פּאַרטיי „כערות", די ליבעראַלע פּאַרטיי, וועלכע רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון דער גרויס־בורזשואַזיע, די רעכטע גרופּירונג „לאַאַם" און אַנדערע רעאַקציאָנערע גרופּירונגען.— רעד.). ווען דאָס וואָלט געווען די איינציקע געשעעניש, וואָלט די סיטואַציע ניט געווען אַזוי טרויעריק, ווי איצט. די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס עס זײַנען פאָרגעקומען נעגאַטיווע ענדערונגען אין די אַנדערע פּאַרטייען.

אָט איז, אַשטייגער, די אַרבעטס־פּאַרטיי פון ייִסראָעל (אָדער „מאַי" — אַ ציעניסטישע סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע פּאַרטיי, וועלכע דריקט אויס די אינטערעסן פונעם אָרטיקן און אויסלענדישן קאַפּיטאַל.— רעד.). ווי זעט זי אויס לויט איר כאַראַקטער הײַנט? איך רייד דאָ ניט וועגן דעם אָדער אַנדערן מענטשן, נאָר וועגן דער פּאַרטיי, וועגן איר אָנפירונג — וועגן פּערעסן, ראַבינען, מעיר, גאַלילי,— וועגן די טױער, וואָס שפּילן אין איר אַן אַנטשיידנדיקע ראָליע. ניט זעלטן אַטאַקירן זיי בעגינס רעגירונג פון רעכטס, פון נאָך מער אויסגעשפּראָכענע „שפאַרבער"־פּאָזיציעס.

„מאַפּאַם" (פאַרייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי, געשאַפן אין 1948; אַ לאַנגע צײַט איז זי געווען אין באַשטאַנד פון דער רעגירונגס־קאָאַליציע; געוואָרן אַ מין צוגאָב צו דער אַרבעטס־פּאַרטיי און פון 1969 טרעט זי אַרויס מיט דער אַרבעטס־פּאַרטיי אין אַן איינהייטלעכן בלאָק — „מאַאַראַך".— רעד.), וועלכע האָט ערשט מיט אַ יאָר צוריק אָנערקענט דאָס רעכט פונעם פּאַלעסטינער אַראַבישן פאָלק אויף זעלבסטבאַשטימונג, אײַנגעשלאָסן דאָס רעכט צו שאַפן אַן אומאָפּהענגיקע מעלוכע, איז איצט אַרויסגעטראָטן קעגן אָנערקענען פאַרן פּאַלעסטינער פאָלק דאָס דאָזיקע רעכט און האָט דערקלערט, אַז אַ פּאַלעסטינער מעלוכע איז אַ סאַקאָנע פאַרן שאָלעם און פאַר ייִסראָעל.

די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּאַרטיי, וועלכע איז שטענדיק געווען אַ צענטריסטישע און האָט מיטגעאַרבעט מיט דער אַרבעטס־פּאַרטיי, איז איצט געוואָרן אַן עקסטרעם־רעכטע פּאַרטיי,

איר אָפיציעלע פּאָליטישע ליניע איז דער לאָזונג „פאַר א גרויס־ייִסראַעל".

אָט אזוי זעט אויס דאָס בילד: א שאַרפער קער אַף רעכטס אין דער גאַנצער פּאָליטישער סיסטעם פון ייִסראַעל.

צוזאַמען דערמיט וואָלט געווען א טיפער טאָעס צו באַטראַכטן דעם דאָזיקן פּראָצעס איינזײַטיק, אָן א דיסקאָנט פון דער פאַראַנענער דיפערענציאַציע אינווייניק אין די פּאַרטייען גופע. אפילע אין דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פּאַרטיי זײַנען פאַראַן קויכעס (3 פון 12 קנעסעט־דעפּוטאַטן), וועלכע באַוויליקן ניט דעם אָפיציעלן פּאָליטישן קורס פון דער רעגירונג און פון זייער אייגענער פּאַרטיי, און אין דער אַנטשיידנדיקער פראַגע וועגן שאָלעם האַלטן זיי זיך אין א באַשטימטער מאָס בײַ רעאַליסטישע אָנשויונגען.

פאַרשיידענע קויכעס ווירקן אויך אינווייניק אינעם בלאָק „מאַאַראַך". אייניקע פון זײַנע פאָרשטייער שטייען נעענטער צו אונדזער פּאָזיציע, צום רעאַליסטישן שאָלעם־פּלאַן, איידער צום פּלאַן פון דער רעגירונג אָדער פון זייער אייגענער פּאַרטיי. מע טאָר אָבער ניט איגנאָרירן אויך דעם פאַקט, וואָס אין זייער מערהײַט וואַרפן זיי זיך אונטער, אַלס קלאַל, דער פּאַרטיי־דיסציפּלין און זײַנען אין א היפּשער מאָס פּאַראַליזירט.

די איצטיקע קויכעס־פאַרהעלטעניש אין לאַנד איז ניט קיין שטאַנדהאַפטיקע. אין יעדער פּאַרטיי קומט פאָר א פּראָצעס פון דיפערענציאַציע. אַזאַ פּראָצעס האָט זיך אַנטפּלעקט, לעמאָשל, בײַם אופקום פון דער „באַוועגונג פאַר א גרויס־ייִסראַעל", וועלכע איז געשאַפן דורך די קנעסעט־דעפּוטאַטן פון עטלעכע פּאַרטייען — דרוקמאַן (פון דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פּאַרטיי), שאַמיר און קאָהען (פון „ליקוד"). דאָס איז א בלאָק, וואָס דערגרייכט די העכסטע מאַדרייגע עקסטרעמקײַט, פאַר אים איז אפילע בעגין אָן אָפּאָרטוניסט. אין קעגנזאַץ פּרוּוון סאַריד (אַרבעטס־פּאַרטיי), שולאַמית אַלאָני (באַוועגונג פאַר בירגער־רעכט), מעלאַמעד און גלאַס (נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּאַרטיי) און אַנדערע אויספורעמען א בלאָק, וואָס זאָל זיך אים קעגנשטעלן.

אָט די צוויי בלאָקן זײַנען ניט גלײַך איינער צום צווייטן לויט זייער אײַנפלוס. דער בלאָק קעגנער פון דער „באַוועגונג פאַר א גרויס־ייִסראַעל" איז ניט קיין דאָמינירנדיקע קראַפט אַף דער פּאָליטישער אַרענע. פאַקטיש ווירקט גראָד אַף דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וואָס איז אַליין אַן עקסטרעמיסטישע, דער פאַשיסטיש־טעראָריסטישער בלאָק פון די אָנהענגער פון „גרויס־ייִסראַעל", וועלכער איז געפערלעך ניט בלויז פאַרן שאָלעם, נאָר אויך פאַר די דעמאָקראַטישע אינסטיטוטן אין ייִסראַעל.

דאָס שאַפן די נײַע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע „דאש" (דעמאָקראַטישע באַוועגונג פאַר ענדערונגען — א רעכט־צענטריסטישע אויסבילדונג, געגרינדעט אין מאַרט 1977 אונטער דער אָנפירונג פונעם גענעראַל איגאַל יאַדין. לויט די לעצטע מיטיילונגען האָט „דאש" זיך צעשפּאָלטן אַף צוויי פּאַרטייען: די „דעמאָקראַטישע באַוועגונג" בעראָש מיט יאַדינען פאַרבלײַבט אינעם רעגירנדיקן „ליקוד"־בלאָק און „די ענדערונג" בעראָש מיטן פּראָפעסאָר אַמנאָן רובינשטיין, איז צוגעשטאַנען צו דער אָפּאָזיציע. — רעד.) האָט ניט צוגעגעבן קיין שום נײַס צו דער פּאָליטישער סיטואַציע אין ייִסראַעל. איצט געפינט זיך „דאש" אין א קאָאַליציע מיטן „ליקוד", נאָר פּאָטענציעל קאָן „דאש" בילדן א קאָאַליציע מיטן „מאַאַראַך". פון פּאָליטישן קלאַסן־שטאַנדפונקט איז „דאש" אַן אַמאָרפישע אויספורעמונג, ער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס א צווישנדיקן עלעמענט צווישן „ליקוד" און „מאַאַראַך". פון קלאַסן־שטאַנדפונקט איז „דאש" נעענטער צום „ליקוד", פון פּאָליטישן — צו „מאַאַראַך".

ניט אַרײַנלאָזנדיק זיך אין אַלע ניואַנסן פון דער פּאָליטישער סטרוקטור, דאַרף מען פונדעסטוועגן קאָנסטאַטירן דאָס נײַע און אַנטשיידנדיקע — דעם פאַקט, וואָס עס זײַנען אָפּגעווישט געוואָרן, באַזונדערס זינט דער מילכאָמע פון 1967, די אידייִש־פּאָליטישע, סאָציאַלע און מאָראַלישע אונטערשיידן צווישן דער ציִעניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און דעם רעכטן בורזשואַזן ציִעניזם.

א סאַך יאָרן זײַנען די לידערס פון דער ציִעניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, ניט געקוקט אַף דער גאַנצער רעאַקציאָנערקײַט פון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק, אַרויסגעטראָטן אונטערן לאָזונג: „אָן כערוט און אָן דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראַעל". אָנגעפירט דורך דער פּאַרטיי „מאַפּאַי" (אַרבעטער־פּאַרטיי פון ייִסראַעל. — רעד.), האָט די „היסטאַדרוט" (אַלגעמײַנע אַרבעטס־פעדעראַציע פון ייִסראַעל, די גרעסטע פּראָפאַרייניקונג פון לאַנד, געגרינדעט אין 1920. — רעד.), בײַ איר גאַנצן אָפּאָרטוניזם און פּאָליטיק פון קלאַסן־שאָלעם, פאַרטיידיקט געוויסע סאָציאַלע רעכט פון די אַרבעטנדיקע.

די אַרבעטס־פּאַרטיי, וועלכע האָט שוין אין 1951 געלאָזט אין גאַנג מיליטער־קויעך, קעדיי דערשטיקן די שטרײַקן פון די יאַם־לײַט, האָט איצט פאַרנומען א נעגאַטיווע באַציִונג צו די פאָדערונגען פון די אַרבעטער. די אונטערשיידן זײַנען פאַרשוווּנדן אין אַלע דעטאַלן — די אָנפירונג פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי האָט דעם לאָזונג „אָן כערוט און אָן דער קאָמפּאַרטיי פון

ייִסראָעל" פּאַרביטן אָפּן לאָזונג „אַן דער קאָמ־
פּאַרטיי, מיט כערוט". אין 1967 האָט זי אויסגע־
פורעמט אַ „רעגירונג פון נאַציאָנאַלער אייג־
הייט" (אין איר זײַנען אַרײַן פּאַרשטייער פון
אַלע בורזשואַזע גרונט־פּאַרטייען און פון די
סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. פון מאַרט
1969 איז בעראָש פון דער דאָזיקער רעגירונג
געשטאַנען גאָלדע מעיִר. — רעד.), אײַנגייענדיק
אַף אַ בלאָק מיט בעגינס פּאַרטיי, וואָס דאָס איז
אַ לאַנגע צײַט געווען אומעגלעך. דאָס איז זייער
אַ וויכטיקער פאַקט, אַף וויפל ער זאָגט איידעס
וועגן אַ וועזנטלעכן טראָט צום ערגערן אין
דער פּאָליטישער סיטואַציע אין ייִסראָעל.

איצט איז דאָס לאַנד אַרײַנגעטראָטן אין אַ
נײַעם אַנטוויקלונגס־עטאַפּ, ווען „כערוט", דה.
בעגין, שטייט בעראָש פון דער רעגירונג, און אַ
טייל פונעם „מאַראַך"־בלאָק גלײַכט זיך צו
אים.

אין דער אָנפירונג פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי
רוקן זיך אַרויס נײַע טוער. די צײַטונג „האַאַ־
רעץ" האָט ניט לאַנג צוריק פאַרעפנטלעכט אַן
אַרטיקל פונעם קנעסעט־דעפוטאַט עליִיאַהו
שפּייזער, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַן
אופגייענדיקן „רעכטן שטערן" אין דער אַר־
בעטס־פּאַרטיי. שפּייזער שרײַבט, אַז אין ייִסראָעל
איז פאַראַן אַ מעגלעכקײַט צו שאַפן אַ נײַע
צענטריסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי,
ווײַל די איצטיקע פּאַרטייען־סיסטעם איז אַ
צײַטווײַליקע און אומנאַטירלעכע. אַזאַ פּאַרטיי,
ווערט געזאָגט אינעם אַרטיקל, וואָלט געקאָנט
אויסגעפורעמט ווערן אַף דער באַזע פון דער
אַרבעטס־פּאַרטיי, אויסוואַקסנדיק אָפּן כעזשבן פון
אַ טייל מיטגלידער פון „דאַש" און פון די קרײַזן,
וועלכע געפינען זיך איצט אין דער פראַקציע
„לאַאַם", אויך אָפּן כעזשבן פון די ליבעראַלן פון
„ליקוד". אַנדערש גערעדט, זי וואָלט באַקומען
דעם דמוס (געשטאַלט) פון אַ רעכט־ליבעראַלי־
סטישער פּאַרטיי.

לויט שפּייזערס מיינונג, באַשטייען די איקער־
דיקע כילוקי־דייעס צווישן דער „ליקוד"־רעגי־
רונג און דער אַרבעטס־פּאַרטיי אין די סאָציאַל־
עקאָנאָמישע פראַגן. וואָס אַנבאַלאַנגט די פראַגן
פון דער אויסערן־פּאָליטיק און דער זיכערהייט,
זײַנען די כילוקי־דייעס צווישן זיי שײַעך „גיכער
צו דער פאָרעם, און ניט צו דעם טאָך פון דער
פראַגע". אָבער אויב אַזוי האַלט עס אין די
פראַגן וועגן אויסערן־פּאָליטיק און זיכערהייט,
מוז דאָס ווירקן אַף דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער
פּאָליטיק און אַף דער בודזשעט־פּאָליטיק.

וואָס פאַר אַ נײַס איז פאָרגעקומען אין דער
פאַנאַנדערשטעלונג פון די פּאָליטישע קויכעס
אין ייִסראָעל באַם שאַפן די בעגין־רעגירונג נאָך
די וואַלן פון 1977? מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז
די בעגין־רעגירונג שיידט זיך אונטער פון די
פאַריקע קאַבינעטן מיט איר עקסטרעם נעגאַ־
טיוון צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון שאָלעם און
דעמאָקראַטיע, צו די אינטערעסן פון די אַר־
בעטנדיקע.

די רעגירונגען פון עשקאָל, מעיִר און ראַבין
זײַנען אויך אַרויסגעטראָטן קעגן שאָלעם, האָבן
זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו די אַרבעטער־פאָדע־
רונגען און געווען אַנטידעמאָקראַטישע. די פּאָ־
ליטיק פון דער רעגירונג פונעם „מאַראַך"־
בלאָק האָט געבראַכט צו מילכאָמעס. עס איז
קלאָר, אַז בעגינס פּאָליטיק קאָן ברענגען צו אַ
נײַער מילכאָמע, ווײַל זי איז נאָך מער עקסטרע־
מיסטיש סײַ אין דער פּאַלעסטינע־פראַגע, סײַ
אין דער פראַגע וועגן דעם מײַרעוו־ברעג פונעם
יאַרדען־טײַך און פונעם אַזאַ־סעקטאָר. עמעס,
אויך ראַבין האָט געזאָגט, אַז מיט דער אָרגאַ־
ניזאַציע פאַר דער באַפרײַונג פון פּאַלעסטינע
וועט ער זיך באַגעגענען בלויז אָפּן שלאַכט־
פעלד, אַז ער וועט ניט פירן קיינע אונטערהאַנדע־
לונגען מיט וועלכע־ניט־איז פאָרשטייער פון
די פּאַלעסטינער, אַפילע מיט אַזעלכע, וועלכע
זײַנען ניט פאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזאַציע
פאַר דער באַפרײַונג פון פּאַלעסטינע. דער עצעם
פאַקט פון אַנערקענען אַן אומאָפּהענגיקע פּאַ־
לעסטינער פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, האָט ער
געזאָגט, מעג זי אַפילע אַנערקענען ייִסראָעל,
וואָלט אין דער אונטערשטער שורע באַטײַט
אַנערקענען די פּאַלעסטינער מעלוכע. אָט אַזוי
האָבן געדענקט אויך פּערעס און מעיִר. דער דאָ־
זיקער „נאַציאָנאַלער העסקעם", וועלכן עס
וואָלט ריכטיקער געווען אָנצורופן אַנטינאַציאָ־
נאַלער העסקעם, באַטײַט אַן אָפּזאָג דעם אום־
קער צו די גרענעצן פון 4 יון 1967, אַן אָפּזאָג
דער פּאַלעסטינער מעלוכע, דער אָרגאַניזאַציע
פאַר דער באַפרײַונג פון פּאַלעסטינע. צוזאַמען
דערמיט איז די פּאָליטיק פון דער „ליקוד"־רע־
גירונג נאָך עקסטרעמיסטישער, איידער די פּאָ־
ליטיק פון אירע פאָרגייער.

די „ליקוד"־רעגירונג איז ניט געווען קיין
פּיאָנער אינעם דורכפירן אַ פּאָליטיק קעגן די
אַרבעטער, נאָר מיט איר קומען צו דער מאַכט
איז די דאָזיקע פּאָליטיק געוואָרן פאַרביסענער.
דעריבער טאָר מען ניט זאָגן, אַז עס זײַנען
קלוימערשט פאָרגעקומען וועזנטלעכע ענדערונ־
גען אין דער פּאָליטישער אָריענטאַציע. עס וועט
זײַן ריכטיקער צו קוואַליפיצירן די בעגין־רעגי־
רונג אַלס אַ רעגירונג אומיטלבאַר פון דער
גרויס־בורזשואַזיע, ווען די „מאַראַך"־רעגי־
רונג איז געווען באַ דער גרויס־בורזשואַזיע אַף
דינסט.

די דעמאָקראטן פארייניקן זייערע באמיִונגען

קעדיי אָפּהאלטן א דערפאָלג אינעם קאמף פאר ענדערן די פּאָליטישע סיטואציע אין ייִסראָעל און אין דער ייִסראָעל־פּאָליטיק, איז וויכטיק צו באהעפטן דעם מאקסימום קויכעס פונעם ארבעטער־קלאס און פון די אנדערע שיכטן פון די פאָלקסמאסן צום קאמף פאר די קאָנקרעטע פּראָגרעסיווע סאָציאַל־פּאָליטישע צילן.

לאָמיר נעמען, לעמאָשל, דעם שטרײַק פון די יאם־לײַט. דאָס איז א רומפולער בײַשפיל פונעם קאמף פון די ארבעטנדיקע אף דער באזע פון קימאט פולער איינהײַט. די קאָמוניסטן באטרעפן צווישן זיי אן אומבאדײַטנדיקע מינדערהײַט — אין גרונט זײַנען דאָס מענטשן, וועלכע האָבן געשטימט פארן „ליקוד", פאר דער ארבעטס־פארטיי און פאר אנדערע בורזשואזע פארטייען. פארשטייט זיך, אז אזא ארבעטער־פראָנט איז אומעגלעך צו שאפן אף אן אידעאָלאָגישער באזע. ער איז אופגעקומען אף דער באזע פונעם געמיינזאמען קאמף מיטן ציל צו פארטיידיקן די קאָנקרעטע אינטערעסן פון די יאם־לײַט, וועלכע טרעטן ארויס קעגן דער רעגירונגס־פּאָליטיק, וואָס איז געצילט קעגן די ארבעטער.

א צווייטער בײַשפיל: דער בריוו פון הונדערט שילער פון די מיטלשולן צו בעגינען. אין די באדינגונגען פון ייִסראָעל האָט דער דאָזיקער טראָט א רעוואָליוציאָניזירנדיקע באדײַטונג. אינעם בריוו איז ניט געווען קיין שום אידעאָלאָגישער מאָמענט, די שילער האָבן אָבער דערקלערט, אז אויב עס וועט אויסברעכן א נײַע מילכאָמע, וועלן די הענט פון בעגינען און פון דער רעגירונג זײַן באפלעקט מיט זייער בלוט. די דערוואכונג פון שילער פון די מיטלשולן — דאָס איז א פאקט פון גרויסער באדײַטונג. ער רעדט וועגן דעם, אז די אָריענטאציע פונעם XVIII צוזאמענפאָר פון דער קאָמפּארטיי פון ייִסראָעל צו שאפן א פראָנט קעגן דער אָפיציעלער פּאָליטיק, קעגן אָקופּאציע, פאר די רעכט פונעם פאלעסטינער אראבישן פאָלק, פאר א יושערדיקן און פעסטן שאָלעם, — איז ניט קיין טעאָריע, ניט קיין אבסטראקציע, נאָר א וועזנטלעכע רעאַליטעט, כאָטש ניט אין אזא מאסשטאב און אין אזעלכע פאָרמען, צו וועלכע מיר שטרעבן. עס קאָן אָבער געשאפן ווערן א פראָנט אָדער אויספורעמען זיך א מיטארבעט ניט בלויז אין קאָנקרעטע פראגן.

אין העסקעם מיטן באשלוס פון אונדזער XVIII צוזאמענפאָר זײַנען מיר ארויסגעטראָטן מיט דער איניציאַטיוו צו שאפן א דעמאָקראטישן פראָנט און אן איינהײַטלעכע וואל־רעשימע — דעם דעמאָקראטישן פראָנט פאר שאָלעם און גלײַכבארעכטיקונג — צווערשט אף די קנעסעט־וואלן, דערנאָך אף די וואלן צום היסטאדרוט. די סאכאקלען פון די וואלן האָבן געבראכט א דערפאָלג.

מיר זעען פאר זיך א געוויסע פּרינציפּיעל נײַע און וויכטיקע דערשײַנונג: די קאָמפּארטיי האָט געקאָנט צוציִען צו מיטארבעט נײַע קרײַזן און צוזאמען מיט זיי שאפן א פראָנט אף דער באזע פון א קלאָרער און גענויער פּראָגראם וועגן אזעלכע וויכטיקסטע פראגן, ווי שאָלעם און דעמאָקראטיע, קלאסנקאמף פון די ארבעטנדיקע, גלײַכבארעכטיקונג פון דער אראבישער באפעלקערונג אין ייִסראָעל, גלײַכבארעכטיקונג פון די געמיינדעס, אויך גלײַכבארעכטיקונג פון די פרויען. דאָס שאפן דעם פראָנט איז א וויכטיקע דערגרייכונג, וועלכע מע קאָן פעסטשטעלן ניט בלויז לויט דער צאָל שטימען.

צו אזא מיטארבעט מיט דער קאָמפּארטיי זײַנען צוגעצויגן געוואָרן קרײַזן, וואָס זײַנען פריִער קיינמאָל ניט אײַנגעגאנגען דערויף. פון צווישן דער אראבישער באפעלקערונג האָבן צום פראָנט זיך אָנגעשלאָסן טוער, וועלכע האָבן א סאך יאָרן געהערט צו דער געוועזענער „מאפּאי"־פארטיי. דער פראָנט איז לויט זײַן טאָך א וויכטיקע דערגרייכונג. שאפנדיק דעם פראָנט, איז אונדז געלונגען צו באהעפטן די מערהײַט פון דער אראבישער באפעלקערונג מיט די דעמאָקראטישע קויכעס פון דער ייִדישער באפעלקערונג, און קוידעמקאָל מיט די קאָמוניסטן.

באזונדערס וויכטיק איז דאָס, וואָס דער פראָנט איז געוואָרן א ייִדיש־אראבישער, כאָטש מיר פארשטייען אויך דעם כילעק אין דער קראפט פון זײַן אײַנפלוס צווישן דער אראבישער באפעלקערונג און צווישן דער ייִדישער. אין די ייִסראָעל־באדינגונגען האָט א ייִדיש־אראבישע דעמאָקראטישע איינהײַט א קאָלאָסאלע באדײַטונג. אָט פארוואָס דער פאקט פון צוציִען צום אָנטיילנעמען אינעם פראָנט אזעלכע אָרגאניזאציעס, ווי די „שווארצע פּאנטערעס", די שאסי־גרופּע („סאָציאַליסטישע לינקע פון ייִסראָעל" — באשטייט אין גרונט פון יוגנט און אינטעליגענץ, וועלכע האלטן אונטער די פּלאטפאָרם פונעם דעמאָקראטישן פראָנט פאר שאָלעם און גלײַכבארעכטיקונג. — רעד.) און אנדערע איז געווען ניט ווייניקער וויכטיק איידער דער פאקט, וואָס עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אינעם פראָנט די אָנפירער פון די אָרטיקע מאכט־אָרגאנען צווישן דער אראבישער באפעלקערונג, די אָרטיקע אראבישע פראָנטן — דער איניציאַטיוו־קאָמיטעט פון די דרוזן, דער דעמאָקראטישער פראָנט פון נאזארעט, די ארבעטער צווישן די סטודענטן, צווישן דער אינטעליגענץ.

די פּראָגראם פונעם פראָנט פאלט, פארשטייט זיך, ניט צונויף מיט דער פּראָגראם פון דער

קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל. אין דער זעלבער צײַט איז דער פראָנט א וויכטיקע באזע פארן ווײַטערדיקן וווקס פונעם אײַנפלוס פון דער פּאַרטיי.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל נוצט אויס פאַרשיידענע פאָרמען פון מיטארבעט מיט די ניט־קאָמוניסטישע קרײַזן. אזוי, לעמאָשל, איז געשאפן געוואָרן אן איניציאַטיוו־קאָמיטעט צו פאַרבעסערן די באַציִונגען מיטן סאָוועטן־פאַרבאנד. אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט ארבעט מיט צוזאמען מיט אונדז א ריי קנעסעט־דעפּוטאטן פון דער ארבעטער־פּאַרטיי, פון „מאַפּאַם" און פון דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פּאַרטיי. מיקויעך דער פראַגע וועגן דער נייטיקײַט צו פאַרבעסערן די באַציִונגען מיטן סאָוועטנפאַרבאנד איז בא אונדז און בא זיי א געמיינזאמע פּלאַטפאָרם. דעם סאָוועטנפאַרבאנד האָבן באַזוכט גרופּעס פאָרשטייער פון דער ייִסראָעל־געזעלשאַפטלעכקײַט, אײַנגעשלאָסן פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פּאַרטייען.

די קויכעס־פאַרהעלטענישן איצט

פון קלאַסן־שטאַנדפּונקט האָט אין לאנד זיך אָנגעהויבן א פּראָצעס, ווען עס ווערט אָפּגעשוואַכט דער אײַנפלוס פון די ציִוניסטישע ארבעטער־פּאַרטייען, וועמעס לידערס עס זײַנען ווײַט פון קעמפן פאַר שאָלעם, דעמאָקראַטיע און פון פאַרטיידיקן די רעכט פון די ארבעטנדיקע. אין דעם זין ריידן פיל די סאַכאַקלען פון א ריי וואָל־קאַמפּאַניעס צו דער קנעסעט. די ציִוניסטישע ארבעטער־פּאַרטייען, וועלכע בילדן דעם „מאַראַך"־בלאָק, דה. די ארבעטס־פּאַרטיי און דעם „מאַפּאַם", האָבן אַף די קנעסעט־וואַלן אין 1949 באַקומען 65 דעפּוטאַטן־ערטער. אַף די וואַלן נאָך דער יאָמקיפּער־מילכאָמע פון 1973 איז זייער פאָרשטייערשאַפט קלענער געוואָרן, דערגרייענדיק ביז 51 דעפּוטאַטן־ערטער, נאָר זיי זײַנען נאָך געווען א דאָמינירנדיקער פאַקטאָר און געהאַט א גרויסע פּאַרלאַמענט־פראַקציע. אַף די וואַלן דעם 17 מײַ 1977 האָבן זיי באַקומען א פערטכיילעק שטימען פון די וויילער און אײַנגענומען 32 דעפּוטאַטן־ערטער (ווען דאַיאַן איז ארויס פון דער פּאַרטיי, זײַנען בא זיי געבליבן 31 ערטער). צום ערשטן מאָל האָט זייער פּאַרלאַמענט־פראַקציע אופגעהערט צו זײַן די גרעסטע.

אפן ערשטן אָרט איז ארויס די פראַקציע פונעם „ליקוד"־בלאָק, וואָס ציילט 43 דעפּוטאַטן, און נאָך דעם, ווען צו אים האָבן זיך אָנגעשלאָסן 2 דעפּוטאַטן פון „שלאָמציִען", מיט וועמען עס פירט אָן שאַראָן, איז די צאָל דעפּוטאַטן דערגאַנגען ביז 45. כוץ דעם, האָט זיך צום „ליקוד"־בלאָק אָנגעשלאָסן דאַיאַן. „דאַש" איז געוואָרן די דריטע לויט דער גרייס פּאַרטיי אין קנעסעט מיט 15 דעפּוטאַט־מאַנדאַטן. די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּאַרטיי האָט 12 דעפּוטאַטן, דער דעמאָקראַטישער פראָנט פאַר שאָלעם און גלײַכבארעכטיקונג — 5, „אגודאַט ייִסראָעל" („אַסאָציאַציע פון ייִסראָעל" — א רעליגיעזע פּאַרטיי. — רעד.) — 4, די „שלי"־גרופּע („שאָלעם און גלײַכבארעכטיקונג" — אן אָפּאָזיציאָנעלע גרופּירונג, וועלכע טרעט ארויס אין א געוויסער מאָס מיט א רעאַליסטישער פּאָזיציע אין די פראַגן פון דער אויסערן־פּאָליטיק, פאַר דער גלײַכבארעכטיקונג פון די געמיינדעס. — רעד.) — 2. פאַראַן נאָך 6 גרופּירונגען, וועלכע האָבן דורכגעפירט אין קנעסעט צו איין דעפּוטאַט.

אין 1965 האָט אונדזער פּאַרטיי איבערגעלעבט א שווערן קריזיס, ווען די שאָוויניסטישע עלעמענטן האָבן געפרווט אראָפּשטויסן אונדז פונעם רעוואָליוציאָנערן, מאַרקסיסטיש־לענינישן וועג. אַף די קנעסעט־וואַלן אין 1965, ווען מיר זײַנען קוים געקומען צו־זיך פון דער דערשיטערונג, האָבן מיר באַקומען 2,3 פּראָצ. שטימען; אין 1969 — מיט א האַלבן פּראָצענט מער — 2,8 פּראָצ., און אין 1973, נאָך דער יאָמקיפּער־מילכאָמע — שוין 3,4 פּראָצ. אַף די לעצטע פּאַרלאַמענט־וואַלן פון 17 מײַ 1977 האָט דער דעמאָקראַטישער פראָנט פאַר שאָלעם און גלײַכבארעכטיקונג באַקומען 4,6 פּראָצ. שטימען. אין די ייִסראָעל־באַדינגונגען איז די 12־יאָריקע דערפאַרונג פונעם פּאַרויסגאַנג א באַשטעטיקונג פון דעם, אַז אונדזער סטראַטעגיע און טאַקטיק זײַנען ריכטיקע.

די קאָמוניסטן פאַרברייטערן דעם פראָנט פון מיטארבעט

דער פאַראַט פונעם פּרעזידענט פון עגיפּט סאַדאַט, דאָס אָפּזאָגן זיך מיצאַד דער עגיפּטישער אָנפירונג פון דער פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקײַט און סאָציאַלן פּראָגרעס לעטובעס דער אָריענטאַציע אַפן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און אינערלעכער רעאַקציע, איר אַנטיסאָוועטיזם און אינטריגעס קעגן דעם שאָלעם — דאָס אַלץ האָט אָפּגעשוואַכט אויך די דעמאָקראַטישע, פרידנסליבנדיקע קויכעס פון ייִסראָעל. סאַדאַטס שריט האָבן געשאַפן די איליוזיע, אַז די בעגין־רעגירונג איז שוין ניט אַזאַ אַגרעסיווע און זי וועט עפּשער אײַנשטעלן שאָלעם.

מיר זײַנען געווען קימאַט די איינציקע, וואָס האָבן פון סאַמע אָנהייב ריכטיק אָפּגעשאַצט די סיטואַציע. מיר האָבן דערקלערט, אַז קאָלזמאַן

די רעגירונג פונעם „ליקוד"־בלאָק שטייט בא דער מאכט, קאָלזמאן בעגין איז דער הויפּט פון דער רעגירונג, קאָלזמאן עס ווערט געפירט א פּאָליטיק פון עקספּאנסיאָניזם — וועט קיין עמעסער שאָלעם ניט זײַן. בעגין שטעלט דאָך פאָר מיט זיך די פּאָליטיק, וואָס איז באזירט אָף דער אידיי פון א „גרויס־ייִסראָעל", און ער האָט אבסאָליוט ניט געענדערט זײַנע עקסטרעמיסטישע קאָנצעפּציעס. ער פּרוּווט בלויז מאנעווּרירן, דערגרייכן א סעפּאראטן שאָלעם מיט עגיפּעט.

א וויכטיקער באדינג פארן דערפאָלג אינעם קאמף צו דערגרייכן אָן ענדערונג אין דער פארהעלטעניש פון די פּאָליטישע קויכעס אין ייִסראָעל, פאר שאפן א פראָנט פון מיטארבעט צווישן די קאָמוניסטן מיט די אנדערע קרעפטן איז דאָס פארשטארקן דעם אײַנפלוס פון דער קאָמפּארטיי, פארברייטערן די פּארטיי־רייען סײַ צווישן די ייִדן, סײַ צווישן די אראבער. די עקזיסטענץ פון א שטארקער קאָמוניסטישער פּארטיי איז די פּאָרהאנאָכע פאר דער קאָנסאָלידאציע און פארברייטערונג פונעם פראָנט, פאר פארגרעסערן די מעגלעכקײַט פון מיטארבעט מיט די אנדערע פּאָליטישע קרעפטן.

פונעם שטאנדפּונקט פון דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו האלטן מיר, אז אונדזער נאָבעלער, יוישערדיקער, פּאטריאָטישער און אינטערנאציאָנאליסטישער קאמף פאר דער סאָציאלער און נאציאָנאלער באפרײַונג אין דער וועלט און אין אונדזער רעגיאָן האָט א צוקונפט, אָף וויפל ער שפּיגלט אָפּ דעם גאנג פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון דער פּאָליטישער סיטואציע אין ייִסראָעל.

די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל קאָנען דערפירן דאָס לאנד צו א נײַער מילכאָמע, ווײַל זיי רעכענען זיך ניט מיט די ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אין דער וועלט. זיי פארלאָזן זיך אינגאנצן אָפן „אמעריקאנער אימפּעריאליזם", איגנאָרירנדיק דעם פאקט, אז דאָס לאנד געהערט צום נאָענטמיזרעכדיקן רעגיאָן, זיי האָבן ניט געענדערט זייער פּאָליטיק זינט דעמלט, ווען זיי האָבן פארכאפּט די אראבישע טעריטאָריעס מיט דער הילף פון דער בריטישער ארמיי און פארטריבן די אראבישע באפעלקערונג פון איר ערד. זיי זעצן פאָר די פּאָליטיק, וועלכע די ציוניסטישע לידערס האָבן געפירט נאָך ביז דער אויסבילדונג פון מעדינאס־ייִסראָעל. איצט איז די דאָזיקע פּאָליטיק געוואָרן א מעלוכישע — בא זיי איז דאָך די מאכט.

די פּאָליטישע סיטואציע אין ייִסראָעל, ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, איז הײַנט ניט קיין שטאנדהאפטיקע. עס ווערט ניט שטילער דער אינערלעך־פּארטייִשער און צווישן־פּארטייִשער קאמף. דער דאָזיקער קאמף וועט פאָרגעזעצט ווערן. ניט דער אמעריקאנער אימפּעריאליזם, ניט סאדאט, ניט בעגין זײַנען ניט בעקויעך צו ענדערן די היסטאָרישע אנטוויקלונג — ניט אינעם פּאָליטישן, ניט אינעם סאָציאל־עקאָנאָמישן, ניט אפילע אינעם מיליטערישן פּלאן. אונדזער פּארטיי, טראָץ די עקזיסטירנדיקע שווערע באדינגונגען, קאָן אויסדריקן איר באפרידיקונג דערמיט, וואָס זי שאצט ריכטיק אָפּ די לאגע און פארשטייט ריכטיק די סיטואציע, ווײַזט אָן אונדזער פאָלק דעם ריכטיקן וועג.

די דערפארונג פון די פאָלקסמאסן, די ריכטיקע פּאָליטיק און דער קאמף פון דער קאָמפּארטיי האָבן אין ענדגילטיקן סאכאקל געבראכט צו גרויסע פּאָזיטיווע פאָרשריטן. די קאָמפּארטיי פון ייִסראָעל וועט אויך אָף ווײַטער טאָן אלץ, קעדיי אָף א מאקסימאלן אויפן מאָביליזירן די קויכעס פון פארשיידענע אידעאָלאָגישע ריכטונגען (פאָרזעצנדיק דעם אידעאָלאָגישן קאמף), קעדיי ענדערן די פארהעלטעניש פון די פּאָליטישע קרעפטן.

אָבער בלויז אונדזער אגיטאציע אליין וועט ניט ארויסרופן קיין ענדערונגען אין ייִסראָעל. די פאָלקסמאסן לערנען זיך אָף דער אייגענער דערפארונג. צוזעענדיק די מילכאָמע־לײַדן, די שווערע עקאָנאָמישע לאגע, די סאָציאלע און מאָראלישע דעגראדאציע, קאָנען זיי ניט בלײַבן גלײַכגילטיק. אלץ נײַע קרײַזן פון דער באפעלקערונג הייבן אָן צו פארשטיין, וואָס פאר א געפאר עס שטעלט מיט זיך פאָר די פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן פאר דער צוקונפט פון ייִסראָעל אלס א נאָענטמיזרעכדיקער מעלוכע, פאר איר עצעם עקזיסטענץ. די דאָזיקע דערפארונג, אויך דער אײַנפלוס פון די ענדערונגען אינעם רעגיאָן און אין דער וועלט, קאָנען ברענגען צו פּאָזיטיווע פאָרשריטן. מיר פירן א קאמף פאר אזא ענדערונג פון די קויכעס־פארהעלטענישן אין ייִסראָעל.

פונעם שטאנדפּונקט פון דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו איז פארן פאָלק פון ייִסראָעל ניטאָ קיין אנדער וועג צו זיכערן דעם שאָלעם און די געפארלאָזיקײַט, צום סאָציאלן פּראָגרעס, ווי יענער, וועלכן מיר, די קאָמוניסטן, ווײַזן אָן.

דאָס ארטיקל איז מיט קירצונגען איבערגעדרוקט פון דער צײַטשריפט „אראכים", טעל־אוויוו

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

קאַלבן־פלייש, קעלבערנע היספּײַלעס און באַקענע טיפשעס

ווען אין די צוגעשלאָסענע צימערן פון קעמפּ־דעיוויד האָט מען געפּרוווט אַנבינדן א גאַנצן וועלט־רעגיאָן דעם אמעריקאַנער מיל־כאָמע־„שאַלעם", איז, ווי עס פּירט זיך, גע־שטאַנען הינטער די פענצטער א נײַגעריקע מאַכנע קאָרעספּאָנדענטן פון פאַרשיידענע לענ־דער, צווישן זיי — פון ייִסראַעל. אין איינעם א טאָג זײַנען אָט די לעצטע מאַמעש עלעקטרי־זירט געוואָרן פון א היסטאָרישער געשעעניש: „בײַסן מיטיק אין עסצימער האָט דער פּרעזי־דענט קאַרטער, ווי אויך זײַנע געהילפן, געגעסן קאַשערן בעקאָן"!

גאָט אין הימל! אַנשטאָט כאַזער־פלייש קײַעט דער אמעריקאַנער פּאַרעץ קאַלבן־פלייש... אייער מיט קאָשערן בעקאָן... „מע קוקט אַרײַן אין טעלער פון סײַרוס וואַנסן: אויך ער עסט א שפּײַז פון קאַלבן־פלייש, קאָ־שער שעבעקאָשער!"

ווײַזט אויס, אז דער דאָזיקער וווּנדער איז צו שטאַנד געקומען אַדאַנק דעם, ווי עס טיילט מיט אַן אמעריקאַנער ייִדישער זשורנאַליסט, פאַרכלינענדיק זיך פון פרייד, וואָס אין אָנ־הייב פון די אונטערהאַנדלונגען מיט סאַדאַטן און קאַרטערן „האָט בעגין א גאַנצע נאַכט מיס־פּאַלעל געווען, ער זאָל מאַצליעך זײַן אין קעמפּ־דעיוויד; דער פּרעמיער פון דער ייִדי־שער מעדינע האָט געטאָן טפילע און געבעטן בא דעם באַשעפער פון דער וועלט, ער זאָל אים העלפן צו געווינען דאָס האַרץ פון די צוויי פּרעזידענטן".

די ווערטער, וואָס זײַנען דאָ גענומען אין גענדזנפיסלעך, האָבן מיר אַנטליען בא די צײַ־טונגען „יעדיאָט אַכראָנאָט" (ייִסראָעל) און „אַלגעמיינער זשורנאַל" (פּשאַ). פון אונדזער זײַט וועלן מיר צוגעבן צו דער אונטערגעקוק־טער אידיליע נאָך איין שטריכעלע, עפּשער וועט עס צוניץ קומען די ענטוזיאַסטן פונעם קעמפּ־דעיווידער מיסכער.

אין דער הינטערשטאָטישער רעזידענץ פון די אמעריקאַנער פּרעזידענטן שטייען אָף דער וואַך, ווי באַוווּסט, די אמערסטן פאַרטרוילעכע אין דער אַרמיי פון די פאַרייניקטע שטאַטן זעלבער פונעם קאָרפּוס פון יאַם־פּעכאָטע. 851 סאָלדאַטן, אַרײַנגערעכנט דעם באַלאָר־קעסטער. און ווען קאַרטער מיט סאַדאַטן מיט בעגינען מיט די פּאַרכושטע זשורנאַליסטן זײַנען נאָך די אונטערהאַנדלונגען אַוועקגעפאָרן אַהיים, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז אין איין צײַט מיט די קאָשערע מיטיקס אין דעם פּרעזידענטס אַפּאַרטאַמענטן האָבן די סאָלדאַטן פון דער וואַך געפּראַוועט זייער אייגענע קאָשערע ליאַמע — גערייכערט מאַריכואַנע....

א פריילעכע וועלט. ס'איז דאָ פאַרוואָס צו טאַנצן פון גליק אין די גאַסן. אין קעמפּ־דעי־וויד קושן זיך און האַלדזן זיך בעגין און סאַ־דאַט, עס זיצן מיט לײַטישע פּנעמער באַם טיש און עסן אומשולדיק קאַלבן־פלייש קאַרטער און וואַנס, און בא די טירן שטייען אָדער ליגן נאַר־קאָמאַנען־זעלנער. דער אָרקעסטער פונעם אמע־ריקאַנער יאַם־קאָרפּוס בלאָזט א קאָשערן מי־ליטערישן מאַרש, און א מאַכנע זשורנאַליסטן גייען אָפּ מיט עכט־באַקענער טיפשעס.

ווי מע זאָגט: פרישאַל טערעך נא דערעך.

און די פעלקער פון נאָענטן מיזרעך וואַרטן, אז וועגן אײַנשטעלן שאָלעם אין זייערע היימען זאָלן פאַראַנטוואָרטלעכע מעלוכע־מענער ריידן אָף א פאַראַנטוואָרטלעכן אויפן. און אז די פּרעסע זאָל מיט דער נייטיקער מאָס פאַראַנט־וואָרטלעכקײַט אינפאָרמירן וועגן דעם די גע־זעלשאַפטלעכע מיינונג.

שולדיק איז ניט נאָר די אינפליאַציע

די ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט" האָט אָנ־געהויבן אַרויסגיין דרײַ טעג אין וואָך, זי איז געוואָרן אויס טאָג־צײַטונג. פאַר עמעצן האָט די דאָזיקע פּלוצעמדיקע דעגראַדאַציע, וועלכע דערמאָנט אַן אָנזאָג אָף באַנקראָט, אויסגעזען ווי א דונער אינמיטן העלן טאָג, אַנדערע האָבן אָזא אַנטוויקלונג פאָראויסגעזען. די רעדאַקטאָרן פון דער צײַטונג גופע באַגלייטן זייערע דעמאַ־גאָגישע רייד וועגן דער פּאַסירונג מיט איין שטענדיקן רעפרען: „שולדיק איז די אינפליאַ־ציע"...

וועלן מיר קוידעמקאָל ברענגען דעם פולן טעקסט פון א בריוו, וועלכן דער לייענער פון מיאַמי ביטש סעם סניידער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט", דערוויסנדיק זיך, אז אָזא באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן:

„רעדאקציע „מארגן־פרייהייט".

אין די לעצטע פאר וואכן זיינען פארגעקומען גרויסע געשעענישן אין דער „מארגן־פרייהייט". עס איז באשלאסן געווארן, אז די צייטונג זאל ארויסגיין נאר 3 טעג א וואך. וועט דאס העלפן אפצושטעלן דעם אונטערגאנג פון דער צייטונג? עס איז מעגלעך, א סאך לייענער זאלן טראכטן, אז אויב זיי וועלן קענען אויסקומען אן דער „מארגן־פרייהייט" פיר טעג אין וואך, וועלן זיי אויך קענען אויסקומען אן איר די איבעריקע 3 טעג.

אבער פארוואס אזא קריזיס? עס זיינען דא אין אמעריקע ארום 6 מיליאן יידן. די רעגירונג שטערט ניט ארויסגעבן די צייטונג. ווען די „מארגן־פרייהייט" זאל האבן וויניקסטנס 10 טויזנט באצאלטע לייענער, וואלט די לאגע געווען אן אנדערע. איר פירט א העצע, אז אין סאוועטנפארבאנד לאזט ניט די רעגירונג, ס'זאלן דערשיינען יידישע אויסגאבעס. איר ווילט ניט וויסן, אז דארט, פונקט ווי דא, לייענט ניט דער יונגער דאר קיין יידיש.

עס איז אויך ניט קיין טרייסט, וואס כאווער נאוויק זאגט, אז די „נייע פרעסע" אין פאריזש גייט אויך ארויס נאר 3 טעג א וואך. ווי גרויס איז די צאל יידן אין פראנקרייך? זייער א סאך וויניקער, איידער אין אמעריקע.

איך האב אויך געלייענט אין א בריוו פון מיין פריינט פון פילאדעלפיע, אז דער געזעלשאפטלעכער טוער מילגרוים „האט אוועקגעצויגן פון דער פראגרעסיווער באוועגונג 100 כאווירים". עפעס שטימט דא ניט. ס'זיינען אינגאנצן געווען 100—125 כאווירים, וועלכע האבן זיך גרופירט ארום דער „מארגן־פרייהייט", טא וויפל זיינען געבליבן? כאווער סולער זאגט, אז צוליב די מיינונג־פארשיידנהייטן האט די „מארגן־פרייהייט" אין די לעצטע יארן פארלארן בלויז עטלעכע צענדליק לייענער. שטימט דאס אויך ניט. איך האב געלייענט די לעצטע עטלעכע יאר, אז צו די קאנצערטן פון די קלובן, וועלכע פלעגן פארקומען אין פעוורואל, אדער מארט, ווען די וועטערן זיינען שלעכטע, זיינען געקומען ארום 2.500 מענטשן, אבער צו די „מארגן־פרייהייט"־יובילייען אין אפרעל, ווען דער וועטער איז שענער, ווארעמער, פלעגן נאר קומען 800 — 1000 מענטשן. פארוואס האבן ארום 1500 מענטשן באיקאטירט די „מארגן־פרייהייט"־קאנצערטן? איך דענק, אז דער איינציקער וועג, די „מארגן־פרייהייט" זאל ווידער אופלעבן, איז, זי זאל אופהערן צו זיין אנטיסאוועטיש, אופהערן גיין צוזאמען מיט די רעאקציאנערן קארטער, דזשעקסאן, מאיניהען און אנדערע פון דעם מין. איר האט דאך ניט קיין שום איינפלוס אפן סאוועטנפארבאנד. איר פארסאמט נאר די מויכעס פון א געוויסער צאל לייענער.

סעם סניידער, מיאמי ביטש"

אף דער זיצונג פון דער „מארגן־פרייהייט"־פארוואלטונג, ווו ס'איז אנגענומען געווארן דער אויבנדערמאנטער באשלוס, האט פ. נאוויק אויסגעשריגן: „די „מארגן־פרייהייט" איז א קארבן פון דער אינפלאציע!" דאס איז א האל־בער עמעס. דער גאנצער עמעס איז, אז די פראגרעסיווע יידישע פאלקס־צייטונג איז א קארבן פון די רענעגאטן פ. נאוויק, כ. סולטער און זייער גלייכן.

אין א קאמענטאר פון דער רעדאקציע בייסן אפשליסן די פאלעמיק מיט דער דאזיקער שאדן־גרופע האט „סאוועטיש היימלאנד" (נומער 2, 1978) געשריבן: „די געשעענישן אנטוויקלען זיך איצט מיט אזא שנעלקייט, און זיי פאדערן אזוי קאטעגאריש א קלארע און באגרינדעטע שטעלונג, אז לאנג אופהאלטן זיך הינטער א נעפל פון ביליקער פראזעאלאגיע וועט קיינעם זיך ניט איינגעבן. וואס איז שייך די יידישע געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס און זייערע צייטונגען און זשורנאלן אין די לענדער פון דער וועלט, איז, קאן זיין, קיינמאל נאך מיט אזא קראפט, ווי איצט, ניט געשטאנען פאר זיי די פראגע: מיט וועמען זיינט איר? אף דער דאזיקער פראגע וועט געבן אן ענטפער די צייט".

אין מעשעך פונעם לעצטן יאר האט די צום פאליטישן דנא געפאלענע רעדאקציע פון דער „מארגן־פרייהייט" ניט דורכגעלאזט קיין מינדסטע מעגלעכקייט צו ווארפן שמוץ אפן סאוועטנפארבאנד, אף דער קאמוניסטישער פארטיי פון אמעריקע, ארומטראגנדיק זיך דאס מיט דער איפעשדיקער סכוירע, וועלכע הייסט דיסידענטן, דאס מיט אבידעס און סקאנדאלן, פארוואס מע באאולט, נעבעך, די ציוניסטן. און „מיטאמאל" איז קלאר געווארן, אפילע פאר די רענעגאטן, אז עס האט געפלאצט דאס געדולד בא דעם פראגרעסיוון יידישן פאלקסמענטש אין ניו־יארק, טשיקאגא, פילאדעלפיע, לאס־אנדזשעלעס, מיאמי און אין אלע אנדערע אמעריקאנער שטעט, ווו עס לעבן די רעוואליוציאנערע ווינטשעווסקי־אלגין־טראדיציעס.

ווייל — דעם עמעס גערעדט: וואס פאר א פראגרעסיווער מענטש וועט זיך לאזן אפנארן א לאנגע צייט מיט סאציאלער דעמאגאגיע, וועלכע איז געריכטעט קעגן זיינע הייליקע אידעאלן, און דערביי זאלן די אפנארער פרעך פאדערן, ער זאל מאטעריעל אונטערהאלטן זייער טעטיקייט. איינער אן אנהענגער פון דער שעדלעכער ליניע פון דער איצטיקער „מארגן־פרייהייט", וועלכער שרייבט זיך אונטער „בערל פון פילאדעלפיע", האט אף אט אזא אויפן איבערגעגעבן (אינעם נומער פארן 27 אווגוסט 1978) די לאגיק פון די פאשעטע פאלקסמענטשן: „זייער פלאן איז (ניט מיינער): מע מוטשעט אונדז די לעצטע 3 יאר, קימאט 10 מאנאטן אין מעשעך פון יעדן יאר, — געלט, געלט! מע רייסט די הויט פון די, וואס קאנען געבן, און פון די, וואס קאנען ניט... עס גייט שוין איבער דעם האלדז. „און „זיי" (ניט ער. —

רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד״.) טראָגן ארויס דעם פסאקדין: „זאָל די „מאָרגן־פרייַהייַט״ דערשייַנען איין מאָל אין וואָך״. אין איר ענטפער מוז די רעדאקציע אנערקענען: „עס זייַנען דאָ א צאָל לייענער פון דער „מאָרגן־פרייַהייַט״ — און עס איז שווער צו שאצן זייער צאָל, וועלכע מאכן ניט קיין באשטייַערונגען צו דער צייַטונג, ווייַל זיי זייַנען ניט אייַנשטימיק מיט איר פּאָליטישער ליניע.

אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן!

אין גאנג פונעם לעצטן יאָר איז ביז גאָר פארשארפט געוואָרן די פּאָליאריזאציע פון די פּאָליטישע קויכעס. פון איין זייַט, איז אקטיוויזירט געוואָרן דער ווידערשטאנד קעגן דעם באשייַמפערלעכן פאראט פון די רעוואָליוציאָנערע אידעאלן, וועלכער שפּארט ארויס פון יעדן נומער פון דער אמאָל פּראָגרעסיווער צייַטונג; פון דער צווייטער זייַט, איז שטארקער געוואָרן דער דרוק פונעם אנטיקאָמוניסטישן עלעמענט, וועלכער טראָגט אריַין די טויזנט דאָלער אָדער האלט אונטער די לויבעריי־העצקע ארום דער „נייַער ליניע״ און פּאָדערט דערפאר צו מאכן אויסדריקלעכער דעם רענעגאטישן קורס. פארשטייט זיך, אז פארלירנדיק די מאסן, קאָן שוין די צייַטונג ניט אויסמייַדן דאָס מאזל אלץ מער און מער אייַנגעשרומפּן צו ווערן און באקומען דעם שעם פון א פּערזענלעכער אכרייַעסלאָזער אויסגאבע פונעם רעדאקטאָר נאָוויק און פון דעם מיטרעדאקטאָר סולער.

וויַאזוי זעען אויס אין דער שייַן פון אָט די געשעענישן די פּאָליטישע באנקראָטן? פּ. נאָוויק האָט זיך אראָפּגעקייַקלט ביז צו פּראוועץ לעכערלעכע אילויזיעס. אין זייַן קאָלום „טאָג־איַין, טאָג־אויס״ (20 סענטיאבער 1978) טראָגט ער אונטער דעם לייענער אזעלכס, וואָס זעט אויס סייַ פּאקטיש, סייַ פון אידייַשן שטאנדפּונקט ווי זעלבסטאָפּלאכונג. „מאָנטיק, — פארגייט ער זיך אין א זיסער אויסטראכטעניש, — איז אריַינגעקומען אין רעדאקציע אן אויסגעהאָרעוועטער „ריטאיערטער״ ארבעטער (זייַן פאמיליע? זייַן „ריטאיערטער״ פאך? — דאָס זאָגט ניט נאָוויק, ווייַל אזא „ארבעטער״ איז בא אים אין רעדאקציע ניט געוועזן... רעד. „סאָוועטיש היימלאנד״.), א פארזאָרגטער און א פריילעכער: פארזאָרגט — ווייַל ער האָט געהערט, אז די „מאָרגן־פרייַהייַט״ איז אין א נויט, און א פריילעכער, ווייַל ער האָט באלד ארויסגענומען א טשעק פון טויזנט דאָלער און איבערגעגעבן דער צייַטונג״. ווי רייַך און זאָרגלאָז עס לעבט זיך די אמעריקאנער ייִדישע ארבעטער בייס דער שוידערלעכער אינפליאציע, פון וועלכער ס׳קומט אום די „מאָרגן־פרייַהייַט״! ניט עמעס? — מע דארף שוין גאָר ניט קיין סאָציַאלע רעוואָליוציע...

ווי עס זעט אויס, טרוימט נאָוויק צו פארבעסערן דעם מאטעריַעלן מאצעוו פון דער „מאָרגן־פרייַהייַט״, אָנשליסנדיק זי צו די פאָנדן, וועלכע זייַנען אויסגעטיילט געוואָרן פון די ציַעניסטישע צענטערס נאָך דער שווינדלערייַשער „וועלט־קאָנפערענץ פון ייִדישער קולטור״ אין יערושאָלאַיִם. אין דער „מאָרגן־פרייַהייַט״ (7 סענטיאבער 1978) לייענען מיר אין אן ארטיקל מיטן אונטערשריפט „פּייסעך״: „אָט ליגט פאר מיר דער באריכט פון דער קאָנפערענץ פונעם „וועלט־ראט פאר ייִדיש״ אין ייִסראָעל. א ספּעציַעלע רעזאָליוציע איז דאָרט אָנגענומען געוואָרן, לויטן פאָרשלאָג פון יויסעף זאלצבורג פונעם קאנאדער ייִדישן קאָנגרעס, צו שאפן א קאָמיטעט פון פּראָמינענטע ייִסראָעל־פערזענלעכקייַטן פאר א פאָנד צו פארזיכערן די ווייַטערדיקע עקזיסטענץ פונעם „פאָרווערטס״. די אזויגערופענע אפּעטראָפּסים פון ייִדיש ווייסן ניט, ווייַזט אויס, אז עס זייַנען פאראן אנדערע ייִדישע צייַטונגען, וועלכע פארדינען, מ׳זאָל זיי דערמאָנען, ארויסהעלפן...״

פּ. נאָוויק איז בא דער מיינונג, אז אין די לעצטע יאָרן האָט די „מאָרגן־פרייַהייַט״, אויף איר „נייַעם קורס״, שוין גענוג „פארדינסטן״, אז די אנטיקאָמוניסטישע, אנטיסאָוועטישע פאָנדן זאָלן איר ארויסהעלפן אין דער ביטערער סיטואציע, ווען די ייִדישע פאָלקסמאסן האָבן זיך פון איר אָפּגעווענדט...

נו, און וואָס איז שייַעך נאָוויקס קאָמפּאניאָן, דעם שטומפּיקן סולער, וועלכן דער רעדאקטאָר האָט שוין, ווי עס איז צו זען פון דער צייַטונג פארן לעצטן יאָר, קימאט אינגאנצן איבערגעגעבן די לייצעס, איז ניט פאראן קיין נויטווענדיקייַט צו אויסטייַטשן זייַן „פּאָזיציע״, ווייַל אין דער לעצטער צייַט האָט ער אליין שוין אראָפּגענומען די מאסקע און יעדערער זעט, אז דאָס איז אן אנטיסאָוועטיסט, וועלכער איז גענייגט אָנצווענדן מעטאָדן פון פּאָליטישער פּראָוואָקאציע.

וואָס איז געבליבן צו זאָגן אין אָט דעם שווערן מאָמענט, וועלכן עס לעבט איבער די ייִדישע פּראָגרעסיווע באוועגונג? מיר, סאָוועטישע שרייַבער און קולטור־טוער, האָבן נאָך דאן, ווען די „מאָרגן־פרייַהייט״ האָט זיך געפונען אין אָנהייב פונעם פאלשן וועג, וועלכער האָט דערפירט דערצו און וועלכער איז מעסוגל צו ברענגען אין דער נאָענטער צוקונפט פיל מערער קאטאסטראָפאלע אנטוויקלונגען, — דעמלט נאָך האָבן מיר ארויסגעזאָגט אונדזער שטוינונג און אונדזער ווייטעק.

איינצייַטיק דריקן מיר אויס אונדזער טיפן גלויבן אין די געזונטע קויכעס פונעם פּראָגרעסיון ייִדישן יישעוו אין אמעריקע און אין אנדערע לענדער.

■

א שאָלעם־אלייכעם־מוזיי אין דער געבורטשטאָט פונעם שרײַבער

דעם 10 סענטיאבער ד. י. איז אין שאָלעם־אלייכעמס געבורטשטאָט פּערעיאסלאוו (הײַנט פּערעיאסלאוו־כמעלניצקי) פײַערלעך גע־עפנט געוואָרן א שאָלעם־אלייכעם־מוזיי. אפן מיטינג זײַנען בײַגעווען א סאך פּערעיאסלא־ווער אײַנוווינער, סטודענטן פון דער היגער פּע־דאגאָגישער שול, שילער, געסט, טוריסטן. גע־עפנט דעם מיטינג האָט דער סעקרעטאר פונעם פּערעיאסלאוו־כמעלניצקער שטאָטקאָם פון דער פּארטיי וו. גובאנאָוו:

— דעם 2 מארט 1979 וועט ווערן 120 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער גרויסער קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור, אונד־זער לאנדסמאן שאָלעם־אלייכעם. די פּערעיא־סלאווער אײַנוווינער האָבן ליב און שעצן הויך זײַן שאפונג, זיי האָבן א סאך געהאָלפן אײַנעם שאפן דעם דאָזיקן מוזיי — אופגעזאמלט פיל אוניקאלע עקספּאָנאטן, וועלכע דערציילן וועגן דעם שרײַבערס לעבן און שאפונג. מיר זײַנען זיכער, אז צו דעם שרײַבערס 120־טן געבורטס־טאָג וועט דער מוזיי דערגאנצט ווערן מיט נײַע עקספּאָנאטן.

מיט א רעדע וועגן שאָלעם־אלייכעמען איז ארויסגעטראָטן דער שטעלפארטרעטער פונעם דירעקטאָר פון מוזיי מ. יערמאָלײַעוו. דער מיט־גליד פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד" ה. פּאָליאנקער האָט באגריסט דאָס עפענען דעם מוזיי און איבערגעלייענט לידער פון פארשיידענע שרײַבער, געווידמעט שאָלעם־אלייכעמען. דער ליבהאָבער פון ביכער אי. טשובינסקי האָט אונטערגעטראָגן דעם מוזיי מאטאָנעס, צווישן זיי — כפייצים, וועלכע האָבן געהערט פּערזענלעך שאָלעם־אלייכעמען.

דער סעקרעטאר פונעם שטאָטקאָם פון דער פּארטיי וו. גובאנאָוו שנײַדט איבער די רויטע סטענגע און לאדט אײַן דעם אוילעם צו בא־קוקן די צימערן און עקספּאָנאטן.

דער מוזיי געפינט זיך אין א הויז, וואָס איז טיפּיש פארן XIX יאָרהונדערט. אין וועסטיביול הענגט א גרויסער שאָלעם־אלייכעם־פּאָרטרעט, באפּוצט מיט די ווערטער פון מאקסים גאָרקי אין זײַנעם א בריוו צום שרײַבער:

„אופריכטיק געאכטעטער קאָלעגע! אײַער בוך באקומען, געלייענט, געלאכט און געוויינט. א וווּנדערלעך בוך... דאָס בוך איז מיר זייער גע־פעלן — איך כאזער איבער נאָכאמאָל — א פּרעכטיק בוך! עס שפּרודלט מיט אזא פײַנער גוטסקײַט און קלוגשאפט, מיט אזויפיל ליבע צום פאָלק".

באנאנד מיט מאקסים גאָרקיס טעקסט גייט די ליד פון מאקסים רילסקי:

ווו טרערן זײַנען און געלעכטער,
שאָלעם־אלייכעמס קלינגען ווערטער,
דאָרט — אף פּערעיאסלאווער ערד —
איין פּײַן צוויי פעלקער האָט גענערט.
געלעבט, געטרוימט אין מי און פרידן
האָבן אוקראינער און ייִדן.
(ייִדיש — כ.ביידער)

אין איינעם פון די עקספּאָזיציעס איז גע־בראכט, באנאנד מיטן שרײַבערס פּאָרטרעט (קינסטלער ה. אינגער), די ארויסזאָגונג פונעם אקאדעמיקער א. קאָרנייטשוק:

„דער רומפולער זון פונעם ייִדישן פאָלק שאָ־לעם־אלייכעם איז אייגן און נאָענט אוקראִינע ניט בלויז דערמיט, וואָס ער האָט דאָ געלעבט, געשאפן, מאָלנדיק מיט גרויס ליבע די אוקראִי־נישע נאטור. ער איז אונדז אייגן און נאָענט קוידעמקאָל דערפאר, וואָס ער האָט זײַן הארץ, זײַן ליבע, זײַן גלענצנדיקן טאלאנט געשענקט דעם האָרעפּאשנעם פאָלק".

אפן בילד פונעם קינסטלער יו. כימיטש איז באוויזן דאָס הויז פון נאָכעם ראבינאָוויטש — שאָלעם־אלייכעמס פאָטער. עס זײַנען עקספּאָ־נירט פאָטאָגראפיעס פון פּערעיאסלאוו פון XIX

שאָלעם־אלייכעם אין איטאליע

שאָלעם אלייכעם און דער רוסישער שרײַבער
וו. טשאגאָוועץ

יאָרהונדערט. א רעאַליסטישע פאָרשטעלונג פון פּערעיאסלאוו פון יענער צײַט גיבן די בילדער פונעם קינסטלער ז. טאָלקאטשאָוו „א פּייזאזש מיט א הייפל“, „שכיינים“, „דער קאס פון א ייִדענע“, פונעם קינסטלער מ. גאָרשמאן „דער מארק“, „א וועטשערינקע“, „אף א שטעטלשער גאס“.

אינעם מוזיי קאָן מען זען עקספּאָנאטן, וועלכע האָבן אן אינטימע שײַכעס צו שאָלעם־אלייכעמען: א צײַגעניש, אז ער האָט געענדיקט די אויעזד־שול, א פאָטאָגראפיע, אף וועלכער עס זײַנען באוויזן דער שרײַבער מיט זײַנע היימישע און באקאנטע. אינטערעסאנט זײַנען די איליוסטראציעס פון ז. טאָלקאטשאָוון צו „טעוויע דער מילכיקער“. די זײַטן פונעם בוך „טעוויע“ זײַנען באפּוצט מיט אן אוקראיִנישן קאָלאָריט, מיט פאָלקסווערטלעך, שפּריכווערטער, בילדער פון דער אוקראיִנישער נאטור.

א גרויסן אינטערעס שטעלן פאָר די עקספּאָזיציעס, געווידמעט שאָלעם־אלייכעמען דעם קינדער־שרײַבער, שאָלעם־אלייכעמען דעם דראמאטורג. עס זײַנען באוויזן עסקיזן פון די טעאטראלע קליידער, וואָס עס האָט אויסגעפילט דער פאַרדינסטפולער קולטור־טוער פון אוקראיִנע א. פלאקסין צו דער שטעלונג פון „בלאָנדזשנדע שטערן“, פאָטאָגראפיעס פון מ. קרושעלניצקי אין דער ראָל פון טעוויען, פון ש. פיגנעראָווע אין דער „פארקישעפטן שנײַדער“, אפישן פון מאָסקווע, אָדעס, טשערנאָוויץ און אנד. שטעט וועגן די שטעלונגען פון שאָלעם־אלייכעמס פּיעסן.

די באזוכער שטעלן זיך אָפּ בא די פאָטאָגראפיעס, אף וועלכע עס זײַנען באוויזן שאָלעם־אלייכעם מיטן זיידן פון דער ייִדישער ליטעראטור — מענדעלע מויכער־ספאָרים.

מיר גייען ארײַן אינעם צימער פון נאָכעם ראבינאָוויטש. שאָלעם־אלייכעם האָט, ווי מע דערציילט, ליב געהאט דאָרט צו פאַרברענגען. א שרײַבטיש, אן עטאזשערקע, א פוטליאר פאַר די ברילן, פּענסנע, אפן טיש — שרײַבגעצײַג, א פאָטאָקאָפּיע פון מאנוסקריפּטן, א בוך פון ל. טאָלסטאָי, פאָרטרעטן פון ט. שעווטשענקאָ, ל. טאָלסטאָי, א. טשעכאָוו, מ. גאָרקי. דער אינטעריער איז געמאכט אזוי געלונגען, אז מע זעט א טיפּישן צימער פונעם XIX יאָרהונדערט: א הילצערנע בעט, א טיש, אן אלמער, א סערוואנט, א קאָמאָד. אין בופעט און אין קופערט — געפעס פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט, אפן טיש — א טישטעך, א סאמאָוואר, א שפּיגל (געבראכט פון קראסנאָארמייסקי־גאס אין קיִעוו, ווו שאָלעם־אלייכעם האָט געוווינט). אלץ זעט אויס אזוי, ווי דער באלעבאָס וואָלט נאָרוואָס ארויס פונעם צימער.

אין די עקספּאָנאטן פונעם מוזיי איז פאראן א היפּש פּעקל בריוו פון שאָלעם־אלייכעמען. די בריוו האָט איבערגעגעבן דעם מוזיי שאָלעם־אלייכעמס אייניקל בעל קויפמאן. די גאנצע עקספּאָזיציע באווײַזט די גרויסע פרײַנטשאפט פון שאָלעם־אלייכעמען מיט די פּראָגרעסיווע טוער פון דער רוסישער און אוקראיִנישער קולטורן.

די פּערעיאסלאווער אײַנוווינער האָבן אויס ליבשאפט און אכטונג צו זייער געניאלן לאנדסמאן ניט געשאנעוועט קיין מי, קעדיי צווישן אנדערע ליטעראטור־היסטאָרישע מעמאָריאלן זאָל פאַרנעמען זײַן אָרט דער שאָלעם־אלייכעם־מוזיי, וואָס איז אן עמעסע צירונג פונעם אוקראיִנישן ייִשעוו, ווו ער שטייט.

מע דאַרף דערמאָנען צום גוטן די געטרײַע ארבעט פונעם מוזיי־קאָלעקטיוו און זײַן דירעקטאָר מ. סיקאָרסקי, וועלכע טוען זייער זאך מיט ליבע און קענטעניש.

מאריע איילענקריג

די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד“ האָט באקומען א בריוו

א דאנק אײַך, טײַערע פרײַנט!

דער טאָג, ווען עס איז געעפנט געוואָרן דער שאָלעם־אלייכעם־מוזיי, איז געווען אן עכטער פריידיקער יאָמטעוו בא די אײַנוווינער פון פּערעיאסלאוו־כמעלניצקי. דער מוזיי געפינט זיך אפן טאראסאָווערג, וווהין עס פלעגט ליב האָבן צו קומען שאָלעם־אלייכעם. פונעם בארג פלעגט ער קוויקן זיך מיט די כוואליעס פונעם גראָען דניעפּער.

מיר האָבן ליב שאָלעם־אלייכעמען ניט בלויז דערפאַר, וואָס ער איז אונדזערער א לאנדסמאן. מיר האָבן אים ליב פאַר זײַן דינסט דעם פּאָשעטן פאָלק. אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאַטרעלענדישער

מילכאָמע האָבן מיר זייער א סאך איבערגעלעבט, און שטענדיק, אין די שווערסטע מאָמענטן, איז צווישן די פרײַנט אונדזערע געווען שאָלעם־אלייכעם, געווען בוכשטעבלעך אין די אָקאָפּעס. עס געדענקט זיך, ווי דער פּאַרטאָרג פון אונדזער דיוויזיאָן האָפּמאַן, א מענטש מיט אן אײַזערנעם ווילן און גרויסן טאַלאַנט, פלעגט בייס די ביטערע שלאַכטן אין מיזרעך־פּרײַסן, ווען מיר האָבן זיך געקליבן שטורעמען קעניגסבערג, ארויסנעמען פון זײַן רוקזאַק שאָלעם־אלייכעמס א ביכל און לייענען פאר אונדז אין דער זעמליאַנקע. מיר האָבן געלאַכט, געפרייט זיך און פארגעסן אונדזערע שווערע איבערלעבונגען.

אָט פארוואָס די עפענונג פונעם שאָלעם־אלייכעם־מוזיי איז פאר אונדז אזא גרויסער יאָמטעוו.

פון טיפסטן הארצן דאנקען מיר די אקטיווע אָנטיילנעמער אינעם אָרגאַניזירן דעם מוזיי, די כאַווײרים אי. טשובינסקי, מ. טאלאלאיעווסקי, ה. פּאַרליאַנקער, יע. סמאָליטש, ג. קראַוווצאָוו, י. טשיטשעלניצקי, כ. ביידער, ס. קיפּניס, י. שוסטער, מ. אייַלענקריג. באַזונדערס ווילט זיך אויסטיילן די אקטיווע מיטארבעטער פונעם פּרעכטיקן מוזיי, די כאַווײרים ז. גאָנטשארוק, מ. סיקאָרסקי, אי. בארסקאיא, יע. יוזוויקאָווא, ג. סליוסאר, וו. קאַמענטשוק.

א גרויסן דאנק אײַך, טײַערע פרײַנט!

מ. י ע ר מ אָ ל ײַ ע וו,

שטעלפארטרעטער פונעם דירעקטאָר פון דעם שאָלעם־אלייכעם־מוזיי אין פּערעיאסלאוו־כמעלניצקי.

רעפּאָרטאַזשן וועגן דער דערעפענונג פונעם מוזיי זײַנען פארעפנטלעכט אין די צײַטונגען „ליטעראַטורנאיא גאזעטא“ (מאָסקווע) פון 4 אָקטיאבער און „קולטורא אי זשיטיא“ (קיִעוו) פון 17 סענטיאבער.

כראָניק

נײַעס פון אויסלאַנד

א פילם וועגן מאוריצי גאָטליב

אין טעל־אוויווער קונסט־מוזיי איז באוויזן געוואָרן א דאָקומענטאלער פילם וועגן דער שאפונג פונעם יִדישן מאָלער מאוריצי גאָטליב, וועמענס הונדערטסטער יאָרצײַט איז צונויפגעפאלן מיטן ארויסלאָז פון דער קינאָ־לענטע.

פאר זײַן קורץ לעבן (געשטאָרבן אין עלטער פון 23 יאָר) האָט דער קינסטלער באוויזן צו שאפן ווערק, וועלכע האָבן אים אוועקגעשטעלט צווישן די גרעסטע מײַסטערס פון דער יִדישער מאָלערײַ. אין די לעצטע פּאָר יאָר זײַנען געפונען געוואָרן זײַנע אומבאקאנטע בילדער, וואָס זײַנען פארשוווּנדן געוואָרן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע.

אינעם פילם ווערן געבראכט פּראָטים פון מ. גאָטליבס פּערזענלעך לעבן, וועגן זײַן קאלע לעאָרא אונזפעלד־הענשל, וועלכע ער האָט פארייביקט אין זײַן „יאָמקיפּער־בילד“.

פלענום פונעם ארגענטינער „איקוף“

עס איז פּאָרגעקומען א פארברייטערטער פלענום פונעם צענטראלן „איקוף“־ראט פון ארגענטינע, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באטייליקט אלע בוענאָס־אײַרעסער שטאָט־אָרגאניזאציעס און פאָרשטייער פון דער פּראָווינץ.

אלס געסט זײַנען בײַגעווען טוער פונעם ארגענטינער שאָלעם־ראט, פון דער ליגע פאר מענטשן־רעכט (פיליִאל „ראָזענבערג“), פאָרשטייער פון דער פּראָגרעסיווער יִדישער פּרעסע.

צום פלענום האָט דער „איקוף“־סעקרעטאריאט צוגעגרייט א ברייטן טעטיקײַט־באריכט, אן אנאליז פון דער אקטועלער פּראָבלעמאטיק איבער פראגן פון קאָאָרדינאציע, דערציִונג, קולטור.

נאָכן באריכט פונעם סעקרעטאריאט זײַנען ארויסגעטראָטן מיט מיטיילונגען וועגן זייער ארבעט אלע „איקוף“־אינסטיטוציעס און קאָמיסיעס.

א ספּעציִעלע בעראטונג איז געווען געווידמעט די קולטור־פּראָבלעמען פון דער יוגנט.

אפן פלענום איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אז דער „איקוף“ האָט פאר דער לעצטער צײַט באקומען נײַע אקטיוויסטן, באזונדערס צווישן דער יוגנט אין דער פּראָווינץ.

עקסקורסאנטן אין מאטהאוזען

די באזעלער צײַטונג „יודישע רונדשאו“ האָט אין אן ארטיקל וועגן מאטהאוזענער מוזיי מיטגעטיילט, אז אין מעשעך פון א יאָר האָבן אָט דעם עסטרײַכישן יִדישן מעמאָריִאל באזוכט 42 טויזנט מענטשן, ארײַנגערעכנט 477 עקסקורסיעס פון עסטרײַכישע שילער און סטודענטן און 27 עקסקורסיעס פון אנדערע לענדער. צווישן די דערוואקסענע האָבן זיך געפונען 7 טויזנט טוריסטן פונעם ראטנפארבאנד, 6 טויזנט פון איטאליע, 2 טויזנט פון פראנקרײַך, 6 הונדערט פון שפּאניע אא.

א בוך וועגן די פּראָגער יִדן

דער יִדישער פארלאג אין פראנקפורט־באם־מײַן, וועלכער איז געווען טעטיק אין די יאָרן 1902 — 1933, און אָנהייבנדיק פון 1950 האָט ער ווידער פּאָרגעזעצט זײַן עקזיסטענץ אין מײַרעוו־בערלין, האָט ארויסגעגעבן א באנד אונטערן טיטל „יִדן פון פּראָג“.

דאָס איז א זאמלונג פראגמענטן פון באקאנטע יִדישע שרײַבער, וועלכע האָבן געלעבט און געשאפן אין טשעכאָסלאָוואקיע.

די טעקסטן געהערן צו מאקס בראָד, פראנס קאפקא, עלזא לאסקער־שילער, איזידאָר פּאָלאק, ראָבערט וועלש, פראנץ ווערפל און אנד. דער באנד איז איליוסטרירט מיט פאָטאָגראפיעס פון דעם יִדישן מוזיי אין פּראָג.

צום 60־טן געבורטסטאָג פון רוּוון סינײַ

אין בוענאָס־אײַרעס איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 60־יאָריקער יובילײ פונעם דיכטער, פּובליציסט און געזעלשאפטלעכן טוער רוּוון סינײַ. אפן אָוונט, געווידמעט דעם יובילאר, זײַנען ארויסגעטראָטן מיט באגריסונגען פאָרשטייער פון פארשיידענע „איקוף“־אינסטיטוציעס. זיי האָבן באטאָנט די גרויסע פארדינסטן פון רוּוון סינײַ אין דער פּראָגרעסיווער יִדישער באוועגונג, אין וועלכער ער האָט זיך אָנגעשלאָסן נאָך אין דער פריִער יוגנט אונטער דער ווירקונג פון זײַן פאָטער מיכל סינײַ — דעם גרינדער פון דער ערשטער יִדישער צײַטונג אין ארגענטינע.

אין דער קאָנצערט־אָפּטיילונג פונעם אָוונט האָט די אקטריסע סאריטא סאָלניק אויסגעפילט רוּוון סינײַס לידער.

אַ וועטעראַן פון דער ייִדישער בינע

י. זשאַבאָטינסקי

פילפאַרביק און אייגנאַרטיק איז געווען דער שעפערישער וועג פונעם פאַרדינסטפולן אַרטיסט פון דער אוקראַיִנישער רעפובליק יִיצכאָק זשאַבאָטינסקי. די נאַטור האָט אים באַשאָנקען מיט אַ שלאַנקער פיגור, מיט אַ הייסן טעמפעראַמענט, מיט אַ האַרציקער שטים, מיט פערזענלעכן כיין, און אָט די אַלע אייגנשאַפטן האָבן אָפגעשפילט אַ וויכטיקע ראָליע אין זײַן אַקטיאָרישער טעטיקייט. אָבער מערער פון אַלץ האָט אים געדינט זײַן נאַטירלעכע באַגאַבטקײַט.

געבוירן אין אַ קליין שטעטעלע פון טשערקאַסער געגנט אין אוקראַיִנע, האָט זשאַבאָטינסקי נאָך אין די קינדער־יאָרן אַרויסגעוויזן פייִקייטן צו טעאַטער. ווען אין טשערקאַס, וווּהין די מישפאָכע איז אַריבערגעפאָרן, האָט זיך איינמאָל באַוויזן אַ צירק, איז דאָס נײַן־יאָריקע באָכערל אַזוי געוואָרן אַנציקט פון אָט דער קונסט, אַז ער האָט אָנגעהויבן כאָלעמען וועגן אַ „צירק־קאַריערע”. אין אַ שטאַל פלעגן אונטער זײַן אָנפירונג אײַנגעאָרדנט ווערן אימפראָוויזירטע פאָרשטעלונגען, אין וועלכע ער האָט אויסגעשפילט די ראָלן פון אַ קלאָון, זשאָנגליאָר און גימנאַסט. דאָס אַלץ איז אים שפעטער צוניץ געקומען אויף דער בינע.

ס'דאַרף זיך טרעפן, אַז אין טשערקאַס קומט צו פאָרן אַ ייִדישע וואַנדער־טרופע, וועלכע האָט אופגעפירט יאַנקעוו גאָרדינס פיעסע „גאָט, מענטש און טײַוול”. די אײַנדרוקן פונעם ספעקטאַקל האָבן באַגײַסטערט דעם יונגן זשאַבאָטינסקין. טעאַטער ווערט בײַ אים אַן אינערלעכע באַדערפעניש. ער אָרגאַניזירט דראַמקרײַזן, נעמט אָנטייל אין פאַרשיידענע ספעקטאַקלען פון וואַנדער־טרופעס, וועלכע פלעגן אָפט גאַסטראָלירן אין טשערקאַס.

די זיסע טרוימען וועגן טעאַטער באַגעגענען זיך אָבער מיט דער ביטערער ווירקלעכקײַט. די גרויסע און אָרעמע מישפאָכע זשאַבאָטינסקי בידנעט. יִיצכאָק ווערט אַ שוואַרצאַרבעטער אויף אַ טאַבאַק־פאַבריק, שפעטער אַרבעט ער אויף דער אײַזנבאַן. אין 1919 גייט ער פרײַוויליק אוועק אין דער רויטער אַרמיי. נאָר אויך דאָ פאַרלאָזט אים ניט דער טרוים צו זײַן אַן אַקטיאָר. אין 1920 באַקאַנט ער זיך אין נאָוואָראָסייסק מיטן באַרימטן רעזשיסער מייערכאָלד און באַזוכט זײַנע לעקציעס, וועלכע מאַכן אויף אים אַ שטאַרקן רושעם.

נאָכן אומקערן זיך פון דער אַרמיי אָרגאַנירט זשאַבאָטינסקי אין טשערקאַס, צוזאַמען מיטן באַוווּסטן רעזשיסער פונעם אוקראַיִנישן טעאַטער אויפן נאָמען פון פראַנקאָ סעמידאָר, אַ ייִדישע דראַמאַטישע סטודיע, אין וועלכער עס אונטעריכטן טעאַטער־קונסט די אָנגעזעענע אַקטיאָרן גנאַט יוראַ, בוטשמאַ און אַנדערע. אין 1923 — 1924 פאָרט ער אַרום אויף גאַסטראָלן מיטן טעאַטער־קאָלעקטיוו אונטער דער אָנפירונג פון רודאָלף זאַסלאַווסקי. אײַנגיכן ווערט ער אײַנגעלאַדן אין קיִעווער טעאַטער „קונסט־ווינקל”, וווּ ער אַרבעט צוזאַמען מיט די טאַלאַנטפולע אַקטיאָרן בוגאָווע, קאַלמאַנאָוויטש, מייערסאָן, שײַקעוויטש, שיינבערג, רופינע און אַנדערע.

אין קיִעווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער (שפעטער אויפן נאָמען פון שאָלעם־אַלייכעם) איז זשאַבאָטינסקי געקומען שוין אַלס פראָפעסיאָנעלער אַרטיסט. מיט דער אַרבעט אין אָט דעם טעאַטער איז פאַרבונדן זײַן גאַנצער שעפערישער וועג.

זשאַבאָטינסקי האָט געשפילט העכער הונדערט ראָלן, געשאַפן אַ גאַלעריי פון זייער אינטערעסאַנטע, עמאָציאָנעל־אָנגעזעטיקטע רעאַליסטישע געשטאַלטן. פאַר דעם איז ער געוואָרן באַליבט און פאָפולער באַם צושויער.

י. זשאַבאָטינסקי אין דער ראָל פון האַצמאַכן („בלאָנדזשנדע שטערן”)

עס איז אומעגלעך אין א קורץ אַרטיקל געבן א גענויע אָפּשאַצונג פון אַלע געשטאַלטן, וועלכע זשאַבאָטינסקי האָט געשאַפן אויף דער בינע. מיר וועלן דאָ אָפּמערקן בלויז אייניקע.

ייִצחאָק זשאַבאָטינסקי אין דער ראָל פון באַר־קאָכבא אין האַלקינס פּיעסע. דער אַרטיסט שאַפט א געשטאַלט פון א שטאָלצן, מוטיקן קעמפער פאַר פרייַהייט פון זייַן פאָלק, קעגן דער אונטערדריקונג פון די רוימישע כאַיאָלעס.

אין דער ראָל פון פּילקע אַנאַרכיסט („אינטערוועניץ” פון ל. סלאַווין) זעען מיר זשאַבאָטינסקין — א בייגעוודיקן, ווי א שלאַנג, א העפקערדיקן, ציטערן, מיט אַלע אַנאַרכיסטישע גענגלעך.

און ווי האַרציק שפּילט זשאַבאָטינסקי די ראָל פונעם פריילעכן, לוסטיקן האַצמאַך — איינעם פון די „בלאָנדזשנדע שטערן” אין רעכטלאָזן צאַרישן רוסלאַנד. מיט טיפער דראַמאַטישקייט, וועלכע גייט איבער אין היוכן טראַגיזם, פירט דורך זשאַבאָטינסקי די לעצטע סצענע, ווען האַצמאַך — דער קראַנקער אויף שווינדזוכט, א רעזולטאַט פון וואַגלעניש, הונגער און נויט — שטאַרבט אויף דער בינע.

דאָס אַלגעמיינע, וואָס קאָן כאַראַקטעריזירן זשאַבאָטינסקין ווי אַן אַקטיאָר, איז זייַן ברייטער דיאַפּאַזאָן, דער אינערלעכער גרויסער עמעס, מיט וועלכן ער איבערצייַגט דעם צושויער אין יעדן געשאַפענעם געשטאַלט.

מיר ווינטשן אונדזער פרייַנט ייִצחאָק זשאַבאָטינסקין, מיט וועלכן מיר האָבן פיל יאָרן געאַרבעט צוזאַמען, געזונט און שעפעריש גליק.

ליִיב קייפּעץ,
כאַים אָסטראָווסקי

בראָניק

שעפערישער אָוונט פון הערש
אינגער

דער „קלוב פון ביכער־קינסטלער” און די סעקציע פון ביכער־גראַפיקער בא דער מאָסקווער אָרגאַניזאַציע פונעם קינסטלער־פאַרבאַנד פון רפססר האָט לעצטנס דורכגעפירט אין הויז פון דער מאָלערייַ־קונסט א שעפערישן אָוונט, געווידמעט דער שאַפונג פונעם ייִדישן מאָלער הערש אינגער.

אין צענטראַלן זאַל איז געווען פאַנאַנדערגעוויקלט אן אויסשטעלונג, אויף וועלכער עס זייַנען עקספּאָנירט געוואָרן פיל אַרבעטן פון ה. אינגערס גראַפישע סעריעס צו די ווערק פון שאָלעם־אַלייכעמען, די פּאָרטרעטן פון בעטהאָווענען, פּאַגאַניני, שאָסטאַקאָוויטשן, טשאַפּלינען, א ריי אַרבעטן פונעם ציקל „מייַן קינדהייַט” — דערמאָנונגען וועגן אומאַן, וווּ דער קינסטלער איז געבוירן געוואָרן.

געעפנט דעם אָוונט האָט איינער פון די וויכטיקסטע סאָוועטישע קונסט־פאָרשער פּראָפ. אַנדריי דמיטריִעוויטש טשעגאָדאַיעוו, וועלכער האָט געמאַכט אן איבערזיכט פון ה. אינגערס פיליאָריקער טעטיקייט אין דער סאָוועטישער קונסט אַלס מאָלער און גראַפיקער.

א טיפן אייַנדרוק אויף די בייַוועזנדע האָט געמאַכט דעם קינסטלערס נייַע אַרבעט — א טריפּטיך „דער פּאַרצעף פונעם פאַשיזם”.

צום שלוס פונעם אָוונט איז אַרויסגעטראָטן דער באַרימטער פידלער אַרנאָלד קאַפּלאַן, וועלכער האָט אויסגעפּילט ווערק פון בעטהאָווענען, שאָפּענען און ליסטן.

■ ■ ■

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

דער זשורנאַל און זײַנע לייענער

מײַן בײַטראָג

איך בין אַן אינוואַליד פון דער גרויסער פּאַטער־לענדישער מילכאָמע, כ'האָב אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן אַף „דער קליינער ערד". מיטן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט מיך באַקענט יוסעף מילכוד, אַ גרויסן דאַנק אים. איצט האָב איך אַליין שוין אויסגעשריבן דעם זשורנאַל אַפן 1979 און אַבאָנירט אַף אים זיבן באַקאַנטע. כ'האָף, אַז נאָך עטלעכע מײַנע כאַווײרים וועלן ווערן אייערע לייענער.

עס וואָלט געווען גוט, איר זאָלט בעהאַדראָגעדיק פאַרברייטערן די רעזומע, וועלכע איר דרוקט אַף רוסיש.

דערפאָלגן אײַך אין אײַער אַרבעט.

דעניס מאָלדאַווסקי,
לוואָוו.

פונוואַנען נעמען זיך נײַע לייענער?

מיר האָבן זיך באַגעגנט צופעליק, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און עס פאַרקניפּט זיך אַ שמועס. איך דערצייל מײַן מיטשמועסער, אַז עס עקזיסטירט אַן איבערזעצונג אַף יידיש פונעם עפּאָס „סלאָוואָ אָ פּאָלקו איגאָריעווע", אַז אַף יידיש קאָן מען לייענען פּושקינען און טאָלסטאָיען, איך דערצייל אים וועגן דעם אופשטאַנד אין סאָביבאָר בעראָש מיטן ראָס־טאָווער יידן אַלעקסאַנדער פּעטשערסקי.

— פונוואַנען ווייסט איר עס אַלץ? — וווּנדערט ער זיך.

— ס'איז ניט קיין סאָד. איך קאָן אײַך ווײַזן, אויב איר ווילט.

פאַרוואָס זאָל ער ניט וועלן?

גייען מיר צו מיר אַהיים.

מײַנע יערלעכע קאָמפּלעקטן פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" מאַכן אַף מײַן נײַעם באַקאַנטן אַ רושעם. ער בלעטערט זיי, טאַפּט זיי, פאַרהאַלט זיך מיטן בליק אַף איין זײַטל, אַף אַ צווייט, שעפּ־טשעט עפּעס. צוערשט פאַרשטיי איך ניט, וואָס עס קומט פאָר. דערנאָך ווערט מיר קלאָר: מײַן גאַסט דערמאָנט זיך יידיש. אַמאָל האָט ער געלייענט, איצט דערמאָנט ער זיך... ער בעט מיך, איך זאָל עפּעס איבערלייענען, טו איך עס מיט פאַרגעניגן. ער הערט זיך אופמעקזאַם אײַן.

— ווייסט איר וואָס? אַנטלײַט מיר אַן עקזעמ־פּליאַר „סאָוועטיש היימלאַנד" אַף אַ פּאָר טעג, — זאָגט מײַן נײַער באַקאַנטער אַ ביסל שעמעוודיק.

— אַדראַבאַ, — ענטפער איך. — נאָר איך קלער, אַז עס וואָלט בעסער געווען, איר זאָלט אַליין דעם זשורנאַל אויסשרײַבן.

— ערנסט?

בענעמאָנעס.

— גיט מיר דעם אינדעקס פונעם זשורנאַל.

באַווײַז איך אים אַפן טאָוול פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד", ווו עס איז אָפּגעדרוקט דער אינדעקס 70821. ער כאַזערט איבער: זיבעציק טויזנט אַכט הונדערט איין און צוואַנציק, און גיט צו:

— אַ דאַנק אײַך, פרײַנט.

און איך האָף, אַז ער וועט זײַן אַ לייענער פונעם זשורנאַל.

ג. ציגאַן,
דניעפּראָפּעטראָווסק

פאַרגרעסערן דעם איינצל־פּאַרקויף

ס׳האָט אַזוי פּאַסירט, אַז דעם זיבעטן און אַכטן נומער פאַרן פאַריקן, 1978 יאָר, האָב איך באַקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, די פּאָטשט האָט פאַרצויגן דאָס איבערגעבן מײַן באַשטעלונג. „מיילע, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — כ׳וועל קויפן דעם זשורנאַל אין אַ קיאָסק פון „סאָיוזפּעטשאַט״.

מײַן האָפענונג איז אָבער געווען אָן אומזיסטע. אָרענבורג באַקומט זייער ווייניק עקזעמפּליאַרן פאַרן איינצל־פּאַרקויף. די סיבע דערפון אין אַ פּאַשעטע: לויט די אײַנגעשטעלטע קלאַלים, שיקט אָפּ דער „סאָיוזפּעטשאַט״ אין דער אָדער יענער שטאָט אַזוי־פיל ניט אַבאָנירטע עקזעמפּליאַרן פון אַ זשורנאַל, וויפל עס באַשטעלן פאַרלויפיק די אָרטיקע קיאָסקערן.

איך פאַרשטיי זייער גוט, אַז דער האַנדל האָט זײַנע געזעצן, די קיאָסקערן, מיט וועלכע איך האָב געשמועסט, האָבן מיר באַוויזן אייניקע אויסגאַבעס, וואָס צעגייען זיך שווער, און ס׳איז נייטיק, אַז דער פּאַרקויפער זאָל וויסן דעם נאָכפרעג. איז עפשער קעדײַ אײַנפירן אין דער פּראַקטיק באַגעגענישן פון געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ מיט די קיאָסקערן פון דער שטאָט?

דער ציל איז — פאַרגרעסערן דעם איינצל־פּאַרקויף.

כאַנע איידעלמאַן,
אָרענבורג

אַ פרייד אין שטוב

איך בין אַלט 51 יאָר. איך האָב אַ מאַן און דרײַ זין. איינער איז שוין אַ כאָסענגעהאַטער, פאַרענדיקט דעם פאָלקסווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט, דער צווייטער אַרבעט און לערנט זיך. אונדזערע קינדער פאַרשטייען ייִדיש. ווען איך באַקום דעם זשורנאַל, ווערט אַ פרייד אין שטוב.

צו מיר קומען אַרײַן באַקאַנטע אויסצוהערן, ווי איך לייען. אייניקע פון זיי וועלן שוין, אימירצעשעם, אַליין זיך אַבאָנירן אויפן 1979 יאָר.

מאַניע ווײַסמאַן,
טשימקענט

זאָרגט זיך ניט: כ׳בין שוין געזונט

איך בין אַ ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פון אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״. שוין גאַנץ לאַנג בין איך אַ געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער. מיט מיר איז אָבער געשען אַן אומגליק: מאַכמעס אַ קאַטאַראַקטע האָב איך צוויי יאָר ניט געזען די ליכטיקע שײַן. כ׳האָב איבערגעטראָגן עטלעכע ערנסטע אָפּעראַציעס. איצט זאָרגט זיך ניט: כ׳בין שוין געזונט. די ווינניצער אָקוליסטן האָבן מיך אונטערגעהיילט, און איך זע בעסער.

אויף דעם 1979 האָב איך שוין אויסגעשריבן „סאָוועטיש היימלאַנד״, איצט פאַרנעם איך זיך מיט פאַרשפּרייטן אים בײַ אונדז אין כמעלניצקי. עטלעכע נײַע לייענער האָב איך שוין אַבאָנירט.

שלוימע פאַרבער,
כמעלניצקי

„סאָוועטיש היימלאַנד״ רופט אַרויס אינטערעס

לעצטנס בין איך געווען צוגאַסט אין קיִעוו, און איך האָב זיך אָן איבעריקס מאָל איבערצײַגט אין דעם שטאַרקן אינטערעס, וואָס דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ רופט אַרויס. מיט מיר איז פאָרגעקומען אַזאַ פאַל. איך האָב באַזוכט די אויסשטעלונג פון פּאַרפאָר־פּראָדוקציע אויפן קרעשטשאַטיק, און צופעליק האָט די פאַרוואַלטערן פון דער אויסשטעלונג ווערע ניקאָלײַעוונע מיראָנענקאָ דערזען בײַ מיר אין די הענט אַ פרישן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד״. זי האָט זיך געוווּנדערט: דאָס ערשטע מאָל זעט זי אַזאַ זשורנאַל. זי האָט געבעטן, כ׳זאָל איר געבן דעם נומער אַ בלעטער צו טאָן. באַם רעזומע האָט זי זיך פאַרהאַלטן אויף אַ מינוט צען. דערנאָך האָב איך איר דערציילט אייניקע פּראַטים, באַוויזן אַ צווייטן נומער מיט אַן אַרטיקל וועגן דעם באַראַנאָוויטשער פּאַרפאָר־זאַוואָד. געענדיקט האָט זיך דער שמועס מיט דעם, וואָס כ׳האָב איר געשאָנקען דעם זשורנאַל, וו. מיראָנענקאָ וויל באַווײַזן „סאָוועטיש היימלאַנד״ דעם מאַנס טאַטן און זײַנע אייגענע. זיי זאָלן וויסן, וואָס דער זשורנאַל שטעלט מיט זיך פאָר, זאָלן זיי אים אויסשרײַבן און לייענען.

איך פאַרזענלעך האָב אין קיִעוו אַבאָנירט אויפן 1979 יאָר עטלעכע נײַע לייענער צווישן זיי — מײַנע אַלטע באַקאַנטע: ג. גען, ט. באַרסוק, ב. שקאָלניק, פּ. ווײַזעל, אי. ציפּאַנסקי.

מײַן יוגנט־פֿרײַנט פּעפּאַן סירקאָווסקי, אַן אָוק־ראַינער, דערלערנט די ייִדישע שפּראַך, קעדיי לײ־ענען דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אין מאָסקווע וווינט די מעדיציניסטע שוועסטער וואַלענ־טינאַ סיסאָיעוואַ, וועלכע אינטערעסירט זיך מיט דער געשיכטע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, מיט דער ייִדישער ליטעראַטור. זי דערלערנט אויך ייִדיש און שרײַבט זיך אונטער אַף „סאָוועטיש היימלאַנד".

איך מיין, אַז מיר, די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרײ־טער פֿונעם זשורנאַל, דאַרפֿן אויסנוצן פֿאַרשיידענע מיטלען, קעדיי אים פּאָפּוליאַריזירן, כּוץ פּערזענלע־כע געשפּרעכן מיט פּאָטענציעלע לייענער, דאַרף מען, ווי איך קלער, זיך ווענדן צו אַ מער גרעסערער אאודיטאָריע. איך האָב וועגן דעם זשורנאַל, צום בײַשפּיל, אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין דער צײַטונג „ראַדיאַנסקאַ זשיטאָמירשטשינאַ" און גריט אַן אינ־פֿאָרמאַציע וועגן אים פֿאַר „ראַדיאַנסקאַ פּאָדיליאַ".

א. ראַבינאָוויטש,
מאָסקווע

דער „סאָיוזפּעטשאַט" העלפֿט די פֿאַרשפּרייטער

ווען איך האָב אָנגעהויבן די צוגרייטונגס־אַרבעט אַף צו פֿאַרשפּרייטן דעם זשורנאַל, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז די מיטאַרבעטער פֿון „סאָיוזפּעטשאַט" טוען אַ סאַך, קעדיי „סאָוועטיש היימלאַנד" זאָל דער־גיין צום לייענער. איך וויל באַזונדערס אָנרופֿן דעם כאָוער זאַרודי, וועלכער האָט זיך פּערזענלעך פֿאַר־נומען מיט פּאָפּוליאַריזירן דעם זשורנאַל. אַלס פֿירנ־דיקער טוער פֿון דער וויניצער געגנטלעכער אָפּטייִ־לונג פֿון „סאָיוזפּעטשאַט" האָט ער אונדז, געזעל־שאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטער פֿון „סאָוועטיש היימ־לאַנד", פֿיל געהאָלפֿן אין אונדזער אַרבעט.

שיע זינגער,
וויניצע

אַט וואָס פֿאַר אַ צופֿאַל...

איך האָב נאָך אין סאַמע אָנהייב פֿון דער אַבאָנ־ניר־קאַמפּאַניע דערזען, אַז אין 1979 וועלן מיר האָבן מער לייענער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד", ווי פֿאַראַ־יאָרן. אין דער ערשטער דעקאַדע פֿון סענטיאַבער האָב איך שוין אונטערגעשריבן 11 מענטשן.

אַט וואָס פֿאַר אַ צופֿאַל האָט דאָס מאָל געטראָפֿן. כ'האָב אַבאָנירט צוויי לייענער פֿון אַנדערע שטעט — פֿון וויניצע און פֿון דאָנעצק. ביידע האָבן זיי אָפּ־גערוט אין אַ ראַסטאָווער סאַנאַטאָריע. זאָלן מיר מוויכל זײַן די וויניצער און דאָנעצקער געזעלשאַפֿט־לעכע פֿאַרשפּרייטער, וואָס כ'האָב זיך אַרײַנגעמישט אין זייערע איניאַנים...

הערשל באַראַז,
ראַסטאָוו

ס'איז דער כוויוו פֿון יעדן לייענער

יעדעס מאָל, ווען איך פֿאָר אַרויס אין אַ שפּעדיי־שער קאָמאַנדירונג, סטאַרע איך זיך איינצייטיק עפּעס אופֿטאָן אין זין פֿון פֿאַרגרעסערן די צאָל לײ־ענער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד".

מיר האָט זיך אײַנגעגעבן אין אַ ריי שטעט און ראַיאָנצענטערן פֿון ווײַסרוסלאַנד שאַפֿן אַן אַקטיוו פֿון געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטער, וועלכע פֿאַרנעמען זיך סיסטעמאַטיש מיט דער אַבאָנירונג. די מער אַק־טיווע פֿון זיי וויל איך דאָ אָנרופֿן.

אין באָריסאָוו זײַנען די בעסטע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטער מיכאָעל עלווין און זאַלמען גערצי־קאָוו. ווען עס הייבט זיך אָן די אַבאָנירונג אַף זשורנאַלן און צײַטונגען, באַקומען זיי אין „סאָיוז־פּעטשאַט" ליסטעס און פֿירן דורך די אַרבעט אין אַלט־ און נײַ־באָריסאָוו. עס האָט זיך זיי אײַנגעג־עבן צו שאַפֿן מער פֿון 25 יערלעכע אַבאָנענטן פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד".

אין קאָסטיוקאָוויטשי (מאָהיליאָווער געגנט) פֿאַר־נעמט זיך אַקטיוו מיט דער אַבאָנירונג דער פּעדאַ־גאָג מענדל קאַזאַטשקאָוו, צוויי מאָל אין יאָר, אין מײַ און אין אָקטיאַבער, יאָוועט ער זיך צו די שטעט־דיקע לייענער און שרײַבט פֿאַר זיי אויס דעם זשור־נאַל אַף 6 כאָדאָשים.

ס'טרעפֿט, אַז דער זשורנאַל פֿאַרהאַלט זיך אין דרוק, דאַן האָבן די אַבאָנענטן צו אים טײַנעס, דאָס ווײַזט, אַז וויפֿל די לייענער וואַרטן מיט אומגע־דולד אַפֿן זשורנאַל.

פֿון די וויטעבסקער געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּריי־טער טיילט זיך אויס לייב יודאָווין, ס'טרעפֿט, אַז אים גיט זיך אײַן צו שאַפֿן באַ אַ צענדליק יערלעכע אַבאָנענטן בלויז אין מיקראָראַיאָן, ווו ער וווינט.

אין מאָזיר נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין פֿאַר־שפּרייטן דעם זשורנאַל אווראָם באַכמאַן און זלאַטע גינזבורג. אין האָמעל — דאַוויד כאַיעט.

איך האַלט, אַז פֿאַרנעמען זיך מיט דער אַבאָנירונג איז דער כוויוו פֿון יעדן לייענער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד".

הירש רעלעס,
מינסק

באַגעגענישן מיט לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אין די אַמעריקאַנער קעטסקיל־בערג

דאָס שטעטל טענערסוויל אין די קעטסקיל־בערג פונעם שטאַט ניו־יאָרק איז אַן אָרט פון מאַסן־אָפּרו. אונדזערע קינדער און אייניקלעך האָבן דאָרט אין פּאַרקן זומער געדונגען ווו צו וווינען און אויך אונדז אַהין אײַנגעלאַדן זיך אָפּרוען צוזאַמען מיט זיי.

ווינטער־צײַט איז דאָס דאָזיקע הויז איבערגעפּאַקט מיט ליזשע־ספּאָרטלער, וועלכע יאָגן זיך אויף זייערע הילצערנע קאָנקעס איבער די אַרומיקע פאַרשנייטע בערג. עס קאָנען זיך דאָ אײַנאָרדענען אַ מענטשן דרײַסיק — די באַלעבאַטים פונעם הויז גיבן איבער אין רשות פון די אָפּרוענדיקע אַלע זעקס שלאָפצימערן, צוועלף נאַרעס אויפן בוידעם, די צוויי עסצימערן און די קיכן. ווען איך מיט מײַן פרוי האָבן דאָרט אָפּגערוט, זײַנען מיר געווען דרײַ מישפּאָכעס פון צען דערוואַקסענע און פיר קינדער.

דער טייל פון די קעטסקיל־בערג, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט, ווערט אָנגערופן „דער איטאַליענישער" (פאַראַן דאָרט אויך אַ „יידישער טייל", וואָס שוויבלט מיט רײַכע יידן — טוריסטן). אין „איטאַליענישן" זײַנען מער קיין יידן ניט געווען, אָבער צופעליק האָבן מיר געהאַט אַ פריידיקע באַגעגעניש.

ס'איז געווען אין סאַמע ברען פונעם שטרײַק פון טויזנטער דרוק־אַרבעטער פון די דרײַ ניו־יאָרקער טעגלעכע הויפּט־צײַטונגען. געוווינט צו לייענען יעדן טאָג עטלעכע צײַטונגען, בין איך אין איינעם אַ פרימאָרגן אַוועק שפּאַצירן צום פּאָטשטאַמט, ווו עס געפינען זיך געוועלבן, וואָס פאַרקויפן אָרטיקע צײַטונגען.

געקראָגן האָב איך בלויז אַ קליין בלעטל מיט לאָקאַלע געשעפט־אַנאָנסן און מיט זייער וויייניק נײַס. כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט באַם אַרײַנגאַנג צום פּאָטשטאַמט און גענומען בלעטערן די זײַטן. פּלוצעם דערזע איך אַן עלטערן ייד, אין די נײַנציקער, וואָס שלעפּט קוים די פיס — אַ ייד מיט אַ געקרײַזלטן קאָפּ ווײַסע האָר. אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ יידישע צײַטונג און אַ יידישן זשורנאַל, איך טו אַ קוק: ס'איז „סאָוועטיש היימלאַנד" און „מאָרגן־פרײַהײַט".

דער ייד האָט באַמערקט מײַן נײַגעריקײַט און זיך דערפרייט:

— שאָלעם־אַליישכעם!

— אַליישכעם־שאָלעם!

— איר זוכט אַ יידיש וואָרט?

זאָג איך אים, אַז איך בין איבעראַשט צו זען אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל אַ יידישן לייענער, וועלכער באַקומט דורך דער פּאָטשט אַזאַ טײַערע ליטעראַטור.

— איז ווייסט איר וואָס, — צעשמייכלט ער זיך, — לאָמיר איבערגיין דעם וועג, איך וווין דאָ אַנטקעגן אין דער „סענטשורי־פאַרם". איך בין שוין דאָ, אינעם שטעטל, אַ יאָר פינף און צוואַנציק.

האָב איך אים גענומען אונטערן אָרעם, און מיר זײַנען אַריבערגעגאַנגען דעם „שאָסיי 214", אַרופגעקלעטערט איבערן גראָזיקן וועג צו דעם הויז, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט הילצערנע בײַדלעך. די בײַדלעך, דערקלערט ער מיר, פאַרדינגט ער ווינטער פאַר ספּאָרטלער און זומער פאַר טוריסטן.

דער ייד האָט זיך עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם און בעשאַס מײַסע מיך גענומען אויספרעגן:

— איר זײַנט אַ ניו־יאָרקער? און מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך?

זאָג איך אים, אַז איך בין אַ יידישער שרײַבער און באַטייליק זיך טאַקע אין די צוויי צײַטשריפטן, וואָס ער טראָגט אין די הענט, און רוף אָן מײַן נאָמען.

שרײַט ער אויס:

— אוי, טאַטע מײַנער! איך האָב טאַקע געלייענט אײַער אַרטיקל וועגן וויליאַם גראָפּערן און אײַערע לידער אין „סאָוועטיש היימלאַנד"!

אויף דער וועראַנדע פונעם הויז איז געזעסן אַן אַלטע פרוי און עפּעס געשטריקט. דער אַלטער איז צו איר צוגעלאָפן מיט אַ פרייד:

— שיינע־בראָכע, איך ברענג דיר אַ גאַסט — אַ יידישן שרײַבער פון דער „פרײַהײַט" און „סאָוועטיש היימלאַנד"!

מיר זײַנען אַלע דרײַ אַרײַן אין שטוב, און בעשאַס שיינע־בראָכע האָט גענומען צושטעלן טיי און געבעקס, האָט דער ייד זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט:

— מײַן נאָמען איז יוסף קעלי. אין דער אַלטער היים, אין מאַראַמורעש, וואָס איז דעמלט געווען עסטרײַך־אונגאַרן, איז מײַן פאַמיליע־נאָמען געווען קעלאַטי, דאָס הייסט אויף אונגאַריש — אַ מיזרעכדיקער, און ווען איך בין צוליב מײַן שיינער שטים געוואָרן אין אַמעריקע אַ כאַזן און אַ פאָלקס־זינגער, האָב איך געביטן מײַן נאָמען אַלס כאַזן יוסף מיזראַכי. אָבער מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך פאַרלוירן מײַן שטים און בין אָט דאָ געוואָרן אַ פאַרמער, הייס איך ווידער יוסף קעלי.

נאָך אַ לענגערן שמועס האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז יאָרנלאַנג געווען אַ כאַזן אין קאָלומבוס, אָהײַאָ, און האָט אויך אָנגעפירט מיט אַ כאָר. שפּעטער איז ער געווען אַ כאַזן אין ברוקלין און בייריטש. אין סי־גייט, באַם ברוקלינער יאַם, האָט ער געוווינט אַ טיר לעבן אַ טיר מיטן באַרימטן אַרטיסט מאָריס שוואַרץ. יענער האָט אים צוגעצויגן צום קונסט־טעאַטער אַלס פּיעסע־איבערשרײַבער און געגעבן ראָלן אין קלענערע ספּעקטאַקלען.

יוסף קעלי איז אַלע יאָרן אַן אַבאָנענט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" און קאָן זיך ניט אָפּלויבן פונעם זשורנאַל:

— טוט אַ קוק אויפן שראַנק — אָט שטייען אַלע נומערן, פונעם אָנהייב אָן ביזן זעקסטן נומער פון היײַנטיקס יאָר.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און איז צוגעלאָפן צום טעלעפאָן:

— איך קלינג באַלד אָן צו מײַן שוואָגער און שוועגערן, וועלכע ווױנען דאָ ניט װײַט, זאָלן זײ אַף אונדז וואַרטן.

עס געדויערט ניט לאַנג, און מיר זיצן שוין אינעם הויז פון סעם און מיריאַם גינזבורג. זײ פאַרנעמען זיך מיטן זעלבן געשעפט — פאַרדינגען זײער ווױנונג פאַר טוריסטן און ספּאָרטלער.

סעם איז אַ געבוירענער אין טשערנאָביל, לעבן קיִעוו, און איז אַלע יאָרן געווען באַשעפטיקט אַלס סטאָליער. ער האָט זיך אַקטיוו באַטײליקט אין דער פּראָגרעסיווער ייִדישער באַוועגונג אין ניו־יאָרק. מיריאַם — איר מײדלשער נאָמען איז ראָזענבאום — איז אַ געבוירענע אין טעראַספּאָלעק, לעבן בריסק, יאָרנלאַנג געווען אַקטיוו אין דער בריסקער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג.

אויך בײַ זײ אין הויז האָב איך געטראָפן „סאָוועטיש היימלאַנד" און די „מאָרגן־פרײַהײַט". סעם האָט זײער ליב די ייִדישע ליטעראַטור און איז געטרײַ די פּרינציפּן פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער באַוועגונג אין אַמעריקע. ער ערגערט זיך שטאַרק איבער די מײנונגס־פאַרשײדנהײַטן צווישן די צוויי צײַטשריפטן. באַם געזעגענען זיך האָט ער מיך אַרומגענומען און געזאָגט:

— זײַט אַזוי גוט און זאָגט זײ דאָרטן אין ניו־יאָרק: זאָל מען לעשעם שאָלעם אַף דער וועלט אָפּשטעלן דעם „ברידער־קריג". אויב מיר ווילן דעטאַנט און פעלקער־פרײַנטשאַפט, דאַרף מען זיך גוט אַרומקוקן, וואָס מע טוט...

דאַוויד סעלצער,
ניו־יאָרק

פ ו ן ר ע ד א ַ ק צ י ע

אויסער די פאַרעפנטלעכטע בריוו, האָבן מיר באַקומען פיל מיטײלונגען פון אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרײטער, צווישן זײ פון ר. עפּשטײן (ריבין), וו. ליובטשאַנסקע (אָדעס), י. עלבערט (יאַנגי־יול, טאַשקענטער געגנט), א. ווינער (דניעפּראָפּעטראָווסק), אָ. בירזען (ריגע), א. ציטרין (בעלצי, מאָלדאַוויע), ה. שערעמעט (זשמערינקע), ס. ראָזענפעלד (דזשאַמבולער געגנט) און אַנדערע.

בראַניק

פון סידי טאַלס קאָנצערט־פּראָגראַמען

אין די מוזיק־מאַגאַזינען פונעם לאַנד ווערט פאַרקויפט אַ פרישע סטערעאָפאָנישע גראַמאַפאָן־פּלאַסטינקע, וועלכע עס האָט אין די לעצטע טעג פונעם פאַריקן יאָר אַרויסגעלאָזט די אַלפאַרבאַנדישע פירמע „מעלאָדיאַ" — „פון סידי טאַלס קאָנצערט־פּראָגראַמען". שוין אַלײן דאָס קעפּל איבער דער פּלאַסטינקע און די סאָלידע קינסטלערישע אויספאָרמירונג פאַרנעם קאָנווערט, אַף וועלכן עס איז אָפּגעדרוקט אַרן ווערגעליסעס אַ נאָטיץ וועגן סידי טאַל, זאָגט פיל וועגן דער גרויסער פּאָפּולערקײַט פון דער באַרימטער סאָוועטישער ייִדישער אַקטריסע.

„מיר זײַנען געגאַנגען פונעם מאָסקווער טעאַטער „ערמיטאַזש" נאָך סידי טאַלס אַ קאָנצערט, — דערצײלט א. ווערגעליס, — מיכאָעלס האָט גערעדט וועגן דער אַקטריסע מיט אַן אויסערגעוויינלעכער באַגײַסטערונג.

„די שפּראַך אירע! די שפּראַך! — האָט ער איבערגעכאַזערט, — איר גאַליציאַנער ייִדיש, וואָס צײכנט זיך אויס מיט באַזונדערער מוזיקאַלישקײַט, מיט אינטאָנאַציעס, וואָס כאַזערן זיך ניט איבער אין קײן שום אַנדער ייִדישן דיאַלעקט"...

אין דער לאַנגשפּילנדיקער סטערעאָ־פּלאַסטינקע זײַנען אײַנגעשלאָסן מוסטערן פון דער שוישפּילערס אַרבעטן, צווישן זײ שאָלעם־אַלײכעמס „מיר איז גוט — איך בין אַ יאָסעם" (פון „מאָטל־פּײסי דעם כאַזנס"), „מאָטל אין אַמעריקע" (פון די אַמעריקאַנער דערצײלונגען. קאָמפּאָזיציע פון א. רובינשטײן), עליעזער שטײנבאַרגס „ליאַלקעס" (אַ מאָשל), א. נוגערס אַ באַלאַדע „דער מאַמעס האַרץ", די ייִדישע פאָלקסליד אין דער באַאַרבעטונג פון לײב פּולווערן „שפּילט, קלעזמאָרים!", אַווראָם רובינשטײנס „די ראַזשינקע" (מוזיק פון ל. זאַטולאָווסקי).

די מוזיקאַלע באַגלײטונג פילט אויס דער אינסטרומענטאַלער אַנסאַמבל אונטער דער אָנפירונג פון מ. אָטשאַסלאָסקי.

■ ■ ■

מיר ענטפערן אף פראגעס

פון אונדזערע לייענער

כאַשעווע רעדאַקציע!

ביז דער אָלימפּיאַדע־80 איז געבליבן שוין ווייניקער פון אַנדערהאַלבן יאָר. די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אינטערעסירן זיך, וויאַזוי עס גייט די צוגרייטונג צו איר. זײַט אַזוי גוט און פאַרענטפערט די לעצטע ידיעות אַרום דער פראַגע.

י. קאַפּלון (סווערדלאָווסק)

די צוגרייטונג צו דער אָלימפּיאַדע־80

עס דערציילט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראַט פון פסס״ר, פאָרזיצער פונעם אָרגקאָמיטעט „אָלימפּיאַדע־80" אי. ט. נאָוויקאָוו.

די צוגרייטונג צו די שפּילן פון דער XXII אָלימפּיאַדע איז געוואָרן בא אונדז אַן אַלפאָלקישער אײניען. אין דער אַרבעט נעמען אָן אָנטייל אַלע פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, העכער 50 מיניסטעריומס און אַמטן, קאָלעקטיוון פון פיל אונטערנעמונגען און בויונגען, שעפערישע טוער, געזעלשאַפטלעכע און ספּאָרטיווע אָרגאַניזאַציעס פון לענינגראַד, קיִעוו, מינסק, טאַלין, ווו עס וועלן, כוץ מאָסקווע, געפירט ווערן די אָלימפּישע פאַרמעסטונגען.

דער אָרגקאָמיטעט נעמט אָן די נייטיקע מאָסמיטלען, אַז פאַר די שפּילן זאָלן צוגעגרייט ווערן באַדינונגען און זיי זאָלן דורכגעפירט ווערן אף אַ הויכן אָרגאַניזאַציאָנעלן און טעכנישן ניוואָ, אין פולן העסקעם מיט די פאָדערונגען פון דער אָלימפּישער כאַרטיע.

פיל איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן אין פראַט פון בויען און רעקאָנסטרויִרן די אָלימפּישע אָביעקטן. סאַכאַקל זײַנען אַזעלכע אָביעקטן פאַראַן 99, פון זיי אין מאָסקווע — 76. דאָס זײַנען גרויסע קאָמפּלעקסן, וועלכע נעמען אין זיך אַרײַן ספּאָרטיווע ביניאַנים, האָטעלן, טוריסטישע און טעכנישע געבײַדעס, קולטור־צענטערס. אַ סאַך פון זיי זײַנען אוניקאַל, האָבן אינטערעסאַנטע אינזשעניערישע לייזונגען, אַן אייגנאַרטיקן אַרכיטעקטור־אויסזען.

די אַרבעט אַף דער מערהײַט אָביעקטן גייט אַזוי, אַז דער גראַפיק ווערט איבערגעיאָגט. עס זײַנען שוין גרייט די רינגאַרטיקע וועלאָסיפּעדן־טראַסע און די פעלדער צום שיסן פון אַ בויגן אין יִשעוו קרילאַטסקאָיע. מע פאַרענדיקט די בויונג פון דעם געדעקטן מאַניעזש פונעם צענטראַלן ספּאָרטיוון קלוב פון דער סאָוועטישער אַרמיי. 16 פון די 22 ספּאָרט־ביניאַנים, וועלכע זײַנען באַשטימט פאַר די שפּילן, וועלן זײַן גרייט שוין זומער 1979. דאָרט וועלן דורכגעפירט ווערן די פינאַל־פאַרמעסטונגען פון דער VII זומער־ספּאַרטאַקיאַדע פון די פעלקער פון פסס״ר, אַף וועלכער דער ספּאָרט־קאָמיטעט פון פסס״ר מערקט אָן אײַנצולאַדן צוויי טויזנט אויסלענדישע אַטלעטן.

אין טאָך וועט דאָס זײַן אַ גענעראַלע רעפּעטיציע פון דער אָלימפּיאַדע־80.

אינעם ראַיאָן פון דעם מיטשורינסקער פּראָספּעקט אין מאָסקווע גייט מיט גיכע טעמפּן די בויונג פונעם גרויסן קאָמפּלעקס „דאָס אָלימפּישע דאָרף". דאָ וועלן וווינען און רוען העכער צוועלף טויזנט פינף הונדערט ספּאָרטסמענער פון אומגעפער 130 לענדער פון דער וועלט. זיי וועלן האָבן אין זייער רעשוס אַכצן 16־שטאָקיקע הײַזער פון אַ מאָדערנער סעריע. די אָבטיילנעמער וועלן אײַנגעאָרדנט ווערן צו צוויי מענטשן אין אַ צימער פון צוויי־ און דרײַצימערדיקע דירעס. אינעם אָלימפּישן דאָרף בויט זיך אַ קולטור־צענטער מיט אַ טעאַטער־ און קאָנצערט־זאַל, אַ ספּאָרטיווער קאָמפּלעקס, אַ רעסטאָראַן, עטלעכע קאַפע און באַרן, אַן אוניווערסאַלער מאַגאַזין, לאָקאַלן צום אָפּריכטן רעליגיעזע ריטואַלן — קורץ, אַלדאָס נייטיקע.

לויט דער מיינונג פונעם פּרעזידענט פון דעם צווישנפעלקערלעכן אָלימפּישן קאָמיטעט לאָרד קילאַנין, וועלכער איז אָנהייב יאָר געווען אין מאָסקווע, זאָגט צו אונדזער אָלימפּיש דאָרף צו זײַן דאָס בעסטע אין דער גאַנצער געשיכטע פון די שפּילן.

דער אָרגקאָמיטעט גיט צו אַ גרויסע באַדײַטונג דער אויפגאַבע פון שאַפן גוטע באַדינונגען פאַר דער אַרבעט פון די פאַרשטייער פון די אָרגאַנען פון מאַסן־אינפאָרמאַציע. די אַלגעמיינע צאָל קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע וועלן אַקרעדיטירט ווערן אַף דער אָלימפּיאַדע־80, וועט באַטרעפן 7.400.

עס פירט זיך אַ העפטיקע צוגרייטונג צו אויפנעמען און באַדינען אינעם פעריאָד פון די אָלימפּישע שפּילן אומגעפער 600 טויזנט סאָוועטישע און אויסלענדישע טוריסטן. קעדיי אײַנאָרדענען די געסט, וועט מען מוזן פאַרגרעסערן אין מאָסקווע קימאַט אין צוויי מאָל דעם האָטעל־פאָנד, אויסבויען נײַע קעמפּינגען, מאָטעלן.

מיר האָבן די פולע זיכערהײַט, אַז די בויונג און די רעקאָנסטרוקציע פון אַלע אָלימפּישע אָביעקטן

וועלן פאַרענדיקט ווערן אין די אײַנגעשטעלטע טערמינען.

מיט א יאָר פריִער פאַר די טראַדיציאָנעלע טערמינען איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס פאַנאַנדעראַרבעטן די ספּאָרטיווע פּראָגראַם פון די שפּילן פון דער XXII אָלימפּיאַדע. (עס איז אײַנגעשטעלט א פּינקטלעכער גראַפיק פון די פאַרמעסטונגען לויט די טעג.)

די בילעטן־פּראָגראַם פון דער אָלימפּיאַדע־80 איז שוין פאַראַן. אַף די ספּאָרט־פאַרמעסטונגען וועלן פאַרקויפט ווערן 5,8 מיליאָן בילעטן. דאָס איז אין 1,6 מאָל מער, איידער בײַס די שפּילן אין מאָנטרעאַל. די פּרײַזן אַף די בילעטן וועלן בא אונדז זײַן נידעריקערע, איידער אין מאָנטרעאַל.

דער אָרגקאָמיטעט האָט באַשטימט די אַלפאַרבאַנדישע אַקציאָנערן־געזעלשאַפט „אינטוריסט" אַלס גענעראַל־אַגענט צו פאַרקויפן צווישן די אויסלענדישע טוריסטן בילעטן אַף די שפּילן פון דער XXII אָלימפּיאַדע און צום רעאַליזירן די טורן פאַר די רײַזעס איבערן לאַנד.

הײַנט־צו־טאָג האָבן די נאַציאָנאַלע אָלימפּישע קאָמיטעטן פון 73 מעלוכעס באַשטימט זייערע קאָנטראַגענטן אַף פאַרקויפן די בילעטן און די טורן, דערונטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, ענגלאַנד, אין דער דײַטשישער פעדעראַטיווער רעפּובליק, פראַנקרײַך, שוועדן, נאָרוועגיע, שפּאַניע, גריכנלאַנד, שווייץ, דענעמאַרק, פינלאַנד, האָלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע, פּוילן, דײַטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, אירלאַנד, ייִסראָעל און אין אַנדערע לענדער.

די אָנטיילנעמער און די געסט פון די אָלימפּישע שפּילן דערוואַרט א רײַכע, פאַרשיידנאַרטיקע קולטור־פּראָגראַם, וואָס איר גרונט־ציל איז — באַקאַנען זיי מיט דער פילנאַציאָנאַלער קונסט און מיט דער קולטור פון די פעלקער פון פּססר. דאָס צענטראַלע אָרט אין דער קולטור־פּראָגראַם וועט פאַרנעמען דער קונסט־פעסטיוואַל. אין אים וועלן זיך באַטייליקן אַרום 250 בעסטע פּראָפעסיאָנעלע קינסטלערישע קאָלעקטיוון, אַנסאַמבלען און סאָליסטן פון אַלע פאַרבאַנדישע רעפּובליקן. עס וועלן דורכגעפירט ווערן א טעאַטער־טאָג, א פּאָעזיע־טאָג, א מוזיק־טאָג, אַן עסטראַדע־טאָג אאַוו.

דער אָרגקאָמיטעט רעאַליזירט מיט דערפאָלג די עקאָנאָמישע פּראָגראַם, קעדיי צוציִען מיטלען אַף צו דעקן די אָרגאַניזאַציאָנעלע הויצאָעס באַם צוגרייטן און דורכפירן די שפּילן.

בלויז פאַר די לעצטע כאָדאָשים האָבן באַזוכט מאָסקווע די פאָרשטייער פון העכער 40 לענדער, וועלכע האָבן מיט גרויס אינטערעס זיך באַקאַנט מיטן גאַנג פון צוגרייטן די אָלימפּיאַדע־80, אַרויסגעזאָגט ווערטפולע רעקאָמענדאַציעס.

אונטערהאַלטן און מיטהעלפן די שפּילן פאַרלאַנגען די ספּאָרט־ליבהאָבער און די געשעפט־קרײַזן פון דער מערהײַט לענדער. העכער 60 אויסלענדישע פירמעס און קאָמפּאַניעס זײַנען די אָפיציעלע ליפעראַנטן פון דער אָלימפּיאַדע־80.

אונדז פרייט, וואָס די נאַציאָנאַלע אָלימפּישע קאָמיטעטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, ענגלאַנד, דײַטשישער פעדעראַטיווער רעפּובליק, פראַנקרײַך, איטאַליע, אויסטראַליע, פיליפּינען, אינדאָנעזיע, אַרגענטינע, בראַזיליע און אַנדערע לענדער האָבן אויסגעדריקט זייער פולע שטיצע די מאָסקווער שפּילן. לעמאָשל, די אָנפירער פונעם נאַציאָנאַלן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון אַמעריקע האָבן דערקלערט, אַז די אַמעריקאַנער קאָמאַנדע אַף די שפּילן אין מאָסקווע וועט זײַן איינע פון די סאַמע רעפּרעזענטאַטיווע. איר צאָל וועט באַטרעפן 500—600 מענטשן.

פאַרשטייט זיך, די צוגרייטונג צו די אָלימפּישע שפּילן איז זייער א קאָמפּליצירטע און פילפלאַניקע אַרבעט. עס קומען אויף פאַרשיידענע שוועריקײַטן, מע דאַרף זיי בײַקומען.

ס'ווילט זיך אָפּמערקן, אַז יעטווידע שוועריקײַט פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון די אָלימפּישע שפּילן, יעטווידער דורכפאַל זייערער איז א שוועריקײַט אָדער א דורכפאַל פון דער גאַנצער אָלימפּישער באַוועגונג, פון אַלעמען, ווער עס איז פאַראינטערעסירט אין איר ווילשטאַנד. איך קאָן פאַרזיכערן, אַז מיר שאַנעווען ניט קיין קויכעס, קעדיי די אָלימפּישע שפּילן אין מאָסקווע זאָלן דורכגיין מיט פולן דערפאָלג. מיר האַלטן, אַז די שפּילן פון דער XXII אָלימפּיאַדע דאַרפן זײַן א טראָט פאָרויס פאַר דער גאַנצער אָלימפּישער באַוועגונג, זיי דאַרפן אַקטיוו מיטהעלפן צו פאַרשטאַרקן דעם שאָלעם און די מיטאַרבעט צווישן די פעלקער. אין דעם זײַנען מיט אונדז פולשטענדיק סאָלידאַר דער צווישנפעלקערלעכער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, די צווישנפעלקערלעכע ספּאָרטיווע פעדעראַציעס, די נאַציאָנאַלע אָלימפּישע קאָמיטעטן, די גאַנצע ספּאָרטיווע וועלט־עפנטלעכקײַט.

בירא̈בידזשאַן בויט זיך



נײַע ווױן־הײַזער אינעם יישעוו אף יויסעף בומאגינס נאָמען

דער צענטראַלער האָטעל „וואָסטאָק״

די שטאָט שפּאַנט אין מאָרגנדיקן טאָג. בירא־בידזשאַן זעצט פאָר זיך בויען, אויסקעמפנדיק בא דער טײַגע אַלץ נײַע שטעטאָכים. די הויפּטשטאָט פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט וואקסט אין דער ברייט, אין דער לענג און אין דער הייך. אין העסקעם מיטן גענעראַל־פּלאַן וועט אין איצטיקן פינפיאָר פולשטענדיק פארענדיקט ווערן די בויונג פונעם דריטן מיקראָראַיאָן. אפן בילדערישן ברעג פון דער בירע, אינעם אדמיניסטראַטיוון צענטער, ווערט פארלייגט דאָס ערשטע נײַנגאָרנדיקע וווינהויז. עס וועלן צוקומען צוויי מיטלשולן אף 1280 ערטער יעדערע און א פּיאָנערן־פּאלאַץ, צוויי קולטור־הײַזער — פארן זאוואָד „דאלסעלמאש״ און פאר דער שוך־פאבריק, א קינאָטעאַטער אף 600 ערטער אף דער שאָלעם־אלייכעם־גאַס, קינדערגערטנער, א לערן־קאָרפּוס פאר דער קולטור־אופקלער־שול.

עס וואקסט די מעכטיקײַט פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אין עקספּלואטאציע וועלן אָפּגעגעבן ווערן דער אווטאָרעמאָנט־זאוואָד פאר דער בײַקאל־אַמורער מאגיסטראַל, א סטאַנציע פון טעכנישער באַדינונג פון אווטאָמאָבילן, ס׳וועט זיך אָנהייבן בויען א זאוואָד אף רעמאָנטירן פּאָליגראַפישע מאשינעס.

לויטן גענעראַל־פּלאַן איז פאָרויסגעזען, אז צום 1980 וועט די באפעלקערונג אין דער שטאָט בירא־בידזשאַן דערגרייכן 80 טויזנט מענטשן.

כאַנוקאָס־האַבאַיס

ביראָבידזשאַן בויט זיך

אין צענטער פון שטאָט



דער פרײַהײט-פּלאַץ אין צענטער פון דער שטאָט

אין דער קאָנסטרוקטאָרן-ביוראָ פונעם זאַוואָד פון קראַפט-טראַנספאָרמאַטאָרס

בראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַס

פאָלקס־טאַלאַנטן

אינעם זאָנאלן דורכקוק פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקייט אין וולאַדיוואָסטאָק האָט דער ביראָבידזשאנער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער צום דריטן מאָל געווּנען דעם טיטל לאורעאַט און איז באַלוינט געוואָרן מיט א גאָלדענער מעדאל פון דעם אלפארבאנדישן פעסטיוואל. דעם פידלער־אנסאמבל פונעם ביראָבידזשאנער קולטור־פּאלאַץ איז צוגעטיילט געוואָרן דאָס רעכט אָנטיילנעמען אין דעם שלוס־קאָנצערט פונעם פעסטיוואל אין מאָסקווע.

הײַנט־צו־טאָג זײַנען אין דער געגנט פאראן 20 כאָרן, 32 וואָקאלע און אינסטרומענטאלע אנסאמבלען, 25 ליבהאָבערישע קונסט־פארייניקונגען, 3 בלאָז־אָרקעסטערס און 2 אָרקעסטערס פון פאָלקס־אינסטרומענטן, 3 פאָלקס־טעאטערן, 12 אגיטבריגאַדעס. 8 שעפערישע קאָלעקטיוון זײַנען צוגעטיילט דער ערן־טיטל „פאָלקס־קאָלעקטיוו". באזונדערס פרוכטבאר איז די ארבעט פונעם ייִדישן פאָלקס־טעאטער (אָנפירער ב. שולמאַן), פונעם פידל־אנסאמבל (אָנפירער ס. גראָסמאַן), פון דער אגיטבריגאדע „קאָמבײַן" (אָנפירער ל. גאָרעליק), פונעם אָרקעסטער פון פאָלקס־אינסטרומענטן פון דעם פּריִאַמורסקער קולטור־הויז (אָנפירער נ. בראַגין).

פּאָפּולער איז בא די אײַנוווינער פונעם דאָרף קאָמישאָווקע (סמידאָוויטשער ראיאָן) די וואָקאלע גרופּע, מיט וועלכער עס פירט אָן נ. מארונדיק. דער דאָזיקער קאָלעקטיוו האָט איצט דעראָבערט דעם טיטל דיפּלאָמאנט פונעם אלרוסלענדישן און אלפארבאנדישן פעסטיוואל פון קינסטלערישער שאפונג פון די ארבעטנדיקע.

„די סאָוועטישע קינעמאטאָגראפיסטן ברענגען זייער קונסט צו די ארבעטנדיקע פון סיביר און ווײַטן מיזרעך"

אונטער אָט דעם דעוויז איז אין כאבאראָווסקער קאנט פאָרגעקומען א קינאָפעסטיוואל פון סאָוועטישע פילמען, אף וועלכן ס׳איז געקומען א גרויסע צאָל מײַסטערס פון דער סאָוועטישער קינאָ־קונסט.

צווישן דער גרופּע אָנטיילנעמער פון דעם קינאָפעסטיוואל, וואָס האָט באזוכט ביראָבידזשאן, איז געווען דער סצענאריסט וו. מערעזשקאָ (אווטאָר פון די סצענאריעס „זארעטשיער כאסאנים", „א בושל אין הימל" און אנדערע), די קינאָ־אקטריסע וו. בעזוגלאיא, וועלכע איז באקאנט מיט אירע ראָלן אין די פילמען „שניי־בלימעלעך", „א וואָרט פאר דער פארטיידיקונג", „הונדערט גראם צוליב דרייסטקײַט", דער רעזשיסער וו. טאראסאָוו א. אנד.

די געסט זײַנען ארויסגעטראָטן אין קינאָטעאטער „ראָדינא", ווו זיי האָבן זיך באגעגנט מיט די סטודענטן פון די אָרטיקע לערן־אנשטאלטן און מיט די שלאכטלײַט פונעם ביראָבידזשאנער גארניזאָן.

אָפּהיטן די וואלד־רײַכטימער

אין ביראָבידזשאן איז פאָרגעקומען אן אָרדנטלעכער פלענום פונעם געגנטלעכן ראט פון דער געזעלשאפט פאר אָפּהיטן די נאטור. עס איז באהאנדלט געוואָרן די פראגע וועגן פארבעסערן דעם אופזיכט איבער די וואלד־רײַכטימער. מיט א פאָרטראָג איז ארויסגעטראָטן דער מיטגליד פון פּרעזידיום פונעם געגנטלעכן ראט פון אָט דער געזעלשאפט, גענעראל־דירעקטאָר פון דער ביראָבידזשאנער וואלד־ווירטשאפטלעכער פּראָדוציר־פארייניקונג אי. פאָדורויער.

אפן פלענום איז אָפּגעמערקט געוואָרן, אז אינעם פארהיטן און רעפּראָדוצירן די וואלד־רײַכטימער פון דער געגנט באטייליקן זיך 40 טויזנט מיטגלידער פון אָט דער געזעלשאפט.

א גרויסע ארבעט אינעם אָפּהיטן די וואלד־רײַכטימער פילן אויס די שילערישע וואלד־ווירטשאפטן, וועלכע האָבן אין פאַריקן יאָר פארפלאנצט 195 העקטאר וואלד־קולטורן און באארבעט די יונגע פלאנצונגען אף א שעטעך פון 200 העקטאר.

מעליִאָראטאָרן

אין מעשעך פון די לעצטע צוויי־דרײַ יאָר האָבן די מעליִאָראטאָרן פון דער געגנט דורכגעפירט א גרויסע ארבעט אף צו באהערשן נײַע מאסיוון פרוכטבארע ערד. פאר נײַן כאדאָשים פונעם פארגאנגענעם יאָר האָבן זיי איבערגעגעבן דער מעלוכע־קאָמיסיע 3625 העקטאר אויסגעטריקנטע ערד־מאסיוון. אף א שעטעך פון 1612 העקטאר זײַנען דורכגעפירט געוואָרן קולטור־טעכנישע ארבעטן.

פיל מעליִאָראטאָרן פונעם טרעסט „ביראָבידזשאנוואָדסטרוי" זײַנען באלוינט מיט ווערטפולע מאטאָנעס און מיט פּוטיאָווקעס אף טוריסטישע רײַזעס איבער קרים און קאווקאז.

■ ■ ■

לויט די שפורן פון צוויי אויצרעס

דער ווידערקלאַנג פון גאָלד

אין איינעם א הארבסט־טאָג פון 1799 איז פונעם ענגלישן פּאָרט יארמוט אָפּגעשווומען א פרעגאַט פונעם ענגלישן פלאָט. דער נאָמען פונעם פרעגאַט איז געווען „ליוטין". אף זײַן באָרט האָט ער געהאט א 32־מילימעטערדיקן הארמאט. בא די ברעגן פון האָלאנד, אף די טערשעלינגער זאמדבענק, איז די שיף געטראָפן געוואָרן דורך א פּלוצעמדיקן הוראגאן, זי האָט פארלאָרן דעם קורס און איז געבליבן זיצן אפן זאמד. אין איין שאָ צײַט איז זי אומגעקומען.

די סטראכיר־קאָמפּאניע האָט אנערקענט איר אומקום און האָט אויסגעצאָלט דעם העזעק. אָבער די קאָמפּאניע „לאָיד" האָט ניט פארלאָרן דעם אינטערעס צו דער קאטאסטראָפע: אפן פרעגאט „ליוטין" האָבן זיך געפונען גאָלדשטיקער און גאָלדענע מאטבייעס אף א סומע פון 22 מיליאָן פונט סטערלינג (אין די הײַנטיקע פרײַזן).

„ליוטין" איז דערטרונקען געוואָרן בערערך דרײַ קילאָמעטער פונעם האָלענדישן ברעג, סאכאקל אף 6 מעטער די טיף. דוכט זיך, מיט דער האנט צו דערלאנגען... אָבער פאר די 178 יאָר, וועלכע זײַנען פארלאָפן זינט דעם אומקום פון דער שיף, האָט מען פון יאם־גרונט אופגעהויבן גאָלד ניט מער ווי אף א סומע פון 160 טויזנט פונט סטערלינג, — ווייניקער ווי א הונדערטכיילעק פון דעם, וואָס איז אוועק צום גרונט.

אין 1801 האָבן די פישער מיט דער הילף פון פּאָשעטע שעפּעמערס אופגעהויבן פון גרונט די ערשטע פּארטיע ווערטפולע כפייצים אף א סומע פון 80 טויזנט פונט סטערלינג. אין 1858 האָבן די זוכער פון אויצרעס אויסגענוצט א פרימיטיוון ערד־שעפער און אופגעהויבן פון יאם קימאט אף דער זעלבער סומע גאָלד. אָבער אין היסטאָרישן זין האָבן זיי געהאט פיל מער מאזל — זיי האָבן אופגעהויבן דעם רודער פון דער שיף און דעם גלאָק — אָט יענעם גלאָק, וואָס הענגט אין וועסטיביול פון דער וועלט־באַוווּסטער סטראכיר־ און רעגיסטריר־קאָמפּאניע „לאָיד" אין לאָנדאָן און גיט צו וויסן מיט טרויער־קלונגען וועגן יעדער נײַער יאם־קאטאסטראָפע.

דער לעצטער פּרווו אופצוהייבן פון יאם־גרונט די אויצרעס איז געמאכט געוואָרן אין 1939, ווען די האָלענדער האָבן געלאָזט אין גאנג א גרויסע דראגע און זײַנען צוגעטראָטן צום אויספאָרשן דעם קאָרפּוס פון דער דערטרונקענער שיף. די זוכענישן זײַנען געפירט געוואָרן זייער זאָרגזאם: מע האָט ארויסבאקומען פון וואסער אזעלכע זאכן, ווי קנעפּ פון די מאטראָסישע קורטקעס און הויזן. אָבער קיין גאָלדשטיקער זײַנען צו די זוכער אין די נעצן ניט ארײַנגעפאלן.

די מערהײַט עקספּערטן אנערקענט איצט, אז אין דעם מאָמענט, ווען „ליוטין" האָט זיך אָנגעשטויסן אף א זאמדבאנק, האָט דער הינטערטייל פון דער שיף, אָדער, יעדנפאלס, דער „שווערער" טייל אירער, זיך אָפּגעריסן און איז דערטרונקען געוואָרן א ביסל ווײַטער פונעם גאנצן קאָרפּוס פון דער שיף. מיט א קורצער צײַט צוריק האָט מען געפונען די סאמע ערשטע צייכענונג־פּלענער פון „ליוטין". זיי האָבן באוויזן, אז די שיף איז בערערך אף 18 מעטער לענגער איידער די אלגעמיינע לענג פון די ברוכשטיקער, וועלכע די וואסערטויכער האָבן אויסגעפאָרשט און פארצייכנט אף דער קארטע. מע האָט אויך פעסטגעשטעלט, אז די גאָלדשטיקער זײַנען געלעגן אין סקלאד פונעם הינטערטייל פון דער שיף. דאָס אלץ רעדט וועגן דעם, אז ארום 12 פון די 14 פאָרגענומענע זוכונג־עקספּעדיציעס זײַנען געפירט געוואָרן דאָרט, ווו עס האָט זיך געפונען יענער טייל פון די ברוכשטיקער פון „ליוטין", ווו קיין גאָלדשטיקער זײַנען ניט געווען.

פון 1939 און ביז הײַנט איז ניט געגעבן געוואָרן קיין דערלויבעניש צו באנײַען די זוכונגען און ארויסבאקומען די ווערטפולע כפייצים. די פאָרשטייער פון דער „לאָיד"־אגענטור האָבן מיט א קורצער צײַט צוריק דערקלערט, אז זיי ריכטן זיך אף נײַע פאָרשלאָגן, וועלכע וועלן זײַן באגרינדעט סײַ פון וויסנשאפטלעכן, סײַ פון פינאנציעלן שטאנדפונקט.

לויט די נײַע באדינגונגען פון „לאָיד" קאָן דער אונטערנעמער באקומען פון די ערשטע געראטעוועטע 100 טויזנט פונט סטערלינג בלויז 12 טויזנט פונט אף צו דעקן זײַנע הויצאָעס. דערנאָך דארף דער ארויסבאקום געטיילט ווערן אין אזא פּראָפּאָרץ: 70 פּראָצ. דעם אונטערנעמער, 30 פּראָצ. דער פירמע „לאָיד".

נאָכן פּובליקירן די נײַע באדינגונגען פון ארויסבאקומען די אויצרעס און די נײַע אָביעקטיווע אָנגאבן וועגן זייער מעגלעכן געפינאָרט זײַנען דערלאנגט געוואָרן ארום 300 מעלדונגען צו דערלויבן די זוכונגען. כוץ אזעלכע פאָרשלאָגן, ווי אויסנוצן בייס די זוכונגען נוקלעארע אופרײַסן און די הילף פון דרײַ „מעדיומען", וועלכע עס האָט זיך אײַנגעגעבן צו אײַנשטעלן א „ספּיריטואליסטישע פארבינדונג" מיטן פארשטאָרבענעם קאפּיטאן פון דער שיף „ליוטין", זײַנען אויך געמאכט געוואָרן ערנסטע, טעכניש באגרינדעטע פאָרשלאָגן.

די מעגלעכקײַט צו געפינען די אויצרעס האָט צוגעצויגן די אונטערנעמער פון פארשיידענע לענדער און פּראָפעסיעס. צווישן זיי זײַנען פאראן א באנק־קאָמפּאניע פון קוווייט, א פראנצויזישער ציינדאָקטער, א דערפינדער פון וועלס, א פערד־הענדלער פון נײַ־זעלאנד, א באנקיר פון דער שווייץ.

ערגעץ הינטער דער שטאָט באָריסאָוו...

וועגן דעם, אז נאַפּאָלעאָן האָט באם אָפּטרעטן פון מאָסקווע אוועקגעפירט מיט זיך א היפּש ביסל אָנגערויבטע אויצרעס, האָט מען שוין א סאך געשריבן. פון די פילצאָליקע היפּאָטעזעס האָט מען אין אלגעמיין געקאָנט מאכן איין אויספיר: די אויצרעס האָט מען געלאָזט אף העפקער אָדער באַהאלטן אינעם ראיאָן פון באָריסאָוו, דאָרט, ווו באָנאפּארטס כאַיאָלעס האָבן געליטן א צעשמעטערנדיקע מאַפּאָלע. אזעלכע היפּאָטעזעס פלעגן פון צײַט צו צײַט „אופגעלעבט" ווערן דורך די מיטיילונגען, אז מע האָט אפן דעק פונעם טײַך בערעזינא געפונען גאָלדענע און זילבערנע מאטבייעס, אָדער וועגן די רעזולטאטן פון א כימישן אנאליז פונעם וואַסער אין איינעם פון די אָזערעס (דאָס וואסער אנטהאלט א העכערן פּראָצענט זילבער)...

אָבער אָט בלעטער איך די דאָקומענטן, וועלכע מע האָט ניט לאַנג צוריק געפונען אינעם אַרכיוו. „דער איניען פון דער קאַנצעליאַריע פונעם מינסקער גובערנאַטאָר. וועגן די אויצרעס, וועלכע מע האָט געפונען אין מינסקער גובערניע. אָנגעהויבן דעם 20 יון 1896, געענדיקט דעם 8 נאָיאַבער 1897". „איך האָב די ערע צו איבערשיקן אף דער באטראכטונג פון אײַער עקסעלענץ דעם מעמאָראנדום פונעם דעמיסיִאָנירטן גובערניִאַלן סעקרעטאר ראטשקאָווסקי וועגן העלפן אים אויסגראָבן די פעסלעך מיט גאָלד, וועלכע זײַנען, לויט זײַנע רייד, באהאלטן דאָ אין דער ערד לעבן באָריסאָוו. אויסערן־מיניסטער (אונטערשריפט)".

דער מינסקער גובערנאטאָר האָט פון זײַן זײַט געפרעגט: „אף וואָס פאר א ערד איז באגראָבן דאָס גאָלד—אף קאזיאָנער, קירכלעכער, געזעלשאַפטלעכער צי פּריוואַטער?" דערויף האָט יוליִאַן ראטשקאָווסקי געענטפערט: „די אומגעגנט געהערט צו דער שטאָט באָריסאָוו. דאָס איז לאָנקע־ערד, און קיינע דענקמעלער פון אוראַלטערטום זײַנען דאָ ניט געווען און זײַנען ניטאָ..."

וויִאזוי האָט דער גובערניִאַלער סעקרעטאר אין דעמיסיע זיך דערוווּסט וועגן נאַפּאָלעאָנס אויצער? ווײַזט זיך ארויס, אז אין א סאך יאָרן ארום נאָך דער מילכאָמע איז צו אים אין הויז געקומען אן אַלטער סאָלדאט און האָט דערציילט אזא מײַסע. „...די פראנצויזן האָבן זיך א לאָז געטאָן פון באָריסאָוו צום קינסטלעכן אריבערגאנג, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אפן טײַך בערעזינא לעבן דעם דאָרף סטודענקא, — גיט איבער יו. ראטשקאָווסקי אין זײַן מעמאָראנדום די דערציילונג פונעם סאָלדאט. — איך מיט מײַנע נײַן כאַווירים האָבן אָנגעטראָפן אף א פארמאכטן שאראבאן, אײַנגעשפּאנט אין דרײַ פערד. דער קוטשער, א פראנצויז, איז אראָפּגעשפּרונגען פון די קאָזלעס, האָט איבערגעשניטן די לייצעס באם מיטלסטן פערד, ארופגעזעצט זיך אף אים רײַטנדיק און איז אנטלאָפן. מיר האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו דער בריטשקע און דערזען די פעסלעך — אכט זײַנען זיי געווען. פון איין פעסל האָבן מיר מיט העק אראָפּגעקלאפּט די רייפן — דאָרט זײַנען געלעגן גאָלדענע טשערוואָנצעס. מיר האָבן אויסגעגראָבן א גרוב, ארײַנגעשאָטן אין איר דאָס גאָלד, בלויז צו איין הויפן גענומען פאר זיך, דערנאָך האָבן מיר אין דער גרוב ארײַנגעוואָרפן די צעבראָכענע ביקסן און שווערדן, פארשאָטן מיט ערד, פון אויבן אָנגעצונדן א שײַטער, אָנגעוואָרעמט זיך און אוועק צו די מיליטער־טיילן..."

ראטשקאָווסקי שרײַבט ווײַטער: „דער סאָלדאט יעווכים האָט געוואָלט באווײַזן מײַן טאטן, ווו די טשערוואָנצעס זײַנען פארגראָבן, נאָר באנאכט איז אַלץ באדעקט געוואָרן מיט שניי. אף דער צווייטער נאכט האָט יעווכים זיך דערפילט ערגער, און ער האָט געזאָגט: „ווײַזט אויס, איך וועל שוין פון אָט דער רײַכקײַט ניט געניסן. אַלע מײַנע כאַווירים זײַנען אומגעקומען, איך איינער בין געבליבן. אויך מײַן סאָף איז שוין נאָענט". ער האָט געבעטן דעם טאטן, אז אויב ער וועט געפינען דאָס גאָלד, זאָל ער אַלע יאָר באַשטעלן אין קלויסטער א פּאַניכידע נאָך די אומגעקומענע אין דער דאָזיקער מילכאָמע. אין פינף אָדער זיבן טעג ארום איז ער געשטאָרבן". ראטשקאָווסקי פארענדיקט זײַן מעמאָראנדום מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „איך בין שוין א טיפער זאָקן, איך קאָן אינגיכן שטארבן, און דער דאָזיקער סאָד וועט באגראָבן ווערן צוזאמען מיט מיר..."

אין דער קאָרעספּאָנדענץ פונעם מינסקער גובערנאטאָר איז פאראן א ראפּאָרט פונעם באָריסאָווער איספּראווניק, ווו עס ווערט מיטגעטיילט, אז מיט א מאשין אף שעפּן ערד האָט מען ארויסגענומען פון דער בערעזינא גאָלדענע און זילבערנע מאטבייעס, אויסלענדישע און רוסישע, שווערדן, קאסקעס, קאָלבעס פון ביקסן און אנדער „קאזיאָנעם פארמעגן". נאָר דאָס איז אין וואסער. אָבער אין דער ערד? איך בעט ענטפערן אף דער דאָזיקער פראגע דעם מיטארבעטער פונעם ארכיוו יע. ל. בראָווער.

— עס איז גענוי פעסטגעשטעלט בלויז דאָס, אז א פאנג האָט נאַפּאָלעאָן געהאַט ניט קיין קליינעם, — האָט געזאָגט יעווגעניִא לעאָנידאָוונא. — קלאָר איז אויך, אז אין א לײַכט פורל האָט ער ניט געקאָנט אוועקפירן מיט זיך דאָס אָנגערויבטע. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אז די אויצרעס זײַנען טאקע ערגעץ באהאלטן...

נ. מאטוקאָווסקי
(„ניעדיעליא")

מיכאָעלסעס א בריוו צו טשאַרלי טשאַפּלינען

ווען שלוימע מיכאָעלס און איציק פעפער זײַ־
נען אין 1943 געקומען קיין צפון־אַמעריקע מיט
זייער אַנטיהיטלער־מיסיע, האָבן זיי באַזוכט
טשאַפּלינען און באַגריסט אים אין נאָמען פון
קעמפנדיקן ראַטנפאַרבאַנד, פון דער דאָרטיקער
ייִדישער קולטור און פון ייִדישן מלוכע־טעאַטער.
אין מעשען פון די געשפּרעכן האָט מיכאָעלס
געזאָגט צו טשאַפּלינען, צווישן אַנדערן, אָט וואָס:
„איר גייט נישט (אין די פילמען) גלײַך איבער
דער ערד, מר. טשאַפּלין. איר האַלט זיך אין איין
פּאַרטשעפּען, אין איין פאַלן... מיר נעמען עס
אויף ווי א כאַראַקטעריסטיק פון דער קאַפּיטאַליס־
טישער ווירקלעכקײַט, וואָס גיט ניט די מעגלעכ־
קײַט דעם פּראָסטן מענטשן צו גיין מיט שטאָלץ
און מיט א געהויבענעם קאָפּ. דער פּראָסטער
מענטש מוז זיך שטענדיק היטן נישט צו פאַר־
טשעפּען זיך".

טשאַפּלין, וואָס האָט אופמערקזאַם אויסגעהערט
מיכאָעלסן, האָט אף דעם געענטפערט: „זייער
אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט!" און האָט
קעסיידער פאַרצייכנט אין א נאָטיץ־ביכל מי־
כאָעלסעס רייד.

פאַרן אָפּפאָרן אהיים האָט מיכאָעלס צוגעשיקט
טשאַפּלינען דעם וויטערדיקן געזעגענונגס־בריוו,
געשריבן אין ייִדיש (וואָס זײַן פאַרקלענערטע
פאַקסימילע ווערט דאָ געבראַכט):

מיר וועלן אײַער גרוס אָפּפירן צו אונדז אין
לאַנד, צו די מיליאָנען סאָוועטישע צושויער, וואָס
ליבן דעם גרויסן קינסטלער טשאַפּלין, זײַן שאַר־
פע קריטיק פון זײַן אַרומיקער געזעלשאַפט,
טשאַפּלין דעם דענקער, טשאַפּלין דעם שטרײַ־
טער, טשאַפּלין דעם הומאַניסט, דעם פּאָעט פון
דער מענטשנליבע.

אין דער מילכאָמע דאַרף נאָך געזאָגט ווערן
אײַער וואָרט. מיר וואַרטן אף דעם און גריסן
אײַך האַרציק.

טײַערער טשאַרלי טשאַפּלין!
מיר פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווו איר אַרבעט און
שאַפט, מיר וועלן אַוועקפירן מיט זיך אײַער
גרויסע געשטאַלט און דעם טיפן אײַנדרוק, וואָס
איר האָט אף אונדז געמאַכט.


טײַערער טשאַרלי טשאַפּלין! מיר פאַרלאָזן
דאָס לאַנד, ווו איר אַרבעט און שאַפט,
מיר וועלן אַוועקפירן מיט זיך אײַער
גרויסע געשטאַלט, און דעם טיפן אײַנדרוק
וואָס איר האָט אף אונדז געמאַכט.
מיר וועלן אײַער גרוס אָפּפירן צו
אונדז אין לאַנד צו די מיליאָנען סאָוועטישע
צושויער, וואָס ליבן דעם גרויסן קינסטלער
טשאַפּלין, זײַן שאַרפער קריטיק פון
זײַן אַרומיקער געזעלשאַפט, טשאַפּלין
דעם דענקער, טשאַפּלין דעם שטרײַטער,
טשאַפּלין דעם הומאַניסט, דעם פּאָעט
פון מענטשנליבע
אין דער מילכאָמע דאַרף נאָך געזאָגט

מיכאָעלס טרעט ארויס אין מאָסקווער הויז פון קינאָ מיט א שמועס וועגן טשאַרלי טשאַפּלינען. 1940

אין דער יידישער און העברעיִשער פרעסע דרוקן זיך אָפט פע־
ליעטאָנען און סקיצן, אין וועלכע עס ווערן געשטעלט קאָלערליי
סאָציאַלע און זיטלעכע פּראָבלעמען. וויַיטער פאַרעפנטלעכן מיר
עטלעכע אַזעלכע מאַטעריאַלן.

סעם ליפּצין

זאָל עס גיין מיטן רויך...

ווי נאָר טשאַרלי האָט דערהערט, אַז מ׳גייט ווידער העכערן די פּרײַזן אָף סיגאַרעטן, האָט ער זיך צעלאַכט:

— ניין, עס וועט קאָסטן ווייניקער. הײַנט איז געקומען דער סאָף. ס׳וועט זײַן געשפּאָרט געלט, ווייניקער געהוסט און — שטאַרקערע לונגען.

לויט טשאַרליס פאַרדינסטן איז קיין ווונדער ניט, וואָס יעדעס מאָל, ווען עפּעס קאָסט טײַ־ערער, פאַלט אים אײַן א שטיק געזונט. אָבער דאָס מאָל, קאָן מען זאָגן, האָט ער עס באַ־גריסט.

אין די ערשטע צײַטן, ווען די קאָמפּאַניע האָט געהעכערט די פּרײַזן אָף סיגאַרעטן און עמע־צער פלעגט זיך באַקלאָגן, האָט טשאַרלי גע־שפּאָסט:

— וואָס ווילט איר, הוסטן פאַר אומזיסט? איר ווילט זיך שטיקן, ברענען, רייכערן, אַרויספּאַ־כען די לונגען, טאָ באַצאָלט...

ער אַליין, טשאַרלי, האָט פון אַלע העכערונ־גען „געשלאָגן קאַפּיטאַל״... צוערשט איז געווען זײַן ענטפער אָף די געהעכערטע פּרײַזן — ריי־כערן א ביליקערן „ברענד״. אָף דער צווייטער העכערונג האָט ער אָנגעהויבן זיך מערסטנס צו באַנוצן מיט „יענעמס ברענד״. אָבער אַלע, בא וועמען ער פלעגט באָרגן סיגאַרעטן, האָבן ווי זיך אָרגאַניזירט, און ווען זיי פלעגן אים באַגע־גענען, האָבן זיי לאַנג ניט געוואַרט און זאָג געטאָן זײַן אייגענע כאָכמע: „א שוועבעלע האָב איך, האָסט עפּשער א סיגאַרעטל?״ דאָ האָט שוין טשאַרלי באַשלאָסן צו ברעכן די סיגאַרעטן אָף העלפט און רייכערן א האַלב סיגאַרעטל אָף א מאָל...



ווען די פּרײַזן זײַנען ווידער געשטיגן, האָט טשאַרלי נאָך שטאַרקער פאַרשאַרפט זײַן קאַמף קעגן דעם טרעסט, איבער וועלכן עס גייט אַוועק דאָס געלט מיטן רויך. דעם גרעסטן טייל פון זײַן פרײַער צײַט איז ער אָפּגעזעסן אין בי־בליאָטעק, אָדער אין א שול — פּלעצער, וווּ ס׳איז ניט דערלויבט צו רייכערן.

דערהערט די נײַס, אַז אומעטום ווערט אײַנ־געפירט א הויכע טאַקסע אָף סיגאַרעטן, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז מ׳וועט שוין מער ניט

קאָנען ברענגען קיין „קאָנטראַבאַנדע", נאָר דאַרפן צאָלן די פולע פרײַזן, האָט טשאַרלי גע־שפּאַסט:

— איך בין א קעגנער פון צאָלן הויכע פרײַזן. הויכע פרײַזן דאַרפן צאָלן די, וועלכע רייכערן די גראָבע ציגאַרן, פאַרמאָגן גראָבע פעמפּיקעס מיט גראָבע באַנק־ביכלעך. אָבער טײַערער מאַכן די סיגאַרעטן איז א מיצווע.

ער האָט גלײַך זיך דערשלאָגן, מע זאָל אין שאַפ אופהענגען אַף אלע ווענט דאָס באַרימטע שילדל: „רייכערן איז ניט דערלויבט". איצטער האָט ער ווידער אײַנגעשפּאָרט עטלעכע סיגאַ־רעטלעך א טאָג.

דאָס מאָל איז טשאַרלי געשטאַנען אין קענדי־סטאָר מיט א סיגאַרעטל צווישן די פינגער און האָט מיט זײַן פײַנער שטימע צוגעזונגען: זאָל די סיגאַרעט־קאָמפּאַניע אליין ברענגען און ריי־כערן...

דער סטאָר־קיפּער האָט זיך צעלאַכט:

— טשאַרלי, כ'האָב שוין געזען גרעסערע קנאַקערס, וועלכע האָבן אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער דאָס פעקל סיגאַרעטן און גלײַך גע־לאָפן זוכן אין אַש־טעצל א ברעקל פון א פרי־ער־גערייכערט סיגאַרעטל...

— עס קאָן זײַן, — האָט טשאַרלי געענט־פערט, — נאָר אויב איך וועל ווידער אָנהייבן רייכערן, וועט דאָס זײַן בלויז א באַווײַז, אַז איך קאָן נאָכאַמאָל אופהערן... הם... איר האָט נאָך סיגאַרעטן? — האָט ער זיך פאַרכידעשט, ווען זײַן פרײַנט האָט אַרויסגענומען דאָס פעקל פון קעשענע, — טאָ גיט אהער, וועל איך אײַך העלפן אויסרייכערן, און פאַטער! א סאָף זאָל עס נעמען...

„מאָרגן־פרײַהײַט", ניו־יאָרק

ס'איז בעעמעס ניט איבערצוטראָגן...

די צײַטונג „ידיעות אחרונות" פון 26 יוני 1978 האָט מיטגעטיילט:

„אַן אַראַבער איז אין ניו־יאָרק געקומען אַף אַן אַנטינאַציישן מיטינג און געוואָלט אַרויס־טרעטן. ער איז אָבער באַזײַטיקט געוואָרן. עט־לעכע צענדליק ייִדישע יוגנטלעכע האָבן אים געשטערט עס צו טאָן... מאַלקאָלם האָנליין, פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם צונויפקום, האָט געזאָגט: „אלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זײַנען דאָ די איניציִאַטאָרן, טאַדלען די טעראָר־טעטיקייט פון דער פּב"אָ"...

דער אַראַבער האָט געענטפערט: „איך בין ניט קיין פאָרשטייער פון דער פּב"אָ, און איך פאַר־טרעט ניט מעדינאַס ייִסראָעל. פאַרוואָס זאָלן מיר צונויפמישן די מאַכלויקעס אינעם מיטעלן מיזרעך מיט אַן איניען, ווו מיר זײַנען אלע געייניקט — אַז מע דאַרף אַרויסרײַסן דעם נאַ־ציזם מיטן וואָרצל, אומעטום, ווו ער עקזי־סטירט?".

ווען ער האָט ווידער געפרוווט אַרופגיין אַף דער טריבונע, האָבן עטלעכע יוגנטלעכע אים אוועקגעשלעפט און, ווי עס איז געוואָרן איבער־געגעבן, אפילע אים געשפיגן אין פאָנעם און אים באַוואָרפן מיט זידלערײַען".

איך פאַרשטיי אַבסאָליוט יענע אופגעקאָכטע ייִדן. ס'איז דאָך בעעמעס ניט איבערצוטראָגן, אַז די אַראַבער זאָלן צונעמען בא אונדז די נאַ־ציס. די נאַציס געהערן צו אונדז אַף אַן אויס־שליסלעכן אופן, און מיר וועלן ניט דערלויבן, אַז א מענטש, וועמענס מוטער איז ניט קיין ייִדישע אָדער וועלכער האָט זיך ניט מעגאַייער געווען לויטן דין, זאָל קעמפן קעגן נאַצישן אַנ־טיסעמיטיזם.

צו וואָס איז דאָס אַלץ געגליכן? צו א מעסיבע פון אַנטיראַסיסטן, וואָס קומט זיך צונויף אונ־טער דעם לאָזונג: „בא אונדז וועט קיין שום נעגער ניט רעדן קעגן ראַסיזם"...

„האאַרעץ", טעל־אוויוו

יוסף לאַפּיק

די ייִסראַעלדיקע אַרמיי־קאָמאַנדשאַפט טיילט מיט פון ליוואַן:

מיר האָבן דערהאַרגעט עטלעכע הונדערט די־ווערסאַנטן.

עס זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן עטלעכע הונ־דערט ציווילע בירגער.

מיר האָבן צעשטערט הונדערטער הײַזער, ווו עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן דיווערסאַנטן.

עס זײַנען צעשטערט געוואָרן הונדערטער הײַזער, ווו עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן בירגער.

אונדזער באָמבאַרדירער־אַוויִאַציע האָט גע־טראָפן אין די פאָזיציעס פון די דיווערסאַנטן.

בײַס די באָמבאַרדירונגען פון דער אַוויאַציע זײַנען געטראָפן געוואָרן וווין־הײַזער.

די דיווערסאַנטן האָבן פאַרלאָזט די צעשטער־טע פאָזיציעס.

עס זײַנען צעשטערט געוואָרן דערפער.

אונדזערע קויכעס האָבן דעראָבערט די פעס־טונגען פון די דיווערסאַנטן.

די דערפער האָבן זיך אויסגעליידיקט פון זייערע אײַנוווינער.

אונדזערע קויכעס האָבן פאַרטריבן די די־ווערסאַנטן.

צענדליקער טויזנטער אײַנוווינער פון די דערפער זײַנען אַנטלאָפן פון זייערע הײַזער.

מיר וועלן ניט צוריקגיין ביז... מיר וועלן זיך ניט צוריקציִען, קאָלזמאַן... מיר וועלן זיך ניט צוריקציִען טראָץ דעם, וואָס... מיר וועלן זיך ניט צוריקציִען, סײַדן...

ווער האָט געזאָגט, אַז מיר וועלן זיך ניט צו־ריקציִען?

די רעגירונג יאָגט זיך נאָך שאָלעם.

דער שאָלעם ווערט געיאָגט דורך דער רעגי־רונג.

„מאַאַריוו", טעל־אוויוו

מוישע בען ארן

איך בין געווען א דעלעגאט פונעם 29־טן ציוניסטישן קאָנגרעס

פון מײַן פּריסטער יוגנט בין איך א נאַציאָ־
נאַל־געשטימטער ייִד, און באַ יעדער מינדסטער
געלעגנהייט פלעג איך זאָגן: „לעשאָנאַ האַבאָ
בעירושאָלאַיִם".

קיין ארגענטינע בין איך געקומען צוליב מײַ־
נער א שוואכקייט. מײַן פּלאַן איז געווען צו
פאָרן קיין ערעץ־ייִסראָעל, נאָר מײַן ווײַב האָט
בעסער געשמעקט אמעריקע. אָבער דער געדאַנק
צו זײַן אַמאָל אַף אונדזער הייליקער ערד האָט
מיך קיינמאָל ניט אָפּגעלאָזט. אזוי זײַנען פאַר־
בײַ 40 יאָר, און דאָ, אין ארגענטינע, האָב איך
זיך טיף פאַרוואָרצלט מיט קינדער, אייניקלעך
און פאַרמאָג א גוטע פאַרנאָסע. א סאָך טעג און
נעכט האָב איך אוועקגעגעבן דער ציוניסטי־
שער טעטיקייט. אווו א בריס, א כאַסענע, א לע־
ווײַע, קום איך גלײַך און זאַמל געלט פאַר קערן־
קאַיעמעס. מיטן טאַנאַך אין די הענט האָב איך
פאַר א סאַך אייגענע, ווי ניט־אייגענע, געוויזן
שוואַרץ אַף ווײַס, אז גאָט אַליין האָט איבער־
געגעבן יעשוע בען נונען די רעכט אַף גאַנץ
ערעץ־ייִסראָעל.

ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט, איז מײַן
ווילן און שטרעבן צו זײַן אַמאָל אין ייִסראָעל
פאַרשטאַרקט געוואָרן פון טאָג צו טאָג. זעענ־
דיק, אז עס דערנעענטערט זיך דער 29־ער ציִ־
ניסטישער קאָנגרעס, האָב איך באַשלאָסן צו
טאָן אַלץ, קעדיי אויסגעוויילט ווערן פאַר א דע־
לעגאַט, ווײַל אין מעשעך פון די אַלע יאָרן פון
מײַן ציוניסטישער טעטיקייט זײַנען שוין גע־
פאָרן אַף אַסיפעס אזויפיל גאַרנישטן און שאַר־
לאַטאַנעס, און נאָר דערפאַר, ווײַל זיי האָבן
געהאַט גענוג כוצפע אַרײַנצושפּאַרן זיך אַלס
דעלעגאַטן. דאָס מאָל האָב איך באַשלאָסן אויך
אויסנוצן די אַלע דעליקאַטע שטיק אַף אויס־
דערוויילט צו ווערן. איך האָב אָנגעהויבן אײַנ־
לאַדן אָפּטער אונדזערע ציוניסטישע גדוילים
אַף שיין־סערווירטע וועטשערעס און געשיקט
אָפּטער מאַטאָנעס פאַר זייערע ווײַבער. דאָס
מיטל האָט געווירקט. אונטער אַפּלאָדיסמענטן
איז געמאָלדן געוואָרן מײַן מאַנדאַט. כאַוויירים
האָבן געהאַלטן לאַנגע רעדעס וועגן מיר, וואָס
נאָר איך אַליין האָב דערין געגלייבט. די גאַנצע
אָנפירערשאַפט האָט אונטערגעשריבן מײַן קרע־
דענציאַל. און איך, מוישע בען ארן, פאַר אַף
דעם וועלט־באַרימטן 29־טן קאָנגרעס.

גלײַך באַם אָנקומען קיין ייִסראָעל בין איך
געלאָפן זען די הייליקע וואַנט. מיט טרערן אין
די אויגן האָב איך געקושט יעדן שטיין. אין
יעדן פרײַען שפּאַלט האָב איך אַרײַנגעשטעקט
בריוולעך צו אַלע אונדזערע אַוועס, אַפילע צו
גאָט אַליין, דערבײַ האָב איך געטראַכט: אָט א
לאַנד! מע קאָן שיקן בריוו אין די ווײַטסטע
מעקוימעס אָן פּאָסטש־מאַרקעס. דאָס זעלבע
האָב איך געטאָן באַ דער מוטער ראַכלס קיי־
ווער. שאָענלאַנג האָב איך געהאַלטן ארומגענו־
מען דעם שטיין, כ'האָב געהאַט דעם געפיל, אז
כ'נעם ארום די מוטער ראַכל אַליין, און איך
רעד צו איר און בעט זי, זיך מיַען דאָרט פאַר
אַלע ייִדן.

דעם צווייטן טאָג בין איך אוועק צום קאָנ־
גרעס מיט מײַן קרעדענציאַל און מיט אַלע ציַי־
טונגס־אויסשניטן פון די באַנקעטן, וואָס כאַ־
וויירים האָבן אײַנגעאָרדנט פאַר מיר. אין פאַר־
הויז פונעם קאָנגרעס איז געווען א טומל, א
שפּאַרעניש. קיינער האָט ניט געוווּסט, ווער איז
ווער. א מיידל האָט אַלעמען געענטפערט: „ניטאָ
מער קיין אײַנלאַדונגען אַפן קאָנגרעס". ווען
איך האָב איר באַוויזן אַלע מײַנע פּאַפּירן, האָט
זי מיר געענטפערט דאָס זעלבע און האָט אַפילע
ניט א קוק געגעבן אַף די פּאַפּירן. א נערוון־
אַטאַקע האָט מיך אָנגעכאַפּט, און כ'האָב זיך
צעשריַען, אז כ'בין א באַרימטער פירער פון
דער ארגענטינער ציוניסטישער באַוועגונג. מײַ־
נע געשרייען האָבן געהאָלפן. צוויי געזונטע יונ־
גען האָבן מיך אָנגענומען און פאַרשטופּט אין
א ווינקל.

אין דעם מאָמענט זײַנען אַרײַן אין פאָדערהויז
דרײַ גדוילים: בעגין, דאַיאַן און ווײַצמאַן. מיי־
לע, בעגין, א ייִדל ווי אַלע; אָבער די אַנדערע
זײַנען דאָך גיבוירים און העלדן פונעם הײַנ־
טיקן דאָר! פאַר אָט די דרײַ וועלט־פּערזענלעכ־
קייטן זײַנען געגאַנגען קינדער מיט בלומען און
עטלעכע יונגען האָבן געבלאָזן שויפער, מעלדנ־
דיק זייער אָנקום. מיט גרויס מי און פאַר א
גאַר בעקאַוועדיקער מאַטאָנע האָב איך געקראָגן
אויסצולײַען אַן אַרײַנגאַנגס־בילעט.

אין סאַלאָן איז געווען זייער פײַערלעך. יונג־
וואַרג האָט געהאַלטן וואך ארום דער בינע, און
אַף דער בינע האָט א ראַוו געזאָגט א לאַנגע
טפילע, אָבער קיינער האָט זיך ניט צוגעהערט,
אַלע האָבן גערעדט צווישן זיך.

אַפן אַנדערן טאָג האָב איך שוין געהאַט מער
גליק און בין אַרײַן אין סאַלאָן אָן מאַטאָנעס.
אַף דער בינע איז געשטאַנען נאָכעם גאָלדמאַן.
ווײַזט אויס, אז זײַן רעדע איז געווען זייער אָן

אינטערעסאַנטע, ווײַל דער גרעסטער טייל דע־לעגאַטן זײַנען אַרויס פֿונעם קאָנגרעס־זאַל און שטאַרק געטומלט.

אין פֿאָדערהויז האָט מען גערעדט אָף פּאַר־שיידענע שפּראַכן. מע האָט דיסקוטירט און גע־שריִען. איין מאָל איז שיִר ניט דערגאַנגען צו א געשלעג צווישן א סאַברע און א צאָפֿן־אַמע־ריקאַנער דעלעגאַט. דער צאָפֿן־אַמעריקאַנער האָט געשריגן, אַז אַמעריקע האַלט אויס ייִס־ראָעל מיט געלט, און דערפֿאַר מעגן די סאַברעס דערהאַרגעט ווערן אַאוו. אָפֿן דריטן טאָג האָט מען אין פֿאָדערהויז פֿון קאָנגרעס געזאָגט, אַז אין זאַל זײַנען אַלע רעזאָליוציעס אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק.

איצט קום איך צוריק פֿון אונדזער 29־טן קאָנגרעס. אָף צוצוגרייטן מײַן באַריכט פֿאַר מײַנע כאַווײרים האָב איך געמוזט נעמען א כוידעש אָפּרו. זיץ איך און האָרעווע, און עס שלאָגט פֿון מיר א שווייס...

„אונדזער לעבן“,
בוענאָס־אײַרעס

ב. מ י כ א ל

אונטערהאַנדלונגען

אין יענעם טאָג, ווען כ׳האָב באַשלאָסן, אַז ווײַטער אַזוי איז אוממעגלעך, האָב איך צונויפֿ־גענומען מײַן רעשט ביסל קוראַזש און בין אַרײַן צום רעדאַקטאָר.

„הערט, — האָב איך אים געזאָגט ענערגיש, — הערט, שוין עטלעכע יאָר ווי איך בין אַן אָנגע־שטעלטער אין אײַער צײַטונג. און כ׳האָב נאָך אַלץ ניט קיין באַשטימטן, קלאָרן סטאַטוט. ווײַ־טער אַזוי איז אוממעגלעך. דעריבער וויל איך אײַך שטעלן צוויי פּאָשעטע פֿראַגן: ערשטנס — צי זײַנט איר גרייט צו באַשטימען מײַן סטאַ־בילן סטאַטוט? און צווייטנס — אַוועלכן מעכאַ־ניזם האַלט איר אַלס פּאַסיקן צו באַשטימען דעם סטאַטוט?“

איך האָב געוואַרט אָף אַן ענטפֿער. דער רע־דאַקטאָר האָט געזאָגט: „ניט איצט!“ ס׳איז אַרײַ־בער א וואָך. איך בין געקומען צום רעדאַקטאָר און געזאָגט: „נו?“ ער האָט געענטפֿערט: „מע טראַכט, דריקט ניט“.

איך האָב ניט געדריקט א וואָך צײַט. דערנאָך האָב איך געדריקט. דער רעדאַקטאָר האָט גע־זאָגט: „זעט! קוידעמקאָל דאַרפֿט איר וויסן, אַז איר קאָנט זיך ווענדן צו מיר און רעדן מיט מיר וועגן יעטווידער פּראָבלעם, און ווען איר ווילט נאָר. איך בין שטענדיק גרייט אײַך אויס־צוהערן. איצט, וואָס שײַעך די פֿראַגן. איך לייג פֿאָר, אַז נאָך פֿינף יאָר אווטאָנאָמער אַרבעט זאָלן די צדאָדים מעגן אַרויסשטעלן די פֿאָדע־רונג צו באַהאַנדלען דעם וועזן פֿון די קומענ־דיקע באַציִונגען, וואָס וועלן געשאַפֿן ווערן צווישן אונדז ביידע, און דערגיין צו א העסקעם, וואָס זאָל זיך לייגן אָפֿן סייכל“...

איך האָב געזאָגט: „יאָ, אָבער וואָס איז מיט מײַן סטאַבילן סטאַטוט?“

„אויב איר ווילט, — האָט ער געענטפֿערט מיט עמעסער לעבנסווירדיקײַט, — וועלן מיר רעדן דערפֿון אין פֿינף יאָר אַרום. וועגן אַלץ, אָבער טאַקע וועגן אַלץ בין איך גרייט צו רעדן מיט אײַך“.

איך האָב געפֿילט, אַז מע דרייט מיר א מויעך, אָבער ניט פֿאַרשטאַנען ווי און ווו.

„דאָס הייסט, — האָב איך געזאָגט, — אַז הײַנט־צו־טאָג זײַנט איר ניט גרייט מיר אַפֿילע צו זאָגן, אַז איר וועט מאַסקים זײַן צו באַטראַכטן מיט מיר מײַן באַשטימטן סטאַטוט אין פֿינף יאָר אַרום?“

„דאָס האָב איך ניט געזאָגט, — האָט דער רע־דאַקטאָר מיך פֿאַריכט מיט האַרבקײַט, — איך האָב אײַך געענטפֿערט בעפּיירעש אין א פּאָזי־טיוון גײַסט און אָנגעוויזן, אַז איך וועל באַווי־ליקן צו דיסקוטירן מיט אײַך וועגן אונדזערע קינפֿטיקע באַציִונגען. ס׳איז ניטאָ קיין שום סי־בע, אַז דער מעהוס פֿון אונדזערע באַציִונגען אין דער צוקונפֿט זאָל ניט אַנטהאַלטן אויך א געוויסע דיסקוסיע וועגן אײַער ענד־סטאַטוט אַלס טייל פֿונעם מעהוס פֿון אונדזערע באַציִונגען. אָבער מיר דאַרפֿן פֿאַרשטיין, אַז איך קאָן זיך הײַנט ניט פֿאַרפֿליכטן וועגן דיסקוסיעס, וואָס וועלן פֿאָרקומען אין פֿינף יאָר אַרום, ניט עמעס?“

„יאָ, יאָ. אָבער וואָס וועט זײַן אינצווישן?“ — האָב איך געפֿרעגט.

„אינצווישן וועלן מיר צוזאַמען שטריקן א געוועב פֿון באַציִונגען, וואָס זאָלן פֿאָרשטעלן מיט זיך א פֿײַנע באַזע אָף צו פֿאָרזעצן די נאָר־מאַלע געמיינזאַמע אַרבעט, און דאָס — אָן אַראָפּצוגליטשען זיך אין דער נאָענטער צײַט צו א צוזאַמענשטויס איבער די יעניקע פּונקטן, ווו אונדזערע מיינונגען גייען זיך ניט צונויף“.

„און וועלכער וועט זײַן מײַן לוין אינעם פּע־ריִאָד, ווען מיר וועלן פּרווון שטריקן צוזאַמען דאָס געוועב ביז צו דער דיסקוסיע וועגן מעהוס פֿון מײַן צוקינפֿטיקן סטאַטוט?“ — האָב איך גע־

פרעגט און זיך גלייך געכאַפּט, אַז די פראַגע איז ניט ריכטיק פאָרמולירט געוואָרן.

„דאָס איז, לעמאַשל, אַ בוילעטער ביישפּיל פאַר אַ ווייטעקפולן פונקט, ווו אונדזערע מיי־נונגען זיינען צעטיילט. און ס'איז ביכלאַל ניט נייטיק, אַז מיר זאָלן אים באַטראַכטן, איידער מיר וועלן דערגיין צו אַט דעם שטאַפּל פון דער דיסקוסיע. אַזאַ צוזאַמענשטויס קאָן בלויז פאַר־וואָלקענען דאָס געוועב, וואָס מיר מאַכן מיט אַזויפיל פליִס".

איך האָב געוווּסט, אַז ער איז גערעכט. איך האָב זיך אָבער, איידער איך האָב באַוויזן אויפ־הענגען אַ שלאָס אויף מיין מויל, ניט געקאָנט באַ־הערשן, און ס'האָט זיך אַרויסגעכאַפּט די פראַ־גע: „אָבער וואָס איז מיט מיין סטאַבילן סטאַ־טוט, ס'איז מיר נימעס צו זיין אַ ציטווייליקער".

דעם רעדאַקטאָרס געדולד האָט, קענטיק, גע־פּלאַצט. ער איז ניט געווען צו האָבן קאָנ־טאַקטן מיט שווער באַגרייפנדיקע מענטשן.

„איר פאַרשטייט ניט? — האָט ער געפרעגט. — אייער סטאַבילער סטאַטוט איז אַ ציטווייליקער, אָדער, אויב איר ווילט, אייער ציטווייליקער סטאַטוט איז אַ סטאַבילער".

„דאָס איז ניט קיין ענטפער", — האָב איך גע־זאָגט.

און עס זיינען נאָך פאַראַן מענטשן, וואָס באַ־גרייפן ניט, פאַרוואָס איך פאַרשטיי אַזוי גוט די געפילן פון די פּאַלעסטינער.

„האַארעץ",
טעל־אַוויוו

כראָניק

„איך דערקען דיך, לעבן"

אונטער אַזאַ קעפל האָט די צייַ־טונג „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ" פאַרעפנטלעכט אַ רעפּאָרטאַזש פון וו. סידאָרענקאָ וועגן דעם אָוונט, געווידמעט דעם 70־טן געבורטס־טאָג פון מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי, וועלכער איז פאָרגעקומען אינעם קיִעווער רעפּובליקאַנישן ליטער־ראַטן־הויז. אפן אָוונט זיינען ביי־געווען פיל שרייבער, זשורנאַ־ליסטן, פאַרשטייער פון דער קיִע־ווער געזעלשאַפטלעכקייט.

מיט אַן אַריינפיר־וואָרט איז אַרויסגעטראָטן דער מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" הערשל פּאָליאַנקער.

דערנאָך האָט גערעדט וועגן מאָטל טאַלאַלאַיעווסקין, דעם אָנגעזעענעם שרייבער־קאָמוניסט, לעאָניד ווי־שעסלאַווסקי.

פיל ווארעמע ווערטער האָבן געווידמעט טאַלאַלאַיעווסקיס שאַ־פונג די שרייבער מ. אופּעניק, פּ. קיריטשאַנסקי, אַ. מיאַסקיוּוסקי, אַ. קאַצנעלסאָן, ד. כייקינע, אַ. סי־זאָנענקאָ, ד. בילאָוס, ר. באַליאַס־נע, וו. מאַלישקאָ, יע. בודניצ־קאַיאַ, וו. ווערניק, מ. מאַגילע־וויטש, ד. קאָסאַריק, אַ. נאָוויצקי, ס. גאַרדייעוו, ד. שלאַפּאַק. די שרייבער האָבן זיך געטיילט מיט דערינערונגען וועגן די באַגעגע־נישן מיט מאָטל טאַלאַלאַיעווסקין אף די פראָנט־וועגן פון דער גרויַ־סער פּאַטערלענדישער מילכאָמע און אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

אפן אָוונט זיינען פאָרגעלייענט געוואָרן דעם דיכטערס ווערק אף יידיש, אוקראַיִניש און רוסיש. אַר־טיסטן און אָנטיילנעמער פון דער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקייט האָבן געזונגען לידער אף זיינע טעקסטן.

אפן אַדרעס פונעם אָוונט איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון דער רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימ־לאַנד".

ווייניק-באַוווּסטע פאָטאָגראַפיעס פון פּיַוול סיטאָ



פ. סיטאָ אין די 30־ער יאָרן

פ. סיטאָ (דער ערשטער פון רעכטס) אויף אַן אָוונט אינעם
ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט (1943)

דער שרײַבער אין די
מילכאָמע־יאָרן

פון רעכטס אויף לינקס: יוסף קאָטליאַר, פּיַוול סיטאָ, אַבֿרהם גאָנטאַר (1932)

מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור

ליטוואקאָוו, מוישע
(1937 — 1879)



— ליטעראטור־קריטיקער, פּובליציסט, רעדאקטאָר. געבוירן אין טשערקאס. צו 17 יאָר, זייענדיק שוין באהאוונט אין העברעיִשער טעאָלאָגיע, אָנגעהויבן באהערשן אלגעמיינע קולטור. עקסטערן אָפּגעגעבן אין קיִעוו עקזאמען פאר 8 קלאסן גימנאזיע. אין די יאָרן 1902 — 1905 געלעבט אין פּאריזש, שטודירט אין דער סאָרבאָנע פילאָסאָפיע, געשיכטע און ליטעראטור. ליטוואקאָוו האָט גאָר פרי אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע און געזעלשאפטלעכע טעטיקייט אין פארשיידענע ייִדישע סאָציאַליסטישע און נאציאָנאליסטישע גרופּירונגען און ריכטונגען. ער דרוקט א ריי ארטיקלען איבער ליטעראַרישע און געזעלשאפטלעכע פראגן אף העברעיִש און ייִדיש. באנאנד דערמיט פארעפנטלעכט ער אין דער רוסישער טעגלעכער צייטונג „קיִעווסקאיא מיסל" א סעריִע ארטיקלען איבער פראגן פון רוסישער און מערעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראטור אונטערן פסעוודאָנים מ. לייראָוו. נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז ליטוואקאָוו ארײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּארטיי און גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין שאפן די נײַע ייִדישע סאָוועטישע קולטור. ער האָט זיך באטייליקט אין דער ארבעט פון דער „קולטור־ליגע" אין קיִעוו, אין די אויסגאבעס פון די זאמלביכער „אייגנס", „באגינען" און אין זשורנאל „ביכער־וועלט". אָנהייב צוואנציקער יאָרן פּאָרט ער אריבער קיין מאָסקווע און ווערט רעדאקטאָר פון דער צײַטונג „דער עמעס". באזונדערס וויכטיק זײַנען געווען זײַנע ארויסטרעטונגען וועגן די אופגאבן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. אין א ריי שארפע ארטיקלען און פּעליעטאָנען האָט ער געשטעלט אקטועלע פּראָבלעמען פון די באַציִונגען פון דער סאָוועטישער ליטעראטור מיט דער ייִדישער ליטעראטור אין אויסלאנד, געפירט שארפע פּאָלעמישע שלאכטן קעגן פרעמדע בורזשואזע טענדענצן, פאר הויכער מײַסטערשאפט, זײַנע ליטעראטור־היסטאָרישע און עסטעטישע קאָנצעפּציעס זײַנען אָפּגעלייקנט געוואָרן אין די ארויסטרעטונגען פון די ראפּישע וווּלגאר־סאָציאָלאָגישע קרײַזן, וועלכע האָבן אים קריטיקירט פאר נאציאָנאליזם, אינטויִטיוויזם, פּערעווערזעוושטשינע. די דאָזיקע קריטיק איז מערסטנטייל געווען אומבאגרינדעט. ליטוואקאָווס פּערלערן, וועלכע ער האָט יאָ געמאכט, האָט ער אליין מיט דער צײַט אנערקענט און פאריכט. ליטוואקאָוו איז געווען אן עכטער מײַסטער פון פּאָלעמיק. ער האָט געשאפן גלענצנדיקע מוסטערן פון פּאָלעמישן פעליעטאָן און פּאמפלעט, פארקערפערנדיק די אקטועלע פראגן פון דער ליטעראטור. ליטוואקאָוו איז געווען א מיטגליד פונעם אינסטיטוט פון ייִדישער קולטור בא דער אלוקראַיִנישער וויסנשאפט־אקאדעמיע, פּראָפעסאָר פון ייִדישער ליטעראטור און ייִדישער געשיכטע אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פונעם ליטעראַרישן פאקולטעט אין מאָסקווער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט אף וו. אי. לענינס נאָמען.

ווערק: „אין אומרו", קיִעוו, 1918; „פינף יאָר מעלוכישער ייִדישער קאמער־טעאטער", מאָסקווע, 1924; „אין אומרו", 2־ער באנד, מאָסקווע, 1926; „אף צוויי פראָנטן", מאָסקווע, 1932.

ביבליאָגראפיע: ז. רייזען, „לעקסיקאָן, ב. 2; ז. זילבערצווייג, „לעקסיקאָן פון ייִדישן טעאטער", ב. 2; ש. ניגער, „לעזער, דיכטער, קריטיקער", ניו־יאָרק, 1928; דער זעלבער, „קריטיק און קריטיקער", בוענאָס־איירעס, 1959; א. גורשטיין, „וויסנשאפטלעכע יאָרביכער", מאָסקווע, 1929; מ. קיפּער, זשורנאל „די רויטע וועלט", נומער 6, כארקאָוו, 1930; דער זעלבער, דאָרטן, נומער 9—10 פון 1931; י. בראָנשטיין, „אטאקע", מאָסקווע, 1931; דער זעלבער, „פּראָבלעמען פון לענינישן עטאפּ אין ליטעראטור־קענטעניש", מינסק, 1932; כ. דונעץ, „די איבערדיכטונג־טעאָריע פון כ' ליטוואקאָוו", מינסק, 1931; א. אבטשוק, „עטיודן און מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור־באוועגונג אין פססר", כארקאָוו, 1934; ש. ביקל, „שרײַבער פון מײַן דאָר", ניו־יאָרק, 1958; נ. מײַזיל, „דאָס ייִדישע שאפן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפארבאנד", ניו־יאָרק, 1959; „לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראטור", ב. V, ניו־יאָרק, 1959; מ. נאָטאָוויטש, „אין שעפערישן אומרו", וועגן מ. ליטוואקאָווס ליטעראַריש־קריטישער ירושה, זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", נומ. 5 פון 1963; הערש רעמעניק, „מוישע ליטוואקאָוו", (צו זײַן 90־טן געבורטסטאָג), דאָרטן, נומ. 8 פון 1969.

ליפשיץ, מענדל (1907)

— דיכטער. געבוירן אין שטאָט נעסטאַנאָוויטש, ווײַסרוסלאַנד. פאַרענדיקט דעם ווײַסרוסישן מעלוכע־אוניווערסיטעט אין מינסק. דעביוטירט מיט לידער אין 1923. געדרוקט זײַנע ווערק אין די ייִדישע סאָוועטישע צײַטונגען און זשורנאַלן. ביז דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע געלעבט אין מינסק. אין די מילכאָמע־יאָרן זיך געפונען אין עוואַקואַציע אין סאַמאַרקאַנד, מיטל־אַזיע. אין 1945 אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, מיטגעאַרבעט אין דער צײַטונג „אייניקײַט".

מ. ליפשיץ איז א דיכטער א ליריקער. פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען און ליבע־ליריק זײַנען די הויפּט־זשאַנרען פון זײַן פּאָעזיע. אין ליפשיצעס לידער זײַנען אָפּגעשפּיגלט די פּראָצעסן פונעם סאָוועטישן לעבן אין די צוואַנציקער — זיבעציקער יאָרן, די אידייען־וועלט פון די סאָוועטישע מענטשן אויף פאַרשיידענע עטאַפּן פון דער רעוואָלוציאָנערער צײַט. זײַענדיק א מײַסטער דעריקער פון דער לירישער מיניאַטיור, האָט מענדל ליפשיץ געשריבן אויך פּאָעמעאַרטיקע ציקלען. זײַנע ווערק זײַנען איבערגעזעצט אויף רוסיש און ווײַסרוסיש.

ווערק: „מײַנע און אײַערע לידער", מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק, 1931; „מיט הייסן טראָט", לידער, מינסק, 1932; „לידער", מינסק, 1934; „יונגע יאָרן", פּאָעמע, מינסק, 1935; „נײַע לידער", מינסק, 1936; „מיט אַלעמען צוזאַמען", לידער, מינסק, 1939; „אונטער א מאַזלדיקן שטערן", לידער, מינסק, 1949; „איבער טויזנט ווערסטן", מאָסקווע, 1947; „א זון מיט א רעגן", אויסגעוויילטס, מאָסקווע, 1977.

ביבליאָגראַפיע: ב. אָרשאַנסקי, „צײַטשריפט", ב. 5, מינסק, 1931; ל. צאַרט, זשורנאַל „שטערן", נומער 3, מינסק, 1932; וו. וויטקין, דאָרט, נומער 9, מינסק, 1932; כ. דוניעץ, דאָרט, נומער 12, מינסק, 1932; א. קושניראָוו, צײַטונג „נײַע פּרעסע", 27 יול, פּאַריזש, 1945; וו. דאָברושין, אַלמאַנאַך „הײמלאַנד", נומער 2, מאָסקווע, 1947; ש. לאַסטיק, „ייִדישע שריפטן", לאָדזש, נאָיאַבער, 1948; י. גאָטליב, „צוקונפט", ניו־יאָרק, 1951, מײַ; י. קאַצנעלסאָן, „מאָרגן־פרײַהײַט", 12 מאַרט, ניו־יאָרק, 1956; מ. קאַץ, דאָרט, 26 מײַ, ניו־יאָרק, 1957; נ. מײַזיל, „דאָס ייִדישע שאַפן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד", ניו־יאָרק, 1959; י. ליובאָמירסקי, „אַן אייגנאַרטיקער דיכטער", זשורנאַל „סאָוועטיש הײמלאַנד", נומער 6, מאָסקווע, 1962; הערש רעמעניק, „א זון מיט א רעגן", זשורנאַל „סאָוועטיש הײמלאַנד", נומער 1, מאָסקווע, 1978.

לעוויטאַן, מיכל (1937 — 1882)

— געזעלשאַפטלעכער טוער, פּובליציסט, רעדאַקטאָר. געבוירן אין דער ייִדישער קאָלאָניע נאַדיאָזשנאַיאַ, דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט, אין א מישפּאָכע פון ערדאַרבעטער. אין דער יוגנט אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. אין 1908 האָט מען אים אַרעסטירט און אײַנגיכן באַפרײַט. נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ געוואָרן א וויכטיקער טוער פון די ייִדישע שולן. צוזאַמען מיט לייב בראָוואַרניקן, באָרעך שוואַרצמאַנען און שימען דאָבינען געגרינדעט די ערשטע ייִדישע שול, וווּ די לימודים זײַנען געפירט געוואָרן אויף ייִדיש. ער איז אויך צוזאַמען מיט בראָוואַרניקן געווען דער אויטאָר פונעם לערנבוך „אַריפמעטישע אויפגאַבן פאַרן ערשטן לערניאָר". נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז לעוויטאַן אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער בויונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור. לעוויטאַן איז געווען דער רעדאַקטאָר פון די זשורנאַלן „די רויטע וועלט", „אויף די וועגן צו דער נײַער שול"; ער איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פונעם לערנבוך „ייִדישע ליטעראַטור, כרעסטאָמאַטיע פון ליטעראַטור און קריטיק", וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט צוזאַמען מיט נ. אויסלענדערן, ד. וואָלקנשטיינען, נויעך לוריען און ע. פּינינבערגן (קיִעוו, 1928). אײנײנעם מיט ש. אַגורסקין, ק. מאַרמאָרן און מ. עריקן האָט ער רעדאַגירט די 6־בענדיקע אויסגאַבע פון ווינטשעווסקי — עדלשטאַט — באָווזשאָווער; מ. לעוויטאַן איז דער אויטאָר פון א גרויסער צאָל אַרטיקלען איבער פראַגן פון ליטעראַטור און קולטור (פאַרעפנטלעכט אין די ייִדישע זשורנאַלן און צײַטונגען פון יענער צײַט — „דער עמעס", „דער שטערן", „די רויטע וועלט" און אַנד.).

ביבליאָגראַפיע: ז. רייזען, „לעקסיקאָן", ב. 2; ש. עפּשטיין, זשורנאַל „די רויטע וועלט", כאַרקאָוו — קיִעוו, דעקאַבער 1929; כ. דונעץ, „אין קאַמף אויף צוויי פראָנטן", מינסק, 1932; ק. מאַרמאָר, „דאָוויד עדלשטאַט", געדענקבוך, ניו־יאָרק, 1953; נ. מײַזיל, „דאָס ייִדישע שאַפן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד", ניו־יאָרק, 1959; ז. ראַטנער און י. קוויטני, „דאָס ייִדישע בוך אין פּסס"ר פאַר די יאָרן 1917—1921".

כראָניק

אונדזערע יובילאַרן

אין דעקאַבער פאַריקס יאָר איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 70־טער געבורטסטאָג פון יאָסל בוכבינדער, אין יאַנוואַר פונעם הײַנטיקן יאָר — מאָטל גאָלבשטיינס 60־טער געבורטסטאָג. די צײַטונג „ליטעראַטורנא אוקראַיִנא״ האָט פאַרעפנטלעכט באַגריסונגען פון די אָרטיקע שרײַבער־אָרגאַניזאַציעס, געווידמעט די יובילײ־דאַטעס פון ביידע דיכטער.

אינעם אַרטיקל פונעם רוסישן דיכטער לעאָניד ווישעסלאַווסקי ווערט וועגן י. בוכבינדערן צווישן אַנדערס געזאָגט:

יאָסל בוכבינדערס לידער, פולע מיט ליבע צום לײַבלעכן היימלאַנד, צו די אַרבעטס־מענטשן, זײַנען ניט איין מאָל איבערגעזעצט געוואָרן פון אָנגעזעענע וואָרט־מײַסטערס. ניט ווייניק לידער זײַנען דערשינען אין די דיכטערישע אינטערפּרעטאַציעס פון מאַקסים רילסקי, וולאַדימיר סאָסיורא. כאַראַקטעריזירנדיק יאָסל בוכבינדערס לידער־זאַמלונג „דער וועג צום לעבן״, האָט מאַקסים רילסקי באַזונדערס אונטערגעשטראָכן, אַז בוכבינדערס לירישע און ליריש־עפּישע שאַפונגען זײַנען דורכגעדרונגען מיט סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, מיט טיפער ליבע צו אוקראַיִנע, מיט וועלכער עס איז פאַרבונדן דער גורל און דער שעפערישער וועג פון דעם דיכטער.

יאָסל בוכבינדער, — שרײַבט ווײַטער ל. ווישעסלאַווסקי, — איז צו זײַנע 70 יאָר פול מיט ענערגיע, ווי מיט 50 יאָר צוריק, ווען ער האָט אָפּגעדרוקט זײַן ערשטע ליד.

אינעם באַגריסונגס־וואָרט, געווידמעט מאָטל גאָלבשטיינס 60־טן געבורטסטאָג, שרײַבט דער דירעקטאָר פון דעם סימפעראָפּאָלער שרײַבער־קלוב דאַנילאָ קאָנאָנענקאָ:

„מאָטל גאָלבשטיין לעבט און שאַפט אין קרים. די ערשטע זאַמלונג זײַנע „פונקען״ איז דערשינען אין 1938. דער דיכטער מאָלט די העראָיִשע אינדערוואָכנס פון די ערשטע פּיאָנפיאָרן. ברייט און רעגונגספול גיט ער איבער די ליבע־געפילן צום מענטשן, צו דער נאַטור פון זײַן ליבער היים. נאָך דער פאָטערלענדישער מילכאָמע דערשײַנט מאָטל גאָלבשטיינס צווייטע לידער־זאַמלונג „מיט ביקס אין האַנט״, וועלכע איז אינגאַנצן געווידמעט דעם העראָיִזם פון די סאָוועטישע שלאַכטלײַט אין די יאָרן פונעם קאַמף קעגן דעם פאַשיזם.

מאָטל גאָלבשטיינס לידער דרוקן זיך אָפּט אין די ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס און אויך אין דער איבערזעצונג אַף רוסיש. ער איז איינער פון די באַשטענדיקע אַוטאָרן פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״.

■ ■ ■

ייִדישע פאָלקס־מײַסעס

דער בעלגראַדער פאַרלאַג „נאַראָדנאיא קניגאַ״ (יוגאָסלאַוויע) האָט אַרויסגעגעבן אין אַ טיראַזש פון צען טויזנט עקזעמפּליאַרן אַ באַנד ייִדישע פאָלקס־מײַסעס. דעם אויסוואַל פון די מאַטעריאַלן, זייערע איבערזעצונגען האָט געמאַכט אויגען ווערבער. ער איז אויך דער אַוטאָר פונעם נאָכוואָרט. יעדע מײַסע איז איליוסטרירט מיט צייכענונגען פון אַדע קאַווסקאַג.

דער פאַרלאַג „נאַראָדנאיא קניגאַ״ איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אויך אַנדערע זאַמלונגען פון ייִדישע פאָלקס־מײַסעס.

צום אָנדענק פון די קאָרבאָנעס פונעם פאַשיזם

די ייִדישע געמיינדע אין סאַראַיעוואָ האָט דורכגעפירט אַ טראַדיציאָנעלע פײַערונג אין דאַקאַווא, געווידמעט דעם אָנדענק פון די קאָרבאָנעס פונעם פאַשיזם, אַף וועלכער עס האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם, צווישן זיי מיטגלידער פון די ייִדישע געמיינדעס פון סאַראַיעוואָ, אָסיעק, סורבאָטיצאַ, סלאַווענסקאַ בראַדאַ, זאַגרעב און אַנדערע ערטער.

צום מאָנומענט בײַ די קוואָרים זײַנען געלייגט געוואָרן פרישע בלומען.

געשטאָרבן שאָלעם־אַלייכעמס זון

אין ניו־יאָרק איז אין עלטער פון 77 יאָר געשטאָרבן דער זון פון שאָלעם־אַלייכעמען נאָרמאַן רעיבען (ניומע ראַבינאָוויטש).

נ. רעיבען איז געווען אַ מאָלער אינעם באַוווּסטן „קאַרנעגי האָל״, ווּ ער איז גלײַכצײַטיק געווען באַשעפטיקט אַלס לערער פון קונסט.

■ ■ ■

א קינדער-ליד



באַ דעם שטעטל שטייט אַ שטיבל
מיט אַ קליינעם דאַך,
און אַרום דעם שטיבל וואַקסן
ביימעלעך אַ סאַך.

און דער טאַטע מיט דער מאַמען,
כאַנעלע מיט מיר, —
שוין אַ לאַנגע צײַט איניינעם
וווינען אַלע פיר.

און דער טאַטע אַרבעט, אַרבעט
אַלע יאָרן זײַנע,
און ער קויפט אונדז, און ער ברענגט אונדז
זאַכן שיינע, פײַנע.

קויפט אַ פערדל, וואָס סע הירזשעט,
מיט דעם נאָמען מוציק;
קויפט אַ הינטל, וואָס סע האַווקעט,
מיט דעם נאָמען צוציק.

קויפט אַ גאַנדז מיט אַ ווײַסן האַלדז,
פעדערלעך ווײַס ווי שניי;
קויפט אַ הון, וואָס קוואָקעט, קוואָקעט,
ביז זי לייגט אַן איי.

נעמט די מאַמע אָט די אייער,
אוי, איז דאָס אַ מויפּעס!
זעצט זי אויף אַף זיי אַ קוואָקע,
האָבן מיר שיינע אויפּעס.

פלענאַרע זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"

אין דעקאַבער פאַריקס יאָר איז פאָרגעקומען די אָרדנטלעכע פּלענאַרע זיצונג פון אונדזער זשורנאַל. באַהאַנדלענדיק די ארבעט פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר, האָבן די מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע באַזונדערס אַנאַליזירט די ספּעציעלע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכע זײַנען געווידמעט דער דאָקומענטאַלער פאַרצייכענונג און די אויפגאַבן פון דער סאָוועטישער יידישער קריטיק. עס זײַנען אָנגעמערקט געוואָרן די גרונט־פּראָבלעמען, איבער וועלכע דער זשורנאַל וועט אַרבעטן אין דער ערשטער העלפט פון 1979.

די פּלענאַרע זיצונג האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אַרויסטראָגן אַ דאַנק די הונדערטער געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער, וועלכע גיבן אָפּ פיל קויכעס צו היטן און פאַרברייטערן דעם קרײַז יידישע לייענער. איינצײַטיק דערמיט האָבן די מיטגלידער פון רעדקאָלעגיע אויסגעדריקט זייער שטוינונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פײַנטלעכער אין באַצוג צו דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור און איר פאַרזיאָדישער אויסגאַבע פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע עס פירן סיסטעמאַטיש אין זייערע פּרעסע־אָרגאַנען די רענעגאַטן פון דער פּראָגרעסיווער יידישער באַוועגונג אין פּשא, יִיסראַעל, קאַנאַדע אאַ.

ס'איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ ווונטש, אַז די ליטעראַרישע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין סאָוועטנפאַרבאַנד זאָל מיט דער הילף פון די געזונטע געזעלשאַפטלעכע קויכעס אין די יידישע יישוווים אין דער וועלט זיך ווענדן, איבערן קאָפּ פון די רענעגאַטן, דירעקט צו די ברייטע שיכטן פּראָגרעסיווע לייענער, וועמען עס איז טײַער דער גורל פון אונדזער ליטעראַטור, מיט אַ רוף צו לייענען און פאַרשפּרייטן „סאָוועטיש היימלאַנד".

מיט צופרידנקייט איז אָפּגעמערקט געוואָרן אָף דער פּלענאַרער זיצונג די היפשע שעפערישע אַקטיווקייט פון די אויטאָרן פונעם זשורנאַל, אין רעזולטאַט פון וועלכער עס איז דערמעגלעכט געוואָרן דער רײַכער און הויכקינסטלערישער פּאָרטפעל פון קסאָוויאַדן אין דער רעדאַקציע.

צו אונדזערע לייענער פון אויסלאַנד

אין די פּילצאָליקע בריוו, וואָס די רעדאַקציע באַקומט פון אויסלאַנד, פילט זיך דער גרויסער אינטערעס פון די לייענער פון פאַרשיידענע לענדער צום זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אַ סאַך ליבהאָבער פון דעם יידישן קינסטלערישן וואָרט פרעגן זיך אָן, וויאַזוי און ווו קאָנען זיי זיך אַבאָנירן אָף „סאָוועטיש היימלאַנד".

אויספּילנדיק די דאָזיקע באַקאַשע, טיילן מיר מיט די אַדרעסן פון אַ ריי פירמעס, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט דער אַבאָנירונג אָף סאָוועטישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, דערונטער אויך אָף אונדזער זשורנאַל.

אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע
USA

Four Continent Book Corporation,
156, Fifth Avenue,
New York, N.Y. 10010

Imported Publications Inc.,
329 West Ohio Street,
Chicago, Illinois 60610

Stechert-Macmillan Inc.,
7250 Westfield Ave.,
Pennsauken, N.J. 08110

EBSCO Subscription Services,
17-19 Washington Avenue,
Tenaffly, New Jersey 07670

אין אויסטראַליע
Australia

Victoria 2000
C.B.D. Library and
Subscription Service,
Box 4886 G.P.O.
Sydney, N.S.W. 2000

International
Bookshop, Pty, Ltd.
2nd floor,
17 Elizabeth Street,
Melbourne,

Spring Bookshop
Room 5, Ist floor,
37 Swanston St.
Melbourne,
Victoria 3000

אין קאַנאַדע
Canada

Progress Books,
487 Adelaide St., West.
Toronto 2B, Ont.

Periodica, Inc.,
7045 Avenue du Parc,
Montreal 15, Qne

אין פֿראַנקרײַך
France

Librairie du Globe
2, rue de Buci
75–Paris 6e

Les Livres Etrangers S.A.
10, Rue Armand Moisant
F–75737 Paris Cedex 15

אין ייִסראָעל
Israil

Lepac Ltd
15, Rambam Street
P.U. Box 1136
Tel-Aviv

Bolslavski Ltd
72 Allenby Road
P.U. Box 3346
Tel-Aviv

Haiflepac Ltd
Arlosorov, II
P.U. Box 5343
Haifa

נײַע ביכער פון ייִדישע שרײַבער

אין דער צווייטער העלפט פון פאָריקן יאָר זײַנען דערשינען נײַע ביכער פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער:

אין פארלאג „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“

ארן ווערגעליס. אויסדערוויילטס (לידער) — אין רוסיש, 300 זײַטן.

אין פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“

אין ייִדיש

יוסעף ראבין. אין פארשיידענע יאָרן (ראָמאן און דערציילונגען), 442 זײַטן.

שיקע דריז. הארבסט (לידער), 96 זײַטן.

באָטע לוריע. יאם און הימל (ראָמאן און דערציילונגען), 288 זײַטן.

בער האלפערן. מײַן ייִכעס (דערציילונגען), 256 זײַטן.

כאַים מעלאמוד. ווארעם אש (ראָמאן און דערציילונגען), 512 זײַטן.

עליע גאָרדאָן. אונטער דער הייסער זון (ראָמאן), 464 זײַטן.

אין רוסיש

ריווקע רובין. עס ציט זיך דער פאָדעם (דערציילונגען), 480 זײַטן.

הערשל פּאָליאנקער. ייִצכאָק סאנטאָס און זײַנע יאָרשים (ראָמאן), 314 זײַטן.

ביכער פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, וועלכע וועלן דערשײַנען אין מאָסקווער פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“

אין טעמאטישן פּלאַן פונעם פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“ זײַנען אָנגעמערקט געוואָרן ארויסצוגעבן אין משך פונעם 1979 יאָר פאָלגנדיקע ביכער פון ייִדישע שרײַבער:

אין ייִדיש

ריווע באליאסנע. גאָלדענער בלעטערפאל (לידער).

כאַים ביידער. כאנוקאס־האבאַיס (לידער).

שמועל גאָרדאָן. די אייביקע מאָס (ראָמאן און דערציילונגען).

באטאן זאבארע. אונטער דער הייסער זון פון פּראָוואנס (ראָמאן).

מישע מאָגילעוויטש. אָפנהארציקײַט (לידער).

בוזי מילער. יעדן דאָר זײַנס (ראָמאן און דערציילונגען).

אווראָם קאצעוו. א גוט וואָרט (לידער).

מוישע קולבאק. דער מענטש איז גוט (לידער).

איציק קיפּניס. אונטערוועגנס (ראָמאן און דערציילונגען).

אין דער איבערזעצונג אף רוסיש

ארן ווערגעליס. 16 לענדער, אײַנגעשלאָסן מאָנאקאָ (רײַזע־פארצייכענונגען).

שירע גאָרשמאן. לעבן און ליכט (נאָוועלן און דערציילונגען).

דאָרע כײַקינע. דער צויבער־לייטער (לידער).

באשטעלן די אָנגערופענע ביכער קאָן מען דורך די ביכער־קראָמען בא די אָרטיקע פארוואלטונגען פון ביכער־האנדל „סאָיוזקניגאָטאָרג“.

There are sketches of the stage costumes made by honoured cultural worker of the Ukrainian Soviet Socialist Republic A. Plaksin for a production of the play, "The Wandering Stars". In the theatre section we can also see photographs of M. Krushelnitsky in the part of Tevvy, Sh. Fignerova in "The Enchanted Tailor", and notices put up in Moscow, Odessa, Chernovtsy and other towns announcing future performances of plays by Sholem Aleichem.

Visitors pause at the photographs showing Sholem Aleichem and the "grandfather of Jewish literature", Mendele Mocher Seforim.

We go into the room of Sholem Aleichem's father, Nokhem Rabinovich. We are told how the son loved to spend his time here. A desk, a bookstand, a spectacle case, pince-nez, writing appurtenances on the desk, photocopies of manuscripts, a book by Lev Tolstoy, portraits of Shevchenko, Tolstoy, Chekhov and Gorky.

The interior is a skilful replica of a typical 19th-century room: a wooden bedstead, a table, a sideboard, a chest of drawers. China of the last century in a cupboard, a tablecloth on the table, a samovar, a mirror (brought from Krasnoarmeiskaya Street in Kiev where Sholem Aleichem once lived). Everything looks exactly as if the owner had only just gone out of the room.

The museum exhibits also include a large packet of letters by Sholem Aleichem. They were donated to the museum by his grand-daughter, the well-known American writer Bel Kaufman. The whole of the museum display testifies to Sholem Aleichem's great friendship with the progressive representatives of Russian and Ukrainian culture.

The people of Pereyaslav have spared no effort so that a worthy place should be taken by the museum of their brilliant writer among the other literary monuments.

We must gratefully acknowledge the care of the museum staff and its director, M. Sikorsky, who have put much love and knowledge into the museum.

Maria Ailenkrig

Our February issue is packed with miscellaneous items of information under their regular headings, "From the Newspapers and Magazines", "Birobijan Chonicle", "Foreign News", "Items of Interest" and so on.

Our section "From Folk Sources" features a Jewish folksong.

Translated by Alex Miller

---

firmed that the Russian intelligentsia was always a bearer of nobility and a proponent of the "protean" principle (a willingness to accept the alien good as one's own). From them comes the tradition of friendship between Jewish and Russian culture to this very day.

Just as David Frishman once translated into Yiddish Pushkin, Tagore, Byron, Hans Andersen and Ibsen, and as Byalik translated "Don Quixote", Chernyakhovsky—"The Iliad", "Anacreon", Longfellow and Shelley, and Shimanovich—Lermontov and Pushkin's long poems, so today hundreds of Russian writers have made first-class Jewish writers available to the Russian reading public.

These are the thoughts inspired by the first Jewish verse anthology in Russian, brought out under the supervision and with the participation of Valery Bryusov.

Publicism. To mark the occasion of the 60th birthday of Comrade Meyer Vilner, General Secretary of the Israeli Communist Party, we are publishing his article on the political deployment of forces in the ruling parties of Israel at the present time. The article, taken from the magazine "Arachim", is printed in abridged form.

In one of last year's issues, we informed the reader about the foundation of a Sholem Aleichem museum in the town of Pereyaslav-Khmelnitsky. It is now open to the public, and we are publishing a report of this event.

A Museum in the Writers's Home Town

On 10 September 1978, the Sholem Aleichem Museum was ceremonially opened in Pereyaslav (now Pereyaslav-Khmelnitsky), the writer's home town. There was a big turnout of townspeople, students from the local college of education, school-children, guests and tourists. The meeting was opened by V. Gubanov, secretary of the Pereyaslav-Khmelnitsky Party Town Committee, who said:

"The 2nd March 1979 will be the 120th anniversary of the birth of a great writer. a classic of Jewish literature and our own fellow countryman, Sholem Aleichem. The townspeople love and value his work and they did much to help in founding this museum: they collected a great many unique exhibits which tell of the writer's life and work. We are sure that more exhibits will come to swell the collection by the time of the approaching jubilee."

An address about Sholem Aleichem was made by I. Ermolayev, deputy director of the museum. G. Polyanker, from the editorial staff of "Sovietish Heimland", congratulated the museum on its opening and read poems dedicated to Sholem Aleichem by various writers. Book-lover I. Chubinsky presented the museum with gifts, among which were books that once belonged to the writer personally.

Finally, V. Gubanov cut the red ribbon and invited the first guests to view the rooms and exhibits.

The museum stands in a typical 19th-century courtyard.

A big portrait of Sholem Aleichem hangs in the vestibule, and, under it, excerpts from Gorky's letters to the writer: "My Dear Colleague, I have received your book, read it, laughed and wept. It's a marvelous ook. . . . I like it very much—let me say it once again, it's a magnificent book! It shines through and through with such kindness and wisdom, such love for the people."

In one of the displays near the writer's portrait (done by G. Inger), there is a statement by Academician A. Korneichuk: "A glorious son of the Jewish people, Sholem Aleichem is dear to the Ukraine not only because he lived here and depicted the Ukrainian landscape with such great love. He is also dear to us because he dedicated his heart, his love and his brilliant talent to the ordinary people."

A picture by Yu. Khimich shows the house of Sholem Aleichem's father, Nokhem Rabinovich. There are photographs on display illustrating Pereyaslav in the last century. A realistic impression of Pereyaslav in those times in given by Zinovy Tolkachev's pictures, "Landscape with Homestead", "Neighbours", "The Angry Jewish Girl" and Mendel Gorshman's "Bazaar", "Party" and "On the Village Street".

There are also exhibits directly associated with Sholem Aleichem: his local school leaving certificate, photographs of the writer and his close friends. There are Z. Tolkachev's interesting illustrations to "Tevvy the Milkman". The pages of this edition are decorated with Ukrainian motifs, folk proverbs and sayings and pictures of Ukrainian scenery.

thology by such well-known poets as V. Bryusov, V. Khodasevich, Vyacheslav Ivanov, S. Marshak and Yu. Baltrushaitis.

At first I was much surprised to see among the list of translators Sophia Beketova. that is, Alexander Blok's aunt. She translated only one poem: "The Dove Has Arrived" by Ya. Kagan; but how symbolic is even just the "family" presence of the great Russian twentieth-century lyric poet in a Jewish anthology....

To understand Jewish poetry is to explain the interest shown in it by Bryusov and by Russian poetry in general. The poetry of the Jewish people begins with the Bible. This cradle of world lyricism gave Europe a powerful stream of plots, images and ideas. Russia, with its old traditions of spirituality and religious philosophy, was a grateful heir to the world of Biblical poetry. Bryusov, who was deeply versed in the world's culture, somehow came to personify the tendency of Russian creative thought towards the absorption and transformation of the eschatological element in Jewish art.

During its Biblical period, Jewish poetry gave to the world the unsurpassed Song of Songs. During the Moorish zenith of Spanish art, the world of European poetry came to recognise the great Yehudah Halev. Another name is Gabirol. Grief in its universally human aspect is the principle that nourished his poetry and it, in its turn, did much to determine the ideas of European Romanticism which reached its climax in the work of Chateaubriand and Byron.

In all ages, Jewish poetry has carried wtihin itself the germ of a universally human interpretation of the world. In this, I think, we find its main merit and its main characteristic. In this we find its point of contact with Russan 19th-century poetry. It is no accident that the centre of Jewish thought and art had migrated to Russia by that time.

Valery Bryusov was the first of the cultured people in the new Soviet Russia to show an interest in the art of the ancient peoples. Take, for instance, his translations from the Armenian. Bryusov was always interested in ancient civilisations. He was familiar with the Near East, and with the cultures of Assyria, Egypt, Libya and Palestine.

His translations of Jewish poetry show above all a magnificent grasp of the *realien*, of the epoch, of the cadences of theancient muse. His translations of love lyrics (for instance, Bialik's "Where Are You?") are notable for a wide range of vocabulary and the passionate exultation of the southern temperament that is so striking in the sacred scriptures.

In his translations of Shaul Chernichovski, Bryusov conveyes the rebellious spirit of that student of Heidelberg and Lausanne, a natural scientist by training and a revolutionary in spirit:

...I can see movement, battle never-ceasing!–
On snow mountain summits, deep down the mines, on shifting
Sands, among the clouds across the heavens racing!

The structure of the verse in the translations of Yakov Fishman is quite different. This poet uses no lofty or ceremonial words, but there are images from ordinary life instead ("there goes a dog down the path, looking and shiffing..."; "I love the peaceful earth..."; "I love walking among people...").

Seeking beauty that never would perish,
I believed in ineffable joy!
But today the sole dream that I cherish
Is a village, my mountains, the breeze
In the young, swaying corn, and the sand-dunes
In the shade of the sycamore trees.

...Valery Bryusov was not the only one to take an interest in Jewish verse. I have already mentioned the poets who joined him in this first anthology of Jewish poetry in Russian. And it was not merely an interest in the exotic. There has long been, in the Russian cultural tradition, a vital concern with the prosperity of the native Jewish culture.

I think that is why the Russian intelligentsia have won the world's respect: in spite of all the Black Hundreds and pogromshchiks, those dregs of world philistinism, they saw in each people its best features, they had the ability to transcend the egoism of self-love and attain a sense of justice. In each "son of man" they saw the human being, not the "Jew" or the "Roman".

And so, as I close the first Jewish verse anthology in the Russian language, I mentally give my thanks to Valery Bryusov and his Russian colleagues: they once again con-

them. Time and time again, there blazes up on the white field of oblivion the red, eternal flame of glory, lit over the name of a new-found hero. Genrikh Gofman's documentary narrative belongs to this category.

The exploits of the agents not only went unnoticed, they were kept dead secret. They were sometimes even ambivalent. Agents working in occupied territory, in the fascists' rear, were under double psychological stress: while filled with hatred for the enemy, they had to face the hatred of Soviet people fighting against the occupying forces, yet they were unable to disclose their real identity.

One can imagine what a subtle psychological game it became for Leonid Dubrovsky to work in the office of the German secret field police if another Soviet agent working side by side with him could not identify him as an agent. Here it would be appropriate to mention the passage in the afterword to "He Worked for the Gestapo", in which Genrikh Gofman tells of his meeting with former agent Igor Aganin, still alive, who often met Leonid Dubrovsky. "Sometimes we seemed to see eye to eye", recalled Aganin. "When assessing my colleagues in the GFP (as the "secret field police" were called), I often thought about Dubrovsky. At that time, I could not understand what had made this young, intelligent, good-looking man betray his homeland and work for the fascists. Even when the Germans shot him, I thought that he had been betrayed by acquaintance with members of the underground. Only after the war did I learn that Leonid Dubrovsky had been a Soviet agent. And while we worked together in the secret field police, I had thought him a traitor to his homeland!" This was a game in which the stakes were death, not life. Agent Dubrovsky had only one contact, fifteen-year-old Viktor Pyatyorkin, who was subsequently killed afterwards, and he could only make contact with "Sokol", Captain Potapov of an intelligence unit. Otherwise Dubrovsky could never have held out for those two years during which he transmitted to "Sokol" a vast amount of invaluable information about the dispositions of the German armed forces, about the traitors working in the rear, about the German intelligence service and about the Soviet members of the underground or the partisans who needed help.

The reader familiar with the literature of war adventures will certainly appreciate the fact that Leonid Dubrovsky's work is depicted in tragic as well as heroic colours by the author. The enemy was cunning and strong; he had to be outmatched by ingenuity, courage, patience and intelligence.

In this sense, Genrikh Gofman's "He Worked for the Gestapo", belongs to a tradition of documentary stories and novels founded in post-war literature by Alexander Fadeyev's "The Young Guard" and continued by the books about Zorge, by Evgeni Vorobyov's novel about agent Manevich, by the film "Seventeen Moments of Spring" and by other outstanding Soviet writing in the documentary mode.

Leningrad orientalist Lev Vilsker takes a keen interest in translations of Russian and Soviet writers into Hebrew. In the current issue of our magazine, he reviews a new book published in Hebrew: "V. Mayakovsky, "The Backbone Flute", Tel-Aviv, 1978 (translated by A. Aroni). The reviewer examines the merits of this translation of an early poem by Mayakovsky and compares passages from it with the original text.

Of great interest is an article written specially for "Sovietish Heimland" by well-known Soviet critic Vladimir Ognev—"Valery Bryusov as a Translator of Jewish Poets". The article continues the discussion about the cross-fertilisation between Russian and Jewish literature—a discussion which has been conducted by literary craftsmen for many decades. Vladimir Ognev writes:

The name of Valery Bryusov, "the most cultured of the Russian poets" (Maxim Gorky), is widely known in our country. He is also known about in Western literary circles. He was the leader of the Russian Symbolist movement, translated Verhaeren, welcomed the Revolution, encouraged many young poets, supervised a series of major editions, and was Gorky's assistant in organising the forces of the Russian intelligentsia round the cultural beginnings being made during the first revolutionary years.

Recently, I happened to see a book which is already a bibliophile's rarity: "A Jewish Anthology. A Collection of Young Jewish Poetry", published by the "Safrut" publishing house at some time after 1918 (the date is not given, but I am assuming this to be so, since 1918 is the last date in the bibliographical references). The book was edited by L. Yaffe and the well-known Russian poet V. Khodasevich. The foreword is by M. Gershenzon.

As a point of interest, verse by Jewish poets was specially translated for the an-

dates: the 60th anniversary of the birth of the poet Velvl Redko, and the 75th anniversary of the birth of children's poet and dramatist Binyomin Gutyansky.

The Jewish poet Velvl Redko began writing before the war. He belonged to the poetic generation who, as Pavel Kogan put it, "went away without having loved to the full or without having finished their last cigarette". This young patriot left to fight for his country and died the death of a hero, leaving a notebook of verses behind as his poetic legacy. What are they about? About youth, needless to say, about happiness, about friends, about the foreknowledge of parting: "The day will come, friends, when we shall travel our different ways and the thundering train will carry us into the distance, and our rebellious spirit, quarrelling with space, shall strive onward on the wings of eternity. . . ."

Binyomin Gutyansky, author of well-known children's verse and fables published in Yiddish during the 30s and 40s, was born and grew up in the Ukraine. He became popular thanks mainly to his fairy-tale for the puppet theatre, "Leizer der Beizer" ("The Evil Leizer"), which was put on in Kiev with the title "About Grandpa Varivoda Who Never Laughed in His Life". The directors of the Ukrainian theatre, familiar with the Jewish original, did not want to accept the losses of Jewish humour which were inevitable in translation. The idea was born of creating a Jewish branch of the puppet theatre so that the play could be put on in the original language. Georgi Soroka, director of the Ukrainian theatre, made a special study of Yiddish in order to direct the production of "Leizer der Beizer".

In 1936, a festival of puppet theatres was held in Moscow. The Ukrainian team put on Gutyansky's play and came second after Sergei Obraztsov's theatre. The puppets used for "Leizer der Beizer" are still preserved in the museum of the Central Moscow Puppet Theatre.

We are printing a selection of Gutyansky's verse and fables in our current issue.

Criticism and Bibliography. This section begins with an article by Aron Vergelis, "Jewish Literature Abroad", which continues the discussion begun in our September number last year.

Then, in "Reviews in Brief", we are publishing notes on two new books. Lev Ozerov of Moscow gives an appreciative review of O. Drize's verse collection, "Autumn", brought out by the "Soviet Writer" publishing house. Lev Frukhtman of Moscow discusses G. Gofman's book, "He Worked for the Gestapo":

Pages of an Imperishable Exploit

The War Adventure Library, published by the Military Publishing House of the USSR Defence Ministry, has another book to its credit–the long story, "He Worked for the Gestapo", by Genrikh Gofman. This book, dedicated to the heroism and death of Soviet agent Leonid Dubrovsky who operated in German-occupied territory in the Donbass, was first published by "Sovietish Heimland". The leading character is of Jewish nationality, his real name being Lev Brenner. A Moscow Komsomol, he went to the front in the very first days of the war and was taken prisoner by the Germans, where he worked as an interpreter, doing everything he could to help his Soviet homeland.

Many heroic names have gone down in the chronicles of the Second World War. And the amazing thing is that the further we travel in time from the events of the war years, the more we learn about them and about the people who made victory possible at the cost of their own lives. Many Soviet patriots who fought the enemy, "Not for honour, not for glory, but for life upon this earth", as Alexander Tvardovsky put it, died unknown heroes. Journalists, writers and historians are now engaged in a constant search to find

he was? And who were those people who gathered at Uncle Kostya's place at night? He would whisper to them, and then they would take something away and bring something back.... He also wanted to know who that old thinker was into whose house he had taken packets of leaflets a number of times.

Meanwhile, however, he would have to wait. He would still have the chance to ask his questions. The sooner they arrived at their destination, the better...."

Readers are sure to be keenly interested in the publication of some unknown stories by Itzik Kipnis. Born in 1894 in Volhynia into the family of itinerant craftsmen, he was a worker in his boyhood himself. One of the founders of Soviet Jewish prose, Kipnis put many of his experiences into his books. The first one to bring him recognition was "Months and Years" (1926), a documentary story about the Civil War. Kipnis wrote many short stories, fairy-tales and plays for children, and also did Yiddish translations of works by Jack London, Swift, Rabelais and Seton-Thompson. His last book, "My Little Town of Sloveshno" is well known also. He died in 1976.

We are printing a varied selection of short stories by Kipnis. There is an everyday psychological story, "Alone", three fairy-tales "About Lemel, the Spoon-Maker's Son" and other stories: "Time Passes", "The Neighbours" and "The Miller". In them, Kipnis emerges as a master of psychological detail who is acutely sensitive to man's inner world, and as an outstanding stylist, the creator of a clear and precise artistic prose.

Poetry is represented by lyrical cycles from Motl Gruvman of Novgorod, Pini Plotkin of Bobruisk and Max Riant of Samarkand.

Max Riant, a fitfy-four year old engineer, has long been appearing in the Jewish press.

He began writing poetry in Birobijan, where he spent many years and where he became one of the singers of the struggle to transform the taiga. The distinguishing features of Riant's poetry are vivid imagery and trueness to modern life.

Max Riant

In the Tashkent Metro

The subterranean highways
Are traced in blazing light.
Halls of patlatial splendour
Are open to my sight.

Enfolding me in feathers,
Warming me as we go,
The winged staircase floats me
Down to the vale below.

Granite and marble glow
With warmth, like living things.
Clusters of light are dancing,
A shining rainbow sings.

Beyond the walls before them,
Beyond the azure sky,
They want to bear the cotton
And drunken grapes away.

As in a fairy story,
I wander underground.
Are these not heavenly colours
Dazzling me all around?...

* * *

Under the heading, "Newly-Discovered Manuscripts", we are publishing "The Diary of a Soldier" by Meyer Smolkin, who took part in the Russo-Japanese war of 1904. In an introductory article, Chaim Beider of Moscow tells how this diary written in Yiddish, was found and about the events it mentions.

Memorable Literary Dates. In this section, we are commemorating two

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")

No. 2, February 1979

Our February issue begins with David Bergelson's article, "The Veiled Lies", written by this author and patriot in 1948 at the height of the "cold war" unleashed against the Soviet Union by reactionary circles in the West. The article is addressed to the anti-Soviet propagandists who, under the guise of concer nfor the Jews, are vilifying the USSR. A classic Soviet Jewish writer, D. Bergelson strips bare the "veiled lies" of the anti-Soviet propagandists.

Prose in this issue is represented by the continuation of "All One's Life", the novel by Chaim Melamud of Chernovtsy (see the beginning in No. 1, 1979). The hero of the book is recalling the events of the Second World War when, as a twelve-year-old boy, he went through the horrors and calamities of the Jewish ghetto on the territory of Ivano-Frankovsk when it was under German occupation. Particularly vivid is the image of "Uncle Kostya", a member of the underground, who organised the flight of the ghetto prisoners into the partisan forests. Here is a short excerpt from the novel so that the reader can gain some idea of the rhythm and subject matter of Melamud's prose.

"...You'll come with me," said Uncle Kostya to Maxiuta, and then, pausing as if wondering whether he ought to tell the boy about it, added: "We're not the only ones leaving. But we'll be going different ways."

It had long been summer in the world outside. But they only became aware of it when, leaving the streets on the outskirts behind them, they broke through to freedom. Their nostrils were tickled by a riot of perfumes in the fragrant Carpathian night. They were intoxicated by the strong brew of mingled scents which they inhaled deeply, as though they could never have enough. They could not appease their craving with this fresh, dizzying nocturnal brew. Everything around breathed the old, familiar, long-forgotten peace and quiet of home. And they wanted to believe that all their sufferings were behind them and that there were no wars or miseries on earth, and that they could just lie down in the middle of the meadow, doze off and sleep to their hearts' content.

They had sped undetected down the narrow, dark little streets on the outskirts of the town, had sneaked unobserved past the sentry posts and were now walking like people simply going for a stroll at night. Maxiuta kept to the right, clutching Uncle Kostya's hand as if afraid that he would suddenly disappear. From time to time he looked up so that he could see Uncle Kostya's face, and even skipped with sudden joy. It was easy to walk, it was easy to breath, and the worn, half-empty satchel bounced lightly up and down on his shoulders. Maxiuta felt good. It was good in this warm, peaceful night, and it was good to be with Uncle Kostya, whose face was becoming as it had been before, the eyes just as sparkling, peering into the darkness, with a clear, challenging gleam. And yet there wasn't the usual smile on his face. It was alert and grave. Uncle Kostya was listening intently to the night, peering ahead so that it shouldn't lead them astray. But Maxiuta wasn't worried about this now; he was sure that the smile would soon reappear. It couldn't be otherwise. There were dozens of questions on the tip of his tongue and he had to find out the answers. Where were they going, and how had they learned about that suspicious new character in the ghetto, and did they know who

рода Шолом-Алейхем близок Украине не только потому, что он жил и творил, живописуя с большой любовью украинскую природу. Он нам близок еще и потому, что свое сердце, свою любовь, свой блестящий талант он посвятил простому народу».

На картине художника Ю. Химича показан дом Нахэма Рабиновича, отца Шолом-Алейхема. Экспонируются фотографии Переяслава прошлого века. Реалистическое представление о Переяславе того времени дают картины Зиновия Толкачева «Пейзаж с двориком», «Соседи», «Разгневанная еврейка» и Менделя Горшмана — «Базар», «Вечеринка», «На улице местечка».

В музее можно увидеть личные вещи Шолом-Алейхема: удостоверение об окончании уездной школы, фотографии Шолом-Алейхема с близкими и знакомыми.

Интересны иллюстрации З. Толкачева к «Тевье-молочнику». Страницы этой книги украшены украинским орнаментом, народными пословицами и поговорками, картинами украинской природы.

Представлены эскизы театральных костюмов, выполненные заслуженным деятелем культуры УССР А. Плаксиным к постановке «Блуждающие звезды». В театральном разделе видим и фотографии К. Крушельницкого в роли Тевье, Ш. Фигнеровой в «Заколдованном портном», афиши Москвы, Одессы, Черновцов и других городов, оповещающие о постановках пьес Шолом-Алейхема.

Посетители останавливаются у фотографий, на которых Шолом-Алейхем рядом с «дедушкой еврейской литературы» — Менделе Мойхер-Сфоримом.

Мы входим в комнату отца Нохема Рабиновича. Шолом-Алейхем, как рассказывают, любил проводить здесь время. Письменный стол, этажерка, футляр от очков, пенснэ, на столе письменные принадлежности, фотокопии рукописей, книга Л. Толстого, портреты Шевченко, Толстого, Чехова, Горького.

Интерьер сделан так удачно, что видишь типичную комнату XIX столетия: деревянная кровать, стол, сервант, комод. В буфете посуда прошлого века, на столе скатерть, самовар, зеркало (привезено из киевской квартиры Шолом-Алейхема). Все выглядит так, словно хозяин только что вышел из комнаты.

Среди экспонатов музея есть и большая пачка писем Шолом-Алейхема. Письма эти передала музею его внучка, известная американская писательница Бэл Кауфман. Вся экспозиция музея свидетельствует о великой дружбе Шолом-Алейхема с прогрессивными деятелями русской и украинской культур.

Переяславцы не пожалели труда, чтобы среди других литературно-исторических памятников города занял достойное место музей их гениального земляка.

Необходимо с благодарностью помянуть преданную заботу коллектива музея и его директора М. Сикорского, вложивших много любви и знаний в создание музея.

Мария Айленкриг

Февральский номер журнала насыщен разнообразными материалами информационного характера, помещенными под традиционными рубриками «Листая газеты и журналы», «Биробиджанская хроника», «Зарубежные новости», «Это интересно» и др.

В рубрике «Из народного источника» публикуется еврейская народная песня «Детская песенка».

Я думаю, поэтому русская интеллигенция и снискала себе уважение в мире, что вопреки всяким черносотенцам и погромщикам — подонкам мирового мещанства — видела в каждом народе лучшие черты, имела способность подняться над эгоизмом себялюбия к чувству справедливости. В каждом «сыне человека» видела человека, а не «иудея», или «римлянина».

И потому, закрывая первую еврейскую поэтическую антологию на русском языке, я мысленно говорю спасибо Валерию Брюсову и его русским товарищам: они еще раз подтвердили — русская интеллигенция всегда была носителем благородства и сторонницей «протеического» начала (готовности принять доброе чужое, как свое). От неё и идет традиция дружбы еврейской и русской культур и сегодня.

Как когда-то Давид Фришман переводил на еврейский Пушкина, Тагора, Байрона, Андерсена и Ибсена, а Бялик «Дон Кихота», Черниховский — «Илиаду», «Анакреона», Лонгфелло и Шелли, Шиманович — Лермонтова, поэмы Пушкина, так сегодня десятки и сотни русских писателей сделали достоянием русского читателя первоклассных еврейских художников слова.

Вот о чем заставляет вспомнить первая еврейская антология на русском языке, выполненная под наблюдением и при участии Валерия Брюсова.

В разделе публицистики, в связи с 60-летием Генерального секретаря ЦК Компартии Израиля тов. Меера Вильнера, публикуется его статья о политическом размежевании сил в правящих партиях Израиля в текущий момент. Статья, перепечатанная из журнала «Арахим», дается в сокращенном виде.

В одном из номеров прошлого года мы информировали читателей о создании в городе Переяслав-Хмельницком музея Шолом-Алейхема. Ныне музей уже открыт и журнал публикует репортаж об этом событии:

Музей на родине писателя

10 сентября 1978 г. на родине Шолом-Алейхема в Переяславе (ныне Переяслав-Хмельницкий) торжественно был открыт музей Шолом-Алейхема. На митинге собралось много жителей города, студентов местного педагогического училища, школьников, гостей, туристов. Митинг открыл секретарь Переяслав-Хмельницкого горкома партии В. Губанов. Он сказал:

— 2 марта 1979 г. исполнится 120 лет со дня рождения великого писателя, классика еврейской литературы, нашего земляка Шолом-Алейхема. Жители нашего города любят и ценят его творчество, они многим помогли при создании этого музея: собрали большое количество уникальных экспонатов, которые рассказывают о жизни и творчестве писателя. Мы уверены, что к близящемуся юбилею музей пополнится новыми экспонатами.

С речью о Шолом-Алейхеме выступил заместитель директора музея И. Ермолаев. Член редколлегии журнала «Советиш геймланд» Г. Полянкер поздравил музей с открытием и прочитал стихи разных писателей, посвященных Шолом-Алейхему. Книголюб И. Чубинский преподнес музею подарки, среди которых были книги, принадлежавшие лично писателю.

Секретарь горкома партии В. Губанов перерезает красную ленточку и приглашает первых гостей осмотреть комнаты и экспонаты.

Музей находится во дворе, типичном для XIX века.

В вестибюле висит большой портрет Шолом-Алейхема, под которым слова М. Горького из его письма к писателю: «Глубокоуважаемый коллега! Вашу книгу получил, читал, смеялся и плакал. Книга удивительная... Эта книга мне очень понравилась — повторяю еще раз — великолепная книга! Вся она светится такой добротой и мудростью, такой любовью к народу».

Рядом с текстом Максима Горького приводятся стихи Максима Рыльского:

Де сміх, де плач, де слово
Шолом-Алейхем дав чудово,
Де переяславська верба —
Народів двох одна журба,
Де в зорях мрії однієї
Ішли українці і євреї.

В одной из экспозиций рядом с портретом писателя (художник Г. Ингер) приводится высказывание академика А. Корнейчука: «Славный сын еврейского на-

мощником Горького в организации сил русской интеллигенции вокруг культурных начинаний в первые послереволюционные годы.

Недавно в мои руки попала книга, ставшая уже библиографической редкостью — «Еврейская антология. Сборник молодой еврейской поэзии», вышедшая в издательстве «Сафрут» где-то позже 1918 года (год не указан, но, судя по тому, что в библиографических справках последней указана дата 1918, я и сделал такой вывод) Редактировали книгу известный русский поэт В. Ходасевич и Л. Яффе. Предисловие написал М. Гершензон.

Интересно, что для антологии специально перевели стихи еврейских поэтов такие известные поэты, как В. Брюсов, В. Ходасевич, Вячеслав Иванов, С. Маршак, Ю. Балтрушайтис.

Я очень удивился было, увидев в оглавлении имя переводчицы Софии Бекетовой. Тетка Александра Блока! Она, правда, перевела всего одно стихотворение: «Голубка прилетела» Я. Кагана, но как символично хотя бы такое, «родственное», присутствие, в еврейской антологии великого русского лирика XX века...

Понять еврейскую поэзию — значит объяснить и тот интерес, который проявил к ней Брюсов и русская поэзия вообще. Поэзия еврейского народа начинается с Библии. Эта колыбель мировой лирики дала Европе мощный исток сюжетов, образов, идей. Россия, с её старыми традициями духовности и религиозной философии, была благодарным преемником мира библейской поэзии. Брюсов, большой знаток мировой культуры, как бы аккумулировал личностью своей органическую тягу русской художественной мысли к усвоению и преображению асхатологической природы еврейского искусства.

В своем библейском периоде еврейская поэзия дала непревзойденную «Песнь песней». В мавританский расцвет испанского искусства мир европейской поэзии узнал великого Иегуду Галеви. Габироль — второе имя. Скорбь в её общечеловеческом аспекте — вот то начало, что питало его поэзию, а она, в свою очередь, намного опередила идеи европейского романтизма, получившие завершение в творчестве Шатобриана и Байрона.

Еврейская поэзия во все времена несла в себе зерно общечеловеческого понимания мира. В этом, я думаю, главное её достоинство и главная особенность. В этом общая точка соприкосновения с русской поэзией XIX столетия. Неспроста именно в Россию переносится центр еврейской мысли, искусства к этому времени.

Валерий Брюсов был первым из культурных людей новой Советской России, который проявил интерес к искусству древних народов — возьмите его переводы из армян, например. Древнейшая культура всегда интересовала Брюсова. Он хорошо знал Ближний Восток, культуру Ассирии, Египта, Ливии, Палестины.

Его переводы из еврейской поэзии показывают, прежде всего, великолепное знание реалий, эпохи, тона древней музы. Его перевод любовной лирики (например «Где ты?» Бялика) отмечен высокой лексикой и тем страстным упоением южного темперамента, которое удивляет в священных страницах Библии.

В переводах из Саула Черниховского Брюсов передает бунтарский дух этого питомца Гейдельберга и Лозанны, естественника по образованию и мятежника по душе.

...вижу я: движенье, вечный бой! —
На снежных высях гор, в глубоких копях, в шатких
песках пустынь, меж туч, несущихся гурьбой!

Иначе строй стиха в переводах из Якова Фихмана. У этого поэта нет высокой, торжественной лексики, а есть обычное бытовое («вот проходит пёс по тропе и смотрит, нюхает...»; «люблю я спокойную землю...»; «люблю меж людьми проходить я...»).

Ища красоты небывалой,
Я верил безвестному счастью!
Теперь же мечта моя: малый
Поселок, родимые горы,
Качанье весенних посевов,
Над дюнами тень сикоморы.

...Валерий Брюсов был не одинок в своем интересе к еврейской музе. Я называл уже поэтов, присоединившихся к его начинанию по созданию первой антологии еврейской поэзии на русском языке. И интерес этот был не экзотическим. В русской культурной традиции давно существовала кровная заинтересованность в расцвете самобытной еврейской культуры.

удивительно, чем дальше уносит нас время от событий военных лет, тем больше мы узнаем о ней, о людях, приближавших победу ценой своей жизни. Немало советских патриотов, которые дрались с врагом «не ради славы, а ради жизни на земле», как говорил Александр Твардовский, погибли безвестными героями. Неустанный поиск ведут теперь журналисты, писатели, историки. И нет-нет да вспыхнет на белом поле безвестности алый вечный огонек славы, зажженный над именем вновь найденного героя. Именно так можно расценить и документальную повесть Генриха Гофмана.

Подвиг разведчиков был не только неприметен, но и тщательно законспирирован. Порой даже двусмыслен. Разведчики, работавшие на оккупированной территории, в нашем тылу, находились под двойным психологическим воздействием: исполненные ненависти к врагу, они в то же время испытывали на себе ненависть советских людей, боровшихся против оккупантов и не имели права открыть себя.

Можно себе представить, какой тончайшей психологической игрой была пронизана деятельность Леонида Дубровского в канцелярии немецкой тайной полевой полиции, если работавший рядом с ним другой советский разведчик не мог узнать в нем товарища. Здесь уместно привести то место в послесловии к книге «Сотрудник гестапо», в котором Генрих Гофман рассказывает о своей встрече с ныне живущим бывшим разведчиком Игорем Аганиным, который часто встречался с Леонидом Дубровским. «Иногда мы беседовали, казалось бы, по душам, — вспоминал Аганин, — оценивая своих сослуживцев по ГФП (так именовалась «тайная полевая полиция»), я не раз размышлял и о Дубровском. Тогда я не мог понять, что заставило этого молодого, умного и красивого человека предать Родину, пойти в услужение к гитлеровцам. Даже когда его расстреляли немцы, я считал, что его подвело знакомство с подпольщиками. О том, что Леонид Дубровский является советским разведчиком, я узнал только после войны. И пока мы работали вместе в тайной полевой полиции, я считал его предателем Родины». Это была «игра» не на жизнь, а на смерть. Разведчик Дубровский был связан только с одним связным, пятнадцатилетним пареньком Виктором Пятеркиным, потом случайно погибшим, и мог выйти на связь только с «Соколом», капитаном разведчасти Потаповым. А иначе Дубровский не смог бы продержаться и те два года, в течение которых он передал «Соколу» огромное количество ценной информации о дислокации немецких вооруженных сил, о предателях, работавших в тылу, о немецкой агентуре, о советских подпольщиках-партизанах, которым нужна была помощь.

Искушенный в жанре «военных приключений» читатель, наверняка оценит тот факт, что деятельность Леонида Дубровского показана автором не только окрашенной в героические тона, но и в трагические, печальные. Враг был хитер и силен, его надо было пересилить сноровкой, мужеством, терпением, умом.

В этом смысле книга Генриха Гофмана «Сотрудник гестапо» стоит в ряду документальных повестей и романов, начало которому было положено в послевоенной литературе «Молодой гвардией» Александра Фадеева, продолжено книгами о Зорге, романом Евгения Воробьева о разведчике Маневиче, кинофильмом «Семнадцать мгновений весны» и другой замечательной советской беллетристикой в документальном жанре.

Ленинградский востоковед Лев Вильскер внимательно следит за переводами на иврит русских и советских писателей. В этом номере журнала он выступает с рецензией на новую книгу, вышедшую в переводе на иврит: В. Маяковский, «Флейта-позвоночник». Тель-Авив, 1978 (пер. А. Арони). Автор рецензии разбирает достоинства перевода одной из ранних поэм В. Маяковского, рассматривает параллельные места оригинала и перевода.

Большой интерес представляет статья известного советского критика Владимира Огнева «Валерий Брюсов — переводчик еврейских поэтов», написанная специально для журнала «Советиш геймланд». В статье продолжается разговор о взаимодействии и взаимном обогащении русской и еврейской литератур, который ведется мастерами слова на протяжении многих десятилетий. Владимир Огнев пишет:

Имя Валерия Брюсова — «самого культурного из русских поэтов» (Максим Горький) — широко известно в нашей стране. Знает его культурный читатель и на Западе. Он был вождем русского символизма, переводчиком Верхарна, принял Революцию, воспитал не одного поэта, возглавлял ряд капитальных изданий, был по-

языке, о событиях, связанных с ним, рассказывается во вступительной статье Хаима Бейдера (Москва).

Литературные памятные даты. В этой рубрике отмечаются в февральском номере две даты: 60-летие со дня рождения поэта Велвла Редько и 75-летие детского поэта и драматурга Биньомина Гутянского.

Еврейский поэт Велвл Редько начал писать в довоенные годы. Он принадлежал к тому поэтическому поколению, которое, по словам Павла Когана, «ушло не долюбив, не докурив последней сигареты». Молодой патриот ушел сражаться за Родину и геройски погиб, оставив поэтическое наследие — тетрадку стихов. О чем эти стихи? Конечно же, о юности, о счастье, о друзьях, о предчувствии разлуки: «Настанет день, друзья, разъедемся мы вскоре и гулкий поезд вдаль нас унесет, и наш мятежный дух, с пространством споря, на крыльях вечности стремится пусть вперед...».

Биньомин Гутянский, автор известных детских стихов и басен, издававшихся на еврейском языке в 30—40-е годы, родился и вырос на Украине. Популярность он приобрел, главным образом, благодаря своей сказке для кукольного театра «Лейзер дэр Бэйзер» («Злой Лейзер»), которая была впервые поставлена в Киеве под названием «Про дида Вариводу, що не смиявся зроду». Руководству украинского театра, знакомому с еврейским оригиналом, не хотелось смириться с потерями народного юмора, которые были неизбежны при переводе. Возникла идея создать еврейский филиал кукольного театра, чтобы пьесу ставить на языке оригинала. Художественный руководитель украинского театра Георгий Сорока специально изучал идиш, чтобы руководить постановкой пьесы «Лейзер дэр Бэйзер».

В 1936 году в Москве проходил фестиваль кукольных театров. Украинский коллектив показал пьесу Гутянского и занял второе место после театра Сергея Образцова. Куклы спектакля «Лейзер дэр Бэйзер» до сих пор хранятся в музее Центрального московского кукольного театра.

На страницах журнала «Советиш геймланд» читатель найдет подборку стихов и басен Б. Гутянского.

Критика и библиография. Этот раздел открывает статья Арона Вергелиса «Еврейская литература за рубежом», которая продолжает разговор, начатый в № 9 за прошлый год.

Далее под рубрикой *«Краткие рецензии»* публикуются в этом номере заметки о новых книгах. Лев Озеров (Москва) дает высокую оценку поэтическому сборнику О. Дриза «Осень», выпущенному издательством «Советский писатель». Лев Фрухтман (Москва) пишет о книге Г. Гофмана «Сотрудник гестапо»:

Страницы немеркнущего подвига

Библиотека военных приключений, издаваемая Военным издательством Министерства Обороны СССР, пополнилась еще одной книгой — повестью Героя Советского Союза писателя Генриха Гофмана «Сотрудник гестапо». Повесть посвящена подвигу и гибели советского разведчика Леонида Дубровского, действовавшего на оккупированной немцами территории в Донбассе. Она впервые была опубликована на страницах журнала «Советиш геймланд». Главный герой по национальности еврей, его настоящая фамилия была Лев Бреннер. Московский комсомолец ушел на фронт в первые же дни войны и был заброшен в немецкий тыл переводчиком, и делал всё, что мог, для Советской родины.

Много героических имен занесено в летопись Великой Отечественной. И что

Но это не беспокоит теперь Максютку, он уверен, что улыбка вскоре появится. Иначе и быть не может. У него на языке вертятся десятки вопросов, на которые он должен получить ответ. Куда они идут и откуда стало известно о том новом подозрительном человеке в гетто, и знают ли, кто он? И вообще, что за люди собирались у дяди Кости по ночам? Он с ними шептался, и потом они уносили что-то и приносили... Ему хочется знать также, кто тот старый жестянщик, в дом которого он несколько раз носил пачки листовок.

Но пока надо подождать, думает Максюта. Он еще успеет задать свои вопросы. Скорей бы только прийти туда, куда они идут...»

Живой интерес вызовет у читателей публикация неизвестных рассказов Ицика Кипниса. Он родился в 1894 г. на Волыни в семье кустарей-кожевников и сам был в юности рабочим. Один из основоположников советской еврейской прозы И. Кипнис многое из пережитого перенес в свои книги. Первой книгой, принесшей ему признание, была «Месяцы и годы» (1926) — повесть-хроника о гражданской войне. Создал И. Кипнис немало рассказов, сказок и пьес для детей. Пропагандируя мировое творчество для детского читателя, переводил на идиш произведения Дж. Лондона, Дж. Свифта, Ф. Рабле, Э. Сетона-Томпсона. Широко известна и последняя книга И. Кипниса «Мой городок Словешно». Умер писатель в 1976 году.

Журнал публикует серию разнохарактерных новелл Кипниса. Здесь и психологически бытовой рассказ «Один» и три сказки «Про Лемеле, сына ложкаря», и «Время идет», «Соседи», «Мельник» и другие рассказы. В них Ицик Кипнис предстаёт как мастер психологической детали, тонко чувствующий внутренний мир человека, и как выдающийся стилист.

Поэзия представлена лирическими циклами Мотла Грувмана (Новгород), Пини Плоткина (Бобруйск) и Макса Рианта (Самарканд).

Макс Риант, 54-летний инженер, печатается в еврейской прессе давно. Начал он свой путь поэта в Биробиджане, где провел много лет и стал одним из певцов борьбы за преобразование тайги. Отличительной чертой поэзии М. Рианта является яркая образность, верность современной теме.

Макс Риант

В Ташкентском метро

Подземные дороги,
их росчерк огневой.
Чудесные чертоги
раскрылись предо мной.

В пуху как будто
спрятал,

теплом озолотил,
крылатый эскалатор
в долину опустил.

Орнаментом согреты
и мрамор, и гранит.

Играют гроздья света,
и радуга звенит.

За синий свод, за стены —
вдаль увести хотят
и хлопок белопенный,
и пьяный виноград.

Как будто в яркой сказке,
ступаю под землей.
Не райские ли краски
вдруг овладели мной?..

Перевод Александра Зорина

Под рубрикой «Найденные рукописи» публикуется «Дневник солдата» Меера Смолкина, участника русско-японской войны 1904 года. О том, как был обнаружен этот дневник, написанный на еврейском

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 2, февраль, 1979

Февральский номер журнала открывается статьей Давида Бергельсона «Ложь под вуалью», которую писатель-патриот написал в 1948 году в разгар «холодной войны», развязанной реакционными кругами Запада против Советского Союза. Адресована статья тем антисоветчикам, которые под маской доброжелательства к евреям, фальшивой заботой о них, нападают на Советскую страну. Классик советской еврейской литературы Д. Бергельсон изобличает «завуалированную ложь» антисоветчиков.

Проза представлена в этом номере продолжением романа Хаима Меламуда (Черновцы) «Вся жизнь» (см. начало в № 1, 1979). Герой романа вспоминает события Великой Отечественной войны, когда он двенадцатилетним мальчишкой, пережил ужасы и бедствия еврейского гетто на оккупированной немцами территории Ивано-Франковска. Особенно ярким здесь предстает образ «дяди Кости», подпольщика, организовавшего побег узников гетто в партизанские леса. Приводим небольшой отрывок из романа, чтобы читатель смог ощутить ритм и сюжетную нагрузку прозы Х. Меламуда.

«... — Ты пойдешь со мной, — сказал дядя Костя Максюте, потом, сделав паузу, словно размышляя, надо ли говорить об этом мальчишке, добавил:

— Мы уходим не одни. Но уйдем разными дорогами.

В мире уже давно было лето. Однако, почуяли они его лишь тогда, когда, миновав окраинные улочки, выбрались на свободу. Летний воздух ударил им в ноздри всеми своими разыгравшимися запахами теплой, пахучей прикарпатской ночи. Их словно опьянил крепкий настой перемешанных запахов, который они вдыхали всей грудью, вдыхали и не могли надышаться. Не могли утолить жажду этим свежим головокружительным ночным напитком. Все вокруг было наполнено давней, привычной, такой родной тишиной, забытым домашним покоем. И хотелось верить, что все страдания уже позади и что нет на свете никаких войн и страданий, хоть бери да ложись посреди поля, засыпай и спи, сколько душе угодно.

Они благополучно прошмыгнули через узкие темные улочки городской окраины, незаметно миновали все охранные посты и шли теперь походкой людей, просто вышедших на ночную прогулку. Максюта шагает справа легким шагом, крепко держась за руку дяди Кости, словно боится, как бы тот вдруг не исчез. Время от времени он подымает голову, чтобы видеть лицо дяди Кости, и даже подпрыгивает от неожиданно подступающей радости. Шагается легко и дышится легко, и потертый полупустой ранец тоже легко болтается на плечах. Хорошо ему, Максютке. Хорошо в этой теплой покойной ночи, хорошо с дядей Костей, у которого лицо становится снова таким, каким было раньше, глаза такими же блестящими, какими были, зорко вглядывающимися в темень, с ясным вызывающим блеском. Все же, обычной улыбки нет еще на его лице. Оно настороженно, серьезно, и дядя Костя весь обращен в слух. Он прислушивается к ночи, вглядывается, чтобы ночь их не завела, куда не надо.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, С. Фрай,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Сдано в набор 30.XI.1978 г. Подписано к печати 16.I.1979 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 13+0,25 вкл. (усл. печ. л. 18,15). Бум. л. 6,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 858.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1979 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Д. Бергельсон. Завуалированная ложь.

Х. Меламуд. Вся жизнь (роман).

Рассказы И. Кипниса.

Стихи: М. Грувмана, М. Рианта, Б. Гутянского, В. Редько.

Найденные рукописи. М. Смолкин. Дневник солдата русско-японской войны (вступительное слово Х. Бейдера).

Критика и библиография

М. Иткович. Неутомимый исследователь (к 80-летию филолога М. Шапиро).

Короткие рецензии Л. Озерова, Л. Фрухтмана, Л. Вильскера.

О новых публикациях. Статьи А. Устюгова, А. Шнайдера, И. Абламова.

М. Эйленкриг, М. Ермолаев. В музее Шолом-Алейхема.

Наша реплика. Письмо в редакцию академика А. Коростовцева. Заметки Г. Елисаветского.

Листая газеты и журналы. Комментарии редакции. Это интересно. Письма читателей. Хроника. Материалы для лексикона советской еврейской литературы.

Резюме на русском и английском языках.

1979

№ 2